STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09667

# POYLISHE YORN

Ephraim Kaganowski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים קאַגאַנאָווסקי

# פוילישע יאָרן

אפרים קאַגאַנאָווסקי

# פּוילישע יאָרן

PUBLIC LIBRARY
OF THE
CITY OF DENVER

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע 1956

C 255218

E. KAGANOWSKI

POLSKIE LATA

Redaktor: D. SFARD
רעדאקטאָר: ד. ספֿאַרד

Ilustracje i okładka: E. KAGANOWSKI
הילע און צייכענונגען: אפרים קאַגאַנאָווסקי

Wydawnictwo „Idisz Buch"
Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 6594. Nakład 4,250 egz. Druk ukończono w grudniu 1956 r.
Ark. druk. 29. Ark. wyd. 26,5. Pap. druk. mat. III kl. 61 × 86 70 g
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. B-7-53849



# אַלטע ייִדן

אינעם שטאָטישן גאָרטן, אויף די בענק, זיצן זיי שוין פון דער פריער שעה אָן. זיי קומען פון אַלע עקן שטאָט. קוים, קוים רוקן זיי זיך מיט קורצע, אַלטע טריט. טייל שלעפּן נאָך אַ פוס, אָדער אַ גלייכע, טויטע האַנט. זיי זענען אָנגעטאָן אין שוין פאַרגעסענע, אַלטפרענקישע רעק, ווי אין אַ טעאַטער. זייער קליידונג דערמאָנט אין אַלטע צייטן. אָבער די אַלטע צייטן זענען — זייערע. די פאַרגאַנגענע צייט איז זייער פאָן.

די אַלטע לייט קענען זיך, ווי זיי וואָלטן אַלע געהערט צו עפּעס איין געהיימער סעקטע.

זיי פאַרנעמען זייערע בענק אין דעם שטאָטישן גאָרטן. דער לאַנגער ווינטער האָט זיי פאַריאָגט, צוגלייך מיט די פליגן, וואָס בלייבן ערגעץ צוגעקלעפּט צו אַ פענצטער. ווידער ברענט די זון איבער די האַרטע בענק, וואָס זענען קיינעמס נישט. און אונטער דער זון זיצן אויסגעזועצט די אַלטע לייט.

צוגעבויגן קאָפּ צו קאָפּ, מיט שטאַרער פאַרזאָרגטקייט אין די מידע אויגן גיט איינער דעם צווייטן איבער די שלעכטע ידיעות פון דער „הײַנטיקער וועלט"...

די זון ברענט איבער זיי. אַן אומהיימלעך, גליענדיק ליכט דעקט אויף דעם לאַנגזאַמען גאַנג פון זייער פאַמעלעך בלוט, די קנופּן פון זייערע אָדערן אויף די פאַרוועלקטע קעפּ, אויף די הענט, ווייזן די אָנגעשטרענגטע אַרבעט פון דער רעשט לעבן אין זייערע גלידער. אָט, אָט, שטעלט עס זיך אָפּ.

די זון דעקט אויף עפּעס אַ גראָבן, נישט קלוגן סיסטעם. די אָדערן זענען ווי אַלטע דראָטן פאַרקניפּט. עס ווילט זיך נישט קוקן, וויאַזוי דאָס וועט זיך איבעררייסן, פּלאַצן. און עס כאַפּט אַרום אַ גרויל פאַר דער נישט זיכערקייט פון דעם אָפּגענוצטן לעבן, וואָס קלאַפּט נאָך אונטער זייער דינער, טרוקענער הויט.

אָבער אויף די בענק גייט אַ רעשיקער שמועס. דאָ רעדט זיך וועגן פאַרריכטן די הײַנטיקע וועלט, די שלעכטע וועלט, און וועגן דעם, ווער האָט די וועלט קאַליע געמאַכט, די „הײַנטיקע מענטשן"...

אַמאָל, אַמאָל איז געווען גוט...

די איינגעפאַלענע, אָנצייניקע מיילער בײַסן די היינטיקע וועלט. אמאָל... און דער עיקר אמאָל האָט מען געלעבט לאַנג... דער מענטש איז געווען שטאַרק... ער האָט נישט געהאַט קיין צרות...

אמאָל... אמאָל...

און עס ציגדן זיך אָן די שטאַרע בליקן. די אַלטע לײַט שווימען אַרײַן אין דער געשטאָרבענער צײַט. דאָרט פֿילן זיי זיך היימיש, און עס שפּינט זיך אויס א וועלט — אַן אַרייַנגעזונקענע אין דער ווייט. א וועלט, פֿון וועלכער די אַלטע ציען אַרויס א זיסקייט אַזוי ווי פֿון אַלטן ווײַן...

לאַנגזאַם און פֿלאַך שפּילט דאָס בלוט אין די אָנגעצווייגענע אָדערן, אָבער די אויגן זענען נאָך פֿול מיט חשק צו אָטעמען.

איינער פֿון די אַלטע דערציילט: ער איז געפֿאָרן דורך א טיפֿן וואַלד... ער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט... ס׳איז צוגעפֿאַלן די נאַכט... סאיז אים באַפֿאַלן א גרויסע אימה... האָט ער זיך אונטערגעלייגט דעם טלית און תּפֿילין. ער איז געלעגן אויף דעם וואַלד־גראָז און געזאָגט תּהלים...

אַן אַלטע, גרויסע, גלוּבּיקע יידישקייט שלאָגט אַרוים פֿון אַלעם, וואָס דער ייד דערציילט. דערנאָך האָט אָנגעהויבן טאָגן... ער האָט באַגעגנט א פֿויערל... און די מעשה ענדיקט זיך אַזוי געוווינלעך. דאָס פֿויערל האָט אים נישט דערהרגעט מיט דער האַק... דאָס פֿויערל האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿונעם טיפֿן וואַלד...

קיינער פֿון די אַלטע לײַט וווּנדערט זיך נישט, וואָס אין טונקעלע, שטרענגע פּוילישע וועלדער זענען יידן געלעגן אויף די טליתים... און עס פֿאַרגייט אַן אַל־טער ריח פֿון יידישקייט. מען דערציילט פֿון יידישער עשירות, פֿון „גאָלדענע רענדלעך”... מען דערציילט פֿון גליקן און אומגליקן... פֿון יידישע גבורים... פֿון שטאַרקע יידן, וואָס זענען בײַגעקומען גויים...

מען דערציילט פֿון פֿריידיקע, יידישע יום־טובֿים, פֿון שמחות און מאָלצייטן, וואָס מען האָט געפּראַוועט. און מען באַדויערט די איצטיקע וועלט, וואָס איז אַזוי אָרעם און אַזוי ענג.

עס ציטערן די הענט בײַ די אַלטע לײַט, ווען זיי שפּאַרן אונטער זייערע מידע קעפּ, עס דאַכט זיך, אַז די גרויע בערד ציען זיי אַראָפּ. אָבער עס איז נאָך אַלץ דאָ וואָס צו דערציילן.

מ׳איז געפֿאָרן אויף גרויסע יארידים... מ׳האָט געהאַנדלט...

און עס שטייגן אויף וועגן און שליאַכן... און עס סקריפּען אָנגעלאָדענע וועגענער... סחורה... סחורה...

דאָ כאַפּט אונטער אַן אַלטער, בײַנערדיקער ייד:

ער איז געווען ביים וואסער... ער האָט געהאַט די ווייסל... פון דור דורות... זיינע טראַטוועס זענען געשוואומען אויף די וואַסערן...

און עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון שטראָמיקע וואסערן... מיט דעם ריח פון פרישן, פייכטן יידישן געהילץ.

דערנאָך שווייגט מען לאַנג. עס טראָגן זיך קרעכצן. אַלטע יידישע קרעכצן פון באַדויער. קרעכצן, וואָס רעדן וועגן עפּעס, וואָס האָט קיין נאָמען נישט...

די גרויע קעפּ לאָזן זיך אַראָפּ, און די בליקן פאַרטראָגן זיך ערגעץ ווייט אין אַן אומבאַקאַנטן, פרומען וועג אַריין.

און עס הייבן אָן פאַלן טונקעלע, שווערע ווערטער ווי שטיינער. יעדער וויל זיך אויף עפּעס באַקלאָגן, נאָר ער ווייסט נישט אויף וועמען. אַ האַפּענונגלאָזער אומעט לייגט זיך אַוועק אַרום די מענטשן, און איינער פרעגט דעם צווייטן:

— וואָס וועט זיין?...

— ס'וועט גאָרנישט זיין... מע וועט גיין אַהין... און מען וועט ליגן...

אַלע קעפּ דרייען זיך אויס צו דעם קליינעם, אַכציקיעריקן אַפּיקורס, וואָס זיצט ווי שטענדיק ביי דער זייט. זיינע קליינע, שוואַרצע, פינטלענדיקע אויגן זענען אָנגעגאָסן מיט סאַרקאַסטישן שפּאָט, זיין קליין פּנים איז אָפּגעגאָלט און טרוקן ווי פון געלן ביין, און דאָס שוואַרצע, איינגעפאַלענע מויל איז פאַרקרימט אין אַ שמייכל.

די אַלטע לייט רוקן זיך אָפּ פון אים.

— עס וועט גאָרנישט זיין... גאָרנישט...

* * *

אַ פרייליכער רעש פון קינדער רייסט זיך אַריין אין דער אַלייע. די קינדער פינטלען אַרום, באַגילדטע פון דער זון. זיי פאַררייסן זייערע פרישע, צעשפּילטע קעפּלעך צום הימל. פון אויבן טראָגט זיך אַ ריטמישער רעש, אַ זשומען, ווי אַ מעכטיקע בין וואָלט זיך אָנגעטראָגן.

די קינדער קוקן אַרויף מיט פאַרוואונדערונג און בייגער צו דער הייך, וווּ עס בלאַנקט און שפּילט מיט זילבער אַן אַעראָפּלאַן.

אויך די אַלטע לייט האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. און איינער זאָגט מיט אַ מאָטער שמים, ווי מען זאָגט אָן שלעכטע בשורות:

— אָט דאָס איז עס...

— אַלע צרות קומען דערפון!...

— און ס'זיצט טאַקע דאָרט אַ מענטש?...

— אפשר יאָ...

דער אַלטער אַפּיקורס האָט געלאַכט ווי אַ שד:

— אַ מענטש... טאַקע אַ מענטש... נישט קיין מלאך...

די אַלטע לייט קוקן אויף אים מיט גלאַנציקע אויגן פון צאַר. און איינער זאָגט פאַרטראַגן:

— ס'איז געווען בעסער אָן דעם...

מען שווייגט לאַנג און שווער. מיטאַמאָל זאָגט איינער:

— יידן... — זיינע אויגן זענען אויפגעהויבן און זיין ווייסע באָרד ציטערט:

— יידן... — די וועלט איז גאָרנישט... דער עיקר... איז... יענע וועלט...

— נו!, און דאָרט?...

— דאָרט... מוז דאָך עפּעס זיין...

— אוודאי איז דאָ...

און מען בויגט זיך ווידער צוזאַמען און מען גיט זיך עפּעס איבער און מען זאָגט זיך עפּעס צו. אַ פאַנאַטישע פאַרטראַגנקייט צעגיסט זיך איבער די אַלטע פּנ׳מער.

— עס איז דאָ... עס איז דאָ... ס'קאָן נישט זיין... ס'מוז דאָרט עפּעס זיין...

דער אַפּיקורס שטעלט אָן זיינע ווייסע אויערן. ער שפּרינגט אויף און גייט גיך מיט אַלטלעכע, קליינע טריטלעך. ער דערווייטערט זיך פון דער באַנק און וואַרפט פונדערווייטן שטעכיקע, בריענדיקע ווערטער:

— כ'דאַרף נישט קיין יענע וועלט... דאָ, אויף דער וועלט גיט אהער... אַלץ... יידן... דאָרט וועט גאָרנישט זיין...

די אַלטע לייט וואַרפן אים נאָך בייזע ווערטער ווי שטיינער, זיי פאַרטרייבן אים מיט זייערע אַלטע, קנאָכיקע הענט:

— זאָל ער גיין... זאָל ער גיין... דער אַלטער מזיק...

דער אַלטער אַפּיקורס קומט דאָ יעדן טאָג. ער גנבעט זיך דאָ אַריין, ווי אַ וואָלף אין אַ סטאַדע שאָף, און פאַרציקט זייערע זיסע חלומות וועגן יענער וועלט...

איצט איז ער געשטאַנען פונדערווייטנס, ווי אַ פאַריאָגטער וואָלף. זיין שוואַרץ איינגעפאַלן מויל איז געווען פול מיט טייוולאָניש געלעכטער:

— יידן... נאָר אויף דער וועלט... דאָרט איז גאָרנישטאָ...

* * *

אַלטע יידן. פון וואַנען זענען זיי געקומען... פון וואָס פאַר אַ זוניקער אייביקייט... פון וואַנען ציט זיך זייער גאַנג... אין דער וועלט דער פרעמדער... בייזער און דראָענדיקער...

# די באָבעשי פון פראַגע

די באָבע ברײַנדעלע האָט שוין פון לאַנג פארגעסן דעם רעכענונג פון אירע יאָרן, און טאָמער האָט עמעצער געמיינט, אז זי איז עלטער פון אכציק יאָר, איז די באָבעשי געווען אין כעס און זיך געבייזערט: „וואָס ציילט מען מאָ די יאָרן... וואָס האָט מען אויף מיר אַזוינס דערזען... כ׳דאַרף ניש מע זאָל מאָ צוליינן... מאקע להכעיס די שונאים וועל עד לעבן...“.

זי איז געזעסן אינעם ווינקל אויפן בעטעלע, מיטן שטעקעלע אין די קליינע קינדערישע פינגערלעך. דאָס קליינע קעפּעלע מיט דעם ברוינעם קופּקעלע מיט די קאָלירטע ציטער־נאָדלען האָט זיך געטרייסלט אין דער ברייט: „ניין... ניין“. די קליינע אייגעלעך זענען געווען האַלב־פארגלייזט, און דאָס ראָזע איינגעפאַלענע מיילעכל האָט קינדעריש געפּישטשעט: „אזא חוצפּה... צוצוליינן יאָרן... אז גאָט לאָזט מיך לעבן... זייער וועלט...“.

די באָבעשי ברײַנדעלע האָט געוווינט אין פּראַגע, אין דעם נידעריקן, הילצערנעם הייזל, פון וואַנען זי איז שוין פון לאַנגע יאָרן נישט ארויסגעגאַנגען. נאָר ראש־השנה און יום־כיפור האָט מען זי געפירט אין דער אלטער פּראַגער שול דאַווענען. דאָס איז געווען איר שול, וואָס איר מאַן, מענדל פּראַגער, האָט געבויט פאר די פּראַגער יידן, ווען ארום זענען נאָך געלעגן ליידיקע לאָנקעס, און קיין ווארשע איז מען געגאַנגען, ווי אין אַן אַנדער שטאָט, איבער דער ווייסל און אויף דער בריק זענען געשטאַנען זעלנער אין רויטע הויזן.

אין יענע צייטן איז די באָבע ברײַנדעלע געווען די גרעסטע סוחרטע פון פּראַגע. זי האָט געהאַט דאָס ערשטע בשמים־געשעפט. זי האָט געהאַט הייזער און פערד און מילן, און צו איר מאַן, מענדל פּראַגער, זענען געקומען צוגאַסט די גרעסטע רביים פון קרוין־פּוילן.

קינדער האָט זי געהאַט זעכצן: ניין זין און זיבן טעכטער. צוויי טעכטער זענען געשטאָרבן אין קימפּעט, איינע נאָך דער אַנדערער: „עפּעס איז מען אין הימל

אויף די זיוווגים נישט באַשטאַנען!...". איין זון איז משוגע געוואָרן, אָבער קיינער האָט דאָס נישט געדענקט. די רעשט זין און טעכטער האָבן זיך ביסלעכווייז אריבערגעטראָגן קיין ווארשע. ארום דעם גושיבאָוו און טוואַרדע זענען געווען צעוואָרפן זייערע געוועלבער פון בשמים און שפּייז, פון נאפט און קוילן, כשרן וויין אויף קידוש און הבדלה. די באָבעשי האָט זינט יאָרן נישט געוווסט אויף קלאָר, וויפל קינדערלעך די זין און די טעכטער האָבן געהאַט, ווי זיי האָבן אויסגעזען און ווי זיי האָבן געהייסן. און נאָר אין גרויסע יום־טובים אָדער ערב יום־כיפור איז דאָס הויז איבערגעגאנגען פון משפחה, וואָס זענען זיך געקומען בענטשן צו דער באָבע ברײנדעלע. דעמלט איז זי געזעסן אין דער גרויסער פאָטער־שטול, מיט אַ ווייסן הויב אויפן קאָפּ. אויפן האַלדז האָט זי נאָך געטראָגן די אַלטע פערל, וואָס די „קאָזאַקן" האָבן צוגעראַבעוועט ביי דעם „ראַבונעק".

פון שבת צו שבת זענען געגאַנגען גאַנצע שרענגעס אייניקלעך, ייִנגעלעך און מיידעלעך, קליינע און גרויסע, ייִנגעלעך שוואַרצע און געלע, מיט לאַנגע קאַפּאָטקעלעך, מיט לאַנגע, געדרייטע פּאהלעך. זיי האָבן פאַרנומען אַ האַלבע בריק. זיי זענען געגאַנגען צו דער באָבע ברײנדעלע נאָך שבת־אויבס.

די באָבעשי האָט יעדן אויסגעפרעגט, וועמענס ער איז, ווי ער הייסט און צי ער קאָן עפּעס לערנען. זי האָט געטיילט האָניק־לעקעך און צוקערלעך און צוגעווונטשן צו זיין אַ ייד.

דערנאָך זענען געקומען אומרואיקע יאָרן, און די אַלטע האָט פאַרלוירן וואַרשע. זעלטן־ווען עס האָט זיך ווער אַראָפּגעכאַפּט פון די זין, האָט זיך באַקלאָגט, געקרעכצט און דערציילט עפּעס. די אַלטע האָט קוים פאַרשטאַנען, וועגן וואָס ער רעדט און וואָס ער באַקלאָגט זיך. זי האָט נאָר געדענקט, אַז ס'איז דאָ אַ בריק, וואָס פירט אין שטאָט אַריין, מיט גאַסן, מיט גערטנער, ווו עס גייען אַרום בייזע קאָזאַקן. מלחמה־שיסערייען און איבערקערענישן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו איר אין טונקעלע, אומרואיקע קלאַנגען, האָבן זי דערמאָנט אין דער „פּאָווסטאַניע", וואָס זי האָט אַמאָל ערגעץ געזען אין דער ווייטער, פאַרלאָפענער צייט, ווען זי איז געווען אַ קליין, נאַריש מיידל.

זי האָט געהערט פון עפּעס אַן אייניקל, שלמה, אַז מ'האָט אים גענומען אין דער מלחמה מיט די דייטשן. די באָבעשי האָט לאַנג דורך די נעכט געקלערט וועגן די „גוישע הענט", וואָס האַלטן אים ערגעץ. זי האָט געזען די ברויזנדיקע מלחמה־גאַס דורך די שייבלעך פון איר שטיבל. זי האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט אַרויספלאָנטערן פון דעם אַלעם, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו איר פון דער אַרומיקער וועלט.

די אייניקלעך האָבן אויפגעהערט קומען, און די זין זענען געוואָרן ווי פרעמ־

רע, עפּעס אַלטע, דערשלאָגענע יידן. זי האָט געהערט, ווי זיי האָבן זי גערופן: מאַמע, און זי האָט ווי געשעמט זיך פאַר זייערע לאַנגע פאַרלאָזענע בערד. זי האָט לאַנג געקוקט אויף זיי, ביז וואַנען אין איר דרימלענדיקן מוח האָט אויפגעלויכטן אַ דערמאָנונג, און שטיקער פון דעם פאַרלאָפענעם לעבן האָבן אָנגעפילט איר ווינקל פון דער שטוב, וואָס איז איר נאָך געבליבן.

זי האָט נישט געדענקט אויף קלאָר, ווען די קינדער האָבן דאָס הויז פאַרקויפט. דאָס אַלטע הויז, וואָס זי האָט געבויט. זי דערמאָנט זיך מיטאַמאָל, אַז אויפן בוידעם דאַרפן נאָך ליגן די רימעטן מיט דעם פּריצישן געשפּאַן, וואָס איר מאַן, מענדל פּראַגער, האָט געברענגט פון דאַנציג צו דער פּריצישער בריטשקע מיט די גראָע פּוילישע פערד, וואָס מ׳האָט געקויפט צום ייִנגסטן זונס בר־מצווה.

איצט האָט די באָבע ברײַנדעלע געלעבט דערפון, וואָס איר אַלטע שכנטע, די גלעזערקע, האָט איר געברענגט דעם „לעפל וואַרעמס“, פאַר וועלכן מ׳האָט איר געצאָלט וואָכן־געלט פון דעם, וואָס מ׳האָט איינגעלייגט ביים פּראַגער רב.

די באָבעשי ברײַנדעלע איז געלעגן אין איר דרימל, און אין איר פאַרשטאַרטן, האַלב־פאַרשטאַרבענעם מוח האָבן זיך אָפּגערופן אַלטע קלאַנגען פון ווייטע יאָרן. דאָ האָט זיך איר געדאַכט, אַז מ׳פירט זי צו דער חופּה... — דאָ — אַז דער גערער רבי איז געקומען... ס׳איז אַ שמחה, און זי דאַרף גרייטן צום טיש פאַר די חסידים... דאָ האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז איר משוגענער זון, ישעיה, שטייט האַלב־נאַקעט אויף דער גאַס... ער ציטערט פון קעלט... און מיטאַמאָל הערט זי לערנען מיט אַזאַ זיסן ניגון... ווי מלאכים וואָלטן געזונגען... דערנאָך קומען איר אויפן זינען ווערטער, וואָס מענדל פּראַגער, איר מאַן, האָט איר געזאָגט וועגן יענער וועלט... וועגן דער הייליקער תורה...

זי הערט שווער־אָנגעלאָדעוועטע וועגענער... סחורה... די וועגענער קרעכצן... מען פירט סחורה... סוחרים קומען... רייכע סוחרים... רעדן הויך און ברייט... דאָס אַלטע האַרץ וואַכט אויף... און די אויגן פאַרמאַכן זיך אין אַ זיסן דרימל...

* * *

קיינער איז שוין נישט מער געקומען, און די אַלטע ברײַנדעלע איז געבליבן אַליין אין דעם ווינקעלע אויף איר בעטל. אין דער דירה האָבן שוין געוווינט נייע שכנים, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו ליידן, „ביז וואַנען די אַלטע וועט ציִען...“

אַלטע פּראַגער באַלעבאַטים, וועלכע געדענקען נאָך ברײַנדעלע די סוחרטע, זענען אַרייַנגעקומען מיט אַ שטילן וואונק צום ווינקל בעט: „וואָס הערט זיך?...“ מ׳האָט טאַקע אַוועקגעלייגט ווער אַ וויים בילקעלע, ווער אַ ביסל איינגעמאַכטס,

מ׳האָט אין איילעניש אָפּגעשפּאָרט אַ מצווהלע, אָבער שטיל איז שוין געווען אין דעם ווינקל, וווּ ס׳איז קוים געווען צו געפינען דעם קליינעם, איינגעשרומפּענעם קערפּער פון דער אַלטער. זי האָט געדרימלט שעהנלאַנג, נישט קוקנדיק אויף דעם רעש פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געדרייט אין דער אַלטער שטוב. פון צייט צו צייט האָט זי געעפנט די אויגן, האָט עפּעס געשעפּטשעט, געטענהט צו איר אַל־טער חברטע, די גלעזערקע, וואָס איז שוין אויך קוים געגאַנגען אויף די פיס.

די באָבעשי ברײַנדל האָט איר דערציילט מיט איר דין פּישטשענדיק קולכל אירע חלומות, האָט איר געהייסן אַרויסנעמען פונעם קופערט די תכריכים און האָט געקוקט אויף זיי מיט אַ זיסן שמייכל: „זעסט?... ווי וועסטו הייגט קריגן אַזאַ וועב... אַזוי ווי זייד... ס׳מיגניעט דאָך פאַר די אויגן...“

* * *

אין די טונקעלע שעהן פאַרנאַכט האָט די אַלטע אָנגעהויבן איר מלחמה מיט די שדים.

די ווייבער פונעם הויף האָבן שוין געוווּסט, ווען זיך צוזאַמענצוקומען. זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם בעטל מיט אַ דערשראָקענעם און דערשטיק־טן געלעכטער אין די רעשיקע מיילער. דער אַלטער האָט מען דערלאַנגט איר שטעקעלע, און די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן.

— דו שדל... — האָט די אַלטע געשריגן מיט איר דין שטימעלע — דו פּריי־מייער... דו געמיינער יונג... דו גייסט מיך טשעפּען?... שמע־ישראל... אוי ווײַ... ער שלעפּט מאָך... דו שדל.. דו...

די אַלטע האָט געפּאָכעט מיטן שטעקעלע אין דער לופט. זי האָט זיך גע־וואָלט אָפּטרייבן פון די שדים און רוחות, וואָס האָבן זיך געדרייצט מיט איר, וואָס האָבן אַרומגעטאַנצט און נאָר געוואָלט איר אַראָפּרייסן די קופּקע. אַממייסטן האָט איר דערקוטשעט איינער, אַן אַלטער שד, וואָס האָט געמאַכט מיאוסע שטיק, האָט געטאַנצט און אַרויסגעשטעקט די ציין...

לאַנג האָט געדויערט די מלחמה מיט די שדים. די שטוב איז פול געוואָרן מיט ווייבער און יידן. אַ ייד האָט דערווייל אַרייַנגעכאַפּט אַ קאַפּיטל תהילים, און די ווייבער האָבן געקרעכצט:

— אַן אַלטער מענטש איז געגליכן צו׳ן אַ קינד... גאָט מאַכט חוזק פון אַ מענטשן...

דעמלט האָט די אַלטע גלעזערקע אָנגעטאָן איר שבתדיקן דאָלמאַן און האָט אָנגעהויבן צו גיין אַרום אויפן גזשיבאָוו. זי איז געגאַנגען אַ פּאָר שעה, לאַנג זיך

אָפּגערוט ביי די טויערן, און ווען זי איז געקומען אין דער געגנט פון טוואַרדע, האָט זי אָנגעהויבן אַריינגיין אין די געוועלבער צו די זין און טעכטער.

יידן און ווייבער, פאַריאַכמערטע געוועלבניקעס מיט שווערע בערד, געלע, רויטע און שוואַרצע, האָבן זי דערקענט, האָבן איבערגעריסן דעם האַנדל, זענען געוואָרן שווייגנדיק און שטיל געפרעגט:

— ווי האַלט עס?...

די אַלטע גלעזערקע האָט יעדן אָפּגעשטעקט דעם שטילן סוד, אַז די אַלטע „פּאַקט זיך אין וועג אַריין"...

די זין און די שנורן האָבן זיך איילִיק גענומען איבערטאָן אין די שבתדיקע קליידער און פאַרמאַכן די קלייטן. מען האָט אָנגעזאָגט די משפחה, וואָס מען האָט זיך שוין פון יאָרן נישט געזען.

מען איז אַראָפּגעקומען קיין פּראַגע. די ווייסל איז געלעגן אין דער נעפּלדיקער ווייט און האָט דערמאָנט אין די ווייטע קינדער־יאָרן. די פּראַגער גאַסן זענען פול געווען פון יידן, די משפחה איז געוואָרן וואָסאמאָל גרעסער. דער אַלטער הויף פון מענדל פּראַגערס הויז איז געוואָרן שוואַרץ פון יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס.

די באָבעשי ברײַנדעלע איז געלעגן אין אַ טיפן דרימל. מ'האָט קוים אַרויסגעזען איר גרוי, קליין, נאַקעט קעפּעלע. אַרום האָבן זיך געבויגן צו איר יידן מיט לאַנגע בערד און האָבן געשריגן: „מאַמע"!

די אַלטע האָט געעפנט אַן אויג, האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ ווייסן, פאַרטראָגענעם שמייכל און צוריק איינגעדרימלט.

די זין האָבן זיך געזעצט זאָגן תהילים און די אַלטע שטוב איז נאָך איין מאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ הייסן, נאָגנדיקן ניגון.

און מ'האָט געוואַרט.



# דער בלינדער פּוליע

דאָס געסל געדענקט נאָך דעם בלינדן פּוליע פון מיט א יאָר דרייסיק צוריק, ווען ער איז געווען א גרויסער סוחר פון עופות ביי די האַליעס. ער האָט געשפּילט א ראָליע. געווען א רייכער מענטש און א גרויסער גבור, און דעמלט האָט מען אים נאָך גערופן „פּוליע ריז“. ער האָט געקאָנט אויפהייבן דעם שווערסטן וואָגן אויף די פּלייצעס. עס איז נישט געווען עמעץ „פּארן אייזערנעם טויער“ און פאר די האליעס, וואָס זאָל אים נישט קענען. מען געדענקט אים נאָך, ווען ער איז גע־קומען אויף „אָטפּוסקע פון סלוזשבע“, בעת ער האָט געדינט אין מאָסקווע ביי די גרענאַדירן. די מיידן „פּאַרן אייזערנעם טויער“ זענען פּאַר אים געוואָרן די כפּרה. דערנאָך, ווען ער האָט חתונה געהאט מיט מענדל קצבס טאָכטער, ריקל די ליאלקע, האָבן די האַליעס געשיכורט גאַנצע אַכט טעג. ווען דאָס יונגע פּאָר איז געגאנגען שבת שפּאצירן אין „יענע גאסן“ אָדער אין באגאטעלע־גערטנדל, אָדער אין עלדאָראדאָ־טעאטער האָבן די ווייבער נאָכגעקוקט מיט קנאה און זיך געווונטשן מיט זייער מזל.

ריקל די ליאלקע איז געווען א שיינהייט אין דער געגנט „פּארן אייזערנעם טויער“. זי איז געווען שלאנק, הויך, מיט א ראָז פּנים און לאנגע, ברוינע האָר.

מ׳האָט שוין דעמלט וועגן איר דערציילט, אז דער פּאָליצמייסטער האָט זיך אין איר פארליבט און איז איר נאָכגעפאָרן אין א קארעטע. יונגען פלעגן זיך שלאָגן צוליב איר אויף מעסערס, און זי האָט נאָר אראָפּגעקוקט פון גאניק אין מארק אריין מיט איר גלאנציקן ליאלקע־שמייכל.

אזוי האָט דאָס פּאָרפאָלק אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאט, דערפאר זענען די געשעפטן ביי זיי געגאנגען ארויף, און דאָס געסל האָט געזאָגט, אַז זיי לעבן ווי מאַגנאַטן.

מיטאמאָל איז פּוליע פּלוצלונג קראנק געוואָרן אויף די אויגן. אין א קורצער צייט האָט ער פארקרענקט דאָס גאנצע פארמעגן. מ׳איז אויסגעווען ווו נאָר א פּראָפעסאָר, ווו נאָר א דאָקטער, ווו נאָר א גוטער ייד, און ס׳האָט גאָרנישט

געהאָלפֿן. מ׳האָט אים אָנגעהויבן זען אין מאַרק מיט פֿאַרבונדענע אויגן. ער איז מיטאמאָל געוואָרן דאַר און אַלט. עס זענען אים נאָך געבליבן די מעכטיקע פּלייצעס מיט דעם הויכן, שטאָלצן קאָפּ. ריקל די ליאַלקע האָט אים געפֿירט אונטערן אָרעם. פּוליע האָט קיין סך נישט געקאָנט אויפֿטאָן, פֿונדעסטוועגן האָט ער נאָך געהאַנדלט און האָט נאָך לויטן בלויזן אָנטאַפּן אָפּגעשאַצט א פֿאַרטיע עופֿות...

די ווייבער האָבן געלאָזט א טרער, קוקנדיק אויף פּוליען, און דאָס געסל האָט אָנגעהויבן וואָסאמאָל אויסרעדן אויף ריקל די ליאַלקע:

— אזא ליאַלקעטשיגע... קאָן נישט אַראָפּגיין אין די האַליעס מיט א ביסל כּהורה...

אָבער ריקל האָט נישט געוואָלט הערן פֿון האַנדלען אין גאַס. אזוי ווי פֿריער איז זי נאָך געגאַנגען אויסגעפּוצט און פֿאַרריסן די גאַס מיט איר שיינקייט.

פּוליען איז געגאַנגען וואָסאמאָל ערגער. גוטע ברודער האָבן אים נאָך אונטערגעהאַלטן, צוגויפֿגענומען א פּאָר רובל. דערנאָך איז ער אויף א לאַנגע צייט אַריין אין שפּיטאָל. דעמלט האָט ריקל נאַכט ביי נאַכט אָנגעהויבן פֿאַרשווונדן ווערן פֿון שטוב. מ׳האָט דערציילט, אז מ׳זעט זי אין די ווייטע גאַסן מיט אָפֿיצירן און גענערעלער. עס האָט זיך געפֿונען א גוטער ברודער, וואָס האָט זיך צו פּוליען אַריינגעכאַפּט און אים דערציילט וועגן זיין ווייב. פּוליע האָט אויסגעהערט, ער האָט געשוויגן, נאָר זיין קאָפּ איז געוואָרן העכער און שטייפֿער. נאָך אין זעלבן טאָג — ס׳איז געווען שבת פֿאַרנאַכט, און אין געסל זענען אַלע געשטאַנען ביי די טויערן, חתן־כּלה זענען געגאַנגען אויפֿן שפּאַציר — איז געוואָרן א וויסטע בהלה, א געלויף. אין געסל האָט זיך באַוויזן פּוליע אין א גרויסן כאַלאַט מיט פֿאַרבונדענע אויגן. ער איז געלאָפֿן מיט א ווילדן רימש ווי אן אָקס, מיט שטעק־שיך אויף די באָרוועסע פֿיס, נאָך אים א שוואַרצע ראָד פֿון מענטשן. ער איז אַרויף אין דעם שטיבל, ווו ער האָט געוווינט. די טיר איז געווען פֿאַרשלאָסן. ריקל די ליאַלקע איז נישט געווען אין דער היים. מיט איין זעץ האָט ער אויפֿגעריסן די טיר, אויסגעטאַפּט אַלע ווינקעלעך און באַשמעקט אַלע זאַכן, וואָס זענען דאָרט געווען. ער האָט געשפּירט דעם ריח פֿון אירע קליידער. ער האָט אויפֿגעעפֿנט די שאַנק, איז צו צום בעט. און מיטאמאָל האָט ער זיך א וואָרף געטאָן ווי א לייב, און איידער מענטשן האָבן זיך אַריינגעמישט, האָט ער א תּל געמאַכט פֿון אַלעם אין שטוב. ער האָט צעבראָכן די שאַנק און צעריסן דאָס בעטגעוואַנט. מ׳האָט גערופֿן די „שטאַרקע“ פֿון געסל, וואָס האָבן אים קוים איינגענומען.

— גיט זי מיר אַהער, כ׳וועל איר אָפּרייסן דעם קאָפּ, פּוליע לעבט נאָך... — אזוי האָט ער גערעוועט. ער האָט אַלץ נישט געוואָלט אוועקגיין, ביז וואַנען זי וועט קומען.

די גוטע ברידער האָבן אים אוועקגענומען און מ׳האָט אין אים אריינגערעדט:

— פוליע... לאָז געמאך... פארגעס אין איר... גאָט וועט דיר העלפן... ס׳טווערן א מענטש... וועסט האָבן אן אנדערע...

פוליע איז נאָך דעם געוואָרן שוואך, ער האָט אָנגעהויבן ציטערן און ער האָט זיך צעוויינט ווי א קינד. מען דערציילט, אז אלע מענער האָבן געוויינט, ווען מ׳האָט אים צוריק אוועקגעפירט אין שפּיטאָל אריין.

פון דעמלט אָן איז ריקל די ליאלקע פארשוואונדן.

* * *

עס האָט זיך געצויגן א קייט פון פינצטערע יאָרן. אין אָנהייב האָבן נאָך אַלטע „פּשיאַטשעלעס" געדענקט אין פוליען. מ׳האָט נאָך מיט אים איבערגעשיקט א קוישל עופות, מ׳האָט אים צוגעשאַרט א פאַרדינסטל, די ווייבער האָבן אים אראָפּגעשיקט א לעפל וואַרעמס אין די האַליעס אריין, ווו ער איז כסדר געזעסן. ביסלעכווייז האָט מען פארגעסן אין אים. דער בלינדער פוליע האָט אָבער קיינעם נישט פארגעסן. כאָטש פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען א כסדרדיקע פינצטערניש, האָט ער אין זיין זיגען כסדר געזען דעם גאַנצן פּלאַץ „פאַרן אייזערנעם טויער" מיט די האַליעס. ער האָט געפילט יעדן טריט, יעדעם הויז, יעדן ווינקל און יעדן מענטש. מיט זיין שטעקן אין דער האַנט, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, האָט ער געשפּאַנט אין דער ענגשאַפט פון מאַרק. אָט די ליכטיקע, רירעוודיקע וועלט, וואָס ער האָט פאַרלוירן, איז וואָסאַמאָל טיפער אַריינגעדרונגען אין אים און אַלץ העלער און בולטער איז געוואָרן זיין געדעכעניש. ער האָט דערקענט לויט דער שטים יעדן מענטש, וואָס ער האָט אַמאָל ווען געזען.

אין דעם גרויסן גערודער פון מאַרק, אין דעם געשריי און ליאַרם פון גענדז, הינער, קאַטשקעס, ווייבער, יונגען מיידן און יידן קומט אויך פוליע באַלד אין דער פרי, צוגלייך מיט אַלע הענדלער, קצבים, טרעגער און פורמאַנעס. ער איז הויך און גלייך, מיט אַ שטייפן, האַרטן, בלאָען קאָפּ, ווי געשניצט פון האָלץ, מיט אַ ברייט, בלייך מויל און ווייסע, ברייטע, געזונטע ציין.

נאָר די אויגן זענען ביי אים פאַרשלאָסן און איינגעפאַלן, אַ שמאָל, ראָז שפּעלטל רייסט זיך הורך דאָרט, ווו עס זענען געווען די אויגן.

דער בלינדער פוליע שטייט אָנגעשפּאַרט אין זיין שטעקן מיט אויסגעשפּיצטע, שטייפע אויערן און הערט.

עס גייט פאַרביי אַ טרעגער. ער איז געבויגן אונטער אַ שווערן קאַסטן. פאַרבייגייענדיק פאַרן בלינדן, טוט ער אַ געשריי:

— אַ גוט מאָרגן, פוליע...

— גוט מאָרגן, לייבעלע דזשאָבאַק.

ארום ווערט אַ געלעכטער פון די יונגען מיט די ווייבער. דער טרעגער שטעלט זיך אָפּ און, האַלטנדיק די משא אויף דער פּלייצע, שטעקט ער אים אָפּ אַ מטבע, זאָגנדיק:

— נאַ, פוליע — ביסט ווערט — אַז דו האָסט מיך געקאָנט דערקענען...

מיטאַמאָל טראַסקעט אַ וואָגן אויף די שפּיציקע שטיינער, אין דעם גאַנצן רעש שרייט דער פורמאַן אַראָפּ:

— פוליע... אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין...

דער בלינדער פוליע שפּיצט אָן די אויערן, שעפּטשעט אַ מיגוט און טוט אַ וואָרף נאָך אַ געשריי:

— מאָטקעלע שמדגיק... גיב אַהער אַ צענער...

אַזוי דערקענט ער אַלע. ער האָט קיינמאָל קיין טעות נישט. דער עולם קוועלט אָן פון אים און שיט אים קלייגגעלט.

אַלטע הענדלער רעדן זיך איבער:

— וואָס פון אַ מענטש קאָן ווערן...

— מ'מעג עס פאַרמאָגן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט...

— גאָט שטראָפט אַ מענטשן...

קינדער מיט פינגערלעך אין די פאַרגאַפטע מיילער קוקן מיט שרעק אויף דעם בלינדן, וואָס באַוועגט מיטן מויל, ווי ער וואָלט עפּעס אין זיך אַרייגגערעדט.

און אַרום רוישט דער מאַרק. מען קויפט און מען פאַרקויפט. הענדלער באַרימען זיך מיט זייער סחורה. דאָס געשריי און דער ליאַרם קוילערט זיך ווי אַ האָגל פון שטיינער. עפּעס אַ פּריצהטע איז געקומען איינקויפן. מען רופט זי פון אַלע זייטן. אַ זעלנער מיט אַ געלן לאַמפּאַס טראָגט איר נאָך צוויי קוישן. די פּריצהטע דאַרף איינקויפן אַ סך. זי שמייכלט מיט אירע בלאָע אויגן. זי ווייסט, אַז מען גענאַרט דאָ... זי ווייסט... און פּלוצלונג הייבט אָן דער שטעקן ביי דעם בלינדן פוליען צו ציטערן. זיין קאָפּ פאַרדרייסט זיך הויך. ער טוט אַ שפּאַן ווי צום פאַלן. ער הייבט אויף די הענט און עם דערהערט זיך זיין ווילדער ריטש:

— ריקל... ריקל... מיין ווייב ריקל...

עס קאָכט אויף אַ ראָד פון מענטשן, אַ געדיכטער קנויל ראַיעט זיך אַרום, און אינמיטן — דער זעלנער מיטן געלן לאַמפּאַס, וואָס האַלט די פּריצהטע אַ פאַרחלשטע...

# מאַניעק און פּעסעלע

אַ שוואַרצלעכער שטויב הייבט זיך אויף נאָך יעדן דורכגייער און שטייט לאַנג, פאַרשטעלנדיק דעם זאַמדיקן, צעפּאָרענעם וועג. צווישן די דאַרע, אויס־געגאָנגטע סאָסנע־ביימער שטייט דאָס אַלטע, שוואַרצלעכע הויז, וואָס איז האַלב־אַרומגעביסן פון אַ שריפה. אַרום שטייען אויסגעשטעלט אַלטע, האַלב־חרובע הייזער, ביי וועלכע עס פּינטלען אין בהלה צעפּאַטלטע ווייבער און יידן אין שווער שטויביקע שטיוול און שטיקער פאַרפּאַפּטע בערד, רעשן און שרייען און האַנדלען. קינדער בלייכע, פאַרסמאָליעטע, אָפּגעריסענע קוקן מיט אומזיניקע בליקן פון אָרעמקייט.

דאָס היינטיקע אָטוואָצק האָט זיך אָפּגערוקט און בלאַנקט פונדערווייטנס מיט אַ רייכן שימער פון נייקייט און שיסט אין הימל אַריין מיט טורעמס און הויכע, געמויערטע טעראַסן. דאָרט קומען מענטשן פון דער וועלט. קראַנקע פון ווייטע שטעט און אַנדערע לענדער קומען אין מאָדערנסטע סאַנאַטאָריעס. אָבער דאָס אַלטע יידישע אָטוואָצק איז געבליבן אין שטויב, און נאָר די אָרעמסטע פון דער פּוילישער און יידישער גאַס קומען נאָך אַהער זוכן אַ היילונג פאַר זייערע קראַנקע לונגען.

אָט די אָרעמע יידישע קראַנקע פון דער וואַרשעווער יידישקייט געדענקען נאָך דאָס הויז און האָבן דעם הויז געגעבן אַ נאָמען, וואָס איז געבליבן ביז היינט, כאָטש אין דעם הויז וווינט שוין קיינער נישט. די טירן און פענצטער זענען פאַר־קלאַפּט מיט ברעטער, און דאָס הויז הייסט ביז היינט: „דאָס קיל־שטיבל“.

אויפגעבויט דאָס הויז האָט אַ וואַרשעווער ייד, אַ חסיד און אַ גביר. דער ייד האָט געהאַט אַ ווייב, אַ טאָכטער און פיר זין, אַלע קראַנקע אויף שווינדזוכט. אַלע זענען זיי דאָ אין דעם הויז געשטאָרבן, יעדן פרילינג און יעדן האַרבסט אײנער. דעמלט האָט מען דאָס הויז אַ נאָמען געגעבן „קיל שטיבל“. און לאַנג האָט קיינער נישט געוואָלט דאָס הויז באַוווינען.

אָבער נאָך אַ צייט האָט זיך ווידער אין דעם הויז באַוויזן אַ לעבן, ווען עס האָט זיך געיאַוועט דער „וואַרשעווער טענציער“, אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן מיט זיין קליין, שוואַרץ, באַחנט ווייבל, פעסעלע. דער יונגערמאַן איז געווען אַ קראַנקער. זיין דאַרקייט האָט געשראָקן, און די ציין האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל ווי ביי אַ סקעלעט.

זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געבליקט מיט אַ פיבערהאַפטן גלאַנץ. ער האָט געהוסט דין און שפּיציק מיט אַ פייף, און אויף זיין געלבלעכער הויט איז געלעגן אַ ווייסער שמייכל פון פאַרלוירנקייט. ער האָט נאָך דאָ געטראָגן לאַקירטע שיך און אַ הויכן, האַרטן קאָלנער. זיין ווייב פעסעלע איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ גלאָז מילך. זי איז נאָך אַלץ אין אים געווען פאַרליבט ווי פריער, ווען מען האָט אים אויף דער דזשיקע גאַס גערופן „דער שיינער מאָניעק“. יעדן פאַרנאַכט, ווען זי האָט אויפגערוימט די שטוב, האָבן זיי זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף דער וועראַנדע און אויסגעזונגען צוזאַמען לידער פון ליבע. פעסעלע האָט שיין געזונגען, טרויעריק און האַרציק, און ער האָט איר אונטערגעצויגן מיט אַ שטילן באַס. דערביי האָט דער דאַריער גאָרגל־קנאָפּ זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ.

אין אָנהייב האָט פעסעלע געאַרבעט ביי איר פאַך. זי איז געווען אַ פרי־זירקע, און די ווייבער פונעם שטעטל און פון אַרום, ביז קורטשעוו, האָבן איר געברענגט די שייטלעך צו קעמען. זי האָט געמאַכט צעפּ פאַר די מיידן, און ווען ס'איז געווען אַ חתונה, האָט פעסעלע געקעמט דאָס גאַנצע שטעטל.

מאָניעק האָט ביסלעכוויז זיך אויך גענומען נעמען צום פאַך. עס איז אים אין אָנהייב בעסער געוואָרן, און ווי גאָר ס'איז אים געוואָרן בעסער, האָט ער שוין נישט געקאָנט איינרוען. אין קאָפּ האָבן זיך אים כסדר געדרייט וואַלסן און פּאָלקעס און ס'פלעגט אים באַפאַלן אַ בענקשאַפט צו טאַנצן. איינמאָל, ווען ער האָט געהאַט גרויסע היץ, איז ער אינמיטן דער נאַכט אַראָפּ פונעם בעט און געטאַנצט אַ וואַלס אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער איז געפאַלן.

דערנאָך האָבן זיך מאָניעקס „פשיאַטשעלעס“ אין וואַרשע צונויפגעלייגט און אים געקויפט אַ גראַמאָפאָן מיט אַ לאַנגער טראָמבע. דאָס גאַנצע שטעטל מיידן און יונגען זענען געקומען הערן דעם גראַמאָפאָן. זיי האָבן באַלאַגערט די טיר מיט די פענצטער, און מאָניעק האָט פאַרבעטן צום טאַנצן. איצט האָט מען שוין דאָ געלערנט טאַנצן. אַלע פאַרנאַכט זענען געקומען חתנים מיט כלות, פור־מאַנעס און יונגען פונעם נאָענטן שעכט־הויז. די יונגען האָבן אַוועקגעשטעלט זייערע בייטשן אין אַ זייט, די מיידן האָבן אַוועקגעשטעלט די קוישן. און די שיינע באַשקע, וואָס איז געקומען מיט די קאַנען מילך, האָט זיך אויך אַוועקגע־שטעלט. און אַלע זענען געבליבן שטיין שטיל און שוואַך פאַרשעמט.

די מיידן האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און די באַקן האָבן בײַ זיי געגליט. די יונגען האָבן אונטערגעשטופּט איינער דעם אַנדערן:

— ני, גיי שוין... משה... זאַ ניש קאַ יאָלד... נעם באַשקען...

ביז וואַנען אַ יונג האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און אַ זאָג געטאָן:

— מויד, וועסט מיר ניששט אָפּזאָגן?...

די מויד איז אַנטלאָפן אין אַ ווינקל מיט אַ קוויטש.

דעמלט איז אַרײַנגעקומען מאָניעק מיט עלעגאַנטע, טאַנצנדיקע טריט. ער האָט זיך אַ נויג געטאָן און אויסגערופן:

— אַ נאָ וואַ... פּאַנאָוויע... יעדער זאָל נעמען זײַן דאַמע דע פּאַכע...

די יונגען האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די בײַכער פון געלעכטער, און בערעלע קעלבאַס מיט די גנבהשע אויגן און ווײַסע ציין, וואָס האָט געפירט מתים קיין קורטשעוו, האָט אַ געשריי געטאָן:

— איי, אַ רוח אין זײַן... ווי ער אַרבעט...

— אַלאָן... דאַמי נאַ לעוואָ... — האָט זיך געהערט מאָניעקס געשפּאָלטענע שטים, און די יונגען האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך די קוויטשנדיקע מיידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט לויפן אין אַלע זײַטן, ווי די קעלבער, פון פאַרשעמטקייט.

און דאָס „קיל־שטיבל“ האָט שוין איצט באַקומען דעם נײַעם נאָמען: „לעקציע טאַניעץ“. מען האָט געטאַנצט וואָסאַמאָל דרייסטער. עס האָט זיך גאָרנישט געוואָלט אויפהערן.

אַ שטרענגע אומעטיקייט איז שוין געשטאַנען אין דרויסן. דער אומעט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די סאָסנע־ביימער, וואָס האָבן אין דעם פאַרנאַכטיקן נעפּל זיך אָנגעצויגן מיט אַ שרעקיקער פרעמדקייט, און די טונקלקייט האָט זיך אָנגעטראָגן מיטן אָנגעברענטן ריח פון זשיוויציע.

שוין אין שפּעטן אָוונט איז מען ארויס פון טאַנצן, פאַרדרייטלטע מיט אַ גליקלעכן סוד אין די אויגן. מ'האָט זיך אָפּגערעדט אויף מאָרגן אָדער אויף שבת, ווען מען וועט טאַנצן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. די יונגען האָבן זיך גענומען ווער צו זײַנע פּעק, ווער צום פערד און וואָגן, וואָס האָט אויף אים געוואַרט, און יאָסעלע גאָפּ, וואָס איז געקומען נאָר צוליב רחלען דעם מלמדס טאָכטער, האָט זיך געלאָזט צו זײַנע צוויי קעלבלעך, וואָס ער האָט געפירט אין שעכטהויז אַרײַן. ער האָט זיי געלאָזט הינטערן פענצטער, ווו זיי זענען געלעגן געבונדענע און געמעקעט די גאַנצע צײַט, ווען ער האָט געטאַנצט.

דאָס „קיל־שטיבל“ איז געוואָרן דאָס פרײַלעכסטע הויז. דאָרט האָט מען געקאָנט הערן דעם גראַמאָפאָן, ווו עס האָט געזונגען און געפּייפט די פּוילישע קאָוועצקאַ. הינטערן פענצטער האָט געוואַרט אַ שטענדיק פּובליקום פון קליינע

מיידן, וואָס האָבן נאָכגעשט געטאַנצט, און פון עלטערע ווייבער, וואָס האָבן באַדויערט זייער יונג לעבן, וואָס „זיי זענען געווען פאַרנאַרישט ביי זייערע פאַנאַטישע עלטערן"...

אָבער דאָס טאַנצן האָט מאָניעקן געשאַדט. איינמאָל, ווען די טענצערס זענען געקומען, איז מאָניעק געלעגן אויפן בעטל, אַרומגעלייגט מיט אייז, אויף זיין פאַרמעטן פנים איז געלעגן אַ פאַרטראַכטקייט פון אַן אַנדער וועלט.

זיינע שוואַרצע, גוטע אויגן האָבן אָנמעכטיק אַרומגעבלאָנדזשעט. ער האָט עפּעס געוויזן מיט אַ געלער, פלאַטשיקער האַנט. פּעסעלע איז געווען פאַרווײנט:

— ר'איז פאַרביי... מאָניעק... דאָס טאַנצן וועט ברענגען פון דער וועלט... וואָס ווילסטו... מאָניעק?...

מאָניעק האָט געוואָלט, אַז זיינע שילער זאָלן טאַנצן אָן אים און אַזוי איז געבליבן.

מ'האָט אָנגעשטעלט אויף דעם גראַמאָפאָן די פּאָלקע מיטן וואַלס און מ'האָט געטאַנצט. מאָניעק האָט געקוקט פונעם בעטל, ווו ער איז פלאַך געלעגן אָן אַ קישן, און זיינע טרוקענע, פאַרברענטע, שוואַרצלעכע ליפּן האָבן געמורמלט:

— ראַז... דוואַ... טשי... ראַז... דוואַ...

מ'האָט דאָסמאָל לאַנג געטאַנצט. איינגיכן האָט באַדאַרפט זיין די חתונה ביי סאַלטשע שפּינאַק. מען האָט שוין צעשיקט בילעטן, ווען „עס וועט שטאַטפינדן די האָכצייט"... און אַלע האָבן געוואָלט קאָנען טאַנצן.

דערפאַר איז געווען ענג און מ'האָט זיך געטראָטן אויף די פיס. איין מויד האָט שוין אפילו געשאָלטן די יונגען מיט די „אָקסענע פיס". זי איז געזעסן אין אַ ווינקל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן זאָק און געלייגט קאַלט וואַסער צום רויטן, גראָבן פוס:

— דער פויערן־יונג איז מיר אַרויף מיטן שטיוול... כ'על נישט קענען גיין אויף דער חתונה...

ווייבער האָבן אַריינגעקוקט מיט בלויע, שעלטנדיקע מיילער, און אַ פאַרשטויבטער שיכורער גוי מיט קורצע, אַרומגעפוצטע הויזן, האָט אַריינגעשריגן:

— טאַטעלע... מאַמעלע... מאַזעל טאָפּ...

די יונגען מיט די מיידן האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי זענען שוין אויף דער חתונה. מ'האָט זיך געדרייט, געפּאָמפּעט מיט די הענט און אַרויסגעשטעלט גראָבע פיס, דרייענדיק איידל מיט די קעפּ, מיט פאַרריסענע נעז, ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט גיסן.

ס'איז שוין געווען גוט טונקל אין שטוב, און די יונגען האָבן זיך צעוואַ־רעמט. טייל האָבן געדריקט די מיידן צו זיך, און ביי די מיידן האָבן אַלע מאָל געפּלאַצט די בענדלעך פון די זאָקן.

מ'האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי שטיל ס'איז געוואָרן אַרום מאַניעקס בעטל. אַ באַזונדערע שטילקייט, אַ טיפע און אַן איינגעשפּאַרטע.

עפּעס האָט איבערגעריסן דעם טאַנץ און דאָס שווערע שאָרן פון די פיס.

עפּעס האָט זיך מאַניעקס באַז אויסגעשפּיצט. אַ בלויע אויסגעבלענטקייט האָט זיך צעלייגט אַרום דעם מויל און די אויגן, און אַ רואיקער שמייכל איז פאַרגליווערט געבליבן. פּעסעלע האָט נאָר אַ הייב געטאָן זיין קאָפּ פון דעם בעט־געוואַנט צו איר ברוסט, און דער קאָפּ איז צוריק שווער און האַרט געפאַלן. אין איין מינוט איז ליידיק געוואָרן די שטוב.

פון ערגעץ צווישן די שטרענגע, פינצטערע סאָסנע־ביימער האָט שווער גע־וואָיעט אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט.

* * *

די זעלבע יונגען, וואָס האָבן געטאַנצט, האָבן מאַניעקן מיט אַ שוואַרץ געוואָרן, צווישן טאָג און נאַכט, אַרויפגעלאַדעוועט אויף אַ וועגעלע קיין קור־משעוו. דאָס וועגעלע האָט געקרעכצט אינעם טיפן שוואַרצלעכן זאַמד פון דעם שטויביקן וועג, און די לאַנגע, שוואַרצע מאַסע פונעם מת האָט זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזן איבער די בערגלעך און גריבער. די יונגען האָבן אונטערגעשטופּט דעם וואָגן, האָבן זיך איבערגעשריגן מיט צעריסענע שטימען פון שרעקיקע נאַכטפייגל.

פּעסעלע האָט נאָכגעשפּאַנט אינעם שווערן, שטויביקן זאַמד. עטלעכע שכנים, ווייבער און יידן, האָבן באַגלייט. זיי האָבן פּעסעלען געהאַלטן פאַר די הענט און אָנגעשטאַנען, זי זאָל צוריקגיין. ארום האָט שנעל געפינצטערט. די וועלדער זע־נען געוואָרן פרעמד און שרעקיק. אָבער פּעסעלע האָט מיטאַמאָל באַקומען אין זיך עפּעס אַ ווילדן כוח.

די יונגען האָבן שוין איצט געשמיסן די פערד, און דער וואָגן מיטן מת איז געוואָרן וואָס ווייטער פון פּעסעלען. זי האָט אָבער נישט אויפגעהערט נאָכ־צולויפן. כאָטש דער געהויקערטער וואָגן מיט איר מאַניעק איז שוין געווען ווייט פון איר.

זי האָט אויסגעצויגן די הענט און אַריינגעוויינט אין דעם שטויביקן טונקל:

— כ'וועל אפילו נישט זען, ווו זייגע ביינער ליגן... גיין... גיין...

מיטאמאָל האָט זי דערזען, אַז זי איז אַליין, און נאָר פונדערווייטנס האָט זי קוים מיטן אויג געקאָנט דערכאַפּן דעם שווארצן פלעק פון דער משונהדיקער לוויה. פעסעלע איז געלאָפן מיט צעפלאָשעטע האָר און מיט אַן אַראָפּגעלאָזן טוך איבער די אַקסלען. זי האָט ערשט איצט, אין דער מינוט, דערפילט, אַז זי האָט מאָניעקן פאַרלוירן אויף אייביק.

די יונגען האָבן געוואָלט וואָס גיכער פטור ווערן פונעם עלנטן מת. זיי האָבן געוואָלט, ווי עס האָט ביי זיי געהייסן, „אָנפייפן“, אָבער פעסעלעס שרעקלעך געשריי האָט זיי דעריאָגט, און זיי האָבן אָפּגעשטעלט דעם וואָגן. פעסעלע איז געלעגן אינמיטן וועג אויפן זאמד. דעמלט האָבן זי די יונגען ארויפגעפאקט אויפוואָגן און אַוועקגעזעצט צווישן זיך. איר קאָפּ איז אונטערגעשניטן געוואָרן און פארלוירן זיך געוויגט צווישן זייערע אקסלען.

* * *

פון דעמלט אָן שטייט דאָס הויז ליידיק און פארלאָזן. דער שווארצער שטויב פרעסט, און די פאַרקלאַפּטע טירן און פענצטער דערציילן און וואָרענען. און אין די טונקעלע הארבסט־טעג, ווען עס רוקן זיך אָן די שרעקיקע טעג פון יום־כיפור, קומט אַראָפּ פעסעלע פון ווארשע. די שכנים דערקענען זי נישט. אַנדערע מענטשן וווינען שוין דאָ ארום. פעסעלע איז אלט געוואָרן, און טיפע קנייטשן האָבן צעאקערט איר פנים. זי טאפט די טירן מיט די פארקלאפטע פענצטער פונעם הויז. און קיינער ווייסט נישט, וואָס זי זוכט דאָ אין דעם חרובן הויז...

# אליהו און זיין ווייב

דאָס געוועלבל איז אַ קליינס, אַ שמאָלס, אַ פינצטערס. פון די פּאָליצעס קוקט אַראָפּ אָן אומעט, וואָס ליגט אויף די אַלטע, אויסגעריבענע שאַכטלען, פּאַפּירענע פּעקלעך און הילצערנע קעסטעלעך. אויף דער וואַנט הענגט נאָך פון די אַלטע, רוסישע צייטן עפּעס אַ פון פליגן פאַרפּינטלטע רעקלאַמע, וווּ אַ דאַמע מיט צו לאַנגע, נאַקעטע הענט, רויכערט ציגאַרעטן און בלאָזט מיט רעדעלעך רויך, און ביי דער זייט שטאַרט אַרויס אַ האַלב־אָפּגעריסענער אויפשריפט אויף רוסיש: „סטאַמבאָלי“.

די פּאָדלאָגע איז אַ שטיינערנע און יאָגט זומער און ווינטער מיט קעלט און פייכטקייט, ווי פון אַ קעלער. אַ גאַנצן טאָג, זומער און ווינטער, זיצט דאָס ווייב אין געוועלב. זי איז אָנגעטאָן אין אַ שווערן שפּענצער מיט אַ וואָלן טוך אויפן קאָפּ. זי זיצט און שטריקט מיט לאַנגע שפּיזלען, אירע אויגן זענען בייז, און די לאַנגע נאָז איז בלויליך, ווי זי וואָלט געוועזן פון שטאָל.

דער מאַן איז אַ קליינער, אַ האַלבער הויקער. ער גייט גיך און פלינק. ער האָט אַ קליין קאַרג בערדעלע פון עטלעכע האָר. ער האָט מורא פאַרן ווייב און דרייט זיך אַרום איר, ווי אַ קליין הינטעלע אַרום אַ גרויסן, בייזן, ערנסטן הונט.

זי גלאַנצט מיט די בייזע, שטאָלענע שפּיזלען און דרייט אַ קנויל גרויען ביינוול.

דער מאַן שטאַמלט. ער הייבט אָן רעדן גיך, פאַרהאַקט זיך ביי קופן, ביי למדן און וואָוון. דעמלט מאַכט ער צו די אויגן, שפּאַרט זיך אָן מיט זיין קורץ הענטל אין די קני און הייבט אָן צאַפּלען מיטן בערדעלע.

נאָך יעדן סוחרישן עסק, וואָס דער מאַן דערציילט איר, דערלאַנגט זי אויף אים אַ קוק, פון וועלכן ער ווערט נאָך קלענער און פינטלט לאַנג מיט די אויגן.

יעדן קונה, וואָס קומט אַריין אין געוועלבל, האַלט זי פאַר אַ גנב, וואָס איז „געקומען אויסקוקן“. זי קוקט אויף אים מיט ווילדער שרעק און איז גרייט צו מאַכן אַ געוואַלד.

וואָס פאַר א פּרייז דער מאַן זאָל נישט זאָגן, האַלט זי, אַז ס'איז ווייניק:

— וויפל קאָסט דאָס? — פרעגט דער קונה.

— ד־ד־ד־אָס קאָסט... — און איידער ער באַוויזט זיך צו פאַרהאַקן, גיט צו די יידענע:

— מיט פופציק גראָשן...

צו יעדן פּרייז, וואָס דער מאַן זאָגט, לייגט זי צו עטלעכע גראָשן, גלייבנ־דיק, אַז ער גיט אַוועק אומזיסט. דער מאַן נעמט דאָס איבעריקע געלט און עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס געלט ברינט אים די פינגער, אָבער פאַרן ווייב האָט ער נאָך מער מורא, און ער פינטלט לאַנג מיט די אויגן און ער מורמלט עפּעס א שפּרוך, אַז גאָט זאָל אים מוחל זיין.

* * *

טיילמאָל ווערט זי ווייך און הייבט אָן אויף איר באַס צו רעדן צום מאַן. זי רעדט מיט א שווערן ניגון, אַזוי ווי וויינענדיק. איר נאָז ווערט פייכט, קלינגט צו, אַזוי ווי א רינע פון א דאַך בעת עס רעגנט. זי האָט ליב צו רעדן שרעק־לעכע רייד, ווי מען רעדט ביי א טויטן, אָדער ווי עס רעדט א נביא.

— אליה... — הייבט זי אָן, — אליה. אַן אומגליק און א פינצטערער צאָרן האָט זיך אָנגערוקט אויף מיר... אליה... דו וועסט מיך טרייבן יונגערהייט אין דער ערד אַריין, און לעבעדיקע ווערעם וועלן פרעסן מיין לייב... אליה... איך פיל, ווי דאָס האַרץ פּלאַצט אין מיר... און מיין בלוט ווערט פאַרקילט אין די אָדערן... אליה... כ'האָב דיר געזאָגט, זאָלסט נישט קויפן די קליינע מעסערלעך גומער זיבעצן... ווייל קיינער נעמט זיי נישט אין די הענט אַריין... אליה... פאַרוואָס האָסטו אַזאַ מערדעריש האַרץ... אַז דו האָסט גענומען אַ שוואַך פרויענצימער, וואָס קוים זי פּאָכעט מיט דער נשמה... האָסט דיך אָנגעזעצט אויף א קראַנקן, צעבראָכענעם שאַרבן... און ווילסט אים נאָך טרייבן פון דער וועלט... אליה... וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט... זאָלסט נישט מאַכן מיט יענקעלע גנב קיין געשעפטן און דו שטופּסט אין אים אַריין א פאַרמעגן... בכן... דו טרעפסט זיך מיט אים ביים רבין און עסט שיכורהט דאָרט ביידע אַרום... נעם זשע בעסער א האַק... און האַק מיר אָפּ דעם קאָפּ, וועסטו באַלד זען מיין סוף... און דו וועסט פּטור ווערן...

נאָך דעם לאָזט זי אַרויס א מוראדיקן יאָמער אויף טיפע אונטערשטע טע־נער און נאָר פון אויבן פּישטשעט צו א דינע באַגלייטונג, גלייך ווי איר מעטא־לענע נאָז וואָלט צוגעקלונגען...

אליה שטייט אין ווינקל, ווי א קינד, מיט זיין קליין, הויקערדיק קעפּעלע, זייגע אויגן זענען אויפגעריסן פון שרעק. ער ווייסט נישט וווּהין צו קוקן. רעדן רעדט ער גאָרנישט. די עפּלעכע שיטערע האָר אויף דער גאָמבע ציטערן, און אַזוי שטייענדיק, ווילט זיך אים שטאַרק זיך צעוויינען. דאָס אומרעכט, וואָס גייט פון דער שווערער, אייזערנער יידענע, שטעכט אים מיט אַ מעסער אין סאַמע האַרץ. עס דאַכט זיך אים, אַז עמעצער האָט אים פאַרקויפט צו אַ גרויסן, שלעכטן גוי, אַזוי ווי די ברידער האָבן פאַרקויפט יוספן צו די מצרים.

אינמיטן פאַרגייט אים דער ריח פון קיכלעך מיט הערינג און בראָנפן, וואָס מען פאַרקויפט אין דער אכסניה, ווען מען פאָרט צום רבין, און עס ווילט זיך אים שוין נעמען דאָס שוואַרצע, חסידישע וואַליזקעלע מיטן רויטן טיכל, מאַכן אַ קלימיקל און אַנטלויפן.

— יידן, געוואַלד! — וועט ער שרייען, — ראַטעוועט מיך אַרויס פון אירע הענט... רבי... הייליקער רבי... כ'וועל דאָ ליגן ביי אייך אויף דער האַרטער באַנק... כ'וועל אַרבעטן שווער ווי אַ קנעכט... כ'וועל עסן דעם דריטן טאָג אַ שטיקל טרוקן ברויט...

ער ווייסט אָבער, אַז דאָס אַלץ וועט נישט העלפן, אַז אין אָוונט וועט זי זיצן ביים לעמפּעלע, וואָס באַשלאָגט איר ציגל־פּנים מיט אַ שוואַרצלעכער רויט־קייט. דער גראָבער שפּענצער וועט פון היגטן אָפּשטיין פון אירע גרויע, בייזע האָר, ווי זי וואָלט געהאַט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ. פאַר איר וועט ליגן דאָס גראָבע, צעראַטענע גאָטיץ־ביכל. זי וועט זיצן מיט אַ קאַנטיקן, סטאָליאַרסקן בלייפעדער און שרייבן ציפערן מיט אותיות. די אותיות קומען ביי איר אַרויס ווי הענגענ־דיקע הערינג.

דערנאָך וועט זיך דערהערן איר מוראדיקער באַס:

— אליה... האָסט גוט פאַרשלאָסן... אליה... זיי נישט צעמישט... אליה... מ'וועט אונדז בדלות שטעלן... אליה... דאַוון אָפּ מעריב און לייג זיך. ס'טניש קאָנען אויפשטיין אין דער פרי... אליה...

* * *

הונדערטער וועלטער שפּרינגען אים אַרום אין קאָפּ, רייסן זיך צו איר אַזוי ווי פויסטן. ער וואָלט געוואָלט זי פאַרשיטן, פאַרברענען מיט ווערטער... אָבער אַרויסברענגען קאָן ער קיין איין וואָרט נישט. דעמלט ווערט ער מיטאַמאָל פריי פון אַלעם. ער וואָלט שוין באַשטאַנען צו זיין אַ גוי... אַ פּראָסטער גוי... אַזוי ווי דער סטרוזש וואַלענטי... דעמלט וואָלט ער געשלאָגן דאָס ווייב... געשלאָגן...

ער פארהויכערט מיטאמאָל א פאפיראָס, שטעקט אריין די הענט אין די הויזן־קעשענעס. די ציצית הענגען ביי אים אראָפּ אויף קוראזש. ער פארדוקט דאָס קלייגע היטעלע און בלאָזט דעם רויך מיט רעש און עזות.

ער לויפט ארום אויף זיינע קליינע פיסלעך, ער איז אויפגעברויזט און האָט נישט מורא פאר קיינעם. ער גלייבט, עס וועט קומען א „יענע וועלט“, ווו ער וועט זיין דער מאנצפארשוין... דאָרט... דאָרט וועט ער איר ווייזן... דאָרט וועט ער באקומען זיין לוין...

# אָרעמע מענטשן

אַלע אָוונט איז מען אַהיימגעגאַנגען פונעם שפּאַציר פון „יענע גאַסן". דער וועג האָט געדויערט לאַנג ביז צו דער שמאָלער, טונקעלער, אומעטיקער הינטערגאַס, וואָס איז שוין אין דער שפּעטער, נאַכטיקער שעה, געלעגן אַ האַלב־ליידיקע, מיט אַ קרומער שורה געלע, צאַנקענדיקע לאַמטערן.

משה האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם, שווייגנדיק, ביז צום טונקעלן, האַלב־איינגעפאַלענעם טויער. דאָ ביים טונקעלן ליכט פונעם לעמפּל האָבן זיי זיך געזעגנט, און זי איז פאַרשוואונדן אין דעם לאַנגן, אומעטיקן הויף. טיילמאָל, ווען דער טויער איז שוין געווען געשלאָסן, האָט מען נאָך געוואַרט, ביז וואַנען דער סטרוזש האָט געעפנט. מען האָט זיך געהאַלטן פאַר די הענט, מען האָט געזוכט קליינגעלט פאַרן סטרוזש, און משה האָט געפונען די עטלעכע גראָשן. דערפאַר האָט ער שוין נישט געקויפט קיין בייגל ביי די פאַרשפּעטיקטע בייגל־הענדלער, וואָס האָבן נאָך אין דער נאַכט אַרומגעוואַנדלט מיט זייערע קוישן. אַזוי האָט מען זיך געזען אַלע טאָג. מ׳האָט זיך באַגעגנט אויף דעם שטענדיק־אָפּגערעדטן אָרט, ביים ראָג פונעם געסל, נאָך דער אַרבעט, אַחוץ שבת, ווען משה איז אַרויפגעקומען צו איר אין שטוב.

לאה האָט געוווינט ביי אירע עלטערן אין די צוויי קליינע שטיבלעך. דער שבתדיקער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן שפּעט, ווייל ביידע זענען זיי מיד געווען פון דער אַרבעט אַ גאַנצע וואָך. און נאָך שבת, ווען משה איז אַרויפגעקומען, האָט אים שוין די מאַמע לאהס באַגעגנט ביי דער טיר מיט די זעלבע ווערטער:

— גוט וואָס דו ביסט געקומען... סט׳עסן אַ ביסל ציבעלעס... סט׳עד מחיה זיין...

לאה איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן אָנגעטאָן. ער האָט שוין געוווּסט, אַז זי איז נאָך אין דער קורצער, בלויער האַלקע, פון וועלכער אירע פיס האָבן אויסגעזען מאָגערע גרויסע און ווייסע. זי האָט זיך אַלע מאָל שנעל פאַרבייגעטראָגן פאַר אים. יעדעס מאָל אַ גלעט געטאָן מיטן נאַקעטן עלנבויגן איבער די האָר.

אינעם צווייטן שטיבל איז געלעגן דער קראַנקער פֿאָטער. מ'האָט שוין נישט געפֿרעגט, וואָס ער מאַכט, ער איז געלעגן, דעם קליינעם ווי איינגעשרומפּענעם קאָפּ פֿאַרריסן אַרויף, מיט דעם גרויען בערדל, וואָס איז געווען העלער פֿונעם בעטגעוואַנט. זיינע אָנגעווייטיקטע אויגן האָבן אויסגעזען ווי צוויי טיפֿע לעכער. ער האָט געקוקט אויף משהן מיט אַ בייגעריקייט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט עפּעס פֿרעגן. משה האָט שוין געקענט דאָס ווינקל מיט דעם קראַנקן. ווי אַלע אין שטוב, איז ער שוין געווען געוווינט און גלייכגילטיק, אָבער דער בליק פֿון דעם קראַנקן האָט אים באַגלייט אין אַלע זייטן, ווו נאָר ער האָט געווענדעט זיינע אויגן.

משה איז אויפֿגעשטאַנען פֿונעם אָרט און גענומען באַקוקן די בלויע, אָפּגעריבענע ווענט פֿון דער שטוב. אין דער זייט ביי דער וואַנט איז געשטאַנען אַ נישט פֿאַרבעט בעט, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסלעכער, פּיקענער קאָלדרע. דאָס איז געווען לאהס בעט. אין דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַן אַלטע קאָמאָדע מיט צוויי מעשענע לייכטער. איבער דער קאָמאָדע, אויף דער וואַנט זענען געהאָנגענע, אַלטע פֿאָטאָגראַפֿיעס. משה האָט געקענט די אַלע פֿאָטאָגראַפֿיעס. איינע, אויף וועלכער ס'איז געווען צו דערקענען די גאַנצע משפּחה, און לאה, אַלס קינד, איז דאָרט אויך געשטאַנען, מיט צוויי דאַרע צעפּעלעך און אַ פּילקע אין דער האַנט. אויך דער פֿאָטער איז געזעסן מיט אַ צעקעמטער באָרד. אים איז שוין שווער געווען צו דערקענען. אויך די מוטער איז געזעסן מיט אַ הענגענדיקער האַנט איבער דער שויס, מיט אַן אויסגעקעמטן, האַרטן קאָפּ און אויפֿגעריסענע ווי דערשראָקענע אויגן.

די אַלטע האָט זיך צוגערוקט צו משהן, און אָנשפּאַרנדיק צוויי פֿינגער אין דער געלער איינגעפֿאַלענער באַק, האָט זי אַ קוועל געטאָן:

— משה... דאָס זענען מיר אַלע... נאָך פֿאַר דער מלחמה... אַ ביסל אַנדערש אויסגעזען... אַ...?

זי האָט אַ קרעכץ געטאָן:

—און ער האָט נאָך אויסגעזען, ווי אַ שטיקל מענטש... — האָט זי אַ וויז געטאָן אויפֿן קראַנקן מאַן. — ער האָט נאָך געבער געוואָלט דערלעבן... דאָס שטיקל נחת פֿונעם מיידל... פֿון לאהן...

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער ניי־מאַשין, וואָס איז געווען צוליב שבת איבערגעדעקט מיט אַ שטיקל ליילעך, און געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער עס איז אָנגעקומען לאה. זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו משהן מיט אַ שמייכל און געקוקט אויף אים מיט אַ מאָדנע וואַרעמען און פֿאַרטראַכטן בליק. דאָ האָט מען מיטאַמאָל דערהערט, ווי די מאַמע וויינט. דאָס איז געווען אומגעריכט. משה האָט נישט געוווסט, וווהין צו ווענדן דעם קאָפּ. ער האָט געזוכט לאהס בליק, אָבער

לאה האָט זיך איצט אויך פאַרקוקט אהין צו דעם קראַנקנס בעט, ווו דער קראַנ־קער האָט איצט געפּרווט אויפהייבן דעם קאָפּ. זיינע אויגן האָבן געקבערט מיט אַ באַזונדערן כּוח. די ערשטע האָט לאה אַ זאָג געטאָן:

— הער שוין אויף, מאַמע... זע נאָר... משה איז אַרויפגעקומען... האָסטעך עם געוואָלט געבן עפּעס צ'עסן...

און מיטאַמאָל האָט זי האַסטיק אַ שפּאַן געטאָן צום קראַנקן, האָט זיך אָנ־געבויגן איבער אים און אַ געשריי געטאָן:

—וואָס איז... טאַטע...?

אויך די אַלטע האָט אַ לויף געטאָן צום קראַנקן.

משה איז געבליבן זיצן אויף דער שטול. אַזויפיל טעג איז ער שוין דאָ אַרויפ־געקומען און ערשט איצט, צום ערשטן מאָל, האָט דאָס ווינקל, ווו דער קראַנקער ליגט, אַרויסגערופן אַ גערודער.

שוין פון צוויי יאָר, זינט מ'האָט אים דעררהאַטעוועט און דערהאַלטן ביים לעבן, איז ער שוין געליימט. לאה האָט אים אין די ערשטע טעג פון זייער באַ־קאַנטשאַפט, אויף די ערשטע שפּאַצירן, שוין דערציילט וועגן דעם קראַנקן טאַטן: ווי לאַנג ער איז געווען געזונט, האָט ער געאַרבעט אין דער פאַבריק, און שוין דערנאָך, ווען ער האָט אַנגעהויבן קרענקען, האָט ער נאָך געהאַנדלט אין גאַס. אַ צייט איז ער געלעגן אין שפּיטאָל. אָבער פון זינט עס האָט עפּעס געפּלאַצט ביי אים אין קאָפּ, ליגט ער אַזוי אין דעם ווינקל. זיין בעטל איז שוין ווי אייגעוואַקסן אין דער שטוב, און נאָר זיין בליק וואַנדלט אַרום.

ווען משה איז דאָס ערשטע מאָל אין דער שטוב אַריינגעקומען, האָט אים לאה צוגעפירט צו דעם בעט און געזאָגט:

— דאָ ליגט דער טאַטע...

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— שוין... ס'איז נישטאָ וואָס צו קלערן... ס'עט שוין פון אים גאָרנישט זיין...

און איינמאָל, ווען די מוטער איז אַראָפּגעגאַנגען, און משה איז געבליבן מיט לאהן אַליין, האָט זי אים אַרומגענומען.

— דער טאַטע... — האָט משה אַ זאָג געטאָן.

לאה האָט לאַנג און פאַרקלערט געקוקט אויפן טאַטן און געענטפערט:

— וואָס ווייסט ער דען?...

פון דעמאָלט אָן האָט שוין משה מער וועגן דעם טאַטן נישט געפרעגט.

איצט האָט זיך משה אויפגעהויבן פונעם אָרט און האָט זיך צוגעקוקט, ווי ביידע פרויען האָבן זיך געבויגן איבערן קראַנקן, און מיטאַמאָל האָט ער דער־הערט עפּעס אַ קלאַנג, אַזעלכן, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אין דער שטוב נישט

געהערט, עפּעס ווי אַ קרעכץ מיט אַ הוסט צוזאַמען. באַלד האָט זיך דער קלאַנג איבערגעחזרט, און משה האָט מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ דערהערט אַ מענערישע שטים, וואָס האָט אָנגערופן זיין נאָמען:

— מ—ש—ה...

די שטים איז געווען אַ ראַציקע, מיט א צאַפּל פון א דערשראָקן געוויין.

ביידע פרויען האָבן זיך מיט אויפגעריסענע אויגן דערנענטערט צו משהן, די מוטער איז נאָך געווען פאַרקרימט פון וויינען, און לאה האָט ווי געשמייכלט דורך טרערן.

זי איז צוגעגאַנגען צו משהן און אין אַ מאָדנער פאַרלעגנהייט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און מיט א צעריסענע שטים פון שרעק און פרייד אויסגעשריגן:

— דער טאַטע... דער טאַטע רופט דיך... משה...

און ביידע פרויען האָבן גענומען משהן אונטער דער האַנט.

דער קראַנקער איז איצט האַלב געזעסן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּרייסן פונעם בעט. זיין קאָפּ איז געווען אויפגעהויבן, און די צעפּלאָנטערטע האָר זענען געלעגן אויף דעם ווייסן ווי אויסגעריבענעם שאַרבן, אַזוי ווי טרוקענע דרימען פאַרעם. משה האָט זיך מיט אַ טרייסלענדיק האַרץ אָנגעבויגן צו אים און פּלוצלונג האָט זיך דעם קראַנקנס ווייסע, קאַלטע און פייכטע האַנט אַ גליטש געטאָן איבער זיין פּנים. אַ ריח פון טויט-שרעק האָט משהן אַ זעץ געטאָן אין דער נאָז, און ער האָט נאָכאַמאָל דערהערט דעם שרעקיקן קלאַנג, וואָס איז ווי אַרויסגעפאַלן פון צווישן די גרויע, שיטערע האָר פונעם קראַנקנס באָרד. משה האָט אָנגעכאַפּט לאהס האַנט. ער האָט מיטאַמאָל דערזען איר לויכטנדיק פּנים:

— אוי... טאַטע... — האָט זי שטיל געזאָגט.

און דער קראַנקער האָט, צוזאַמען מיט אַ קאַלטן, טויטלעכן אָטעם, אַרויסגעשטאַמלט:

— אַ ה—ו—פּ—ה...

און ווידער איז די ווייסע, קאַלט-וואַרעמע האַנט אַריבער איבער זיין פּנים.

אין דער מינוט זענען ביידע קעפּ פון די פרויען צוגעפאַלן צו אים. די מוטער האָט מיט אַ מאָדנעם, פאַרטראָגענעם כוח אַ כאַפּ געטאָן דעם קראַנקנס האַנט און יי אַריינגעלייגט אין משהס. און עפּעס אַ שוואַרצער, הייליקער, שרעקיקער שאָרך האָט זיך דערטראָגן אין דער לופט. צום ערשטן מאָל אין דער קעגנוואַרט פון דער מאַמען האָט לאה אַרומגענומען זיין האַלדז, אירע הענט זענען איצט געווען וואַרעמע און ווייכע, און דער ריח פון איר לייב איז געווען אַ נאָענטער און פרעמדער, ווי דער ריח פון אַ ווייב.

מיט פאַרמאַכטע אויגן איז משה אַרויס פון דעם ווינקל. ער איז געלאָפן מיט שפּרינגענדיקע טריט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעטרונקען מיט עפּעס אַ שטורעמדיקן וויין. ער איז צו ביז דער טיר, דאָ איז ער צוגעפאַלן צו דער וואַנט, און ער האָט דערהערט דאָס צערייסענע געשריי פון דער אַלטער:

— מענטשן האַרצעדיקע... ער האָט דאָך גאָר וואָס געלעבט... מענטשן...


PARIS

# ראַשקע

ניין יאָר איז ראַשקע אַלט געווען, ווען אין אַ הייסן זומערדיקן נאָכמיטאָג האָבן זיך אין געסל אַרייַנגעלאָזן אַ טשאַטע ווייבער מיט אַ יללה און אַ געזאַנג פון באַוויינען אַ טויטן. זיי האָבן געטראָגן אַ פּאַק שמאַטעס מיט בעטגעוואַנט, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געלאָזט צו דער קליינער ראַשקען.

יעדע פון די ווייבער האָט זי אַ טוליע געטאָן צו דעם וואַרעמען פּאַרטער, איר אַ וויש געטאָן דאָס נעזל און געפרעגט:

— אפשר וועסטו עפּעס עסן... יתומה?

פון דעם טאָג אָן האָט מען שוין ראַשקען גערופן: יתומה.

דער מאַמעס לוויה געדענקט זי קוים. זי האָט נאָר געזען, ווי אין דעם שפּיטאָל-הויף, צווישן די ווייסע, שרעקיקע הייזער, האָט מען געטראָגן עפּעס אַ לאַנגע, שוואַרצע זאַך, מען איז געגאַנגען אייליק, גלייך מען וואָלט געוואָלט שנעל עפּעס אָפּטאָן. ראַשקע געדענקט, ווי אין יענעם טאָג איז זי מיט די ווייבער פונעם געסל אָפּגעשטאַנען דעם גאַנצן ליכטיקן זומער-טאָג אין דעם גרויסן גאָרטן פונעם שפּיטאָל-הויף. זי האָט נישט געגעסן און שטאַרק געוואָלט שלאָפן, אָבער די ווייבער האָבן זי שלאָפן נישט געלאָזט. מען האָט זי געוועקט מיט קניפּן און שטאָרכן און איר כסדר געהייסן וויינען. ראַשקע האָט געוויינט, כאָטש אַחוץ שלעפעריקייט, האָט זי נישט געפילט קיין שום שלעכטס. ס'איז איר אַפילו זייער געפעלן דער שפּיטאָל-הויף מיט די גרינע, רוישנדיקע ביימער.

ווען זי איז מיט די ווייבער צוריקגעקומען אין געסל אריין, איז שוין געווען פאַרנאַכט. ערגעץ אין א גרוי, אומעטיק הויז האָט די זון אָנגעצונדן א פענצטער. די ווייבער האָבן זי געפירט דורכן בית-עולם, ווו זי האָט געזען אַ געל בערגל זאמד. דאָ האָט געשמעקט מיט ערד און שטילער שרעק. דאָס געסל איז געלעגן א טונקלס, מענטשן האָבן גערוישט. מאַמעס מיט קינדער זענען געזעסן אין די רינשטאָקן, און איבער זיי, ביי די ברעגן פון דער שטאָט, אין דער ווייט, האָבן געדרימלט פעלדער.

ראַשקע איז געשטאַנען אין מיטן געסל, די ווייבער האָבן געוויינט און געשריגן: יתומה. דבורהלע די גבאיטע האָט זי געהאַלטן פאַר אַ האַנט, און חוהלע די קצבטע האָט איר מיט האַרטע, פֿרעמדע פֿינגער געפֿלאָכטן דאָס צעפּל. פֿון די אַרומיקע געוועלבלעך האָט מען איר געבראַכט צו עסן. ראַשקע האָט געגעסן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן פֿון מידקייט, און די ווייבער האָבן זי געפֿירט פֿון שטוב צו שטוב. ראַשקען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט עפּעס אָפּגעטאָן אַ שלעכטס זאַך, פֿאַר וועלכער מען וועט זי ערשט באַשטראָפֿן.

דערנאָך איז זי אַנטשלאָפֿן געוואָרן אין ערגעץ אַ שטוב, אויף עפּעס אַ באַנק.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך איר געחלומט, אַז איר מאַמע לויפֿט ערגעץ אין אַ שוואַרצער גאַס, און זי, ראַשקע, לויפֿט נאָך איר... ראַשקע האָט נישט קיין כוח נאָכצולויפֿן דער מאַמען... די מאַמע פֿאַרשווינדט אין דער פֿינצטער...

אין דער פֿרי האָט זי אַ פֿרעמדע ייִדענע געצוואָגן און געקעמט מיט אַן אייזערנער קאַם. די קאַם האָט געשטאָכן, און ס'האָט איר וויי געטאָן. דערנאָך האָט ראַשקע פֿון אַ סך טרעפּ אַראָפּגעטראָגן אַ גרויסע שווערע שיסל מיסט. ס'איז איר געווען שווער צו טראָגן, און זי האָט זייער געבענקט נאָך דער מאַמען, און נאָך דער היים אינעם קעלער-שטוב, וווּ מ'האָט נישט געדאַרפֿט גיין אויף קיין טרעפּ.

פֿון דעמלט אָן האָט ראַשקע געקענט אַלע שטובן פֿונעם געסל. קיין שום טיר איז פֿאַר איר נישט געווען פֿרעמד, און אין אַלע שטובן, וווּ זי איז אַריינגעקומען, האָט מען איר עפּעס געהייסן טאָן. זי האָט געוואַשן פֿאַדלאָגעס, און די באַלעבאָסטעס האָבן צו איר גערעדט ווייך און זיס:

— ראַשקעשי... האָסט דאָך איבערגעלאָזט די גאַנצע בלאָטע... נו, איז דאָס אַ תּכלית?... כ'וויל דאָך נאָר דיין גוטס... דו זאָלסט זיך עפּעס אויסלערנען... נעם און וויש איבער נאָך אַמאָל...

— ראַשקעשי... לויף אַראָפּ מיטן טשאָלנט צום בעקער...

ראַשקע איז געווען אומעטום. זי איז געווען אין אַלע הייפֿלעך. זי איז געלאָפֿן, געשפּרונגען, זי האָט געשטויסן פֿעפֿער און צימערינג, געוויגט קינדער. מ'האָט זי נאָר געדאַרפֿט אַ רוף טאָן. און טאָמער איז זי ערגעץ נישט געווען אונטער דער האַנט, האָט מען זיך אויף איר געבייזערט:

— וואָס פֿלאָטערסטו אַרום... כ'שריי מיר אויס דעם האַלדז, און דו ביסט ערגעץ פֿאַרפֿאַלן...

ראַשקע האָט געטרוימט באַלעבאַטישע שטובן, און דאָ האָט זי דערזען בייע, נאָך פֿאַר איר נישט באַקאַנטע זאַכן, וועלכע זי האָט קיינמאָל אין איר לעבן נישט געזען. זי האָט זיך צוגעצירט צום פֿרעמדן פֿאַרמעגן, און זי האָט דערביי געפֿילט אַ מאָדנע אומרואיקייט, ווי די זאַכן וואָלטן געווונקען צו איר. זי האָט אַריינגע-

שטעקט איר קאָפּ אין די שטרענגע, טונקעלע, פּרעמדע שענק, וווּ ס'זענען געהאָנגען גלאַטיקע קליידער. זי האָט געשפּילט מיט פאַרבן און יום־טובדיק געשמעקט. עס זענען געשטאַנען זילבערנע לייכטער און ס'האָט אַרויסגעפינקלט ווייס, קלאָר, קיל וועש. דאָס אַלץ איז איר פרעמד געווען. די אומרואיקייט איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַ מאָדנעם פאַרגעניגן. אַממייסטן איז איר צום האַרץ געווען דאָס פאַרבלייבן אַליין אין שטוב, מיינסטן שבת נאָכמיטאָג, ווען אַלע זענען ערגעץ געגאַנגען און מ'האָט זי געלאָזט היטן די שטוב. דעמלט האָט זי זיך אַוועקגעלייגט דרימלען. זי איז נישט געשלאָפן, נאָר מאָדנע גוט איז איר געווען דערפון וואָס זי איז אַליין. דערפון, וואָס זי האָט זיך צוגערירט צו איר אייגן לייב, זי האָט אַזוי ליב געהאַט צו גלעטן זיך די הענט, די פיס, אונטער דעם האַרטן, געלאַטעטן העמד, וואָס מ'האָט איר געשענקט פאַר איר אַרבעט.

געוווינט האָט ראַשקע ביי ברכהלע די גבאיטע, וואָס האָט צוליב אַ מצווה זיך אונטערגענומען צו זיין, ווי אַן „אייגענע מאַמע“, פאַר דער יתומה, און אַז אַ יידענע פונעם געסל האָט באַדאַרפט ראַשקען, איז זי אַריינגעגאַנגען צו ברכהלע די גבאיטע און געזאָגט:

— ברכהשע... באָרגן זי מיר די יתומה אויף אַ פּאָר שעה... כ'וועל אין מיטן עפּעס אָפּדינען...

און ברכהלע האָט געבאָרגט די יתומה.

איינמאָל האָט ראַשקע געהערט, ווי די ווייבער סודען זיך וועגן איר. זי האָט אויפגעכאַפּט די פּייערדיקע בליקן זייערע, וואָס האָבן געבריט אירע אָרעמס, און ווען ראַשקע איז דערנאָך אַריינגעקומען צו ברוך צלאַפּ אין בשמים־געוועלב, האָט איר יוכבדל די זאָגערין אַ ברום געטאָן מיט אַ באַס:

— זאָג נאָר... יתומה... קאָנסט נישט עפּעס אָנטאָן, מ'זאָל דיר נישט אַרויסזען?... ס'גייט זיך אָן אַ מיגל צו קוקן?... ווי אויף הייוון וואַקסט עס... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד...

און זי האָט איר דערביי אַ פּיק געטאָן מיט אַ האַרטן, שלעכטן פינגער ביי דער ברוסט.

אין דער זעלבער נאַכט איז ראַשקע געלעגן אויף איר האַרטן געלעגער, און עפּעס אַ מאָדנע הייסקייט האָט זי נישט געלאָזט שלאָפן. זי האָט אַלץ געקלערט וועגן דעם סוד, וואָס האָט זיך אַריינגעשטאָכן אין איר, צוזאַמען מיט דעם האַרטן פינגער, ווען יוכבדל האָט איר די אומפאַרשטענדלעכע און מאָדנע ווערטער געזאָגט.

און פּלוצלונג האָט זי זיך קראַמפּהאַפט אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער ברוסט, און צום ערשטן מאָל האָבן זיך אירע הענט אָנגעפילט מיט צוויי קילע, גלאַטיקע בערג־

לעך לייב. זי האָט אַ ציטער געטאָן, אַ פּלאַם האָט איר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ, זי איז אויפגעשפּרונגען פונעם געלעגער, און ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, ביי רעם בלוילעכן, מוטנעם שיין, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטער מיטן פאַרהויכטן, קראַנקן שפּיגעלע אין דער האַנט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזן העמד איז זי געזעסן און באַקוקט איר לייב. זי האָט געקוקט מיט עפּעס א ווילדער איבערראַשונג, מיט אויפגעריסענע אויגן און אַ קלאַפּעדיק האַרץ.

אַלץ אַרום איז נאָך געשלאָפן. די וועלט איז געווען שטיל און גרוי.

אַזוי האָט ראַשקע איינגעדרימלט מיט אַן אַראָפּגעלאָזן העמד. אויף איר בלייך פּנים האָט געשוועבט דער צעשראָקענער שמייכל, און דאָס טונקעלע שפּיגעלע איז געלעגן אין איר האַלב-קינדישער האַנט.

# די גאָלדשטראָמס

שוין פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט מען נישט געביטן די טאַפּעטן. צוליב דעם האָבן די ווענט באַקומען אַ פּייכטלעך־גרינעם קאָליר, אַזוי ווי אַ שטייענדיק וואַסער. דער אַלטער, שווערער טיש מיט דעם אַלטמאָדישן, אָפּגעשאָסענעם, געבלומטן טישטעך האָט דערמאָנט אין אַן אַלט פערד מיט געבויגענע, שווערע פיס, און די געהאַפּטענע קאַנווע־בילדער אויף די ווענט האָבן אויסגעזען ווי שלעכט געוואַשן, קאָלירט וועש.

פון די ווייטערדיקע צימערן האָט אַרויסגעקוקט אַ טונקעלער אומעט, ווי ס'וואָלט דאָרט געלעגן אַן אייביק קראַנקער.

אַחוץ דעם עסצימער, זענען געבליבן נאָך צוויי: אַ שלאָפצימער און אַ קליינע שטוב, אַ טונקעלע, וווּ עס האָט זיך אויפגעהאָנגען דער יינגסטער זון באָריס. דאָרט, ביי דער צעראַטענער סאָפע, נעבן פענצטער, וווּ ער האָט פאַרוואָרפן דעם שטריק, שטייט נאָך דאָס טישל מיט זיינע ביכער, ביכער מיט אומפאַרשטענדלעכע בילדער און צייכנס, פון וועלכע ער האָט שטודירט אויף אינזשיניער. עס שטייט נאָך אויך עפּעס אַ שווערער, פאַרשטויבטער קאָרפּוס פון אַ מאַשין אָן אַ קאָפּ און אָן אַ ראָד, בלויז אַ ברייטע, אייזערנע פּלייצע מיט אַ האַלדז פון אַ גראָבער, שטאָלענער רער.

אַזוי שטייט שוין אַלץ פון לאַנגע יאָרן, זינט דאָס אומגליק איז געשען, און פרעמדע מענטשן האָבן זיך אין דעם ווילד־פרעמדן טונקעלן ווינטער־טאָג אַריינגעריסן אין דער שטילער שטוב און אַריינגעטראָגן אַ בלאָטיקן, קאַלטן שניי פון דער פרעמדער, רעשיקער גאַס. צוויי טעג איז די שטוב געשטאַנען הפקר און אָפן, און די צוויי אַלטע גאָלדשטראָמס האָבן ווי פרעמדע און צופעליקע אַרומגעוואַנדלט אַרום זייער שטוב. דאָס איז שוין אָבער געווען דער לעצטער רעש אין דער שטוב. פון דעמאָלט אָן איז שוין דאָ גאָרנישט פאָרגעקומען, און דאָס טונקעלע שטיבל נאָך דעם זון פוסטעוועט.

זעלטן פאַרקלייבט זיך אַהין די אַלטע דינסט יאַנאָוואַ, וואָס האָט אַמאָל, נאָך מיידלווייז געדינט ביי די גאָלדשטראָמס. היינט קומט זי גאָר זעלטן אויפרוימען די צימערן. און יעדעס מאָל, ווען זי עפנט דאָס קליינע צימער צוזאַמען מיט דער אַלטער גאָלדשטראָם, זעצן זיי זיך ביידע אויף דער סאָפע, און די אַלטע יאַנאָוואַ דערמאָנט זיך, וויאַזוי זי האָט עס געזויגן דעם פאַן באָרים... דעם „גיעבאָשטשיק"...

די אַלטע גאָלדשטראָם קוקט אויף דער יאַנאָוואַ מיט אירע אָנגעווייטיקטע, ווי זידנדיקע אויגן, און עס דאַכט זיך, אַז זי פאַרשטייט נישט, וועגן וועמען יענע רעדט. אָבער די יאַנאָוואַ רעדט הויך און פשוט וועגן דעם פאַן באָרים: „וואָס האָט געטאָן אַזאַ גאַרישקייט... נישט געוואָלט לעבן... מסתמא צוליב עפעס אַ מויד, אַ שלאַיע..."

די אַלטע גאָלדשטראָם זיצט און שווייגט, און ביסלעכווייז פילן זיך אירע אויגן אָן ווי מיט קאָכנדיקע טראָפנס, וואָס צעלויפן זיך איבער די צעאַקערטע קנייטשן אַרום די אויגן און דעם פאַרקוועטשטן, איינגעפאַלענעם מויל.

* * *

שטיל און שרעקיק זענען די נעכט ביי די צוויי אַלטע גאָלדשטראָמס.

פון אָנהייב אָוונט פאַרקלייבן זיי זיך אינעם שלאָפצימער, פון וואַנען עס גייט אַריין אַ פאַרקלעבטע טיר צו די צימערן, ווו עס וווינען די שכנים. די צימערן האָבן אַמאָל אויך געהערט צו די גאָלדשטראָמס, ווען זיי האָבן פאַרנומען די גאַנצע דריי צימערן פונעם צווייטן שטאָק.

נאָכדעם ווי די קינדער זענען זיך צעפאָרן, חתונה געהאַט, צעגאַנגען זיך איבער די פרעמדע, ווייטע שטעט און לענדער, נאָכדעם ווי די טעכטער זענען אַוועק צו זייערע מענער, געוואָרן שוין גרוילעכע, באַיאָרנטע ווייבער, האָט מען נאָך אַלץ געהאַט איבעריק צימערן. ערשט אין אָנהייב מלחמה, ווען די אַלטע זענען פאַרבליבן אַליין, האָט מען די גרויסע דירה געטיילט. אויף דעם אָרט, ווו די פאַרקלעבטע טיר איז, האָט מען צוגערוקט די אַלטע, שווערע שאַנק. אָבער די קלאַנגען פון די פרעמדע שכנים לאָזן זיך נאָך אַלץ הערן, רייסן זיך דורך און שטערן די טויטלעכע שטילקייט.

דער אַלטער גאָלדשטראָם פאַקט זיך אין בעט אַריין, ווי נאָר דער אָוונט לייגט זיך אויף די פענצטער, הינטער די שווערע, אַלטמאָדישע גאַרדינען, באַלד נאָכדעם ווי ער האָט אָפגעגעסן דעם מיטאָג, וואָס די אַלטע קאָכט אים אין די קליינע טעפלעך אַ גאַנצן טאָג.

זי דערלאַנגט צום טיש מיט אירע שלעפּעדיקע, לאַנגזאַמע טריט פֿון אירע אויסגעטרעטענע, אַלטע שטעק־שיך. דער אַלטער קייעט לאַנג און מאַטערנדיק, קוקנדיק אין די אַנגעווייטיקטע, אומעטיקע ווייבס אויגן. מע רעדט צווישן זיך לאַנגזאַם, מיט האַרבע, שאַרכנדיקע ווערטער, וועגן דעם צו האַרטן עסן, אַז עס זענען נישטאָ קיין ציין. מע וואַרפֿט זיך פּאָר שלעכטקייט און אַלטע עוולות. זייערע באַוועגונגען דערמאָנען אין דעם שאַרכן פֿון אַלטע, אָפּגעדאַרטע צווייגן און דאָס סקריפּען פֿון די אַלטע, אָפּגעדינטע שטוב־זאַכן שרעקט ווי דאָס קרעכצן פֿון האָפֿנונגסלאָזע קראַנקע.

יעדן נאָכמיטאָג נעמט דער אַלטער אַרויס פֿונעם איינגעפֿאַלענעם מויל די צוויי שורות ווייסע טויטע, קאַלטע ציין, נעמט אַראָפּ פֿונעם קאָפּ זיין צו גרויסן, שוואַרצן הוט, וואָס איז פֿון לאַנגן טראָגן גרין ביי די קאַנטן, און עס אַנטפּלעקט זיך זיין קליינער, גרוי־געלבלעכער קאָפּ. ער טוט אויס דעם ראָק און עס באַווייזט זיך מיטאַמאָל זיין שמאָלע, הויקערדיקע פּלייצע, דעמלט זעצט זיך די אַלטע אַוועק נעבן דער קאַרגער גרינבלעכער לאָמפּ. די ליכט צעגיסט זיך אויף אירע שטאַרק־צונויפֿגעקוועטשטע, בלוילעכע ליפּן, אירע אויגן שיינען מיט שטאַרער שלעכטקייט און באַגלייטן דעם אַלטן, וואָס שלייכט זיך, ווי מיט אונטערגעהאַקטע, צאַפּלדיקע טריט, האַלטנדיק זיך ביי די ווענט — צום בעט.

* * *

די אַלטע קוקט אויף דעם געהויקערטן, קנאָכיקן שאָטן פֿון איר מאַן, וואָס קלעטערט אויף דער וואַנט, און עס דאַכט איר מיטאַמאָל, אַז זיי ביידע זענען אַריינגעפֿאַלן אין אַ פֿינצטערן קעלער, פֿון וואַנען זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט אַרויס. דערנאָך פּאָרעט זי זיך נאָך לאַנג ביי דער קיך, נעבן די קליינע טעפּעלער, איידער זי גייט אין בעט אַריין. זי הערט, ווי דער אַלטער צוזאַמען מיט דעם בעט קרעכצן לאַנג, און זי קלערט, אַז דער טויט קוקט דאָ פֿון ערגעץ אויף זיי ביידע. ערגעץ דאָ, אין אַ ווינקל שטייט ער שטרענג און זיכער.

דעם אַלטן שרעקט דער אַלטערס אַרומשלאָפֿן איבער דער שטוב. עס שרעקט אים יעדער שאַרכעדיקער קלאַנג. אים דאַכט זיך, אַז די אַלטע שלעפּט אַרויס עפּעס פֿאַרבאָרגענע זאַכן פֿון די ווינקעלעך אין שטוב, פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די קינדער, ווען זיי זענען געווען קליינע. און מיטאַמאָל ווייזט זיך אים אויס, אַז זי רעדט זיך שטיל איבער מיט וועמען. ער וואָלט געוואָלט אַראָפּקריכן פֿונעם בעט, נאָר ער קאָן נישט צונויפֿנעמען די שווערע גלידער, וואָס האָבן זיך מיט אַ טויטלעכער וואָג אַריינגעגראָבן אינעם בעטגעוואַנט. ער ליגט און הערט די קלאַנגען, וואָס דערטראָ־

גן זיך דורך דער טיר פון די שכנים. כמעט אַלע אָוונט חזרט זיך איבער דאָס זעלבע. קינדער רעשן און עלטערן רעדן זיך איבער, אָדער עס שפּילט אַ גראַמאָפאָן גריל־צנדיקע ניגונים. ער הערט שוואַך, נאָר זיין מוח אַרבעט גיך און אָנגעשטרענגט איבער די פאַרדומפּענע קלאַנגען. ער וואָלט געוואָלט עפּעס אונטערהערן פון דער פרעמדער שטוב. און אַזוי ליגנדיק, שטעלט ער זיך צונויף ווערטער, וואָס זאָלן קומען פון דאָרט. דערנאָך, ווען די אַלטע לייגט זיך איבעם קעגנאיבערדיקן בעט, נאָכדעם ווי זי טוט זיך לאַנג אויס, פּרוווט ער איר עפּעס דערציילן, וואָס ער זאָל האָבן געהערט דורך דער וואַנט. די אַלטע אָטעמט שווער, און איר איינגעפאַלן, אָנצייניק מויל וואַרפט אַרויס שפּיציקע, פאַרדראָסיקע, אָפּגעבראָכענע שטיקער ווערטער, אַז ער האָט נישט קיין וואָר וואָרט אין מויל... אַז מען הערט גאָרנישט, אַז דאָרטן וווינען ווילדע חיות...

זי קאָן נישט הערן, ווי דאָרט וווינען קינדער ביינאַכט. די קינדער וווינען לאַנג און בליפנדיק, און דאָס שטעכט איר דרימלענדיקן מוח ווי מיט שפּילקעס. זיי צערייסן אירע געפּלדיקע געדאַנקען, וואָס שטרעקן זיך אַזוי ווי געליימטע פינ־גער נאָך דער פאַרגאַנגענער צייט. אין איר מוח צינדן זיך טיילמאָל קליינע פלעמ־לעך, פלוצלינגדיקע דערמאָנונגען פון אַמאָל פלאַקערן ביסלעכווייז אויף מיט אַזאַ העלקייט, אַז זי הייבט זיך אָן שרעקן. אין אַזעלכע מינוטן פּרוווט זי זיך טיילן מיט איר מאַן. און מיט נאָך מער שרעק דערהויסט זי זיך, אַז ער געדענקט גאָרנישט, גלייך זיין קאָפּ וואָלט געווען געשטאָרבן.

זי ווייסט שוין פון לאַנג, אַז ער האָט אַלץ פאַרגעסן, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געלעבט, און זי האָט אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר אים, ווי מען האָט מורא פאַר דער לוסטיקייט און זאָרגלאָזיקייט פון משוגעים.

אָט די פרעמדקייט און אומצוטריטלעכקייט האָט זיך צווישן די צוויי אַלטע לייט אַוועקגעשטעלט שוין פון יאָרן לאַנג. זינט די אַלטע האָט אויפגעהערט אַרויס־צוגיין אין גאַס. דער אַלטער דאַקעגן האָט נאָך זיינע עסקים. ער באַזאָרגט נאָך בריוו אויף דער פּאָסט צו די קינדער אין אַמעריקע, פון וואַנען עס קומט רעגלמע־סיק געלט. ער כאַפּט נאָך פון צייט צו צייט אַ פאַרדינסטל, קליינע געלטער א־ן דער געגנט פון די גאַלעווקעס, וואָס עס שאַרן אים צו זיינע אַלטע פריינד, סוחרים, מיט וועלכע ער האָט אַמאָל געהאַנדלט.

צוליב אומבאַוווסטע סיבות איז די אַלטע בייז אויף זיינע פריינד, מיט וועל־כע ער באַגעגנט זיך אין גאַס, און יעדעס מאָל, ווען דער אַלטער קלויבט זיך אין גאַס אַריין און לאָזט זיך אַראָפּ פון די טרעפּן, טאַפּנדיק לאַנג מיט דעם שטעקן פאָרויס, זאָגט אים די אַלטע שטענדיק נאָך דאָס זעלבע:

— גיי, גיי דאָרט צו דיינע אַלטע קאַטאַזשאַנעס... צו די שיכורים...

דער אַלטער זוימט זיך לאַנג. ער שפּאַנט לאַנגזאַם, גריסנדיק זיך צו באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פון דער גאַס.

מענטשן שטעלן אים אָפּ. ער ווייסט נישט אויף קלאָר, ווער זיי זענען, זיי פרעגן אים, ווי מען פרעגט אַ קינד:

— ווי גייט עס, פאַניע גאָלדשטראָם?... איר זענט נאָך אַ מאָלאָדיעץ...

דאָס מיינט מען, אַז ער גייט נאָך אַרום אויף דער וועלט. און דער אַלטער ענטפערט מיט עפּעס אַ וויץ, אַ וויץ וועגן שטאַרבן. טײלמאָל נעמט ער דערציילן עפּעס אַ לאַנגן משל, וואָס ער געדענקט קוים, און ווי נאָר ער הייבט אָן, ווי געווײנלעך: „כ׳וועל דיר זאָגן, מיין קינד" — די צו גרויסע, פאַלשע, ווייסע ציין דרייען זיך אין דעם צו ענגן, איינגעפאַלענעם מויל, די ווערטער פאַלן ארויס ליידיקע, ווי ביי קינדער, וואָס פרווון רעדן, — לאָזט מען אים שטיין אינדערמיט.

אָט די אַלע משלים און וויצן וועגן טויט און עלטער האָט ער געכאַפּט ביי דעם אַלטן כאַצקעלע פּיאָקן, וואָס די קינדער האַלטן אים אין א משוב־זקנים. כאַצקעלע איז מיט אַ סך יאָרן צוריק געווען אַ מעקלער ביי די גאָלדשטראָמס, ער איז נאָך אַלץ רירעוודיק און פריילעך, דרייט זיך אַרום איבער די סוחרישע קאַוויאַרניעס, וו ער טרעפט זיך מיט זיינע אַלטע „פשיאַטשעלעס", וואָס האָבן ליב זיינע וויצן. דער אַלטער כאַצקעלע נעמט אַ גלעזל בראָנפן, שיט מיט ווערטלעך און וויצן און די אַלטע לייט פאַרגייען זיך פאַר געלעכטער, ווען כאַצקעלע דערציילט, וויאַזוי ער שמועסט זיך דורך מיטן מלאך־המות...

דער אַלטער גאָלדשטראָם, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן געווען אַ פּראָסטער מענטש, און נישט געקוקט, וואָס ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן, האָט ער גענומען פֿון כאַצקעלען די חכמות ... האָט אַ צונאָמען: „משהלע גולם", קוועלט אָן פון כאַצקעלעס חכמות. ער פרווט זיי פאַרהאַלטן אין זכרון, און שפּיגלענדיק מיט דעם קאַלטן בליאַסק פון די פאַלשע ציין, זאָגט ער:

— גאָלדענע ווערטער... גאָלדענע...

ווען ער קומט אַהיים נאָך האַלבן טאָג, איז דער אַלטער גאָלדשטראָם אויפגעלייגט, ער איז פול מיט קאָלירטע, ווינקענדיקע ווערטלעך פון כאַצקעלען. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דעם אַלטן, צעראַטענעם פאָטעל, און עס פאַרווילט זיך אים עפּעס דערציילן דער אַלטער. ער זוכט לאַנג אין שוין אָפּגעשוואַכטן זכרון און הייבט אָן:

— הערסטו, מיין וויב...

דעמלט הייבט די אַלטע אָן צו סיקן ווי אַ שלאַנג. אירע גרינבלעכע, ווי צעקוועטשטע אויגן שיסן אויף אים מיט אַ בייזן בליאַסק. און מיט אַ קייכנדיקער, רייסנדיקער שטים שרייט זי:

— דערציי מיר נישט די מיאוסע שטיק פון דיינע „פשיאַטשעלעס“... די בּיאָקעס און געמיינע יונגען...

זי געדענקט נאָך דעם אַלטן כאַצקעלע. ווען ער פלעגט אַריינקומען מיט זיין פאַרשיכורט בערדל און זיך טשעפּען צו איר.

דעמלט ווערט דער אַלטער גאָלדשטראָם אינגאַנצן פינצטער. און עס שטעלט זיך מיטאַמאָל די לאַנגע, טויבע, און שרעקיקע נאַכט.

* * *

עס זענען דאָ אָוונטן, ווען עס קומען געסט צו די אַלטע גאָלדשטראָמס.

שבת אין אָוונט קומען שטענדיק די זעלבע געסט פון דער משפחה. עלטערע מענטשן פון פּראָסטן שטאַנד, מיט וועלכע מען האָט זיך אַמאָל ביי די גאָלדשטראָמס געשעמט.

דער ערשטער גאַסט איז דער פעטער קובאַ, איר יונגסטער ברודער, מיט זיין ווייב פּאָלציע. דערנאָך דער עלטערער ברודער לייבוש, אַ שווערער, וויסער ייד, אַן אַלמן. דערנאָך דער אַלטער שכן פון פיל יאָרן אין איין הויף, ר׳ חיים גאַרנעק, אַ ייד מיט אַ שרעקלעך שוואַרצער באָרד. און נאָך אַ טויבע שווענערין, וואָס דער מאַן איז איר אַנטלאָפן קיין אַמעריקע.

דעמלט צינדט מען אָן ביידע לאָמפּן און מען זעצט זיך אַוועק אַרום טיש.

לאַנג קרעכצט מען אָפּ אויף פאַרשידענע טענער. אַלע זענען אַלט און אויסגעריבן, אַחוץ דעם פעטער קובאַ, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַריין צווישן די עלטערע. ער איז נאָך נישט אַלט קיין זעכציק יאָר. זיין שוואַרץ סמאָלע־בערדל איז מיטאַמאָל ביי די זייטן געוואָרן ווילד ווייס, ווי עס וואָלט זיך אַרויסגעזען וואַטע. זיינע שוואַרצע, גנבהשע אויגן ווינקען נאָך מיט אַ העזהדיקן גלאַנץ און דערציילן פון זיין הפקרדיק לעבן. ער האָט אַן אויסזען פון אַ קלעזמער, אַ קעלנער אָדער אַ פריזירער, אָבער קיינער ווייסט נישט מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ העקער אין אַ יאַטקע, ווו ער האָט זיך אָפּגעהאַקט צוויי פינגער מיט דער האַק אויפן קלאָץ. פון דעמלט אָן איז ער געווען אין בראַזיליע, פון וואַנען ער איז צוריקגעקומען מיט געלט און מיט אַ גרינער פּאַפּוגע. פון דאָרט האָט ער אויך אַהערגעבראַכט זיין ווייב פּאָלציע, וועגן וועלכער מען האָט אין דער משפחה דערציילט עפּעס אַ מעשה מיט אַן אָפיציר...

איצט, צו די עלטערע יאָרן, האָט זיך דער פעטער קובאַ געסטאַטקעוועט, און כאָטש ער איז געווען דער פלעק פון דער משפחה, האָט ער זיך געזוכט יעדן מיט עפּעס צוצודינען, און דער גלאַנץ פון זיינע שוואַרצע אויגן האָט אַריינגעטראָגן אַ

וואַרעמע היימישקייט. ער האָט אויפגעהערט אונטערשערן דאָס בערדל, זיך געמאַכט יידישלעך צעבראָכן און זייער ליב געהאַט צו רעדן וועגן יידישקייט, וועגן ראש=חודש, וועגן יאָרצייטן פון געשטאָרבענע זיידעס, וואָס זענען לויט אים געווען צדיקים, און טאָמער איז אין דער משפחה געווען אַ חתונה אָדער אַ לוויה, האָט מען זיך שוין נישט געקאָנט באַגיין אָן דעם פעטער קובאַ.

* * *

ווי נאָר מען קומט זיך צוזאַמען און מען קרעכצט אָפּ אויף היינטיקע שלעכטע צייטן, לויבט מען די קיכעלעך, וואָס די אַלטע גאָלדשטראָם באַקט שוין זינט אַלע געדענקען. דעם פעטער קובאַס ווייב פאָלציע לויבט מיט רויטע, פאַלשע ליפּעלעך דער אַלטערס באַלעבאַטישקייט. די אַלטע שאָקלט מיטן קאָפּ און קוקט מיט איר שטאַרן בליק. דערמלט נעמט מען רעדן וועגן לאַנג=געשטאָרבענע מענטשן, וועגן חלומות, ביז מען קומט צו צו דעם, וויפל איינער איז אַלט. די אַלטע גאָלדשטראָם איז יעדן חושד, אַז ער איז אַ סך עלטער ווי אין דער אמתן. דערנאָך הייבט זיך אָן אַ געשריי איבער דער טויבער שוועגערין, וואָס איר מאַן איז פון איר אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. די טויבע שרייט, שלעפּט אַרויס פונעם בוזעם אַ פּאַק פּאַפּירן מיט אַלטע, געלע, צעשיסענע כתובות, פּאַפּירעלעך פון רבנים. דער פעטער קובאַ גיט איר עצות, וויאַזוי צו פּאַקן דעם מאַן...

דער אַלטער גאָלדשטראָם הוסט, הייבט אָן עפּעס דערציילן, עפּעס, וואָס ער האָט געהערט פון באַצקעלע פּיאָק, און דרימלט איין אינדערמיט. אַ שווערער אומעט, ווי אַ דיקער שטויב, ליגט זיך אַרום די מענטשן. איינער הערט נישט דעם אַנדערן ביזן סוף. און מיטאַמאָל צעקריגט מען זיך ביז און בייסיק. דער אַלטער גאָלדשטראָם קריגט זיך מיט דער אַלטער, און דער ברודער לייבוש נעמט זיך אָן פאַר זיין משפּחה.

דער אַלטער זאָגט, אַז איר גאַנצע משפּחה זענען נאַראָנים, פּוסטע קעפּ, די אַלטע וואַרפט אים פאָר זיין משפּחה, וואָס זענען געווען פויערים און געגעסן בלויז קאַרטאָפל...

נאָר דער פעטער קובאַ און דער אַלטער שכן, ר' חיים גאַרנעק, ביידע נאָך שוואַרצע, מיט גלאַנציקע אויגן, קוקן אויף די אַלטע מיט אַ שמייכל, ווי מען קוקט אויף עובר=בטלניקעס.

ר' חיים גאַרנעק האָט ליב צו „שפּרעכן" מיט דער „ציאָציע" פאָלציע. ער רעדט מיט איר אייריל, דיימושמעריש, פאַטעטיש און כאַפּט אַ פאַרגאַשטן בליק אויף אירע רויטע, פאַלשע ליפּן און פאַרדרייטע לעקלעך אויפן שטערן.

דער פעטער קובא נעמט זיך איבערבעטן דאָס אַלטע פּאָר-פֿאָלק און זאָגט ווינקענדיקע ווערטער: „איבערבעטן זיך“. זיין ווייב פּאָלציע לאַכט פֿרעך און קוויטשיק. דערמלט — הייבט די אַלטע מיטאַמאָל אָן צו וויינען — איר לײדיק מויל הייבט אָן צו גיין אַזוי ווי ביי אַ פֿיש. זי הייבט זיך אָן באַקלאָגן אויף אירע פֿאַרשפּילטע יאָרן, זינט זי האָט דעם אַלטן „סיבערניק“ דערקענט...

די געסט הייבן זיך אָן געזעגענען און לאָזן זיך מיט רעש אַרויס פֿון דער טיר. מען געזעגנט זיך לאַנג, מען ווינטשט זיך אַ גוטע וואָך... ס'זאָל שוין טאַקע זיין גוט... און ווען די געסט לאָזן זיך אַראָפּ פֿון די טרעפּ, צעלייגט זיך צוריק די שווערע, טויטלעכע שטילקייט. דער אַלטער טוט אויס דעם שבתדיקן ראָק, וואָס הענגט אויף אים ווי אויף אַ האָקן, ער איז מיד פֿון די געסט, ער קרעכצט לאַנג צוזאַמען מיט דעם אַלטן בעט. דערנאָך ליגט ער לאַנג מיט צוגעמאַכטע אויגן און הערט זיך צו צו דער אַלטער.

אירע שלעפּעריקע טריט שרעקן אים. אים דאַכט זיך, אַז זי רעדט זיך איבער מיט וועמען... אַז זי טוט עפּעס געהיימעס, בייזער... שלעכטס... קעגן אים... קעגן אים...



# דער חתן

דער חתן איז געווען שוין אן עלטערער בחור, וואָס האָט לאַנג „געקליבן“. א צענדליק שדכנים האָבן זיך געפּאָרעט ארום אים. די גאַנצע חסידיש-נגידישע גזשיבאָוו-געגנט, אלע טעכטער פון די זאַטע באַלעבאַטישע שטובן זענען שוין דורכגעגאַנגען דעם גלאַנציקן, נאַרישוואַטע-קרענקלעכן, פאַרנאַשטן בליק פון דעם שווערן, האַלב-פאַרזעסענעם חתן.

זיי האָבן געקענט זיין אָנגעבלאָזענע, ווייבלעכע קיילעכיקייט, די פרויענהאַפטע, ווייסלעכע פעטקייט פון די באַקן און די הענט, זיינע גראָבע, רויטע, ווייבערישע ליפּן, און אין די אַלטע, גרויסע, וואַרשעווער, חסידיש-סוחרישע שטובן האָבן די ווייבער מיט צעפּלאַטטע פנימער זיך געסודעט וועגן אים מיט א פּרעך און פילדרייטיק לאַכן.

חסידיש-סוחרישע ווייבער און אַלטע, פרומע גבאיטעס האָבן גערעדט „רייד“ וועגן אים, און יעדעס מאָל האָט מען געהערט וועגן א נייעם שידוך, וואָס איז נישט געוואָרן.

יאָרן זענען געגאַנגען, און זיין דיקע אָנגעבלאָזנקייט און זיין קלויבן כלות האָט דערעסן. מען האָט אָנגעהויבן אויסרעדן אויף אים און אָפּלאַכן. אין דער גרויסער, יחוסדיקער משפחה זענען פאָרגעקומען חתונות, גטן און לוויות. מ׳איז געוואָרן רייך און „געפאַלן“. געפּוצטע וואַרשעווער באַלעבאַטים מיטן פּריצישן גלאַנץ אויף די ווייסע, אייזעלע פינגער האָבן געזוכט שידוכים אונטערצושפּאַרן די געפאַלענע משפחות. האָט מען שוין דערמאָנט געקאָנט אין דער געגנט זען דעם חתן, אַן אָפּגעלאָזענעם, מיט א מאָדנער געלקייט אויפן פנים, מיט א געבויגענעם גאַנג פון אן עלטערן מאַן.

די משפחה האָט דערפילט, אז ס׳איז די „העכסטע צייט“, און דעמאָלט האָט מען אויף גיך, און געאייל, אויסגעזוכט א כלה פון א פּראָווינץ-שטאָט. די שטאָט איז געלעגן אין די נייע געביטן איבער דער אַמאָליקער דייטשישער גרענעץ.

מען האָט צוויי מאָל אראָפּגעשיקט דעם פּעטער איטשע, דעם געפּוצטן „אַריסטאָקראַט“, וואָס האָט געטראָגן אַ לאַנגע, געהאַקטע קאַפּאָטע, אַ קאַפּעליוש און אַ שטעקן מיט אַ ווייס, ביינערן הענטל. ער איז געווען צו גאָט און צו לייט. זיין שוואַרץ, גרוי-געפּוצט בערדל האָט געפעלן די מחותּנים. ער האָט אראָפּגעבראַנגט קיין ווארשע עפּעס אַ גרויסן פּאַרשוין פון כּלהס צד. דער פּאַרשוין האָט געהאַט אַ צו גרויסן, בישט-יידישן קאָפּ, אויף וועלכן עס איז אויפן סאַמע שפּיץ געלעגן אַ קליין קאַפּעלע. דער פּאַרשוין האָט גערעדט דייטש.

דערנאָך האָט מען געבראַנגט דאָס פרייליין אליין. זי איז געקומען מיט אַ סך קיילעכדיקע פּודלעס פון הוט. זי איז געווען הויך, דאַר און פרעמד, מיט אַ בלוילעך-שימער פּנים און איידעלע, ציטעריקע ליפּן. זי האָט זיך מיט קיינעם בישט געקאָנט צונויפרעדן און צווישן די ווייטערע קרובֿים פון דער משפּחה, צווישן די מומעס און פאַרזעסענע קוזינקעס האָט מען שוין אָפּגעלאַכט פון איר.

אויך דער חתן, וואָס איז שוין געווען מיט איר אין טעאַטער און צוגאַסט אין די רייכע הייזער פון דער משפּחה, האָט זיך קוים מיט איר צונויפגערעדט אויף אַ וואַרשעווער-סוחריש-דייטשישן לשון. די כּלה האָט גערעדט אַ פיינעם, קלינגענדיקן דייטש. זי האָט אַלע מאָל עפּעס פאַרלוירן, און זי האָט געבענקט נאָך איר הינטל „מימי“, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער היים. עס איז געווען ווילד און פרעמד, נאָר עפּעס אַ קיילעכיקע געלט-ציפער, וואָס איז געלאָפן פון מויל צו מויל, האָט אַלץ געמאַכט פאַרשטענדלעך און נאָרמאַל. און ווי מ׳האָט נאָר באַשטימט דעם גענויען טאָג פון דער חתונה, האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן גרייטן.

דער חתן האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ נייע, יונגטלעכע גלאַטקייט, און די מיידלעך פון דער משפּחה האָבן זיך ווידער גענומען שעמען פאַר אים, צופיל געלאַכט פון זייגע בישט-קלוגע וויצן און ווידער גענומען רעדן און סודען זיך וועגן אים.

* * *

די אַלטע, צעפּאָרענע שטוב מיט די גרויסע, אַלטפרענקישע, צעוואָרפענע ווינקלען און צימערן, מיטן אַלטן, צעפּרעסענעם מעבל און בלישטשענדיקע קרישטאָלן, געבראַנגטע פון אויסלענדישע בעדער, קראַנקע שפּיגלען, באַפלעקטע מיט שוואָמען אין צעפּאָרענע ראַמען, האָט ווידער אויפגעלעבט אין די טעג.

די מחותּנתטע, דעם חתנס מוטער, האָט ווידער איינגעפּרישט די ציין. דאָסמאָל איז איר מויל אָנגעפּילט געוואָרן מיט ווייסע, קאַלטע, טויטלעכע ציין. זיי האָבן זיך ארויסגעריסן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט ארויסשפּרינגען פון איר איינ-

געפּאַלענעם, דינעם מויל. דער פֿאָטער, דער אַלטער ר׳ שלמהלע, וואָס האָט שוין לאַנג נישט גערעדט „געשעפֿטלעך‟, האָט זיך דערמאָנט אַלטע, קלוגע, גנידישע ווערטער וועגן געלט, און עס האָט אויסגעזען אין דער שטוב, ווי אַ כּישופֿמאַכער וואָלט אַלץ אויפֿגעוועקט פֿון אַ דרימל.

אין דעם לעצטן צימער, וואָס דער חתן האָט פֿאַרנומען מיט זײַנע צעוואָרפֿענע קליידער, מיט זײַנע גרויסע העמדער און גרויסע שיך, קראַוואַטן און ספּינקעס, מיט וועלכע עס איז באַליגט געווען דער טיש און די קליינע סאָפֿע, האָט אָנגעהויבן קומען די כּלה אַלע טאָג. אין דער אַלטער, געוועזענער פֿרומער שטוב האָבן אַלע זיך געוווּנדערט, וואָס די כּלה ווייסט נישט, אַז אין חסידישן שטאַנד איז דאָס נישט אָנגענומען.

קיינער האָט שוין אָבער דערויף נישט געלייגט קיין אַכט. די חתונה האָט זיך שוין געפֿילט אין אַלע ווינקעלעך, און מען האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער אַראָפּפּטרן דעם עול.

ווײַטע קרובֿים פֿון דער משפּחה, פּראָסטע מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל אין די גוטע צײַטן באַדינט די שטוב, האָבן זיך אָפּגעזוכט. זיי זענען געקומען אַלטע, צעקנייטשטע און פֿאַרקריפּלטע ווי פֿון יענער וועלט. זיי האָבן געווונטשן און באַדינט און געוואָלט עפּעס האָבן דערפֿון.

אין דעם לעצטן טאָג פֿאַר דער חתונה, ווען אין שטוב איז געשטאַנען אַ רעש און מענטשן האָבן זיך געדרייט איבער אַלע צימערן, איז די כּלה געקומען מיט עפּעס אַ פֿרעמדער דאַמע פֿון דעם האָטעל, וווּ זיי זענען איינגעשטאַנען. די דאַמע האָט געהאַט אַ שיין, גלאַנציק פּנים מיט גרויסע, שוואַרצע אויגן. זי איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אין אַ דין שטעקעלע. די כּלה האָט זי פֿאָרגעשטעלט און זי אָנגערופֿן מיט עפּעס אַ פֿרעמדן, גוייִשן נאָמען. אין דעם זעלבן טאָג זענען אָנגעקומען דער כּלהס עלטערן. די מוטער האָט זיך צוגעזעצט צו דער דאַמע און גערעדט מיט איר אויף דײַטש. דער כּלהס פֿאָטער האָט זיך לאַנג געבאָדן, געשלונגען רעצעפּטן, געצײַלט טראָפּן, דערנאָך זיך באַוויזן אין אַ קליין קאַפּעלע און פֿאַררויכערט די גאַנצע שטוב מיט ציגאַרן.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג, מען האָט זיך שוין גענומען אָנטאָן, איז די כּלה ווידער אַרײַן צום חתן אין לעצטן צימער און אַלע האָבן לאַנג געוואַרט, ביז וואַנען זי וועט אַרויסגיין.

* * *

עס איז געוואָרן פֿאַרנאַכט און אינעם צימער, וואָס איז געווען פֿאַרהאָנגען, איז מיטאַמאָל געוואָרן טונקל.

די כלה מיטן חתן זענען ביידע געזעסן אויף דער סאָפּע. זי האָט ארויפגעלייגט א לאַנגע, שמאָלע האַנט מיט לאַנגע, דינע פינגער און צוגעטוליעט איר שמאָל, ביינערדיק פּנים צו זיין קיילעכיקן אקסל און ווייסן, פעטן האַלדז. דער חתן האָט ארויפגעלייגט זיין ווייכע, אויסגעצערטלטע האַנט אויף איר האַלדז, און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט איר שיטערע הויט מיט די ווארעמע, צאַפּלדיקע אָדערן. ער האָט דערפילט דעם ריח פון איר שוואַך בלוט, און פארגעסנדיק די קיילעכיקע ציפער פון דעם נדן, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין די ווארשעווער, חסידישע, נגידישע טעכטער, וואָס מען האָט אים געשדכנט. עס זענען אים איצט פארבייגעשווומען זייערע ווייסע, געצערטלטע לייבער. און פאר אלע צייטן איז אים צום ערשטן מאָל באַפאַלן אן אומעט און א שרעק. ער איז געבליבן זיצן אינעם טונקל מיט א פארטראָגענעם בליק צו די ארויסגערופענע בילדער. ער האָט גאָרנישט געפילט די וואָג פון דער כלה, וואָס האָט זיך איינגעטוליעט אין זיין נאַקן. אים האָט ארומגענומען א נאָגנדיקע פרעמדקייט. עס האָט זיך אים פלוצלינג געדאַכט, אַז ער ליגט שווערלעך קראַנק, און באַלד וועט מען אים פירן אין ערגעץ, אין שרעקיקע ערטער. די טונקעלע שטוב איז אים געוואָרן שרעקלעך, ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אריין אינעם צווייטן צימער. דאָ האָט די מוטער שוין אן אָנגעטוענע געוואַרט אויף אים. די מאַמע איז צו אים צוגעגאַנגען. זי האָט געציטערט מיט אירע נייע ציין. זי האָט געפּרווט אייליק ארויפלייגן איר האַנט אויף זיין קאָפּ. זי האָט געהאַט א גלאַנץ פון טרערן אין די אויגן:

— נו, זון... האָט זי געזאָגט מיט אַ פריידיקן צאַפּל, — ס'איז שוין שפּעט...

דער חתן האָט ערשט איצט אין דער מאַמען דערזען די אלע אוועקגעגאַנגענע, גוטע, היימישע טעג און יאָרן, און ער האָט פלוצלונג א שפּאַר געטאָן זיין גרויסן, שווערן קאָפּ אויף איר ווייכן, שוואַכן אַקסל און האָט א רעווע געטאָן מיט אן אומהיימלעכער שטים פון עפּעס א היה. די מוטער האָט דערפילט זיין קוועל און פרום פאַרמאַכט די אויגן. דער חתן האָט זיך מיטאַמאָל א ריס געטאָן און אַנטלאָפן.

ער האָט זיך געכאַפּט, אז ער איז אויף דער גאַס, א שטראָם לופט איז צו אים צוגעקומען, און ער האָט מיט א מאָדנער פרייד אָפּגעאָטעמט, ווי איינער, וואָס איז ארויס פון א גרוב. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און אראָפּגערוקט דעם הוט. די אָוונט־טונקלקייט האָט באַדעקט דעם גזשיבאָוו און די ארומיקע ענגע, טונקעלע גאַסן, וווּ אומעטום זענען ארומגעגאַנגען יידן. אן אלטער, ווארעמער ריח פון יידישן לעבנס־באַגער, פון רחבות האָט זיך א טראָג געטאָן אויף אים. זיין בלוט האָט אויפגעקאָכט. עפּעס האָט זיך צעזונגען אין אים. ער האָט זיך דערמאָנט אין די קינדערישע טעג, די פארביקע יידישע יום־טובים, ער

איז אריין אין די געדיכטע יידישע הייף, אריינגעקוקט אין די פענצטער. אים האָט זיך געדאַכט, אז ער געזעגנט זיך מיט אלעם אויף אייביק.

דאָ, שטייענדיק נעבן א טונקעלער טיר, האָט ער זיך פלוצלונג דערמאָנט אין א מיידל, חנהלע, די טאָכטער פונעם מילך־געוועלב־אייגנטימער, אין דער חנהלע, צו וועלכער זיין האַרץ האָט גענאָגט און געצויגן דורך דער גאַנצער וויים־הויטיקער, שוואַרץ־לאָקיקער יוגנט. ער האָט געחלומט וועגן איר אויף די ווייסע, פוכיקע קישנס פון זיין נגידיש־חסידיש־סוחרישער היים. ווען ער וואָלט איצט געקאָנט זען אירע גרויסע, בלישטשענדיקע אויגן, איר גלאַטיקע הויט, וואָלט ער קיינמאָל מער פון איר נישט אוועק.

מיט שרעק און מאַטערניש איז ער געלאָפן איבער די היימישע גאסן פון זיין יוגנט. ער האָט דאָ געזוכט עפּעס א לאַנג־פארלוירענעם חלום.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אז עס יאָגט אים א שרעקלעכער ווינט, וואָס וועט אים באַלד כאַפּן, אוועקטראָגן אין א פרעמדער, שרעקיקער וועלט. ער האָט דערזען די כלה ווי אין א ווייטן נעפּל פון פרעמדע, אומהיימלעכע קאָלירן. ער האָט דערפילט א פּיין, ווי ער וואָלט זיך אָנגעגעסן מיט פרעמדע, נישט־יידישע מאכלים.

מיטאַמאָל האָט ער אינעם טונקל פון א לאַנגן הויף דערזען די בליצנדיקע ליכט פון א שול. יידן פון דער ענגער גאס זענען אריינגעלאָפן דאווענען מעריב. ער איז אריין אין דער טונקעלער שול.

אויף די פייכטע, גריגע ווענט האָבן די ליכט געוואָרפן די שאָקלענדיקע שאָטנס פון די יידן. אין א ווייטן ווינקל האָט זיך געגאָסן עפּעס א טרויעריקער ניגון פון א קדיש. דער חתן האָט ווי אונטערגעשטעלט זיין האַרץ אונטער דעם פרעמדן קדיש. עס האָט אים ארומגענומען א הייס רחמנות צו זיך אליין, און אָנגעשפּאַרנדיק דעם שווערן קאָפּ אין א שטענדער, האָט ער זיך ביטער צעוויינט.

# פאַמיליע־גליק

פאַרשידן און קאַפּריז איז דאָס גליק אין פאַמיליען־לעבן.

יעדע שטוב, יעדעס פּאָרפאָלק האָט זיך זייער גליק, וואָס ליגט צעלייגט אין יעדן ווינקל.

פונעם פאָדער־צימער, דער קיך ביז דעם שלאָף־צימער, וווּ עס שטייען די צוויי צונויפגערוקטע, סקריפּענדיקע בעטן — די לעצטע גרענעץ פון נאָענטקייט פון צוויי מענטשן.

דאָס פאַמיליען־גליק הייבט זיך אָן פון דעם פאָדער־צימער מיט דעם טונקעלן הענגער, אויף וועלכן עס הענגט דער אַלטער פּאַראַסאָל און אַ צעצויגן, אָפּגעטראָגן וועסטל, וואָס איז פאַרבליבן פון אַ מאָליקן יונגן אָנצוג. עס ליגט אין דער סקריפּענדיקער שאַנק, וואָס יאָגט מיט דעם אומעטיקן ריח פון נאַפטאַלין, ביז דער געשפּאָלטענער פּאָטערניצע און דעם טעמפּן, באַלעבאַטישן מעסער, צו וועלכן איר זענט אַזוי צוגעוווינט.

אָט די אַלע זאַכן, ווען מען זאָל זיי ביי אייך מיטאַמאָל צונעמען, וואָלט זיך אייך געדאַכט, אַז איר זענט אַרויסגעפאַלן פון דער מענטשלעכער פּלאַנעטע.

* * *

דערנאָך קומט ערשט דאָס וויכטיקסטע, וואָס דיריגירט מיט די אַלע שטראַלן פון דעם פאַמיליען־גליק — דאָס ווייב.

דאָס ווייב, פאַר וועלכער איר האָט שוין גאָרנישט וואָס צו באַהאַלטן. דאָס ווייב ווייסט, אַז איר האָט דריי הינער־אויגן; איינס אויף דעם קליינעם פינגער פון דעם לינקן פוס און צוויי ביי די מיטלסטע פונעם רעכטן. זי ווייסט, אַז איר האָט מורא, ווען עס בליצט און עס דונערט און, אַז ווען איר עסט גענזן־שמאַלץ טוט אייך וויי דער בויך.

אָט די אַלע שוואַכקייטן זײַנע דאַרף דער מאַן נישט באַהאַלטן. ער קאָן אַרומ־גיין נישט אָנגעטאָן, נישט באַהאַלטן זײַנע דאַרע, געלע הענט און זײַנע דינע, בלויע פיס.

פאַרקערט, בײַ זיך אין דעם קליינעם גליקלעכן געסט, איז ער — דער העלד דער מ אַ נ צ פּ אַ ר ש ו י ן, דער קאָפּ פונעם הויז; און דאָס ווײַב, וואָס וואָלט אים געקאָנט אוועקהרגענען מיט איין פינגער פון איר פּודיקער האַנט, זאָגט נאָך בײַ יעדער געלעגנהייט, אַז זי איז נעבעך אַ שוואַך פרויענצימער, און דער מ אַ ן דאַרף זי שיצן און באַשירעמען קעגן דער שלעכטער, בייזער וועלט.

* * *

אינעם לויף פון די יאָרן קומען זיך אַרײַן אינעם צוזאַמענלעבן פונעם גליקלע־כן פּאָרפאָלק געשעעניש, וואָס לאָזן איבער דערינערונגען ווי פּאַרטרייקנטע בלו־מען אין אַ בוך, ווען גליקלעכע און אויך פאַרדראָסיקע פּאַסירונגען. אויף דעם קלאָרן הימל פון דעם גליקלעכן פּאָרפאָלק גייען אַרום קליינע פרידלעכע וואָלקנ־דלעך, און טראָגן זיך מיטן לויף פון די טעג. וואָלקנדלעך אין פאַרשידענע גע־שטאַלטן, וואָס מיינען גאָר נישט, גייען זיך זייער איבעריקן וועג. טײַלמאָל נעמען זיי זיך צעגייף, אומבאַמערקט ווערן זיי געדיכט, די לופט ווערט ענג, אָנגעגליט, זיי פאַרוואַנדלען זיך אין אַ שווערער בייזער כמאַרע, עס ווערט מיטאַמאָל פינצטער, אַ ווינט מיט אַ דריי און עס ברומט און בריקט אַ דונער, וואָס דראָט צו פאַרניכ־טן די גליקלעכע געסט.

דערנאָך לייטערט זיך אויס און עס שײַנט ווידער די מילדע זון פונעם גליק־לעכן פאַמיליען־לעבן

אַזוי, צום בײַשפּיל, ווען דער מאַן קומט אַהיים, זאָגט אים דאָס ווײַב:

— עס איז אָנגעקומען אַן אײַנלאַדונג אויף דער חתונה...

מיט אַן איידלקייט, וואָס ער האָט שוין פון לאַנג בײַ דעם ווײַב נישט געזען, מיט די שפּיצן פינגער פון אירע פאַרשמירטע הענט פון דער קיך, טראָגט זי אים אַ שיין אָפּגעדרוקטע קאַרטע מיט גערייטע שריפט. דער מאַן קוקט און קאָן בשום אופן נישט לייענען די בלומענאַרטיקע אותיות:

— צו ווערמען אויף אַ חתונה...

— צו ווערמען... צו חיהלען... רבקהס טאָכטער...

— דער שוועגערין... רבקהס טאָכטער...

דער מאַן דערמאָנט זיך אַן דעם אומעטיקן מיידל פון דער משפּחה — חיה־לע, אַ מיידל מיט דאַרע לאַנגווייליקע פיס. דערבײַ דערפילט ער פון דעם ווײַב

עפּעס אַ רוילעכן וריח פון אַ גנעקעכץ, וואָס ער האָט נישט ליב און עס טוט אים ווי אַ ביס עפּעס אַ כעס, עס שפּרינגט פון אים אַרויס אַ להכעיסדיקער קלאַנג:

— נו, נו...

— וואָס הייסט: נו, נו...

— אַז דו ווילסט גיין — גיי...

— וואָס הייסט: אַז איך וויל גיין... און דו...

אים ווילט זיך פּלוצלינג שרעקלעך נישט גיין אויף דער חתונה:

— איך בין נישט מחויב...

— אזוי... פאַרוואָס בין איך געווען אויף דער חתונה... פון דיין ברודערס טאָכטער... וווּ מען האָט זיך אויף מיר אומגעקוקט ווי אויף אַ הונט... דו מיינסט, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן...

דער מאַן געדענקט שוין כמעט נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ער פילט נאָר, אַז עפּעס וויל ער נישט, ער וויל נישט מיט אַלע חושים, און ער זאָגט, אַליין נישט וויסנדיק צו וואָס:

— דו מיינסט, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן... די מעשה מיט דער שאַנק...

— און דו מיינסט... אַז ס'איז דיר... דער גאַנשיאָר ווישניק...

דעם מאַן דאַכט זיך, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פינצטערן קעלער:

— קאָנסט מיך פאַרקלאָגן פאַר דיין שיינער משפּחה...

— דערפאַר איז דיין משפּחה שענער... אַ שטייגער „מאָטעלע ריבאַייזן"... אָדער „משהלע קורניק"... און דער טאַטע דיינער, וואָס האָט געכאַפּט פון די טעפּ...

— און מיין פאָטער האָט קיינעם נישט אָנגעפּייפט קיין נדן...

— און מיין שוועסטער שלעפּט זיך נישט אַרום מיט קיין גויאישע אַפּטייקערים...

— אפשר וואָלסטו שוין געפאָרן קיין בריסק... ביסט שוין לאַנג נישט געווען אין בריסק...

איך ווייס נישט, וואָס עס איז געווען אין בריסק; נאָר אַז דאָס ווייב האָט דערהערט דאָס וואָרט בריסק, ווערט זי אָנגעצונדן. די ליפּן הייבן אָן ביי איר צו ציטערן, זי טוט אַ קוק אויפן מאַן מיט גריגער גאַל, זי כאַפּט זיך אָן פאַרן קאָפּ און אַנטלויפט אין דעם צווייטן צימער.

* * *

דער מאַן וואַכט אויף, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון אַ שלאָף, וואָס עמעצער האָט אים אָנגעוואָרפן. ער טוט אַ טיפן קרעכץ, ווי עפּעס וואָלט אים אַרויסגע-

פאַלן פון דער האַנט און צעבראָכן געוואָרן. עס ווערט אים אַ שאָד און ער וואָלט געוואָלט גאַנץ מאַכן. ער קוקט זיך אַרום אויף דעם חורבן, וואָס ער אַליין האָט געמאַכט, גלייך ווי אַ שטורעם וואָלט דורך אים דורכגעגאַנגען, אָבער עס לאָזט זיך שוין גאָרנישט פאַריכטן. ער הערט ווי פון דער קיך שרייט און זידט עפּעס אַ טאָפּ, באַלד צעטראָגט זיך אַן עסנדיקער ריח פון צוגעברענטס. עס באַ־פאַלט אים אַ כעס צו זיך אַליין, צו וואָס האָט ער פאַרוואָלקנט דעם קלאָרן הימל. אָבער ער ווייסט, אַז דאָס איז נייטיק געווען, קיין שום אַנדערש האָט נישט געקאָנט פאַרטרעטן אָט דעם ברענענדיקן באַגער פון פּראָטעסט, פון פיינט האָבן.

* * *

ער ווייסט, אַז דאָס ווייב ליגט אינעם שלאָפצימער, איינגעגראָבן אין די ווייסע, באַלעבאַטישע קישנס. ער וואָלט אַ סך אַוועקגעגעבן, ער זאָל וויסן וואָס זי קלערט. עס גייט אים מיטאַמאָל איבער אַ זיסער צאַפּל איבער דער הויט, ווען ער דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט זי מיט יאָרן צוריק איבערבעטן, עפּעס קלאָר מאַכן צווישן זיי נאָך אַזאַ שטורעם. פאַרוואָס שעמט ער זיך הייַנט? און עס ווערט אים מיטאַמאָל קלאָר, אַז די בעסטע דעריִנערונגען ליגן ביי אים צוזאַמען מיט די טונקעלע איבערייסן, גלייך ווי וואָלקנס באַזוימטע מיט זון איבערן הימל. ער גייט אריין אינעם צווייטן צימער, וווּ די צוויי קינדער, דאָס ייִנגעלע מיט דעם מיידעלע שפּילן זיך און אין אַ צווייטן ווינקל שטייט דאָס וויגל מיט דעם שלאָפנדיקן קינד.

די קינדער זענען פאַרשפּילט, זיי רייטן אויף אַ שטול, פון וועלכער זיי האָבן געמאַכט אַ באַן, ער האָט נישט קיין דרייסט זיי צו שטערן, עס דאַכט אים, אַז די קינדער האָבן אים פיינט.

ער גייט צו צום וויגל, דאָס קינד ליגט צערודערט, פאַרטראָגן אין אַ קינדערישן שלאָף, מיט צעוואָרפענע הענטלעך, ער דעקט עס זאָרגפעליק צו. ער בייגט זיך איבער דעם זיסן, שלאָפנדיקן פּנימל, און עס נעמט אים אַרום אַ באַהאַרצטקייט. ער פאַרגעסט מיטאַמאָל צוליב וואָס ער האָט זיך געקריגט מיטן ווייב. ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס זי האָט אויף אים געקוקט מיט אַזאַ פאַרניכטנדיקן האַס, און עס דאַכט אים, אַז עס וואָלט געווען גוט, ווען זי וואָלט נישט געווען, ווען דאָס אָרט, וואָס זי פאַרנעמט, וואָלט געווען ליידיק.

נאָר אָט וועקט זיך דאָס קינד, עס הייבט אָן „פּסיקען“, עס פאַרקרימט זיך מיט אַן אָפן ליידיק, רויט מיילעכל, וואַרפט מיט די שטייפע פיסלעך און שרייט ריינגדיק:

— מאַמאַ...

ער פּרוּווט עס איינגעמען, פּרוּווט עס נעמען אויף די הענט. דערביי פאַלט

אַראָפּ אַ שווער, נאַס ווינדעלע. דאָס קינד צעוויינט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער, שטופּט דעם פאָטער און רייסט זיך:

— מאַ... מאַ...

דאָס ווייב באַוועגט זיך נישט. דער מאַן ווערט אָן דאָס געדולד, ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן, ער טוליעט דאָס קינד צו זיך, הייבט אָן זינגען, קנאַקן מיט דער צונג. דאָס העלפט אָבער נישט.

דעמלט לויפט ער אַריין אינעם שלאָפצימער צום ווייב מיט פאַרביסענע, להכעיסדיקע ליפּן און זאָגט:

— גיי אַריין... צום קינד...

— וואָס דאַרפסטו מיך... ביסט דאָך אַ טאַטע...

און זי בליצט אויף אים הוזקדיק מיט די אויגן:

— וואָס דאַרפסטו מיך...

— דאָס קינד וויינט...

— נו... קאָנסט אים נישט איינשטילן...

זי הייבט זיך לאַנגזאַם אויף, כדי אים צו ווייזן, אַז זי טוט עס נאָר צוליב דעם קינד, און גייט מיט פאַמעלעכע טריט אין קינדער־צימער.

דער מאַן דערפילט זיין אָנמעכטיקייט. עס דאַכט אים, אַז אַלע זאַכן אין שטוב קוקן אויף אים בייז, מאַכן אים פאָרווורפן, פאַר זיין שלעכטקייט, פאַר זיין אומגעזעצטיקייט.

ער לייגט זיך אַוועק אויף דער סאָפע, און אין זיין קאָפּ טוען אַ שפּאַר ברוזנ־דיקע געדאַנקען פון בונט. עפּעס הייבט זיך אויף אין אים אַ צאַפּלדיקע בענקשאַפט נאָך פרייהייט. עס טוען אַ שפּיל פאַר אים די יונגע יאָרן מיט אַזאַ פרישער נאָ־ענטקייט, ווען די וועלט האָט אים ליב געהאַט, ווען אַלץ אַרום האָט אים געלאָקט און צוגעזאָגט.

פונעם צווייטן צימער הערט זיך, ווי דאָס ווייב שפּילט זיך מיטן קינד, ווי זי וויגט דאָס אויף דער שויס און רעדט הערצו „משוגענע“ רייד:

„באַ... דער טאַטאַ איז באַ... דער טאַטאַ איז אַ שלעכטער...“

דאָס קינד פּלאַפּלט מיט אַ זיס קולעכל נאָך: „באַ“ טאַטאַ באַ...

און אַ ליבער נאַרישוואַטער שמייכל צעגיסט זיך אויפן מאַנס פּנים...

* * *

אין אַ וואָך אַרום קומט פאָר די התונה פון היהלע, רבקהס טאָכטער, און דער ברוגזער מאַן אַמפּערט זיך מיט אַ ספּינקע, וואָס וויל נישט אַרייננקריכן אין

דעם האַרטן שטייפֿן, „סמאָקינגאָווע" קאָלנער. דאָס ווייב רוישט מיט דעם נייעם זיידענעם קלייד.

דערנאָך לויפֿט דער מאַן נאָך אַ דראָזשקע, און ער פֿאָרט מיטן ווייב אויף דער פֿרעמדער מאַמערנדיקער, נודנער התונה פֿון דעם נודנעם מיידל, חיה, מיט די דאַרע לאַנגווייליקע פֿיס.

ער קושט זיך מיט אַלע געמיינע פֿעטערס פֿון דעם ווייבס משפּחה, מיט „מאָ־טעלע ריבאייזן", מיט די שלעכטע און פֿאַלשע ווייבער, מומעס און שוועסטער־קינדער.

ער ווינטשט גליק דעם נייעם פּאָרפֿאָלק, דער נייער בעסט.

דעם נייעם, שרעקלעכן, אומרחמנותדיקן „פֿאַמיליע־גליק"...



## צייטן און דורות

אין דעם ענגן, אַלטן יידישן הויף אין מיטן די נאַלעווקעס איז געשטאַנען די קלייט מיט דריי אייזן־געקאָוועטע טירן אונטער אַן אַלטער, פאַרטונקלטער שילד. די קלייט האָט פאַרנומען די גאַנצע ברייט פונעם מויער. אַ חוץ דעם האָט די קלייט אויך פאַרכאַפּט היגטערשטע צימערן: קעלערס, שפּייכלערס און זייטיקע ווינקלען, ווו אַלץ איז געווען אָנגעשטופּט מיט אַנגעשטאָפּט מיט סחורה.

פון דער טונקעלער טיפקייט, פון די אָנגעלאָדעוועטע פּאָליצעס האָט אַלע יאָרן געפּלאָסן אַ וואַרעמע זיכערקייט, וואָס האָט זיך צעלייגט מיט אַ שימער פון גלאַנץ איבערן גאַנצן הויז.

לאַנגע יאָרן האָט פון דער קלייט געשטראָמט אַ ברייטע רחבות פון זיכערן לעבן. מענטשן האָבן זיך געדרייט אין די שווערע, ברייטע טירן, אַריין און אַרויס. און אין דעם זייטיקן, אָפּגעזונדערטן „קאַנטאָרל", הינטער דעם הילצערנעם באַריער און די מילך־שויבן, איז געזעסן ר' יעקב אַליין. אויף זיין אַלטער, ווייכער פּאָטעל־שטול מיט זיין ראָזער, וואַרעמער באָרד, אינעם זיידענעם יידישן היטל, אין אַ ראָק, וואָס איז אויך געווען אַ קאַפּאָטע, איז ער געזעסן נעבן דער אייזערנער „פייער־קאַסע". די קאַסע איז געווען אַ היימישע, אַ פריילעכע, מיט אַ ליבלעכן קלונג פון די מעשענע שלעסער און שטאָלענע ריגלען. פון דער קאַסע איז אויך געגאַנגען אַ ריח פון אייביקייט, און ר' יעקב אַליין האָט אויך געשמעקט מיט אַן איידעלן ריח פון אתרוגים, פון ציגאַרן, פון יידישן וויין און פון געלט.

די קינדער, די דריי מיידלעך און די צוויי זין, זענען נאָך גאָר יונג געווען. גייענדיק פון דער „שקאָלע", האָבן זיי אָפּגעשטעלט אין דער קלייט. קושנדיק דעם טאַטן אין דער האַנט, האָבן זיי געפילט, אַז זיי קושן האָס זאַטע און זיכערע לעבן. דאָ האָבן זיי באַשטעלט אַלץ, וואָס איז זיי נייטיק געווען. אין דעם טונקעלן קאַנ־טאָרל, ביי דעם אַלטן, שוואַרצלעכן ביוראָ־טיש, האָט מען געקאָנט אַלץ באַקומען; און די קאַסע מיט די פריילעכע מעשענע שלעסער האָט ליבלעך צוגעקלונגען און פאַר אַלעם געצאָלט.

* * *

אינעם זעלבן הויז אויף די נאַלעווקעס איז אויך געווען די דירה מיט די גרויסע, אַלטע צימערן, אויסגעוואַרעמטע מיט אַן אַלטן וואַרעמען גלאַנץ. דאָס האַרץ פון דער שטוב איז געווען די גרויסע, וואַרעמע עס־שטוב מיט דעם גרויסן בופעט, וואָס איז געשטאַנען איבער דער גאַנצער ברייט פון דער וואַנט.

דער בופעט פון אַלטן ברוינעם, דעמבענעם האָלץ, מיט די געשניצטע פייגל און לויפנדיקע האָזן, האָט אויסגעזען ווי אַ טעמפּל. יעדער שופלאָד און יעדער פאַך, וואָס מען האָט געעפנט, האָט אַן אָטעם געטאָן מיט אַ יום־טובדיקן ריח פון רחבות, פון יידישע בשמים, פון וויין, פון געבעקס און פון יידישע שמחות און יום־טובים.

די קיך איז געווען אַ גרויסע, אַ ווייסע, אַ באַשלאָגענע מיט העלישן פלאַם, מיט פייערן, וואָס האָבן געשפילט אויף די הענגענדיקע משפחות קופערנע פאַנען, גרויסע, קליינע און קלענערע, צעהאָנגענע איבער די ווענט.

די קיך האָט אייביק געגליט, און אויסגעוואַרעמטע דינסטן האָבן ווי זאַטע טויבן ארומגעפלאַטערט מיט א ווייך פליסקעריי.

שבתים און יום־טובים זענען געפלאָסן פאַרזיסטע און שמעקנדיקע, מיט איידעלע בשמים, מיט זיסן האַרץ־פלאַטערן פון דער גלאַטיקייט פון נייע מלבושים.

די גאַנצע יידישע געגנט אַרום די נאַלעווקעס, אַלע לויפנדיקע יידישע גאַסן, האָבן געקענט די קלייט און די שטוב. אַ וועלט מיט מענטשן — שניידערס, שוסטערס, קצבים און מילך־יידן, הענדלער, טרעגער און מעקלער, האָבן באַדינט די שטוב, באַלאַגערט די אַלטע, אָפּגעריבענע שוועלן. אַ שטאָט פון געטרייע אונטערטאַנען, שמייכלענדיקע, ווינטשענדיקע, האָבן געווימלט אַרום דער שטוב.

ווייטע קרובים, עלטער־פעטערס, מומעס, שטילע און שרייענדיקע, וויינענדיקע, בעטנדיקע, שעלטנדיקע און מאָנענדיקע, קרובים פון דער וועלט, וואָס קיינער האָט נישט געוווסט פון וואַנען, זענען געקומען, מיט אויסטערלישע קרענק, מיט שלוקערצן און דיבוקים, שווערע האָבנס, מיט פאַרעלטערטע כלות און גטן, דאָס אַלץ האָט געטרעטן דעם אויסגעריבענעם וועג אַרום דער שטוב און די קלייט.

דערנאָך זענען אונטערגעלאָפן שמחות, חתונות פון די מיידלעך.

די ערשטע חתונה פון דער עלטסטער טאָכטער האָט זיך געצויגן אַ וואָך צייט, מיט גרויסע רביים, מיט אַ מצווה־טאַנץ, מיט אַ מאַרשעליק, מיט אַ סעודה פאַר אָרעמע לייט אין מיטן הויף, מיט שבע־ברכות.

די חתונה פון דער צווייטער טאָכטער איז צוליב עפּעס געווען אַ „שטילע“ און גיכע, מיט אַ פאַרמאַכטער טיר פאַר פרעמדע מענטשן. דער יונגערער זון איז

מיט קורצע הויזן און נאַקעטע קניען, מיט אַ רוק־זאַק אויף די פּלייצעס, אַוועק קיין ארץ־ישראל.

די דריטע חתונה איז שוין געווען אין אויסלאַנד, ווו די טאָכטער איז אַוועק „שטודירן“, און צום ערשטן מאָל האָט די באַלעבוסטע געזען דעם אַלטן ר׳ יעקב אין „דייטשן“ ראָק מיטן קאַפּעלוש, ווו מען האָט אים געפירט קיין אויסלאַנד צו דער טאָכטערס חתונה.

די שטוב איז געבליבן ליידיק און שטיל.

נאָכדעם זענען האַסטיק אַנגעלאָפן עטלעכע יאָר, וואָס האָבן ווי אַ בייזע האַנט אַ ריס געטאָן די שטוב און די קלייט.

די לעצטע שמחה איז געווען, ווען דער זון האָט געענדיקט אויף דאָקטאָר. די גאַס האָט געקוקט אויף דער פרעמדער שמחה, ווו יונגעלייט האָבן געגעסן אין די „בלויזע קעפּ“ און מיידלעך האָבן גערויכערט סיגאַרעטן.

באַלד דערנאָך איז צום לעצטן מאָל די קלייט און דער הויף און די שטוב פול געווען פון מענטשן; ווען מען האָט דעם אַלטן ר׳ יעקב אַרויסגעפירט אין דער „דריי־טשישער“ עגלה מיט די זילבערנע כוואַסטן. די באַלעבוסטע איז שוואַרץ געווען פון מענטשן. שכנים האָבן פאַרמאַכט די געוועלבער.

דערנאָך האָט מען אין דער קלייט אַריינגעשטעלט די ערשטע וואַנט. פון דער קלייט איז געוואָרן צוויי. מען האָט אַריינגעלאָזט דעם ערשטן שכן, און סע האָט זיך באַוויזן אַ נייע, גרעלע שרייענדיקע שילד.

אין דער דירה זענען פאַרבליבן ליידיקע צימערן. די מעשענע פאַנען אין דער קיך זענען פאַרלאָשן געוואָרן און מייז האָבן זיך באַוויזן אין די שופלאָדן פונעם בופעט.

* * *

אין דער אַלטער גרויסער שטוב, אין אַ זייטיק צימער, איז פאַרבליבן דער זון דער דאָקטאָר. פון די טעכטער האָט זיך איינע געגט, די אַנדערע האָט ערגעץ לאַנג שטודירט און זוכט אַלץ אַ שטעלע.

די גרויסע משפּחה, די נאָענטע אַלטע שטוב־מענטשן, טרעפן זיך נאָר אויפן בית־עולם. אַ ה י ן גייען אַלע, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען צום טאַטן ר׳ יעקב נאָך הילף. אַלץ האָט זיך אַריבערגעטראָגן אַהין, אויפן גענשער בית־עולם, ווו די משפּחה באַשעפטיקט אַ גאַנצן טאָג אָרעמעלייט: אל־מלא־רחמים־מאַכער, מצבה־שטעלער און בעטלער. דער אַלטער ר׳ יעקב האָט נאָך פון דער שטוב באַקומען אַ גרויסן

רייכן שוואַרצן מצבה־שטיין. אָבער אַלע אַרום ליגן שוין אונטער פּלאַכע, פּלאַטשיקע מצבות, גידעריק ביי דער ערד.

* * *

אַלע צימערן אין דער דירה זענען שוין פאַרדונגען. די סוב־לאָקאַטאָרן שפּאַנען מיט האַרטע, פרעמדע טריט דורך די שטילע צימערן. זיי גייען הין און צוריק ביזן האַלבן טאָג מיט די האַנטעכער איבער די אַקסלען. זיי וואַשן זיך אין די כשרע שיסלען פון דער קיך און קאָכן טיי אין דער קאַלטער קיך.

אין צוויי אָפּגעלאָזענע צימערן פון דער דירה וווינט די עלטסטע טאָכטער מרים מיט איר מאַן, וואָס טראָגט שטיל און פאַרשעמט אַרום צו פאַרקויפן לאָטעריי־צעטלען. עס איז איר געבליבן אַ גרויסער ווייַנער שפּיגל פון דער אַלטער שטוב, וווּ זי זעט זיך אינגאַנצן, אַ דאַרע, מיט אַ דינעם האַלדז און גרויע לאָקען. אַ האַלב פון איר צימער פאַרנעמט דעם טאַטנס פאָטער־שטול, אַ גרויסע, אַ ווייכע, מיט לעדער געבעט. זי וויל די שטול נישט פאַרקויפן.

דאָרט, וווּ די קלייט איז געווען, העגנען איצט פאַרביקע שילדן. עס איז שווער צו דערקענען דעם הויף. פון דער קלייט איז געוואָרן דריי, דורכגעצוימטע מיט דינע ווענטלעך פון דיקט.

פון טאָג צו טאָג פאַרשווינדט עפּעס פון יענער צייט: אַ שטיק מעבל, אַ מענטש, אָדער אַ פאַרב. דער גרויסער הויף ווערט פרעמד. עס קומען נייע מענטשן. עס פאָרן אַריין שווערע זידנדיקע אויטאָמאָבילן, וואָס אָטעמען בייז מיט בענזין און אייל. די שכנים אַרום פאַרשווינדן, עס פאַרשווינדן די שווערע, אַלטע שלעסער פון די טירן.

אינעם הויף זעט מען נאָר טיילמאָל די עלטסטע טאָכטער און די יונגערע, וואָס האָט זיך געגט. זיי טרעפן זיך אין דעם אַלטן הויף ביי די נייע שוועלן פון דער אַלטער קלייט. זיי שטייען אָפּ שעהנווייז, קוקן אַריין אין דער פרעמדער טונקלקייט, זעען ווי עס פינטלען דאָרט פרעמדע מענטשן, די נייע באַלעבאַטים, און זיי ווייזן איינע די אַנדערע, די סימנים, די ווינקלען פון דער קלייט, ווי אַזוי עס איז אַמאָל געווען: אָט דאָ איז געווען דעם טאַטנס קאַנטאָרל... דאָ פלעגט מען שטעלן דעם „סאַמאָוואַר“... דאָ פלעגט מען דאָנערשטיק טיילן נדבות...

אָפּטמאָל פאַרבלאָנדזשעט אַהער אויך דער עלטערער זון, דער דאָקטאָר. ער קוקט לאַנג אין די שויבן. און אין דער גלאָזיקער טונקלקייט טויכט פאַר אים אויף אַ פאַרשווונדענער שימער. עס טוט אים אַ קלאַפּ עפּעס אַ וואַרעמער שטראָם פון

אַ פריידיקער לעבן. עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז ערשט נעכטן געווען, און עס פאַרגייט אים אַ ריח פון אַ זאַט, זיכער לעבן, עפּעס אַ ריח פון יוגנטלעכער פרייד, ווען ער פלעגט נאָך מיטאָג אַריבערטרעטן די שוועל פון דער קלייט און האָט גע־פילט, אַז דער באָדן איז אַ זיכערער, אַן אייביקער, וואָס קען זיך קיינמאָל נישט איינברעכן.

עס דאַכט זיך אים, אַז עס איז געשטאָרבן אַ וועלט, וואָס עמעצער האָט צעבראָכן.

.1928

# ייִדישע הייף

## I

אין אַ פּירשטאָקיקן, געמויערטן קאַסטן ליגט דער אַלטער, ייִדישער הויף. דאָ ווינען אַלטע וואַרשעווער באַלעבאַטים און קיינער געדענקט נישט ווי לאַנג. כמעט אַלע זענען דאָ געבוירן געוואָרן, צום ערשטן דערזען דעם רעשיקן, ייִדישן גזשיבאָוו. איינער קען דעם צווייטנס שטוב, און ביי שמחות אָדער לוויות קומט איינער צום אַנדערן. מען רעדט זיך איבער דורך די פענצטער, דורך טירן, דורך די באַלקאָנען, — ווי איין גרויסע משפּחה אַרום אַ טיש.

אַלע הייזער פון דער גאַס געהערן צום אַלטן וואַרשעווער, חסידישן יחוס, און אַלע דירות זענען פאַרדונגען געוואָרן נאָך ביים „אַלטן“ רבין. דער רבי אַליין איז אָפט אַהער פאַרפאָרן. אַלע איינוווינער פונעם הויף האָבן זייערע געוועלבער אין דער געגנט פונעם גזשיבאָוו. די געוועלבער זענען אַלטע, אויסגעריבענע, באַדעקט מיט שטויב פון די אַלטע, פוילישע צייטן. די סקלאַדעס זענען פאַררוקט אין די פאַרלאָזענע הויפן, וווּ עס ליגן נאָך שטיקער גרינע לאָנקעס פון דער „פּאָווסטאַניע“. אין די „קאַנטורן“ זיצט מען אין קאַפּעלער, אין יאַרמלקעס, מיט לאַנגע בערד. עס גייט אַרום דער ריח פון ציגאַרן, פון איידעלע ייִדישע בשמים און ספרים. מען האַנדלט מיט פּריצים, מען לייַדט פון גבירישע קרענק, מען פאָרט קיין אויסלאַנד אין די בעדער און מען האַלט פון אַמאָליקע, שוין לאַנג-געשטאָרבענע ראָקטוירים און פּראָפעסאָרן. די ווייבער זענען אויך פונעם גזשיבאָווער יחוס, הויכע, דיקע, מיט טאָפּלטע גוידערס. זיי „שפּרעכן“ קוראָרט-דייטש, בלאָזן זיך, ברוגזן זיך, נעמען צוגויף פאַר קראַנקע אין די שפּיטאָלן און מאַכן חתונה אָרעמע יתומים.

דער גאַנצער הויף האָט מורא פאַר גנבים און פאַרבייגייענדיק ביינאַכט, פון שפּעטע מלווה-מלכּות, טאָפּט איינער ביים צווייטנס געוועלב די אַלטע, שווערע

שלעסער. מען היט אָפּ דאָס יידישע פאַרמעגן, איבער וועלכע עס וואַכן נאָך גיים=
מער פון די עלטער=זיידעס, פאַרפלאָכטענע מיט די שרעקיקע און פריידיקע
מעשיות פון די אַלטע פוילישע, פריצישע הייף... מעשיות פון וועלדער און וועלף,
פון משוגענע פריצים, פון גוטע און שלעכטע, מעשיות פון ניסים און גליק, פון
ניִשט=גוטע און למדוואָוויקעס.

* * *

שבת נאָכן עסן איז שטיל אינעם הויף. מען שלאָפט. פענצטער זענען פאַר=
האָנגען און שפּילן מיט אַ וואַרעמען גלאַנץ פון רו און זיכערקייט.

עס וואַכן נאָך די עטלעכע קבצנים, וואָס וווינען אין די קעלער=שטובן אָדער
אויף די פּאַציאַטעס. די קבצנים וואַכן און היטן דעם שלאָף פון די נגידים. די
אָרעמעלייט זיצן אויסגעזעצט אַרום דעם דאַרן, פאַרטרוקנטן גערטנדל אין מיטן
הויף, צעפּאַטלטע ווייבער און יידן אין צעפליקטע כאַלאַטלעך אָדער זיידענע קאַ=
פּאָטעס מיט צעפליקטע, הענגענדיקע צווּטן פון אַלטקייט.

די קבצנים זענען אויך פרומע יידן, טייל חסידים פונעם אַלטן רבין. אַמאָל
האָבן זיי געלעבט פון די רייכע שטובן אינעם הויף. זייערע ווייבער האָבן געהאָלפן
ביי די קיכן, בעת שמחות, אויסגעלאָזט גענדז אויף חנוכה, געשטעלט באָרשטש
און גערעדלט מצות אויף פסח.

הייִנט איז ניִשט ווי אַמאָל... קיין גרויסע שמחות מאַכט מען ניִשט. און אין
די קיכן זיצן שיקסעס פונעם דאָרף, מיט בלויע אויגן און פלאַקסענע האָר. פון
די קיך=פענצטער הערן זיך זייערע פעלד=לידער, און אין די אָוונטן קומען צו זיי
סטראַזשאַקעס פון די פייערלעשער און זעלנער מיט גלאַנציקע קנעפּ.

די קבצנים זיצן אינעם הויף און דערציילן זיך מעשיות פון די אַמאָליקע
צייטן, פון דעם הויף, פון רייכע חתונות, גרויסע לוויות, פון „בריליאַנטענע קעפּ“,
וואָס מ׳האָט געגעבן כלה=מתנות. וועגן דער חסידיש=גבירישער טאָכטער פונעם
ערשטן שטאָק, וואָס האָט זיך געוואָלט שמדן פאַר דער חתונה, ווייל זי האָט זיך
געליבט אין אַ כראַביע... ווי דער אַלטער רבי איז געקומען צו פאָרן און זי איבער=
גערעדט... ווי דער גאַנצער הויף האָט דעמלט געוויינט...

הייִנט זענען די שטובן טונקל און שטיל.

נאָכן נגידישן, שבתדיקן שלאָף עפענען זיך די גרויסע, גלאַנציקע פענצטער
און באַלקאָנען. עס באַווייזן זיך די באַלעבאַטים אין די קאָלירטע טערקישע שלאָפ=
ראָקן. מען גענעצט הויך און היימיש, און מען רעדט זיך איבער דורך די פענצ=
טער וועגן דעם געראַטענעם טשאָלנט אָדער וועגן „שטיבל“.

די ווייבער באַווייזן זיך אין די שלאָפּראָקן, באַקלאָגן זיך אויף די דינסטן, וואָס זענען געוואָרן קאַליע, ווילן נישט פאָלגן... און מע דערמאָנט זיך די אַמאָליקע ציטן... די דינסטן, יתומות, וואָס זענען אָפּגעווען צו צוואַנציק יאָר, ווי מען האָט זיי געגעבן לייטישע מענער און נדן...

דער איינציקער גוי אינעם הויף, דער אַלטער יוזעף, גייט אויך אַרויס אויפן הויף, ער גייט צו צו די אָרעמע יידן, שפּאַרט זיך אָן אויפן בעזעם און הייבט זיך אָן באַקלאָגן אויף די היינטיקע צייטן.

אַמאָל... אַמאָל זענען אין דעם הויף אַראָפּגעקומען גרויסע רבנים, „סטאַרי ראַבין“... דער טויער איז געווען באַלאַגערט פון חסידים... מען איז געקומען מיט קוויטלעך... יוזעף איז געשטאַנען אויף דער וואַך און נישט אַריינגעלאָזט די חסידים... מען האָט אים געשטופּט געלט, ער זאָל אַריינלאָזן, נאָר ער האָט נישט געוואָלט... „ראַבין ניע קאַזאַל“. אין מיטן הויף פלעגט מען אויסשטעלן טישן... און שמחת-תורה האָט מען געשיכורט און געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט... דער אַלטער יוזעף אַליין האָט אויך געקריגן אַ ברכה פונעם סטאַרי ראַבין, אַנדערע צייטן... אַנדערע חסידים... זאָגט דער אַלטער יוזעף, — אָ, יעזו... יעזו...

* * *

די נייע צייטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין דעם הויף און צום ערשטן אויפגעוועקט די חסידיש-נגידישע טעכטער. די קליינע מיידלעך זענען אויפגעוואָקסן מיטאַמאָל און האָבן זיך באַוויזן אין זיידענע קליידער. זיי דערמאָנען די אַמאָליקע שיינקייט פון זייערע מאַמעס, און נאָר עפּעס אַ פרעמדער גלאַנץ און די געמאָלטע ליפּן זענען פון דער איצטיקער צייט.

עס קומען צו זיי יונגעלייט מיט פרעמדע, געגאָלטע פנימער, פון פרעמדע גאַסן און פון אַ פרעמדער וועלט. די טאַטעס מיט די מאַמעס קוקן זיי נאָך מיט שרעק, ווהין זיי ווערן פאַרשוווּנדן אין דער ווייטער פרעמדקייט פון דער גרויסער שטאָט.

מ'איז שוין לאַנג און שטיל באַשטאַנען אויף זייערע נייע גענג, און שדכנים קומען אַריין גלאַט אַזוי, טרינקען אַ גלעזל טיי און רעדן שידוכים „מיט אַ ליבע“.

די ליבעס ווערן געפירט אויף פויליש. מען לייענט גוישע ביכלעך און מען טאַנצט ערגעץ אין די גלאַנציקע קאַפעען. די טעכטער גייען אַוועק ערגעץ, צו די ווינקעגדיקע ליכטיקייטן פון דער גרויסער שטאָט. דאָס האַרץ פון דעם אַלטן, יידישן גזשיבאָוו קלאַפּט אומרואיק, און איבער די שטובן גייט אַרום אַ קרעכץ. די טאַטעס זענען שטרענג. אָבער די מאַמעס גיבן נאָך... די ווייבער מאַכן שלום

מיט דער נייער צייט און קלאָגן אויף זייערע נאַרישע מיידלשע יאָרן... ווען זיי האָבן נישט „געוווסט פון קיין לעבן"...

* * *

און אין די שטילע, נגידישע שענק ליגן ווי פאַרגעסענע די רייבע „וויפּראַוועס" פאַר די טעכטער. אונטער די סודותדיקע שלעסער פון די אייזערנע קאַסעס ליגן די נדנים און עס שימערן די אַלטע, יידישע דימענטן און באָבעשי-בראָשן. עס זיצן די בלייכע בחורים „פאַר גאָט און פאַר לייט", די אמתע חתנים, זיי וואַרטן שטיל און געדולדיק אויף זייערע שיינע, כשרע, יידישע, נגידישע כלות...

## II

אין דער קעלטלעכער, בלויער לופט פון דעם היימישן, וואַרשעווער הימל, צווישן נאַכט און פאַרטאָג, וואַכט אויף דער לאַנגער, טריבער מאַרק-הויף.

די מענטשן באַווייזן זיך ווי שאָטנס פון א חלומדיקער וועלט מיט גלאַנציקע, אומזיניקע בליקן פון אן איבערגעריסענעם שלאָף. מענער, פרויען און קינדער טראָגן זיך מיט בהלהדיקער איליקייט פון לונאַטיקער. זיי זענען געהילט אין שמאַטעס, אין אַלטע, צעפליקטע טיכער, אויסגעפּוצטע פעלצן און בורקעס, אָנגעפּעלצטע אין משונהדיקע קאָלירן ווי משוגעים. זיי טראָגן זעק, קוישן, קאָלערן פעסער און קאַסטנס. עס דאַכט זיך אז זיי ראַטעווען זיך פון א געוויטער, וואָס יאָגט זיי נאָך.

דער אַלטער מאַרק-הויף זעט אויס ווי אן אויפגעטרערטע בהלהדיקע גאַס, ווו עס איז געשען אַן אומגליק, אַן איינגעלויף. אין די ווינקלען שטייען חרובע געבויען, פּלויטן, בוידעמער, דורכגאַנגס-טויערן און טויב-פאַרקלאַפּטע בודעס. אין די אַלע ווינקלען פינטלען אַרום מענטשן, בייזע, צעשריגענע, ווי זיי וואָלטן זיך געראַנגלט מיט א נישט-געזעגנטעם שונא.

מען קויפט און מען פאַרקויפט. העמט רייסן פון הענט, מען ציילט און מען רעכנט, ווייבער רייסן זיך די האָר, קנייפּן זיך די באַקן, ווי זיי וואָלטן באַווייגנט טויטע. יידן מיט בערד, אַלטע און יונגע, מיט רויטע, צעשריגענע העלדזער, קוי-טער מיט בליציקע פּנימער, האַנדלען, שווערן און שעלטן. יונגע פרויען מיט שפּראָצנדיקע גלידער, אָנגעפּעלצטע אין שמאַטעס, מיט שטריק אַרום די לענדן, פאַרשמירטע, פאַרשטויבטע, באַדעקטע מיט שטרוי און פעדערן, ווי זיי וואָלטן

געוואָלט באהאלטן דעם רייז, וואָס רייסט זיך ארויס פון די שמאטעס, שרייען מיט הייזעריקע בעסער, זייערע פארגרעבטע פינגער רויען זיך אין נאקעטן בלו־מיקן רויען פלייש, אין אלטן לעדער, אין ווייסלעך־שליימיקע, פארהלשטע פיש.

דער מארק זידט, קאָכט און רוישט.

עס איז נישטאָ קיין הימל. עס איז נישטאָ קיין ערד. עס איז דאָ נאָר איין קנויל פון מענטשן, וואָס קריכן, רויען זיך איינער איבער דעם אנדערן. ווי א פאר־שאָלטענער איגדזל אין א מגפה.

עס איז שווער צו גלייבן, אַז די אַלע מענטשן האָבן ערגעץ היימען, וווּ זיי וווינען, וווּ זיי זיצן ביי איין טיש, וווּ זיי שלאָפן, וווּ זיי געבוירן קינדער, וווּ זיי קרענקען און שטארבן.

די יונגע פונעם מארק־הויף זעען זיך משדך. מען קאָן זיך פון קינדווייז, פון הויף, פון מאַרק. מען געפעלט זיך אין מיטן דעם רעש. אָנשטאָט א ליבע־דערקלערונג מאכט מען שותפות אין האנדל ביז דער התונה און ווען דער חתן קומט צו דער כלה, פרעגט ער:

— מ'האָט עפּעס געלייזט?...

און מען רעכנט זיך אויף אַ ברעט מיט קרייד. מיט געשרייען, מיט קללות, מיט בליציקע אויגן און רויטע העלדזער פון געשריי.

אין די אָוונטן גייט מען אהיים צוזאמען פון מארק, אונטערן אָרעם, פאר־שמירטע מיט בלאָטע און מארק־שטויב, און מיט מארק־געשריי דינגט מען זיך, וועגן חופה, נדן און „וווינען"...

אין מיטן דער צעקנעטענער בלאָטע פונעם הויף, אין א שוואַרצן, הרובן ווינקל, מיט אָפגעריסענע ווענט, אָן א שוועל, מיט פארהויכטע, קרומע פענצטער, שטייט די שול, פון וועלכער עס בליבן ארויס עטלעכע מאטע פלעמלעך פון ליכט.

אויף די קרומע שטענדערס ליגן אלטע, געלע, צעפליקטע סידורים און תהילימס.

דאָ, אין דעם ווינקל, האָבן זיך פארהאַלטן די אָפגעשוואַכטע אין דער מאַרק־מלחמה, אינוואלידן, געבראָכענע פון דער עלטער, געהויקערטע, מיט שטארע גלידער, לעבן זיי צוגעשפארטע צו דעם אלטן גאָט, וועלכן זיי האָבן דאָ, אין דעם חרובן ווינקל, אן אָרט אָפגעגעבן.

מיט איין אויג און מארק ארויס דאוונען זיי דאָ. מיט איין פוס אין מארק ארויס רעדן זיי צו גאָט.

איבער דער אָנשוועליקער טיר שפרייזט מיט גראָבע שטיוול אריין דאָס ראַציקע געשריי פונעם מאַרק און שרעקט די בלאַסע פלעמלעך פון די בליצנ־דיקע ליכטלעך.

קולות און הונגעריקע דערהונגערייכן ביזן טונקעלן, שטילן אָרון־קודש. און דאָ, אַרום, איבער דעם גאַנצן טונקעלן, פֿאַרהוילענעם שולעכל, שטעלט זיך אַ נייער מאַרק. מען קויפֿט תהילים־זאָגער פֿאַר קראַנקע, קדיש־זאָגער פֿאַר געשטאָרבענע. מען קויפֿט „עליות“ און מען פֿאַרקויפֿט קמיעות פֿון „גוטע יידן“. דער האַנדל גיסט זיך צוזאַמען מיטן מאַרק, כאַפּט אַרום דעם גאַנצן שטח, יעדעם ווינקל. אַלע פֿענצטער, אַלע טירן האַנדלען, ביז אַרויף צו די שטאַקן, אומעטום האַנדלט מען... אומעטום...

* * *

גאָר אויבן, אויף דעם שטילן, שטומען דאַך, צווישן די עלנטע, פֿאַרטראַכטע קוימענס, זיצט דער אייניציקער, וואָס האַנדלט נישט.

דאָס איז „יאַן“, דער גוייִשער „סטרוזש“ פֿונעם מאַרק־הויף.

שוין פֿון צענדליקער יאָרן גייט ער זיך טאָג־ביי־טאָג אַוועק פֿונעם הויף און גראַמלט אַהער אויפֿן דאַך אַרויף. ער שטייט מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ. זיינע אויגן זענען פֿול מיט דער רו און בלויקייט פֿונעם הימל. ער שטייט מיט זיין לאַנגן שטעקן אין דער האַנט און יאָגט זיינע טויבן.

די טויבן טראָגן זיך, פֿליען מיט זייערע זילבערנע פֿליגל איבערן רויענדיקן גרויס פֿונעם מאַרק־הויף און שניידן אַרויף, צו די וואָלקנס.

דער אַלטער יאַן ציט זיך מיט צו דער הייך פֿון די טויבן. ער הערשט איבער דעם אומענדלעכן קלאָרן פֿרידלעכן רוים פֿון דעם הימל. די טויבן ברענגען אים גרוסן פֿון דער ברייטער, זאַפֿטיקער ערד אַרום.

דער הויף מיט דעם ווייסטן געווימל, ליגט אונטער אים, ווי אַ מאָל, אַ פֿאַרזונקענער, אַ פֿאַרגעסענער פֿון גאָט און פֿון לייט...

# אַ „ווילער" יונגערמאַן

## (אויף אַן אַלטער טעמע)

אַמאָל, אין די, דאַכט זיך, אַזוי ווייטע יאָרן, האָט מען מיר אין דעם קרייז פון אונדזער יידישער יוגנט אויף אים אָנגעוויזן. ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן, מיט פייגע, שוואַרצע, פּאָטישע האָר און לעבעדיקע, גלאַנציקע אויגן.

— איר קאָנט אים?...

ער האָט מיר אַ דריק געטאָן די האַנט מיט אַ מיין, ווי ער וואָלט זאָגן: „וואָס הייסט, איר קאָנט מיך נישט?".

— ווער איז עס?... — האָב איך געפרעגט וועגן אים.

— אַ „ווילער" יונגערמאַן... — האָט מען מיר געענטפערט.

— וואָס איז זיין באַשעפטיקונג?...

— אָ, ער רעדט... ער לויפט... ער האָט שטאַרק ליב יידיש... ער שרייבט אַ ביסל אויך, אָבער דער עיקר... ער איז אַ „ווילער" יונגערמאַן...

פאַרבליבן איז מיר אין זכרון זיין רירעוודיקייט, גלייך ער וואָלט געפירט עפּעס אַ פאַרצווייגטע אונטערנעמונג. אָט ווייזט ער עמעצן אַ נייַ ביכל און קוועלט אָן; אָט העננגט ער אויף אַ פּלאַקאַט וועגן אַן אָוונט, אָט לויפט ער צו און כאַפּט זיך אַרום מיט אַ מיידל, מיט יענער „ברידערלעכקייט", וואָס מען זעט צווישן פרויען און מענער, פאַרבונדענע מיט איין אידעאַל.

איך פלעג אים אָפט טרעפן אין שטובן פון דעם זעלבן קרייז, וווּ ער האָט זיך געפילט היימיש און איז געווען גוט געזען. ער האָט מיט יעדן פון דעם קרייז גע־האַט עפּעס משפּחדיק־פאַרטרויליכס, אינטימעס. און איינמאָל, ווען מיר זענען שפּעט אין דער נאַכט פון אַ שטוב צוזאַמען אהיימגעגאַנגען, האָט זיך דער יונ־גערמאַן צום ערשטן מאָל מיט מיר צערעדט:

ער האָט מיר דאָסמאָל געוואָלט ווייזן, ווי פאַרבונדן און אינטים ער איז מיט די בעסטע און אָנגעזעענסטע מענטשן פון אונדזער קרייז, און דעמלט האָט ער מיט אַ פליסטער פון באַהאַרצטקייט פלוצלונג געזאָגט:

— אַז איך שרייב, האָט איר געוויס געהערט... איך האָב נישט ליב וועגן דעם צו רעדן... איך האַלט דאָס פאַר מייַנער אַ פריוואַט־זאַך... איך גלייב אָבער, אַז איינגיכן וועט איר הערן וועגן מיר...

און צושפּאַרנדיק מיך צו אַ לאַמטערן, האָט ער אַרויסגענומען פון טאַש אַ פּאַפּירל און מיר גענומען לייענען אַ ליד; אַ ליד וועגן אַ מיידל מיט „בער־שוואַרצע אויגן", מיט „רויזן־באַקן" און „קאַרשן־ליפּן". ער האָט זי באַשווירן, אַז זי זאָל פאַרלאָזן די „פאַרגרעבטע וועלט", די גרויע „וואָכעדיקע מענטשן", זי זאָל גיין אין זיין „געצעלט", געפלאָכטן פון בלומען און קנאָספּן"; דאָרט זאָל זי זיך אים אָוועקגעבן, דערפאַר וועט ער מיט איר טיילן זייַנע „חלומות" און די אוצרות פון זיין „האַרץ" און „נשמה"...

ער האָט איבערגעלייענט דאָס ליד און מיר געקוקט אין די אויגן אַריין וואַרטנדיק. ס'איז נישט געווען וואָס צו זאָגן. ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, האָב איך זיך אָפּגערופן:

— ס'איז גאַנץ גוט...

דער יונגערמאַן איז אָבער, זעט אויס, נישט געווען באַפרידיקט פון מיין מיינונג, און ער האָט זיך צערערט:

— דאָס זאָגט איר גלאַט אַזוי... אָבער איר מעגט זיך אַרויסזאָגן... ווייל איך בין פון די, וואָס קאָנען פאַרטראָגן קריטיק... איר קאָנט מיר זאָגן, אַז דאָס ליד טויג אויף כפרות... מיר וועט דאָס נישט אַרן...

ער האָט אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעליוש, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, אויף קוראַזש. עס האָט געזאָגט פון אים מיט ציגייַנערישער הפקרדיקייט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען.

— אַ ווילער יונגערמאַן... — האָב איך אַ קלער געטאָן, און איך האָב געזאָגט:

— יאָ... איר זענט יונג און איר האָט אויף אַלעם רעכט... דאָס, וואָס איר לייגט פאַר דעם מיידל אייער האַרץ... אייער נשמה... איז אפשר זייער אַ סך... עס איז זיכער אַ גוטער פּרייז... אָבער אַ יידיש מיידל זאָל זיך אַזוי אָפּזאָגן פון דער „פאַרגרעבטער וועלט", כ'וויים... אפשר... זאָל אייך דער גאָט פון ליבע העלפן...

און איך האָב מיך מיט אים געזעגנט.

— פאַרוואָס אַנטלויפט איר?... קומט נאָך אַ ביסל... איך וועל אייך אָפּפירן... ס'איז אַן „אינטערעסאַנטע" נאַכט... איך האָב ליב, ווען ס'איז אַ ווינט...

איך האָב נישט געפונען קיין גרויסן „אינטערעס“ אין דעם פּוילן, פּייכטן ווינט, נאָר דער ווילער יונגערמאַן איז געווען אויפגעבראַכט פון זיין פּאַטעטישער ליבע, און איך האָב אים נישט אָפּגעזאָגט. מיר זענען געגאַנגען.

— איר פאַרשטייט?... איר האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק... דערפאַר רעד איך מיט אייך וועגן דעם... דערפאַר האָב איך אייך געוויזן דאָס ליד... ס'איז אַפילו אַ סוביעקטיוו ליד... ווייל... איר ווייסט...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און קוקנדיק מיט אַ געפיל פון טרויער אין זיינע לעבעדיקע אויגן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב אַ שטיקל ליבע...

אַ „שטיקל ליבע“ דאָס איז געווען יידישלעך געזאָגט. דאָס וואָרט „ליבע“ האָט מאָדנע פרעמד אַ קלונג געטאָן אין זיין מויל.

איך האָב געפּרוווט שפּאַסן:

— איר רעדט דאָ אין אייער ליד וועגן אַ גרויסער ליבע... וואָס איז פאַר אַ דיכטער אַ „שטיקל ליבע“...

— דער „ווילער יונגערמאַן האָט זיך מיטאַמאָל צעוואָרעמט:

— איר פאַרשטייט... איך לייד... כאָטש דאָס מיידל איז שוין אַ האַלבע מיינע... זי איז אָבער אַ דעמאָגישע נאַטור... זי האָט ליב צו מאַטערן... און זי רופט ביי מיר אַרויס לידער...

מיר האָט זיך אַלץ געוואָלט שפּאַסן:

— זי רופט ביי אייך אַרויס לידער... איז דאָך גוט... מער דאַרפט איר דאָך נישט...

דער יונגערמאַן האָט כימרע אַ שמייכל געטאָן:

— פאַרוואָס מיינט איר?... אַז מ ע ר דאַרף איך נישט?...

עס איז מיר געוואָרן לעפּטיק און אומבאַקוועם, ווי איך וואָלט אַריינגעקוקט דורך אַ פענצטער, ווי עמעצער טוט זיך איבער. צו וואָס דאַרף איך דאָס אַלץ וויסן? איך האָב שוין געהאַט געגוג די אָפּנהאַרציקייט פון דעם „ווילן“ יונגערמאַן, דערביי איז מיר געוואָרן אַ ביסל פאַרדראָסיק דאָס, וואָס דער יונגערמאַן האָט פאַרנומען אַ שטיקל אויבנאָן אין דעם קרייז, ווו איך האָב פאַרקערט. דער עיקר דאָס, וואָס דאָס מיידל, צוליב וועלכער כ'בין אַזוי אַפּט אין דעם קרייז געקומען, אויך זי האָט וועגן אים גערעדט מיט אויסגעזוכטע ליבּ־ווערטער. דאָס איז מיר געלעגן, ווי אַ דינער שטאָך, אונטערן האַרץ.

דער יונגערמאַן האָט מיך אָפּגעפירט אַהיים שוין שפּעט אין דער נאַכט, און דאָ, הינטערן טויער, האָט ער גענומען זיך אַראָפּרעדן פונעם האַרץ. ער האָט געזאָגט:

— איך וועל נאָך לאַנג אַרומגיין איבער די גאַסן... אפשר וועל איך אַראָפּגיין צו דער ווייסל... און זיך אָוועקזעצן ביים ברעג... איך האָב ליב די ווייסל... זי מאַכט מיר גרינגער מיינעליידן.

איך האָב שוין אפילו נישט געשפּאַסט. מיר איז געווען לאַנגווייליק, מיר איז געווען קאַלט. איך האָב שוין כמעט נישט געהערט זיין גראַוּווע עקזאַלטאַציע פון אַ פאַרליבטן.

— נו, אַ גוטע נאַכט...

דער יונגערמאַן האָט גענומען מיין אויסגעשטרעקטע האַנט און פּלוצלונג אַזאָג געטאָן:

— עס אינטערעסירט אייך גאָרנישט... צו וויסן... צו וועמען איך האָב געשריבן דאָס ליד?...

— דאָס וואָלט דאָך געווען נישט דיסקרעט... — האָב איך מיך אָפּגעענטפערט, — עס האַנדלט זיך דאָך גאָר וועגן דעם ווערט פון דעם ליד...

— ניין... — האָט דער יונגערמאַן מיט אַ מאָדנער אָנגעשפּיצטקייט געענטפערט, בלאָזנדיק דעם רויך פון זיין פּאַפּיראָס, — עס האַנדלט זיך אויך וועגן דער פּערזאָן... דאָס איז נישט גלאַט קיין ליד... דאָס איז געשריבן מיט בלוט...

דער „ווילער" יונגערמאַן האָט מיר אָנגעהויבן דערעסן, און איך האָב באַקומען אַ חשק זיך אַ ביסל פריילעך צו מאַכן:

— איך שטעל מיר פאָר... א יונג מיידל... א צאַרטע... מיט פאַרחלומטע אויגן... אַזעלכע, אין וועלכער... עס ליבן זיך פּאָעטן...

דער „ווילער" יונגערמאַן האָט געפייערט:

— ניין... אין איר ליבן זיך אַלע... זי איז אַ דעמאָנישע פרוי... אַ וואַמפּיר... זי נאַרט אָפּ... זי פאַראַט... אַזוי ווי ביי האַמסונען... עס ליבן זיך אין איר אַ סך... ווי נאָר אַ גראָבער נפש... אַן אידיאָט... דערפאַר לייד איך...

דאָ האָב איך מיר שוין פּשוט פריילעך געמאַכט:

— אַזעלכע איז דאָך נאָך מער אינטערעסאַנט... אַ דעמאָנישע פרוי... מען קאָן וועגן איר אָנשרייבן אַ סך לידער...

דער יונגערמאַן האָט אויף מיר זייטיק אַ קוק געטאָן און צוגעגעבן:

— איר קאָנט זי אויך... איר קאָנט זי גוט... זי האָט מיר דערציילט וועגן אייך... ווען זי קומט צו מיר, דערציילט זי מיר וועגן אַלע...

מיר האָט עפּעס אַ ברי געטאָן. אַליין נישט ווילנדיק, האָב איך אויסגעשריגן:

— ווער?....

און ער האָט מיר מיט אַ נאַרישעוואַטער, פוסטער היימישקייט אָנגערופן:

א י ר נאָמען.

דער פייכטער ווינט האָט פּלוצלונג זיך אַריינגעריסן צו מיר הינטערן קאָלנער פונעם מאַנטל, דורכגענומען מיך ביזן ביין.

מער בין איך אין דעם קרייז, ווי אויך אין דעם הויז נישט געקומען.

דאָס אַלץ האָב איך מיך דערמאָנט, ווען איך האָב צופעליק דערקענט דעם אַמאָליקן „ווילן" יונגערמאַן. איך האָב אים דערקענט, כאָטש עס איז געווען נישט גרינג אים צו דערקענען. אין אַ יידישער קראָם, וווּ איך בין אַריין עפּעס קויפן, האָב איך אים דערזען. ער איז געווען דער באַלעבאָס פון דער קראָם.

פון זיינע שוואַרצע, פּאָעטישע האָר איז נישט געבליבן קיין סימן. ער איז געוואָרן קיילעכדיק, מיט אַ בייכל. און נאָר די אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט מיט אַ באַזונדער געטרייקייט צו דינגען. יאָ, דאָס איז געווען דער „ווילער" יונגערמאַן. דערפאַר איז אָבער געווען גרינג צו דערקענען זי, די העלדין פון דעם ליד. אמת, די „רויזן-באַקן" מיט די „קאַרשן-ליפּן" זענען געווען שטאַרק אָפּגעבליט.

איך האָב מיך דערמאָנט יענעם פייכטן, ווינטיקן אָוונט. איך האָב מיך דערמאָנט אין דעם ליד. איך האָב געקוקט אויף איר און געוואָלט געפינען אין איר דאָס „דעמאָנישע", ווי ביי האַמסונען, ווען זי האָט גענומען ביי מיר דאָס געלט פאַר דעם געקויפטן. און איך האָב נישט געוווּסט, צי זאָל איך זיין צופרידן אָדער — באַדויערן...

# די מומע הדס

## אין א טונקעלער דירה

אונטער דער אומעטיקער ליכט פון דער גרינער לאָמפּ מיט די שוואַרצע, שרעקיקע שאָטנס ארום, צווישן דער לויערנדיקער טונקלקייט אין די ווינקלען פון דער שטוב זענען דורכגעגאַנגען די לאַנגע אָוונטן. איך האָב געמוזט ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווייל מען האָט מיך געגוויט צו גיין שלאָפן פון פריען אָוונט. בין איך געלעגן, און מיין וואַכזאַמער זינען האָט אויפגעכאַפּט יעדן קלאַנג, וואָס איז געקומען פון די דערוואַקסענע ארום דעם טיש, וואָס איז געשטאַנען אין דער ליכט פון דער לאָמפּ, ווי אן אָאַזיס אין א מדבר.

אלץ, וואָס איז גערעדט געוואָרן ארום דעם טיש, האָט מיר דערציילט פון דער גרויסער, סודותדיקער וועלט, וועלכע איך האָב געזען בלויז דורך דעם קליי־נעם פענצטער אין דעם גרויען, פאַרמויערטן הויף.

איך בין לאַנג נישט געשלאָפן, און מיין מוח איז געווען אָנגעשפּיצט, מיין אויער האָט נישט דורכגעלאָזט דעם מינדסטן שאָרך, און אין מיין קינדישן האַרץ האָט געצאַפּלט א גרויס, אומרואיק וואַרטן.

פאַר מיינע פאַרמאַכטע און דרימלענדיקע אויגן האָט זיך דורכגעוויקלט אן אומאויפהערלעכע שפּיל פון געשעענישן.

איך האָב געמוזט פיל קרענקען אין יענע ווייטע, נעפּלדיקע טעג. ווייל איך האָב געפילט דער מאַמעס ווייכע האַנט אויף מיין קאָפּ, און איך געדענק גוט די באַרירונג פון די פרעמדע הענט פון די דאָקטוירים און פעלדשערם. איך געדענק די באַרירונג פון א פרעמד, באַוואַקסן פנים פון דעם דאָקטאָר, די הילצערנע קלעפּ פנעם העמערל, וואָס איז ארומגעלאָפן איבער מיין נאַקעטער פּלייצע, מיין באַק איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אין די האַרטע קניען פונעם דאָקטער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אז די קניען מאַכן, אז מיר זאָל ווי טאָן, ווייל צוגערירט האָט מען זיך

שטענדיק נאָר דאָרט, וווּ עס האָט אַממייִנסטן וויי געטאָן. די קעשענעס פֿון די דאָקטוירים זענען פֿול געווען מיט מכשירים ווי צו טאָן, און מיך האָט שטאַרק געוווּנדערט, וואָס די מאַמע רופֿט זיי.

איך געדענק דעם שלעכטן דאָקטאָר, וואָס האָט מיר צוגעלייגט זיין האַרטן, שטעכיקן קאָפּ. זיינע רויטע הענט האָבן געשמעקט מיט עפּעס א בייזער ריינקייט, וואָס האָט ווי געטאָן. ער האָט הויך געשריגן מיט שפּיציקע ווערטער. נאָך זיין אוועקגיין פֿלעג איך לאַנג ליגן און קלערן. מיך האָט באַשלאָגן א מידקייט און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלע זענען ערגעץ אוועק, און איך בין געבליבן אַליין אויף דער גאַנצער וועלט...

נאָר אין די אָוונטן, ווען הינטערן פֿענצטער האָט זיך אוועקגעשטעלט א שרעקיקע טונקלקייט, האָט זיך אָנגערופֿן צו מיר די לעבעדיקע וועלט. די מאַמע האָט לאַנג צוגעגרייט די לאָמפּ, די הויכע, גרינע לאָמפּ אויף דעם הויכן פֿוס. די מאַמע האָט געפּוצט דאָס בייכיקע גלעזל צו דער לאָמפּ. זי האָט עס געפּוצט מיט א טיכל אָנגעטאָן אויף א שטעקעלע און דאָס גלעזל האָט געפּישטשעט. דערנאָך האָט זיך באַוויזן דאָס געלע רעדעלע פֿייער אין דער לאָמפּ. דער פֿלאַם האָט זיך אויפֿגעהויבן, און אויף די ווענט האָבן זיך אָנגעהויבן רוקן קנוילנדיקע שאָטנס. ביסלעכווייז האָט זיך די ליכט צעשפּרייט אין א ראָד, און די מאַמע האָט זיך אוועקגעזעצט נייען.

די ווייסע העמדער זענען באַשלאָגן געוואָרן מיט א גרוי־רויטלעכער שיין, און איך האָב שוין געקענט יעדעס העמד, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פֿון דער מאַמעס שויס. דאָס גרויסע העמד מיט די לעכלעך, איין העמד איז געווען מיט אַן אויסגענייטן גאָרס, מיט בלויע און רויטע רעדעלעך, דאָס „מאַלאָראָסיסקע" העמד, וואָס מ'האָט עס געבראַנגט ערגעץ פֿון קיעוו,

איך האָב געקוקט אין דער ליכטיקער רייף פֿון דער לאָמפּ און אויף דער מאַמעס אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אויף דער בלויער וואַנט, נעבן מיין בעטל, האָב איך שוין געקענט יעדן שוואַרצלעכן פֿלעק פֿונעם דעסען. צוויי האַלבע רעדעלעך און א לאַנג פּאַסיקל מיט א פּינטעלע. דאָס פּינטעלע האָט אויסגעזען ווי א פֿליג און נעבן דעם א פּייכטער פֿלעק. די מאַמע האָט מיך געהייסן שלאָפֿן... דער ווינטער וועט אוועקגיין... ס'וועט קומען דער זומער... מען זאָל דערלעבן... דער טאַטע וועט פֿאַרדינען... גאָט וועט העלפֿן... דער טאַטע וועט ברענגען. זי האָט מיר נישט געזאָגט, אַז מיר זענען אָרעם. אָבער איך האָב עס געוווּסט. איך האָב געהערט, ווי זי האָט אַלעמאָל געזאָגט צום טאַטן: „מענטשן לעבן" און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די אַלע מענטשן, וואָס „לעבן", לאָזן דעם טאַטן נישט ברענגען... און איך האָב איינגעדרימלט מיט אַ שווערן עול אויפֿן האַרץ.

די מאַמע האָט געזונגען דאָס ליד פונעם „מערדער רוצח“, וואָס איז געלעגן אינעם „ווילדן וואַלד“... אָבער איך האָב געהערט, ווי דער טאַטע איז געקומען און די פרייד האָט מיך אויפגעוועקט, מײַן בליק האָט זיך באַלד אָנגעשלאָגן אין דעם טאַטנס שטאַרקן אַקסל, זײַן קאָפּ מיט די טונקעלע האָר האָט זיך אויסגע־שניטן אין דער ליכט פון דער לאָמפּ. ביי דער זייט איז געזעסן דער מאַמעס ברו־דער, יאָסל. ער איז געווען הויך, מיט א בלייך, װאַרעם פּנים. ער איז געקומען פון דער מאַמעס שטאָט און האָט שוין לאַנג געוווינט ביי אונדז. פון דער מאַמעס שטאָט האָט ער געבראַנגט גרויסע, ווייסע, שמעקנדיקע, זיסע קיכלעך. עס איז אויך געקומען דעם טאַטנס חבר, דער גוטער שכנא, וואָס האָט שטענדיק אין זײַנע קעשענעס עפּעס געהאַט פאַר מיר. זײַן פּלייצע איז געווען א קײַלעכדיקע און איין האַנט איז געווען א צו־לאַנגע. מיט דער צו־לאַנגער האַנט האָט ער מיך געגלעט און מיר אַרײַנגעוואָרפן אין בעט אַרײַן שפּילעכלעך. אַלץ פון אים האָט געשמעקט מיט פריש האָלץ און געשימערט מיט נײַעם, גלאַטיקן בלעך.

די שטוב איז איצט פול געוואָרן פון שאָטנס. אַלע זענען געווען — דער טאַטע, יאָסל און שכנא. מײַן האַרץ האָט געצאַפּלט פון פרייד און זיכערקייט. איך האָב צוגעהאַלטן די אויגן און געפילט ווי דער טאַטע האָט מיטאַמאָל אַרויפגע־לייגט זײַן האַנט אויף מײַן שטערן. איך האָב אַרײַנגעאָטעמט דעם קעלטלעכן ריח פון דער גאַס, וואָס האָט זיך געפילט פון זײַנע קליידער, און מיר האָט זיך גע־דאַכט, אז איך האָב מיט האַרץ־קלאַפּן געהערט וועגן דער מומע הדס. וועגן דער מומע הדס, וועלכע איך האָב נאָר איין מאָל, ווי דורכן חלום, געזען. איך האָב געזען איר בלאָנדן, געלאָקטן קאָפּ, דאָס גרינע קלייד, פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעריסן אירע ווייסע, ווייכע הענט. מיר האָט זיך געדאַכט, אז דאָס איז א גרויסע, שמייכלענדיקע ליאַלקע, וואָס מײַן שוועסטער, שרהלע, האָט ערגעץ געזען און דערציילט וועגן איר און מיר האָט זיך געדאַכט, אז די ליכט אין דער לאָמפּ איז גרעסער און ליכטיקער געוואָרן.

איך האָב געהערט, אז די מומע הדס איז ערגעץ געפאָרן, און אַלע מײַנע חושים זענען איר נאָכגעפאָרן. זי איז געפאָרן צו עפּעס א חיים. דערנאָך האָט זי באַדאַרפט קומען, אויך צו דעם חיים.

ווען מען האָט גערעדט וועגן דער מומע הדס, האָט מען אויך גערעדט וועגן דעם חיים. חיים איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן גרויס און טונקל. איך האָב מורא גע־האַט פאַר דעם חיים. עפּעס האָט דער חיים געטאָן מיט דער ליכטיקער מומע הדס. די מאַמע האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. דער טאַטע האָט עפּעס דערציילט און די מאַמע האָט געזאָגט: חיים האָט איר צעבראָכן דאָס לעבן... א תל געמאַכט פון איר...

איך האָב געזען די מומע הדס, ווי זי ליגט אַזוי ווי מיין צעבראָכן, בלעכן מענטשעלע, וואָס שכנא האָט מיר געברענגט. דאָס מענטשעלע, פון וועלכן איך האָב געמאַכט אַ תל...

דער טאַטע האָט געזאָגט: אַזאַ טייערע הדס...

אַ ווילדע געוויין הייבט זיך אויף אין מיין האַרץ. איך האָב מיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און פון די שטעקעלעך און רעדעלעך האָט זיך צונויפגעשטעלט אַ גרויסער, שוואַרצער, שרעקלעכער חיים. ער רוקט זיך פּאַמעלעך אַרויף אויף דער ליכטיקער מומע הדס... איך האָב שטיל אויסגעצויגן מיין קליינע האַנט און אַ פּאַטש געטאָן אין דער האַנט, איך האָב געוואָלט דערהרגענען דעם שרעקלעכן חיים...

* * *

מיטן הדסן איז שלעכט...

אין דער ליכטיקייט פונעם טיש פאַלן שרעקלעכע, שוואַרצע ווערטער, ווי בייזע פליגן:

— אַזאַ גאָלדענע הדס...

— זאָלסט אָנקוקן די מומע הדס... וואָס פון איר איז געוואָרן...

דאָס געוויין האָט זיך דורכגעריסן דורך מיין האַלדז און אַ גליענדיקער שטראָם איז אַדורך דורך מיינע אויגן. דער שרעקלעכער חיים האָט זיך אוועקגעשטעלט אַזוי גרויס, ווי די שוואַרצע נאַכט הינטערן פענצטער. און מיטאַמאָל האָב איך געהערט, ווי דער טאַטע האָט עסנדיק געזאָגט:

— הדס האָט אים ליב... חיימען...

אַ ווילדער, צעריסן געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיר. איך האָב געציטערט. אַלע זענען געשטאַנען אַרום מיר, מ'האָט געטאַפּט מיין שטערן. די מאַמע האָט געזאָגט:

— דאָס קינד איז מיר שטאַרק קראַנק... עס גליט ווי פייער...

איך בין נישט געווען קראַנק, אַ הייסער, בריענדיקער ווייטיק פאַר דער מומע הדס האָט מיך געפרעסן, פאַר איר שאַנד און האַס צו דעם שרעקלעכן חיים...

ווידער איז געקומען דער שלעכטער דאָקטאָר. ער האָט געשריגן און זיין ראַציקער קאָפּ האָט זיך אָנגערירט אין מיין לייב.

איך האָב געוואַרט אויפן אָוונט, ווען מען וועט רעדן וועגן דער מומע הדס. דער טאַטע האָט ווידער עסנדיק דערציילט, אַז די מומע הדס האָט שוין אַלץ אוועקגעגעבן חיימען.. אַז די מומע הדס האָט געוויינט... חיים האָט גענוצט דאָס געלט... דער מומע הדסעס לעצטן גראָשן... איר שווערע פּראַצע... איר בלוט...



PUBLIC LIBRARY
CITY

די מאמע האָט געוויינט איבערן בלויען העמד.
אומגליקלעכע הרם...

* * *

מיר איז געווען היים. מיר האָט זיך געדאכט, אז א קליין, פיצל היגטעלע בילט... קריכט אויף מיין בעטל... א קליין היגטעלע, קוים וואָס מען זעט עס... באַלד וואַקסט דאָס היגטעלע גרעסער, גרויס און שרעקלעך גרויס... נאָך גרעסער... אַזוי ווי די גאַנצע שטוב... איך שריי אַ גרויס, צעריסן געשריי... איך וויל מיך שוין נישט מער מאכן שלאָפן. איך ווייס, איך בין קראנק, אָט וועל איך שטארבן אזוי ווי ברוכל... דאָס ייגעלע, וואָס איז געשטאָרבן ביי אונדזערע שכנים... ווי מען האָט אים אַרויסגעטראָגן אין אַ שוואַרץ קעסטעלע... די מאַמע דריקט מיך צו זיך... די אויגן זענען ביי איר גרויס און פול מיט שרעק:

— קינד מיינס... קינד מיינס...

די מאמע שפייט איבער מיין קאָפּ. זי וויל מיך אינגאנצן אריינגעמען אין זיך. מיינע אויגן זענען פארמאכט און איך מורמל:

— מומע... הרם...

עס איז א רעש ארום מיר. עפּעס א יום־טובדיקער רעש. מענטשן זענען דאָ אין שטוב. דער טאטע אויך, כאָטש ס'איז נאָך טאָג. א פּאסיקל שטארקע ליכט גייט אריין דורכן פענצטער און שפּילט זיך צווישן די שטולן נעבן מיין בעט. עפּעס גייט מען טאָן. אויף מיין בעט ליגט א ניי שפּילצייג פון רויטן האָלץ מיט א דרעטל. די מאמע בויגט זיך אָן, אירע קילע האָר רירן אָן מיין פּנים און זי זאָגט:

— צו דיר איז געקומען... די מומע הרם...

מיינע אויגן זענען פארמאכט און מיינע קליינע פינגער קלאמערן זיך אינעם גלאטיקן זייד. א ווארעמער ריח פון לייב און א ווייטער ריח פון פערפומען... עפּעס פון א חתונה... וואָס כ'האָב אמאָל געפילט...

אין מיינע הענט איז די מומע הרם... מיט פארמאכטע אויגן זע איך זי, א פארוועלקטע, טרוקענע קעלטלעכקייט פון איר באק רירט אָן מיינע, און מיר גייט דורך אַ גרויסער ציטער.

איך וויל זי נישט ארויסלאָזן פון די הענט. איך בין געזונט. איך דריק זי מיט כוח, כאָטש איך שעם זיך:

— מומע הרם... — רייסט זיך ארויס פון מיר.

און דאָ הער איך איר שטים. א ברייטע, ליכטיקע, בלאָנדע שטים:

— האָסט מיך ליב...

איך שמייכל פאַרטראָגן מיט פאַרמאַכטע אויגן.

און די מומע הדס זאָגט:

— חיים... חיים... קום צום קינד...

איך רייס אויף די אויגן. נעבן מיין בעט, אויף א בענקל, זיצט א פרעמדער מיט אַ שוואַרץ, רויט פּנים. פון הינטער זיינע וואָנסן קוקן אַרויס גרויסע ציין, ער צייגט אויס צו מיר א קורצע, האָריקע האַנט...

— ניין, איך וויל נישט!...

איך כאַפּ אַרום דער מומע הדסעס קאָפּ, דריק אים צו מיר און שריי:

— איך וויל נישט... איך וועל נישט לאָזן...

איך שפּרינג אויף פונעם בעט. איך בין שטאַרק... די מאַמע מיטן טאַטן קאָנען מיך נישט צוריקהאַלטן...

איך וועל נישט לאָזן...

## דער ערשטער קוש

אין די שויבן האָבן געפּויקט אייגציקע, שווערע טראָפּן רעגן, ווי די שויבן וואָלטן זיך באַדעקט מיט שווייס. דער נאָך־האַלבער האַרבסט־טאָג האָט זיך גיך געטונקלט און אָנגעפילט די ווינקלען פון דער שטוב מיט א שרעקיקער פינצטערניש.

ס'איז געווען קאַלט, כאָטש פון דער טונקלקייט האָט אַרויסגעפלאַטערט א רויטער פלאַם פונעם געהייצטן אויוון און דאָס פייער האָט געזונגען מיט א דין און פּישטשענדיק געוויין. דער פעטער איז אַריינגעקומען און גיך א גלעט געטאָן די מזוזה. אויף זיין גרוי בערדל איז געלעגן אַן אומעטיקע פאַרשלאָסנקייט. דאָס איז געווען דער פעטער וועווע, דער פריילעכער פעטער, וואָס האָט שטענדיק געשטיפט מיט אונדז, געקיצלט ביים בויך, אָדער געצויגן ביי אַן אויער. עס זענען אויך געקומען די צוויי מומעס, די מומע ריקל און די מומע חייקע. זיי זענען אָנגעטאָן געווען אין די לאַנגע, פּלושענע רעטאָנדעס אָן אַרבל, אַזוי ווי צוויי גרויסע פייגל אָן פליגל. זיי האָבן זיך אַריינגעטראָגן מיט אייליקע טריט גלייך אינעם לעצטן צימער אַריין און איבערגעלאָזן נאָך זיך דעם שאַרפן, שניידנדיקן ריח פון נאַפטאַלין. די מומעס האָבן דאָס מאָל גאָרנישט מיטגעבראַכט צום נאַשן און דער פעטער האָט אַפילו דעם שטעקן מיטן ווייסן, ביינערדיקן הענטל נישט אַוועקגעשטעלט אין ווינקל ביי דער טיר, נאָר אַדורכגעשאַרט זיך אייליק און טרוקן פאַרשוואונדן אינעם לעצטן צימער.

דאָרט זענען אויך געווען דער טאַטע און די מאַמע. די מאַמע האָט יעדעס מאָל אויפגעשפּאַרט די טיר און האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. אויף איר פּנים איז געלעגן אַ סודותדיקע צעשראָקנקייט. זי האָט אונדז אַלץ געוויזן מיט די הענט, אַז מיר זאָלן זײַן שטיל, גלײַך עמעצער וואָלט געווען שטאַרק קראַנק.

מ׳האָט נאָך אַלץ נישט אָנגעצונדן די לאָמפּ. די לאָמפּ איז געשטאַנען אַ פֿרעמדע און אַ קאַלטע אויף דעם טיש מיט דעם גרינעם טישטוך. ס׳איז שוין גוט פֿינצטער געווען און דער אָוונט האָט אַרײַנגעקוקט דורך די פֿאַרנעפּלטע פֿענצטער ווי אַ בייזער הונט. מיר האָבן זיך צונויפֿגענומען אין אַ טיפֿן ווינקל לעבן אויוון. דאָרט איז געשטאַנען די אַלטע קאַנאַפּע. אויף איר שוואַרצער, געפּלאַצטער צעראַטע האָט געשפּילט און געציטערט דער רויטער אָפּשײַן פֿונעם פֿײַער אין אויוון. דאָ האָבן מיר זיך דערציילט אומזיסטע קינדערישע מעשׂיות מיט אַ שטילער, שרעקיקער שעפּטשערײַ. וועגן פֿינצטערע טרעפּ און קעלערס וועגן פּוסטע בוידעמער, וועגן אַלטע בעטלערס, פֿאַרשטעלטע, וועגן פֿאַרגאַרטע און געגנבֿעטע קינדער פֿון די וויגן...

דער אָוונט אין דער טונקעלער שטוב האָט אָנגעיאָגט שרעקן און אַ חשק זיך צו טוליען איינס צו דאָס אַנדערע. די קליינע שרהלע איז געווען עלטער פֿאַר אונדז אַלע און זי האָט געוווסט פֿיל זאַכן, וועגן וועלכע מיר האָבן נישט געוווסט. אירע גרויסע, שטילע אויגן זענען געווען צוגעקלעפּט צו דער פֿאַרמאַכטער טיר פֿונעם לעצטן צימער. פֿון דאָרטן האָט זיך געטראָגן אַ שטיל און סודותדיק געדערער.

שרהלע האָט אויפֿגעהויבן איר פֿינגערל, אירע גרויסע אויגן זענען שטיין געבליבן אין דעם טונקל, מיט אַ בליציקן גלאַנץ און מיט אַ צעריסן שטימעלע פֿון שרעק האָט זי געזאָגט:

— זי האָט זיך געשמדט...

זי האָט זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר דעם וואָרט. די קינדער האָבן זיך אַ ריב געטאָן ווי צום אַנטלויפֿן:

— ש־ש־ש־אַ... די מומע הערט...

דער אומעטיק־ווילדער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג. די שטוב איז געווען אָפּגעלאָזן. די קיך איז געווען קאַלט, מ׳האָט נישט געקאָכט. דעם טאַטן האָט מען שוין לאַנג נישט געזען און אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט קרעכצן פֿון די בעטן. די מאַמע האָט געהאַט ווײַבע, גלאַנציקע אויגן, ווי זי וואָלט געוויינט אַ טרערן, און נאָר דאָרט, אינעם לעצטן צימער, ווו מ׳האָט די קינדער נישט אַרײַנגעלאָזן, איז געווען פֿול מיט דער משפּחה.

צום מיטאָג האָט די מאַמע געטיילט עפּעס קאַלט, געקויפט פלייש מיט וורשט, וואָס האָט דערמאָנט אין ערב־פּסח, ווען מען פאַרברענט דאָס חמץ. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין יום־טוב. דאָס איז געווען עפּעס אַ שטיל דער־שטיקט געדודער, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די ווינקעלעך און נאָר די קליי־נע שרהלע האָט פון ערגעץ אַרויסגעכאַפּט אָט דעם משונהדיקן קלאַנג. זי איז יעדעס מאָל געקומען פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר פונעם לעצטן צימער און מיט אַ צעשראָקן, אויפגעהויבן פינגערל ביי די ליפּן אַרויסגעשעפּטשעט:

— די מומע... הדס...

די מומע הדס, די שיינע מומע הדס... מיט די וואַרעמע, שמעקנדיקע הענט איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. זי איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די וואַרעמע זומער־טעג, און מער האָבן מיר זי נישט געזען. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן געזאָגט, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן, מען האָט דערביי געזאָגט נאָך עפּעס און געקרעכצט.

איך האָב נישט געפרעגט. איך האָב נאָר אין די טונקעלע שעהן פונעם אָוונט, ווען מען האָט געהייסן שלאָפן, זי אַרויסגערופן פאַר זיך אויף דער שאָטנ־דיקער, געלער וואַנט. און באַלד איז זי אַרויסגעקומען אין אַ קלאָרער, פריידיקער ליכט. עס האָט זיך אָנגעטראָגן דער פאַרשיכורנדיקער ריח פון אירע גלאַטיקע הענט. איך האָב זי געזען שוועבן אויף אירע הויכע, מעכטיקע פיס, איך האָב זי געזען אין פאַרשידנפאַרביקער ליכט און געפילט דעם זיסלעכן ריח פון אירע ווייכע, גאָלדיקע האָר. איך האָב מיך צוגעדעקט איבערן קאָפּ און מיט אַ פאַרהאַלטע־נעם אָטעם האָב איך זי דערזען, אַזוי ווי דאָס לעצטע מאָל, ווען זי איז געווען ביי אונדז אויף דער זומער־וווינונג.

דאָס איז געווען עפּעס אַן אומענדלעך־לאַנגער, ליכטיקער טאָג. די מומע הדס האָט מיך געפירט פאַר דער האַנט. מיר זענען אַראָפּ צום וואַלד, ס'איז געווען הייס און ליכטיק. אַ זילבערנער נעפּל האָט אַרומגעהילט די וועלט. און דאָ, לעבן וואַלד, ביי דעם קליינעם טייכל האָט זי זיך אַוועקגעזעצט.

פון הינטער דעם לייכטן, העלן קלייד האָבן מיטאַמאָל אַ בלאַנק געטאָן אירע מעכטיקע, נאַקעטע פיס, אַראָפּנעמענדיק די זאָקן, האָבן אירע לאַכנדיקע, גאָל־דיקע אויגן געקוקט אויף מיר אין אַ זיסער פאַרטראָגנקייט...

— דו ביסט נאָך אַ קליין ייִנגעלע...

צום ערשטן מאָל איז אויף מיר געפאַלן עפּעס אַ גרויסער, זיסער עול. איך האָב מיך פאַרשעמט, אָבער מיר איז גוט געווען.

זי האָט אויף מיר לאַנג געקוקט און פּלוצלונג זענען אירע פולע, מיט זון און זיסקייט שמעקנדיקע ליפּן אַרויפגעפאַלן אויף מיין פּנים. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און געזען די מומע הדס נאָך ליכטיקער און גרעסער.

דער זילבערנער נעפּל איז געדיכטער געוואָרן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון ערגעץ טראָגט זיך אַ געזאַנג, און מיטאַמאָל האָב איך דערזען די מומע הדס. זי איז געווען אַזוי גרויס, ווי פון דער ערד דאָ, לעבן טייכל, ביז צום הימל. זי איז געווען ביז שרעק גרויס און נאַקעט. איר לייב האָט ווי אַרויסגעקוואָלן פון דער ליכטיקייט. מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן און איך האָב קיין וועג נישט געזען. אַלץ אַרום איז פאַרשטעלט געווען מיט איר לייב.

מיר איז שוין איצט געווען שלעכט. איך בין געווען אין כעס און באַליידיקט פון דער מומע הדס. איך האָב מיך אַנידערגעוואָרפן און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דעם קילן גראָז, אָבער אין דער זאַפטיקער טונקלקייט האָב איך ווידער דערזען די נאַקעטע מומע הדס. ווידער זענען אירע הענט און פיס געווען מעכטיק גרויס און פון דער ווייסקייט האָט געשלאָגן אַ רויזער פלאַם. עפּעס האָט געוואָרפן מיט מיר. איך האָב געוואָלט לויפן ווייט, נאָר מיטאַמאָל האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ וואָיענדיקער רעש. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ דרימל און דערפילט אַ שטעכיקע קעלט. אַ פּלוצלימער שטורעם־רעגן האָט אַ קלאַפּ געטאָן. די מומע הדס איז שוין געווען האַלב־אָנגעטאָן און נאָר אירע באָרוועסע פיס זענען געשפּרונגען איבער דעם נאַסן גראָז, דער ווינט האָט צעבלאָזן אירע האָר. איך בין געלאָפן נאָך איר און האָב געזען איר צעלאַכט פּנים און פליענדיק קלייד.

פון דעמלט אָן האָב איך מער די מומע הדס נישט געזען. און איצט, אין דעם שרעקיקן ווינקל, ווען שרהלע האָט געברענגט די פרעמדע, בייזע ווערטער, האָב איך ווידער דערזען די מומע הדס. יענער ווינט האָט ווידער אַ בלאָז געטאָן, אָבער מיט שרעק און דראָונג. מיר האָט זיך איצט אויסגעוויזן, אַז די מומע הדס פליט אַרום ערגעץ אין אַ פרעמדער און שרעקיקער וועלט, בייזע רוחות טראָגן זי אַרום, עפּעס אַ ריח פון שפּיטאָלן, וו כ'האָב געזען די שטרענגע שוועסטערן אין שוואַרצן אָנגעטאָן, דאַכט זיך, טראָגן ערגעץ די מומע הדס. און דאָס וואָרט „שמד" האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ גרויסע, שוואַרצע שרעק...

איך בין צוגעגאַנגען צו שרהלען און שטיל געפרעגט:

— שרהלע... וויאַזוי שמדט מען זיך?...

שרהלע האָט אויפגעהויבן איר שוואַרצן, גלאַנציקן בליק אין דער הויך:

— מיט אַ צלם... מען נעמט אַ צלם...

זי האָט אָנגעהויבן דערציילן ווי אין אַ חלום:

— די מומע הדס האָט מען אַוועקגעפירט... זי האָט געשווירן אַ שבועה... מ'האָט געקלונגען אויפן צמענטאַזש.

און מיטאַמאָל האָט זי זיך צעוויינט. זי האָט געהעשעט שווער און ספּאַזמאַטיש, ווי אַ פרוי. אויך מיר האָט ווי אַ שטוב געטאָן אַ הייס געוויין.

די מאַמע איז אַרײַנגעלאָפֿן פֿונעם לעצטן צימער, זי האָט געכאַפּט שרהלען אויף דער שויס.

— וואָס איז, מײַן קינד... מען דאַרף אָנצינדן די לאָמפּ...

איך האָב שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אײַנגראָבנדיק מײַן קאָפּ אין דער מאַמעס שויס, האָב איך אויסגעשריגן:

— שרהלע... שרהלע זאָגט..., אַז די מומע הדס... האָט זיך געשמדט...

די מאַמע האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן מויל, זי האָט מיך אַרײַנגעגראָבן אין איר שויס, איך זאָל נישט קאָנען מער רעדן.

— שאַ... וואָס זענען דאָס פֿאַראַ רייד... ש-ש-שאַ...

און די מאַמע האָט זיך אויך ביטער צעוויינט.

— קינדער... וואָס רעדט איר... באַלד וועט קומען די מומע הדס... זי וועט באַלד קומען... זי איז געווען נישט געזונט... זי איז געווען נישט הי... באַלד וועט זי קומען...

און מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ גערודער בײַ דער טיר. די מאַמע האָט אונדז אַוועקגעוואָרפֿן און געלאָפֿן אַנטקעגן. עס האָט זיך באַוויזן דער קוזין פּסחל, וואָס איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פֿון די זעלנער, פֿון דער צווייטער זײַט די מאַמע, און אינמיטן, אונטערגעהאַלטן אונטער די הענט — די מומע הדס, אַ פֿאַרחלשטע, מיט אַ פֿאַרוואָרפֿענעם קאָפּ, מיט אונטערגעבראָכענע טריט האָט זי געשפּאַנט צום לעצטן צימער. אירע הענט זענען אומרעכטיק נאָכגעהאָנגען און אירע אויגן זענען געווען האַלב-פֿאַרמאַכט.

ס'איז געווען שטיל. די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט. די מאַמע האָט אָנגעצונדן די לאָמפּ אויף אַ זײַטיק טישל אַזוי ווי דעמלט, ווען די באָבע איז געשטאָרבן.

באַלד זענען בײדע מומעס אין די רעטאָנדעס אַרויסגעשפּרונגען פֿונעם לעצטן צימער, ווי עמעצער וואָלט זיי אַרויסגעשטופּט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער פֿעטער וועווע שרײַט מיט אַ וויינענדיק קול אַזוי ווי יום-כּיפּור אין שול.

לאַנג האָט געדויערט דער צווונג. מיט דער פֿאַררוקטער לאָמפּ און די שוואַרצע שאָטנס אויף די ווענט.

איך בין געלעגן אין בעט מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ. ווילדע חלומות האָבן זיך געפֿלאָכטן אין מײַן דרימל. איך האָב געזען שוואַרצע מענטשן און דעם שרעקיקן טויער פֿון דעם „צמענטאַזש". מיטאַמאָל האָב איך מיך אויפֿגעכאַפּט. איך האָב נישט געוווסט צי ס'איז נאַכט אָדער — טאָג. איך האָב מיך אַרײַנגעגנבעט אינעם לעצטן צימער. דאָ איז געווען אַלץ אָפּגערוקט פֿונעם אָרט: דער טיש, בענקלעך. אויף דעם שוואַרצן, געשניצטן טישל איז געשטאַנען אַ זילבערנער לײַכטער מיט אַ ווײַס ליכט. אַ בלויִלעכע, קאַלטע ליכט האָט זיך שוין אַרײַנגעריסן דורכן פֿענצ-

בער און דאָ, הויך אויסגעבעט, איז טיף אינעם בעטגעוואַנט געלעגן דער קאָפּ פון דער מומע הדס. אירע פאַרמאַכטע אויגן האָבן געצאַפּלט ווי אין אַ שטילן שלאָף. איין האַנט איז געווען צונױפגעדרעקט און אַרויסגעהאָנגען פונעם בעטגעוואַנט. די האַנט איז געווען מאָדנע ווײַס.

איך האָב מיך צוגעבויגן מיט שרעק צו הערן איר אָטעם, און דערפילט איר ריח. זי האָט געשמעקט ווי אַלע מאָל מיט אַן איידעלן ריח פון בלומען, גאָר אײַנגעהאַלטן. איך האָב זיך מיר געדאַכט, איז צו דעם ריח עפּעס צוגעמישט. אירע ליפּן זענען געווען מאָדנע בלייך און האָבן זיך קוים באַוועגט, ווי זי וואָלט עפּעס געוואָלט. מיר איז געוואָרן שרעקלעך און אַ רחמנות האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב מיך אויפגעהויבן אויף מײַנע נאַקעטע שפּיץ־פינגער פון די פיס און פאַרלירנדיק זיך אין עפּעס אַ חלומדיקן קנויל, האָב איך צוגעלייגט מײַן מויל צו אירע ליפּן.

דעמלט האָב איך דערפילט, ווי איר האַנט האָט אַרומגענומען מײַן קאָפּ.

אירע ליפּן זענען דאָסמאָל געווען ביטער און אירם אַ טרער האָט אַ ברי גע־טאָן מײַן הויט.



# מאַמעס און טעכטער

פון די אַלטע וואַרשעווער יידישע שטובן גייען אַרויס די טעכטער. זיי גייען צו די ליכטער פון דער גרויסער שטאָט, צו דער גרויסער וועלט, ווייטער און ווייטער. זיי גייען אין די גערטנער, אין די קאַפעען, אין די קינאָס, אין די טעאַ־טערס. זיי פאָרן אויף „לופט", אויף דאַמשעס, אין קוראָרטן, אומעטום, וווּ עס שימערט דאָס שיינע גרויסע לעבן.

די טעכטער זינגען נייע לידער גאָר־וואָס געבראַנגטע פון דער ווייטער וועלט. זיי פאַרשנאָבלען זייערע אָנגעשמינקטע ליפּעלעך, פאַרגלאָצן די שוואַרצע יידישע אויגן, פאַרוואַרפן אין בענקשאַפט די קעפּ.

די יידישע מאַמעס באַגלייטן זיי ווייט, ביז צו דער טיר מיט דער מזוזה. זיי בלייבן אין די טונקעלע שטובן, און זייערע מוטנע, אָנגעווייטיקטע און פאַרזאָרגטע אויגן היטן די טריט פון די טעכטער, די טאַנצענדיקע טריט פון די „טאַנגאָס" און „פאָקסטראָטן", וואָס זענען ווי פרעמדע, פאַרביקע פייגל אָנגעפלויגן פון ערגיץ אַן אויסטערלישער וועלט.

יידישע ווייבער, מאַמעס, וואָס האָבן שוין פאַרגעסן זייער קאַרגע יוגנט, פינטלען מיט די אויגן פון שרעק פאַר די „נייע צייטן", פאַר דער „הייגטיקער וועלט", פאַר די פאַרדעכטיקע הייגטיקע יוגנטלייט, חתנים, וואָס לויערן ווי די וועלף אויף די אָפּגעקנייפּטע נדנים. די שווערע, אָנגעדראָלענע פּיס פון די צעקנייטשטע, פאַרפּעצטע יידישע מאַמעס, קענען נישט נאָכהאַלטן די טעכטערס טאַנצנדיקע טריט. זיי קאָנען נישט נאָכזאָגן די נייע ווערטער, וואָס די טעכטער ברענגען פון ערגעץ, און זיי קוקן מיט שרעק אויף יעדער פאָר נייע זיידענע זאָקן, וואָס בלייבן ליגן ווי אויסגעשאָסענע קוילן אין דער מלחמה פאַר געפעלן.

* * *

עס זענען דאָ מיידלשע יאָרן, וואָס לויפן גיך. האָס זענען די יאָרן, ווען מיט־אַמאָל רוקט זיך אָן אַ כוואַליע פון טויטלעכער אָנגעבלאָזנקייט אויפן לייב. עפּעס אַ ליאַלקעדיקע לייזיקייט און ריינקייט צעבליט זיך אויפן פּנים.

דער מאַמעס אויגן ווערן אָנגעהיצטער, דערשראָקענער. זי הייבט אָן ארומגיין ארום דעם מיידל ווי ארום אַ קראַנקן, און אין איין טאָג בלייבן ביידע זיצן, די מאמע און די — טאָכטער. די וועלט, די טאַנצנדיקע לויפנדיקע פארשווינדט פאַר זיי ביידע. קורצזיכטיקע קרובים דערקאָנען גישט מער, ווער ס'איז די מאמע און ווער די טאָכטער. דעמאָלט הייבט אָן די מאמע, וואָס האָט שוין איינגאנצן פארגעסן אירע אייגענע יאָרן, רעדן מיט דער טאָכטער וועגן איר „גליק“, וועגן אירע באַוואָלטע טרוימען.

די מאַמע רעדט טרוקענע, אומעטיקע רייד, ווי זי וואָלט מיט א ראציקן פינגער אריינגעדרונגען אין דער טאָכטערס הארץ, וווּ די פייגל פון האָפענונג, דערשראָקענע פאַר דער מאַמעס טרוקענעם פינגער, צעלויפן זיך מיט אַן אומעטיק געשריי...

* * *

די יידישע טעכטער גייען אין די פארנאכטן ארויס פון די אלטע טונקעלע טויערן, באוואָפנטע מיט בליציקע אויגן, מאַניקירטע נעגל, געוויקלטע אין זייד מיט שפּילנדיקע גלידער, אַקעגן דער וועלט.

די טעכטער גייען ארויס מיט פאַנטאַסטישע גלויבונגען און וואונדערלעכע גליקן, וואָס קומען אומגעריכט. די טעכטער שווימען ווי די לייכטסטע בלעטער אויף דעם רוישיקן ים, קלאַמערן זיך אָן די מענערשע אָרעמס, ווי אָנמעכטיקע טרינקענדיקע שיפן...

די טעכטער לייענען ביכער און נעמען ארויס פון זיי פרעמדע גליקן און פרעמדע ליידן און ווייטיקן, זיי ווייגען אויס פרעמדער בענקשאפט פון פרעמדע הערצער, וואָס קלאַפן אין די בלעטער פון די ביכער. זיי קרימען זיך אין גרימאַסן פון דעם צאַפּלדיקן קינאָ־עקראַן, אונטער דעם ווייטן צויבער־ליכט פון האָליווּד.

פארבלענדטע פון יענעמס הלומדיקן רייכטום, פארגעסן זיי אָן דעם דלות, וואָס רינגלט זיי ארום אין די ענגע יידישע גאַסן, אין די אלטע יידישע שטובן, שטרעקן זיי די הענט צו דער בלענדנדיקער וועלט, וואָס אַנטלויפט פון זיי.

* * *

ווען זיי קומען אַהיים, בלייבן זיי מיט זייערע עלנטע וועלקנדיקע לייבער. איבער זייערע צעשפּילטע קעפּ פאַלן די ראציקע וואָרעגישן פון די פארזאָרגטע מאַמעס, ווי הארטע, פארדראָסיקע שטיינדלעך.

זיי פילן זיך ווי אָרעמע כמאַטיסטקעס פון דער אָפּערע, ווען זיי קומען נאָך דער פאָרשטעלונג אהיים אין די אונטערגעסלעך, צו זייערע שטובן.

די מאַמעס פרעגן מיט אומפאַרשעמטער זאַכלעכקייט, צי דער „פּרינץ“, מיט וועלכן די טאָכטער האָט פאַרבראַכט אין די פאַנטאַסטישע אַלייען, האָט א פּאָסטן, וויפל ער פאַרדינט, און צי ער וועט באַשטיין אין געלט... אין נדן...

די טעכטער ווייסן פון צענדליקער פאַרליבטע יונגעלייט, פון שיינע, רייכע, פון שענערע, רייכערע, פון קלוגע, קלוגערע און פאַרליבטערע.

די מאַמעס אָבער ווייסן נאָר פון איינעם, איינעם, איינעם... דעם איינציקן, דעם באַשערטן, דעם איינעם, וואָס וועט באַשטיין, שוין... באַלד...

ווייל ס'איז נישטאָ קיין צייט.

די מאַמעס ווייסן נאָר פון דעם איינעם, וואָס זאָל אָפּהאַלטן דעם אומזיניקן גיכן פאַרגיכטנדיקן לויף פון דער מיידלשער, ווייבערישער בליאונג, דעם טריבן לויף ביז דעם טאָג ווען מען וועט אין דער טאָכטער דערזען — די מאַמע.

* * *

קליידער, קליידער, קליידער און קאָלירן.

א פאַרשיידנפאַרביק קאַרוזעל דרייט זיך, טאָג־איין, טאָג־אויס, פון די גרויע יידישע גאַסן אַרויס, מיט די לעצטע כוחות, מיט דעם לעצטן מוט. א מאַרש צו דער וועלט צו דער גרויסער, צו דער רייכער, דער שפּילנדיקער.

די מאַמעס קוקן נאָך מיט פרומער שרעק, ווייל אַהער, צו זיי, דערגייט שוין גאָרנישט. מען באַשטייט אויף שטילע אייליקע חתונות, אָן כלי־זמרים און אָן דרשה־געשאַנק, אָן א „קאַטש מיט גומענע רעדער“, אָן לוסטיקע מאַרשעליקעס, וואָס רעדן קלוגע רייד און זינגען „מאָראַלישע“ לידער...

די יידישע מאַמעס ווייסן ווי בייז און פרעמד עס איז די וועלט אַרום. פון דור צו דור האָבן זיי איבערגענומען די שרעקיקע וואָרענישן פון די פאַרגאַנגענע דורות. ווען די טעכטער קומען צוריק אויסגעלאָשענע מידע, קומען די יידישע מאַמעס צו זייערע בעטן, שפּייען דריי מאָל און „שפּרעכן זיי אָפּ“ און שעפּטשן אַלטע יידישע ווערטער, וואָס זענען געשמידט געוואָרן אין די טונקעלע, פאַרנעפּלטע צייטן, ווערטער וואָס האָבן נאָך נישט אָנגעוווירן זייער פרומען געטלעכן כוח.

* * *

יידישע טעכטער, געשמינקטע „טלענירטע“, מאַניקירטע און געפאַרבטע אויף אַלע קאָלירן פון דער וועלט, טאַנצנדיקע אַלע טענץ און רעדנדיקע אויף אַלע לשונות, זוכנדיקע און וואַרטנדיקע אויף אַלע גליקן פון מזרח און מערב, פון דרום און צפון.

זאָלן אייך נאָכגיין און היטן די פרומע אָפּשפּרעכונגען פון אייערע אַלטע יידישע מאַמעס, אין אַלע אייערע וועגן...

.1933

## די מאַמע גייט אַוועק

אַלץ האָט זיך אָפּגעשטאָן אינעם לעצטן, טונקעלן צימערל, דאָרט, וווּ דער טאַטע האָט זיך אַלע מאָל פאַרשלאָסן, נאָך גרויסע קריגערייען מיט דער מאַמען. דער טאַטע איז דאָרט אויף לאַנג פאַרבליבן אליין, די מאַמע האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ טוך איבער די אויגן און געלעגן אויף דער שוואַרצער קאַנאַפּע. אין שטוב איז געווען זייער שטיל. און קיינער האָט זיך אויף דער מאַמען נישט אומגעקוקט.

אָבער היינט זענען אין דעם לעצטן, טונקעלן צימער אריין אלע. דער טאַטע, די מאמע, מיט דער מומע הייטשע. אהין איז אויך אריין דער ה' עליאש, דעם טאַטנס בעסטער חבר.

דער ה' עליאש איז געווען דער איינציקער צווישן אַלע, וועלכן אבראַמעק האָט אין דער שטוב ליב געהאַט, פאַר אַלע צען יאָר, וואָס אַבראַמעק לעבט.

שוין לאַנגע שעהן ווי דער לעצטער, טונקעלער צימער איז פאַרשלאָסן, אבראַמעק ווייסט אַז דאָרט זענען דאָ נאָך פרעמדע מענטשן, וואָס זענען געקומען באַלד אינדערפרי, ווען אבראַמעק איז נאָך געשלאָפן. עס איז דאָרט מאָדנע שטיל, זעלטן ווען עס הערט זיך דעם טאַטנס אויפגעברויזטע שטים. אָדער דער מאַמעס קול, וואָס קלינגט איצט מאָדנע, ווי עס וואָלט גערעדט אַ פרעמדע.

אַבראַמעק איז שטאַרק פאַרנומען מיט דער לאַנגער באַן, וואָס ה' עליאש האָט אים געבראַכט. אַ לאַנגע באַן מיט רויטע, גרינע און געלע וואַגאָנען, מיט אַ שוואַרצן לאָקאָמאָטיוו. די וואַגאָנען האָבן אויסגעשניטענע פענצטערלעך, וווּ מען קאָן אריינזעצן מענטשעלעך, אויסגעשניטענע פון טאָוול. דאָס אַלץ לאָזט זיך אָנדרייען מיט דער לאַנגער שליסל, ביי דעם לאָקאָמאָטיוו, דעמאָלט הייבט די באַן אָן פאָרן אויף די בלעכענע שינעס.

זינט אַבראַמעק לעבט, האָט ער אַלע זיינע שפּילכלער באַקומען פון דעם ה' עליאַש, דער הויכער, בלאָנדער, גוטער מענטש עליאַש איז פאַר אַבראַמעקן בי-מיט צויאַנדיקע, זיסע סודות. פון זיינע קעשענעס שלומערן ארוים רייצנדיקע

פּעקעלעך, וואָס מאַכן צאַפּלען אַבראַמעקס האַרץ, מיט פֿרייד און דערוואַרטונג. און אויך הײַנט, אין דעם משונה־אומרואיקן טאָג, האָט אים עליאַש געברענגט די לאַנגע באַן מיט די רויטע, גרינע און געלע וואַגאָנען.

אַבראַמעק האָט זיך געשפּילט, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז דאָרט, אין דעם לעצטן, טונקעלן צימער, קומט פֿאָר עפּעס אויסערגעוויינלעכס. ער ווייסט, אַז ווען די מאַמע גייט אַרום אין שטוב, אינעם מאַנטל, ווי אַ פֿרעמדע, קאָן זי באַלד אַרײַנקומען מיט צעפֿייערטע באַקן, אַרומכאַפּן אים און אים נאַס מאַכן די באַקן, מיט אירע הייסע, געזאַלצענע טרערן. עס וועט אים בריען, ווען זי וועט אים קושן. דאָס איז אים שוין אפֿילו דערעסן.

דערנאָך וועט די מאַמע אַנטלויפֿן. דעמאָלט וועט דער טאַטע אים געמען אויף די הענט, אַזוי ווי אַ פּיצל קינד, און וועט אים אויספֿרעגן, וועמען ער האָט ליב, צי ער האָט אים ליב, צי ער בענקט נאָך דער מאַמען. אַבראַמעק ווייסט שוין, אַז מען דאַרף אַלעמאָל ענטפֿערן דאָס אייגענע, אַז אַ ביסל בענקט ער, אָבער מיטן טאַטן איז אים אויך גוט. ער ווייסט, אַז ער דאַרף נישט זאָגן, אַז ער האָט ליב עליאַשן, דעמאָלט נעמט אים דער טאַטע קושן און דריקן צו זיך. ער וועט פֿילן דעם ריח פֿון טיטון, און נאָך עפּעס אַ ריח, וואָס מען פֿילט פֿון אַ טאַטן. דערנאָך וועט ער מיטן טאַטן עסן מיטאָג אין אַ גרויסער, פֿרעמדער שטוב, ער וועט עסן ווי אַ דערוואַקסענער, פֿון גרויסע טעלער, ער וועט גיין איבער אַ סך ווײַטע גאַסן און דער טאַטע וועט אים קויפֿן אַ סך זיסקייטן.

דערנאָך וועט קומען די מאַמע און אים אויך פֿרעגן צי ער האָט זי ליב, צי עס איז גוט מיטן טאַטן. אַבראַמעק ווייסט, אַז ער דאַרף זאָגן די מאַמען, זי זאָל נישט אַוועקגיין, אַז זי זאָל נישט וויינען. איר מעג ער אויך זאָגן וועגן דעם ה׳ עליאַש, אַז ער האָט אים ליב. אָבער מיט דער מאַמען איז שווערער, ווײַל די נאָכקייט, וואָס גייט פֿון אירע אויגן, פֿאַרגיסן אים דאָס פּנים, עס שטעכט. צווייטנס, ראַכט זיך אים, אַז די מאַמע איז נישט גערעכט. ער געדענקט נאָך, אַז אַ לאַנגע צײַט איז דער טאַטע נישט געווען, עס איז נאָר געווען ה׳ עליאַש. ער איז אַלע מאָל געקומען און אים געברענגט שפּילעכלעך. דעמאָלט האָט אַבראַמעק באַקומען דעם לייטער מיט די פֿײַערלעשער, וואָס שפּרינגען אַריבער פֿון איין לייטער אויף דער אַנדערער. עס איז דעמאָלט געווען פֿריילעך. דערנאָך איז ער ערגעץ געפֿאָרן און געשלאָפֿן בײַ פֿרעמדע מענטשן. ער האָט אויך אָנגעהויבן גיין אין שקאָלע, וווּהין די מאַמע האָט אים געפֿירט, און דער ה׳ עליאַש האָט אים דעמאָלט געברענגט אַ סך בלײַפֿעדערס מיט ביכלעך. אין שקאָלע האָבן אים די קינדער געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין טאַטן. אַבראַמעק האָט געזאָגט, אַז ער האָט יאָ אַ טאַטן, ער האָט דאָס געוווּסט אויף זיכער. ער האָט געפֿרעגט דער מאַמען, און זי האָט אויך געזאָגט,

אַז ער האָט אַ טאַטן. דערנאָך איז דער טאַטע געקומען. די מאַמע האָט אים אַפילו געזאָגט ער זאָל נישט גיין מיטן טאַטן. אָבער ער איז געגאַנגען. דערנאָך האָט ער געבענקט נאָך דעם ה׳ עליאַש, וואָס האָט אים באַהאַרפּט ברענגען אַן אמת עלעק־טריש לעמפּעלע.

איצט איז שוין אַבראַמעק אַלט צען יאָר און ער גייט נישט אין שקאָלע. דער טאַטע זוכט פאַר אים אַ גוטע שקאָלע. אפשר וועט ער נאָך אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. ער וועט פאָרן אין אַזאַ באַן, נאָר אַ גרויסע, וואָס פון איר וועט גיין אַ רויך און וועט פייפן. ער וועט זיך אַרייַנזעצן אין דעם גרינעם וואַגאָן, גיין, אין דעם געלן. ער וועט פאָרן מיטן טאַטן, אָדער מיט דער מאַמען. גיין, מיט דער מאַמען געווים נישט. די מאַמע וועט אַוועקגיין מיט דער מומע חייטשע און דעם ה׳ עליאַש.

* * *

וווהין די מאַמע גייט, ווייסט נישט אַבראַמעק. זי האָט אים דאָרט אַהין קיינמאָל נישט מיטגענומען. ער ווייסט נאָר, אַז זי גייט אַוועק צו „אים“. אַזוי האָט דער טאַטע געשריגן דעמלט, ביי דער גרויסער קריגעריי. דעמלט זענען אויך גע־קומען אַ סך פרעמדע מענטשן און ביינאַכט איז דער טאַטע געלעגן נעבן אים. דער טאַטע האָט אים נישט געלאָזט שלאָפן, ער האָט אים אַזוי געדריקט צו זיך, אַז אַבראַמעקן האָט אַזש וויי געטאָן. די נאַכט געדענקט אַבראַמעק גוט. דער טאַטע האָט אים געהייסן ער זאָל אים שטאַרק אַרומנעמען און דריקן צו זיך מיטן גאַנצן כוח. און פּלוצלינג האָט ער דערזען, ווי דער טאַטע האָט זיך מאָדנע פאַרקרומט און איבער זיינע באַקן האָבן אָנגעהויבן לויפן גלאַנציקע טראָפּנס. האָבן זיך גיך גע־טראָגן און געקאָלערט צו די וואָנסן. אַבראַמעק האָט דאָס נאָך קיינמאָל ביים טאַטן נישט געזען. עס איז אים געוואָרן אַזוי ענג אין האַלדז און ער האָט זיך צעוויינט. אַבראַמעק האָט געוויינט פאַר שרעק, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַטע וועט באַלד ווערן אַ קליין קינד. דעמלט האָט אים דער טאַטע אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און אים אַ טראָג געטאָן איבער דער שטוב מיט אַ מאָדנע זינגענדיקער שטים:

— קינד מיינס... טייער קינד מיינס... וויין נישט... לאָמיר זיך שפּילן... כ׳וועל דיר עפּעס דערציילן...

אַבראַמעק האָט געוויינט מיט פאַרמאַכטע אויגן און ווען ער האָט מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט דעם טאַטנס אַקסלען און זיין האַלדז און געזען, אַז ער איז אַ גרויסער, האָט ער אויפגעהערט וויינען.

און דער טאַטע האָט זיך מיטאַמאָל אזוי דערפרייט. ער איז געוואָרן פריילעך און געמאַכט אַזעלכע מינעס, ווי די גומענע מענטשעלעך, וואָס עליאש פלעגט אים ברענגען. דער טאַטע האָט ארויסגעשטעקט די צונג, זיך געפאַטשט אין די באַקן, זיך געשלעפט פאַר דער נאָז און ביידע האָבן זיי, מיט פייכטע אויגן פארקרומט געלאַכט.

דערנאָך איז אַבראַמעק געווען קראַנק. עס האָט זיך אים כסדר געדאַכט, אַז צוויי צעבראָכענע שטיקלעך גלאָז ראַצן ביי אים דעם קאָפּ. ס'האָט אים כסדר געדאַכט, אַז דאָס קישן ליגט ביי אים אויף דער נאָז און ער קאָן דאָס נישט אראָפּווארפן. אלעמאָל האָט ער געפילט א שטעכיקע קעלט פון די האַרטע, דאָקטאָרישע הענט. און אָן אויפהער האָט געזשומעט עפּעס א פליג, אַזוי ווי עמעצער וואָלט געפּיקט אויף אַן אָנגעצויגענעם, דינעם פאָדעם.

דעמלט איז די מאַמע ווידער געקומען.

* * *

פון דעם קליינעם, טונקעלן צימערל הערט זיך דער מאַמעס שטימע. די שטימע איז ווי געשפּאָלטן, דער טאַטע רעדט שטיל, די מומע חייטשע וויינט, גלייך מען וואָלט זי געשלאָגן. דער ה' עליאַש האָט צוגעזאָגט צו ברענגען אַן עלעקטריש לעמפּעלע. אַן אמת לעמפּעלע, אַזוי ווי פאַר דערוואַקסענע, ווען מען טוט א דריק ביים קנעפּל, ווערט ליכטיק. א ליכטיק רעדעלע לויפט ארום און ארום. ס'איז ניט ארונטערצולייכטן הינטער דער שאַנק און געפינען אלטע, פארלוירענע זאַכן. אַבראַמעק וועט נישט אַוועקפאָרן מיטן טאַטן. ער וועט זאָגן, אַז ער קאָן נישט פאָרן, ער מוז ווארטן אויף דעם לעמפּעלע. דער ה' עליאַש דאַרף עס אים ברענגען. די מאַמע גייט שוין צו אים מיט רעשיקע טריט. די מאַמע איז אָנגעטאָן אין מאַנטל. זי גייט מאָדנע גיך צו אַבראַמעקן. די באַקן זענען ביי איר רויט, ווי זי וואָלט זיך לאַנג מיט עמעצן געשלאָגן. עס שמעקט פון איר גאָר שטאַרק מיט פּארפומען. אַבראַמעקן געפעלט איצט נישט די מאַמע. איר מאַנטל איז עפּעס א נייער, אַן אומבאַקאַנטער. ער דערקאָנט זי איבערהויפּט איצט נישט. גאָר די הענט זענען אירע, אַזעלכע ווייכע, וואַרעמע.

אַבראַמעק לאָזט זיך פון איר נעמען. אָבער אַוועקגיין מיט איר וואָלט ער נישט געוואָלט. די מומע חייטשע איז צוריק אריין מיטן טאַטן אינעם צימערל און זי שרייט עפּעס דאָרט. אזוי הויך. דער טאַטע שרייט אויך. איצט קומען אלע אריין. עפּעס א פרעמדער ייד מיט אַ באָרד, און אַ צווייטער, דער מאַמעס פעטער. אַבראַמעק וואָלט שוין געוואָלט בלייבן אליין מיטן טאַטן. ער וועט שוין נישט ווי-

נען, אזוי ווי דעמלט, ער איז שוין א גרויס ייִנגל. דער טאַטע האָט אים אויך געזאָגט, אַז ער און דער טאַטע זענען צוויי „מאַנצפּאַרשוינען“ און זיי וועלן זיין ווי צוויי גוטע חברים.

דער מאַמעס הענט ציטערן אָבער איצט אַזוי, זיי גראָבן זיך אַזוי איין אין אים. באַלד וועט מען דאָ עפּעס טאָן. אַבראַמעק קריגט מיטאַמאָל מורא. דער טאַטע שטייט ביי דער זייט און קוקט, ווי די מאַמע הענגט איבער אַבראַמעקן מיט איר גייעם מאַנטל. אַבראַמעק רייסט זיך צו זיין באַן. ער וואָלט געוואָלט איצט אָנדרייען די שרויף, אַז די באַן זאָל פאָרן. אַבראַמעק זאָגט צו דער מאַמען:

— מאַמע... טו אויס דעם מאַנטל... בלייב דאָ... גיי נישט אַוועק...

ער זאָגט דאָס, ווייל ער וויל גיכער זיך שפּילן מיט זיין באַן. אָבער די ווערטער זיינע רייסן מיטאַמאָל אויף די שטוב. די מאַמע טוט א פאַל מיטן פּנים אויפן טיש, זי צאַפּלט מיט די אַקסלען און אירע פיס הענגען גרויסע און שווערע. די מומע חייטשע פאַלט צו צו דער וואַנט און שרייט. איר מויל איז אָפן. עס דאַכט זיך, אַז די מומע מיט דער מאַמען ווילן איינע די אַנדערע איבערשרייען. עליאַש האָט געבערענגט אַ גלאָז וואַסער. ער שפּריצט אויף דער מומע חייטשע, דערנאָך אויף דער מאַמען. דער טאַטע איז אַוועק צוריק אינעם לעצטן צימערל.

דער ה' עליאַש שטייט איצט נעבן אַבראַמעקן. אפשר וויל ער אים איצט געבן דאָס עלעקטריש לעמפּעלע. ניין, דער ה' עליאַש איז איצט מאָדנע בלאַס און זיינע העלע האָר זענען צעוואָרפן. מיטאַמאָל גייט ער צו צו דער מאַמען און הייבט זי אויף פונעם טיש. די מאַמע לאָזט זיך טראָגן און עליאַש טראָגט זי אַוועק צו דער קאַנאַפּע.

איצט קומט אַריין דער טאַטע. ער גייט צו צו אַבראַמעקן און נעמט אים פאַר דער האַנט.

— קום, קינד מיינס... — זאָגט דער טאַטע — וועסט זיין מיט מיר... וועסט גיין אין אַ גוטער שקאָלע. דו ווייסט דאָך, אַז מיט מיר וועט דיר זיין גוט... וועסט פאָרן מיט מיר מיט דער באַן.

— און אויפן היטל וועט מען טראָגן אַ „גוויאַזדקע“ אין דער שקאָלע... פרעגט אַבראַמעק.

אַבראַמעק רייסט זיך אָפּ פונעם טאַטן און לויפט צו צו עליאַשן, וואָס שטייט נעבן דער מאַמען. ער זאָגט שטיל, דער טאַטע זאָל נישט הערן:

— און דאָס עלעקטרישע לעמפּעלע...

עס איז שטיל. מיטאַמאָל דערהערט זיך דער מאַמעס שטים:

— זיי געזונט, אַבראַמעק... פאַרגעס נישט... געדענק...

אַבראַמעקן דאַכט זיך, אַז אַ שטאַרקער ווינט האָט פון ערגעץ אַ בלאָז געטאָן. די שטוב ווערט מיטאַמאָל ליידיק, אַלע גייען אייליק אַרויס.

— זיי געזונט, אַבראַמעק...

דאָס קינד פאַרשטייט, אַז איצט דאַרף מען טאָן עפּעס וויכטיקס, וואָס אַלע וואַרטן דערויף, אַז ער דאַרף איצט אפשר לויפן נאָך דער מאַמען, אָדער אפשר זאָל ער וויינען. אָט אַזוי, עפּעס דאָס מויל און אַרויסלאָזן אַ האַסטיקן געוויי:

— טאַטע... און דאָס מעסערל וועל איך אויך קריגן...

— אַלץ וועסטו קריגן... קינד...

ביינאַכט וועט ער ליגן מיטן טאַטן, ער וועט אַרומהאַלטן זיין האַלדז. דער טאַטע זאָל נאָר נישט אַזוי ווי... דעמלט... ער זאָל נאָר נישט וויינען. אַבראַמעק וויל דאָס נאָכאַמאָל נישט זען...

# ביים לויפֿנדיקן וואַגאָן־פֿענצטער

עס לויפֿט און אײַלט דער צוג דורך טאָג און נאַכט, דורך פֿעלד און וואַלד, דורך באַרג און טאָל. ווי גרויס איז די וועלט, עס דרייען זיך און לויפֿן שטיקער וועלט. אָט הייבט זיך אויף אַ באַרג, אָט דרייט זיך און שפּרייט זיך אַ טאָל, אָט פּלייצט אויף אַ וואַסער אין דער אומענדלעכער ווײַט.

דער פֿאָרנדיקער מענטש טראָגט זיך ווײַטער, די וועלט איז, דאַכט זיך, צו גרויס, ביז גרויל. צו וואָס אַזאַ גרויסע וועלט?

מיטאַמאָל קריכט דער מענטש אַראָפּ ערגעץ צו אַ שטאָט און הייבט זיך אָן שטופּן אין ענגשאַפֿט און געדראַנג. ער שטויסט מיט די הענט און פֿיס זיך אַרײַנצושטופּן אין אַ טראַמוויי. זײַן אויג איז נאָך אָנגעווייטיקט און פֿול פֿון די גרויליקע שטחים, זײַן אָטעם איז נאָך צעוויגט פֿון דער בראשיתדיקער ליידיקייט אין עס איז ווילד און אומפֿאַרשטענדלעך, פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען די ענגשאַפֿט.

אין האָטעל איז נישטאָ קיין צימער, עס איז שווער צו באַקומען אַ וווינונג, אומעטום איז ענג, אומעטום איז פֿאַרנומען, אומעטום איז מען דער צווייטער, דער צענטער, דער שפּעטערער.

און די גרויסע, ליידיקע, לויפֿנדיקע וועלט דורכן וואַגאָן־פֿענצטער, דאַכט זיך, אַ מיראַזש, אַ חלום, אַ פֿאַרבלענדעניש.

* * *

ביענטשן, מענטשן, דאַכט זיך, אַזעלכע אַלצאיינע און באַקאַנטע, אָבער ווי פֿאַרמאַכט און פֿאַרהוילן זענען זיי פֿאַר דעם פֿרעמדן.

אַן אייליק געלויף איבער די גאַסן... דער פֿרעמדער האָט צייט, דאָך דאַכט אים, אַז ער דאַרף נייטיק ערגעץ גיין, ערגעץ קומען, ער בלאָנדזשעט פֿון איין גאַס אין דער אַנדערער. יעדע קלייניקייט ציט צו זײַן אויג. א זיסער נייגער לאָקט פֿון

יעדן טויער, פון יעדן פענצטער קוקט אַרויס אַ גליקלעכע, צוזאָגנדיקע רו; אין יעדער פרוי, וואָס קוקט אַרויס פון אַ הויז, זעט איר אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, וואָס איז פאַרליבט אין אייך, און עס דאַכט זיך, אַז זי רופט אייך שטיל און אומ-הערבאַר.

פרעמדע, אומבאַקאַנטע, נישט פאַרזוכטע. וואָס איז דען ליבע, אויב נישט די זיסע רעגונג פון נישט-געפּרוּווטן, אומבאַקאַנטן, פרעמדן. צי איז דאָ עפּעס וואָס זאָל מער וועקן אונדזער בלוט?

יעדע צופעליקע באַריִרונג צו דער הויט פון אַ פרעמדער, אין דעם אייליקן בלאָנדזשען איבער די וואָקזאַלן פון לעבן, רופט צוריק די ייִנגסטע צאַפּלען פון דער זיסער, לאַנג-פאַרלאָפענער יוגנט.

* * *

אין דעם אייזערנעם גערודער, אין קלאַפּן פון די רעדער, גייען די מענטש-לעכע שעהן. אין די לויפנדיקע וואַגאָנען-שטובן שאַפט זיך דאָס קורצע לעבן פון דער מענטשן-משפחה, די עטיק פון צוזאַמענלעבן, פון סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַ-טיעס.

עס באַווייזט זיך דער ברוגזער, שווייגנדיקער פּאַסאַזשיר, דער שטרענגער, פּראַקטישער מענטש, וואָס צעלייגט זיך מיט זיין געפּעק, וואָס טוט זיך לאַנגזאַם איבער, זאָרגט עס זאָל אים ווייך זיין צו שלאָפן. ער פאַרהענגט די פענצטער, פאַר-לעשט דאָס ליכט — אַזעלכע פּאַסאַזשירן האָט מען נישט ליב, מען האָט אָבער פאַר זיי דרך-ארץ. דאָס זענען די פּראַקטישע לעבנס-מענטשן, וואָס זאָרגן, אַז אַלץ זאָל זיין סאָליד און דויערהאַפט: זייער בליק איז אַ שווערער און ערנסטער, וואָס דערציילט פון אַ דרימלענדיקן מוח. מען האָט אַזעלכע מענטשן נישט ליב, נישט אין וואַגאָן און נישט אין לעבן... פרעמד און ווייט פון אים איז דער מענטש, וואָס קוקט אַרויס דורכן וואַגאָן-פענצטער, אין דער בייַנאַכטיקער פינצטערניש, ווו עס דרייען זיך די אומהיימלעכע, שרעקיקע לאַנדשאַפטן פון כאַאָס.

ער הערט דאָס כראָפּען פון דעם שווערן, ערנסטן פּראַקטישן מענטש, וואָס האָט זיך דאָ, אין דעם לויף, געשאַפן אַ זיכערע רו.

אין אַ ווינקל, צוגעטוליעט צו זיין אייגענעם אויסגעריבענעם מאַנטל, זיצט דער דאַרער, שוואַכער מענטש. ער האָט זיך מיט גאָרנישט באַזאָרגט, ער זיצט שטיל און אומבאַקוועם. דער שווערער, פּראַקטישער מענטש האָט צוגענומען זיין אָרט צום שלאָפן. דער דאַרער, פאַרזאָרגטער מענטש באַנוגנט זיך דערמיט, וואָס ער זיצט ענג און אומזיכער. דער דאַרער מענטש האָט העלע, שיטערע האָר און

זיינע פאַרמאַכטע אויגן זענען אַריינגעדרוקט אין טיפע גריבער פון זיין בלייכן, צוקנדיקן שטערן.

ער איז שוין עלטער פון פערציק יאָר און אים האָט זיך נאָך קיינמאָל נאָרנישט איינגעגעבן. ער האָט א ווייב, וואָס האָט א גרינגע, טרוקענע הויט. זי אָטעמט מיט זאָרג און קוקט אויף אים מיט רחמנות און פאָרוואורף.

זי ווייסט נישט פאַרוואָס ער איז שוואַכער פון אַלע שכנים אַרום...

* * *

איבער דער גאַנצער לענג פונעם וואַגאָן שפּאַנט אַלע מאָל דורך דער כיטרער מענטש. ער האָט דינע פיס, וואָס שטעלן זיך שנעל און קונציק אַריין אין דער ענגשאַפט פון די דרימלענדיקע קניען. אויפן פּנים טראָגט ער אַ שמייכל פון גוטמוטיקער אומשעדלעכקייט. ער רעדט צו אַלע, ער וויל אָנזאָגן עפּעס פריינטלעכס און פרייטלעכס. ער האָט אַ סך קליינע פּעקלעך, וועלכע ער צעזייעט אין אַלע ווינקעלער, כדי זיי צו מאַכן אומבאַמערקט. ער קוקט ווי אַ פויגל אַרויף צו אַלע פּאָלקעס, ווי ער וואָלט געוואָלט אַ פּלי טאָן. ער פאַרזיכערט מיט אַ לוסטיקייט, אַז ער וויל נישט שלאָפן, אָבער אַלע אַרום ווייסן, אַז ער וועט זיך באַלד ערגעץ אַריינגליטשן און זיינע כיטרע אויגן וועלן זיך צומאַכן אין אַ גוטן שלאָף. אָט דער מענטש האָט אין זיין לעבן אויסגעגאַרט ביים גורל עטלעכע קליינע פּעקלעך. ער ווייסט, אַז די וועלט וויל גאָרנישט געבן, און ער שמייכלט זיין כיטרען שמייכל, ער וועט זיך אַן עצה געבן...

ער האָט אין דער היים אַ יונג ווייב, וואָס שפּילט זיך מיטן קינד און גלייבט, אַז ער, דער מאַן, וועט עפּעס אַהיימברענגען...

* * *

אויף איר אייגן געפּעק, לויז געבונדן מיט שטריק, שווער אָנגעטאָן אין עטלעכע קליידער, איינס אויפן אַנדערן, זיצט אַ פרוי. זי איז אַלט צווישן פערציק און פופציק יאָר. איר פּנים איז האַרט און געל. זי דרימלט שווער, מיט צונויפגעדריקטע ליפּן, אונטערגעשפּאַרט אַ געלע, האַרטע, ביינערדיקע האַנט...

זי איז בייז, די אָדערן אויף איר געלן האַלדז זעענען געוויגט זיך אָנצוציען ווי שטריק, ווען זי שרייט.

זי פאַרט ערגעץ זיך אָפּרעכענען... א סוף מאַכן...

איר אָטעם קאָכט און זידט אונטער איר פלאַכער ברוסט.

אַן אַלמנה, אַ געשלאָגענע, לאַנגע יאָרן קראַנקהייט און טויט פונעם מאַן... אַ לײדיקע שטוב מיט טונקעלע, שרעקיקע ווינקלען... אַ לאַנגער, שווערער וועג ביז אַהער... און אַ שווערער האָפענונגסלאָזער גאַנג... ווייטער...

* * *

ווייט, אומענדלעך ווייט, לײדיק און פרעמד איז די וועלט דורכן לויפנדיקן וואַגאָן־פענצטער. דאָ שטייט דער בלייבער, שלאָפלאָזער מענטש. ער וואַכט און ציילט די שעהן, די אייביקע שעהן...

ווי אַ זעלנער אויף דער גרענעץ פון דעם קורצן מענטשן־וועג אין דער אומענדלעכער אייביקייט...

# סמאָווקע געסל

## דאָס געסל

דאָס סמאָווקע־געסל איז געלעגן ביים ברעג שטאָט. ביי דער ענדע פון דער אַלטער, ענגער, יידישער דזשיקע־גאַס. דאָס געסל איז געלעגן ווי אַ גוואַלט־רים ביי דעם קנופּ פון דער געדיכטער יידישער געגנט און האָט שוין געשמעקט מיט הינטער־שטאָט. די שטיינער פונעם ברוק זענען געווען אויסגעריבענע מיט אויסגעריסענע שטיקער גריבער. די טראָטואַרן ביי די זייטן זענען געווען ווי אויפגעפריעסן פון דער צייט. און די צוויי רייען הייזער פון ביידע זייטן האָבן געהאַט אַ גראָ־געלע קאָליר, ווי אַלטע, קראַנקע ציין, וואָס האָבן ווי אַרויסגעשטעקט פון די הילצערנע פּלויטן. דורך די לעכער אין די פּלויטן האָבן זיך אַרויסגעזען שטיקער רויע ערד און בערגער מיסט, פאַרוואַקסענע מיט ווילד־גראָז. דאָ זענען אַרומגעשפּרונגען דאַרע, יידישע ציגן און געקלעטערט אויף די פאַרטרוקנטע, קראַנקע ביימער, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אַלטע, פאַרפּלאָנטערטע שטריק.

אין די הייזער האָבן געוווינט כמעט בלויז יידן. גאַסן־הענדלער, בעלי־מלאָכות, צומיינסט פורמאַנעס, וואָס האָבן דאָ אין די הייפלעך געהאַט זייערע שטאַלן מיט פערד. עס זענען אויך געווען הייזער, וואָס זענען געווען באַוווינט פון אַלטע געסל־באַלעבאַטים, „ווילע יונגען", וואָס זענען באַקאַנט געווען אין דער געגנט ווי שלעגער און מעסערשטעכער.

דאָס סמאָווקע־געסל האָט זיך געצויגן אַראָפּ ביז צו די אָקאָפּעס. אין דעם טייל געסל זענען די הייזער נאָך אַלץ געווען הילצערנע, מיט קליינע פענצטערלעך אַזוי ווי די טויבן־שלאַקן. דאָ האָבן געוווינט אויך קריסטן.

אין די אַלטע פּוילישע הייפלעך, ווי די יידן האָבן זיי גערופן: „פון דער פּאָווסטאַניע", האָט מען נאָך געפּלומפּט וואַסער פון אייזערנע פּלומפּן. דאָ זענען נאָך געשטאַנען ביימער און גריגס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די גיפּסענע פיגורן

פון דער הייליקער מוטער, איקאָנעס און צלמים. עס האָט זיך געפּילט דער ריח פון קרויט, אין די פענצטערלעך זענען געשטאַנען בלומען־טעפּ און עס האָבן גע־בילט הינט.

ווען מען איז צוגעקומען צו דעם עק געסל, האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט אַן אַנדערע וועלט. דאָ, ביי די „אָקאָפּעס“ איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ שטרענגע רו. עס האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן די רויטע מויערן פון פאַבריקן מיט די הויכע, רויכערנדיקע קוימענס און פאַרהאַקטע, אייזערנע טויערן.

פון איין זייט האָט זיך געצויגן דער הויכער, געמויערטער פּאַרקאַן פון דעם קריסטלעכן „פּאָוואָנזקער צמענטאַזש“, באַלד דערנעבן, אין אַ נאָענטער שכנות — דער יידישער „גענישער“ בית־עולם.

אַרום האָט גערוישט און געטומלט די גרויסע פּוילישע הויפּטשטאָט וואַרשע, אָבער צו דעם סטאַווקע־געסל איז דאָס גישט דערגאַנגען. די שטיינער פונעם ברוק זענען אַלץ קרומער און אויסגעריבענער געוואָרן, די רינשטאָקן האָבן געריזלט מיט אַ געדיכטן קויט. די פּלויטן און די הייזער האָבן זיך געקרישלט, און אַ דור נאָך אַ דור איז געקומען און פאַרשוווּנדן.

* * *

באַלד ביים אָנהייב פונעם געסל איז געווען די „באַוואַריע“, וווּ די יינגערע פּורמאַנעס, שמייסער־יונגען און די „שטאַרקע“ פונעם געסל זענען אָפּגעזעסן גאַנצע טעג, געגעסן געפּעפּערטע אַרבעס, פאַרקילטע פיס און געטרונקען ביר.

דאָ, אין דער „באַוואַריע“, ביים גראָבן מלך, וואָס איז אין די יונגע יאָרן אַליין געווען אַ „שטאַרקער“, זענען „פאַרגלייכט“ געוואָרן געשלעגן. דאָ האָט מען זיך איבערגעבעטן, און ביי יעדן אויסגלייך זענען אויפגעגעסן געוואָרן אַ פּאָר גע־בראָטענע גענדז, וואָס די אַלטע ברײַנדעלע האָט געבראָטן ביי דעם „בעקער פון נומער 10“. די געגנדז, וואָס די אַלטע ברײַנדעלע האָט געבראָטן, זענען געווען גע־רימט אין דער גאַנצער געגנט.

די ערשטע צוויי הייזער זענען געווען די רייכע. זיי זענען געווען אָפּגעקאַלכט, און ביינאַכט האָט געברענט אַ לאַמטערן. אין די הייזער האָבן געוווינט די רייכערע פּורמאַנעס, וואָס האָבן געהאַט צו עטלעכע פּאָר פערד מיט געקאָוועטע וועגענער. ביי אַ טייל אין די שטובן האָט שוין אַפילו געברענט גאַז, און אין די אָוונטן האָבן זיך פון די הייזער געהערט גראַמאָפאָנען, ווי חזנים האָבן זיך געציקלט און די קאַוועצקאַ האָט געפייפט און געזונגען.

ביי די טויערן פון די הייזער און ביי דער „באַוואַריע“ איז שטענדיק געווען

פריילעך. די יונגע האָבן פריילעך געמאַכט פאַר די מיידן און אָפּט זענען אויסגע־בראָכן געשלעגן, און די יונגע האָבן זיך געלאָזט מיט מעסערס.

די עלטערע האָבן געפירט אַ באַלעבאַטיש לעבן מיט ווייבער און קינדער און נישט געהאַלטן פון די יונגע.

— אַזאַ יונג, — האָט מען געזאָגט, — זאָל אַריינקומען אין גוטע הענט... וואָלט ער געוואָרן אַ ליים. „גוטע הענט" האָט געהייסן, ער זאָל ווערן אַ חתן פאַר אַ לייטישער מויד. די לייטישע מיידן פון געסל האָבן צומיינסט „געהאַלטן טויערן", דאָס הייסט, אַז אַ מויד האָט זיך אין אַ טויער געמאַכט אַ געוועלבל, זומער פון סאָדע־וואַסער און ווינטער פון געפרווירעטע עפּעלעך און נאַשוואַרג פאַר קינדער און אַזויאַרום זיך פאַרדינט אויף אַ „וויפּראַווע".

אַז דער יונג איז געוואָרן אַ חתן, איז אונטערגעלאָפן דאָס איינאונצוואַנציק־סטע יאָר, האָט אים די כלה געמאַכט אַ פעלצל מיט אַ פּאָר געפּאַסטע שטיוועלער, און דער יונג איז אַוועק צו „פּאָניען".

דאָס ערשטע יאָר אויף „סלוזשבע" איז אים געווען ביטער. אָבער אויפן צווייטן יאָר איז ער געקומען אויף „אָטפּוסק" אין אַ מונדיר מיט אַ „מענדאַל". ־ערנאָך האָט מען געהערט, אַז ער האָט געשפּאָלטן דעם קאָפּ דעם ראָטנעם און אַוועקגעגאַנגען אין אַרעסטאַנטסקע ראָטעס אויף אַ פּאָר יאָר. די מויד איז גע־שטאַנען אין טויער, געקריגן אַלץ רויטערע הענט און גרעבערע פיס. געגאַנגען צום זשאָנדצע, ער זאָל איר שרייבן בריוו, און געוואַרט, ביז וואַנען דער חתן וועט אָפּזיצן דעם „סראָק".

* * *

שבת, באַלד אין דער פרי, זומער־לעב, ס'איז וואַרעם און ליכטיק, אין געסל איז נאָך שטיל. אין די אָפענע פענצטער ליגן אָנגעוואָרפן צעקנאָדערטע בעטגע־וואַנט, אין די קישנס ליגן צעשויבערטע קעפּ. מ'איז אַנטלאָפן פון די בעטן מיט די וואַנצן. מע שלאָפט אויף די פענצטער און באַלקאָנען, פון וואַנען מע רעדט זיך אי־בער וועגן די וואַנצן.

אַ שוואַרצע יידענע, ווי אַ ציגיינערין, מיט אַ ראָז שלאָף־קופּקעלע אויפן קאָפּ רעדט אַריבער צו אַ שכנטע מיט גריגע, נאַקעטע הענט:

— זי הערן, האָבעלע... זאָלן מיר אַזוי ביידע לעבן, ווי כ'האָב ערשט נעכטן אַ קוואָרט נאַפט אַריינגעלאָזט אין די בעטן... אויסגעשאָרעוועט יעדעם קריש...

— ביי מיר פאַלן זיי פונעם סופיט... אַ ברעכעניש אינעם ווערטס ביינער אַריין, האָט צוגעזאָגט אויף פּסח צו ווייסן...

אַ ייִד אין גאַטקעס שרייט:

— לאה... גיב אַהער אַ שיסל וואַסער מיט אַ באַרשט... זיי זענען דאָ אויך דאָ...

אין די הייפֿלעך, אויף אויסגעשפּאַנטע וועגענער, אויף בריטשקעס און דראָזשקעס ליגן יונגען, אַלטע מיט בערד, מיידן, ווייבער און קינדער, אַנטלאָפֿענע פֿון די וואַנצן. מען שלאָפֿט. די זון דעקט זיי אויף אין אַלע ווינקעלעך. ווי אַ פֿאַר־לאָזן מלחמה־פֿעלד נאָך אַ בייגאַכטיקער שלאַכט. ביים קעלער פֿון דער בעקעריי זיצן צוויי בעקער־יונגען אין ווייסן. זיי היטן די טשאָלנטער, וואָס זיצן אין אויוון. זיי שפּאַרן זיך, ווער ס'איז שטאַרקער אין געסל: „משה בויך" אָדער „מאָטל קיבעל".

פֿון דעם נישט ווייטן הינטערן־שטאָט טראָגט זיך פּלוצלונג אָן אַ לינד ווינטל און באַוועגט די שוואַרצלעכע, לאַנג־פֿאַרלאָזענע ראַמען פֿון די פֿענצטער, און אי־נעם שטילן, שנאָרכעדיקן הייפֿל דערהערט זיך אַ פּלאַצנדיקער זעץ. די שלאָפֿנדיקע כאַפּן זיך אויף, האַלב־נאַקעטע, אין זייערע געל־גראָלעכע וועש, און דערזעען די ערדענע שיסל מיט די שוואַרצלעכע אָפּגעקאָכטע פֿיש, וואָס ליגט צעזעצט אויף דער ערד.

אינעם פֿענצטער באַווייזט זיך אַ צעפּאַטלטע ייִדענע, אַ געלע, מיט שפּיציקע, פֿאַרבראָכענע הענט און מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן ביי־קול שרייט זי:

— אַ בראָך האָט מאָך געטראָפֿן... כ'בין דאָך געבליבן אָן אַ פּיצל פֿיש אויף שבת... זעטס נאָר מענטשן דעם גזר...

פֿון אונטן שרייט אַרויף אַ מויד:

— ברײַנדעלע, וואָוועזן זי נישט אַרום... מ'קאָן צונויפֿקלײַבן...

די ווייבער באַטראַכטן די פֿיש, און איינע זאָגט:

— וואַ... ס'אַרא מלכותדיקע פֿיש... ס'רייסט אַזש ביים האַרץ...

— איידער מ'קריגט אַריין דעם שבת אין שטוב אַריין... אַזאַ אומגליק...

די געלע ייִדענע באַווייזט זיך אויפֿן הויף מיט אַן אַנדער שיסל, און אַלע העלפֿן צונויפֿקלויבן די פֿיש. אַ קליין ייִנגל שרייט פֿונדערווייטן:

— ווייבל, דאָ ליגט נאָך אַ שטיקל...

— ייִדן, האָט רחמנות... כ'וועל דאָך נישט האָבן וואָס אויפֿצוגעבן... ס'פֿעלט דאָך דער ווייגדל, אַזאַ לעבעדיקער ווייגדל...

און דאָס גאַנצע הייפֿל זוכט דעם פֿאַרשוווּנדענעם ווייגדל פֿון די פֿיש...

די זון הייבט זיך אויף איבער די דעכער, און עס ווערט וואַרעמער און ליכטי־קער. צום ערשטן באַווייזט זיך פֿאַרן טויער אַ מויד מיט אַ טערקישער קאָלדרע אויף די פּלייצעס, מיט אויפֿגעשנאָרעוועטע שיך, פֿון וועלכע עס הענגען אַראָפּ די

בענדלעך. זי שטעלט זיך אַוועק ביים טויער, קלאַפּט צו מיט אַ פּיסל פֿאַר זיך און פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר יעדן „פּאַצעט“, וואָס זאָגט איר איידל: גוט־שבת.

— כ'בין אַזוי אַראָפּגעלאָפֿן... „קאָלאָ־דאָמו“... אַפֿילו נישט פֿאַרקעמט...

די יונגעלייט גייען שוין פֿון דער „רעזורע“, אָפּגעגאָלט אויף בלוי און ווייס פֿאַרפּודערט אויף דער גאָמבע. מיט איין האַנט האַלט מען צו דעם אויפֿגעשטעלטן קאָלנער פֿונעם רעקל, אין דער אַנדערער האַלט מען אַ פֿאַרהעמדל מיט אַ קאָלנער איינגעפּאַקט אין געל פּאַפּיר, פֿון דער „פּראַלניע“.

פֿון אַ טויער לויפֿט אַרויס אַ ייִד מיט אַ קלאָטשעוואַטער באָרד און אַ רויטער נאָז. ער הילכט מיט אַ פּאָר שווערע שטיוול און זיין וואָכעדיקע קאַפּאָטע איז אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל:

— ייִדעלעך... דאַווענען... ייִדעלעך... — שרייט ער, לויפֿנדיק איבער די קרומע שטיינער פֿונעם געסל.

דאָס איז „זייגעוועלע פּיאָק“, דער שמש פֿון דעם שולעכל, וואָס איז צוריקגעקומען פֿון קאַטאָרגע פֿאַר מאַכן פֿאַלש געלט. פֿון זינט ער איז צוריקגעקומען, האָט מען אים געמאַכט פֿאַר אַ שמש אין דער סטאַווקער שול, וווּ עס דאַווענען די עלטערע פֿורמאַנעס.

פֿון די באַלקאָנען שרייען אַראָפּ די באַלעבאַטים:

— זייגעוועלע פּיאָק, ס'אי נאָך פֿרי...

אינעם געסל ווערט רעשיקער. עס הילכן לייִדיקע וועגענער, אויף וועלכע עס זיצן געדונגענע גויים. די באַלעבאַטים פֿון די וועגענער גייען בנעימות מיט די טלית־זעקלעך אין שול אַריין. זיי שרייען פֿון דער זייט אַראָפּ צו די גויים:

— יאַנעק, „פּשאַ טוואָיאַ מאַטש“... טרייב נישט אַזוי... אָן די בייטש... שלאָג נישט די שקאַפּע...

קליינע שמייסער־יונגען מיט פֿינצטערע דאַשקעס שלעפּן אַן אויסגעפּוצט פֿערד אויפֿן „וווינע־פּלאַץ“ אַרויס. די אַלטע שרייען אַראָפּ פֿון די פֿענצטער:

— בענקאַטעס... שלעפּצן נישט...

מיידן מיט יונגען שטייען ביי די טויערן, באַקוקן זיך די נייע שיך, רעדן איידל:

— וואָס מאַכן זי, פֿראַגיעלע... ווען קומט איגנס מאַן אַהיים פֿון די זעלנער...

— כ'ווייס אַליין ניש... ס'איז מאָ שוין גמאס צו וואַרטן...

אַ יונג מיט אַ רויט, ווי אָפּגעקאָכט פּנים פֿרעגט ביי אַ מויד מיט אַ פּייכטן, שוואַרצן, גלאַנציקן לאָק אויפֿן שטערן:

— ריקל... ווען גייט דיין חתן לויז...

די מויד ענטפֿערט מיט אַ באַס:

— אין צוויי חדשים אַרום „סקאַנטשעט זיך דער „ווירזאָק“...

האַלב-גאַקעטע ווייבער און מיידן גייען אין טיי-הייזל אַריין מיט טשייניקעס נאָך טיי.

אין טיי-הייזל ביי קיילטשעז זיצן שוין יונגען מיט מיידן און לייענען דאָס ביכל פון טעאַטער. די שפּיל שטעלט פאָר אַ „מאָראַלישע“ געשיכטע פון אַ יתומה, אַ שטיפמוטער און אַ שלעכטן פאָטער.

די יונגען הערן, ווי דער שלעכטער פאָטער באַשטייט נישט אויפן שידוך, און די שטיפמוטער טרייבט אַרויס די יתומה נאַקעט און באָרוועס אויפן פראָסט. די יונגען קומען אין כעס אַריין. די העלדזער גיסן זיך אָן מיט בלוט, און דעמלט, ווען די שטיפמוטער שלאָגט די יתומה מיטן שאַר-אייזן, הייבן די יונגען אַזש אָן צו מרוקען:

— הער נאָר... זאָסט אַזוי לעבן...

— וואַ, וואַ, זע נאָר דאָ... אַ רוח אין איר...

זיי ווילן אַליין שפּילן דאָס שטיק. טאַקע דאָ, אין טיי-הייזל, אינעם לעצטן שטיבל.

הערשל טענצער האָט אַ באַסן-שטימע, ווען ער שפּילן דעם שלעכטן פאָטער, ער רעדט זייער גראָב און טיף דייטש. נאָר ווען ער הייבט אָן רעדן די רייד פונעם שלעכטן פאָטער, קומען אים די טרערן אין די אויגן אַריין, און ער הייבט אָן צו וויינען.

דער בעסטער אַרטיסט איז שלמהלע „וואַטשזשאַזש“, קיילטשעס חתן. ער שפּילט פאַר דעם באַליבטן. ער האָט שיטערע ציין און רעדט דין און איידל. ער שטעלט אַרויס אַ פיסל פאַר זיך, וואַרפט אַרויף אַ הענטל אויפן בויך און זאָגט אויף „דייטש“:

— דאָ ברענט מיין ליבע צו דיר... פייגעלע...

קיילטשע ווערט דערביי זייער צעטראָגן, שטופּט אַרויס אַ יידענע מיט אַ טשייניק, וואָס וויל פאַר אַ צווייער אַ פולן טשייניק הייס וואַסער, און זאָגט צו שלמהלע וואַטשזשאַזש:

— שלמהלע... האָסט דיר שוין אָנגעריסן דעם האַלדז... טרינק אויס אַ גלעזל וואַסער מיט סאָק.

* * *

שפּעטער אויפן טאָג רויעט זיך דאָס געסל אונטער דער זון. מע גייט פון שול. עלטערע פורמאַנעס מיט רויטע קאַרקן און אונטערגעשוירענע בערד מיט די

טלית־זעקלעך אונטער די אָרעמס מאַכן זיך יידישלעך צעבראָכן און שמעקן טאַ־באַק.

מ'טוט זיך אָן שבתדיקע, בלויע כאַלאַטלעך, און קליינע מיידן, מיט פעטע, גלאַנציקע צעפּ פון נאַפט און נייע, געלע שיך, גייען מיט שמאַטעס נאָך די טשאָ־לנטער צום בעקער.

אין די ברודיקע, פאַרלאָזענע הייפלעך טראָגן זיך פאַרשידענע ריחות פון גישט פרישע פיש, פון קעז, פון פערד־מיסט און פון ציגן. באַזונדער שטאַרק זענען די ריחות פון איין ווינקל הויף — פון אַ קליין, גרוי מויערל, וואָס זעט אויס ווי אַ טויבן־שלאַק, און אַרום אַ באַרג מיסט. דער איינציקער גוי אין הייפל, דער סטרוזש, האָט זיך שוין פון לאַנג מיאש געווען פון ריייניקן דאָרט און האָט נאָר פון צייט צו צייט אויסגעשמירט מיט סמאָלע די פאַדערשטע וואַנט. דאָ, ביי די צעבראָכענע טרעפּלעך, זענען שטענדיק געשטאַנען אַ צענדליק איינוווינער פונעם הייפל, ווייבער, יידן און קינדער, אין דער ריי. און מען האָט גערעדט וועגן דעם אַז ס'איז נישט שיין און ווער עס טוט דאָס.

אַ דאַרער, בייזער ייד, וואָס האָט געהאַנדלט מיט אַלטוואַרג, האָט געטענהט:

— די קליינע יאַטן... נאָר די קליינע יאַטן... פּאַק עך איינעם, דריי עך עם אַ פּוט אויס...

אַ יונג איז אַרויסגעגאַנגען מיט נייע שיך. ער האָט זיך געריבן די שיך אין דער ערד און האָט געשאָלטן:

— אַ פייער אין די קישקעס...

— אַ יידענע באַקלאָגט זיך:

—האָט זיך דאָרט אַריינגעזעצט עפּעס אַ לאַטעק און וויל נישט אַרויסגיין... כ'שטיי שוין אפשר אַ שעה צייט...

זי לאָזט זיך צו דער טיר מיט אַ קלאַפּעריי:

— נו שוין...

פון אינעווייניק הערט זיך אַ מרוק.

די יידענע שטייט צו:

— נו, שוין גענוג... זיצט ווי אַ שררה...

— אוי, רופט זיך אָן אַ מויד, — דאָס מוז זיין דער... פון דריטן שטאָק... דער פילאָזאָף... זי וויסן, ער לייענט דאָך דאָרט אַ בלאַט־צייטונג...

אַזוי רעדט מען זיך איבער, און אינעווייניק זיצט מען אויף להכעיס.

* * *

האַלבער טאָג.

דאָס געסל שלאָפט נאָכן עסן. יונגע גייען אַריין צו די כלות און לייגן זיך צו שלאָפן. מען באַשטעלט זיך צו גיין אין „מאַראַנאָווער טעאַטער“.

מיטאַמאָל ווערט אַ רעש. גנבים מיט זייערע ווייבער זענען צוריקגעקומען פון געריכט. פון אַלע טויערן און פון די פענצטער פרעגט מען, אויף וויפל מ'האָט געקריגן צו זיצן. צו דער צייט גייען שוין ווייבער און כלות אין פּאַוויאַק אָוועקטראָגן „וואַלוווקעס“.

אינמיטן דער גאַס ווערט אַ רעדל. מען היצט זיך און מען דערציילט וועגן דער „ספּראַווע“.

קליינע יונגען, גנבים, נאָך נישט קיין געזעסענע, הערן זיך צו. און זייער געדאַנק בלאָנדזשעט אַרום איבער די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך פונעם פּאַוויאַק.

* * *

אין די זומערדיקע שפּעטע אָוונטן, ווען דאָס געסל איז שוין האַלב געשלאָפן, האָבן זיך די פּאָרלעך אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן, „כאַפּן לופט“ אַראָפּ מיט דער רוישיקע גאַס, צום קריסטלעכן „צמענטאַזש“, הינטער די ביימער, וואָס ציען זיך שורותווייז ביז צו דער „פּאָוואָנזקער ראָגאַטקע“.

מען איז געגאַנגען הין און צוריק, טייל האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די שטאַכעטן, ביי די מצבה־קרייצער אָדער אויף די שווערע שטיינער, וואָס שפּאַרן אונטער די טויערן. איז מען געזעסן און שטיל גערעדט, געזונגען לידער און זיך געליבט.

דאָרט אַהין זענען געגאַנגען די יונגע פּאָרלעך, וואָס האָבן „גערעדט“ צו זיך נישט לאַנג. מען האָט גערעדט צווישן זיך שטיל, ווי טויבן וואָלטן געוואָרקעט. פון אַ טונקעלן טויער האָט זיך געהערט אַ ליבע־ליד, וואָס אַ מיידל האָט געזונגען גיך און ערנסט, אין איין אָטעם:

„אַזוי ווי פּאַלמום האָט דאָס דאַהעיאָט —
האָט עס עם שטאַריק פּאַרדראָסן,
אַראָסגעגימען האָט אָ דעם רעוואָלוואָ
דעווירען האָט אָ דאַשאָסן...

דאָס „מאָראַלישע“ ליד, ווי דער שיינער פּאַלמום האָט דערשאָסן הבורהן, האָט זיך איבערגעגעבן פון איין פּאָרל צום אַנדערן. הערנדיק דאָס ליד, האָט מען זיך שטאַרק געטוליעט איינס צו דאָס אַנדערע. און מ'האָט זיך איבערגערעדט:

— וואָס מיינט עטץ... ס'גיבט נישט אַמאָל...

— אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן...

און מען האָט זיך שטילערהייט דערציילט שרעקלעכע געשיכטן פון ליבעס, וועגן דער „שיינער אַדעלע“, וואָס דער חתן, דער קצבֿ־יונג, האָט זי געשחטן דאָ נישט ווייט, אויפֿן פּלאַץ ביים יידישן שפּיטאָל. וועגן כלות, וואָס זענען געשטאָרבן אין די חופּה־נעכט, און וועגן נקמהס פאַר „פאַלשע ליבעס“.

פרימעטל די „פריזירקע“ האָט זיך געהאַלטן ביי איינס: אַז די „חברטאָרנס ברענגען צו אַלע אומגליקן“. פרימעטל האָט געהאַט גאָלדענע צעפּ און בלויע אויגן ווי אַ ליאַלקע. זי האָט געפירט אַ ליבע שוין זעקס יאָר, פון דרייצן יאָר אָן. זי האָט געהאַט אַ חתן שילעם, וואָס האָט געהאַט צוויי פּאָר פערד מיט צוויי אייגע־נע וועגענער, דאָס יאָר איז ער אַהיימגעקומען פון „פּאָניען“ און אויף שבת־נחמו איז אָפּגערעדט די חתונה.

די קלוגע פרימעטל האָט שטענדיק געזאָגט, אַז „די ליבע איז אַ הארץ־זאַך“ און אַז דער עיקר איז, צי „מ׳מיינט זעך“. זי האָט גערעדט „פּונקט אַזוי ווי אין טעאַטער“ און זי האָט צונויפגעפירט אַלע ברוגזן צווישן חתן־כלה.

* * *

דער ליטוואַק האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אין געסל. ער איז געווען דאַר, מיט אַ סך געדרייטע האָר און אַ לאַנגער, געלער נאָז.

דאָס געסל האָט קוים פאַרשטאַנען זיין ליטוויש לשון, און ער האָט פון אָנ־הייב געהאַט אויסצושטיין צרות. מ׳האָט אים נישט געלאָזט רואיק פאַרבייגיין דורכן געסל, און די קליינע יאַטן האָבן אַ גאַנצן טאָג אַריינגעשריגן צו אים דורכן פענצטער: „געבראָטענער ליטוואָק“, אָדער „טשו־טשו“.

דער ליטוואַק איז אָבער געווען אַ רואיקער און האָט זיך ליב געהאַט אויס־צוטענהן אויף זיין לשון:

— רעדט אייך וויפל איר ווילט זשיך... אָבער מיט די הענט זאָלט איר ניט טסעפּענען...

די יונגען האָבן דערהערט „טסעפּענען“, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ געשריי און בייפעריי.

פון גרויס פריילעכקייט האָבן זיי אים אָנגעהויבן רייסן און פליקן פון אַלע זייטן.

איינער האָט אים אַראָפּגעכאַפּט דעם הארטן קאַפּעליוש און אים אַראָפּגע־צויגן איבער די אויערן, דער ליטוואַק האָט אָבער רואיק און פּאַמעלעך גערעדט זיינס:

— איר זשייט ווילדע מענטשן... דערפאַר פאַלט איר אויף מיר אָנעט... איר זשייט אַ סך... און איך בין זשיך עיגער...

די יונגען האָבן זיך געהאַלטן פאַר די בייכער פאַר געלעכטער.

אָבער ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ליטוואַק איז אַ מעכאַניק פון זינגערס ניי־מאַשינען, האָבן די מיידן, וואָס האָבן גענייט, זיך גענומען אים באַשיצן:

— לאַטקעס... וואָס האָט עטץ צונעם... און אַז ס׳איז אַ ליטוואָק איז עס ניש קאַ מענטש?...

ביסלעכווייז האָט זיך דאָס געסל צוגעוווינט צום ליטוואַק, און ער איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש. באַזונדערס נאָך דעם, ווען דער ליטוואַק האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אין שול און די געסל־לייט האָבן דערהערט, ווי ער זאָגט מיט אַ ניגון ביים דאַווענען, האָט מען מיטאַמאָל געקריגן פאַר אים גרויס דרך־ארץ. און ווען עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז ער קאָן רעדן רוסיש „ווי אַ וואַסער" און קאָן אַפילו שרייבן פראָשעניעס, האָט דאָס געסל אָנגעהויבן שטאָלצירן מיט אים.

די מיידן האָבן געטראָגן צום ליטוואַק זייערע ניי־מאַשינען צו פאַרריכטן און האָבן געזאָגט, אַז „דאָס ליטוואָקל האָט גאָלדענע הענט". זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען זיין לשון. דער ליטוואַק האָט אָבער גיך געכאַפּט דאָס לשון פונעם געסל, און די מיידן האָבן אים אָנגעהויבן פאַרשטיין:

— אַנו, ווייזט אָקאָרסט אייער מאַסין... — פלעגט ער זאָגן צו אַ מויד, ווען זי איז געקומען פאַרריכטן אַ מאַשין, דערביי האָט ער איר אַ קוועטש געטאָן ביי אַ פּוס, פאַר וועלכן זי האָט אים אַ רוק אָפּ געטאָן פון זיך, אַז ער האָט זיך שיר נישט איבערגעקערט.

— שטייען זי אָפּ... ליטוואָק... מיט די הענט זאָלן זי נישט רודערן...

— אַ ליטוואָק זאָל וויסן פון אַזעלכע זאַכן... — האָט זיך געוווּנדערט אַן אַנדערע.

—פאַרוואָס האָבן זי נישט חתונה... פאַניע ליטוואָק? — האָבן די מיידן געפרעגט מיט גוטמוטיקן חוזק. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט מיט די הענט ביי די באָקעס און געפרעגט:

— נו, ליטוואָק... וועלכע וואָלטן זי געוואָלט?...

דער ליטוואַק האָט אַ קוק געטאָן מיט זיינע שוואַרצע, הונגעריקע אויגן און געענטפערט:

— אַלע.

די מיידן האָבן קוויטשיק געלאַכט:

— דאָס ליטוואָק איז נישט קאַ נאַר... אַזאַ צלם־קאָפּ...

מיטאַמאָל האָט דער ליטוואַק אָנגעהויבן „גיין“ מיט דער „געלער שייגדל“, וואָס האָט געאַרבעט אין פּאָלאַקעוויטשעס פאַבריק. שייגדל איז שוין געווען אַ מויד אין די יאָרן, אַ גרויסע, אַ געלע, מיט ברוינע, גלאַנציקע אויגן און אַ ברייטער נאָז. זי האָט געהאַט אַ מאַמע, אַ קליינע, געלע יידענע, וואָס האָט געקאָכט אַ „ביסל עסן“ אין מאַרק אַרויס פאַר די הענדלערינס און גאַסמענטשן. זי האָט געוווינט אין אַ קעלער־שטוב און דאָרט האָט מען אויך געקאָנט ביליק אָפּעסן.

דער ליטוואַק האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ווו ס'זאָל זיין „ביליק און זשעטיק“, ביז וואַנען ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אַראָפּ אין קעלער־שטוב צו דער געלער „דאַבעלע פון געקעכץ“.

ער איז אַראָפּ אין קעלער אין אַ הייסן טאָג, ווען דאָבעלע האָט געהאַלטן אין לאַדעווען די הייסע, פאַרעדיקע סאַגאַנעס מיט לונג־און־לעבער, ווען דער גאַנצער קעלער האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ הייסער, קריכנדיקער פאַרע.

דער ליטוואַק האָט זיך דערפילט ווי אין אַ גן־עדן, ווען אויף אים האָבן פון אַלע זייטן געגלאָצט די מוטנע, רויטע שטיקער פלייש. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט.

— איי, „איזיש“ דאָ גוט... — האָט דער ליטוואַק אַזש אַ קרעכץ געטאָן און מיטאַמאָל האָט ער דערזען די געלע שייגדל. זי האָט אים אין דער געדיכטער, פעטער פאַרע אויסגעוויזן ווי אַ ליכטיקער מלאך אויפן הימל. מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט און ס'איז געוואָרן אַ שידוך.

די אַלטע דאָבעלע, די מחותנתטע, האָט געוויינט און געקלאָגט, אַז זי פאַרשטייט נישט, וואָס דער איידעם, דער ליטוואַק רעדט. און זי האָט זיך געטרייסט:

— מילא... אַז גאָט האָט געוואָלט, כ'זאָל האָבן אַן איידעם אַ ליטוואָק... איז אַזוי באַשערט... אָבער אַ ייד איז ער דאָך...



# גאָדל בעקער

## קדיש

אין דעם קעלער פון דער בעקעריי איז געווען האַלב פינצטער. דער אויוון האָט שטיל און סודותדיק געגליט. גאָדל איז געזעסן, די דאַרע פיס אַראָפּגעהאָנגען פון דעם פּיעקעליק, האָט ער אויסגעקלאַפּט לידלעך אויף די ציין. אַלע מאָל, ווען די עלטערע געזעלן זענען געשטאַנען די הענט פאַרלייגט נאָכן פאַררוקן דאָס געבעקס, האָבן זיי געהייסן גאָדלען שפּילן אויף די ציין.

גאָדל איז דעמאָלט אַלט געווען פופצן יאָר.

מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט טריט, און אין קעלער איז אַראָפּגעקומען אַן אַלטער ייד מיט אַ לאַנגער, גראָער באָרד. ער איז צוגעקומען צו גאָדלען, שטיל אים אָנגענומען פאַר אַן אַקסל און אים אַראָפּגעשלעפּט פונעם פּיעקעליק:

— קום, שייגעץ... קום, ס'טער כאָטש געזעגנען מיטן טאַטן...

גאָדל האָט געשוויגן. ער האָט אַרויסגעוויזן זיינע ווייסע, געזונטע ציין. ער האָט פאַרמרוזשעט אויפן ייד זיינע קליינע אייגעלעך און פאַרקרימט געשמייכלט.

גאָדל האָט עפּעס פאַרשטאַנען. ער האָט געפילט, ווי דאָס האַרץ אין אים האָט זיך ווי פאַרקורטשעט. ער האָט געוווסט, אַז ער דאַרף עפּעס איבערקומען, עפּעס פרעמדס, שווערס...

— קום, שייגעץ, וואָס שטייסטו... — האָט זיך דער ייד געבייזערט. און גאָדלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דעם ייד אַליין ווילט זיך אויך נישט גיין.

* * *

מיט שפּרינגענדיקע טריט האָט גאָדל נאָכגעשפּאַנט דעם יידן דורך אַ סך פרעמדע גאַסן. דער ייד האָט געקרעכצט און אים געאיילט, ביז וואַנען זיי זענען

געקומען צו אַ גרויס, גראָ הויז, און גאָדל האָט מיטאַמאָל דערקענט דאָס הויז פֿון שפּיטאָל, וווּ ער איז אַמאָל געווען, ווען מען האָט דעם טאַטן אַהערגעפֿירט.

אין דעם גרויסן, ווי ליידיקן, שפּיטאָל־צימער איז געווען האַלב ליכטיק פֿון אַ גרין גאַז־פֿלעמל. די קאַלטע, ליידיקע ריינקייט פֿון שפּיטאָל האָט זיך אויף גאָדלען שווער אַ לייג געטאָן. ער האָט טיף אַריינגעאָטעמט דעם זיסלעכן ריח, וואָס האָט געהאַט אַ וואַרעמקייט, ווי פֿון וואַטע. גאָדל האָט זיך דערשראָקן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין איינער פֿון די ווייסע, ליידיקע סאַלעס וועט ער מוזן עפּעס טאָן, עפּעס אַן אומבאַקאַנטע זאַך. ער האָט געצופּט דעם ייד פֿאַרן אַרבל און געמורמלט:

— ני, שוין, גיכער... כ'מוז גיין צום אויוון...

דאָ האָט דער ייד אַן אָפּגעריסענעם קוק געטאָן אויף אים, אַ שאָקל געטאָן מיט דער באָרד און אַרויסגערעדט:

— שיינע... קאָנסט כאָטש קדיש זאָגן...

גאָדלען האָט אַ מיש געטאָן פֿאַר די אויגן. און ער האָט דערזען דעם טאַטן. ער איז געלעגן אויף אַ פּלאַך, נידעריק בעטל. זיין פּנים איז געווען קליין און געל, דורכגעפֿלאָכטן מיט בלויע, ווי פֿאַרברענגטע, אָדערן, די אַפּלען אונטערן שטערן אַרונטערגערוקט, זיין שוואַרצע, פֿאַרפּלאָנטערטע באָרד איז געווען האַרט און געלעגן שווער ווי האָלץ. צוויי יידן זענען געזעסן אויף שטולן און געשוויגן.

דער ייד האָט צוגעשטופּט גאָדלען צום טאַטנס בעט, און די יידן האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון די שטולן.

מיטאַמאָל האָט זיך דער טאַטע אַ ריר געטאָן. זיינע אַפּלען האָבן אַ שווים געטאָן, און ער האָט אָן אָטעם ווי אַרויסגעשפּיגן די ווערטער:

— קום... דו... זון...

גאָדל האָט זיך אָנגעבויגן צום טאַטן. זיינע ווייסע, געזונטע ציין האָבן זיך אין אַ משונהדיקן שמייכל אַרויסגעשטעלט. ער האָט שטאַרק פֿאַרמרוזשעט זיינע קליינע אויגן און ער האָט דערפֿילט, ווי איבער זיין פּנים האָט זיך איבערגעגליטשט עפּעס אַ האַרטע, ווייסע, קאַלטע, ווייכע זאַך. דאָס איז געווען אַ גלעט פֿונעם שטאַרבנדיקן טאַטן. דער ערשטער און דער לעצטער גלעט. נאָכדעם האָט דער גוסס ווי אַרויסגעקרייט:

—ק־ד־י־ש...

דעמלט האָט זיך גאָדל אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, נעבן בעט, און אָנגעמענדיק אַ סך אָטעם, האָט ער אַ לאָז געטאָן איבער דעם שטילן, ביינאַכטיקן שפּיטאָל אַ ווילדן ריטש, וואָס האָט זיך איבערגעטראָגן איבער אַלע הויכע, ווילד־אומעטיקע קאָרידאָרן:

— טאַטע, טאַטע!...

אָבער באַלד האָט ער זיך איבערגעריסן און שטיל געבליבן. די ייִדן האָבן אים עפּעס געזאָגט עפּעס זייער וויכטיקס, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען. דעם אָוונט איז גאָדל געבליבן אָן אַ טאַטן.

* * *

גאָדל איז אַוועק צוריק צום אויוון. אין בעקערײַ איז געווען רעשיק, די געזעלן האָבן פאַרקנעכט, געהייצט. גאָר גאָדלען האָט מען גאָרנישט געהייסן טאָן. ער איז צוגעגאַנגען צו יעדן באַזונדער און געזאָגט:

— ס'האָט מיך געטראָפן אַ מילעאָ... מײַן פּוטאָ איז מאָ געשטאָרבן...

די געזעלן האָבן געשוויגן, געקרימט זיך און זיך געקראַצט אין די פאַרמעלטע פּאַטלעס האָר אונטער די פּאַפּירענע מיצלעך.

ער האָט זיך געפּרוווט אַוועקלייגן אויפן פּיעקעליק. אָבער גאָדל האָט נישט געקאָנט ליגן, ער האָט אַלץ געפילט אויפן פּנים דעם טאַטנס גלעט, און אינעם קאָפּ האָבן זיך אים אַלץ געדרייט די ווערטער:

— ברוך אתה... ברוך אתה...

ער האָט אַלץ געוואָלט זאָגן די ווערטער פון קדיש.

מיטאַמאָל איז ער פאַרשוווּנדן פון דער בעקערײַ. עפּעס אַ בלינדער כוח האָט אים געפירט.

ער איז גיך אַדורכגעלאָפן דאָס געסל ביז צו די „אָקאָפּעס" און דערזען פאַר זיך דעם פּלויט פון דעם ייִדישן בית-עולם. דער פינצטערער, שרעקיקער בית-עולם מיט די שטילע, פינצטערעביימער איז אים איצט געווען גאָענט און היימיש, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז דער טאַטע וועט ערשט מאָרגן אַהערקומען.

דערנאָך איז ער צוריק אַרײַן אין געסל. ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין יעדן הייפל און אומעטום, ווו יונגען מיט מיידן זענען געשטאַנען פאַר די טויערן, האָט ער אַרויסגעוואָרפן אַ וואָרט:

— מײַן פּוטאָ איז מאָ געשטאָרבן...

פרעמדע ווײַבער האָבן דאָס געהערט און געזאָגט:

— קום אַרײַן, גאָדל... סט'קריגן אַ ביסל עסן...

גאָדל האָט נישט געוואָלט עסן.

מיטאַמאָל האָט ער פאַר זיך דערזען דאָס נידעריקע, צעבראָכענע טירל פונעם הייפל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן. ער האָט דערזען דאָס קליינע פענצטערל אויפן בוידעם, ווו זיי האָבן געוווינט און ס'איז אים אַרײַן אין דער נאָז עפּעס אַ ריח פון געקעכץ, וואָס דער טאַטע פלעגט שטענדיק עסן, דאָ, בײַ דעם קליינעם פענצטערל, עפּעס אַ ריח פון אַ גריץ מיט קאַרטאָפל, מיט ציבעלע.

אָט דאָ פלעגט ער זיצן, ביים קליינעם פענצטערל אונטערן דאַך. מיט די ברייטע שטריק אַרום דעם בויך אַרומגעוויקלט, האָט ער געגעסן פון דעם שוואַר־צן טאָפּ מיט אַ בלעכענעם לעפל. גאָדל איז נאָך געווען אַ קליין יינגל און ס׳האָט אים געדאַכט, אַז דאָס, וואָס דער טאַטע עסט, איז זייער געשמאַק.

ער האָט אַרויסגעקוקט צום פענצטערל, וואָס האָט איצט געבלינצט מיט אַ שוואַכן שיין פון אַ פרעמד לעמפעלע און מיטאַמאָל האָט אים עפּעס אַרויסגעפירט אויף די טרעפּ. ער איז אַרויף אויף די קרומע, שוואַרצלעכע טרעפּ ביז אויבן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן הינטער דער טיר פון דער שטוב, וווּ ער איז געבוירן. ער האָט זיך קוים אָפּגעהאַלטן פון די טיר צו עפענען. און ער איז געשטאַנען און געהערט אין אַ מאָדנער פאַרטראַכטקייט. פון אינעווייניק האָט מען געריידט. עפּעס אַ ייד האָט זיך געקריגט מיטן ווייב. דער ייד האָט גערעדט גאָר פּאַמעלעך און האָט אַלע מאָל איבערגעחזרט:

— אַז אומגליק זאָל אויף דיר קומען...

די יידענע האָט געשריגן דין און שפּיציק:

— סיבעריאַק... קאַטאָרזשאַן...

און גאָדלען האָט זיך פּלוצלונג געדאַכט, אַז דאָ איז זיין היים, און אַז דאָס רעדט זיין טאַטע מיט דער מאַמען.

* * *

ס׳איז שוין געווען שפּעטע נאַכט. אַרום איז שוין געווען שטיל, און גאָדל איז געוואָרן מיד.

ער האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן אויף די טרעפּ און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויבן, העכער, אויפן בוידעם, נאָך די לעצטע טרעפּ, איז דאָ אַ קיילעכיק לאָך אין מויער, פון וואַנען מען זעט דעם „ווינע־פּלאַץ" מיט דער בריק אויף דער ווייסל. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט דאָרט שטענדיק ליגן נאָך דעם, ווי דער טאַטע פלעגט אים שלאָגן מיט די שטריק. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן אַרויף און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דעם קיילעכיקן לאָך. ער האָט דערזען פינצ־טערע דעכער, אומעטיקע פענצטערלעך און אַ ווייטן, טונקעלן פּלאַץ מיט פייער־לעך.

ס׳האָט אים אַרומגענומען אַ טרויער און אַ בענקשאַפט. ער האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף אַ ציגל פון אַן אַלטן אויוון, וואָס איז דאָרט געלעגן, און איז אָפּגע־זעסן ביז פאַרטאָג.

# די שוואַרצע לאה

די „שוואַרצע לאה" האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט אונטער די באַקעס. נעבן איר איז געשטאַנען גאָדל בעקער.

גאָדל האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעשיט דעם קויש געבעקס אינעם „ברייטן געוועלב" אויף דער רזשיקע. גאַס און האָט זיך געטראָפן מיט דער שוואַרצער לאהן, ווען זי איז געגאַנגען אין דער פאַבריק אַריין אַרבעטן. עס איז געווען באַלד אין דער פרי אויפן ראָג פונעם געסל. ווייבער זענען געגאַנגען אייַנקויפן און לערניונגען האָבן געקויפט פאַר די געזעלן אָנבייסן, הייסע בייגל מיט געוועלצטע הערינג.

גאָדל איז געשטאַנען אין די גאַטקעס מיט אַ פאַרמעלט, צעריסן העמד, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעזען זיין גריז, דאַר לייב. דעם קויש פון געבעקס האָט ער געטראָגן אָנגעטאָן אויפן קאָפּ. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר לאהן, ווייל זי האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— אַ בראָך צי דאָ, וואָסאַרא הולך די גייסט... אברהמלע בעקער וואָלט אויך אַזוי אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין?...

גאָדל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קויש, כדי צו פאַרשטעלן די גאַטקעס. און ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר לאהן:

— זאָל מאָ אַזוי לעבן, ווי כ'בין אַ גאַנצע נאַכט געווען ביים אויוון... כ'בין אַרויסגעלאָפן אָפּוואַרפן ס'ביסל געבעקס...

און זענעדיק, אַז לאה גייט אַוועק, האָט ער שטיל צוגעגעבן:

— לאה... האָסט זאָך נישט מיט מיר וואָס צו שעמען... מ'זאָל עס דאַלעבן שבת... נעבעך אַ טי אָן האָס נייע גראַניטיער... און מיר גייען זיך אַראָפּ אין יענע נאַסן...

— גי, גיי שוין, לאַטעק... — האָט זי אים געענטפערט און אַ שפּאַן געטאָן.

גאָרל האָט איר נאָכגעקוקט. ער האָט געזען אירע ברייטע, געזונטע פיס, ווי זי דרייט מיט די זייטן, און ער האָט אַ מורמל געטאָן:

—אַ סאָלדאַט... אַ רוח אין איר...

גאָרל איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט מיטן קויש אויפן קאָפּ. ער האָט געפּייפט און געקלערט וועגן דער שוואַרצער לאהן. אין אַוונט וועט ער זי אַרויסרופן דורכן פענצטער פון דער קעלער־שטוב און ער וועט איר זאָגן:

— לאה, זאָלן מאָ אַזוי ביידע לעבן, לאָמיר אַראָפּגיין צו דער מאַמען... עמיר איר זאָגן... יאָך ביין חתן און אָפּרעדן די תנאים...

אַזוי קלערנדיק, האָט ער דערהוויל מיט די אַרויסשטאַרנדיקע שפּיצן פונעם קויש אַראָפּגעריסן ביי אַ יידענע דאָס שייטל. די יידענע איז אים נאָכגעלאָפן מיט אַ יאָמערלעך געשריי:

— גאָרל פּאַרעך, אַ קלאָג זאָל די מאַמע נאָך דיר האָבן... גיב אַהער דאָס שייטל, די בעקערטשיסקאָ...

גאָרל האָט נישט געוווסט, אַז אויף די שפּיצן פונעם קויש הענגט אַ שייטל. ער האָט מורא געהאַט, אַז לאה זאָל נישט דערהערן די געוואַלדן פון דער יידענע, האָט ער איר אַ וואָרף געטאָן דאָס שייטל און האָט זיך פאַרענטפערט:

— כ'האָב נישט געזען...

— די אויגן זאָלן דאָ אַרויס... — האָט די יידענע געשאָלטן.

אָבער גאָרל האָט נאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך געוואָלט אויפפירן אָרנטלעך, מע זאָל נישט האָבן אויף אים וואָס צו זאָגן, ווען ער וועט שבת גיין מיט לאהן אין נייעם „גראַניטיער“. ער האָט געוואָלט איצט מאָן עפּעס אַ גוטע זאַך, איז ער צוגעלאָפן צו דער שוואַרצער לאהס ייגנערער שוועסטער, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער ביים טויער, אַ קליינע, שוואַרצע מויד פון אַ יאָר דרייצן מיט אַ גראָבן צאָפּ און גראָבע פיס.

— רייזל... — האָט ער געזאָגט, — כ'האָב געטראָפן לאהן... אויפן דאָג...

— אַזוי... — האָט די קליינע געזאָגט און איז רויט געוואָרן. גאָדלען איז פּלוצלונג וואַרעם געוואָרן אויפן האַרץ, און ער האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

—וואָס מאַכט די מאַמעשי... כ'וועל אפשר היינט אַראָפּקומען...

די קליינע האָט אַרויסגעשטעלט פאַר זיך איין גראָב פיסל און איז נאָך רוי־טער געוואָרן.

— רייזל... גרייטן זי זיך צונ'אַ תנאים... זי וועלן זיין מיין שווענערין...

די קליינע האָט זיך אַזש אַ וואַקל געטאָן אין אַלע זייטן. זי האָט אַרויסגע־לייגט די הענט אויף איר הויכן ביוסט און מיט לייכטנדיקע אויגן געזאָגט:

— אוי, גאָרלשי... זי הערן... זאָלן מאָ אַזוי לעבן... יאָך האָב עס געוויסט...

ס׳האַרץ האָט מאָ אַזוי געטשאַסקעט... כ׳זאָג אײַך... דאָס, וואָס יאַד נעם מאָ אײַ זיגעז אַריין, מוז שטענדיק אַזוי זיין...

גאָדלען איז געוואָרן אַזוי גוט, אַז ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— קומען זי, רייזל... עסן זי אַ שטיקל קעז־קוכן... — האָט ער זי ביי דער האַנט אָנגערירט.

די קליינע האָט אים אַזש אַ גלעט געטאָן ביים אַרבל.

— כ׳האַלט ניש דאַביי... אַ שיינעם דאַנק...

אַבער גאָדל האָט זי גישט אָפּגעלאָזט, ביז וואַנען זי האָט ביי גיטל די אַלמנה אין טיי־הייזל נישט אויפּגעגעסן צוויי שטיקלעך קעז־קוכן.

— עסן זי... האָט ער געזאָגט, — זי זענען ניש קאַ פּרעמדע...

די קליינע האָט, אינגאַנצן אַ רויטע, געגעסן דעם ווייסן קעז־קוכן, איידל, מיט אַן אויפגעהויבן, קליין פינגערל.

די יונגען פון געסל, וואָס האָבן גאַנץ פרי געשפּילט אין „דאָמינאָ“, האָבן אָפּגעלאַכט פון גאָדלען:

— גאָדל, ווו האָסטו געפּאַקט די טשאַסטע אַזוי פרי?...

— לאָזטס אָפּ... ס׳איז מיין כלהס אַ שוועסטערל...

ווען גאָדל איז אַראָפּגעקומען צום אויוון, איז ער געווען שטיל און פאַר־טראַכט.

ער וועט אַראָפּגיין צו לאהס מאַמען און וועט איר זאָגן, אַז ער איז לאהס התן. וואָסי? שוין צייט צו ווערן אַ שטיקל מענטש... פון פאָניען איז ער פריי. אַ פּאַר אין דער האַנט האָט ער... לאה האָט אויך אפשר עפּעס אַוועקגעלייגט. אפשר וועט ער נעמען אַ ביסל זים געבעקס און זיך מאַכן אַ לעקעך־געוועלבל... ביי זיין שוועסטער אויף דער אָסטראָווסקע גאַס האָט ער אַ קויבערל מיט אַ ביסל וועש... צוויי קאָלירטע העמדער מיט צוויי פאָרהעמדלעך, דאָס נייע גאַרניטור און אַ פּאָר „ציטריגאָווע“ שיך.

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן פּיעקעליק און געקלערט:

— לאה... אַ רוח אין איר... אַ סאָלדאַט... זי וואָלט געווען אַ בעקערין... פריי־טאָג, אַ ביסל לעקעכער, מען קאָן פאַרצוקערן...

און ער זעט פאַר זיך אַ געוועלב מיט פולע פאָליצעס לעקעכער... ווייבער און מיידן און יידן שטייען פול... קויפן לעקעכער... ער, גאָדל, שטייט ביים שופלאָד, נעמט געלט... לאה, אין אַ פאַרמעלטן שפּענצער, ווי אַ רייכע בעקערין, שניידט גיך די לעקעכער... וועגט. און גאָדל טוט זיך אַזוי אַ זאָג:

— ווייסט לאהשי... ס׳אי שוין שפּעט... לאָמאָ שוין פאַרמאַכן...

און ס׳ווערט אַ רעש. אַלע, אַלע ווילן לעקעכער, און גאָדל וויל נישט פאַר־קויפן:

— נישטאָ. . ביי מיר איז אויך שבת... עך בין אויך אַ ייד... שרייט גאָדל און ער כאַפּט זיך אויף.

ער קוקט אַרום ־פונעם קעלער אין הויף אַריין. ס'איז ליכטיק און לייריק אי־גנעם קליינעם, אומריינעם הייפל. אַ דינער ייד מיט אַ רויטער באָרד, אַזוי ווי מייערן־צימעס, שרייט:

— האַנדי, האַנדי...

אויף דער האַנט האַלט ער צוויי אַלטע וועסטלעך. דאָס קליינע היטעלע איז ביי אים פאַררוקט אויפן שפּיץ קאָפּ. ס'איז היים און ליידיק. מיט אומעטיקע אויגן קוקט ער אַרויף אין די פענצטער און שרייט:

— האַנדי... האַנדי...

די מיידן, וואָס זיצן ביי די פענצטער און נייען אויף די מאַשינען, לאַכן, קווי־טשען און שרייען אַראָפּ:

— פעטאָ... מיר וועטאָ קויפן...

דער ייד פאַררייסט די צימעס־באָרד, פאַררוקט דאָס היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ און ווינקט אַרויף:

— אַזאַ יאָר זאָך מאָ האָבן... ס'אַראַ שטיקל סחורה...

די מיידן קווייטשען, און גאָדל טוט פלוצלונג אַ הירזש אַרויס מיט אַ גע־לעכטער:

— איי, אַ רוח אין זייער...

ער לאַכט, די ציין זענען ביי אים אַרויסגעשטעלט, דער צעשויבערטער קאָפּ איז געל פון דער זון. זיינע שמאָלע אייגעלעך פאַרגייען זיך, עס געפעלט אים:

— איי, אַ רוח אין זייער...

# מײלעכל קילקע

דער קלײנער מײלעכל „קילקע“ איז אײן געסל געװען פֿון די רײכע פֿורמאַנעם. פֿיר פּאָר פֿערד אין שפּאַן און פֿינף געקאָװעטע פֿלאַטפֿאָרמעס האָט ער פֿאַרמאָגט זײן אײגנס. ער האָט געפֿירט אַ „מענטשלעך לעבן“. זיך געחבֿרט מיט זײנס גלײכן. אין דער ראַגאָװער באַװאַריע איז ער זיך צונױפֿגעקומען מיט אַזעלכע „מענטשלעך“, װי איטשע משומד, די ברידער פּאָמפּער און די „זיבן שװאַלבן“ פֿון פּראַגע.

געאַרבעט האָבן זײנע פֿערד בײ די גאַרװישלאַנער באַן=סקלאַדעס, פֿון װאַנען מ׳האָט געפֿירט סחורה פֿאַר די גאַלעװקעס און גענשע גאַס. דער נאַטשאַלניק פֿון די סקלאַדעס האָט „גענומען“ און איז געקומען צו מײלעכל קילקע עסן יידישע פֿיש, װאָס חיהלע האָט געקאָכט װי אַ מזיק. דערפֿאַר האָבן בײ מײלעכל קילקע כסדר „געפּלאַצט“ די קאַסטנס סחורה און בײ חיהלען אין שטוב איז געװען אַ שפּײכלער פֿון קאָלע גוטס...

מײלעכל האָט אַרומגעטראָגן אַ פֿול היטל מיט באַן=פֿראַכטן אויף סחורה פֿאַר די גרעסטע פֿירמעס פֿון די גאַלעװקעס. די פֿראַכטן אָבער, װאָס זענען געװען געשריבן אויף רוסיש, זענען געװען מײלעכלס גרעסטע שונאים, װעלכע ער האָט נישט געקאָנט בײקומען. ער האָט פֿאַררוקט דאָס היטל און לאַנג=לאַנג אַרײנגעקוקט אין די געמזרטע אותיות. זײנע אויגן זענען דערבײ געװאָרן קײלעכדיק און אַרױסגעזעצט, װי בײ אַ פֿיש, דער שטערן איז געװאָרן רויט, און די אָדערן האָבן שיר נישט געפּלאַצט, אָבער ער האָט אַלץ נישט געקאָנט איבערלײענען. ער האָט גענומען צוהילף די שמײסער=יונגען, פֿורמאַנעס, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך נישט געקאָנט קײן עצה געבן, ביז װאַנען ס׳איז אונטערגעקומען אין געסל אַרײן עפּעס אַ יונגערמאַנטשיק, בערקע, אַ ליטװאַק, אַ שװאַרצער, אַ קודלאַטער, מיט גרױסע, הונגעריקע אויגן.

ווען דער בערקע ליטוואַק מיט די שרעקלעך שוואַרצע אויגן און מיט דער לאַנגער, דאַרער נאָז האָט זיך באַוויזן אין געסל, איז מען געלאָפן קוקן אויף אים. די יונגען און די מיידן פון געסל האָבן זיך געהאַלטן פאַר די בייכער פאַר געלעכטער, ווען ער האָט גערעדט „ליטוויש“, ווייל פון זינט יאָרן האָט שוין דאָס געסל קיין ליטוואַק נישט געזען, זייט דעם ליטוואַק וואָראָבייטשיק, דעם מעכאַניק פון זינגערס ניי-מאַשינען, וואָס האָט זיך מיט יאָרן צוריק באַזעצט אין געסל און חתונה-געהאַט מיט דער. אַלטער מויד, שיינדל די „געלע“. יאָרן לאַנג פלעגן די יונגען אים נאָכלויפן, קלאַפן איבערן האַרטן קאַפעליוש און שרייען „טשו-טשו“, אָבער שיינדל האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אים. היינט איז ער געוואָרן אַ „מענטש“, און זינט ער האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיט גניבות, איז ער געוואָרן אין געסל אַן אָנגעזעענער און קיינער טשעפּעט אים נישט.

אָבער דער ליטוואַק, בערקע, מיט די דאַרע פיסלעך און די קודלאַטע האָר האָט גערעדט אויף עפּעס אַ מאָדנעם לשון. אין געסל האָט קיינער נישט געוווּסט, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען. און מיטאַמאָל האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער איז ביי מיילעכל קילקע אַ בוכהאַלטער, און דאָס געסל האָט אים אָנגעהויבן שאַנעווען.

ביים ראָג פוגעם געסל אין דער רעסטאָראַציע זענען געזעסן די רייכע פורמאַנעם. מ'האָט געטרונקען זעקס און ניינציקער און מיילעכל קילקע האָט דערציילט פאַר זיינע „פּשיאַטשעלעס“, וויאַזוי ס'איז געווען מיט דעם ליטוואַק בערקע.

נאָך עטלעכע רייגע זעקס און ניינציקער איז מיילעכל קילקע געוואָרן נאָך קלענער. זיינע קליינע אייגעלעך זענען געוואָרן ווייס און ערגעץ אַנטלאָפן. די קורצע, קינדערישע הענטלעך זענען אַליין געגאַנגען, און זיין טונקעלע, הייזעריקע שטים האָט געהוזשעט מיט אַ יאָמער:

— כ'גיי מיר אַזוי הינטערן הילצערנעם בריקל ביי די סקלאַדעס... ליגט זיך דאָס ליטוואַקל, קוים ס'זשיפּעט... הייב עך עם אויף און כ'פרעג עם: וואָס איז דיר, ווער האָט דיר געטאָן?... טוט ער אַ מאַך און אַ זאָג אויף ליטוויש: „מיר איז סלעכט“... עץ הערט... זאָלן מיר אַזוי לעבן... יאַך האָב שוין אַזאַ האַרץ... כאָטש אַ ליטוואַק, אָבער ס'איז דאָך אויך אַ מענטש... זאָג עך: קום. קאָן ער נישט גיין... האָב איך געהייסן די יונגען, זיי זאָלן עם אַרויפלאַדעווען אויפן וואָגן... דערווייל האָב יאַך געהאַט אַ ביסל שאָקאָלאַדע... פאַר מיין חיהלען... ווייל ס'האָט ביי מיר געפּלאַצט אַ קאַסטן... האָב עך עם אַריינגעשטופּט אין מויל אַריין, זע עך, אַז סע עסט... זאָג עך: ביסט הונגעריק?... זאָגט עם: יאָ... עץ הערט... האָט מעך אָנגענומען פאַרן האַרץ... זאָג עך: קום, סט'ביי מיר ווערן אַ מענטש... סט'פאַרגעסן, אַז ביסט אַמאָל געווען אַ ליטוואַק...

— און כ'האָבן געהייסן עקספּעדירן צו מיר אהיים.

— קענט עך דאָך מיין חיהלען, זאָל מיר לעבן און געזונט זיין. און גאָט זאָל מיר אזוי העלפן, אז כ'זאָל נאָך האָבן א קדיש... האָט זיך מיינע צונ'עם א נעם געטאָן... און כ'קום אהיים ביינאכט, עך הערט, גוטע ברידער... זיצט מיר דאָס ליטוואַקל פאַרן טיש... אַזוי ווי אַ ליאַלקע... כ'האָב דאָך עס גאַרנישט דערקאָנט... אויסגעצוואָגן... אויסגעקעמט... אָנגעגעסן... אָנגעטאָן אין מיינס אַן אָבראַניע. איי, א רוח אין דיין... עך זאָג ענק... זעטס נאָר דאָ... עך ווייסט דאָך שוין... אזוי ווי מיין חיהלע קאָן...

— נו, — זאָג עך, — ליטוואַק, וואָס הערט זיך?

שמייכלט עס און ס'טוט מיר א זאָג אויף זיין לשון: זאָגט עס:

— רעב מיילעך... איר און אייער פרוי... עך הערט: אייער פרוי... זענען צדיקים.. איר האָט מיר געספּאַסאַיעט דעם לעבן...

— עך הערט? אַזוי האָט ער אַ זאָג געטאָן, דאָס ליטוואַקל און ס'האָט געעפנט א פּיסק און ס'האָט גענומען געגען, זאָלן מיר אלע אזוי לעבן... ווי א פּאָר משיריבאַנסקע פערד וואָלטן זיך געגעבן א לאָז ארויס אויף געהובלעוועטע ברעטער... טאַטע מיינער... אויף רישיש... מיט די אלע ווערטער... און „טאַק“ און „קאַק“ און „קאָניעטשנאָ“... אזוי ווי דער נאטשאלניק פון דער באַן...

— די יונגען זענען אראָפּגעקומען אויף וויעטשערע... האָבן זיי דערהערט, אז ס'איז דאָ א ליטוואַק און האָבן זיך געוואָלט נעמען צו נ'עם... טשעפּען... האָב יאך א געשריי געטאָן: לאָזט אָפּ! דאָס איז מיינס א מענטש, יאך האָבן געפונען און ער איז מיינס א מענטש...

און כ'האָב מיר א טראַכט געטאָן?... דער פויגל איז פונקט פאַר מיר... כ'איז גוט.. פונקט פאַר מיר א מענטשל... און כ'געב עם א לייג אוועק א פּאָר פּראכטלעך... און וואָס מיינט עך... ער טוט מיר א לייען איבער אזוי ווי א וואַסער... כ'דערלאַנג עם א פּאַפּיר מיט א פעדער — טוט ער מיר, גוטער ברידער, א פּאָר מיט דער פעדער, מיט א פען... אויף רישיש... אז דער זשאַנדרצע אליין מעג זיין א כפּרה... רעב מ יי ל ע ך... זאָגט ער: אפשר דאַרפט איר א פּראָשעניע. עך הערט, א פּראָשעניע קאָן ער אויך שרייבן... און טאָמער דאַרפט עך א רעכענונג?...

— ס'איז מיר געוואָרן ליכטיק פאַר די אויגן...

— אָווע-טאָווע, מ'איז אָפּגעזעסן א גאַנצע נאכט און ס'ליטוואָקל האָט גערעדט... דאָס ליטוואָקל האָט געחברט... איי, א רוח אין זיין... מענטשן... אז מ'זאָגט א צלם-קאָפּ... איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן... יאך האָב געעפנט א פלעשל וויין, וואָס איז געלעגן פון א געפלאצטן קאסטן... ס'ליטוואָקל האָט אראָפּגעלאָזט

א גלעזל ווייִן, האָט זיך עס צעברענט און ס'האָט אָנגעהויבן זאָגן פונעם הייליקן חומש... פון אברהם אָבינו... און ס'האָט געגעבן אַ שטעל פּאָר, וויאַזוי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט... וויאַזוי ס'איז געוואָרן דער מבול... עץ הערט, מענטשן... פייער און פלאם... יאך קוק אזוי אויף דעם ליטוואָקל... גרוים איז עס ווי א מינוט און דער פּיסק גייט ווי אויף שרויפן... זאָג יאך צו מיין פרוי:

— חיהלע... יאך לאָז שוין דעם פויגל נישט ארוים... ער וועט ביי מיר ווערן די צווייטע האנט...

דערנאָך האָט דאָס ליטוואָקל גענומען דערציילן, וויאזוי אונדזער משה רבינו האָט ארויסגעפירט די יידעלעך פון מצרים... וואזוי ער האָט געמאכט קונצן מיט די שלאנגען או ווא... עץ הערט...

מיילעכל קילקע האָט אראָפּגעשלונגען נאָך א זעקס און נײַנציקער. ארום זענען געזעסן אין אַ ראָד די שווער־אָנגעפּעלצטע און באַשטיוולטע פורמאַנעס און גאסן־מענטשן. מיילעכלס שטים איז געוואָרן פייכט און כליפּעדיק פון טרערן. ער האָט דערציילט פון דעם ליטוואָק און פון משה רבינו...

— עץ הערט... איז משה אריינגעקומען צו פרעהן, געגעבן א זבענק אין טיש אריין און געגעבן א מאך מיטן שטעקן... און שוין! פרעה האָט זיך גענומען קראצן..

א הייזעריק, הוזשענדיק געלעכטער האָט א טרייסל געטאָן מיט דער אַל־טער, אויסגעריבענער רעסטאָראַציע. ס'האָט זייער געפעלן, וואָס פרעה דער מלך פון מצרים קראצט זיך. און מיילעכל האָט ווייטער דערציילט:

— האָט משה געפרעגט: „נו, דו לאָזסט ארוים מיינע יידן?“... האָט פרעה ווידער געזאָגט: ניין. „טאָ נא דיר!“... און ער טוט א מאך מיטן שטעקן... עץ הערט, קינדער?... און ס'הויבן אויף פרעהן אָן צו קריכן הזשאבעס...

און ווען מיילעכל איז געקומען דערצו, ווי פרעה האָט זיך געמאכט פאר אַ גאָט, און ווי משהלע האָט עם געפּאַקט מיט די הויזן אין די הענט, איז געוואָרן פריילעך. מ'האָט זיך געהאלטן פאר די בייכער פון געלעכטער. און ס'איז געוואָרן א געשריי:

— איי, משה... מאָלאָדיעץ.

— משה... זיי נישט קיין יאָלד...

— משהלע גנב... אַ רוח אין זיין...

מ'האָט געטרונקען פארן ליטוואָק און פאר משה־רבינו... מיילעכל קילקע האָט געשווירן, אַז בערקע ליטוואָק איז ביי אים טייערער ווי אַן אייגן קינד, אַז ער וועט אים אוועקגעבן אלץ, וואָס ער פארמאָגט... אבי דער ליטוואָק זאָל זאָגן נאָך אים קדיש... און נאָך זיין טאטן זאָל ער זאָגן און נאָך חיהלען.. זאָל ער זאָגן דעם הייליקן קדיש... ער האָט זיך שווער און ביטער צעוויינט:

— ווייל... ווייל אויף יענער וועלט, גוטער ברודער... קאָן מען נישט זיין קיין קאַזאַק...

און אַלע שווערע, מיט בראָנפן און ביר אָנגעגאָסענע פורמאַנעס האָבן מיט־אַמאָל באַקומען חשק, אַז מען זאָל נאָך זיי זאָגן קדיש... זיי ווילן אַלץ אַוועקגעבן דעם ליטוואַק... וואָס ער וועט נאָר ווילן... אַבי ער זאָל זאָגן די הייליקע יידישע ווערטער... קדיש... קדיש... קדיש...



# נאָך אַ מענטש

די שפּיציקע, רייסנדיקע געשרייען פֿון די געווינערינס האָבן אינעם געסל אַרויסגערופֿן אַ באַזונדערע אויפֿגעהויבנקייט. די געשרייען האָבן זיך געהערט אָפּט. און יעדעס מאָל, צי ביי טאָג צי ביי נאַכט, האָבן זיך צוזאַמענגענומען הינטער די פֿענצטער און טירן, פֿון וואַנען די געשרייען האָבן זיך דערטראָגן, ווייבער און מענער, יונג און אַלט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן כּמעט אַלע מאָל דאָס זעלבע.

מען איז זיך צוזאַמענגעלאָפֿן פֿון אַלע הייפֿלעך. טייל ווייבער זענען אַריין צו די געווינערינס אין די שטובן, און איבערן גאַנצן געסל האָט זיך צעגאָסן אַ פֿריידיקע אָנגערעגטקייט. עס זענען געקומען די פֿרומע ווייבער פֿונעם געסל: הוהלע די גבאיטע, די אַלטע חיהלע און יענטע פּשעקופּ, וואָס האָט געהאַט אַ פּיסק אויף שרויפֿן און האָט שטענדיק ביי אַזאַ פֿאַל געשיט מיט געמיינע רייד.

די קינדער האָבן זיך געפּלאָנטערט פֿאַר די פֿיס, און אַ קליין חדר־ייִנגל, וואָס האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין גימל, האָט געשריגן טאַנצנדיק:

— ס׳דרייט דעבויִהן ווערן אַ ייִנהל...

נאָך יעדן הילכיקן קוויטש, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג און זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ משונהדיקן ניגון, האָט חוהלע די גבאיטע אַ זאָג געטאָן:

— ס׳גייט איר נעבעך שווער... גאָט זאָל איר העלפֿן...

די שוואַרצע גוטשע, וואָס האָט געהאַט ביין שטיק, איז געווען שטרענג צו די ווייבער, „וואָס האָבן ליב צו מאַכן יעלות“:

— וואָס פּיעשטשעט זי זאָך אַזוי... ס׳וואָלט געפּאַסט אַן ערשטלינג...

און די ווייבער האָבן אָנגעהויבן דערציילן פֿון שווערע און גרינגע האָבנס.

— ביי מיין מאָטלען האָב יאַך אַפֿילו קיין פּיפּס נישט געטון...

— און ביי מיר האָט מען נישט געוווסט, אַז ס׳איז דאָ אַ קימפּעטאָרין א־שטוב...

די ווייבער האָבן ביי די געשרייען זיך דערמאָנט אין זייערע געבורטן. מיט פאַרלייגטע הענט אויף די בייכער, האָבן זיי איינע דער אַנדערער דערציילט, און די דערינערונג האָט אין זייערע לייבער אַריינגעגאָסן אַ זיסן גרויל:

— ניי, זעען זי שוין... אַ פּרויענצימער האָט אַ קעצישן מוח... אָט שרייט זי... און אָט — פאַרגעסט זי...

באַלד זענען די געשרייען געוואָרן געדיכטער און רייסיקער. די ווייבער האָבן ווי געניטע סאָלדאַטן, וואָס שאַצן אָפּ אַ שיסעריי, אָפּגעשאַצט דעם צושטאַנד פון דער געווינערין:

— מענטשן... יאָר זאָג איך, אַז זי האָט שוין די גרויסע ווייען... ס׳וועט נישט לאַנג געדויערן...

— איצט דאַרף זי נאָך געבן דעם גרויסן קוויטש, און שוין...

און מען האָט גענומען וואַרטן אויף דעם „גרויסן קוויטש“.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ קליין יידל מיט אַ גרוי, קבצנים בערדל, מיט אַ פאַררוקט קאַשקעטל אויפן קאָפּ. די ווייבער האָבן דערקענט דעם מאַן פון דער געווינערין, און אַלע זענען אים באַפאַלן:

— זעטס נאָר, מענטשן, ווי דאָס שטעלט קוים אַ פוס... ווי דאָס איילט זיך נישט... האַרצעדיקע מענטשן... די מאַנצפּערשוינען זענען דאָך בענדיטן... שטיינערנע הערצער...

דער מאַן איז געלאָפן נאָך דער באָבע מאַטע דער הייבאַם. ער האָט געפּינטלט מיט די אויגן און האָט געהאַט אַ ווייטע נאָז. די ווייבער האָבן זיך אויף אים אַ לאָז געטאָן מיט צעפייערטע אויגן:

—גו... רודעטס שוין מיט אַ פוס... וואָס קריכט עטץ... די נקבה האָט שוין נעבעך נישט קיין כוח צו שרייען...

און יענטע פּשעקופּ האָט אַ זאָג געטאָן אויף איר שטייגער געמיינע רייד:

— יעצט האָט ער צייט... אָבער אַז מען דאַרף האָבן די נקבה...

און די ווייבער האָבן זיך צעלאַכט מיט קרומע מיילער ווי די נישט־גוטע.

דער מאַן איז אַנטלאָפן, פלאָנטערנדיק מיט די צעשראָקענע פיס. באַלד איז ער צוריקגעלאָפן, פירנדיק נאָך זיך די אַלטע מאַטל, וועלכע האָט אים נאָכגע־שפּאַנט, שפּרינגענדיק איבער די שפּיציקע שטיינער פונעם ברוק. זי האָט אויס־געזען ווי אַ שוואַרצער, שפּיציקער רויב־פויגל און האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף די ווייבער מיט איר רייסנדיקער, מענערישער שטים. שוין דאָ אויף דער גאַס האָט זי געשריגן:

— הייס וואַסער און אַ ריין לאַלאָך...

עס איז געוואָרן אַ גערודער צווישן די ווייבער. ווו זאָל מען נעמען אַ ריין

ליילעך? אַלע האָבן זיך געשוווירן, אַז אַלץ איז בײַ זיי אין דער וועש. עס איז געווען ווי אַלע מאָל נאָר איין עצה: גיין צום זשאַנדאַרם. צום זשאַנדאַרם איז מען געלאָפן אין יעדער נויט: שרייבן אַן אַדרעס, באָרגן טיגל און פֿעדער פֿאַרן דאָקטער צו שרייבן אַ רעצעפּט. איצט איז דער מאַן געלאָפֿן צום זשאַנדאַרם נאָך אַ רײַן ליילעך.

דעם זשאַנדאַרמס ווײַב, אַ דיקע ייִדענע מיט ווײַסע, גלאַנציקע, דיקע הענט, האָט לאַנג געזוכט אַ ליילעך, וואָס זאָל האָבן וואָס מער לאַטעס, און דערווײַל געזאָגט מוסר דעם מאַן פֿון דער געווינערין:

— אַזאַ ס'גאָל מענטש ווי עטיז... וואָס האָט עץ געדאַרפֿט נאָך אַ פּרעסער... כ'בעט ענק... עץ האָט נישט ווער עס זאָל נאָך ענק קדיש זאָגן?... וואָס זענט עץ אַזעלכע גבירים?...

דער מאַן האָט שולדיק געפּינטלט מיט די אויגן. ער איז געלאָפֿן מיטן ליילעך, און די ווײַבער האָבן ווידער פֿון אים חוזק געמאַכט. יענטע פּשעקופּ האָט אים אפֿילו אַ שטופּ געטאָן:

— זעטס נאָר, מענטשן, דאָס „פּאַסאָן“... משטיינס געזאָגט... ווי דאָס ווײַבל „מיגלט“ זאָך נישט...

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסע טענה־ווענן מענער.

— זי הערן, הארצעדיקע... מילא... זי ווײסן... יאָך האָב דאָך אויף עס נאָך דער חתונה נישט געקאָנט קוקן...

— און מײַנער איז געקומען פֿון פֿאַניען, האָט ער אויסגעזען ווי אַ קאַצאַפּ. יאָך האָב געקלאָגט און געוויינט...

— אַ מאַנצפּערשוין באַדאַרף נישט זײַן שיין... אַז ער איז שענער פֿונעם מיוול איז שוין גוט.

— אָבער אַ מאַנצפּערשוין דאַרף האָבן אַ פּאַרסטאַווע...

— גלויבן זי מיר. אַז גאָט העלפֿט מיט פּרנסה... איז מען שוין שיין...

די געשרייען פֿון דער געווינערין זענען דערווײַל איבערגעגאַנגען אין אַ פֿאַרדומפּן, זיגגענדיק קרעכצן. דער „גרויסער קווימש“ איז אַלץ נישט געקומען. מ'האָט גענומען אונטערקוקן און אַרײַנשיקן ווײַבער זען, וואָס ס'הערט זיך. דערווײַל האָט הולע די גבאיטע אָנגעהויבן צונויפֿמאַכן אויף אַ ביסל טרוקענע טיי און צוקער פֿאַר דער קימפּעטאָרין. דורכן פֿענצטער האָט מען געזען אַרומפּינטלען די באָבע מאַטל אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן פֿאַרטוך, מיט אַ רויט פּנים און צעפּאַטלטע האָר, האָט זי אויסגעזען ווי אַ מכשפֿה, וואָס מאַכט כּישוף.

ס'האָט שוין צו לאַנג געדויערט, און די ווײַבער האָבן פֿון אומגעדולדיקייט גענומען אויסרעדן אויף דער געווינערין:

— זעטס נאָר, מענטשן, ווי זי מאַכט עס די שטיק... אַ פּרויענצימער דאַרף

וויסן, ווי זיך צו באַגיין אין דער ריכטיקער מינוט...

און אַ יידענע האָט זיך צעזונגען מיט אַ יום־כיפּורדיקן ניגון:

— אוי, מענטשן האַרצעדיקע... ווער ס'איז נישט געזעסן אויף דעם בראָדשטול...

דער מאַן איז געלאָפן הין און צוריק. ער האָט מורא געהאַט פאַר די ווייבער און זיך געוואָלט אַדורכשוואַרצן, אָבער די ווייבער האָבן אים נישט דורכגעלאָזט:

— זעטס נאָר דעם יאַנדעס... ווי דאָס מאַכט זיך נישט ווייסנדיק...

— וואָס אַרט דאָס עם?... ער וועט נישט קריגן קיין אַנדערע?...

און אַזוי ווי שטענדיק, ווען עס איז געגאַנגען שווער, האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן רופן די מאַדאַם קוקו.

די מאַדאַם קוקו איז געווען אַן אמתע אַקושערקע, וואָס „די דאָקטוירים האָבן איר דערלאַנגט די האַנט". זי האָט גערעדט דייטש, „אַזוי ווי אַ פעלדשער", און אַזוי ווי זי האָט געהאַט אַ שווערן ביינאָמען, האָט מען איר דערפאַר אין געסל אַ נאָמען געגעבן: מאַדאַם קוקו. גערופן האָט מען זי נאָר אין שווערע פאַלן, ווען די באָבע מאַטל האָט נישט געקאָנט העלפן. און די ווייבער, וועלכע האָבן זי גערופן, האָבן זיך געהאַלטן גרויס און אָנגעגאַנגען פאַר גבירגטעס.

— ביי מיר האָט די מאַדאַם קוקו אַוועקגענומען דריי שטיק... מענטשן האַרצעדיקע... ס'איז בלויז ווערט צו זען, וויאַזוי זי אַרבעט... ווי זי גיט אַ טו אַן דאָס ווייסע פאַרטוך און טוט אָ געשריי אויף דייטש: שמוציק... און נאָך עפּעס... אַזעלכע טיף־דייטשישע ווערטער... און אירע ווערטלעך... אין די גרעסטע ווייען קאָן מען דאָך לאַכן...

— מיין מאַן האָט זייער אַ שוואַכע נאַטור... אַז ס'הייבט זעך ביי מיר אָן... הייבט ער שוין אָן צו חלשן... מ'מוז עם האַלד געבן וואַלעריאַנע קראָפּלעס... נאָר פאַר דער מאַדאַם קוקו האָט ער מורא... זי יאָגט די מענטשן ווי די הינט...

ענדלעך דערהערט זיך דער „גרויסער קוויטש". די געווינערין שרייט:

— געוואַלד, מענטשן... וואָס האָט ער געוואָלט פון מיר... זאָל מען לויפן איינרייסן... זאָל מען אָנקלאַפּן צו דער באָבע ברײַנדעלע אין לעבעדיקן גן־עדן... אוי ווי... דאָס פראַנער רבילע האָט דאָך מיר צוגעזאָגט אַ גרינג האָבן... כ'האָב דאָך עס אָוועקגעלייגט אויפן טיש אַ גילדן מיט דריי גראָשן... מענטשן האַרצעדיקע...

דאָ האָבן זיך ווייבער צעוויינט. אַן אומעט האָט זיך אויסגעגאָסן. די קינדער האָבן צעשראָקן אַרויסגעקוקט. און די ווייבער האָבן גענומען דערציילן וועגן אויסטערלישע פאַלן. ווי פון אַ געווינערין איז אַרויס אַ מאַנקאַלב... אָדער אַ סאַלאַמאַנדרע... דאָס מאַנקאַלב האָט נישט פאַר קיין שום יידישע מאַכטער געדאַכט... אַ מרוקע געטאַן ווי אַ קעלבל און פאַרשוואונדן... און אַז די קימפּעטאָרין הערט דעם מריטש... שטאַרבט זי...

די ווייבער האָבן געשפּיגן אויף אַלע זייטן, און דורך די מיידן איז דורכגע־גאַנגען אַ גרויל.

מ׳האָט דערציילט די מעשה, ווי די נישט־גוטע האָבן אַרויסגעגנבעט דאָס קינד און אַריינגעלייגט אַ בעזעם...

און אָט איז געוואָרן אַ גערודער. דורכן פענצטער האָט זיך דערהערט אַ גע־שריי:

— שוין... שוין... מזל־טוב... מזל־טוב... אַ יינגל...

— גאָט צו דאַנקען!...

די ווייבער האָבן דערכאַפּט דאָס ערשטע געשריי פונעם קינד.

— עס הערט... דער יונג שרייט ווי אַ טראָמפּייטאָר...

— ניי... זעען זי דאָך... אַזאַ נישט האָט אַ מזל צו יונגען...

— אַ קבצן האָט מזל... איין יונג נאָכן אַנדערן...

* * *

מ׳איז אַריין אין דער טונקעלער, פייכטער שטוב. אינעם גרויליכן, ברודיקן בעטגעוואַנט איז געלעגן דער קליינגעוואָרענער קאָפּ פון דער קימפּעטאָרין. אי־בער איר פּנים איז אַרומגעלאָפן דער גלאַנץ פון אירע נאָך צעמישטע אויגן. מ׳האָט איר אַריינגעשריגן: „מזל־טוב“, און די קימפּעטאָרין האָט געשיקט בליי־כע שמייכלען פון אירע ווייסע ליפּן.

די באָבע מאַטל האָט געיאָגט און נישט געלאָזט אָנקוקן דאָס העשעדיקע קינד. זי האָט נאָר געשריגן:

—אַ סאָלדאַט מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע...

זי האָט אַריינגעלייגט דאָס איינגעפּאַקטע, שרייענדיקע קינד, צו דער מוטער אין בעט און צוגערעדט מיט איר מענערישן באַס:

— נאַ. האַלט אים דיר אויף לאַנגע יאָר...

אַ וואַרעמע גוטסקייט האָט זיך צעגאָסן אין דער דושנער לופט פונעם שטיבל. אַפילו צום מאַן איז מען געוואָרן גוט, און די ווייבער האָבן אויף אים שוין גוטמוטיק געשריגן:

— ניי... עס מעגט זאָך שוין אַנידערזעצן... עס מעגט עפּעס בעמען אין מויל אַריין... זעטס נאָר, ווי דאָס זעט אויס...

און אַ יידענע האָט פאַרשאַרצט די אַרבל און גענומען אָפּקאָכן אַ ביסל גע־קעכץ.

* * *

אַ נייער מענטש איז צוגעקומען אין געסל, און דער גרויער אומעט האָט אים אַריינגעפלאָכטן אין זיין אייביקן שפּינוועבס...

# די חתונה

דער פֿאַרנאַכט רוקט זיך אָן פֿון הינטער די פּלויטן, ווו דאָס געסל ליגט צווישן שטאָט און אונטערוועגס. בלוי־גרינלעכע נעפּלען טראָגן זיך אָן, און גרינע, עלנטע פֿלעמלעך פֿון די שיטערע לאָמטערן בלינצלען אויף אין דער ווייט. און דאָס הייפֿל וואַכט אויף. פֿון אַלע שטובן טראָגט מען אַרויס אָנגעצונדענע לאָמפּן, און אויף די בריקע, שוואַרצלעכע טרעפּ און ווענט הייבן אָן אַרומקריכן קנוילנדיקע שאָמנס. דאָס גאַנצע הייפֿל איז אויפֿגעבראַכט: גוחל פּשעקופּ האָט הײַנט חתונה צום יאָר נאָכן ווײַבס טויט.

ביז איצט האָבן אַלע שכנים, ווײַבער און מיידן אים באַדויערט, אַז ער איז נאָך אַ יונגער מאַנצביל, מיט צוויי קליינע ווערעם, יתומים. אַז ער ווערט נעבעך פֿאַרשוואַרצט און אַז ער דאַרף נאָך וויסן פֿון אַ לעבן... מ'האָט אים אונטערגעשיקט שידוכים. אָבער הײַנט צו דער חתונה שעלט מען אים מיט טויטע קללות, אַז דאָס ווײַב, יענטעלע, האָט זיך נאָך נישט אָפּגעקילט אין קבר... אַז ער אַליין האָט זי געברענגט פֿון דער וועלט... אַז אַזאַ אַלטער ביין קאָן זיך שוין נישט איינהאַלטן... אַז ער האָט נאָך דעם ווײַב נישט געשטעלט קיין מצבֿה... אַז יענטעלע אויף יענער וועלט וואָלט באַדאַרפֿט זיך מיען, אַז גוחל זאָל האָבן אַ שוואַרץ מזל...

ווי נאָר ס'האָט זיך דערהערט, אַז ס'גרימפּלט אַ פֿידל, איז זיך דאָס גאַנצע הייפֿל צונויפֿגעלאָפֿן. פֿאַר אַלעם האָבן די קליינע יאַטן געמאַכט אַ הוראַ אונמערן פֿענצטער, באַלד נאָר ווי די כּלה איז געקומען. געברענגט האָט זי אַ דאָרפֿישער ייד אויף אַ הויכן דאָרפֿישן וואָגן מיט שטרוי. איז זי געזעסן, אַרומגעלייגט מיט זעק קאַרטאָפֿל, וואָס זי האָט געברענגט אַלס נדן. דאָס גאַנצע געסל איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן אָנקוקן די כּלה, און די ווײַבער האָבן באַלד געפֿונען עפּעס סימנים, אַז זי וועט זײַן אַ שלעכטע שטיפֿמאַמע צו די יתומים.

אַ לאַנגע, געלע מויד מיט האַרטע, לאַנגע מענערישע הענט איז געווען די

כלה. געקומען איז זי מיט עטלעכע טעג צוריק, און ביז הייגט, צו דער חתונה, האָט זי נוחל פשעקופ געלאָזט וווינען אין טיי־הויז, וואָס איז געווען אין צווייטן הויף. און אַזוי ווי ס'איז נאָך געווען עטלעכע טעג צו דער חתונה, האָט די מויד דערוויל דערלאַנגט טיי. די פורמאַנעס און די יונגען האָבן זי געקנייפּט ביים „גראָב־פּלייש", ביי די פּיס און ביי דער ברוסט, און נאָך פאַרנאַכט האָט זיך נוחל פשעקופ, דער חתן, אַריינגעכאַפּט אין טיי־הייזל צו דער כלה און איר געפונדעוועט קעז־קיכן מיט טשאַסטעס.

פון פאַרנאַכט אָן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געריודער אין הייפל צוליב דער חתונה. ווי נאָר די צוויי קלעזמער פונעם געסל זענען געקומען אָפּשפּילן דעם חתן, האָט מען באַלאַגערט דאָס פענצטערל פון דער סוטערינע, וווּ מ'האָט געקאָנט זען ווי נוחל פשעקופ, דער חתן, דרייט זיך אַרום אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, און זיינע „פשיאַטשעלעס" מיט זייערע ווייבער זיצן אויסגעזעצט אויף די בעטן. מ'האָט אויך אַראָפּגעטראָגן אַ פעסל ביר, און די אַלטע מאַטל, וואָס האָט געטראָגן טעפּ עסן אין מאַרק אַריין, איז אַראָפּגעגאַנגען קאָכן פאַר די געסט. באַלד האָט פון דער קעלער־שטוב געגומען זעצן אַ פעטע פאַרע, און די ווייבער האָבן געזאָגט, „אַז נוחל פשעקופ פראַוועט אַ גרעפישע חתונה".

איצט האָט מען געברענגט די כלה. אַזוי ווי זי איז געווען אַ יתומה, איז מיטגעקומען דער פעטער, אַ האָרפּישער באַלעגאָלע מיט אַ רויטער באָרד. ער איז אַראָפּ אין קעלער און זיך צעקושט מיט נוחל פשעקופ. ער האָט מיטגעבראַכט אויפן וואָגן אַ גייע וויאַדרע, דרשה־געשאַנק, אַ שטאָף בראָנפן און אַ טוץ קעלבערנע פיס.

— וואָס מאַכסטו, חתן?

— זעץ דאָך, פעטער...

דער פראָווינצער האָט זיך געריבן די הענט, געקלאַפּט מיט די שטיוול, דערציילט וועגן שווערן וועג, אַז פון דער ראָגאַטקע אָן איז ער געגאַנגען צופוס. דערנאָך האָט ער זיך לאַנג געסודעט מיטן חתן אין אַ ווינקל. זיי האָבן גערעדט מיט הירזשענדיקע שטימען. דער פראָווינצער האָט כסדר געקיצלט דעם חתן אויפן בויך און האָט אַלע מאָל אַרויסגעהודזשעט מיט אַ קווויטשיק געלעכטער:

— אַזאַ יאָר זאָלן מאָביידע... אַ שטיקל סחורה... חתן... רעד נישט... אַזאַ יאָר זאָל עד...

צום סוף האָט דער פעטער געזאָגט:

— אַ סוף... לאָמען אָנהייבן...

מ'האָט געעפנט דעם שטאָף בראָנפן, מ'האָט אַרומגעשטעלט די געסט. אַלע

האָבן זיך פֿאַרקרימט. דער פֿעטער האָט באַקומען גלאַנציקע אויגן ווי אַ קאַץ און האָט אַלע געקלאַפּט איבער די פּלייצעס:

— אַ זעקס און ניינציקער, אַ?... ס'טוט אַ נעם... אַ?... ס'איז אַ ביסל בראָנפֿן... אַ?... אַ כאָלערע... נו, און וווּ איז דער רבֿ?... מ'דאַרף דאָך האָבן אַ רבֿ... מ'איז דאָך נישט קיין גויים...

באַלד האָט זיך באַוויזן אַ קליין, צעבראָכן יידל אין אַ שטריימל, ער האָט לאַנג געהוסט, געגלאָצט מיט די אויגן און געטריבן:

— נו, נו, יידן... גיכער...

די צוויי מיידעלעך, די יתומות, זענען געווען פֿאַרקעמט, מיט גלאַנציקע האָר, פֿון וועלכע ס'האָט געשלאָגן דער גורנער ריח פֿון נאַפֿט. זיי האָבן געפֿינטלט מיט די אויגן. די ווייבער האָבן זיי געגלעט און אַזוי לאַנג גערעדט איבער זיי מיט אַ קלאָגנדיקן, יום־כּיפּורדיקן ניגון, ביז וואַנען די קינדער האָבן זיך צעוויינט און ס'איז געוואָרן אַ יללה פֿון די ווייבער. דעמלט איז צוגעקומען צו זיי דער פֿאָטער, נוחל פּשעקופּ, מיט דער פֿלאַש בראָנפֿן אין דער האַנט. ער האָט געגעבן די קינדער אויסצולעקן אַ גלעזל און אַ זאָג געטאָן:

— וואָסי... וואָס וויינט עטץ?... עטץ וועט האָבן אַ מאַמע... זאָלן מיר אַלע אַזוי לעבן... אַן אמתע מאַמע... ז'עט צוואָגן און וואַשן... יאַך וועל ענק נישט לאָזן קאַ שעלכטס טון... זאָלן מיר אַלע אַזוי...

און ער האָט זיך צעכליפּעט מיט אַ שווער, ראַציק געוויין.

* *

ווי די קלעצער האָבן זיך די געסט אַראָפּגעלאָזט פֿון די קרומע טרעפּ איי קעלער אַריין.

יעדן גאַסט האָט מען באַגעגנט מיט אַ געדרודער פֿון פֿולע העלדזער, דער־וואַרעמטע נאָך די ערשטע גלעזלעך ביטנדיקן שפּירט. עס זענען געקומען פּשע־קופּקעס פֿון אַלע מערק, פֿורמאַנעס פֿונעם געסל, אַלע „פּשיאַטשעלעס", וואָס נוחל האָט צונויפֿגעבעטן. די ווייבער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די בעטן, האָבן זיך געסודעט און זיך געקנייפּט אינעם „גראָבן פֿלייש". די באַקן האָבן ביי זיי געברענט ווי די לאָמפּן, און ווי נאָר מ'האָט אַריינגעפֿירט די כּלה, זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן די מיידן פֿונעם גאַנצן הויף.

די מויד איז געזעסן אַ דערשראָקענע און אַ בייזע. זי האָט זיך געלאָזט פֿון די קליינע מיידעלעך פֿאַרריכטן דאָס קלייד און די האָר. ס'איז איר געווען ענג און

שווער צו זיצן אויף דעם קליינעם בענקעלע, וואָס מ'האָט צו דער חתונה געבאָרגט ביי דעם סטאָלאַזש. אירע גרויסע, ברייטע פיס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פונעם ווייסן, געבאָרגטן קלייד, און אירע רויטע הענט זענען געלעגן ווי צוויי בייגל. פאַר די עטלעכע טעג, וואָס זי האָט דערלאַנגט אינעם טיי־הייזל, האָבן זיך עטלעכע פּורמאַנעס צו איר „צוגעפּוצט", און איצט האָט זי געקלערט וועגן זיי, וועגן זייערע בליציקע אויגן און געמיינע מיילער. און ווייטער, איבער זיי, האָט זי כסדר געזען פאַר זיך דאָס דאָרף און דאָס שטעטל, פון וואַנען מ'האָט זי געברענגט... ס'האָט איר געקלאַפּט אין דער גאַז אַריין דער ריח פון ברוגעם... פון גראָז און וואַלד... און פון פרישע מאַיאָווע רעגנס... וועגן דעם פרעמדן, צעשויבערטן ייד, נוחל פשעקופ, מיט וועמען זי האָט היינט חתונה, האָט זי אינגאַנצן נישט געקלערט, און יעדעס מאָל, ווען מ'האָט איר געזאָגט „כלה", האָט זי אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, געקוקט אויף דעם פעטער, זיך געהאַלטן פאַר זיין פּאָלע און זיך געקלאָגט, אַז זי וויל נישט אַזוי זיצן... אַ סוף... זאָל מען שוין מאַכן...

דער פעטער האָט מיט פאַרלאָפענע, קליינע אייגעלעך פון בראָנפן געשריגן, אַז די כלה איילט זיך... אַז זי קאָן זיך נישט דערוואַרטן...

און די געסט האָבן געזאָגט ווערטלעך און געפּאַטשט נוחלען אין דער פּלייצע:

— מאַלאַדיעץ, חתן...

די ווייבער האָבן געקווייטשעט פאַר געלעכטער און זיך געזאָגט אין די אויערן אַריין געמיינע רייד. אַ פריילעכקייט און אַ רעש האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן קעלער־קאָרידאָר. עס האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט פרעמדע מענטשן און בעטלער פונעם געסל. עס זענען אויך געקומען עטלעכע שקצים־לאָבוזעס. דאָס רעדל האָט געפירט וויצעק, יאַנאָוואַ דער וועשערס זון. ער האָט געהאַלטן די הענט טיף אין די הויזן־קעשענעס און גערעדט אויף יידיש: „טאַטעלע, מאַמעלע, באָבעלע", די רעשט שקצים האָבן געוואַרט אויף אַ געשלעג.

נוחל פשעקופ איז אָבער אַרויס צו זיי מיט אַ פלאַש בראָנפן, און די שקצים האָבן אויסגעטרונקען, זיך מיטאַמאָל פאַרשעמט, געוואָרן זייער איידל, גערופן נוחלען „קופיעץ" און געווונטשן.

נאָך אָט האָט זיך ווידער באַוויזן דאָס דאַרע, צעבראָכענע יידל מיטן שטריימל, נאָך אים אַ געלער ייד, מיט אַ פּנים פון אַ טויטן האָט געטראָגן אַ חופּה. דער גאַנצער עולם איז אַרויס אויפן הויף. ערשט דאָ איז דאָס גאַנצע געסל זיך צונויפגעקומען. מ'איז אַרויס מיט אָנגעצונדענע ליכטער און לאָמפּן, און ווען די ווייבער האָבן דערהערט פונעם באַזינגער, אַז די כלה איז אַ „קיילעכדיקע יתומה",

האָט מען אויפגעהויבן אַ יאָמער און אַ קלאָג. דאָס רבל האָט לאַנג געזאָגט, זופּנ־דיק די ווערטער אַזוי ווי לאָקשן. דערנאָך האָט מען געשריגן: „מזל טוב“.

פון אַלע פענצטער און פון אַלע פּאַרקאַנעם פון אַנדערע הייזער, ווו די שכנים זענען געזעסן און „געכאַפּט לופט“ אין די ענגע, דושנע הויפן, איז געגאַנגען אַ פּייפעריי און אַ געשריי:

— גוחל... זיי בישט קאַ יאָלד... גוחל...

און אין דעם טונקעלן אומעט פון דער גראָער, אָרעמער גאַס האָט זיך אַדורכ־געטראָגן אַ צאַפּל פון פרייד און פון אַן אויסטערלישער לוסט צו לעבן...

# דער „חכם“ פון געסל

אין אן ענגער יידישער גאס קאָן מען קוים געפינען דאָס שמאָלע געוועלב מיט אַ שילד, ווו ס׳איז אויסגעמאָלט אַ וועק־זייגער, וואָס זעט אויס ווי אַ ראָד פון א קינדער־וועגעלע. אין דעם פענצטער הענגען עטלעכע אַלטמאָדישע זייגערס, און אינעווייניק, אינעם װינקעלן, שמאָלן קלייטל, זיצט ביים טישל אַ ווייסלעכער יונגערמאַן מיט א גרויסן, בלייכן, קינדערישן קאָפּ, מיט העלע, גלייכע האָר, וואָס קוקן אַפּער פון זיין פאַררוקט יאַרמלקעלע.

ער מרוזשעט די העלע, פלאַכע אויגן. זיין פנים האָט אַ ווייסלעכע, שוואַכע הויט, און זיינע ליפּן איבערן קאַרגן, בלאָנדן בערדל זענען ווייסלעך־ראָזע און שמאָלע.

אויפן טישל, ווו ער דרייט זיינע זייגערלעך, ליגט שטענדיק אן אלט, גראָב ספר, און נישט איינמאָל, ווען מען קומט אריין אין געוועלבל, טרעפט מען אים פארטיפט מיט צוגעקוועטשטע אויגן, ברומענדיק א ניגון פון לערנען.

אין דער יידישער אומגעגנט רופט מען אים דער „חכם“. גאַסן־מענטשן, וואָס האַנדלען אין געסל, שטעקן אריין די קעפּ מיט דרך־ארץ, פרעגן ווי שפּעט ס׳איז. דער „חכם“ ענטפערט גוטמוטיק, און אלע ווינטשן זיך, אז זייערע קינדער זאָלן זיין ווי ער. און נישט איינמאָל, ווען א הענדלערין האָט א גוט לייזעכץ, קלויבט זי אויס די בעסטע פּאָמעראַנץ, עפּל, אָדער באַרנע און מיט אַ פאַררויטלט, פארשעמט פנים עפנט זי די טיר און זאָגט:

— נעמען זי צו דערכאַפּן ס׳האַרץ... זאָל אין ווויל באַקומען... מ׳עט זיך שוין באַרעכענען...

דער זייגערמאַכער לויפט איר נאָך מיט א מטבע אין זיינע ווייסע, איידעלע הענט:

— ווייבל, נעמט ס׳געלט...

די יידענע אנטלויפט מיט א גליקלעכן שמייכל און שרייט איבער דער גאנצער גאס:

— ביי אזא מענטש געם ער נישט קא געלט...

* * *

ווהין דער „חכם“ גייט, ווען ער פארמאכט דאָס געוועלבל, ווייסט נישט קיינער, מען ווייסט נישט, וו ער וווינט. מען ווייסט נאָר, אז אין אָוונט, ווען ער פארמאכט דאָס געוועלבל, גייט ער דורך דורכן געסל. אלע באַלעבאַטישע יידן פון דער געגנט גיבן אים אָפּ א גוטן אָוונט, און אויב צוויי יידן אַמפּערן זיך עפּעס וועגן א געשעפט, זאָגט איינער:

— אָט גייט דער „חכם“, וועלן מיר אים פרעגן!

דער „חכם“ שמייכלט, ווארפט ארויס א פּאָר ווערטער מיטן נוסח פון לערנען, מיט א שוואך שמייכעלע און פארשווינדט מיט זיינע ווייכע, שוואכע טריט.

די גנבים פון געגנט קומען אמאָל אריין צום „חכם“ און שלאָגן אים פּאָר א מציאה:

— זאָג נאָר, „חכם“, ס'קויפן א מציאה?...

זיי פינקלען מיט די אָנגערוקטע היטלען און ווייזן אים פון אָרבל ארויס בלישטשענדיקע זאכן.

דער „חכם“ שמייכלט, קוקט אויף זיי מיט זיינע פלאָכע, העלע אויגן:

— זיצט, יידן...

— נישטאָ קא צייט... „חכם“, קויפסט?...

— וואָס הייסט, כ'בין דען א סוחר? איר זעט דאָך, אז איך בין אן אָרעמער בעל־מלאכה. צווייטנס, ווי קאָן איך קויפן, אז איך ווייס נישט, צי ס'איז, חלילה, כשר?...

די יונגען קוקן זיך איבער:

— זעטס נאָר דעם „חכם“! וואָס הייסט, צי ס'איז כשר? וואָס איז עס פלייש?...

און זיי זאָגן אים אויפן אויער:

— ס'איז פון א גוי...

דער „חכם“ פינטלט מיט די אויגן. ער הייבט אָן פארשטיין:

— אזוי, ווי מיר, יידן, — עמיץ זענט דאָך איינגעשטעלט...

די יונגען לאכן און גייען ארויס. עס געפעלט זיי דעם „חכמס“ ווייקרענט:

— האָסט געהערט דעם „חכמס“ שטיקל?... א גוטער ברודער, דער „חכם“...

און שטענדיק נאָך אַזאַ מין וויזיט פון די גנבים, וואָס ווילן דעם „חכם“ מאַכן פאַר אן אָפּנעמער פון גנבות, בלייבט דער „חכם“ א לאַנגע צייט זיצן מיט דעם זייגער=צוועגעלע אין דער האַנט, און שטילערהייט בעט ער גאָט פאַר די יידן, וואָס שפּילן זיך מיט פייער, וואָס קאָנען, חלילה, אַריינפאַלן אין גוייִשע הענט, און עס נעמט אים אַרום אַ רחמנות און אַ גרויל פאַר זיי. זיין טויבן=האַרי= ווייגט אין אים:

— חלילה, חלילה... זיי קאָנען נאָך אומקומען, שטעלן איין דאָס לעבן...

טיילמאָל קוקט ער ארויס אויף דער גאַס דורכן קליינעם פענצטער=שייבל פון זיין געוועלבל. ער זעט די שפּאַצירנדיקע מענטשן. דורך די יאָרן קען ער שוין דעם גרעסטן טייל איינוואוינער. ער קען די קינדער, וואָס זענען שוין דערוואָק= סענע געוואָרן. אָט, צום ביישפּיל, דאָס קליינע מיידעלע, פייגעלע, פון קעגנאיבער, דעם טרעגערס טאָכטער, וואָס פלעגט אריינקומען צו אים, ווען זי איז געווען אַ קינד. זי האָט זיך ליב געהאַט צוצוקוקן, ווי ער שרויפט ביי די זייגערלעך. זי האָט ליב געהאַט, ווען ער האָט איר צוגעלייגט א קלאַפּנדיק זייגערל צום אויער. דערביי דערמאָנט ער זיך, ווי ער פלעגט איר אוועקשאַרן אירע שווערע, געדיכטע, רויטע האָר פונעם אויערל. שוין אזויפיל יאָרן, ווי דאָס איז געווען. דערנאָך, וויפל מאָל ער האָט זי געזען, האָט ער באַוווּנדערט, ווי שנעל זי איז אויפגעוואָקסן. אין די לעצטע יאָרן, ווען ער זעט זי דורכן פענצטער, ווייסט ער נישט, פאַרוואָס ער שעמט זיך צו קוקן. און אויף דער גאַס באַגריסן זיי זיך נישט. אָבער אויף אירע שווערע, געדיכטע, געלע האָר וואָלט זיך אים געוואָלט א קוק טאָן. מיט א צייט צוריק איז זי אפילו אריינגעקומען צו אים וועגן א זייגערל פאַרריכטן. מיט איר איז געקומען עפּעס א הויכער מאַנצביל, און אים, דעם „חכם“, איז געווען שווער אויפן האַרץ. א גאַנצן אָוונט, ווער ער איז אוועק אין א לערן=שטיבל, האָט ער אלע מאָל איבערגעריסן דאָס לערנען און האָט דערפילט עפּעס א ראַץ אינע= ווייניק דערפון, וואָס פייגעלע איז געוואָרן אזוי דערוואקסן, אזוי פרעמד. ער האָט יענעם אָוונט געקלערט וועגן א סך שוין פארגעסענע זאכן, וועגן זיין ווייב, וואָס איז געבליבן אין דעם שטעטל, וועגן דעם גט מיט די געשרייען און וועגן דעם עלנט, אין וועלכן ער לעבט. ער האָט זיך געפילט זייער שוואַך. פאַר די געסלעך ארום, אין וועלכע ער לעבט שוין א צענדליק יאָרן, איז ער א באַהאַלטענער מענטש, אַ „חכם“, ווייל אַזוי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן די מאַרק=מענטשן, וואָס שטייען אַרום דעם געוועלבל. דער נאָמען איז אים געקומען צוליב דעם, וואָס ער וואַרפט אַריין אַ וואָרט תורה אין דער גאַס. מיגוטנווייז דאַכט זיך אים, אַז ער וואָלט געקאָנט אַרויס פון דעם געוועלבל מיט די זייגערלעך, אַרומזאַמלען די אלע צעשריגענע פּנימער מיט די הונגעריקע אויגן, וואָס ראַיען זיך אַרום. עס

געמט אים ארום א רחמנות אויף די מענטשן, צייטנווייז ווידער כאַפּט אים ארום א רחמנות אויף זיך אליין. וואָס איז זיין לעבן? און צי איז ער פרום? ער הייבט אָן זוכן אין זיין הארץ, אין זיין מוח, און ווידער געפינט ער דאָרט געדאַנקען און געשטאַלטן פון דעם געסל=געווימל. אַ הייסער, זינדיקער קנופּ כאַפּט אים אָן פארן האַלדז, און ער הייבט אָן זיך נאָכגעבן. און פאר אלעם, העלער און בולטער פאר אלע, זעט ער פייגעלען, דעם טרעגערס טאָכטער. דער בליאַסק פון אירע שטראַלנדיקע אויגן שטעכט אים דורך, און ער פילט אויף זיין האַנט די שווערע, קילע וואָגיקייט פון אירע געלע, פלאַמענדיקע האָר.

ער פארלאָזט אין שפּעטן אָוונט דאָס לערנער=שטיבל און לאָזט זיך ארויס איבער די געסלעך. ער וויל אָפּהיטן זיין פרום געמיט, וואָס ער האָט געבראַכט פון דער היים. אַבער דאָ זעט ער אַרום אַ קאָכעדיק לעבן, און ווען ער קומט אַריין צו זיך אינעם צימערל, געפינט ער נישט קיין רו. און אלע קלאַנגען, וואָס דערגייען צו אים פון די אָרעמע שטובן ארויס, רופן אים און רייצן אים. ער גייט אראָפּ אין דער שפּעטער נאַכט אינעם ענגן, אָנגעשטאָפּטן הייפל. עס איז פינצטער און אויסגעלאָשן אין די הייזער, און נאָר קליינע קינדער וויינען, דערשראָקענע מאַמעס רעדן פון שלאָף, און שווערע הילצערנע וויגן מעסטן מיט קלעפּ די נאַכטיקע שעהן.

דער „חכם“ שטייט אויף די הילצערנע טרעפּ, קוקט אריין אין די טונקעלע שויבן. ווי=גיכט=ווי זעט מען האַלב=אויסגעטועטע מענטשן. ער קוקט און זוכט עפּעס אין דעם אומעטיקן טונקל.

אויף די פינצטערע טרעפּ אין דער שפּעטער נאַכט האָט ער ליב געקריגן צוצוהערן זיך צו די שעפּטשענדיקע פּאָרלעך. ער האָט זיך געכאַפּט אין אזא אָוונט, ווען ער האָט שעהנווייז אונטערגעהערט דאָס שעפּטשען פון פארליבטע, און אויף אים איז געפאַלן א פחד. אים האָט זיך געדאַכט, אז אלע ווייסן דערפון, און אים איז געוואָרן שווער צו נעמען א ספר אין חער האַנט אריין...

* * *

איינמאָל אין אָוונט האָט זיך די טיר פון געוועלבל מיט רעש געעפנט. דער „חכם“, וואָס האָט אריינגעקוקט אין א צענומען ווערק פון א זייגערל, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען פאר זיך פייגעלען. ער האָט זי דערקענט בלויז צוליב די רויטע האָר, וואָס זענען געווען מיט א גלאַנץ פארקעמט אונטער איר קליין היטעלע. זי איז צוגעגאַנגען צום ווענטל, וו דער „חכם“ האָט געהאַט זיין אַלטע קאַנאַפּע מיט א טשיינוקל און מאַשינקע אויף טיי.

— לאָזט מיך דאָ אריין! — האָט זי אויסגערופן מיט א ציטערדיקער שטים און איז ארונטער הינטערן װעגעל.

א הייסע פּאַליע פרייד מיט שרעק צוזאמען האָבן ארומגעכאַפּט דעם „חכם". ער איז געשטאַנען אין מיטן געװעלב. אים האָט זיך געדאַכט,אַז דאָס איז געװען א חלום. ער האָט זיך מיט שטילע, צוריקגעהאַלטענע טריט דערנענטערט צום טירל און א קוק געטאָן, װי זי איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע מיט אן אראָפּגע־לאָזענעם קאָפּ. דעמלט האָט ער זיך שטיל דערנענטערט צו איר און א פרעג געטאָן:

— פייגעלע, װאָס איז?

זי האָט אים לאַנג אָנגעקוקט און לאַנגזאַם געענטפערט:

— כ'בין אַנטלאָפן... אַן אָבלאַװע... פּאָליציי האָט געיאָגט, בין איך אריין אהער... צװיי מיידלעך האָט מען געכאַפּט. כ'האָב מיר געקלערט — אַן אַלטער באַקאַנטער...

דער „חכם" האָט געװאָלט עפּעס זאָגן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט געפי־נען קיין װאָרט און, װי אין חלום, מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער אָנגערירט אירע האָר.

פייגעלע האָט שטאַרק געקוקט אויף אים. א בלאַסער, פאַרטראַכטער שמייכל האָט אַדורכגעבלאָנדזשעט אויף אירע גלאַט־אויסגעשניטענע, װאַרעמע ליפּן.

מיטאַמאָל האָט זי טרוקן אַ זאָג געטאָן:

— איר זענט אויך אזוי? זי זענען דאָך עפּעס א צדיק... כ'בעט אײַך איבער... כ'בין דאָ ארייגעלאָפן...

דער „חכם" האָט, דאַכט זיך, נישט געהערט, װאָס זי האָט גערעדט צו אים. דאָס האַרץ האָט זיך בײַ אים געהויבן שנעל און א פּאַליע פון ענגשאַפט האָט אים צוגעשלאָגן צום האַלדז... ס'האָט אים עפּעס א ברי געטאָן. ער האָט אין דער מינוט פאַרשטאַנען, װען ער האָט זי דערזען, אַז זי האָט ער געזוכט אין זיינע זינדיקע װאַנדלונגען ביינאַכט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די קליינע, גראָע װעלט, װאָס ער זעט דורך זיין פענצטערל פון געװעלב, אַז די גראָע גאַס, האָט א גרױסן כוח, װאָס קאָן צעטרעטן. פאַר זיינע אויגן האָט נאָך געשװעבט דאָס בילד פון יענער פייגעלע, װאָס איז אויסגעװאַקסן פאַר זיינע אויגן, װי אַ מעכטיק בילד פון אַ פרוי מיט רויטע האָר, הייס בלוט, מיט אַ װייס בלענדנד לייב. ער האָט אויסגעװאָרעמט דאָס בילד פון איר מעכטיקער װייבלעכקייט דורך זיינע עלנטע נעכט אין בענקשאַפט. איצט זיצט זי דאָ אזעלכע, װי די גאַס האָט זי אים צוגע־װאָרפן: א צעטרעטענע, אָן אָרעמע און געפּלאָגטע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט עפּעס טאָן.

ער האָט געקוקט אויף אירע קליינע, ווייסע, מיידלשע הענט, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אויף דער קאַנאַפּע, און כדי זיך צוצורירן צו אירע הענט, האָט ער זיך אראָפּגעלאָזן נעבן איר.

— וואָס ווילט איר?... — האָט זי שטאַר א פרעג געטאָן, און זייטיק א שמייכל טוענדיק מיט אירע גרויסע, וואַרעמע ציין, האָט זי אים מיט צוויי פינגער אראָפּגענומען דאָס יאַרמלקעלע פון קאָפּ. זיינע ווייכע, העלע האָר האָבן זיך צעפּלאָשעט. ער האָט א שמייכל געטאָן, ווי א קינד, זי האָט אים געלאָזט נעמען איר גלייכגילטיקע האַנט און דערביי האָט זי פאַרוואָרפן איין פוס איבער אַנדערן.

— איר זענט טאַקע א פרומער... צי איר מאַכט זיך גאָר אזוי?...

— וועגן פרומקייט רעדט מען נישט, פייגעלע.

ער האָט צוגעדריקט איר האַנט, און זיינע אויגן האָבן אויפגעשפּילט מיט אַנטציקטער פריידיקייט:

— ביז פרומקייט איז גאָר דאָ וועגן א סך צו רעדן... ווי קאָן דען א מענטש זיין פרום, ווען מען לעבט אין אזא ענגשאַפט?...

ער האָט געוואָלט עפּעס אויסטייטשן און גערוכט ווערטער:

— איין מענטש רייבט זיך אין אַנדערן... אז דער געזונטסטער... כ'מיין... דער פרומסטער מוז זיך אָנשטעקן... כ'האָב געמיינט, אז ב'בין א פרומער מענטש... אן אָפּגעהיטענער... כ'האָב אָבער נישט געוואָלט, אז, חלילה, אלע זינד זאָלן טרעפן אנדערע... אָט, האָט דיך געטראָפן... פייגעלע... אייך האָט געטראָפן... איז מיר אויך שלעכט... כ'האָב געוואָלט אייך זען אַן אַנדערע... כ'קען דאָך דיך פון קינדהייט אויף... נו, וויאַזוי בין איך פרום... אַז כ'האָב אייך נישט געקאָנט אויסהיטן?

— אזא יאָר זאָל איך מיר האָבן... ווי זי רעדן... גאָלדענע ווערטער, — האָט פייגעלע פלוצלונג א זאָג געטאָן, און א פייכטקייט האָט זיך באַוויזן אין אירע שוואַרץ=אונטערגעשמינקטע אויגן. זי האָט א כליפּע געטאָן און גענומען ווישן די גאָז.

דער „חכם“ איז געשטאַנען מיט א לייכטנדיקן בליק. ערשט איצט האָט ער זי דערקענט. ער האָט איר אַראָפּגענומען דאָס קליינע היטעלע און איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאַלטן, פייכטלעכן פּנים. זיינע קני האָבן דערביי געציטערט.

זי האָט זיך אויסגעוויינט און זיך צערעדט מיט א געשפּאָלטענער, קינדי=שער שטים:

— גלויבן זי מיר, „חכם“... ווען מיין מאַמע וואָלט געווען געלעבט, וואָל איך נישט געקומען צו דעם באַשטאַנד... זי קאָנען דאָך מיין טאַטן... ער האָט אַפּילו

קיין יאָר נישט געוואַרט... דאָס גאַנצע געסל האָט געהאַט מיטן צו טון... מ'איז גע־
שוואָלן געוואָרן פון הונגער... כ'בין אונטערגעוואַקסן. נישט געוואָלט וואַשן קאָ־
פּאָדלאָגע ביי דער שטיפמאַמע... זי מיינען, זי איז געווען בעסער פון מיר?... און
ער, דער טאַטע?... כ'וויל גלאַט נישט שעלטן... ער איז שוין אַזוי אויך אויף צרות.
ליגט אין שפּיטאָל. אַ קאַטאַזשאַן... גאָר געשלאָגן... און וואָס כ'האָב פאַרדינט אין
גאַס — איז אַלץ אַריין אין שענק אַריין... כ'בין אַנטלאָפן... כ'האָב געוואָלט אַר־
בעטן... כ'בין געווען אַ קעלנערקע... אין אַ קאַוויאַרניע... האָט מען מיר נישט
געגעבן קיין רו... כ'בין געווען אויף אַ שמעל, איז געקראָכן... דער הער און דער
זון... און דער לאָקאַטאָר... דערנאָך האָב יאָך געהאַט אַ חתן... כ'האָב נישט גע־
וווּסט, אַז דאָס איז זיין פאַך...

דער „חכם" איז געזעסן מיט אַ פאַרזונקענעם קאָפּ אין די בלייכע הענט.

זי האָט גערעדט מיט אַ טרוקענעם, קרייענדיקן האַלדז, די האָר האָבן זיך
ביי איר צעלאָזן אין רויטע פּאַסמעס. זי האָט זיך האַלב געלייגט אויף דער קאַנאַפּע,
אונטערשפּאַרנדיק דעם קאָפּ מיט די הענט. זי האָט איבערגעריסן דאָס דערציילן,
האָט אַ גענעץ געטאָן און געבליבן שטיל.

דער „חכם" האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט. זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים
איר בליק, ווי זי וואָלט אויף עפּעס געוואַרט. און ווען זי האָט געזען, אַז ער איז
צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זי זיך געפּרוווט אויפהייבן מיט אַ צווייטן גענעץ,
אויסציענדיק די הענט:

— מען דאַרף שוין גיין... האַ?

ער האָט זיך אומגעקערט מיט אַ שמייכל.

— פאַרוואָס, פייגעלע... ווילסט אַוועקגיין?... כ'האָב דיך דען, חלילה,
באַליידיקט?...

אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ טעלערל מיט ברויט מיט פּוטער...

— כ'וויל דאָך, איר זאָלט... זאָלסט עפּעס עסן... כ'וועל מאַכן הייסע טיי...

זי האָט אים לאַנג אָנגעקוקט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי בלייבט, און
אַ פרייד האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן. זיי האָבן זיך ביידע אַ מיגוט אָנגע־
קוקט, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער אויף דער גאַס. די נאַכט איז
שוין שווער געלעגן אויף די שייבלעך פון דער טיר. ער האָט זיך שנעל גענומען
פאַרען, ער האָט צוגעשפּאַרט די טירן פונעם געוועלבל און אַ פינצטערניש האָט
זיך אַריינגעכאַפּט אין קלייטל. דעמלט האָט ער אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּעלע,
ביי וועלכן ער פלעגט אַריינקוקן אין אַ ספר. ער האָט געברומט עפּעס אַ ניגון און
גענומען אָנצינדן די מאַשינקע אויף צו מאַכן טיי. זי האָט געקוקט אויף זיינע

בלייכע הענט, וואָס האָבן געציטערט, טוענדיק די אַרבעט. זי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ היימיש דערוואָרעמט קול:

— לאָזט נאָר מיך... ביי מיר וועט עס גיין גיכער.

און מיט איין באַוועגונג, אַראָפּוואַרפנדיק דעם לייכטן מאַנטל, האָט זי שנעל גענומען צוגרייטן טיי.

דער „חכם" איז געשטאַנען אין צווייטן ווינקל. ער האָט זיך אַ בוק געטאָן צו דער וואַנט, און זיינע ליפן האָבן עפּעס געמורמלט. דאָס לעמפּעלע האָט גע־וואָרפן אַ רויטן שיין אויף אירע רויטע האָר, און אירע ווייסע, מעכטיקע הענט האָבן אַרויסגעשוועבט אינעם טונקל.

מיטאַמאָל האָט זי דערזען דעם „חכם", ווי ער מאַכט מיט די הענט און שעפּטשעט עפּעס. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אויפגעריסענע אויגן פון אי־בערראַשונג. זי האָט זיך דערמאָנט איצט אין די אַלע מעשיות, וואָס זי האָט פון קינדוויי̆ז אָן וועגן דעם „חכם" געהערט, אַז ער האָט עפּעס צו טאָן מיטן הימל און קאָן מאַכן כישוף. זי האָט געזען, ווי ער הייבט אויף די הענט אין דער הויך און גייט שנעל פון איין ווינקל אין אַנדערן. האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— הערן זי אויף... כ'האָב מורא...

— פאַר וועמען האָסטו מורא, פייגעלע?...

— פאַר אייך... וואָס טוען זי?

— איך דאַוון, פייגעלע...

— אַזוי?... האָט זי אַ שמייכל געטאָן, — טאָ דאַווענען זי פאַר מיר אויך...

ער איז פּלוצים צוגעלאָפן צו איר, ער האָט אָנגעכאַפּט אירע הענט און זיין קאָפּ איז לייכט געפאַלן אויף איר בוזעם. זיינע אויגן האָבן געלויכטן, און ער האָט גערעדט מיט אַ צאַפּל פון זיסקייט און פאַרטראַכטקייט.

— איך דאַוון פאַר דיר, פייגעלע... איך בעט פאַר דיר, אַז דו זאָלסט נישט אַוועקגיין... זאָלסט שוין דאָ בלייבן נעבן מיר...

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט פאַרן מויל.

און זי האָט מיט שרעק געזען, ווי פון זיינע פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ פליגל פון בייזע שרעק פאָכעט איבער איר. זי האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן דאָס מענטעלע מיטן הוט, די טרוקענע זעמל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און זי איז מיט איין שפּרונג אַרויס פונעם „חכמס" קלייטל און אַריין אין דער גראָער, לויפנדיקער, פריילעכער און זינדיקער גאַס.

# דער טאַטע

נאָך אין אָווגט האָט די קעלער־שטוב אָנגעהויבן לעבן. אַ גאַנצן טאָג זענען דירכגעגאַנגען טויזנטער מענטשלעכע פיס פאַרביי די קליינע קעלער־פענצטערלעך, און האָט ווער אַריינגעקוקט אין די צוויי גרויע, פייכטע שטיבלעך, האָט ער נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז דאָ לעבן מענטשן. עס זענען געשטאַנען אַ הינקענדיקער טיש, צוגעדעקט מיט אַ שמאַטע, אַ פּאָר צעבראָכענע אייזערנע בעטלעך און אַ קאָמאָדע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מתים־קאַסטן. דאָס אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אַ טונקעלער פייכטקייט און אומעט.

נאָר אין אָוונט, אונטער דער ליכט פון דעם קאָפּטשענדיקן לעמפּל, וואָס האָט ווי באַשמירט די גאַנצע מענטשלעכע געסט מיט אַ שוואַרצלעך־רויטלעך ליכט, האָט מען מיטאַמאָל דערזען, אַז דאָ פּינטלען אַרום מענטשן.

די מענטשן זענען געווען צונויפגעקנעטן מיט גאַנצע סטייעס רויענדיקע שאָטנס אויף די ווענט, וואָס האָבן ווי נאָכגעשפּעט יעדע זייער באַוועגונג.

דאָ זענען געווען צוויי זין און דריי טעכטער. די מאַמע האָט געהאַנדלט אין גאַס. דעם טאַטן האָט מען גערופן נוחל. ער איז געווען קליין און דין, ווי אַ קינד, מיט אַ קליין, בלאָנד קעפּעלע און העלע שמייכלענדיקע אויגן.

דאָס ווייב איז געווען אַ גרויסע, צעווירענע יידענע, מיט אַ בלוי פּנים, ווי אַ קיזלשטיין, מיט אַ געפּלאַצטער, יאָמערלעכער באַס־שטימע. זי האָט געהאַנדלט אין די הינטער־געסלעך מיט צעגלעגענע פּרוכטן, מיט פאַרפוילטע עפּלעך, פלוימען און באַרנעס. אַלץ, וואָס זי האָט געטראָגן מיט זיך, האָט געהאַט דעם זויערן ריח פון דעם קעלער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלע פאַרלעגענע, פייכטע, אונטערגעפוילטע סחורות וואַקסן אַרויס פון אירע פייכטע שמאַטעס, אונטער אירע רייטע, פייכטע הענט.

די טעכטער האָבן געאַרבעט אין פּאָלאַקעוויטשעס טאַבאַק־פאַבריק, און פון די צוויי זין איז איינער געוואָרן אַ „מענטש“. ער איז געווען אַ מאַרקער אין אַ

שענק. דער צווייטער האָט נישט געוואָלט זיין קיין לייט. ער איז געווען אַ גנב און איז געזעסן אין פּאַוויאַק.

די מיידלעך האָבן לאַנג געקלאָגט צוליב דעם יינגערן ברודער פּיניע, וואָס איז געוואָרן אַ גנב. זיי האָבן זיך פאַרדעקט מיט גרויסע טיכער די קעפּ און אים געטראָגן וואַלוועקעס אין פּאַוויאַק אַריין. אויך אַלע דריי חתנים פון די מיידלעך האָבן זיך געשעמט. זיי זענען געווען אַרבעטער, און אין אָוונט, ווען יעדער פון זיי איז געזעסן אין דער שטוב, האָבן זיי געזונגען סאָציאַליסטישע לידער און געלייענט פּראָקלאַמאַציעס.

ווען די מאַמע איז אין אָוונט אַהיימגעקומען פונעם מאַרק, האָט זיך שוין פונדערווייטנס אין געסל געלאָזט הערן איר מוראדיקער באַס. זי איז געגאַנגען באַלאָדן מיט די ליידיקע, פייכטע קוישן, פון וועלכע עס האָט געקאַפּעט אַ געדיכטע קלעפּיקייט פון פוילנדיקן אויבסט. זי האָט געקרעכצט, געגעגעצט און געשאָלטן, שפּאַנענדיק אויף אירע געשוואָלענע, פאַרבאַבלטע פיס אין צעריסענע מענערישע שטיוול.

די מיידלעך האָבן זיך געשעמט מיט איר פאַר די חתנים. זיי האָבן זי גיך אַרויסגעוויקלט פון די שמאַטעס, איר דערלאַנגט דאָס ביסל עסן, וואָס זיי האָבן באַוויזן אָפּצוקאָכן, קומענדיק פון דער טאַבאַק-פאַבריק. מ'האָט זי באַלד געלייגט אין בעט אַריין און געוואַרט, אַז איר יאָמערדיקער באַס זאָל פאַרשווייגן ווערן.

איר גרויסער צעשויבערטער קאָפּ מיטן האַרטן שייטל פון האָלץ-קאָליר איז געלעגן אויף דעם טונקעלן, שוואַרצלעכן קישן. דעם קאָפּ האָט זי אָנגעשפּאַרט אויפן ראַנד פונעם אייזערנעם בעטל, און אַרויסעסנדיק פונעם טאָפּ מיט דעם צינערנעם לעפל, האָט זי גערעדט מיט איר געשפּאָלטן, יללהדיק קול:

— אַז מען זאָל נישט האָבן אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן... אַזעלכע דריי אויסגעשריגענע מיידגמשיסקעס האָבן נאָר אין זינען די יונגען... און מע ליגט נאָר אויף די בעטן...

די חתנים זענען געזעסן אָנגעכמורעטע, מיט די שפּיציקע דאַשקעס, אַראָפּגעלאָזן די הענט טיף אין די הויזן-קעשענעס און געוואַרט, אַז די מאַמע זאָל שוין אַנטשלאָפן ווערן. איר געשפּאָלטן, יום-כיפּורדיק קול, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט גאַס און מיט קללות, האָט זיך אַרומגעשליידערט איבער דעם טונקעלן, פייכטן קעלער און אָנגעוואָרפן אַ שרעקיקייט פון אומגליק.

פון פאַרנאַכט אָן, ווי די מאַמע האָט נאָך אַריינגעשטעלט אירע געשוואָלענע, פאַרבאָבלטע פיס מיט די צוויי ליידיקע, נאַסע קוישן, האָט זיך די שטוב אָנגעפילט מיט אומרו. באַלד האָט זיך באַוויזן דעם יינגערן זונס כלה, קאַראָלע.

דאָס איז געווען אַ גרויסע, רויטע מויד מיט אַ קאָפּ שוואַרצע, פּייכטע, אויס־געקאַרבטע „גיאָפּן", וואָס זענען געלעגן אויף איר נידעריקן, רויטן שטערן אַזוי ווי אויסגעשניטענע רעדלעך. אירע רויטע, אָנגעמאָלטע ליפּן האָבן זיך געהויבן, ווען זי האָט מיט אירע ווייסע, ליידיקע ציין געקנאַקט די באַניעקערן. זי איז געקו־מען רעדן וועגן איר חתן, וואָס איז געזעסן אין פּאַוויאַק. די מיידלעך האָבן מיט איר נישט געוואָלט רעדן, אָבער קאַראָלע האָט זיך נישט געמאַכט דערפון. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שוועגערין און האָט גערעדט צו זיי אויף דעם גנבהשן לשון:

— פּיניע האָט מיר ארויסגעשיקט א גריסקע מיט אַ מאַרעוויכאַר, וואָס איז געגאַנגען לויז...

— אַלע דריי שוועסטערן מאַכן אַ געוואַלד:

— מאַמע... זאָל זי אַרויסגיין פונדאַנען מיט דעם לשון... טראָג דיך אָפּ פּינ־דאַנען מיט די גנבהשע ווערטער... דאָ וווינען אָרנטלעכע אַרבעטאָרינס...

קאַראָלע האָט געקוקט אויף זיי מיט אירע גרויסע, שפּיגלדיקע אויגן און האָט מיטאַמאָל ארויסגעלאָזט אַ רימש:

—זעטס נאָר די יאָלדישע ווימשטאָקן... עד פאַס ענק נישט פאַר קיין שווע־נערין... אָרום פּענצטער האָט זיך צוזאַמענגעקליבן דאָס גאַנצע הייפל. די אַרבע־טאָרינס האָבן געהאַלטן פאַר די שוועסטערן, און די גנבים און „פאַסערס" פאַר קאַראָלען.

אַ קליינער גנב האָט זיך צוגעהערט, וואָס מען רעדט וועגן פּיניען, וואָס זיצט אין פּאַוויאַק, און האָט אויסגעהאַקט אַ שויב.

די חתנים, די אַרבעטער, האָבן זיך געריסן צו גיין זיך שלאָגן מיט די גנבים. די כּלות האָבן מורא געהאַט פאַר מעסערס, און די צוויי קעלער־שטיבלעך האָבן זיך אָנגעפּילט מיט קווישיקע געשרייען.

* * *

אײַנס שפּעטן אָוונט איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט דער טאַטע, דאָס קליינע, קינדערישע יידל. ער איז געקומען פון דער אַרבעט ביים האָלץ־סקלאַד, וו ער האָט זיך מיט אַ שטריק איינגעשפּאַנט צו אַ וועגעלע און געפירט האָלץ. ער איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ גראָבן שטריק און אויף די פיס אַ פּאָר שווערע צעריסענע שטיוול. די שטיוול האָבן ביי יעדן טריט אויפגעהויבן אַ ליידיקע און

הילכיקע פּאַטשערײַ. יעדן אָוונט, ווען דער טאַטע איז אַהײמגעקומען, האָט ער פּאַמעלעך געעפנט די טיר און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— זי שלאָפט שוין...

דעמלט האָט ער זיך אַרײַנגעשאַרט אין שטוב אַרײַן. זײַן קלײן, אָנפּאַרביק בערדל האָט זיך פּאַררייסן, און אַ שמייכל האָט אָנגעפילט זײַנע העלע, קינדערישע אויגן:

— אַ גוטן אָוונט... קינדערלעך...

און ער האָט יעדן פון זיי דערלאַנגט זײַן קלײן, ראַציק, קינדעריש הענטל.

די טעכטער האָבן אים אײַלנדיק דערלאַנגט עסן. און די חתנים האָבן צוגע־אײַלט די כלות:

— ריקל... דערלאַנג דעם טאַטן דאָס ביסל עסן... ער איז הונגעריק... ער האָט געאַרבעט דעם גאַנצן טאָג...

און דער קלײנער טאַטע האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן די גרויסע, צעוואַק־סענע טעכטער, האָט פּאַמעלעך געשלונגען דאָס ביסל גריץ מיט ברויט. זײַן שמאָל נערגעלע האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, און אַרומגעטענדיק זיי אַלע מיט אַ ליבן שמייכל, האָט ער אָנגעהויבן:

— איי... ס'איז גוט... אַ לעבן אויף ענק...

ער האָט שטיפעריש אַ טשעפּע געטאָן די ייִנגסטע טאָכטער ריקל, און די צווייטע האָט ער אַ קניפּ געטאָן בײַ דער גאָמבע, און צו די חתנים האָט ער אַ ווונק געטאָן:

— אַ... יוסל... האָסט געפּאַקט בײַ מר אַ וואַזשנע מויד... אַ?...

דער חתן יוסל האָט אַרויסגעשטעלט צוויי ציין, וואָס זענען אים געבליבן פונעם פּריזיוו, און אַ וואַרעמער גלאַנץ איז אים דורכגעלאָפן אין די אויגן.

די מיידלעך, באַשלאָגן מיט אַ געדיכטער רויטקייט, האָבן געבעטן:

— לאָז שוין דער טאַטע אויפהערן... דער טאַטע האָט נאָר ליב צו רעדן גלופּסטוועס...

דעמלט האָט זיך דער טאַטע אַוועקגעשטעלט צווישן די חתנים מיט די טעכ־טער און האָט אָנגעהויבן מאַכן פרייילעך. ער האָט דערציילט מעשיות פון דער גאַס. ער האָט זיך צעוואַרעמט, ער האָט אַרומגעכאַפּט די חתנים. זײַנע קינדערישע אויגן האָבן געגלאַנצט פון באַהאַרצטקייט און מיט אַ פּאַרריסענעם קאָפּ פון עקס־טאַז האָט ער אויפגעהויבן די הענט און געפּרעדיקט:

— איי, קינדערלעך... ס'וועט נאָך זײַן גוט... גאָרנישט געזאָרגט... מען וועט נאָך לעבן אַ טאָג... עס גייען גוטע צייטן... עס וועלן זײַן חתונות... שמחות... דער־נאָך בריתן... מ'עט מאַכן דעם אמתן לחיים...

די יונגען האָבן אָנגעהויבן הירזשען. מען האָט זיך געפּאַטשט איינער דעם אַנדערן איבער די קניען. און די טעכטער האָבן זיך געוויקלט ווי די שלאַנגען. מיטאַמאָל האָט דער אַלטער געכאַפּט אַ טענצל, וויגנע שמאָלע, קיגדערישע אַקס־לען האָבן זיך געהויבן:

—איי, קינדערלעך, איז אונדז גוט.

נאָך אַ ווילדער שנאָרך פון דעם שלאָפנדיקן ווייב האָט איבערגעריסן זיין פרייד, און מיט אַ דערשראָקענעם פינגער ביי דער נאָז האָט ער זיך, ווי אַ קינד, באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון דעם קעלער.

# חברים

צוויי אַלטע וואַרשעווער.

ביידע זיבעציקיעריקע — בערעלע שוסטער און הערש טאָקאַזש. דאָס גאַנצע לעבן געוווינט צוזאַמען אינעם געסל — אין איין הייפל.

חברים נאָך פון קינדער=יאָרן, ווען דאָס הייפל איז נאָך געווען אַן אַ פּלויט און אַרום איז געלעגן דאָס נאַקעטע שטיק פעלד ביז אַראָפּ צו דער הינטערער שטאָט. דאָרט זענען געלעגן די בלויע שינעס פון דער קאָליע מיט דעם קליינעם שטיבעלע פונעם דרוזשניק, וווּ די חתנים מיט די כלות זענען געגאַנגען אויף מאַיוווקעס און געטרונקען מילך גלייך פון דער קו.

דערנאָך צו גיין יאָר האָבן זיי געלערנט ס'פאַך ביי די מייסטערס. פלעגן זיי שבת און יום=טוב גיין אין „יענע גאַסן". אין די גוייִשע גאַסן האָט מען זיך געשלאָגן מיט שקצים און צוריקגעקומען מיט געוואַלד=ריסן און אונטערגעהאַקטע אויגן. דאָס איז געווען שוין גאָר לאַנג אין אַן אַנדער וואַרשע און אַן אַנדער געסל.

גרויסע העלדן האָבן דעמלט דאָס געסל באַוווינט, גערימטע „שטאַרקע" און „ווילע יונגען" האָבן דאָס געסל געפירט, און ווען דאָס געסל האָט זיך געשלאָגן מיטן „מקום", האָט די רוסישע פּאָליציי זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן.

בערל האָט זיך פאַרליבט אין גוטשע די פריזירקע, און הערש האָט גענומען ברײנדל די יתומה, וואָס איז געווען אַ „סקלעפּאָווע" אין בשמים=געשעפט ביי ר' ברוך צלאַפּ. ביידע זענען געגאַנגען שפּאַצירן מיט זייערע כלות, און שבת=נחמו האָבן ביידע חתונה געהאַט אין איין וואָך

הערש טאָקאַזש האָט געמאַכט בערלען צו דער חתונה אויף דרשה=געשאַנק אַ גראָסאַרטיקע פּולקע מיט אַ גזימס, און בערעלע שוסטער האָט צום דרשה=געשאַנק געמאַכט פאַר דער כלה אַ פּאָר לעטשלעך מיט קאָלירטע שפּיצן, אַז דאָס גאַנצע געסל איז איר נאָכגעלאָפן קוקן. און שפּעטער, ווען ביי ביידע חברים זענען שוין געווען צו זעקס קינדערלעך, אַחוץ די געשטאָרבענע, האָבן זיי נאָך

אַלץ געוווּנט אויפֿן זעלבן הייפֿל, און אַז ס'איז געקומען שבת, איז מען געזעסן בײַם טויער און געגענעצט. מען האָט גערעדט וועגן די יונגטלעכע יאָרן, און איינער בײַם אַנדערן האָבן זיי געזוכט גרויע האָר.

דערנאָך, ווען הערש סטאָליאַרס ווײַב איז געשטאָרבן, האָט זיך הערש „גע־סטאָלעוועט" בײַ בערלען און געווען אַ האַלבער באַלעבאָס אין זײַן שטוב.

אין די מלחמה־יאָרן האָבן בײדע אויסגעגעבן די טעכטער. פֿיר זין זענען בײַ זיי אומגעקומען אין דער מלחמה, איינער איז געבליבן אין ראָסיי, און די בײדע אַלטע, גרויע חברים זענען געזעסן בײַ דעם טויערל און געוואַרט אויף ידיעות פֿון זייערע קינדער.

בערל איז געוואָרן געהויקערט, און הערש האָט געקריגן קלײנע, רויטע, פֿאַרטערטע אויגן. איינער האָט געקוקט אויף דעם צווייטנס גרויען, אויסגעריבענעם קאָפּ און צוגעשאָקלט:

— זענען מיר געוואָרן אַלטע לײַט, האַ... בערעלע... מע פּאַקט זעך אין וועג אַרײַן...

* * *

אין וואַרעמע זומערדיקע שבת־נאָכמיטאָגס האָבן בײדע זיך אָנגעטאָן די קאַפּאָטעס און מיט פּאַמעלעכע טריט זיך אַרויסגעלאָזן פֿונעם געסל. מען האָט צוגעשפּאַנט ביז צו דער ערשטער גרויסער שטאָטישער גאַס און מ'האָט דערזען נײַע הײַזער, נײַע ווענט, נײַע מענטשן, דערהערט נײַע ווערטער, און בײדע האָבן זיך אָנגענומען פֿאַר די הענט ווי פֿון עפּעס אַ שרעק. עפּעס אַ בײַ וואַרשע מיט אַ נײַעם רעש, און זיי זענען גיך צוריק אַרײַן אין געסל, דאָ האָבן זיי זיך אַרײַנגעגראָבן אין יעדן ווינקל, אין יעדן הייפֿל, געזוכט סימנים פֿון זייערע גיך פֿאַרשוווּנדענע יאָרן, און זיי האָבן בײַ יעדן צעקרומטן פּלויט, בײַ יעדן אײַנגעפּאַלענעם טויער זיך געפֿרייט אַזוי ווי קינדער.

— דו געדענקסט, בערעלע? דאָ איז געווען יאָסלס חדר... געדענקסט, ווי ער האָט אונדז דאָ געקאַטעוועט...

— און דאָ האָב יאָך געאַרבעט בײַ דעם ערשטן מײַסטער... בײַם געגריוועטן חיים. אוי, ברודער, איז דאָס געווען אַ צײַט...

און מ'האָט זיך דערמאָנט אין לאַנג פֿאַרשוווּנדענע מענטשן און געשעענישן.

אָבער ווײַטער פֿונעם געסל איז מען נישט געגאַנגען. ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אַ רעשיקער גאַס, וווּ דער טראַמוויי האָט זיך געגליטשט אָן פֿערד, זענען זיי מיט אַלטע, אײַלנדיקע שריט צוריק אַרײַן אין געסל און דערפֿילט זיך זיכערער.

איצט זענען זיי צעטיילט.

בערעלע איז קליין געוואָרן ווי אַ ייִנגל. ער וווינט נאָך אינעם זעלבן הייפל ביי א שוסטער, וואָס איז געווען ביי אים א לערן־יונג. יעדן פאַרטאָג לויפט ער אויף דער וואָלוווקע צו זיין בענקעלע אויף דריי פיסלעך, ווו ער לאַטעט אַלטע שיך אויף „פּאָטשעקאַניע".

הערש טאָקאַזש איז שוין פון לאַנג אין שפּיטאָל אויף טשיסטע. דאָרט ליגט ער געשוואָלן מיט א האַרץ־פעלער, און יעדן שבת האָט ער א גאַסט — בערעלען.

שבת ביי טאָג טוט בערעלע אָן די געהאַקטע קאַפּאָטע, נאָך פון פאַר דער מלחמה. ער טוט אָן דעם אַכטקאַנטיקן קאַשקעט מיט דער הויכער דענקע. ער נעמט אריין אין דער קעשענע דאָס פּאַפּירל מיט די לאַנדרינקעס, וואָס ער קויפט יעדן פרייטיק ביי ר' ברוך צלאַפּ אין בשמים־געשעפט, און ער לאָזט זיך אוועק מיט די „אָקאָפּעס" אינעם וויטן וועג, קיין טשיסטע אין שפּיטאָל אַריין. ער גייט פון געסל צו געסל און זוכט נאָר דעם וועג, וואָס איז אים גאָענט און באַקאַנט. ער מיידט אויס יעדן נייעם טראָטואַר און יעדעס נייע הויז. ער גייט צו זיין חבר הערש. ער וואָלט זיך געוואָלט מיט אים צוזאמענרעדן, ווי א מאָל, עפּעס טאָן, אז מען זאָל זיך נישט פארלירן, נישט צעשיידן. אָבער אלץ ווייטער און פרעמדער ווערט דער וועג צווישן זיי, און עס קומען שוין אזעלכע שבתים, ווען בערעלע לאָזט זיך ארויס אין וועג אריין און מיטאַמאָל בלייבט ער שטיין. ער קאָן נישט דערגיין ביזן שפּיטאָל.

דעמלט באַפאַלט אים א גרויסע שרעק. ער קאָן זיך נישט דערשלעפּן ביז זיין איינציקן חבר אויף דער וועלט. אים דאַכט זיך, אז עפּעס א בייזער כוח האָט זיך אריינגעשטעלט צווישן זיי. ער זעט נישט קיין מענטשן. ער זעט נישט קיין וועלט. און עס דאַכט זיך אים, אז אלץ איז געבליבן ווי נאָך אן ערד־ציטערניש, און נאָר א גרויסער, גרויליקער שטח ליגט צווישן אים און זיין איינציקן חבר, הערשל סטאָליאַר.

ער שטרענגט אָן זיינע לעצטע כוחות, דערטראָגט זיך צו דעם גרויסן, אומע־טיקן שפּיטאָל־הויף. ער שפּאַנט מיט צעשראָקענע אויגן איבער די ווייסע, טויט־לעכע קאָרידאָרן און געפינט דאָס בעטל, ווו הערש ליגט.

ער ווערט אים דערציילן אלץ פונעם געסל, פון זייער געסל, אז נייע מענטשן און נייע לעבנס רעשן דאָרט, אז עס שטייען נייע הייזער און לאַמטערן לייכטן אזוי ווי לבנות, אז אלץ ווערט פרעמד און ביין...

אָבער עס דויערט לאַנג, ביז וואנען דער קראַנקער הערשל דערקענט אים, ביז וואנען עס שימערט דורך א ווייטער בליאסק פון באַוווסטזיין אין זיינע פאַר־טראָגענע אויגן. בערל קוקט אויף אים מיט שרעק. און ווען דעם קראַנקנס ווייסע,

קאַלטע, האַלב־טויטע האַנט הייבט זיך ענדלעך אָן צו קלאַמערן אין אים, קלאַפּט שוין צו די טונקעלע שעה, און מען הייבט שוין אָן טרייבן די באַזוכער פון שפּיטאָל.

בערל דרייט זיך לאַנג אַרום איבערן שפּיטאָל־הויף. עס נעמט אים אַרום אַ שרעקלעכער עלנט. וווּהין זאָל ער גיין?

ער בלאָנדזשעט לאַנג, און שוין שפּעט אין אָוונט קומט ער צוריק אין געסל, אַ צעבראָכענער, געהויקערטער. ער קלויבט זיך אריין אין זיין ווינקל קע־לער־שטוב ביים שוסטער. ער ליגט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט אָן שלאָף מיטן אָנגערוקטן היטל אויפן ווייסן שוסטער־שטערן. ער קרעכצט, ער וויל עפּעס אויסקלערן, ער טראַכט — און קאָן זיך נישט דערטראַכטן: צי וועט ער זיך טרעפן מיט זיין חבר הערש דאָרט... אויף יענער וועלט...

אָדער וועלן זיי אַזוי פאַרטראָגן ווערן אין דער גרויליקער פרעמדקייט אויף אייביק...

## וועווע

די סטאַטעטשנע באַלעבאַטים פונעם געסל, אַלטע פורמאַנעס, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין די יונגע יאָרן, פּאַסערס מיט אויסגעזעסענע וויראָקן, אַלטע לאָבוזעס, זענען שבת אין דער פרי די ערשטע געקומען אין שולכל אַריין.

זיי זענען געגאַנגען בנעימות, טריט ביי טריט, אַזוי ווי פיינע מענטשן, און ווען זיי האָבן באַגעגנט אַ ייד אַ חסיד, וואָס איז געלאָפן אויף די דינע, דאַרע פיסלעך אין די ווייסע זאָקן, האָבן זיי אים אונטערגעטראָגן דעם „גוט שבת“, גערעדט וועגן יידישע זאַכן, וועגן ראש חודש און גענומען ביי אים אַ שמעק טאַבאַק... די שוואַרצע, ציגיינערישע בערד אויף זייערע בראָנזענע פּנימער זענען געווען אַרומגעשוירן נאָך פון נעכטן ביי מאַקס פעלדשער, וואָס האָט שוין געוווסט. וויאַזוי זיי אויסצוגאָלן די קערק „פּאָ קאָזאַצקו“.

די „ווילע יונגען“ פון אַ גאַנצער וואָך פלעגן שבת ווערן גאָר אַנדערע מענטשן. זיי האָבן אָנגעטאָן קאַפּעלעך אויף די קעפּ און זיך געמאַכט יידישלעך צעבראָכן.

דאָס שולכל איז געווען זייערס. אַלץ אייגענע מענטשן און טאָמער האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ פרעמדער, אַ ייד פון דער פּראָווינץ, וואָס איז אַריינגעקומען אָפּדאַוונען, איז מען געווען זייער צופרידן און מ׳האָט זיך געריסן אים צו פאַרבעטן אויף קידוש.

געדאַוונט האָט מען לאַנג. מ׳האָט אַלץ מורא געהאַט צו ענדיקן, טאָמער וועלן אַנדערע שולן אָפּלאַכן און זאָגן, אַז זיי ווייסן נישט ווען אויפצוהערן. און נאָר ווען איינער פון די יונגען איז אַריינגעקומען זאָגן, אַז מען גייט שוין פון אַנדערע שולן, האָט מען געענדיקט דאָס דאַווענען.

אין שולכל האָט מען נישט בלויז געדאַוונט. דאָ האָט מען אויך אַרומגערעדט פאַרשידענע געסל־זאַכן. דאָ האָט מען געקליבן נדבות פאַר געפאַלענע

איינוווינער פונעם געסל, פאר אלמנות, פאר קראַנקע און אויך אויף קויציע פאר פארמשפּטע, און אויף „וואַלוווקעס" אריינצושיקן אין די תפיסות.

אָנגעפירט מיט אַלעם האָבן די ברייטע באַלעבאַטים פונעם געסל: די רייכע פורמאַנעס, וואָס האָבן געהאַט א סך פערד און וועגענער. זיי האָבן דאָ געהאַט א סך כבוד. צו זייער וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט, און זיי זענען געזעסן אויפן אויבנאָן. די איבעריקע זענען געווען שווייגנדיקע, פאַרשלאָפענע, האָבן מורא געהאַט פאר גאָט און זיך געטוליעט צו דעם שולכל, וואָס וועט זיי פאַר־ענטפערן...

אין א ווינקל, ביי דער סאַמע טיר האָבן זיך שטענדיק געפונען א פּאָר יונגען מיט רויטע אָפּגעברענטע פּנימער און ווינקענדיקע אויגן. דאָס זענען געווען שמייסער־יונגען, וואָס האָבן געדינט ביי די גרויסע באַלעבאַטים און דערפאַר געמוזט מיטגיין דאַווענען. די יונגען זענען געווען אומגעדולדיק, מיט פאַרקרימטע, ברוגזע נעזער. קיין עברי האָבן זיי נישט געקענט, און טאָמער איז זיי אריינגעפאַלן עפּעס א וואָרט פון דאַווענען, האָבן זיי עס אויסגעשריגן אויף זייערע הייזעריקע, ראַציקע שטימען, ווי זיי וואָלטן געשריגן צו די פערד.

צווישן זיי איז אויך געשטאַנען וועוועל. ער איז געווען אַן אַלטער שמייסער־יונג. אין געסל איז ער געקומען, ווען ער איז געווען נאָך א יינגל. דערנאָך האָט ער לאַנג געדינט ביי „פּאַניען", ווו מען האָט אים „אָפּגעקלאַפּט דעם שכל". ער איז צוריקגעקומען פאַרוואַקסן און אָפּגעריסן. ער האָט געהאַט גרויסע, אָפענע און געפלאַצטע ליפּן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם, שווערן קאָפּ אַזוי ווי אַן אָקס. ער האָט געטויגט נאָר אין שטאַל אַריין. צו קיין „יאַזדע" האָט ער נישט געטויגט, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט אויף קיין גאַס און נישט געוווּסט קיין נומער. ער האָט גענעכטיקט אין שטאַל אָדער אין דער קיך ביי די פורמאַנעס. שבת האָט מען אים אָנגעטאָן אַ כאַלאַט און אַ יידיש היטל און מיטגענומען אין שולכל אַריין. ער איז שוין אַלט געווען אַ יאָר פערציק, און די באַלעבאַטים האָבן זיך אָפּגערעדט אים התונה צו מאַכן מיט דער אלמנה אסתר־ליבע, וואָס איז געבליבן נאָך אברהמלע מאַלאַרזש.

* * *

באַלד נאָכן דאַווענען האָט מען אים צוגערופן צום אויבנאָן, ווו עס זענען געזעסן די „זיבן שוואַלבן", זיבן ברידער פורמאַנעס, וואָס זענען געווען די שטאַרקסטע אין געסל, און דער עלטסטער פון די „שוואַלבן" האָט זיך אָנגערופן צו וועוועלן:

— קום אַהער, וועווע... זאָלסט באַלד אַרויפגיין צו אסתּר־ליבע... און וועסט איר זאָגן, אַז יאָך האָב געהייסן חתונה האָבן און וועסט ווערן חתן... הערסט?...

וועווע האָט נאָך מער געעפנט זיינע אָנגעפּלאַצטע ליפּן אַזוי ווי רוי פלייש און האָט אַ הירזשע געטאָן פון געלעכטער: „וואָס זאָל יאָך טאָן?“...

די באַלעבאַטים האָבן זיך געהאַלטן פאַר די בייכער פון געלעכטער. מ'האָט געזאָגט פאַרשידענע ווערטלעך. אָבער דער אַלטער „שוואַלב“ האָט אַ געשריי געטאָן:

— גיי און טו, וואָס כ'האָב דיר געהייסן... יום־טוב, מע זאָל עס דערלעבן, וועלן מיר שטעלן אַ חופּה... מ'עט דיר געבן אַ ביסל דרשה־געשאַנק און סט'ווערן אַ שטיקל מענטש...

באַלד נאָכן עסן האָבן אַ חברה יונגען אַרומגערינגלט וועווען און אים אַוועקגעפירט צו אסתּר־ליבען דער אלמנה. גראָד ווען וועווע איז געקומען, איז דאָס הייפל, וווּ אסתּר־ליבע האָט געוווינט, געווען פול פון צונויפגעלאָפענעם עולם, ווייל די אלמנה האָט, ווי שטענדיק, זיך אַרומגעשלאָגן מיט איר זון, משה־שמעון.

משה־שמעון איז שוין אַלט געווען אין פערצנטן יאָר און האָט נישט גע־וואָלט זיין קיין לייט. ער איז געווען קליין, דאַר און שלעכט. ער איז שוין אויסגעווען ביי אַ סך פאַכן און האָט זיך אין ערגעץ נישט געהאַלטן. ער איז שוין געווען ביים טאַטנס פאַך, ביי אַ בעקער און האָט שוין געטראָגן אַ טראַגע ביי אַ פודעלע־מאַכער.

איצט איז ער אַרויף אויפן דאַך פונעם דריישטאָקיקן הויז און פון דאָרטן „געציפּט“ שטיינער און געהאַקט שויבן.

דאָס גאַנצע שבתדיקע געסל, יידן אין די גאַטקעס, ווייבער צעפּאַטלטע פון שלאָף, כלה־מיידן אין נייע שיך, האָבן געהאָלפן יאָגן משה־שמעונען, און משה־שמעון איז אַרומגעלאָפן אויפן דאַך. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שוואַרץ שייטל האָר, וואָס ער האָט אַראָפּגעריסן ביי היה־שרה די געוועלבניטשקע, און מיט דער אַנדערער האָט ער געוואָרפן שטיינער. אַלע מאָל האָט ער זיך באַ־וויזן אויף אַן אַנדער אָרט אויפן דאַך און ס'איז געוואָרן אַ געשריי און אַ געלויף.

דער איינציקער גוי אין הייפל, דער סטרוזש וואַלענטי, האָט שוין געפּרוווט מיט אַ בעזעם אַראָפּיאָגן משה־שמעונען פון דאַך און דערפאַר געכאַפּט מיט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין.

— מענטשן האַרצעדיקע... נעמטס ביי מיר צו דעם יונג... — האָט אסתּר־ליבע געזונגען מיט אַ יום־כּיפּורדיקן ניגון, — גאָט, פאַרוואָס האָסטו אים נישט צוגענומען צוזאַמען מיטן גנבהשן טאַטן, וואָס האָט מיר איבערגעלאָזט דעם

פּראָבאָווניק... — זי האָט זיך געקנייפּט די באַקן און געיאָמערט: — גאָט, נעם ביי מיר צו דעם בענדיט, וואָס פּאַרווּיסט מיר מיין לעבן...

זי האָט אויפגעהויבן ביידע הענט צום דאַך, פון וואַנען עס האָט אַ פייף געטאָן אַ שטיק ציגל און געטראָפן אַ צעפּאַטלטע יידענע. די יידענע האָט אויפגעהויבן אַ יאָמערדיקן געשריי און געשאָלטן מיט ווּסטע קללות דעם „בויך, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ ממזר"...

דערמאָלט האָט מען מיט אַ גערודער און הודזשעריי אַריינגעפירט אין הייפל אַריין וועוועז. וועווע איז געגאַנגען מיט הינקענדיקע טריט, זיינע צו גרויסע, צעריסענע שטיוול האָבן געקלונגען, ווי די קייטן ביי אַן אַרעסטאַנט, און אין איין מינוט האָט שוין דאָס הייפל געוווּסט, צוליב וואָס וועווע איז געקומען. מען האָט אַ כאַפּ געטאָן אסתר־ליבען און די ווייבער האָבן אָנגעהויבן אין איר אַריינרעדן:

—זי זעען דאָך שוין, אַז דער „שוואַלב" אַליין האָט געשיקט... גאָט האָט זיך מרחם געווען... וועווע איז אַ שטילער יונג... קלערן זי נישט קאַ סך...

אסתר־ליבע איז געשטאַנען, ווי אַ משוגענע. מען האָט זי אַראָפּגעפירט אין קעלער־שטוב, וווּ זי האָט געוווינט, און באַלד האָט מען אַהין אויך אַראָפּגעפירט וועוועזן. וועווע האָט גאָרנישט געוווּסט. ער האָט נאָר איבערגעחזרט דאָס, וואָס דער „שוואַלב" האָט אים געזאָגט:

— דער „שוואַלב" האָט געהייסן ווערן התן...

מען האָט באַלאַגערט די צוויי קליינע פענצטערלעך פון דער קעלער־שטוב. אינעווייניק איז אויך געווען פול.

די יידענע איז געזעסן אויפן בעט, אירע באַקן האָבן געפלאַמט. וועווע איז געזעסן, די גראָבע פינגער פון די רויטע הענט פאַרפלאָכטן, די שווערע שטיוול פאַרלייגט, און זיין קאָפּ האָט שווער אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט געהערט, ווי אסתר־ליבע האָט געהעשעט:

— מענטשן האַרצעדיקע... ס'וואָלט שוין טאַקע צייט געווען, אַז דער יונג זאָל פילן אַ טאַטנס אַ האַנט...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף וועווען און ווייטער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— ווער ווייסט, צי ער וועט זיך אַן עצה געבן מיט דעם משומד... זעטס נאָר דאָס שוואַרצע גערודער, וואָס מ'האָט דאָ געמאַכט...

דאָ האָט זיך וועווע אויפגעהויבן, ער האָט אויסגעטאָן דאָס צעריסענע רעקל, פאַרשאַרצט די אַרבל און עס האָבן זיך באַוויזן זיינע צוויי רויטע, באַוואַקסענע הענט. ער האָט אַ שפּיי געטאָן אין די הענט אַריין, אַ קראַץ געטאָן די קודלעס האָר און אַ זאָג געטאָן:

— אסתּר־ליבע... כ'על עס באַלד אַהערברענגען אַ טויטן אָדער אַ לעבעדיקן... און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַרויס. דאָס גאַנצע געסל איז צוזאַמענגעלאָפן זען, וויאַזוי וועט זיך אַן עצה געבן מיט משה־שמעונען.

באַלד האָט זיך ווער באַוויזן אויפן דאַך. ער איז געגאַנגען מיט מעכטיקע שריט פון אַ גולם, מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ אונטערן האָגל פון שטיינער. יונגען און מיידן זענען געקראָכן אויף די שטאָקן צו זען, וויאַזוי עס האָט געדווירט. מיטאַמאָל האָט מען דערהערט די קולות פון דעם אַמפּערניש. אָט האָט מען געזען וועמענס אַ פוס אויפן סאַמע ברעג דאַך, ווי ער גליטשט זיך אָט, אָט צום אַראָפּפאַלן, און דאָס געזשומעריי פונעם הייפל איז גרעסער געוואָרן.

מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל, און באַלד האָט מען דערזען, ווי פונעם טונקעלן הויז האָט זיך באַוויזן וועווע. ער איז געגאַנגען איינגעבויגן, זיין קאָפּ איז געווען ווילד, צעשויבערט און זיין פּנים איז געווען צעבלוטיקט. און דאָ האָט מען דערזען, אַז אויף זיינע מעכטיקע פּלייצעס טראָגט ער, אַזוי ווי אַן אומבאַוועגלעכן פּאַק, משה־שמעונען. דעם יינגלס צעדראַפּעטע פיס זענען געווען מיט ווונט איינגעפלאָכטן אין וועוועס געדיכטע, ווי אייזן גרויליכע פּאַטלעס האָר.

אונטער דער הורזשעריי און דער פּייפעריי פון דעם עולם האָט וועווע אַראָפּגעלאָזן דעם יונג אויף דער ערד, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. דער קליינער האָט זיך איינגעגראָבן אין זיינע רויטע, צעבלוטיקטע ליפּן און וועווע האָט אים געדעקט מיט שווערע הילכיקע קלעפּ, און זיין ראַציקע שטים האָט דערביי געגרילצט:

— יאַך וועל זיין פּאַר דיר אַ טאַטע.. אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין...

די ווייבער זענען אַרומגעשפּרונגען אַרום ווי מכשפות און פרום געערדט: — געבענטשט זאָלן זיין דיינע הענט, וועווע... וואָס דו לערנסט אַ יתום...

לאַנג האָט געדווערט דאָס געשלעג. ביז וואַנען דאָס יינגל איז געבליבן ליגן שטיל און זיך מער נישט גערירט. דעמלט איז שוין געווען טיפער אָוונט און איבער דער קעלער־שטוב האָט זיך צעלייגט אַ פּרידלעכע רואיקייט. משה־שמעון איז געלעגן אין בעטגעוואַנט, אסתּר־ליבע האָט אים אַרומגעלייגט מיט נאַסע טיכער, און ער האָט געכאָרכלט ווי אַ געשאָכטענער.

א צעבלוטיקטער און צעדראַפּעטער איז אויך געזעסן וועווע. ער איז שוין איצט געזעסן אויבנאָן, אויף דעם איינציקן בענקל. דאָס לעמפּל האָט גערויכערט אויף דער וואַנט. וועווע האָט געטרונקען אַ גלעזל טיי, וואָס די שכנים האָבן אַהערגעברענגט. פון ערגעץ האָט מען אויך געברענגט יאַגאָדע־סאָק. אסתּר־ליבע האָט געפלאַמט, וועווע האָט אַלץ איבערגעחזרט:

— דער „שוואַלב“ האָט געזאָגט... כ'זאָל ווערן חתן...

אסתר־ליבע האָט זיך ארומגעקוקט און שטיל א זאָג געטאָן:

— וועוועשי... כ'האָב אפילו נישט געהאַלטן דערביי... נאָר זעסט דאָך, אז ס'איז א באַשערטע זאַך... זעסט דאָך, אז דער יונג דארף האָבן א טאַטנס א האַנט...

וועווע האָט געזופט די טיי און געענטפערט:

— דרשה־געשאַנק וועט מען אויך געבן... ס'וועט זיין אַ לעבן... און עס, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן ליגנדיקן יינגל, — עס וועל יאך קאַטעווען אלע טאָג... אזוי ווי אן אייגן קינד...

די שכנים זענען אריינגעקומען, ביזן שפּעטן אָוונט האָט מען אראָפּגעשריגן דורך די קליינע, נידעריקע פענצטערלעך, פון וואנען מ'האָט נאָר געזען די פּיס:

— מזל־טוב, וועווע... מזל־טוב...



# שבת אין געסל

די זומערדיקע שבתים אין געסל האָבן זיך געצויגן מאָדנע לאַנג, ווי אין א וואַרעמען, ליכטיקן דרימל. פון נאָך האַלבן טאָג אָן האָט זיך די זון אין א פייערדיקער קויל אוועקגעשטעלט איבערן דאַך פונעם „נייעם הויז“. דאָס נייע בלעך פון דעם הויז האָט געבלענדט מיט א ווייסן, צעגליטן גאָלד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויבן שפּילט זיך אָפּ אַ יום־טוב פון פרייד.

נאָך האַלבן טאָג האָט זיך צעלייגט א וואַרעמע און ליכטיקע רו. ביי די טויערלעך פון די נידעריקע, אָפּגעשונדענע הייזער האָט זיך געשטעלט א שטילקייט, ווי אַלץ וואָלט זיך באַהאַלטן ערגעץ אין די טונקעלע, אָרעמע שטובן. דאָס געסל איז געשלאָפן איינגעגראָבן אין די שוואַרצלעכע, מאָגערע בעטן מיט צעוואָרפענע הענט און פיס, מיט פאַרריסענע העלדזער, צעשויבערטע און פאַרטראָגענע. מען איז געשלאָפן פאַר שווערע שעהן פון דער וואָך. הענט און פיס האָבן גערוט, ווי אָפּגעהאַקטע, אין טויטלעכער מידקייט.

אין דער ליידיקער ליכט פון דער גאס האָבן געפינטלט נאָר איינציקע שאָטנס פון מענטשן. אין דער שעה, נאָך האַלבן טאָג, ווען פון איין זייט געסל האָט זיך צעלייגט א טונקעלער ווייכער שאָטן, ווי בלווילעך אויפגעוויקלט זייד, האָבן זיך דורכן געסל דורכגעטראָגן היימישע, באַקאַנטע געשטאַלטן.

אָט האָט זיך באַוויזן בערישל, דער אגענט פון „זינגערס מאַשינען“, אָנגעטאָן אין זיין אייביקן, גרינעם לעטניק, פאַרלייגט די קליינע, ווייסע הענטלעך פון הינטן. זיינע דינע, קורצע, קינדערישע פיסלעך מיט די צו קורצע הויזן האָבן זיך געפּלאָנטערט איבער די שפּיציקע שטיינער.

א גאַנצע וואָך האָט אים דאָס געסל געזען אַנדערש. אין דער וואָכן, ווען בערישל האָט זיך באַוויזן אינעם געסל, מיט דער שוואַרצער טעקע אונטערן אָרעם, איז געוואָרן א רעש און א בהלה. די מיידן, נייטאָרינס, און די ווייבער, שניידערינס, האָבן איבערגעריסן דאָס געזאַנג ביים נייען און אַנטלאָפן פון דער שטוב זיך באַהאַלטן אויף די בוידעמער. בערישל איז געקומען מאָנען די ראַטעס פאַר דער ניי־מאַשין. ער איז געווען זייער שטרענג. ער איז ארומגעלאָפן מיט א לאַנגן

בלײַפֿעדער אין דער האַנט, דעם האַרטן קאַפּעליוש האָט ער אַראָפּגענומען פֿונעם קאָפּ, צוליב דער ערנסטקייט געריידט פּויליש און געסטראַשעט מיטן סאָנד. די מאַמעס האָבן פֿאַר אים געוויינט, געבעטן, בעריש זאָל וואַרטן מיט דער ראַטע. בעריש האָט געשריגן מען זאָל נישט „פֿרעסן קיין געגדז", נאָר צאָלן פֿאַר דער ניי=מאַשין, ווייל די פֿירמע זינגער קאָן נישט וואַרטן... דערפֿאַר האָבן די ווייבער פֿאַר בערישלען באַהאַלטן דאָס זאַלץ=ברעטל מיטן פֿלייש.

די שיינע מיידן נייטאָרינס, וואָס זענען געווען ביי זיך „פֿעווגע", ווײַסנדיק, אַז בעריש האָט ליב צו טשעפּען, האָבן פֿון אים חוזק געמאַכט, זיך אוועקגעשטעלט פֿאַר אים מיט די הענט אויף די באָקעס און געקוקט, ווי זייערע קליינע אייגעלעך זענען פֿאַרגאַנגען מיט אַ זיסן גלאַנץ, און ער האָט זיי נאָך מכבד געווען מיט שאָקאָלאַדקעס, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט אין די קעשענעס.

אָבער שבת איז בעריש געגאַנגען אין געסל נישט צוליב די ראַטעס פֿאַר די מאַשינען. איצט איז ער געגאַנגען צו גוטשען דער אַלמנה. ער איז געגאַנגען צום שוואַרצלעכן מויערל נומער אַכט, אויף די קרומע, שוואַרצלעכע טרעפּ אין דער „פּאַציאַטע", וווּ גוטשע די אַלמנה האָט געוווינט.

גוטשע איז געווען אַ הויכע יידענע מיט שוואַרצע, געקרויזטע האָר. מ'האָט אויף איר אין געסל אויסגערעדט, אַז זי „גייט אין די האָר", אַז זי לויפֿט אַרום מיט רוסישע אָפֿיצירן, און אויבן, אין דער „פּאַציאַטע" מיט די קליינע פֿענצטערלעך, האָט גוטשע געאַרבעט מיט אירע שיקסלעך, זי האָט געמאַכט קאָלירטע פֿעדערן, רויטע, בלויע און געלע. מ'האָט גערעדט, אַז טיף אין ראָסיי האָט זי אַ מאַן, כאָטש זי האָט געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן. די שיקסלעך, וואָס האָבן ביי איר געאַרבעט די פֿעדערן, האָבן אַרויסגעוואונקען פֿון די פֿענצטערלעך און געהאַט צו טאָן מיט די שקצים, וואָס האָבן אויף די דעכער געיאָגט טויבן.

צו דער אַלמנה איז בעריש געגאַנגען יעדן שבת. נאָך האַלבן טאָג האָט ער זיך דורכגעשוואַרצט דורכן געסל, ווען דאָס געסל איז געשלאָפֿן. פֿונדעסטוועגן האָט מען געוווּסט, וועגן און ווו ער גייט. מ'האָט געוווּסט, אַז ער גייט צו דער „אַלמנה מיט די קודלעס". די ווײַבער האָבן אונטערגעקוקט פֿון די פֿענצטער און נאָכגעשאָלטן בערישלען דעם „געמיינעם יונג, דעם פּראַמייער, וואָס קריכט צו דער קלאַפּטע".

דאָס געסל איז געווען בייז אויף בערישלען, מ'האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ ווייב מיט קינדער אין אַ שטעטל.

אויך די קינדער פֿונעם געסל האָבן געוווּסט, וווהין בעריש גייט. זיי זענען אים נאָכגעלאָפֿן, און ווען ער איז געזעסן ביי דער אַלמנה, האָבן זיי אַרייננגעוואָרפֿן שטיינער און אַריינגעשריגן: „בעריש... בעריש... קוש זיך מיט דער

פּעדערמאַכעריז". גוטשע די אַלמנה האָט געשריגן אויף בערישלען, ער זאָל נישט קומען: „איך דאַרף נישט קיין קריכערס" — האָט זי געשריגן.

אָבער בערישל איז געקומען. ער איז געשטאַנען קעגן איר, קליין ווי אַ קינד. בערישל איז געווען פאַרליבט אין דער שוואַרצער גוטשען, און ווען זי האָט אים אַרויסגעיאָגט, איז ער אַוועק צו מיילעכן אין דער באַוואַריע, וווּ אויף דער טיר איז געווען אויסגעמאָלט אַ פעסל ביר מיט אַ לאַנגן צאַפּן. די טיר פון דער רעסטאָראַציע האָט געקלונגען מיט אַ בייז, רייסיק גלעקל. דאָ האָט בערישל געטרונקען ריינעם ספּירט, פאַרביסן מיט ציבעלעס. אַ ציבעלע איז שטענדיק געבליבן ליגן אויף זיין ווייך, העל בערדעלע איבער די דינע ליפּעלעך. ער האָט געוויינט און געציטערט מיט די ליפּעלעך דערפאַר, וואָס גוטשע האָט אים נישט ליב. די ווילע יונגען פונעם געסל האָבן אים איינגערעדט, אַז גוטשע האָט ליב וועווע קלעזמער, אַז זי האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און גיט אים צו עסן לעקער...

בערישל האָט זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין, ער האָט געשריגן, אַז ער איז אַ יתום, אַז ער האָט געקאָנט זיין אַן אַדוואָקאַט... און די גאַנצע נאַטשאַלסטווע קען אים, אַז ער וועט גיין צו אַ גלח און וועט זיך שמדן...

אָבער אויפן צווייטן שבת נאָך האַלבן טאָג האָט מען בערישלען ווידער געזען מיט אַן אויסגעקעמט בערדל, אינעם גרינעם לעטניק, פלאָנטערן מיט די פּיסלעך איבער די קרומע שטיינער פונעם געסל. ער איז געגאַנגען צו גוטשען דער אַלמנה. אין קעשענע האָט ער ווידער געטראָגן אַ שטיקל שמעקעדיקע זייף, אַ פלעשעלע פאַרפומען, אָדער אַ שאָקאָלאַדע פאַרן שיקסל, ווען גוטשע איז נישטאָ.

און ווידער שעלט דאָס געסל דעם אַלטן פּראַמייער, וואָס האָט אַ „לעבעדיקע" פרוי ערגעץ אין לובלין... און קריכט צו דעם „פּיפּלאָקס מיט די שוואַרצע קודלעם"...

* * *

די זון פאַלט ביסלעכווייז אַרונטער אונטערן דאַך פונעם „גייעם הויז". דאָס גייע בלעך לעשט זיך, ווערט קאַלט און בלוי ווי אַ מעסער. נידעריק, אַראָפּ צו די „אָקאָפּעס", וווּ עס רויִשן די בלוי-שוואַרצלעכע קאַשטאַנען-ביימער פונעם יידישן בית-עולם, הייבט אָן גליען אַ רויטער, פייערדיקער הימל. דער הימל גליט און צעגיסט זיך. און טונקעלע, קילע שאָטנס קריכן אָן פון אַלע זייטן. עס טראָגן זיך אָן ריחות פון אונטערן שטאָט, און ערגעץ ווייט גליט אַ גרינער שטראַל אויף אַ לאָנקע, בלענדט און רופט מיט זוניקער פרייד...

די רייכע באַלעבאַטים פונעם „גייעם הויז" גייען אַרויס נאָכן שלאָף אויף די באַלקאָנען אין די ווייסע גאַטקעס. זיי גענעצן לאַנג און הילכיק און שרייען אַראָפּ צו דער באַוואַריע, „מען זאָל זיי אַרויפשיקן קאַלט בייריש ביר"...

פאר די מויערן זיצן ווייבער מיט קינדער, איינגעהילטע אין שמאטעס. זיי זעצן זיך צו אין די רינגשטאָקן אויף „פרישע לופט“. אָרעמעלייט, יידן, וואָס אַר־בעטן אין פאבריקן, געלע, מיט רויטע, קאַליעדיקע אויגן, אָנגעטונענע אין ציצענע באַלאַטלעך, שמועסן צווישן זיך, קרימען זיך פאר דער ליכטשפּיל, אזוי ווי מאָל־פעס. פורמאַן־יונגען און לאַטקעס, לאָבוזעס, שטייען אין א רעדל נעבן מאַקס פעלדשערס רעזורע, לאַכן אָפּ פון די יאָלדישע חתנים, וואָס גייען מיט די אויס־געפוצטע כלות שפּאַצירן אין „יענע גאַסן“.

די כלות לאָזן זיך ארוים מיט די נייע שיך, זייערע גאַרסעטן קנאַקן ביי יעדן טריט מיט א בלעכענער קנאַקערײ, די נייע שיך קוועטשן, מע גייט אויף די שפּיץ פינגער. און די חתנים האָבן ווייסע נעז און בליציקע אויגן פון כעס...

— מ'האָט געדאַרפט א גרעסערע קאָפּעטע... — זאָגט דער חתן, וואָס איז אליין א שוסטער. און די כלה פארענטפערט זיך, אז די שיך זענען נאָך צו גרויס, פאלן אראָפּ פון די פיס... נאָר דאָס ביינדל...

אינמיטן קומט אָן א יידענע מיט א רעדל קינדער. די יידענע טראָגט א פּאַק ברהודיק וועש. זי לויפט אינמיטן דער גאַס מיט אַ שפּיציק געשריי, זי קנייפט זיך די באַקן, און די קינדער וויינען און שרייען. ווייבער לויפן ארויס פון אלע טויער־לעך, העלפן וויינען און שנייצן די נעז.

מען שרייט אריין אין די טירן און פענצטער וועגן דעם אומגליק, אז גיטל דער פליקערס מאַן, אברהמל דער שאָכער, איז געשטאָרבן אין משיסטער שפּי־טאָל. אין געסל ווערט א גערודער, מען שעלט דאָס שפּיטאָל, אז דאָרט שאַכט מען דעם אָרעמען מענטש... אַז די דאָקטוירים, די קאָוואַלעס, האָבן געהרגעט אַברהמל שאָכער...

* * *

א קיל ווינטל טראָגט זיך אָן. דער הימל ווערט שטרענג בלוי. פון אונטער די ווענט צעלייגן זיך שאָטנס. פונדערווייטנס, אין איין פענצטערל פון א בלינדער וואַנט, האָט זיך די גאַנצע רויטע זון אריינגעגאָסן, און פון דאָרט ציען זיך שטראַלן, רויטע, ברענענדיקע פעדעם...

און אראָפּ צו די „אָקאָפּעס“ ליגט מיט א שטרענגער שרעקיקייט דאָס אומע־טיקע וועלדל פונעם יידישן בית־עולם. מ'רעדט וועגן טויט, וואָס האָט צוגענומען דעם קליינעם, בלאַסן, שטילן ייד, וואָס האָט געשריגן מיט אַ צעריסן געשריי: „האַנדי... האַנדי... האַנדי...“

קליינע ייגנלעך נעמען זיך צוזאַמען, רעדן וועגן שטאַרבן... זיי קוקן מיט שרעק צו די שוואַרצע בית־עולם־ביימער, און עס דאַכט זיך זיי, אז אין דער ווי־טער שוואַרצקייט פינטלען ארום מתים... ווייסע מתים...

# ס'איז פריילעך

אלע פאַרנאַכט, ווען שמחלע טרעגער קומט צוריק פון גאַס אין געסל אריין, באַגעגנט ער שוין דאָ זיין ווייב טשיפע. זי זיצט אויף די טרעפּלעך פון דעם „נייעם הויז" אין געסל, פאַר בריך חסידים בשמים־געוועלב. שמחהלע זעצט זיך נעבן איר און מען הייבט זיך אָן צו קריגן.

טשיפּע איז א קליינע, בלויע יידענע מיט א קליין, האַרט, איינגעשרומפּן קע־פּעלע. אירע שמאָלע, בלויע ליפּן שפּייען מיט ווערטער, מיט קללות. זי שפּרינגט אויף און לאָזט זיך צום מאַן מיט קליינע, האַרטע, שוואַרצע פויסטן. די מאַרק־ווייבער, הענדלעריננס, פורמאַנעס און גאַסן־יונגען ווילן זיך:

— ס'אַ ריבעל אַ בילעט... — האַלט זיך אַ יונג פאַרן בויך פאַר געלעכטער.

— טשיפּע... לאָז עם אַריין ס'פּיפּטל צווישן די אויגן... האָ נישט קאַ מורא...

שמחהלע טרעגער פאַררוקט ביידע רויטע הענט אין די שטריק אויפן בויך און רייצט זיך מיטן ווייב ווי מיט א הונט:

— ר־ר־ר — וועזש־גאָ... ר־ר־ר־ר...

טשיפּע ווייסט שוין, אז דער מאַן האָט נישט קיין געלט, זי איז אים חושד, אז דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער — פאַרנאַשט.

די אַנדערע טרעגער און גאַסן־יונגען ווייסן שוין, וויאזוי אויפצורייצן טשיפּען. זיי שרייען צו איר:

— טשיפּע... א גאנצן טאָג עסט ער בייגל מיט באָבעם און טרינקט סאָדע־וואסער מיט סאָק...

ווי טשיפּע דערהערט, אז ער עסט בייגל מיט באָבעם, הייבט זי אויף א וויסטע קללה...

— אז פרעסן זאָלן דיך שוין ווערעם... רבונו־של־עולם... דו טרייפענער האַלדז...

* * *

ברוך חסיד זיצט אויפן גאַניק איבער זיין גרוים בשמים־געשעפט. ער איז א שיינער, איידעלער ייד מיט א שוואַרץ, זיידן בערדל. ער איז אָנגעטאָן אין א זיידענעם שלאַפראָק מיט א סאַמעטן קאַפּל אויפן קאָפּ. נעבן אים אויף א טישל שטייט אַ שיין גלאָז מיט אַ טעצעלע איינגעמאַכטס. טשיפּעס געשרייען לאָזן אים נישט לערנען אינעם ספר. ער בויגט זיך אַראָפּ איבערן באַלקאָן און שרייט אַראָפּ:

— יידן, זאָל זיין שטיל... לאָזט לערנען, זייטס נישט מבטל...

ווי נאָר טשיפּע דערזעט ברוך חסיד, דערמאָנט זי זיך, וויאַזוי ער האָט זי חתונה געמאַכט פאַר שמחהלע טרעגער. ווייל זי איז געווען א יתומה, און שמחהלע איז גראָד דעמאָלט געקומען פון פאָניען — און איז געווען א „שטיק גוי". הייבט זי אויף ביידע הענט אַרויף צו ברוך חסיד, און דאָ הייבט זי ערשט אָן. טשיפּע שרייט:

— אויסגעבאַפּט האָט ער געמעגט ווערן דער גנבישער חסיד... וואָס האָט מיך פאַרשלייערט פאַר דעם באַנדיט.. מ'זאָל עם שוין אויסשלייערן אויף יענער וועלט... רבונו־של־עולם...

שמחהלע טרעגער קראַצט זיך אונטערן היטל און באַשטייט:

— ער וואָלט געמעגט ברעכן א פוס... וואָלט יאך נישט דערקאָנט די טשאַטשקע... — און יאך האָבן געבעטן ער זאָל מיך חתונה מאַכן... אַ סוואָר וואָלט ער איינגענומען אַ מיתה משונה... אַ מצווהלע האָט ער געוואָלט האָבן...

טשיפּע צילעוועט אָן איר קוויטש גלייך צו ברוכן אויפן באַלקאָן און וואַרפט אַרויף:

— יאך וואָלט עם אויסגעגראַטשעט די אויגן... און אויסגעריסן דאָס קאָזע־בערדל... דעם צלאַפּ... ער האָט געהאַט רחמנות אויף א יתומה... און האָט מאָך פאַרשלייערט מיט אַזאַ קאַטאַרזשאַן... וואָס האָט מיר געפעלט, ווען יאך בין געווען א מויד... כ'האָב דאָך געלעבט ווי א קייסעריניע...

שמחהלע טרעגער כאַפּט אונטער:

— און מיר איז געווען שלעכט... ביי פאָניען... כ'האָב אַריינגעריבן די טרייפענע קאַשע... דער ערשטער סאָלדאַט אין דער ראָטע... טרעטי פיעכאָטני סטריעל־קאָווי פּאָלק. דער ראָטנע קאָמאַנדיר... פּיעטוכאָוו אַליין... האָט מיר געפּאַטשט אין דער פּלייצע: „מאָלאָדיעץ, סוקין סין"... כ'בין געגאַנגען א פּאָר שטיוועלער, האָבן זיי געשפּיגלט... האָב יאך באַדאַרפט האָבן אַזא מאַלפּע...

טשיפּע שיסט מיט פייער:

— און מיט שיקסעס האָסטו זיך אַרומגעשלעפּט... דו טרייפענער ביין...

— שיקסעס אזוי ווי די קעץ... — זאָגט שמחהלע טרעגער, — ר' ברוך... איר האָט געמעגט אָנקוקן די שיקסעס, וואָס יאך האָב געהאַט...

ר' ברוך פאַרשטעלט זיך די אויערן:

— פע... פע... דו גראָבער יונג... עולם־הזהניק... אזעלכע רייד... הא...

דער עולם הייבט ווידער אויף א געלעכטער, און א רעגן פון ווערטלעך טוען זיך א שיט. דערנאָך נעמט מען ווידער שעלטן דעם „גנבישן חסיד“, וואָס האָט זיי התונה געמאַכט. שמחהלע צעהוליעט זיך, גייט ארום איינמיטן גאַס, אויפן כרוק און שרייט ארויף צו ר' ברוכן:

— העי, ר' ברוך, נעמט אייך צוריק די קליפּה...

ר' ברוך איז אויסער זיך, ער פרעגט שטיל:

— שמחה, וואָס ווילסטו?...

שמחה טרעגער פאַרלירט זיך א ביסל, הייבט אָן פּלאָנטערן מיט דער צונג, אָבער דאָס געסל גיט אים צו קוראַזש:

— שמחהלע... זאָג, זאָג...

— ר' ברוך... כ'וויל אייך דאַנקען פאַר דער טובה, וואָס איר האָט מיך התונה געמאַכט...

דער עולם הודזשעט פאַר געלעכטער.

— איי, שמחהלע...

שמחהלע קראַצט זיך:

— ר' ברוך... לאָמיר זיך טוישן מיט די ווייבער...

דאָס געסל יובלט...

משיפע קנייפּט זיך די באַקן און שרייט מיט א ווילדן קוויטש:

— מענטשן... הערטס נאָר, וואָס דער בענדיט רעדט...

ר' ברוך בייגט זיך אראָפּ און שרייט צו משיפען:

— משיפע... זיי נישט קיין חצופה... יידן, גייטס אהיים...

און ער פאַרשווינדט.

שמחהלע טרעגער רעדט געלאַסן:

— יאך האָב עס אין דער ערד... יאך קאָן מיך גטן...

די יידענע שפּרינגט פון דער הויט:

— און יאך וויל דען נישט?...

— טאָ קום צום רב... דו אַלטע קלעמפּע...

— צו וואָס דאַרף יאך א רב... ביסט קראַנק צו שיקן א גט?... לאָמיך שוין דייגע שוואַרצע פּטור ווערן...

— זעטס נאָר, מענטשן, ווען יאך וועל דאָ שיקן א גט מיט א פּאָסלאַ־

ניעך? ביסט קראַנק און געשוואָלן צו גיין צום רב... דאָרט וועל יאַך דיר פריער אונטערהאַקן א לונג... נאַ פּאַזשעגנאַניע...

— און יאַך וואָלט שוין בעסער געוואָלט נאָכגיין נאָך דיין לוויה...

דאָס רעדל ווערט גרעסער, עפּעס א באַלעבאַטישער ייד פּרוווט זיך אריינמישן:

— פע, יידן זאָלן מאַכן אינמיטן דער גאס אזא וויסטע גראַטשקע... יידענע, שעלטס נישט... עץ קאָנט נאָך, חלילה, אויסרעדן אין אזא שעה...

משיפע טאַנצט ארום ווי א וויזעלע. זי שטעלט זיך אוועק קעגן דעם יידן און פרעגט ערנסט:

— אדרבא, פעטער... כ'וויל טאָקע וויסן... ווען איז די ריכטיקע שעה...

דער ייד קאָן נישט צוהערן און אַנטלויפט.

די דראָזשקאַזשעס קנאַקן מיט די בייטשן:

— איי, ס'איז פריילעך און לעבעדיק...

און משיפע האַלט איצט א דרשה פאר דער גאַנצער גאס:

— מענטשן, עץ ווייסט דען, וואָס דאָס איז פאר א קאַטאַזשאַן... ס'איז דאָך א מערדאָ... א בענדיט... ער האָט דאָך נישט אין זער קא קריש יידיש הארץ... ער האָט דאָך מיר פאַרוויסט און פאַרפינצטערט דאָס לעבן...

דער עולם שרייט:

— שמחהלע... געב זי נאָר אַ טראָג אוועק...

איין שמחהלען צינדט זיך מיטאַמאָל אָן אַ פאַרלאַנג צו וויילן דאָס געסל. ער טוט אַ כאַפּ די יידענע ווי אַ זאַק אויף די פּלייצעס און טראָגט זי איבערן געסל אונטער די הילכיקע געשרייען און געלעכטערן.

די יידענע דריגעט מיט די פיס. זי טראָגט צעריסענע, מענערישע, גרויסע שיך און צעריסענע, רויטע זאָקן, פאַרבונדענע מיט שטריקלעך. משיפע דראַפּעט אים דעם קאַרק און שרייט:

— לאָז מיך אָפּ... פראָכאָוואַניק... וויי...

שמחהלע לאָזט אַראָפּ די יידענע. זי דרייט זיך ווי אַ חנוכה-דריידל.

שמחהלע איז שוין אויסגעשעפּט, ער וויל זיך שוין נישט קריגן. ער שטייט מיט די געלע ציין און וואַסערדיקע אויגן און שמייכלט:

— נאָר געלט וויל זי.

— געלט... דו גיסט מיר געלט?... מען זעט דען ביי עם אַ גראָשן... דו טרייפענער האַלדז... דו זולל וסובא... מענטשן... דאָס איז דאָך אַ געשמדטער האַלדז... אַ גאַנצן טאָג האַלט ער אין איין פרעסן און נאַשן... ער פרעסט בייגל... עץ ווייסט דען, וויפל בייגל דאָס פרעסט אויף אַ טאָג... און אַרבעס מיט באָבעס... און די סאָדע-וואַסערס מיט די סאָקן... מענטשן האַרצעריקע, אַנומלטן האָב יאַך

דאַך בײַ עם געפֿונען אַ יירים... און לאַדעס, מיינט ער, פֿרעסט עס נישט?... זאָלן מיר אַלע אַזוי לעבן... ער איז זיך געגאַנגען אין יידישן טעאַטער... ווי מ'האָט געשפּילט דאָס שטיק פֿון די „פֿאַלשע מענאַ"...

זי לויפֿט אַרום מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט עמעצן כאַפּן אויף די הערנער. דאָס טיכל איז בײַ איר אַראָפּגעפֿאַלן און זי שרייט מיט אַ בייזער, ביטערער זיסקייט, שפּילנדיק אים אין די אויגן אַריין מיט אַ שטעכיקן סאַרקאַזם:

שמחהשע... אַ פּאָר בייגעלעך ווילסטו... אַ ביסעלע אַרבעס מיט פֿעפֿער... דערכאַפּן ס'הערצעלע... האַ?...

די גאַסן־העקדלערקעס מישן זיך אַריין. טייל פֿאַרענטפֿערן שמחהלע טרעגער:

— און אַז אַ מאַנצפּאַרשוין עסט אַמאָל אַ ביסל באָבעס...

מיטאַמאָל מאַכט זיך עפּעס אַ פּעקל אָוועקצוטראָגן און שמחהלע פֿאַר־שווינדט. עס ווערט שטיל. טשיפּע זיצט אויף אַ טרעפּל און וואַרט, ביז וואַנען דער מאַן וועט צוריקקומען. דערנאָך גייט מען צוזאַמען אַהיים אויף פּאָוואָנזעק.

אויפֿן וועג ריידט מען זיך איבער:

— ווילסטאָך זיך גטן... טאָ קום צום רב...

— גיי אין דער ערד אַריין מיטן רב...

— טשיפּע...

— וואָס טשיפּעסטו... וואָס אי?

— סט'קאָכן אַ ביסל עסן?...

— געשמוטער האַלדז...

אויפֿן וועג טרעפֿט מען נאָך פּאָוואָנזקער. מען קומט אַריין אין די קרומע געסלעך פֿון דער הינטערשטאָט, הייבט מען זיך אָ' איבערבעטן. שמחהלע נעמט אַרויס די פּאָר גראָשן, וואָס ער האָט פֿאַרדינט און גיט טשיפּען.

— הו האָסט נאָך... קאַטאַזשאַן... און זי באַזוכט אים אין די קעשענעס. שמחהלע שטייט און שמייכלט מיט גרינע ציין.

— טשיפּע... קויף אַ הערינג...

— נאָר ס'גלוסט זיך אים... נאָר נאַשן...

מען קומט אַהיים, זיצט מען בײַ דער וועטשערע. שכנים קומען אַריין... שמחהלע טרעגער זיצט, אַן די שטיוול, און גלעט זיינע גלעע, באָרוועסע פֿיס. ער דערציילט פֿאַר די שכנים מעשיות וועגן פּאָניע גנב, ווי ער האָט געדינט אויף סלוזש־בע... דער ראָטנער קאָמאַנדיר... פּיעטוכאָוו אַליין האָט אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע: „מאָלאָדיעץ, סוקין סין"...

און טשיפּע וואַרפֿט אים אַלע מאָל אַריין מיט אַ קוועלנדיק פּנים:

— שקר וכזב... שמחהלע קאַטאַזשאַן...

# זאַבאַ

אין די אַלטע, רוסישע צייטן איז ביים ראָג פונעם געסל, אויף אַ שטיק ליידיק פעלד, אַרומגערינגלט מיט אַ שיטער פּלויטל, אין אַ גערטל, געשטאַנען דאָס הויז.

דאָס איז געווען אַ הילצערן אַלט־פּויליש הויז מיט אַ גאַניק אין געסל אַריין. דער גאַניק מיט די פענצטער זענען געווען געדיכט פאַרשטעלט מיט קאָלירטע בלומען־טעפּ. די שויבן האָבן געגלאַנצט מיט רו און זיכערקייט. און ביים טויער האָט געבילט אַ הונט.

אין דער הינטערשטער טייל הויז האָט געוווינט דער אַלטער סטרוזש „סקריפּקאַ", אַ רוסישער קאָזאַק, וואָס האָט זומער און ווינטער געטראָגן אויפן קאָפּ אַ שוואַרצע האָריקע „פּאַפּאַכאַ" און פילצענע שטיוול, „וואַלינקעס", אויף די פיס. דאָס ווייסע העמד איז ביי אים געווען אויסגענייט מיט רויט און בלוי און אַריבערגעלאָזט איבער די ברייטע הויזן. אויפן העמד האָט ער געטראָגן אַ וועסטל, און אין ביידע וועסטל־קעשענעס האָט ער געטראָגן צוויי זייגערס, פון וועלכע איינער איז געווען מיט אַ מוזיק און האָט אויסגעשפּילט דעם רוסישן צאַרישן הימן: „באָזשע צאַריאַ כראַני". „סקריפּקאַ" איז געווען אַלט אַ יאָר זיבעציק, האָט געהאַט לאַנגע, געל־גרויע וואָנסן און קליינע, בלויע, טרערנדיקע אויגן.

די יידישע יינגלעך פונעם געסל זענען געשטאַנען אַרום, ווען „סקריפּקאַ" איז געווען שיכור, און דער אַלטער קאָזאַק האָט זיי דערציילט פון די רוסישע גענעראַלן, פונעם גענעראַל סקאָבלעוו. ער האָט געוויינט, זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין געטיילט די יינגלעך „טשעמעטשקעס" און געשריגן, אַז ער וויל שטאַרבן „זאַ פּראַוודו", און געדראָט די פּאָליאַקן, די „מיאַטיעזשניקעס".

אין דער אויבערשטער טייל הויז, מיט דעם גאַניק אין געסל אַריין, האָט געוווינט די „שטודירטע" הייבאַם מיט איר טעכטערל זאָשקע, וועלכע דאָס געסל האָט גערופן „זאָבאַ". די הייבאַם איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, אַ הויכע. זי האָט געהאַט שוואַרצע, גראָלעכע האָר און שוואַרצע, יידישע

אויגן. זי איז געווען אַן אַלמנה. אין געסל האָט מען דערציילט, אַז איר מאַן איז געווען א רוסישער פּאָלקאָווניק, דערפאַר האָבן זי די רוסישע מיליטערלייט גערופן צו געבורטן. און ווירקלעך האָט מען זי אָפט געזען מיט איר הייבאַם־רעצנעלע גיין צו די רוסישע פּעסטונגען, וואָס זענען געלעגן נישט ווייט פונעם געסל, ביים ברעג פון דער שטאָט.

די ווייבער אין געסל האָבן דערציילט, אַז כאָטש ביי איר אויף די ווענט הענגען הייליקע בילדער און עס גייען צו איר גלחים, איז זי אַ יידישע טאָכטער, ווייל אָפט איז זי פאַרוויינט און זי טיילט צדקה יידישע אָרעמעלייט.

— ווען „ס'קומט איר אָן"... וויינט זי און רעדט יידיש...

כאָטש קיינער האָט אויף קלאָר נישט געוווסט, צי זי איז אַמאָל געווען אַ יידישע, האָט מען דערווייל געשאָלטן און זי „געהאַט" פאַר אַ שטענדיקע כפּרה. דערביי האָט מען אויף איר אויך געהאַט רחמנות, וואָס „גאָט האָט זי גע־שטראָפט" און זי איז געוואָרן אַ גויע.

די ווייבער האָבן געקלאָגט איבער איר.

— אַ קלאָג איז שוין צו אַזעלכער... אַז אַזוינס קומט אַראָפּ אויף יענער וועלט... עט'ז זאָלט אַ קוק טאָן ביי איר אין שטוב... משטיינס געזאָגט... די בלומען־טעפּ אין די פענצטער... אַלץ איז אויסגעוואַשן... ס'בלאַנקט... פונקט ווי ביי „זיי"... נישט פאַר קיין יידן געדאַכט...

און מ'האָט נאָר געזוכט זיך צו דערוויסן, צי „ס'טוט איר נישט באַנג".

דאָס טעכטערל זאָשקע איז אַלט געווען אַ יאָר צוועלף. זי האָט זיך גאַנצע טעג געשפּילט מיט די יידישע קינדער אין געסל, פון געבוירן אָן. זאָשקע איז געווען אַ ווילד און פאַרשייט מיידל. זי האָט זיך געשלאָגן מיט די ייִנגלעך און מיט די שקצים, אויסגעהאַקט שויבן, דערביי איז זי געווען באַליבט צוליב איר ווילדער שיינקייט און פריילעכקייט.

זאָשקע האָט, ווי אַלע גויישע קינדער אין געסל, גערעדט יידיש. די יידישע קינדער האָבן זיך געדייצט, געוויזן איר אַ צלם מיט צוויי איבערגעקרייצטע פינ־גער. זאָשקע פלעגט זיך דערפאַר אָנצינדן, שעלטן אויף פויליש און אויף רוסיש און שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס. טיילמאָל פלעגן איר די יידישע ייִנגלעך אריינשרייען אין פּנים אַריין מאָדנע ווערטער: „שמדקע", „וועסט ליגן אויפן צמענטאַזש". „פאַרוואָס האָסטו זיך געשמדט?"...

דעמלט האָט זיי זאָשקע אָנגעקוקט מיט גרויסע, לוסטיקע און פאַרוונדערטע אויגן. זי האָט פּשוט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט.

* * *

מיטאַמאָל איז זאַשקע פאַרשוואונדן פונעם געסל. זעלטן ווען מען האָט זי געזען דורכגיין. זי איז מאָגער גיך, דורך עטלעכע פרילינגס, אויסגעוואַקסן שלאַנק און שטאָלץ. מיט אַ באַזונדער גלאַנץ אין די אויגן און אַ געטאָקטער, פייגער פולקייט אין די פיס. ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען דורכן געסל, האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט נישט קיינעם. און די יידישע ייִנגלעך, מיט וועלכע זי האָט זיך נישט לאַנג צוריק געשפּילט און געשטיפּט, האָבן מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך עפּעס אַ פרעמדע, יונגע, שיינע פריצטע, און נישט ווילנדיק האָבן זיי פאַר איר אַ הייב געטאָן דאָס היטל. קיינעם איז מער נישט איינגעפאַלן צו רעדן צו איר יידיש; און די ווייבער האָבן צווישן זיך גערעדט:

— אַ מבין... אַזאַ „פאַרשריגעניש"... ווי דאָס האָט געגעבן אַ וואַקס אויף.

— און שיין... ווי די וועלט...

— אַ „גראַפינע"...

מען האָט זיך צוגעוווינט, גענומען זי רופן: „די שיינע זאָך". מען האָט זי זעלטן געזען. ביז וואַנען זי האָט זיך איינמאָל באַוויזן מיט אַ הויכן רוסישן אָפיצער, וואָס האָט פאַרקלונגען דאָס געסל מיט זיינע שפּאָרן. זאָכאַ איז געגאַנגען אין איר גאַנצער פּראַכט, ווי אַ בלייכע, פרישע רויז, לייכט ווויגנדיק זיך אויף אירע הויכע, שלאַנקע פיס; און אַלע אינעם געסל האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזוי דאַרף עס זיין.

פון דעמלט אָן זענען דורכן געסל געגאַנגען אָפיצערן פון פאַרשידענער הייך, פון פאַרשידענעם ראַנג, אין פאַרשידענע מונדירן, צופּוס און רייטנדיקע, אין ברישקעס און אין קאָטשן. די דריי קליינע פענצטער אין דער אויבערשטער טייל פונעם הויז האָבן נאַכט־ביי־נאַכט געלויכטן מיט גרעלער ליכט, און פיל פאַרבענקטע בליקן פון יידישע יונגעלייט אין געסל, זאַשעס אַמאָליקע חברים, זענען פאַרקוקט געווען צו די פענצטער פון דער הייבאַם.

דערנאָך זענען געקומען נעכט, ווען פון די פענצטער האָט זיך געטראָגן ראַשיקע מוזיק און טענץ. און אין פאַרטאָגן, ווען דאָס געסל האָט זיך געוועקט צום טאָג, האָט מען געזען פון גערטל ארויסשפּאַנען שיכורע אָפיצערן. אויפן גאַניק איז געשטאַנען זאַשע, מיט צעלאָזענע האָר, אַ מידע און אַ שיינע, ווי אַ „נישטגוטע".

אינעם געסל האָט מען אָנגעהויבן דערציילן, אַז זאַשע גיט גרויסע נדבות, ווען מען קומט צו איר בעטן, און אַז זי קאָן העלפן באַפרייען פון מיליטער און זאָגט נישט אָפּ קיין טובות, ווען מען דאַרף העלפן יידן.

די שיינע מיידן אין געסל האָבן אָנגעהויבן נאָכמאַכן די קליידער, וואָס זאַשע האָט געטראָגן. מען האָט דערציילט, אַז עפּעס איינער, אַ שיינער יונג, אַ פרי־

זירעוו, האָט זיך פאַרליבט אין זאָשען און איז דערפון משוגע געוואָרן... און ווען מען האָט געזען אין געסל די מוטער, די הייבאַם, ווי זי איז געגאַנגען אַ בלייכע און אַ גרויע, האָבן זיך די ווייבער געקניפּט די באַקן:

— געוואַלד געשריגן... דאָס יידישקייט קוקט דאָך איר אַרויס פון די אויגן... וואָס זי ווערט עלטער... זעט מען אַלץ מער... אַז ס'איז נעבעך אַ יידיש קינד...

און די ווייבער פונעם געסל האָבן באַוויינט די „פאַרוואָגלטע יידישע נשמה, וואָס איז נעבעך פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן“.

איז אָבער געקומען אַ טאָג, ווען אין דער הייבאַמס פענצטער איז געוואָרן טונקל, עס האָט פון זיי גאָר געבליצט אַ שוואַך פלעמל פון אַן אַראָפּגעדרייטער לאָמפּ און אַ שטילער טרוייער האָט געזאָגט פון דאָרט.

מען האָט אָנגעהויבן זען זאָכאַן לויפנדיק מיט אַ טוך איבערן קאָפּ. זי איז געלאָפן אין דער אַפּטייק, פון וואַנען זי האָט געטראָגן פלעשלעך מיט רפואות, און גאַנץ אָפט האָבן זיך ביים טויער פון דעם געסל אָפּגעשטעלט די באַקאַנטע קאָטשן פון באַרימטע דאָקטוירים.

און אין איין טאָג האָט זיך דאָס געסל דערוווסט, אַז די הייבאַם האַלט שלעכט...

* * *

אַלץ שטילער און טונקעלער איז געוואָרן אין די פענצטער פון דער הייבאַם. און אינעם געסל האָבן זיך אַ טראָג געטאָן אַנדערע נייעסן וועגן איר. מען האָט דערציילט, אַז זי האָט חרטה... אַז זי וויל פאַרן טויט צוריק ווערן אַ יידישע טאָכ־טער... מען האָט דערציילט, אַז עס זיצט נעבן איר אַ גלח און היט זי... און יעדן גלח, וואָס מען האָט געזען אין דער געגנט, איז מען נאָכגעגאַנגען, זען, צי ער גייט נישט צו איר.

מען האָט אַרומגעקרייזט אַרום דעם הויז, אַריינגעקוקט אין די פענצטער, און די פרומע ווייבער האָבן געהאַלטן אין איין ברעכן די הענט:

— אַז ביי „זיי“ קאָן מען דאַך גאָרנישט וויסן, האַרצעדיקע מענטשן... ביי אונדז, אַז אַ מענטש האַלט שלעכט... מאַכט מען אַ יללה... שרייט מען אָפּ... מע לאָזט נישט... אָבער ביי זיי... משטיינס געזאָגט... הערט מען דאָך נישט קיין פּיפּס...

פלוצלונג אָבער האָט זיך אינעם געסל באַוויזן אַן עלטערער ייד, מיט אַ לאַנ־גער, גרויסער באָרד, מיט אים אַ ווייבל, אַ הויכע, אַ שוואַרצע, וואָס איז געווען זייער ענלעך צו דער הייבאַם.

דער ייד מיטן ווייבל האָבן זיך אַריינגעלאָזן אינעם געסל מיט אַ געלויף, ווי עם לויפן מענטשן ביי אַ שׂרפה אָדער ביי אַ גנבה. דער ייד האָט געהאַלטן אין דער האַנט עפּעס אַן אַלטן טייסטער מיט פּאַפּירן. ער איז געלאָפן מיט צעשפּריי־טע פּאָלעס און אַ צעפּלאָשעטער באָרד, זיך געלאָזן צום גערטל, צום הויז, וווּ עס האָט געוווינט די „שטודירטע" הייבאַם.

קינד און קייט האָבן זיך אַרויסגעלאָזן פון די טונקעלע הייפלעך און אַרומ־גערינגלט דאָס הויז. ווען דער ייד איז צוגעקומען צום גערטל, האָבן זיך זיינע פיס אונטערגעבראָכן און זיין בליק האָט באַקומען אַ צעמישטקייט. דער בהלהדיקער רעש פון די קינדער, יידן, ווייבער איז מיידן האָט אים צעטומלט. נאָר דאָס ווייבל, וואָס איז געווען דער הייבאַמס שוועסטער, האָט מיט צעפּאַטלטע האָר און רויטע פלעקן אויפן פּנים געשריגן נישט מיט איר קול:

„טאַטע, ס'איז שפּעט".

דער עולם האָט זיך אָנגעצונדן אין מיטאַמאָל, ווען מען איז צוגעקומען צו דער הויז־טיר, האָט זיך דער גאַנצער עולם אַ רוק געטאָן צוריק.

אויף די טרעפּ זענען געשטאַנען גוים און גוייעס. זיי זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און שטיל געמורמלט. די גוייעס האָבן געהאַלטן די פינגער איינגעבראָכן אין די באַקן און סודותדיק געבליקט אַרויפצו, פון וואַנען עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן עפּעס אַ דיקער קריסט מיט לאַנגע, פּוילישע וואָנסן; ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן, שוואַרצן ראָק. ער איז געגאַנגען גיך, מאַכנדיק מיט די הענט, און עס האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גלעקל. באַלד נאָך אים האָט זיך באַוויזן אַ גלח, אָנגעטאָן אין אַ ווייסער, געשטריקטער פּעלעריגע. די גוים האָבן זיך אַ רוק געטאָן, און דער גלח איז מיט איילן טריט אַרויס פונעם הויזל. דערמיט האָבן זיך די גוים דערנענטערט צו די יידן און געקוקט אויף זיי. דאָ איז אייך געשטאַנען דער סטרוזש „סקריפּקאַ". יום־טובדיק אָנגעטאָן, אין אַ בלוי פּאַלטער, אין דער גרויסער מעשענער בליאַכע, מיטן נומער פונעם הויז אויפן היטל, ער האָט זעלנעריש געהאַלטן די הענט אַראָפּגעלאָזן „פּאָ שוואַם" און מיט פאַרלעכן טרויער געקוקט אויף אַלעם.

אַ שטיל געברויז האָט זיך אויפגעהויבן. דער ייד מיט דער טאָכטער זענען געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ. מיטאַמאָל האָט דער ייד אַרומגעכאַפּט מיט די הענט זיין קאָפּ און זיך געוויגט אויף איין אָרט. אַזוי, אָנגעבויגן, געפירט פון דער טאָכטער, האָט ער לאַנגזאַם גענומען שפּאַנען צו די טרעפּ.

די גוים האָבן געשוויגן. זיי זענען געווען דערשראָקן. די ווייסע באָרד פון דעם יידן און דער ריח פון ווייראוך האָבן אַריינגעטראָגן עפּעס אַ געמיט פון ווי־

טע פֿאַרגעפּלטע צייטן, און זיי האָבן פֿאַרטראָגן געקוקט, ווי דער ייִד מיט דעם ווייבל זענען פֿאַרשוווּנדן אַרויף, אין דער שטילער טונקלקייט פֿון די טרעפּ.

* * *

ווי נאָר דער ייִד מיטן ווייבל זענען אַרויף אויף די טרעפּ, האָט אונטן דער עולם ווידער אָנגעהויבן רעשן. עס האָט זיך פֿאַרזאַמלט פּעבל פֿון די אַרומיקע געסלעך. עס זענען געקומען „ווילע יונגען“ מיט זייערע כּלות פֿון דער ייִדישער אונטערוועלט, עס זענען געקומען „שטאַרקע“, וואָס האָבן געזוכט ווו אַ קלאַפּ צו טאָן; און דער עולם אַרום זיי האָט גענומען וואַרטן אויף גרויסע געשעענישן.

די גויים האָבן זיך אויך גענומען אויספֿרעגן. און ווען מען האָט זיי דער־ציילט, אַז דער ייִד מיט דער ווייסער באָרד איז דער געשטאָרבענערס פֿאָטער, האָבן זיי זיך געקראַצט אין די קעפּ, געפֿרעגט, צי עס איז נישט אַמאָל אַ ייִדישער „שווינדעל“ און בּיסלעכווייז זיך גענומען רוקן צו די טרעפּ, צוזאַמען מיט דעם גאַנצן עולם.

עפּעס אַן עלטערער גוי האָט כּסדר געשריגן, אַז „יעדער מענטש דאַרף האָבן זיין „רעליגיע“, און די גויים האָבן געשוווירן, אַז זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז די „קאַטאָליטשקע“... „אָזאַ פֿיינע... אָזאַ איידעלע“... שטאַמט פֿון „סטאַראָזאַ־קאָנגע“.

אויבן, אין דעם ערשטן צימער, וווּ אַלץ איז געווען צערודערט און געדיכט אָנגעשטעלט מיט מעבל, איז די געשטאָרבענע געלעגן אויף אַ פּלאַך בעט, נעבן וועלכע עס איז געשטאַנען אַן עלטערע קרייסטין אויף די קני, בײדע הענט צו־גויפּגעלייגט צום געבעט, און עפּעס געזאָגט שטיל, שעפּטשענד ק. אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַ שווערער זילבערנער צלם, און אַ צימער דערנעבן איז אויך געווען פֿול פֿון קריסטלעכע פֿרויען. פֿון דאָרט האָט זיך אויך געהערט זאָשעס שטים. דאָס איז איצט געווען אַ הויכע, קלינגענדיקע שטימע פֿון אַ פֿרוי.

אַ קליינע, גיכע גוייע האָט זיך דורכגעשטופּט דורך אַלע און האָט כּסדר איבערגעחזרט:

— יעזו... — נאָר וואָס האָט זי געזשיפּיעט... מיט אַ מינוט צוריק... יעזו טייערער...

דער גערודער אויף די טרעפּ איז געוואָרן שטאַרקער, און געשטויסענע פֿון דער ווײַסער ענגשאַפֿט, האָט זיך דער שוועל פֿונעם צימער באַוויזן דער ייִד מיטן ווייבל. זיין ווייסע באָרד איז געווען צעפּלאָנטערט, די קאַפּאָטע צע־קנעפּלט און עס האָט זיך אַרויסגעריסן דער ווייסער טלית־קטן. די אויגן זענען

בײַ אים געװען פֿאַרמאַכט און די הענט אױפֿגעהױבן. הינטער אים איז מיט װילדע בליקן געגאַנגען דאָס װײַבל. דער ייִד האָט אַ קוק געטאָן, און דערזעענדיק דעם זילבערנעם צלם, האָט ער זיך אַ װיג געטאָן און זיך פֿאַרהאַלטן אױף דער שװעל.

אין דער רגע האָט זיך פֿונעם צװײטן צימער באַװיזן זאָשאַ. זי איז געװען בלײַך־רױז, הױך און שלאַנק, װי אַ בױם. אירע בלאַנקענדיקע אױגן האָבן װי געשאָסן מיט בלוציקע פֿײַערן. זי האָט דערזען דעם ייִד און האָט אױסגעשריגן:

— כ׳װעל קײנעם ניט אַרײַנלאָזן... ניט דעם „דזשיאַדעק“ און ניט די „מאַטקאַ“...

זי האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פֿוס און מיט אַ שטימע, װאָס האָט געקלונגען מיט פֿולקײט פֿון איר הױכן װײַבלעכן האַלדז, האָט זי געשריגן אױסער זיך:

— „דאָ כאָלערי“... אַלע מאָל איז מען אַנטלאָפֿן פֿון אונדז... געשעמט זיך מיט אונדז... די „מאַמושאַ“ איז געשטאָרבן... אָבער איך לעב... דאָ איז ניט קײן ייִדישער „פּאַגזשעב“... װאָס װילט איר דאָ?...

איצט האָט זיך דערהערט די אַלטע, ציטעריקע שטימע פֿון דעם ייִדן. ער האָט אױסגעשריגן מיט אַ קול, װי אין שול צו נעילה:

— מענטשן... ייִדן... דאָס איז מײַן קינד... מײַן בזיון... כ׳װעל בײַ איר פּועלן... זי קאָן נאָך תּשובֿה טאָן... אַזױ פֿירט זיך... כ׳װעל זי עפּעס פֿרעגן...

און ס׳איז געװאָרן אַ געשרײַ מיט אַ יללה אין דעם שמאָלן דורכגאַנג פֿון די טרעפּ:

— צולאָזן דעם פֿאָטער...

— אַן אײגן קינד...

עפּעס אַ יונג מיט גלאַנציקע שטיװעלער, װאָס איז געקומען פֿון בױגנאָס־אײרעס, האָט אַ געשרײַ געטאָן צו זאָשקען:

— זאָשקע... מאַך זיך ניט נאַריש... ביסט אונדזערס אַ מענטש...

ער האָט אַ ברען געטאָן מיט די אױגן אױף די גױים און אַ פֿרעג געטאָן:

— װער זאָגט, אַז מען דאַרף ניט צולאָזן קײן אײגענעם פֿאָטער?...

די גױים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, און אײנער האָט געענטפֿערט:

— „אַנאָ“... „טיבי“... „אָיטשעץ, טאָ מאַ פּראַװאָ“... אַ פֿאָטער האָט רעכט...

און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן און אָנגעפֿילט דעם צימער. און מיטאַמאָל האָט פֿון דער געדיכטקײט אַרױסגעצאַפּלט עפּעס אַ קלײן, צעבראָכן רבל. ער האָט געהאַט אַ קינדעריש פּנים מיט אַ לאַנגער, פֿאַרפּלאָנטערטער באָרד, דער לאַנגער טלית־קטן איז, װי אַ פֿאַרטעך, געהאָנגען איבער זײַנע קורצע, קינדערישע פֿיס און די װײַסע זאָקן. די לאַנגע פּאות האָבן זיך געבאָמבלט איבער זײַנע אַקסלען, אױפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן עפּעס אַ גרינעם, גאַליציאַנער קאַ=

פּעליוש, ווי ס׳וואַלט אויף אים געוואַקסן גראָז. ער האָט זיך געטרייסלט און גערעדט גיך, מיט אַ דינער, קווייטשיקער, קינדערישער שטים:

— וואָס הייסט... יידן... מ׳דאַרף ראַטעווען אַ יידישע נשמה...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער צעפּלאַטשטער זאַשען, אוועקגעכאַפּט די אויגן און ווייטער גערעדט:

— נו, יאָ... ס׳מיידל איז שוין טאַקע ראוי לחופּה... מ׳דאַרף נעמען דאָס מיידל און זי תיכף חתונה מאַכן... מיט עפּעס אַן אָרעמען יונג... כּדת משה וישראל... און אפשר אַן אַלמן... וועט טון אַ מצווה... דאַרף מען צונויפנעמען אויף אַ שטיקל „וויפּראַווע"... פאַר דער כּלה... אַ קדושין־רינגל... צודעקן דעם קאָפּ... וואָס הייסט?... ראַטעווען אַ יידישע נשמה.

פונעם עולם האָט זיך דערהערט אַ ריטש און עס האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ געלעכטער פונעם פּעבל. זאַשקע האָט די גאַנצע צייט געקוקט מיט אויפגעריבענע אויגן. מיטאַמאָל האָט זי פאַרלוירן איר כּוח, זי האָט אַ פאַל געטאָן מיט די ווייסע הענט אויפן טיש, נעבן דעם זילבערנעם צלם, און זי האָט זיך היים צעוויינט.

— מאַמאָ... מאַמאָ... וואָס ווילן זיי פון אונדז?...

דעמלט האָט זיך דער עולם אַ רוק געטאָן צוריק. מען האָט ערשט איצט, אין דער מינוט, דערזען, אַז עמעצער האָט אַרויפגעלייגט אַ ווייסן האַנטעך אויפן פּנים פון דער געשטאָרבענער. די שטוב איז געוואָרן ליידיק, און גאָר אין אַ ווינקל, הינטער דער טיר, איז געשטאַנען דער ייד. ער האָט זיך שטיל געוויגט און עפּעס געמורמלט. דאָס ווייבל האָט איינגעגראָבן דאָס פּנים אין די הענט.

פּלוצלונג איז זאַשאַ אויפגעשפּרונגען מיט ווילד־בליצנדיקע אויגן, די בלוזקע איז ביי איר געווען צעשפּיליעט, און עס האָט זיך אַרויסגעריסן די איידעלע ווייסקייט פון איר לייב. זי איז צוגעלאָפן צום פענצטער און אַ געשריי געטאָן:

— „סקריפּקאַ"... „סקריפּקאַ"... „דאָ כאָלערי"... יאָג אַרויס די „האָלאָטע"...

זי האָט זיך איבערגעצלמט און גענומען לויפן איבער דער שטוב, עפּעס רעדנדיק צו זיך אַליין. פון דער גאַס האָבן זיך שוין געהערט די געשרייען פון דעם פּעבל, וואָס „סקריפּקאַ" האָט געיאָגט מיט אַ לאַנגער, קאָזאַקישער נאַהייקע. די יונגען האָבן געפייפט און געשריגן, זיך געאַמפּערט מיט „סקריפּקאַן", און אין דעם פענצטער פונעם ערשטן שטאָק האָט שוין אַ פייף געטאָן אַ שטיין.

די צוויי אַלטע גוייעס האָבן כּסדר געהאַלטן די הענט צונויפגעלייגט, ווי צום געבעט, און שטיל געשטאַנען נעבן דער געשטאָרבענער.

זאָשאַ האָט זיך ווילד אַרומגעקוקט און איז מיטאַמאָל אַ פּאַל געטאָן אויף די קני נעבן דער מוטער און שטיל געמורמלט:

— „מאַמאָ“... „קאָבאַנאַ“... עס וועט זיין אַ „פּאָגזשעב“... עס וועט זיין...

* * *

דאָס געסל איז אַרויס פון דער שטוב, אָבער אויף דער גאַס, אונטערן גאַניק און אַרום דעם הויז, איז דער עולם געוואָרן וואָסאַמאָל גרעסער. עס איז כסדר געגאַנגען די העפטיקע אַמפּערניש צווישן די גויים און דעם יידישן פּעבל, וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען די יידישע נשמה. און ווען עס איז געקומען פאַרנאַכט, האָבן די יונגען מיט די מיידן זיך ווידער אַריינגעריסן אין שטוב און זאָשאַ איז צום ערשטן מאָל אין לעבן, אַן אומגעשיצטע, אַרומגענומען געוואָרן מיט אומגליק און עלנט. אירע רייכע קליידער, מתנות, וואָס זי האָט באַקומען פאַר די ראַשיקע נעכט, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט הפקר, און די יונגען מיט די מיידן פונעם געסל האָבן אַלץ באַטאַפּט מיט זייערע הענט. מען האָט גערעדט צו איר יידיש, עפּעס געפאָדערט פון איר און איר באַפוילן.

זאָשאַ האָט פאַרצווייפלט געקעמפט. זי האָט אַפילו אַרויסגערופן פּאָליציי און האָט לאַנג געשמועסט מיטן רוסישן פּאָליציי־„גאַרדזיראַטעל“, וואָס האָט נאָר געוואָלט, אַז זאָשקע זאָל קומען צו אים אַהיים, דאָרט ביי זיך, וועט ער שוין „ראַזבירייען“. ער האָט אַרויסגעשטעלט פאַר איר דעם שפּיגלדיקן גלאַנץ פון זיינע געפּוצטע שטיוול און נישט אויפגעהערט זי צו רופן „קראַסאַוויצאַ“. זי האָט געפּרוּווט שרייבן אַ בריוו צו איר טויפפאָטער, דעם דיקן הער קלאָשינסקי, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע פאַבריק מיט אַ הויכן, רויטן קוימען. זאָשאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע פלעגט אַלע מאָל גיין צו אים, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ, טאַפטן קלייד. אויף דעם הער קלאָשינסקי האָט די מאַמע אַלע מאָל געלייגט אַלע האָפענונגען, אָבער איצט רופט ער זיך נישט אָן.

זי האָט איצט גאָרנישט געקלערט וועגן זיך, זי האָט נאָר געוואָלט אַ „פּאָגזשעב“. אַ לייטישן, אַ פיינעם, מיט „ווייענציעס“, אַזוי ווי זי האָט שטענדיק געטרוימט.

עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבן טאָג, ווען פון דער גאַס האָבן זיך דערטראָגן די געשרייען מיט דעם געפייף. דאָס האָט דאָס געסל באַלאַגערט די צוויי גויים, וואָס האָבן געברענגט די טרומנע. עס האָט לאַנג געדויערט, ביז וואַניע „סקריפּקאַ“, מיט דער הילף פון דעם פּאָליציאַנט, וואָס ער האָט גערופן, האָבן אָפּגערייניקט דעם דורכגאַנג. איצט האָבן די גויים אַריינגעלייגט די געשטאָרבענע

אין דער טרומנע, כמעט האָט אָנגעצונדן נייע ליכט און אַרויפֿגעשטעלט די טרומנע אויפֿן טיש.

זאָשאַ איז געלעגן אויף די קני, אַרייַנגעגראָבן אין די פֿאַלדן פֿון דעם שוואַרצן צודעק מיט די זילבערנע פֿראַנזן. די טרומנע איז געווען אַ געוויינלעכע, פֿון ברוינעם, שוואַכן, ביליקן האָלץ. דאָס איז נישט געווען די טרומנע, וואָס זאָשאַ האָט געוואָלט. זי האָט געוואָלט אַ שוואַרצע, אַן אינקרוסטירטע, מיט זילבערנע מלאָכים און מיט בלומען.

זי האָט פֿאַרקוועטשט די אויגן. עס איז געגאַנגען די ערשטע נאַכט, ווען זאָשאַ האָט דערפֿילט די שווערקייט פֿון לעבן. „פֿאַרוואָס? — האָט זי געקלערט. — פֿאַרוואָס?“. זי האָט איצט דערזען פֿאַר זיך די פֿאַר פֿאַרלאָפֿענע יאָר, אירע ערשטע יאָרן, וואָס האָבן ווי אַרויסגעשאָסן פֿון איר, ווי אַ רויטע, לויכטנדיקע ראַקעטע. איצט, ביי איר ערשטן טרויער, איז זי אַליין.

ניין, זי וועט ווייזן, וואָס זי קאָן. זי דאַרף זיך נאָר אַ טראָג טאָן אויף אירע יונגע, ווילדע פֿיס אַרויף, צו ייענע גאַסן, וווּ ס'איז אַזוי ליכטיק; אַרומזאַמלען אַרום זיך די אַלע ווינקענדיקע און בליציקע אויגן פֿון די צעהוליעטע מענער; אַ פּיעשטשע טון זיך, אַ שפּיל טאָן מיט דעם בליץ פֿון איר אויג און מיט דער ווייסקייט פֿון אירע ציין. עס פֿאַרגייט איר אַזש אַ שטעכיקע זיסקייט דורך דער ברוסט. אַך, וואָלט דאָס אַ „פֿאַגזשעב“ געווען...

עס איז צונעפֿאַלן דער אָוונט, עס האָט זיך געפֿילט די דעמפּיקייט פֿון די ליכט און דער זיסלעכער ריח פֿון דעם פֿרישן טרומנע־האָלץ.

זאָשאַ האָט זיך אַרומגעקוקט. דריי גוייעס זענען געזעסן און געמורמלט. זי איז מיטאַמאָל אויפֿגעשטאַנען, זיך אויסגעגלייכט אין איר גאַנצער הייך, זי איז אַריין אינעם צווייטן צימער. באַלד איז זי שוין געשטאַנען אַן איינגעהילטע אין זייד. זי האָט אַ שפּאַן געטאָן, און דאָס זייד האָט זיך צעשאָרכט אַרום אירע שלאַנקע פֿיס. זי האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף איר קאָפּ איר באַליבטן, קליינעם סאַמעטענעם הוט, וואָס האָט געהאַט די פֿאַרב פֿון אַן עקזאָטישער, אויסגעוואַרעמטער, זיסער פֿרוכט. דער הוט האָט אַרומגעכאַפּט איר קליינעם קאָפּ מיט די טונקל־בלאָנדע, לעבעדיקע האָר. אויף אירע ראָזע, שלאַנקע הענט האָבן אויפֿגעשפּילט די פֿייערן פֿון איידלשטיינער און גאָלד. און אַ וואַרעמע זיסקייט פֿון לעבן און יוגנט האָט זיך אַ טראָג געטאָן פֿון איר, נעבן דער פֿאַרשטומטער שטילקייט פֿון דער טרומנע און ברענענדיקע ליכט.

דער שפּעטער זומער־אָוונט איז שוין געלעגן אויף די פֿענצטער, ווען זאָשאַ איז שטילערהייט אַרויס פֿון דער שטוב. ביים ראָג פֿון דער ערשטער גאַס האָט

זי זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע, געהייסן אויפהייבן די בויד און זיך אַוועקגעטראָגן אין דעם לאַבירינט פון די ווייטע גאַסן.

* * *

דאָס יידישע געסל איז געלעגן איינגעהילט אין דער אָוונט־טונקלקייט, און די גרינע פלעמעלעך פון די שיטערע לאָמטערן האָבן עלנט געבליצט איבער דעם קרומען, אויסגעביסענעם ברוק. די טונקעלע פענצטער פון די הייזער האָבן געיאָגט מיט אומעט. די אָרימקייט איז, מיר דונקט, ביי טאָג, געלעגן פאַרשטעקט אין די טונקעלע נעסטן, איינגעהילט אין דער שטילקייט פון נאַכט, און נאָר אין איין ווינקל פונעם געסל, נעבן דעם „נייעם הויז“, ביי דעם „חסידים בשמים־געוועלב“, ווו עס איז געווען דאָס חסידים־שטיבל, איז געשטאַנען אַ ראָד מענטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם אַלטן ייד מיטן ווייבל, דעם פאָטער און די שוועסטער פון דער געשטאָרבענער משומדת. די פרומע יידן האָבן זיך געאַמפערט, צי נאָך אַ געשמדטער טאָכטער מעג מען זאָגן קדיש.

אַ הויכער, בייזער ייד, אַ חסיד, האָט געשריגן:

— עטיך האָט באַדאַרפט זאָגן קדיש נאָך איר, ווען זי האָט זיך געשמדט... ורחמנא־ליצלן... אַזוי פירט זיך ביי יידן...

דער אַלטער האָט געענטפערט מיט אַ טיפן געוויין:

— כ'האָב געזאָגט... געזאָגט... אַפילו שבעה געזעסן...

דערנאָך האָט מען דעם ייד מיטן ווייבל אַריינגענומען אין אַ שטוב, זיי געמאַכט אַ געלעגער און זיי געטרייסט:

— פאָרט אַהיים, פעטער... און פאַרגעסט...

און דער הויכער, בייזער חסיד האָט זיך צעשאָקלט איבער דעם ייד און גערעדט מיט אַ ניגון פון אַ מגיד:

— דער וואָלף האָט פאַרצוקט דאָס שעפעלע... מיר זענען אַלע שאָף... און נאָר דער אייבערשטער איז אונדזער פאַסטער... דאָס קומט אַלץ פון די היינטיקע געננ... פון די שקאָלעס... פון גיין שפּאַציר... פון רעדן גוייש...

און עפעס אַן אַלטער ייד האָט זיך אָנגערופן מיט אַ צעבראָכן קול:

— אין די אַלטע צייטן האָט זיך אויך געטראָפן... זיי זענען שטאַרקער פאַר אונדז. כ'געדענק... מיט אַ סך יאָרן צוריק... ביי אונדז אין שטעטל איז זיך פאַרלאָפן... אַ מעשה...

און ער האָט דערציילט אַ לאַנגע געשיכטע פון אַ יידישער טאָכטער, וואָס האָט זיך געשמדט... ס'איז געווען עפעס אַן אַלטע סקאַרבאָווע געשיכטע מיט אַ

פֿריץ, מיט אַ גלח און אַ קלויסטער... ווי אַ גרויסער רבי האָט זי אָפּגעראַטעוועט...

דער עולם איז געשטאַנען און געהערט די אַלטע מעשה. דערנאָך איז מען אַרויס אויפֿן געסל און געקוקט אַהין, צו דעם הויז, צו די פֿענצטער, וווּ די ליכט האָבן געבלינצט. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט גייט אַ גרויס גערודער אַרום דער פֿאַרבלאָנדזשעטער נשמה פֿון דער געשטאָרבענער יידישער טאָכטער, אַז דאָ שוועבן אַרום טונקעלע און שרעקיקע גייסטער. די אָרעמע יידן האָבן זיך געטוליעט צו זייער יידישקייט מיט שרעק פֿאַר דער פֿרעמדער, בייזער וועלט, וואָס לויערט אויף זיי און דראָט...

* * *

קיינער האָט נישט געזען, ווען זאָשאַ איז אַהיימגעקומען.

עס האָט קוים געטאָגט, ווען זי איז מיט וואַקלענדיקע טריט אַריין אין דער שטוב, וווּ עס האָט איר, אין דער גרויקייט פֿון פֿאַרטאָג, אַ קלאַפּ געטאָן די ענגע, צעפּאַרעטע לופֿט פֿון צעשמאָלצטע ליכט. די אַלטע גויעס האָבן געדרימלט און, ווי אַלטע פֿייגל, געבויקט מיט די קעפּ. זאָשאַ איז צוגעפֿאַלן צו דער וואַנט. זי האָט זיך שוואַך געהאַלטן אויף די פֿיס, און דער ווין האָט געררוישט אין איר מידן קאָפּ. זי האָט אַראָפּגעריסן דעם הוט פֿונעם קאָפּ, און אירע האָר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן איבער אירע אַקסלען. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער פּאָדלאָגע אינעם זיידענעם קלייד, וואָס איז געווען צעקנייטשט און פֿאַרריסן.

מיט ווילד־אויפֿגעריסענע אויגן האָט זי געקוקט אויף דער טרומנע, וווּ עס איז געלעגן די מוטער, שוין אָנגעטאָן אין איר לעצט קלייד. זי האָט געקוקט אויף דער געלער, אויסגעשפּיצטער נאָז פֿון דער געשטאָרבענער און איר איז געוואָרן שרעקלעך, ווי זי וואָלט נישט געוווּסט, ווער דאָס איז. זי איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון דער ערד און מיט שרעקיקע טריט צוגעגאַנגען נענטער, זיך איינגעקוקט מיט ווילדע אויגן.

אַ דעמפּיקער ריח האָט זיך געטראָגן, אַ ריח, וואָס האָט געזאָגט זיין נאָר פֿון טויט. אָבער זאָשאַ האָט געוואָלט עפּעס דערזען, זי האָט געקוקט אויף דעם ווייס־ און פֿרעמד־געוואָרענעם, געלן פּנים און האָט פּלוצלונג אַרויסגעזאָגט, ווי עמעצער וואָלט עס אַרויסגעזאָגט פֿאַר איר:

— גאָט דערבאַרעמדיקער... „זשידווקאַ"... דאָס איז דאָך אַ יידישע...

זי האָט קיינמאָל ביי דער מוטער נישט געזען אַזויפֿיל יידישקייט אין פּנים, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז זי איז אַ יידישע געבוירן.

זי איז אַ מינוט געשטאַנען און מיטאַמאָל, ווי עס וואָלט געברענט, איז זי

מיט וואַקלדיקע טריט צוגעלאָפֿן צום שפּיגל. זי איז מיטאַמאָל ניכטער געוואָרן און מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויף זיך. זי האָט געזען, ווי בלייך זי איז, וואָס פֿאַר אַ גרינגלעכע צייכנס עס ליגן אונטער אירע אויגן. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער ווילדער נאַכט און אַרומגעכאַפּט איר לייב, ווי זי וואָלט געוואָלט פֿאַר עפּעס זיך באַשיצן. זי האָט אַוועקגעשאַרט אירע צעפֿלאָסענע האָר און באַטראַכט יעדע טייל פֿון איר פּנים באַזונדער. אירע ציין, אירע ליפּן, זי האָט אַרייַנגעקוקט טיף אין אירע אייגענע אויגן, און הויך פֿאַררייסנדיק איר קאָפּ, האָט זי צו זיך אַליין אַ שמייכל געטאָן.

איר בליק איז געפֿאַלן דורכן פֿענצטער, וווּ ס'איז געלעגן די טיפֿע, טונקעלע נאַכט. די גרינלעכע פֿינטעלעך ליכט האָבן געציטערט איבער די געסלעך אַרום, און אַ שווערער געדאַנק האָט געדריקט איבער איר.

— ייִדן... ייִדן... אַרום און אַרום...

זי האָט קיינמאָל וועגן דעם נישט געקלערט. און עס האָט זיך איר איצט געדאַכט. אַז עפּעס אַ שוואַרצער, שרעקיקער, אייביקער און גרויסער כּוח גייט איר נאָך, היט זי און וועט זי קיינמאָל נישט פֿאַרלאָזן.

* * *

אויפֿן דריטן טאָג נאָכמיטאָג האָבן זיך באַוויזן דריי עלטערע נאָנעס. זיי האָבן זיך געטראָגן אין גאַייל, פֿעכלענדיק מיט זייערע ברייטע, ווייסע הייבן. זיי זענען אַריין אין דעם שוין שטיל־געוואָרענעם הויז פֿון דער הייבאַם, איינשפּרייטנדיק אַרום זיך אַ פֿרומע, רואיקע שטרענגקייט.

באַלד איז אָנגעפֿאָרן אַ שוואַרצער, קאַטויל'שער קאַטאַפֿאַלק. פֿיר באַגלייטער אין שוואַרצע רעק, מיט ווייסע, זילבערנע גאַלאָנען, האָבן אויף שוואַרצע שטאַנגען געטראָגן אָנגעצונדענע לאַמטערנעס. פֿון ערגעץ האָט מען געבראַנגט צוויי שווערע קרענץ בלומען.

באַלד האָט דער „פּאַנזשעב" געזירט. עטלעכע פֿרעמדע מענטשן און עטלעכע שוואַרצע, פֿאַרמאַכטע טרויער־קאַרעטן מיט ווייסע פֿערד, אין שוואַרצע קרעפּע געהילט, האָבן די לוויה באַגלייט.

מען האָט פֿונדערווייטן געזען, ווי צוויי נאָנעס האָבן געפֿירט זאָשען, איר קאָפּ איז געווען פֿאַרוואָרפֿן אין זייערע אָרעמס.

אַ געדיכטע, שוואַרצע קרעפּע האָט באַדעקט איר פּנים און אַראָפּגעהאָנגען ביז צו די טריט. פּאַמעלעך, מיט אַ געשפּאַנטן טראָט, האָט זיך גערוקט דער קאַטאַפֿאַלק, און די פֿיר בלייכע פֿלאַמען פֿון די לאַמטערנעס זענען, ווי אַ מיסטישע

וואַר, נאָכגעגאַנגען. זאָשאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך געלאָזט פירן מיט אַ ריטמיש, פייערלעכן טראָט אַראָפּ, מיט דער ברייטער גאַס, צום פּאָוואָנזקער קאַמוילישן „צמענטאַזש“.

* * *

מיט אַ פּאַרקלעמטער שטילקייט האָט דאָס יידישע געסל פונעדרווייטן געקוקט אויף דעם „פּאָגזשעב“. קינד און קייט איז געווען אויף דער גאַס און אַרומגערינגלט דעם אַלטן, וויינענדיקן יידן. ער איז געזעסן אויף די טרעפּליעד פון אַ ברעמדער קלייט און מיט טריבע, טרערנדיקע אויגן געקוקט אויף דער לוויה־פּראָצעסיע, וואָס האָט זיך אַלץ דערווייטערט און פאַרשוונדן אויף דעם וועג, אויף אייביק.

קיינער האָט שוין איצט נישט געטרייסט דעם וויינענדיקן. מ'האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און זיך איבערגערופן מיט אַלטע, יידישע קרעכצן פון הונדערטער יאָרן.

אין אַלע יידישע שטובן האָט מען אין דער נאַכט, ביי די קרומע, ברודיקע פלעמלעך פון די קאָפּטשענדיקע לעמפּלעך, גערעדט וועגן דעם „שוואַרצן“ סוף פון דער משומדת.

דאָס געסל האָט דערפילט, אַז עס איז דאָ אַ כוח, וואָס האָט צוגענומען אַ יידישע נשמה און קיינער קאָן זי נישט אָפּנעמען צוריק. די ווייבער האָבן גערעדט וועגן דעם גיהנום, וואָס וואַרט אויף איר, ווי זי וועט שוין געברענט און געבראָטן.

אין דער שפּעטער נאַכט האָבן די קינדער נישט געקאָנט איינשלאָפן. זיי האָבן געזען און געהערט, ווי די געשמדטע הייבאָם גייט אַרום איבער די דעכער און בוידעמער, רייסט זיך די גרויסע פאַטלעס האָר, וויינט און בעט, מען זאָל זי ראַטעווען פון די גוישע הענט.

# די מומע דרייזל

ווען דער „מומע" דרייזל האָט מען אין געסל דערציילט, אַז ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידל, נאָך „פון דער ערד ניִשט אויפגעוואַקסן", האָט זי שוין פאַרבאַרט ייִנגלעך און זיי אַראָפּגעפירט אין קעלער אַריין; אַז בײנאַכט פלעגט זי זיצן אויפן „וויינע-פלאַץ" הינטער דעם אַלטן יידישן הקדש און זינגען לידער; אַז צוליב איר האָט „אברהמל ריז" געשאָכטן דעם „שיינעם הערמאַן", און צוליב איר האָט דעם חזנס ייִנגל „סאַנאַלע זינגער" אַוועקגעוואָרפן די כלה פאַר דער חופה און משוגע געוואָרן. מ'האָט דערציילט, אַז זי איז געווען „שיין ווי די וועלט". דאָס געסל האָט זי נאָך געדענקט אינעם גרינעם סטאַניק, אין דעם פאַרריסענעם הוט מיט די פעדערן, ווען זי פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אין געסל אַריין אויף אירע הויכע, זגראַבנע פיס.

מיט דער צייט איז איר פנים שוין געווען געקנייטשט. אַ גרינע בלייכקייט האָט באַדעקט איר הויט, און נאָר די אויגן האָבן ביי איר געשפילט און גערופן. צומאָל פלעגט זי זיך באַווייזן צעפּאַטלט פאַרטראָגן. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז שיכור. גאַסן-יונגען און ליידיקגייער האָבן זי געכאַפּט ביים ראָג פונעם געסל, זיי האָבן גערעדט צו איר מיאוסע רייד, געוואָרפן זי איינער צום אַנדערן. די מומע דרייזל האָט געשאָלטן און אירע לאַנגע, מעכטיקע הענט זענען געפלויגן איבער די קאַרקן פון די יונגען. זי האָט געקנייפּט, געבאָכעט און געגראַטשעט, ביז וואַנען זיי האָבן זי אַריינגעשטופּט אין אַ טויערל און אַרויסגעלאָזט אַ צעפּאַטלטע מיט אָפּגעריסענע קנעפּ.

די מומע דרייזל האָט געשיט מיט קללות, געסטראַשעט, אַז זי וועט זיך שמדן, און דאָס געסל האָט געלאַכט, ביז וואַנען אירע מעכטיקע פיס האָבן אוועקגעשפּאַנט ערגעץ אויף אומבאַקאַנטע וועגן. זי פלעגט פאַרשווינדן אויף וואָכן און חדשים און ווידער פלוצלונג זיך באַווייזן אין געסל אין נייע, רעשיקע קליידער און הויכע באַפעדערטע הינט. ווייבער האָבן געקוקט אויף איר מיט אָנגעגליטע

אויגן פון קנאה און פאַרדאַכט. די מאַרק־ייִדן האָבן געטאַפּט אירע זײַדענע קליידער מיט שטעכיקע פינגער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסרײַסן אַ שטיק.

אין אַזעלכע טעג האָט די מומע דרייזל געטיילט מתנות. זי האָט געגאַשט אין די לעקעך־געוועלבער און מכבד געווען די קינדער פון דער גאַס. נאָך איר זענען געגאַנגען משאַטעס בעטלער און געלויערט אויף איר. זי האָט געטיילט געלט, די בעטלער האָבן זי געלויבט און איר געווונטשן. די קינדער האָבן געטאַנצט אַרום איר מיט קלעפּיקע הענטלעך פון נאַשערייען. די קרעמער פאַר די געוועלבער האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט פאַרגאַשטע ווערטלעך וועגן דרייזלס מילדקייט און מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט זי פאַררופן אין די קלייטן. פרומע ייִדן מיט פאַר־פלאָנטערטע בערד האָבן אָפּגעווענדט די אויגן, כדי ניט צו זען, און די מאַרק־ווייבער האָבן געשריגן צו איר:

— דרייזל... מייַנע שונאים זאָלן אַזוי לעבן, צי ס'איז כשר געלט...

— ס'איז גרינג פאַרדינט...

זיי האָבן גיפטיק געשפּיגן און געשאָלטן:

— אַזאַ געלט טאָר מען גאָרניט נעמען...

די מומע דרייזל האָט זיך דעמלט אָנגעכאַפּט פאַר די באַקעס און צוגעטאַנצט צו די גליענדיקע ווייבער. זי האָט געהאַלטן געלט אין דער האַנט און זיי עס גע־שטופּט אין פּנים אַריין. עס האָט זיך צעברענט אַ קריגערייַ, די ווייבער האָבן געשפּיגן ווי שלאַנגען, ביז וואַנען די מומע דרייזל האָט אַ כאַפּ געטאָן איר קלייד און עס אַ הייב געטאָן איבערן קאָפּ אַריבער און דאָס גאַנצע געסל האָט דערזען אירע מעכטיקע פיס, זי האָט זיך אַ בויג געטאָן, און עס האָט אַ בלענד געטאָן אַ שטיק מעכטיק לייב און אַ בליץ געטאָן מיט אַן אומזיניקער נאַקעטקייט. דורכן געסל האָט זיך אַ טראַג געטאָן אַ הפקרע זיסקייט, גלייך פון דעם נאַקעטן לייב וואָלט זיך אַרויסגעטראָגן אַ דינע שיכרות. פון אַלע פענצטער האָט מען אַרויס־געקוקט. אַלטע געסל־באַלעבאַטים האָבן אַראָפּגעשריגן מיט מוראַדיקע קולות.

די גויים האָבן אַרויסגעלאָזט אַ הודזשעדיק געלעכטער און צוגעגעבן מוט דער מומע דרייזל.

— „גיע דאי שיען דרייזלאָ"... לאָז דיך ניט...

און דער שיכורער קויל־טרעגער, סטאַכאַ, האָט געטענהט:

— אַ טאָ קאָביטאָ... דרייזלאָ...

די מומע דרייזל האָט אים דערפאַר אַרומגעכאַפּט און גענומען מיט אים טאַנצן, שקצים מיט פאַרריסענע נעז האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט, און די ייִדן האָבן קרום און זויער געשמייכלט.

מיטאמאָל האָט זיך אינעם געסל באוויזן א רב. א רב מיט א גרויסן רבנישן קאפעליוש, אין א צעפליקטער, זיידענער זשופיצע. צוויי צעקנייטשטע יידן מיט געלע בערד האָבן אים געפירט. דער רב איז געגאנגען גיך אויף זיינע דינע פיס־לעך אין שיך און זאָקן, שטרעקנדיק פאָרויס דעם גרויסן פאראסאָל.

די צוויי געלע יידן זענען געגאנגען איבער די געוועלבער און צונויפגענומען פאַר דעם „הייליקן צדיק". ווייבער האָבן אריינגעוואָרפן אין די ברודיקע טיכער פון די יידן זייערע גראָשנס, און דער רב איז געגאנגען מיט אויפגעהאָנגענע, שוואַכע אויגן, ווי ער וואָלט נישט געזען ארום זיך די זינדיקע וועלט. דאָ האָבן זיי דערזען די מומע דרייזל. זי האָט זיך געדרייט אין א טאַנץ אין דעם ראָד פון גאסן־יונגען און קינדער. די יידן האָבן פארדרייט די קעפ און געוואָלט פארביי־גיין, אָבער די מומע דרייזל האָט דערזען דעם רב, און זי האָט אויפגעהערט טאַנצן. זי איז צוגעלאָפן צו אים מיט בליציקע אויגן און א געשריי געטאָן:

— הייליקער רבי...

די צוויי יידן האָבן זיך געוואָרפן שיצן דעם רב.

דער רב איז איצט געשטאַנען אונטער אירע מעכטיקע אָרעמס, ער איז געוואָרן קליין, ער האָט זיך געטרייסלט, עס האָט זיך געטרייסלט זיין שיטער בערדל. עס האָט זיך אויך געטרייסלט דער פאראסאָל.

די מומע דרייזלס הייזעריקע שטימע האָט א קלאַפּ געטאָן איבער אים:

— הייליקער רבי... יאך בין א...

דער רב און די יידן האָבן זיך געכאַפּט פאַר די אויערן.

— הייליקער רבי... יאך בין א יתומה... כ'האָב נישט געהאַט קיין טאַטן... נאָר כ'בין געווען א שיינע מויד...

די יידן האָבן געוואָרפן מיט די הענט איבער איר קאָפּ מיטן פאַררוקטן הוט, און איינער פון די געלע יידן האָט אויסגעשריגן:

— וואָס ווילסטו... מויד...

— כ'וויל א ברכה... כ'בין א יידישע טאָכטער... יאך וויל, אז גאָט זאָל מיר מוחל זיין...

און זי האָט ארויסגעכאַפּט א בייטעלע, אָנגענומען א האַנט מיט געלט. די יידן האָבן אויסגעשטרעקט זייערע פאַטשיילעס, און זי האָט א שיט געטאָן דאָס געלט. עטלעכע מטבעות האָבן זיך צעשיט איבער די שטיינער פונעם ברוק.

— נאַט אייך, הייליקער רבי... נאַט אייך...

די מומע דרייזל האָט זיך מיטאמאָל איינגעשהויקערט. זי איז געוואָרן איינ־געפאַלן און אַלט. זי האָט געזוכט נאָך געלט אין בייטעלע.

— נאַט אייך... רבי... נאַט אייך...

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט א קווימשיק געשריי. א ביגטל ווייבער מיט פאַררוקטע קופקעס אויף די קעפּ האָבן זיך א לאָז געטאָן צו די יידן:

— נעמט נישט, יידן... ס'איז טריף... דאָס געלט איז פון אָפיצירן... דאָס געלט איז... זינדיק געלט...

די יידן האָב זיך אָנגעהויבן שטאַרק שאָקלען. זיי האָבן זיך געשאָקלט אין אלע זייטן. און פּלוצלינג האָבן זיי פון די פּאַטשיילעס, ווי עס וואָלט זיי געבריט, אָנגעהויבן ארויסוואַרפן דאָס געלט. דאָס געלט איז געשפּרונגען אין אלע זייטן מיט זילבער־קלאַנג, געלאָפן און זיך געקאָליערט.

די יידן האָבן גענומען שפּרייזן מיט געאייל, ווי ביי א לוויה.

* * *

ווי אן אוועקגעוואָרפענע, אין א ווינקל, ווי א שווערער וואָגן וואָלט זי איבער־געפאָרן, איז די מומע דרייזל געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט פון א מויער. דער הוט איז איר אַראָפּגעפאַלן פונעם קאָפּ, און אירע הענט האָבן זיך אָנמעכטיק אַראָפּגעלאָזן.

אין געסל איז געוואָרן שטיל. יונגען האָבן פון רחמנות צונויפגעקליבן די מטבעות און איר צוגעטראָגן:

— נא ס'געלט...

די מומע דרייזל האָט זיך נישט אומגעקוקט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף א טרעפּל נעבן א געוועלב. אויף דעם זעלבן טרעפּל, וו ס'פּלעגט שטענדיק זיצן די „משוגענע שרהלע", וואָס האָט געזוכט אירע געשטאָרבענע קינדער.

דאָ איז איצט געזעסן די מומע דרייזל.

אין געסל איז געוואָרן טרויעריק. דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט מיט גראָ־איקייט, און די גרינע פּלעמלעך פון די לאַמטערן האָבן זיך אָנגעצונדן.

דעמלט איז זי מיט אונטערגעהאַקטע טריט אוועק אין אירע ווייטע, פאַר־דעכטיקטע וועגן...

# פייפקע

זינט דער מלחמה איז שוין פייפקע נישט אַרויס פונעם געסל, זינט עס זענען פאַרשוווּנדן אַ גאַנצע וועלט מענטשן און זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען. ער געדענקט אַליין נישט, וויאַזוי ער איז געבליבן פאַרשטעקט אין דעם פינצטערן בוידעם פון דעם האַלב־צעשטערטן הויז אינעם געסל. אין דעם הויז האָבן אַמאָל געוווינט די גרעסטע משפחות גנבים. פריילעכע און טרויעריקע טעג און נעכט זענען דאָ געלאָפן, רעשיקע, גנבהשע חתונות און שטילע לוויות, געזעגענישן אויף לאַנגער תפיסה און פריידיקע באַגעגענישן.

איצט איז אַלץ פאַרשוווּנדן, ווי אַ ווינט וואָלט עס ערגעץ פאַרטראָגן, און עס האָט זיך געענדיקט פייפקעס רעשיקע וועלט.

דורך די עטלעכע יאָר איז שוין פייפקע אָפּגעלעגן אין די שפּיטעלער, וווהין מ׳האָט אים געפירט און געטראָגן. זיין לייב איז פאַר דער צייט געוואָרן ווי עפּעס אַ קנאָכיקע, אומבאַקוועמע מאַסע, ווי ער וואָלט געלעגן אויף אַ שטעקן. ער גע־דענקט קוים דאָס פריערדיקע לעבן און עס דאַכט אים, אַז ער איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן.

אין זכרון איז אים נאָר געבליבן עפּעס אַ משונהדיקע בהלה, ווען זיינע צוויי זין, שילעם און פוליע, זענען אַוועק קיין ראָסיי אין די זעלנערישע, צו קורצע שינעלן. זיי האָבן זיך געזעגנט אין אַ פאַרנאַכט, ערגעץ אויף אַ פאַרשנייטן פּלאַץ, וווּ עס זענען געשטאַנען אַ סך גרויסע קאַזיאָנע הייזער און פּלויטן. קאָזאַקן האָבן געיאָגט און געשלאָגן. פייפקע איז געווען מיט נאָך אַ סך אייגענע פונעם געסל, טאַטעס־מאַמעס, שוועסטער און כלות. און ביי יעדן יונג, וואָס איז פאַרשוווּנדן הינטערן פּלויט, האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוויין און אַ יללה.

דערנאָך געדענקט פייפקע, ווי צום געזעגענען זיך האָט ער מיט ביידע זין אויסגעטרונקען אַ פערציקסטל בראָנפן. געטרונקען האָט מען פונעם פלעשל,

יעדער זיין חלק. דערביי האָט דער עלטערער זון אַ קוק געטאָן אויף דעם פּלעשל, נאָכדעם ווי פּייפּקע האָט עס אים איבערגעגעבן, און אַ זאָג געטאָן:

— זעטס נאָר, ווי דאָס האָט אַ זופּ געטאָן... זעטס נאָר די חלוקה... אַ פּייער זאָל אויף דיר קומען... דו אַלטער ביין...

דער קאַרק ביים זון האָט זיך אָנגעצונדן, און ער האָט פּייפּקען אַ וויש געטאָן איבערן קאָפּ מיט זיין שווערן ראַציקן אַרבל פונעם שינעל.

דער יינגערער זון, פּוליע, האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן טאַטן, אויף זיין שפּיציקן קאָפּ איז איצט געלעגן אַ צו גרוים זעלנעריש היטל. ער האָט אַרומגענו־מען דעם ברודערס ברייטע אַקסלען און גערעדט מיט אַ שיכור געוויין:

— שילעס... די פּריי זאָל דיר אַזוי דיגען... זאָלסט נישט שלאָגן דעם טאַטן... שילעס. כ'בין א גנב... נאָר קיין טאַטן וועל עך נישט רירן... און ווען געסטו דאָ שלאָגן... קוק עס אָן...

מיט יאָרן צוריק האָט זיך פּייפּקע נישט איינמאָל געשלאָגן מיטן זון. די געשלעגן זענען געווען גרויסע, און דער זון האָט נישט איינמאָל געכאַפּט אַ מע־סער צום טאַטן. אָבער דעמלט איז נאָך פּייפּקע געווען שטאַרק און ווילד און דאָס געסל האָט נאָך מורא געהאַט פאַר אים.

— ני, גיי שוין אַוועק... — האָט שילעס געפּרווט אויפהייבן אַ שטיוול אויפן טאַטן און פּייפּקע האָט זיך שטיל אַוועקגערוקט אין אַ זייט.

נישט נאָר פאַר דעם צו גרויסן זופּ בראָנפן האָט דער זון געהאַט צו אים טענות. דער זון שילעס האָט געטראָגן אויפן פּאָטער אַ האַס צוליב דער מאַמען, וועלכע פּייפּקע האָט איבערגעלאָזן אין משוגעים־הויז און נישט געוואָלט צו איר גיין, ביז וואַנען זי איז געשטאָרבן.

דאָס איז געווען אַן אַלטע, פאַרטרוקנטע וווּנד אין פּייפּקעס ווילד האַרץ. אַ וווּנד, וואָס ער האָט באַקומען נאָך אין יונגע, הפקרדיקע טעג, ווען מען האָט אים אין די ענגע תפיסה ווענט פונעם וואַרשעווער פּאַוויאַק אַריינגעברענגט די ידיעה, אַז זיין ווייב, „די שיינע זיסל“...

אָבער דאָס איז ווייט, ווי אַ חלום. ער געדענקט נאָך די זיסע נקמה, ווען מען האָט די שיינע זיסל געשלעפּט אַן אָפּגעגאָלטע, אַ געבונדענע מיט שטריק, אין די טוואָרקעס אַריין.

געבליבן אין זיין זכרון איז נאָר דער קאַלטער, פאַרשנייטער פאַרנאַכט. פון דעמלט אָן האָט ער שוין מער די צוויי יונגען נישט געזען. עס זענען געלאָפן טונ־קעלע יאָרן דורך דעם געסל. די גנבים און זייער וועלטל איז פאַרשוווּנדן, עס זענען פאַרשוויגן געוואָרן זייערע לידער און עס איז בלייך געוואָרן זייער רום. אין די

חרובע שטובן פון די גרויסע באַלעבאַטים האָט אַרומגעהוליעט דער הונגער און דער טויט.

פייפקע האָט זיך יאָרן אַרומגעשלענדערט פון קעלער צו קעלער און פון בוי־דעם צו בוידעם. וואָרשע, די גרויסע, לעבעדיקע וועלט מיט אַלע אירע גאַסן, איז ווי אַנטלאָפן פון אים. דורך טונקעלע, אומעטיקע געסלעך אַרום האָט מען אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל אַריין.

אין די שווערע, אומעטיקע שפּיטאָל־נעכט, אין די קראַנקע מראהם האָט ער געזען זיינע צוויי זין. עס האָט זיך אים כסדר פאָרגעשטעלט, ווי זיי פלעגן קו־מען, אָנגעפילט מיט גבהשע סודות. פון זייערע פינצטערע קעשענעס האָבן זיך באַוויזן פרעמדע, אומגעריכטע זאַכן און געלט. דאָס אַלץ איז אָבער געווען אין חלום. אויף דער וואָר האָט פייפקע שוין גאָרנישט געהאַט. ער האָט נאָר געוואַרט אויף די פרומע שפּיטאָל־גבאַימעס, וואָס האָבן צוליב אַ מצווה אים אַוועקגעלייגט אַ זעמעלע אָדער אַ זויער צוקערל צו דערקוויקן דאָס קראַנקע האַרץ.

זעלטן ווען עס האָבן זיך שבת באַוויזן אַלטע, גוטע ברידער פונעם געסל. אַלע זענען זיי געוואָרן דאַרע, קליינע און דערשראָקענע. זיי האָבן זיך אַרומגע־זעצט אַרום דעם דאַרן שפּיטאָל־בעטל און געקוקט אויף פייפקען אַזוי ווי אַלטע, דאַרע, הונגעריקע הינט.

אָט איז חיימל ריז, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַזאַ ראָלע אינעם געסל... גע־ווען דער קייסער פון די שמאַרקע. די רוסישע פּאָליציי האָט מורא געהאַט פאַר אים... וועד ס'געדענקט אים נישט אינעם געשלעג מיטן „מקום", ווען ער האָט געאַרבעט מיט אַ מעסער... אָט איז לייבעלע זעלגער מיטן מעשענעם פּנים, וואָס האָט „קאָלט" געמאַכט די רוסישע נאַטשאַלניקעס... אַלץ „פּשיאַטשעלעס" פון די יונגע יאָרן אין געסל... גרויע, אויסגעריבענע זענען זיי איצט געזעסן, און פּייפקע האָט געזען, אַז זיין וועלט איז אויס...

נאָכדעם ווי מען האָט לאַנג געשוויגן מיט פינטלענדיקע אויגן, האָט מען שטיל זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן גרוסן פון די היימישע הייפלעך. און דאָ האָט פּייפ־קע דערהערט וועגן דעם חורבן, אַז ביידע פאָמפּערס זענען געשטאָרבן. און אַז אברהמלע מוץ האָט געהאַט אַ שווערע גסיסה... ער האָט געשריגן, אַז יידן זאָלן זאָגן תהילים און דאַווענען.

און פּייפקען האָט אַרומגענומען אַ שרעק. אים האָט זיך איצט פאָרגעשטעלט, ווי ביין גאָט איז אויף אים פאַר אַלע זיינע זינד, און ער איז געווען גרייט צו לויפן ערגעץ אין אַ שול אַריין בעטן, גאָט זאָל אים מוחל זיין און געבן אים אַ גרינגע גסיסה...

משהלע ביק, האָט שטיל, אַזוי ווי אַ גראָבע פליג, געבורטשעט:

— אַ יאָלדישע וועלט, גוטער ברידער... נישטאָ קיין גנבים און נישטאָ קיין שטאַרקע... ס'איז נאָר צו קוקן, ווער עס פירט היינט די וועלט...

אויף פייפקעס ברייט, פּירקאַנטיק פּנים איז אָנגעוואַקסן, אַזוי ווי קשאַקעס, גרויסע, געלע, האַרטע האָר. זיינע אויגן האָבן גענומען טריפן מיט צעפּייערטע טרערן.

דערנאָך האָט מען גענומען זיך דערמאָנען פון אַמאָל. מען האָט דערמאָנט „שטיקלעך אַרבעט", וואָס זיי האָבן צוזאַמען געמאַכט... די אויגן צעברענען זיך און עס שווימען שוין ווייט פאַרטראָגענע געלויפעריייען... געיעגן, טורמעס... עס פאַרגייט אַן אַלטער ריח פון גנבות... איבער דער הויט גליטשט זיך איבער אַ זיסער גרויל פון רוסישע, פּאָליציייאישע פייפלעך... דערנאָך דערמאָנט מען זיך אין די גנבהשע ווייבער... אין דער „אָדעסער לובקע"... אין דעם „גאָלדענעם הענטל", און פייפקע דערמאָנט זיך אויך אין זיין „שיינער זיסל"...

אפשר האָט ער זי פאַרמאַטערט... ביז וואַנען זי איז משוגע געוואָרן... זי וואָלט נאָך געווען געלעבט, ווען נישט ער, פייפקע... עס דאַכט זיך אים כּיילמאָל, אַז ער הערט אירע משוגענע געשרייען.

עס הייבט אָן טונקעלן, און די געסט גייען אַוועק, זיי שאַרן זיך אַרויס מיט שווערע, געבראָכענע טריט, מיט אַ וווּנק פון הינטער די אַראָפּגערוקטע היטלען. זיי גייען, ווי נאָך אַ לוויה... און פייפקען דאַכט זיך, אַז דאָס איז טאַקע זיין לוויה...

דערנאָך דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט פאַרגעסן צו פרעגן, צי זיינע צוויי זין האָבן זיך נישט אָפּגערופן. און ווידער שטייט פאַר אים אויף יענער פאַרשנייטער פאַרנאַכט, אין דער מלחמה, ווען ער האָט די זין צום לעצטן מאָל געזען... זיינע הענט און פיס שטאַרבן מיטאַמאָל אָפּ... ערגעץ אַרום שטעכט זיך אַריין אַ לאַנגע נאָדל, און דער שטאָך גייט אַרויף ביז צום האַלדז:

— צוויי יונגען... צוויי ריזן...

דאָס ווייסע, פאַרשנייטע פעלד ציט זיך אויס... פאַרדעקט פאַר אים די גאַנצע וועלט, און אונטער אַ טריבער, חלומדיקער ליכט דערזעט ער אויפן פאַרשנייטן פעלד צוויי הרוגים... צוויי מענטשן ליגן שווער אַוועקגעוואָרפן, אַזוי ווי ס'איז אין געסל געלעגן דער געהרגעטער בראָנעק, דער באַנדיט...

זיי ליגן שווער, מיט אַוועקגעוואָרפענע הענט און פיס. און ער זעט, פייפקע, אַז דאָס זענען זיינע צוויי זין... זיינע צוויי יונגען...

און אַ שטיקנדיק, הייס געוויין לויפט אָן אין זיין האַלדז...

## היהלע די „זאָגערין"

נאָך דריי און צוואַנציק יאָר האָט זיך היהלע די זאָגערין אויסגעקליבן קיין וואַרשע. זי איז געפאָרן זען אירע צוויי טעכטער און איר אַלטע חברטע, מאַטע, וואָס האָט אַן אייגענע קראָוויאַרניע. אחוץ דעם האָבן איר די דאָקטוירים פונעם לובלינער קאַנט געזאָגט, אַז זי דאַרף האָבן סאָלאָווייטשיקן, ווייל מען דאַרף איר עפּעס אויסשניידן...

אין דעם וואַגאָן פון דריטן קלאַס האָט זי די גאַנצע זעקס שעה, וואָס זי איז געפאָרן, געשמועסט מיט אַלע ווייבער און יידן. זי האָט עטלעכע מאָל אויפגע־הויבן אַ יללה, ווייל ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פאָרט שלעכט. און אַז ס'איז, דאַכט זיך, נישט דער וועג קיין וואַרשע:

— יידן, — האָט זי געשריגן, — ווער ווייסט, צי מ'האָט אונדז דאָ נישט פאַרפירט... עפּעס פאָרט מען דאָך אָן אַ סוף... מען פאָרט און מען פאָרט און מ'זעט נישט, אַז ס'זאָל זיין וואַרשע...

ווען מ'איז אַריין אין דעם טונעל, האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ צווייטע יידענע, וואָס איז געפאָרן פון כעלם:

— געוואַלד, יידן, זעמט נאָר דאָס פינצטערניש...

— מ'עט נישט ווּיסן, ווו אונדזער געביין וועט אַהינקומען...

פונעם וואָקזאַל איז זי געפאָרן אין אַ דראָזשקע בשותפות מיט נאָך יידן און ווייבער, אַרומגעלייגט מיט פעק און זעק. דער דראָזשקאַזש האָט נישט געהאַט וו צו זיצן, ער איז געשטאַנען אויף אַ קויש און האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען מיט דער בייטש צו די פערד.

די יידן און די ווייבער אויף דער דראָזשקע האָבן איר אַלץ געמשלט, אָנגע־זאָגט און געוואָרנט, אַז זי זאָל זיך היטן, אַז דאָ איז וואַרשע... אַז ס'איז פול מיט גנבים... אַז מען פאַרפירט, מען נאַרט אָפּ... היהלע האָט געציטערט ווי אַ פיש, געמאַכט מיט די ליפּן, געזאָגט עפּעס תּפילות קעגן פאַרבלענדעניש, און קוקנדיק

מיט שרעק אויף די הויכע הייזער פון די עטלעכע הויפּט־גאַסן, וואָס מ'איז דורכגעפאָרן, האָט זי אַלץ געבעטן גאָט, אַז מען זאָל שוין גיכער זיין אין וואַרשע, וועלכע זי האָט געדענקט פון פאר דריי און צוואָנציק יאָר. ערשט ווען די דראָזשקע האָט פאַרקערעוועט צום געסל, האָט חיהלע פריי אָפּגעאָטעמט, מיט א דאַנק צום אויבערשטן, וואָס מ'זעט שוין א שטיקל וואַרשע. און קוקנדיק אויף די ברודיקע ווענט פון די הייזער און געוועלבער, אויף די לויפנדיקע יידן מיט די בערד און פּיאות, האָט זי א זאָג געטאָן מיט א ניגון פונעם דאַווענען:

— געלויבט דער אויבערשטער... כ'דערקען שוין א ביסל וואַרשע...

דעם אַדרעס פון דער עלטערער טאָכטער, פראַדל, האָט זי כסדר געחזרט. אחוץ דעם, האָט זי אים געהאַט אויפגעשריבן אויף א פאַפּירל, און זי האָט טאַקע באַלד דערקענט די אלטע גאַס, וו די טאָכטער האָט געוווינט. פאַר די דריי און צוואָנציק יאָר האָט זיך די גאַס גאָרנישט געענדערט. ווען מ'איז צוגעקומען צום טויער פון דעם ברודיקן, האַלב־חרובן הויז, האָט חיהלע געמאַכט א געוואַלד:

— האַרצעדיקע מענטשן... האַלטס מיר דעם קלימעק... מען וועט מיך נאָך באַגנבענען... מען וועט מיך בדלות שטעלן...

א רעדל קינדער האָבן זיך באַלד ארומגעשטעלט, און ווי זי האָט נאָר געזאָגט צו וועמען זי דאַרף, האָבן זיך שוין צוויי פאַרברודיקטע מיידעלעך ציגעקלעפּט צו איר:

— בובעליו... סט'עפּעס געברענגט?...

חיהלע איז ארויפגעפאַלן אויף זיי מיט א יללה:

— קומטס אהער צו דער באָבען... קומטס, מיינע ווערעם...

א ראָד פון קינדער, ווייבער און מיידן האָבן זי מיט רעש און געפּילדער ארויפגעפירט אויף די שמאָלע, ברודיקע טרעפּ צו דער טאָכטער.

ווי נאָר די אַלטע האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער קרומער שטול, האָט זי גענומען דערציילן אַלץ, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן זינט זי איז ארויסגעפאָרן פון לובלינער קאַנט.

— האַרצעדיקע מענטשן... דאָס וואַרשע ליגט דאָך עפּעס אזוי וויייט... אז מען פאָרט דאָך דורך אַ גאַנצע וועלט... און די קאַמעניצעס, וואָס מ'האָט אַוועקגעשטעלט... און אזא גערוּד און אזאנ' ענגשאַפט... און א פאָרעכץ איז דאָס געווען... די באַן... די היינטיקע באַנען... אַלע מינוט איז ער אַרויף אויף אַנ'אַנדער לעניע... וואָס ער איז אַרויף אויף אַ לעניע, האָט זי נישט געטויגט... האַרצעדיקע מענטשן... איידער איך בין צוגעקומען אהער, צו דער קראָכמאַלנע, האָב עך שיר

אַנגעווירן די נשמה... געלויבט צו גאָט, וואָס דאָ זעט נאָך דאָס שטיקל וואַרשע אויס ווי א ייִדישע שטאָט...

* * *

באַלד אויף צומאָרגנס אין דער פרי האָט זיך חיהלע אויפגעכאַפּט מיט אַ גרויס געוויין. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ, אויפן פּראַגער בית־עולם, האָט זי איר ערשטן מאַן און איר ייִנגסטן זון. זי האָט זיך באַלד צונויפגענומען מיטביידע טעכטער, און אַלע דריי ווייבער זענען אַוועק אויפן פּראַגער בית־עולם.

אויפן וועג האָט זיך די אַלטע א ביסל באַרואיקט, ווען זי האָט געזען, קיין עין־הרע, אַזויפיל ייִדן, ווי מען שטופּט זיך אין די ענגע, ברודיקע גאַסן.

דער וועג האָט לאַנג געדויערט. חיהלע האָט געשפּאַנט מיט צעשראָקענע אויגן, אויס פּחד פאַר גנבים, פאַר פערד און גוייִשע לוויות. ענדלעך איז מען גע־קומען צום בית־עולם. ווען מען איז אַריין אינעם טויער פונעם אַלטן, רויטן, געמויערטן פּאַרקן, ווו פון צווישן די אַלטע, אומעטיקע ביימער האָט אַ קלאַפּ געטאָן די אייביקע שטילקייט פון די קברים, האָט די אַלטע אויפגעלעבט. זי האָט אָנגעהויבן שפּאַנען מיט א משונהדיקן געאייל, צעטיילט א פּאָר גראָשן די בעט־לער און קאַליקעס. דערנאָך האָט לאַנג געדויערט, ביז וואַנען מ'האָט געפונען דעם קבר, ווו ס'איז שוין נישט געבליבן קיין סימן פונעם ברעטל מיטן שטיינדל, וואָס זי האָט געלייגט אויפן קבר פון איר ערשטן מאַן. חיהלע האָט באַלד דעם קבר דערקענט און האָט מיטאַמאָל באַקומען א פייכטע נאָז. באַלד האָט זי אַרויס־געלאָזט א קוויטש, אַז די ביימער האָבן זיך אַזש דערשראָקן. די טעכטער זענען געשטאַנען דערלעבן און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. קיינע פון זיי האָט דעם טויטן נישט געקענט און נישט געדענקט. דעמלט האָט חיהלע אויף זיי א געשריי געטאָן:

— וואָס שטייט עך ווי די גלאָמפּעס... וואָס לאָזט עך נישט קיין טרער אויף דעם טאַטנס קבר...

און זי האָט אָנגעהויבן זאָגן:

— אוי, מיין טייערער מאַן... לאָמיר כאָטש פאַר דיר אויסדערציילן מיין גאַנץ ביטער האַרץ... אוי, דו ווייסט דאָך, מיין טייערער מאַן, וואָס פאַר א שווער, ביטער לעבן איך האָב געהאַט נאָך דיין טויט... אַז דו האָסט מיך איבערגעלאָזט מיט דריי פּיצלעך ווערעם אויף די הענט... כ'האָב דאָך מיך נישט געהאַט ווו צו קערן און צו ווענדן...

— דו ווייסט דאָך, מיין טייערער מאַן, אַז כ'בין אַוועק פון וואַרשע צו מיין

עלטסטער שוועסטער מרים... האָט זי זיך אָן מיר גוט גוקם געווען... כ'האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן... און די שוואַלבן זענען געקומען אָן א שטיקל טאַטן... דעמלט ביסטו דאָך מיר געקומען צו חלום... ווייסט דאָך, אז כ'האָב חתונה געהאַט מיט הודלען... דו האָסט דאָך אים געקענט... הודל קירזשנער... דאַרפסט דאָך עם געדענקען... ער איז געווען אַ לאָמער... האָב עך נישט געהאַט ביי עם קיין לעבן... זאָל ער מיר מוחל זיין... טאָמער טרעפסטו אים דאָרטן אויף יענער וועלט... ער האָט זיך ביי מיר אויך נישט לאַנג געהאַלטן... און ווען ס'איז געוואָרן די מלחמה מיטן רוס, האָט ער מיך איבערגעלאָזט מיט אַלע פיר קינדער אָן א שטיקל ברויט...

— איצט ווין איך אין לובלינער קאַנט און פארדין מיר אויף א שטיקל ברויט... ביי א פעסעלע הערינג... כ'גיי ארום צו די גאָספאָדעס... ווינטער א פע־סעלע הערינג און זומער — א ביסל אויבסט און אוגערקע...

— אוי, ליבהאַרציקער מאַן... ביי דיר האָב איך געלעבט אין געלאָבט... און ס'איז דאָך מיר געווען גוט ווי די וועלט... כ'בין דאָך ביי דיר געווען א מענטש מיט לייטן גלייך... כ'בין דאָך ביי דיר געווען א גבאיטע און מענטשן האָבן מיך געשאַנעוועט... היינט בין איך א פארשטויסענע אלמנה... און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף מיר... בעט איך דיך, טייערער מאַן, אזוי ווי איך בין איצט הרוב און כ'דאַרף האָבן סאָלאָווייטשיקן... בעט איך דיך, טייערער מאַן... דו זאָלסט פאר מיר אויספועלן א רפואה שלימה... זאָלסט געדענקען, אז כ'האָב אָנגעלייגט וועג... און צו מיין צווייטן מאן, הודל, וועל עך נישט גיין... ווייל ער איז שטענדיק געווען א דרערד־ליגער און כ'בין אים מוחל זיינע טובות...

ביידע טעכטער זענען געשמאַנעו פארקרימט און האָבן פלוצלינג אויסגעשאָסן אין א יאָמערלעכן קלאָג...

# דאָס בשמים־געוועלב

דער גאַנצער גראָער קגוף אָרעמע יידישע געסלעך ארום האָט זיך געשפּיגלט אין דעם געוועלב. דאָס בשמים־געוועלב, וואָס האָט געהערט צו ברוך חסיד, האָט אין דעם געסל אויסגעזען ווי א זיידענע לאַטע אויף א גראָבן, גראָען זאַק.

דאָס געוועלבל איז געווען א לאַנגס און א טיפֿס, און פֿון דער טונקלקייט האָבן ארויסגעקוקט די פֿולע אָנגעלאָדעוועטע פּאָליצעס מיט סחורה. די סחורות האָבן געריידצט מיט יום־טובדיקע יידישע ריחות פֿון בשמים און איידעלע עסנ־ווארגן. א פֿולקייט און א רחבות האָט ארויסגעשפּאַרט פֿון אינעווייניק.

דאָס אָרעמע געסל האָט אי ליב געהאַט דאָס געוועלב, אי עס געשאָלטן. ליב געהאַט האָט מען דעם ווילשטאַנד און רחבות. אָבער פֿיינט געהאַט האָט מען עס פֿאַר דעם „גיישט־שטיין“ און נישט־אויסקוקן דעם אָרעמען קונה. פֿאַר דעם גיכן: „אַהין אָדער — אַהער“, ווען דעם קויפֿער האָבן צוגעבעלט די פּאָר גראָשן, פֿאַר דער אויסערגעווייגלעכער אָנגעזעטיקטקייט, וואָס האָט ארויסגעקוועלט פֿון די טיפֿע ווינקלען און די בלייכע אויסגעאיידלטקייט פֿון ברוך חסיד און זיין ווייב, די קליינע פֿייגעלע.

די אָרעמע יידישע קינדער פֿון דעם געסל זענען געווען פֿארכישופֿט פֿון די צוויי גרויסע שילדן מיט די „כינעזישיקעס“ מיט קרומע אויגן און לאַנגע, שוואַרצע צעפּ און לאַנגע וואָנסן, ווי שטריקלעך, וואָס האָבן געטראָגן רויטע קאַסטנס טיי. עס האָבן געלאָקט די רעקלאַמע־בילדער, אויף וועלכע עס זענען געלעגן גאַנצע בערג מיט שאָקאָלאַד און גרויסע, בלעכערנע פּודלעס לאַנדרין־צוקערלעך. עס האָט זיך געדאַכט, אז דער הויכער, בלייכער ברוך חסיד איז דער באַלעבאָס פֿון דער וועלט און אלע גוטע זאכן פֿון דער וועלט געהערן צו אים.

* * *

און איינמאָל, נאָך אַ הייסער זומער־נאַכט, ווען די חתנים מיט די כלות פונעם געסל האָבן זיך אויסגעזעצט אין די ווינקלען פון גאַס, אויף די טרעפּלעך פון די געוועלבער, כדי צו כאַפּן לופט און אויסזינגען די ליבעס־לידער, איז צוגלייך מיטן אָנהייבן ליכטיק ווערן געוואָרן אַ געוואַלד און אַ געלויף. אין דער זייטיקער וואַנט פון דער מויער, וו ס׳איז געווען דאָס בשמים־געשעפט, האָט מען דערזען אַ לאָך, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין די ציגל. דאָס לאָך האָט זיך געצויגן ביז אונטער דער פאַרלאָגע פונעם בשמים־געוועלב, און דאָ, אין דעם רויטן ציגל־שטויב, קאַלך און ערד, האָבן זיך געוואַלגערט גאַנצע פּעק טיי און צוקער, סאַרדין און שאָקאָלאַד. דאָס אַלץ איז געלעגן צעשיט און צעטרעטן. ס׳איז געווען שבת. דאָס געסל איז געשטאַנען אַרום, האַלב־נאַקעטע ייִדן און ווייבער האָבן זיך געשטופּט און געקרעשט. דעמלט האָט מען דערזען דעם סוחר, ברוך חסיד. ער איז אַראָפּגעקומען אינעם שוואַרצן, סאַמעטענעם שלאָפראָק. ער האָט גאָר־נישט גערעדט, נישט געפרעגט, ער האָט נאָר געזאָגט:

— ייִדן, ס׳איז שבת — און זיך נישט צוגערירט צו קיין זאַך.

שבתצונאַכטס האָט ער געשיקט רופן אַ פּאָר יונגען פונעם געסל. זיי זענען געווען באַוווּסטע אין געסל גנבים און פּאַסערס. ער האָט זיי אַרויפגענומען צו זיך אין שטוב און קורץ, אויף אַ חסידישן אופן, אָפּגעמאַכט מיט זיי. ער האָט געזאָגט:

— איר זענט דאָך ייִדן... מיר זענען דאָך שכנים... מילא.

מ׳האָט פאַרמויערט צוריק די וואַנט און פון דעמלט אָן איז ברוך חסידס בשמים־געוועלב געוואָרן אַן אייגנס אין געסל.

ביים שופלאָד איז געזעסן פייגעלע, ר׳ ברוכס ווייב. זי איז געווען אַ קליינע ווי אַ קינד, אירע אויגן זענען געווען פרומע און וואַרעמע. איר קליינע, ווייסע האַנט האָט געשמעקט מיט ייִדישע בשמים. זי האָט גיך געציילט די קלעפּיקע גראָשנס פון די קויפער און אַרויסגעלאָזט יעדן מיט אַ ברכה.

ר׳ ברוכן האָט מען זעלטן געזען אין געוועלב, ער האָט נאָר געקויפט סחורה און צומיינסט געזעסן און געלערנט. טאַקע דאָ, איבערן געוועלב, אויפן ערשטן שטאָק איז געווען זיין דירה. איבער דעם געוועלב האָבן זיך אַרויסגעריסן מיט דעם בלייאַסק פון ריינקייט און געוואַשנקייט זיינע פיר פענצטער. ביי איינעם פון די פענצטער האָט מען געקאָנט זען ר׳ ברוכן, ווי ער זיצט, אָנגעטאָן אין זיין לאַנגן, שוואַרצן, פּליושענעם כאַלאַט, און קוקט אַריין אין אַ ספר. זיין קליין, שוואַרץ בערדל האָט אַרומגעכאַפּט זיין לענגלעך פּנים, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיטן שאָטן פון זיינע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ האַלב פון זיין גע־זיכט. אַ וואַרעמער פלאַם איז געלעגן אין זיין בליק און האָט געשלומערט פון

אונטער זײַנע געדיכטע ברעמען. ער איז געזעסן איבערן ספר און זײַנע גלײַכע, שמאָלע פֿינגער האָבן געבלאַנדזשעט אין דער זײדענער געדיכטקייט פֿון זײַן שוואַרץ בערדל.

ר' ברוך איז געווען אַ שווײַגנדיקער, און זעלטן האָט מען געהערט זײַן זינ־געגדיק לשון. אויף קיין ווײַבער האָט ער נישט געקוקט, דערפֿאַר האָבן די ווײַבער פֿאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ, אָבער די מיידן פֿונעם געסל האָבן ליב געהאַט מיט אים צו משפּען, רעדן צו אים, און גוימן אים, ער זאָל זיי אָנקוקן:

— אַ גנבישער צלאָפּ... די אויגן ברענען... און ס'וויל נישט קוקן...

ר'ברוך חסיד האָט נישט געקוקט און נישט גערעדט.

* * *

ווי אַ יונגער, קרעפֿטיקער פֿויגל, אַ גאַרוואָס געכאַפּטער אין אַ שטייג, האָט אין דער טונקלקייט פֿון דעם פֿול־אָנגעפּאַקטן געוועלב אַרומגעפּלאַטערט לאה. זי איז געשפּרונגען די קונים איבער די קעפּ אויף די לייטערס און פּולקעס, אירע הענט האָבן ווי שטאַנגען פֿון אַ קלוגער מאַשין אויסגעפֿירט קונציקע אַרבעטן, מיט דער שנעלקייט, וואָס איז נישט געווען צו דערכאַפּן מיטן אויג.

די אויגן פֿון די אײַלנדיקע קונים האָבן געבליצט צו לאהן, און אַלע הענט זענען געווען צו איר אויסגעשטרעקט.

אָנגעטאָן אין אַ בלוי, גרויס פֿאַרטוך, מיט פֿאַרשאַרצטע אַרבל ביז די עלנ־בויגנס, האָט זי זיך אַרויסגעריסן פֿון דער טיפֿער טונקעלקייט פֿונעם געוועלב מיט איר וווּנדערלעך־ווײַסן פּנים און שוואַרצע, פֿרישע, גלאַנציקע האָר.

לאה איז געווען יונג, זי איז אַלט געווען אפֿשר זיבעצן יאָר, און די מעכטיקע פֿולקייט פֿון איר ווײַבלעך־קערנדיק לײַב האָט געריזלט ווי אַ קוואַל אונטער דעם טוכענעם אַרבעטס־פֿאַרטוך.

זי איז געווען שיין אין איר יונגער, זאַפֿטיקער הונדיקייט, מיט איר פֿרישער, יידישער, רײַצנדיקער אומבאַרירטקייט. זי איז געווען שיין מיט דער זײדענער איידלקייט, וואָס האָט געדרייצט דאָס געסל, פּונקט ווי די יום־טובדיקע בשמים.

לאהן האָט מען אָבער געקאָנט זען נאָר אַרומפּלאַטערנדיק איבער די פּאָ־ליצעס פֿון ר' ברוך חסידס בשמים־געוועלב.

פֿייגעלע האָט לאה גערופֿן: „מומע“, און ר' ברוך חסיד — „פֿעטער“. און ווי נאָר מען האָט אין אָווגט פֿאַרמאַכט דאָס געוועלב, איז לאה פֿאַרשוווּנדן, אַרויף אין שטוב אַרײַן, אין דעם פֿאַרמאַכטן הויז פֿון ר' ברוך חסיד, ביז אינדערפֿרי, ווען מ'האָט געעפֿנט דאָס געוועלב. דאָס געסל האָט געוווּסט, אַז לאה איז אַ יתומה

פון דער משפחה און מ'האָט צוגעקלערט מעשיות וועגן א תקיעת־כף ביים קבר פון איר פאָטער, ווו ברוך חסיד האָט צוגעזאָגט זי חתונה צו מאַכן מיט א לערן־קינד, און מ'האָט געפּרווט טרעפן, וויפל ער וועט איר געבן נדן.

גערעדט האָט לאה צו אלע קונים אלץ איינס. אלע האָבן זי גערופן: לאה, און די יונגע פונעם געסל האָבן, קויפנדיק, געפּרווט מיט איר כאַפּן א שמועס. זי איז אָבער געווען אזוי גיך, און אירע אויגן זענען בלויז געהאָנגען איבער די פּאָליצעס און קיין שום בליק האָט זי נישט געקאָנט אָפּרייסן.

לאה איז געוואָרן שענער פון פרילינג צו פרילינג, און איינמאָל, אין א זומער־פאַרנאַכט, ווען די יונגע פונעם געסל זענען געזעסן אויסגעזעצט קעגנאיבער דעם געוועלב, האָט זיך איינער פון די קרולס באַרימט, אַז ער האָט נאָרוואָס גערעדט מיט לאהן, אַז ער האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס זי קומט נישט אַראָפּ א ביסל שפּאַצירן ביינאַכט, און זי האָט געזאָגט, אז זי האָט נישט מיט וועמען צו גיין.

די קרולס זענען געווען אַכט ברידער, די שענסטע יונגען אין געסל, צוויי פון זיי זענען געווען גנבים און זענען ערגעץ אוועק מיט קונצנמאַכערס קיין דייטשלאַנד.

איינער פון די קרולס, וואָס איז געווען דער שענסטער פון אלע, האָט טאָג און נאַכט נאָר געקלערט וועגן לאהן. ער האָט נאָר געחלומט וועגן איר און זיין גאַנץ בלוט האָט זיך אָנגעצונדן, ווען ער האָט זי דערזען. צוליב לאהן איז לעאָן נישט געגאַנגען מיט קיין מיידלעך, ער איז אוועק פון דער זאַטער קרולס שטוב און זיך נישט באַגעגנט מיט זיין פאָטער, דעם אַלטן קרול, וואָס האָט געשעפט מיט בוענאָס־איירעס און געברענגט פון דאָרט א פּאַפּוגע. לעאָן פלעגט אָפּזיצן גאַנצע שעהן קעגנאיבער דעם בשמים־געוועלב, אויף די טרעפּלעך פון דער רעסטאָראַציע, און אַריבערקוקן אין דער טונקלקייט פונעם געוועלב, ווו לאה, ווי א פויגל, האָט אַרומגעפלאַטערט.

דער יונג האָט גערעדט נאָר וועגן לאהן און אויסגעטראַכט באַגעגענישן מיט איר.

די יונגען האָבן געוווּסט, אז לעאָן באַרימט זיך, אז ער זאָגט ליגנט, אז אויף אלע רייד זייערע ענטפערט לאה מיט א צעשטרייטן בליק, ווי זי וואָלט נישט געהערט.

אין איינער א שפּעט־זומערדיקער נאַכט זענען די יונגען אריין אינעם טייהייזל. ס'איז געווען היים און באַנג, און אלע האָבן געקלערט וועגן לאהן, וועגן איר פרישער שיינקייט, וואָס איז פאַרהוילן הינטער די טונקעלע, שטילע פענצטער פון ברוך חסידס זאַטער שטוב. עס איז אויך געזעסן לעאָן קרול, שווייגנדיק און

פארבענקט. מיטאמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן, זייגע אויגן האָבן געבליצט מיט פייער, ער האָט א קלאַפּ געטאָן אין טיש און אויסגעשריגן:

— הערטס מיך אויס, גוטע ברידער... לאָמיר זיך געבן א שבועה... אז לאה וועט פון אונדזער געסל נישט ארויס... אז קיין שום פרעמדער וועט זי נישט קריגן...

די יונגען האָבן געטרונקען ביר, די העלדזער זענען ביי זיי געוואָרן רויט און זיי האָבן געשווירן. זיי האָבן געשווירן, נישט צו דערלאָזן קיין שום חתן פון אן אנדער גאס, אז טאָמער וועט קומען א חתן, וועט מען אים ארויסטראָגן פונעם געסל.

די גאנצע קורצע, הייסע זומער־נאַכט האָבן די יונגען אָפּגערוישט אונטער ברוך חסידס פענצטער, ווו לאה איז געשלאָפן. שטיל און פינצטער האָבן די פענצ־טער געגלאַנצט, און יעדער פון די יונגען האָט אין זיי געזען „זיין" לאה, וועגן וועלכער ער האָט געחלומט.

* * *

און פלוצלונג, אין א האַרבסטיקן, טונקעלן טאָג, ווען פייגעלע איז געזעסן אין געוועלב ביים שופלאָד, איז איר נישט גוט געוואָרן. מ'האָט זי ארויפגעטראָגן אין שטוב אריין, אויפן ערשטן שטאָק. באַלד האָבן זיך אין געסל אריינגעלאָזן די גלאַנציקע קאַטשן פון באַרימטע דאָקטוירים, און אין א פּאָר שעה ארום האָט זיך דערהערט, ווי עס פארדרוקן זיך מיט רעש די אייזערנע זאַלוזיעס פונעם בשמים־געשעפט. ארום איז געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן:

— וואָס איז דאָ געשען, האַרצעדיקע...

— פייגעלע פון בשמים־געשעפט איז געשטאָרבן...

— וואָס רעדט עץ, מענטשן... זי האָט דאָך נאָר וואָס געלעבט... כ'האָב דאָך ערשט ביי איר געקויפט פאר א פירער שפייז־קוכן... צום פלייש... מיינער האָט עס ליב...

די ווייבער האָבן זיך אויסגעקוויטשט די באַקן, וואָס פייגעלע האָט פארלאָזן אזא עשירות. מען האָט זיך געלאָזט ארויף אויפן ערשטן שטאָק צו ברוך חסיד אין שטוב אריין, אָבער דאָרט האָט מען נישט אריינגעלאָזט, לאה האָט מיט דער זעלבער גיכקייט ווי אין געוועלב אָפּגעפּאַרטיקט די נייגעריקע.

אויף מאָרגן איז געווען די לוויה, די גאס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. אויפן דריטן טאָג האָט מען געעפנט דאָס געשעפט. לאה אליין האָט זיך אן עצה געגעבן מיט די קונים, ר' ברוך איז געבליבן אין שטוב, ער איז געזעסן שבעה.

* * *

זינט ברוך חסיד איז געוואָרן אן אלמן, זענען די פיר קלאָרע געוואַשענע פענצטער פון זיין דירה איבערן געוועלב געוואָרן נאָך סודותדיקער. און עפּעס א באַזונדער זיסע און מאַטערנדיקע דערוואַרטונג האָט ארומגעהילט דאָס הויז.

לאה איז געווען אַליין אין געוועלב. אַלע פעדעם פון דעם געשעפט זענען געלעגן אין אירע הענט, דאָס געלט און די סחורה, זעלטן ווען ר׳ ברוך איז געזעסן ביים שופלאָד. אָבער נישט דאָס איז געווען דער עיקר.

די זיסע געהיימניש, וואָס האָט באַשעפטיקט דאָס געסל, איז געווען דאָס, וואָס שוין א האַלב יאָר איז אוועק, ווי דער חסיד זיצט אליין אין דער פאַרמאַכטער שטוב, און געבן אים בליט און ווערט אלץ שענער און ווייסער די מויד — לאה.

די אָרעמע ווייבער פונעם געסל, וואָס זענען ארויסגערופן געוואָרן צו ברוך חסיד אין שטוב העלפן אין דערווירטשאַפט, האָבן גאָרנישט געוווסט צו דערציילן פון דאָרט, כאָטש די ווייבער האָבן זיי אויסגעפרעגט „יעדעם קריש", ווו עס שלאָפט ר׳ ברוך, און ווי — לאה... וויאַזוי זיי רעדן צווישן זיך... אָבער גאָרנישט האָט זיך געענדערט, לאה האָט ר׳ ברוכן גערופן: „פעטער", זי איז אַ גאַנצן טאָג געווען אין געוועלב, און ר׳ ברוך איז געזעסן ביי דעם זעלבן פענצטער פונעם צווייטן צימער און ארייגעקוקט אין א ספר.

די איינציקע נייעס, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס געסל, איז געווען דאָס, וואָס ר׳ ברוך האָט געלאָזט שרייבן א ספר אויף דער געשטאָרבענער פייגעלעס נאָמען, און אין דעם טאָג, ווען די ספר־תורה איז פאַרטיק געוואָרן, ביי דעם סיום, האָט ר׳ ברוך געטיילט די אָרעמעלייט צו פּאָר גראָשן און די קינדער האָבן געקריגן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

דערנאָך איז צו ר׳ ברוכן פאַרפאָרן עפּעס א רבי, חסידים זענען געלאָפן, יידן אין טכוירענע פעלצן מיט ווייסע בערד זענען געקומען, און ר׳ ברוך איז געפאָרן מיט זיי אין א ברימשקע.

עפּעס א משרת האָט זיך אויך באַוויזן אין געוועלב, א יונגערמאַן מיט א לאַנגער קאַפּאָטע און א לאַנגער נאָז. ער האָט געהאַט רויטע פאַרשוואָלענע הענט, גלאַנציקע פון נאַפט און פון בוימל. די ווייבער האָבן געזאָגט, אז ער איז א „ליימענער גולם" און זיך געשטופּט צו לאהן.

ביי לאהן איז אלץ געגאַנגען שנעל און פלינק. זי איז געשפּרונגען אויף די לייטערס, איבער די פּאָליצעס, ס׳איז געווען דאָנערשטיק, די ווייבער האָבן געקויפט צימעריננג און פעפער און ליכט און ראָזשינקעס, מ׳האָט געגרייט אויף שבת, ר׳ ברוך איז געזעסן ביים שופלאָד. ווי שטענדיק, האָט ער געשוויגן און

נישט געקוקט. און פּלוצלינג האָבן אַלע דערהערט זיין חסידיש דינע און גאָרגל־דיקע שטים:

— לאה... לאה, זאָלסט שוין אַראָפּגיין פון דער לייטער...

דאָס גאַנצע נעסל האָט זיך אַ וויג געטאָן, ווי ס'וואָלט זיך עפּעס אויפגע־בונדן אַ לאַנג־אָנגעצויגענע זאַך. מ'האָט ערשט איצט דערזען, אַז לאה איז בלאַס, און די אויגן זענען ביי איר האַלב־פאַרמאַכט. ר' ברוך האָט זי אָוועקגעזעצט ביים שופלאָד. און איידער מ'האָט זיך אומגעקוקט, איז ר' ברוך אַליין צום ערשטן מאָל, מיט דער פלינקייט פון אַ ייִנגל, אַרויף אויף דער לייטער און גענומען באַ־דינען די קונים.

לאה איז שוין פון דעם אָוונט אָן כסדר געזעסן ביים שופלאָד, און נאָר חוהלע די גבאיטע, וואָס האָט געהאַט אַ „גוט אויג", האָט די ערשטע דערזען, אַז לאה קאָן נישט ברייט אַרויסרוקן דעם שופלאָד, ווייל עס שטערט איר דער בויך:

— האַרצעדיקע... זי איז דאָך שוין אין די הויכע חדשים... — האָט זי יעדער יידענע אַריינגעסיקעט אין אויער, און זיך געקנייפּט די באַקן, וואָס האָבן גע־ברענט ווי אַ לאָמפּ.

און דאָס נעסל האָט ערשט פאַרשטאַנען, אַז ברוך חסיד האָט זיי אָפּגע־נאַרט. מ'האָט זיך דערמאָנט אין די פאָרנדיקע חסידים, אין דעם רבין, אין די ברית־שקעס, ווי מ'האָט ר' ברוכן געפירט. מ'האָט אַרויפגעקוקט אין שפּעטן אָוונט צו די סודותדיקע פענצטער, וווּ ס'האָט קוים געבלינצט אַ לעמפּל.

* * *

איך דער יונג, לעאָן קרול, איז אין די שפּעטע אָוונטן געזעסן און אַרויפגע־קוקט צו די טונקעלע, סודותדיקע פענצטער. זיין האַרץ האָט געוויינט פון וויי־טיק. ער האָט געפילט, אַז עס איז דאָ אַ כוח, וואָס איז שטאַרקער פון זיין שיינ־קייט, פון זיין הפקר פאַרליבט האַרץ. ער האָט געצערטלט דעם שטיין, וואָס ער האָט שוין חדשים לאַנג נעהאַלטן און נישט געוואָרפן אין די גליקלעכע פענצטער פון דעם חסידישן קרעמער...


Paris 1952

# די ווייסע לאה„

דאָס געסל האָט אַן איינגעעם הימל, וואָס הייבט זיך אָן איבערן שוואַרצן, שפּיציקן דאַך פון דעם אַלטן, געלן „גוישן" הויז, ווו שקצים טרייבן טויבן מיט לאַנגע שטעקנעס, — און ענדיקן ענדיקט זיך דער הימל נידעריק, ביי די סודותדיקע ביימער, צווישן וועלכע עס ווייסלען זיך די יידישע, שרעקיקע מצבה־שטיינער פונעם בית־עולם. דאָרט פאַרגייט די זון אין אַ שטילן פלאַם, וואָס צינדט ביסלעכווייז אָן די ביימער, די מצבות. דער רויטער פלאַם גיסט זיך אויך אריין אין די קליינע, בליגדע, עלנטע פענצטערלעך פונעם „טויטן הויז", ווו לעאָן האָט געשאָכטן זיין כלה, די „שיינע אַדעלע".

סוף־זומער, נאָך האַלבן טאָג, ווען די זון הייבט זיך אָן אַראָפּלאָזן צו דעם בית־עולם, ווערט דאָס געסל אויסגעלאָשן. וואָלקנס גייען, גייען, ווייסע און גראָע. און ערגעץ ווייט, איבער דער בריק און דער ווייסל, ווו עס ליגן ווייטע שטיקער פעלד מיט בלויען וואַלד, קריכט פּאַמעלעך אַ באַן, און עס ליגן אויסגעגאָסן שטיקער ליכטיקע לאַנקע, גלייך ווי דאָרט וואָלט געוווינט די זון.

די וואָלקנס גייען כסדר ווי מחנות זעלנער ערגעץ צו אַ מלחמה, געטריבן פון אַ זייטיקן, פרעמדן ווינט. דער ווינט שמעקט מיט אומעטיקע ווינטער־טעג.

אין די טעג געשעען אינעם געסל פּלוצלונגדיקע אומגליקן, עס ווערט אַ געלויף און עס פאָרט אַריין מיט רעש אַ שוואַרצע עגלה. דער שוואַרצער ייד, וואָס טרייבט אָן די שוואַרצע פערד, עפנט די שוואַרצע טירלעך פונעם וואָגן, פון זיינע שוואַרצע, ברייטע קליידער קוקט אַרויס דער סוד פון טויט, און עס דאַכט זיך, אַז ער איז געקומען פון יענער וועלט.

אין אָוונט קריכט פּלוצלונג אַרויס אַ גרויסע לבנה און ליגט נידעריק נעבן אַן עלנטן קוימען. די לבנה איז גרויס, קאַלט און איבעריק. איר גרינבלעכע ליכט ליגט אויסגעגאָסן אויף אַ ליידיקן פּלויט, ווי ס'וואָלט געהאָנגען אַ ליילעך פון אַ קראַנקן.

די פרומע יידן אין געסל ווערן אין די טעג אַנגעזעענער, ווי גרעסער. זיי גייען מיט אייליקע טריט אין די אָוונטן צו סליחות. אין דער לבנה־ליכט שניידן זיך שרעקיק אויס זייערע שוואַרצע, שפּיציקע פּלייצעס. זיי שאָקלען זיך, זאָגן, און די אַלטע פורמאַנעס אין געסל, פּראָסטע מענטשן, שטייען פונדערווייטנס און שרייען צו די ציעשפּילטע שמייסער־יונגען, וואָס מאַכן חוזק:

— ליגטס איינגעלייגט... הייגט זענען אַזעלכע טעג... פאַר „יאַרנקיפּער"...

די עלטערע, אָנגעפּעלצטע און פאַרגרעבטע יידן האָבן מורא פאַר די קילע, קורצע, פאַר־יום־כּיפּורדיקע טעג, און אייגער וויזט דעם אַנדערן אַ גרויסן מחזור מיט שווערע, ברוינע טאָוולען:

— זעסט, ברודער, די כּלי, וואָס כ'האָב געקויפט... כ'בין אויך אַ ייד.. מ'דאַרף אַמאָל האָבן אַזאַ זאַך...

די שווערע יונגען רירן איידל אָן דעם מחזור, זייערע גראָבע, רויטע הענט ציטערן:

— ווייסט, ברודער... אַזאַ כּלי, אַז ס'פאַלט דיר אַראָפּ אויף דער ערד... איז שלעכט, ברודער... מוזסטו פאַסטן... אַ הייליק ספר... ס'אי ניש קאַ שפּילעכל...

די אויגן זענען ביי זיי אַרויסגעזעצט, ווי ביי די פיש. מען איז פאַרזאָרגט און מען רעדט וועגן יידישקייט:

— פאַר „יאַרנקיפּער", ברודער, מוז מען זיך היטן... אַ ליאַדע וואָס...

— איך שטעל מיר אָוועק, ברודער, אַ לעכט... אַזוי ווי אַ בוים... אַ צווייפונ־טיק לעכט... דאָס איז מיין פאָרציע יעדעס יאָר...

* *
*

דער הימל איבערן געסל לויכט מיט אַ גריגבלעכער בלויקייט, און די זון לייגט אָוועק פאַסן ווייסלעך גאָלד אויף די קאַנטן פון די אַלטע, גידעריקע, געלע הייזער, אויף די רינעס. און די אַלטע דעכער שפּילן אַזוי ווי לילער זייד. אָבער די ליכט איז אַ ווייטע, אַ קילע. די זון איז מאָדנע הויך און קליין. די אָרעמע, פאַר־זאָרגטע ווייבער און יידן פונעם געסל זאָגן, אַז ס'איז אַ שווינדזוכטיקע זון, אַזוי ווי ביי די קראַנקע, ביי וועלכע עס גליען די באַקן פאַרן שטאַרבן. אַזוי ווי די „ווייסע לאה", וואָס קוקט אַרויס דורכן פענצטער. די „ווייסע לאה", וואָס האָט געפירט אַ ליבע מיטן „שייגעם הערמאַן" און ס'איז איר אויסגעגאַנגען אַזאַ סוף...

איצט זיצט זי ביים פענצטערל, די גאָלדענע צעפּ געמען אַרום איר ווייס פּנים, די ליפּן זענען ווייס, און די בלויע אויגן שפּיגלען מיט ווייסקייט, און נאָר די באַקן גליען מיט אַ רויטן פלאַם. זי זיצט און קוקט אַרויס פאַרטראַכט, צי וועט דער

שיינער הערמאַן נאָך קומען... דער שיינער הערמאַן איז אַוועק קיין ראָסיי, און מען זאָגט, אַז דאָרט האָט זיך אין אים פאַרליבט אַ גראַפיניע. איצט ווייסן שוין אַלע, אַז די ווייסע לאה וועט גיך שטאַרבן. די קליינע מיידעלעך פונעם געסל, וואָס קענען דאָס „מאָראַלישע“ ליד פון „דער ווייסער לאה און דעם שיינעם הערמאַן“, קנייפּן זיך די באַקן, ווען עס קומען די קורצע, אומעטיקע טעג.

— מענטשן קרוין... זי זעט דאָך אויס ווי אַ טויטע... ווייס ווי קרייד... און נאָר די באַקן ברענען...

— זי וועט שטאַרבן ביים פענצטער... ווי זי קוקט אויס דעם יונג...

און די ווייסע לאה זיצט ביים פענצטער. איר ווייסקייט שרעקט און אַ קוים זעבאַרער שמייכל בלאָנדזשעט אַרום אירע ליפּן.

די ווייבער פונעם געסל, וואָס קענען זיך אויף די זאַכן, וואָס האָבן פאַרלוירן זין און טעכטער אויף דער „קרענק“, זאָגן, אַז אין „די טעג“ וועט זי שטאַרבן, ווען די ביימער ווערן געל און די בלעטער פאַלן...

— נאָר דאָס האַרץ... דאָס האַרץ לאָזט זי נישט שטאַרבן... ווייל זי וואַרט אויפן יונג... וואָלט זיג'עם געזען... וואָלט זי באַלד אויסגעגאַנגען...

מע דערציילט וואָס פאַר אַ רייד די ווייסע לאה רעדט צו דער מאַמען:

— מאַמעשי קרוין... ווען כ'וואָלטן נאָר געזען... וואָלט ער באַלד געזונט געוואָרן...

אַזוי זאָגט די ווייסע לאה וועגן הערמאַנען, און דאָס געסל וואַרט אָפּ די לעצטע זומער-טעג, וואָס וועלן צונעמען די ווייסע לאה. כאָטש שווינדזוכטיקע זענען דאָ אַ סך. און זיי שטאַרבן אין די ענגע שטיבלעך פונעם געסל אָדער אינעם יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע יעדן פרילינג און יעדן האַרבסט. אָבער אַרום קיינעם ליגט נישט אַזאַ גרויסער, שרעקיקער סוד, ווי אַרום דער ווייסער לאה.

* * *

עס גייען וואָלקנס איבערן געסל, ווי גרויסע, זילבערנע בערג. אַ קרומער, שטעכיקער ווינט יאָגט זיי גיך. זיי גייען אָן אויפהער, און פאַרנאַכט צינדן זיי זיך אָן מיט ראָזע פלאַמען. דער ווינט ברענגט אַ פרעמדן ריח פון קאַלטע וואַסערן און טראָגט אַרום די געשטאָרבענע בלעטער. די ביימער ביים ברעג, און די טאָפּאָלן, וואָס היטן דעם הויכן צלם, וויגן זיך, בויגן זיך אין אַ גרויסער מאַטערניש. עס דאַכט זיך, אַז זיי קומען אָפּ פאַר עפּעס אַ זינד. דער ווינט קערט אויס דאָס געסל, און די שטיינער פונעם ברוק באַקומען אַ ריינע, קאַלטע בלויקייט. לוזער שמש קומט אָן מיט אַ צעפלאָשעטער באָרד פונעם ווינט. ווי אַ קינד אויף דער האַנט,

טראָגט ער אַ ספר־תורה. ער גייט, ווי מען וואָלט אים געיאָגט, און זיינע פּאָלעס פליען דערשראָקן פונעם ווינט.

מיט קליינע, שטרענגע טריטלעך רוקט זיך דער אַלטער דודל חסיד, דער „אַפּהייבער" פון געסל, וואָס מען רופט אים, ווען עמעצער שטאַרבט. זיין ברייטער טלית־קטן פליט פונעם ווינט, און די באָרד קריכט אים אין פּנים אַריין. אינעם גאַרטל שטעקט ביי אים, ווי אַ גרויסער, געלער צאָן, אַ האָרן־שופר. די פּראָסטע מענטשן קוקן אויפן שופר ווי אויף אַ זאַך פון הימל. און עס רוקט זיך אָן דער טאַרגאַכט.

אַ שאָטנדיקע טונקלקייט פאַלט צו גיך, ווי אויבן, אויפן הימל, וואָלט מען זיך געאיילט. אַ בלויע לופט, וואָס שמעקט מיט קאַלטע עפּל, טראָגט זיך אָן. און נאָך דאָרט, ביים בית־עולם, לאָזט זיך אַראָפּ אַ צאַפּלדיקע, פייערדיקע קויל און בלענדט מיט פלאַמען. אַן איילנדיק, שרעקיק געלויף כאַפּט אַרום די יידן. אין די קליינע פענצ־טער ציטערן זיך אָן ליכט, און אין דער ליכטיקייט שמעלצן זיך די אַלטע, געלע טליתים, וויגן זיך אין אַ שטיל, נאָגנדיק מורמלען, ווי ווייטע וואַסערן וואָלטן גע־דראָט און געררושט פון אַלע ווינקלען.

אַ גרויסע שטילקייט שפּרייט זיך אויס. דאָס געסל איז ליידיק, און נאָך דאָס שאָרכן און קלעמפּערן פון שווערע שטיוול פון אַ פאַרשפּעטיקטן גוי איילט פאַר־ביי גיך און דערשראָקן. די יידן קוקן אויף דעם גוי, און זיי דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, וואָס האָט נישט וווּ צו גיין.

עס פאַלט צו די נאַכט. אַ קאַלטע, ווייסע לבנה גייט ערגעץ אין דער הייך, און קיינער זעט זי נישט. און אין דער פרי דערוויסט מען זיך, אַז אין דער אומ־היימלעך־ליכטיקער נאַכט האָט די ווייסע לאה שטילערהייט אויסגעהויכט די נשמה. עס דאַכט זיך יעדן, אַז זי האָט מיט דער נאַכט געהאַט עפּעס אַ געהיימען פאַרעם, אַז זי האָט געוווּסט פון גרויסע און הויכע סודות.

און אַ פרומע, הייליקע שרעק נעמט אַרום דאָס געסל...

# אסתר ליבע

אסתר־ליבעס קאָפּ האָט מען געקענט אין דער גאַנצער געגנט. ווי צעגליטער קופּער, האָבן אירע האָר געלויכטן און איבערגעגאָסן זיך ביי די ברעגן מיט איי־דעלע, בלייכע פלאַמען פון ווייסן גאָלד.

די רויט־פלאַמיקע האָר זענען געוואַקסן ביי איר מיט אַ מאָדנער גיכקייט. זיי האָבן פאַרנומען איר גאַנצע קינדהייט. זיי האָבן פאַרשטעלט איר נאָמען, ווייל מען האָט זי גערופן „די געלע". די האָר האָבן זי אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע. זי האָט פיינט געהאַט און אויך ליב געהאַט זייער קילע פרישקייט. זי האָט זיך גע־שעמט מיט זייער רויט־גאָלדיקער שפּיל, וואָס האָט פרעמד געלויכט אין דער גראָער און טונקעלער וועלט פון דער אָרעמער גאַס. די האָר האָבן געלעבט אויף איר קאָפּ מיט זייער באַזונדער לעבן.

און ווען אַ מידקייט האָט אָנגעגאָסן ווי בליי איר פלאַכע ברוסט, און דער פאַרצערנדיקער פלאַם האָט פאַרגאָסן אירע אויגן, אירע שלייפן, האָט זי אין פאַר־טראָגנקייט געפרעגט ביי דער מאַמען:

— מאַמעשי... ווען מען שטאַרבט... שטאַרבן די האָר אויך...

* * *

איינעם ווינקל פונעם שוואַרצלעכן, אָרעמען הייפל איז איר גליענדיקער קאָפּ ווי איינגעמויערט געווען אין דער גראָער, טונקעלער ראַם פון דעם פענצטער — דאָס אַלטע, אומעטיקע פענצטער מיט דעם אויסגעריבענעם ברעטל, אויף וועלכן זי האָט אָנגעשפּאַרט אירע שמאָלע, ווייסע הענט. דורך דעם פענצטער האָט אסתר־ליבע פון קינדווייז אָן געזען די וועלט. די וועלט פון דער אָרעמער יידישער גאַס און די מענטשן, וועלכע זי האָט געקענט.

אסתר־ליבע איז געזעסן ביי דער ניי־מאַשין. אַ גראָער אומעט האָט אָרוים־

געקוקט פון דעם אַלטן, אָרעמען יידישן הויז, און נאָך דער הייסער פלעק פון צעגליטן קופער, דאָס בלייך-ראָזלעכע פנים, די בלייכע, איידעלע ליפּן, וואָס האָבן געשפּילט מיט אַ ווייבערישער און קינדערישער זיסקייט, די אויגן גרויע, גרויסע, פאַרשאָטנטע פון אַ גאָלדיק-טונקעלן אָנלויף, — האָבן געבליקט ווייט און בענקשאַפטלעך, ווי ביי אַ זעלטענעם פויגל, אַ געפאַנגענעם.

הינטער איר, די גראָע, אָרעמע שטוב איז האַלב-ליידיק געווען. דאָ, ביים פענצטער, איז אסתר-ליבע געבליבן. אין צווייטן, טונקעלן און ענגן קעכל האָט אָרומגעפלאָנטערט דאָס קליינע מאַמעלע: חיהלע.

די מאַמע חיהלע איז געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער. נאָך יעדער לוויה איז זי געוואָרן איינגעשרומפּן, און די בעקעלעך האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ ברוינעם פלאַם. פיר לוויות, צוויי זין, אַ טאָכטער און דער מאַן, פאַר די פינף יאָר, אין דער זעלבער דירה. אַלע זענען זיי אויסגעגאַנגען שטיל, אויף דער זעלבער קרענק, אין יידישן שפּיטאָל אויף „טשיסטע" אָדער אין דער היים, דאָ אין דעם ווינקל — אויף דער אַלטער קאַנאַפּע. אַלע מיט די זעלבע שטילע, רופנדיקע אויגן. אַלע האָט די מאַמע חיהלע „געריסן", „אָפּגערופן", עס האָט אָבער נישט געהאָלפן.

איצט איז איר געבליבן אסתר-ליבע, די ייִנגסטע. זי וועט חיהלען נישט אָפּלאָזן, זי וועט נישט געבן... אַ פּאָר אויגן איז דער אַלטער חיהלען געבליבן. אויגן, וואָס הערן און זעען. אַזוי ווי צוויי גרינע, אָנגעווייטיקטע וווּנדן. די אויגן היטן יעדע רגע, יעדע מינוט. זי ווייסט, אַז די קרענק איז דאָ, זי קען זי, זי קען דעם געלבלעכן, איידעלן בלאַסק אַרום דער נאָז און אויפן שטערן. זי קען דעם הייסן שימער אין די אויגן פאַרנאַכט צו. זי קען דעם מידן פלאַטער איבער די וויעס, ווען אסתר-ליבע פאַלט צו מיטן קאָפּ צו איר איינגעפאַלענער ברוסט און זאָגט אַזוי שטיל און פאַרלוירן:

— מאַמעשי...

דעמלט ווערן אירע אַלטע, פאַרגרעבטע הענט — פון די טעפּ און קיך-אַרבעט — מיטאַמאָל געאיידלט. זיי באַקומען אַ דינע, איידעלע הויט, ווען די האַנט רירט אָן די טאָכטערס שטערן, ווען זי גליטשט זיך איבער איר פּלייצע. די האַנט גראָבט זיך איין אין איר, פאַרשטעלט זי מיט זיך, ווערט זי, ווי זי וואָלט עפּעס עמעצן אָפּגעיאָגט פון איר.

די מוטער אָטעמט טיף, ווי זי וואָלט געקעמפט מיט וועמען, זי שמעקט צו דער טאָכטער ווי אַ הונט, און זי דערשמעקט דעם ריח פון יענע... ערגעץ פונעם ווייסן טיכל, וואָס איז אַרומגעבונדן אַרום איר בלייכן האַלדז, ערגעץ פון הינטער אירע ווייסע אויערן אַפער שלאָגט אַרויס יענער ריח פון פאַרשניטנקייט.

* * *

אסתר־ליבע זינגט, די מאַשין קלאַפּט, אסתר־ליבע האָט אַ גוטן טאָג. זי איז בײַנאַכט געשלאָפֿן. זי האָט ניט געהערט, ווי די מאַמע איז געקומען טאַפּן איר שטערן. זי איז געווען ווײַט, עס האָט זיך איר ווידער געחלומט, אַז זי איז געפֿאָרן צו דער חופּה אין אַ קאָטש מיט גומענע רעדער... זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווײַס קלייד, מיט אַ לאַנגן, ווײַסן וועלאָן...

די גאַס האָט געדורדערט... יעדער וויל דאָך זען די כּלה... מען לויפֿט אַרויס פֿון די הויפֿן, יונג און אַלט, אין דער „דײַטשער שול“ איז ליכטיק... אַזוי ליכטיק... מען זינגט אַזוי שיין... אַזוי הויך... אַזוי הייליק... אַזוי ווי בײַ דעם באַנקירס טאָכ־טער... ווען זי איז געלאָפֿן זען דעם „שלוב“... מיט די מיידלעך פֿון דער גאַס... און דער חתן... אַ הויכער ברונעט... דאַכט זיך... דעם זשאַנדיצעס זון... אַנומלטן האָט ער אַרײַנגעקוקט צו איר דורכן פֿענצטער... אפֿשר ווייסט ער, אַז זי קלערט... ער גייט אין דער שקאָלע האַנדלאָווע, ער איז געלערנט... און ווי ער איז אויפֿגעוואַק־סן... אַ גאַנצער פּאַצעט...

אסתר־ליבע זינגט, איר שטימע איז אַ טונקעלע, אַן אָפּגעשפּאָלטענע... די שוועסטער רייזל האָט אויך אַזוי געזונגען... דאָס איז פֿון די לונגען... ווען די שוועסטער רייזל האָט געזונגען אין שפּיטאָל, האָבן אַלע געוויינט... דערמלט איז דאָס שוין צוגעקומען צום האַלדז...

— אמת... מאַמעשי... ווען דאָס קומט שוין צו צום האַלדז... איז שוין שלעכט... מאַמעשי...

— אסתר־ליבעשי... מײַן קינד... אפֿשר... זיך צולייגן...

— ניין, מאַמעשי... נאָר ניט ליגן.

* * *

דער פֿעלדשער שאַיטשע איז געקומען. דער פֿעלדשער שאַיטשע מיט דער ווייכער באָרד קוקט מיט זײַנע פֿרומע אויגן אויף דער קליינער מאַמע חיהלע. ער הייבט אויף זײַנע אויגן צום הימל:

— נאָר עסן און גוטע לופֿט...

אָבער אסתר־ליבע וויל ניט עסן. די מאַמע פּרעגלט און גיסט דאָרט בײַם קעכל. זי קאָכט און בראָט און מישט... זי וואָלט געוואָלט מיט עפּעס פֿאַרגיסן, אַרײַנגיסן דער טאָכטער עפּעס אַ זאַפּט פֿון לעבן, פֿון כּוח...

אָבער אסתר־ליבע קאָן ניט עסן, ווען זי קוקט אויף עסן, דאַכט זיך איר, אַז דער האַלדז ציט זיך איר צונויף.

— כ'קאָן ניט, מאַמעשי...

אסתר־ליבע וויל גישט עסן. זי וואָלט געוואָלט טאַנצן, גיין אין אַ טאַנץ־קלאַס, אָנקוקן די רייכע דאַמען אין „יענע גאַסן“... זי וואָלט געוואָלט פאָרן אין אַ דראָזשקע... דעם זשאָנדצעס זון... ער גייט דאָרט געווים אַרום אין די שיינע גאַסן... ווען זי טרעפט אים דאָרט, וואָלט ער זיך זיכער צו איר געגריסט... אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש... זיי קענען זיך דאָך פון קינדהייט...

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט. אסתר־ליבע האָט פארלוירן דעם קאָפּ איבער דער ווייסער לייוונט.

דאָס גאַנצע געסל איז ארויס פון די הייף, די קאָטש גליטשט זיך אויף די הויכע, גומענע רעדער... די כלה אין ווייסן... מען לויפט... וואָס לויפט מען?... וואָס איז די קאָטש אַזוי שוואַרץ?... אַ לוויה.. אסתר־ליבע....

לייִדיק איז די טונקעלע שטוב. נאָר אַ קלאַנג טראָגט זיך אַרום אין דער גראָער טונקלקייט, אַ קלאַנג, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די בלייכע ליפּן און וויל גישט פאַרשטאַרן!

— מאַמעשי...



# די שיינע אָרעלע

מיט אַ שטילן, געדריקטן טרויער האָט זיך אָנגערוקט דער פאַרנאַכט און איינגעהילט אין שאָטנס דאָס געסל. עס האָט אויסגעזען ווי ערב יום=כיפור, כאָטש עס איז געווען אַ וואַרעמער זומער=אָוונט סוף יולי. אַ קילע ראָזקייט האָט באַשלאָגן די מערב=זייט הימל, און די זון האָט זיך מיט געדיכטן גאָלד אַרייַנגעגאָסן אין די פענצטערלעך פון די בלינדע, אָפּגעשוונדענע מויערן.

איינציקע מענטשן האָבן דורכגעפינטלט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים מויערל נומער 9 און מיט שרעק אַרייַנגעקוקט אינעם גראָען הייפל. דאָס הייפל איז געלעגן שטיל און אָפּגעליידיקט.

נאָר אָט איז געוואָרן געדיכטער אין געסל פון מענטשן. מען האָט אָנגעהויבן גיין פון די פאַבריקן. מיט איילנדיקע טריט זענען געקומען יונגעלייט און מיידלעך, עלטערע און נאָך יונגע, יונגעלייט מיט שטעקעלעך אין די הענט און מיידלעך מיט טיכער אויף די אַקסלען. צעפּאַטלטע, מיט פאַרגעלטע שפּיץ נעז פון טיטון=שטויב, זענען זיי געקומען פון פּאָלאַקעוויטשעס טיטון=פאַבריק. אַלע האָבן זיך פאַרהאַלטן ביים מויערל נומער 9.

די אָפּגעריסענע קינדער פון דער גאַס האָבן זיך געדראַפּעט אויף די גידעריקע פענצטער פונעם מויער. מיט שרעק און אויפגעריסענע אויגן האָבן זיי דערציילט, וואָס זיי האָבן אין די פענצטער געזען, אַז עס ברענען ליכט... און אויף דער ערד ליגט... די „שיינע אָרעלע"...

מ'האָט שטיל געמורמלט, און די ווייבער האָבן פאַרבראָכן די הענט.

מיטאַמאָל האָט זיך אין געסל אָנגעטראָגן אַ רעש. מיט אַ טראַסקעריי און געפּילדער האָט זיך אַרייַנגעלאָזט אַ דראָזשקע פול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, אינמיטן איז געלעגן אַ פּאַק בעטגעוואַנט. צוויי ווייבער האָבן, ווייגנדיק זיך, געשריגן מיט צעריסענע קולות פון געוויין.

נאָך דער דראָזשקע איז נאָכגעלאָפן דאָס גאַנצע געסל. פון אַלע הייפלער,

פון אַלע הייזער, פון די זייטיקע געסלעך, פון די „אָקאָפּעס“ האָבן זיך געטראָגן לויפנדיקע מענטשן מיט אויפגעריסענע מײַלער און אויגן.

מען האָט שוין געוווּסט, אַז לעאָן וועט שוין מער נישט צוריקקומען, און אין דער גרויסער שרעק האָבן זיך די מיידן און די יונגען פונעם געסל געטוליעט איינס צו דאָס אַנדערע.

— ס'האַרץ האָט מאָ געזאָגט, אַז ס'וועט אַן אומגליק געשען... — האָט געזאָגט אַ מויד, — פון אַ ליבע קומט קיין גוטס נישט אַרויס... כ'האָב דאָך זיי ערשט געכטן געזען ביי דער פּאָוואָנזקער ראָגאַטקע... זיי זענען געגאַנגען געאָרעמט... מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז קיין גליקליכערס פון זיי איז נישטאָ...

* * *

די „שיינע אַדעלע“ און דער „שיינער לעאָן“. פון קינדוויַיז אָן האָט זיי דאָס געסל געקענט. די בלאָנדע אַדעלע מיט די גרויסע, שפּילנדיקע ליאַלקע־אויגן און גאָלדענע האָר. דאָס געסל האָט געקענט אירע טאַנצנדיקע טריט, ווען זי האָט זיך געוויגט אויף אירע שיין־אויסגעטאָקטע פיס. זי האָט זיך געטראָגן ווי אַ פרישער ווינט.

דער „שיינער לעאָן“ מיט די שוואַרצע, גלאַנצנדיקע האָר און טונקעלע שטאָל־אויגן איז געווען איר חתן נאָך פון קינדוויַיז אָן, דער שענסטער אין געסל, וואָס האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט, וואָס האָט געקאָנט זינגען און טאַנצן, און אַרבעטן מיט אַ מעסער. לעאָן, וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט דער רוסישער פּאָליציי, וואָס איז אַנטלאָפן פון פּאַוויאַק, לעאָן, וואָס איז געווען אַ גוטער יונג, וואָס האָט געטאָן טובות און ליב געהאַט זיין מאַמען, אָבער מער פון אַלעם האָט ער ליב געהאַט די „שיינע אַדעלע“.

* * *

דער פאַרנאַכט האָט זיך אַלץ געדיכטער געלייגט און אַלץ רעשיקער איז אין געסל געוואָרן. מען האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז „דאָס“ איז געשען.

די ידיעה האָט זיך געטראָגן אַראָפּ מיט די געסלעך צו פּאָוואָנזעק. אין די שמאָלע, זאַמדיקע געסלעך, צווישן שטאָט און דאָרף, צווישן די שטיקער לאָנקע און וויים־געקאַלכטע פלויטן האָט זיך געטראָגן אַ געררודעריי צווישן די מענטשן פון דער באַהאַלטענער וועלט.

שוין האָט מען געוווּסט אין אַנדערע טייַלן שטאָט, איבער דער בריק אין פּראַגע און אויפֿן „מקום“, אין די טיי־הייזלעך און אין די שטובן מיט די פֿאַרביקע פּאַפּוגייען, געבריענגטע פֿון בוענאָס־איירעס צוזאַמען מיט טונקעלע סודות פֿון זינגער און פֿאַרברעכן, אַז אין געסל זענען אָראָפּגעקומען גרויסע געסט, ריזיקע שוואַרצע יונגען, עלטערע מיט שוואַרצע בערד, ווי די מלכים פֿון קאָרטן, אָנגעטאָן אין שטיוול און טובענע היטלען מיט טיפֿע דאַשקעס. ווייבער הויכע, פֿרעמדע מיט בליציקע אויגן און שטיקער ברוין לייב, מיט שוואַרצע און בלאָנדע לאָקן אויף די נידעריקע שטערנס, מיט פֿינגערלעך אויף די פּוכינקע הענט, אין קאָלירטע קליידער, ווי די פֿייגל פֿון ווייטע לענדער.

די אַלטע געסט האָט מען שוין דאָ נישט געזען פֿון יאָרן. זינט דעם „גרויס־עשלעג“ צווישן דעם געסל און דעם „מקום“.

די געסט זענען געגאַנגען איבערן געסל מיט פֿאַרזאָרגטקייט, זיך איידל באַגריסט מיט די אָנגעזעענע באַלעבאַטים פֿונעם געסל און זענען פֿאַרשוווּנדן אין דעם טונקעלן טויער נומער 9. יעדער נייער גאַסט איז דאָ דערקענט געוואָרן און אַרויסגערופֿן אַ גערודער.

— שמחה פּראַגער איז געקומען...

— משה פֿון אָכאָטע...

— לייבוש קייסער...

יעדער נאָמען האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ געשיכטע פֿון שטאַרקייט, העלדישקייט און הפקרות. ביי יעדן גאַסט באַזונדער האָט מען דערציילט די שרעקלעכע געשיכטן פֿון דער „שייגער אַדעלע“ און דעם „שיינעם לעאָן“.

* * *

דערציילט האָט חוה, אַדעלעס יינגערע שוועסטער. אירע האָר זענען געווען צעפּלאָכטן, אַ גאָלדיקע פֿאַרב האָט פֿאַרגאָסן אירע באַקן, און די ציין האָבן אַרויסגעבליצט פֿון די פּולבלוטיקע ליפּן.

— אַדעלע האָט געוואָלט פֿון אים אַוועקגיין, און לעאָן האָט געשווירן נקמה...

לעאָן האָט געשווירן נקמה. ער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַרום איר טויער. זיין קאָפּ האָט געברענט, און זיינע אויגן האָבן געבליצט מיט אַ פֿלאַם פֿון משוגעת. אַדעלע האָט זיך פֿאַרמאַכט אין דער שטוב. זי האָט באַשווירן די מאַמע, אַז זי זאָל האַלטן די טיר פֿאַרמאַכט און קיינעם נישט אַריינלאָזן. און נאָר אין אָוונט, ווען אַדעלעס צוויי ריזיקע פֿעטערס, זעליג און מנשה, די צוויי שטאַרקסטע פֿורמאַנעס אין געסל, זענען געקומען, האָבן זיי זי געהיט.

די צוויי פעטערס האָבן מיט אָנגעצונדענע, רויטע העלדזער פון כעס שוין געוואָלט ארױפגײן אין גאס און אָנהייבן א געשלעג מיטן „שיינעם לעאָן". אָבער אַדעלע האָט זיך א וואָרף געטאָן צו זיי. אירע ווייסע הענט האָבן זיך ארײנגעקלאַמערט אין זייערע גראָבע בורקעס. זי האָט זיי באַשווירן, אז עס זאָל נישט קומען צו קיין געשלעג. זי האָט נישט געוואָלט קיין אומגליק. זי האָט געוווּסט, אז לעאָן וועט גיין קעגן אלע, און זי האָט נישט געוואָלט קיין בלוט.

אַדעלאַס געדאַנקען זענען איצט געווען ווייטע און בײע.

זינט פון פאריז זענען געקומען אירע צוויי מומעס, איז איר ווי ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ. איר גייניצניאָריק הארץ האָט אויפגעפלאַמט מיט קנאה צו זייער עלעגאַנץ, צו זייער זגראַבנעקייט און רייכטום, צו זייער שיינעם רעדן און איידלקייט.

די מומעס זענען אויך מיט יאָרן צוריק אוועק פונעם געסל, אָרעמע מיידלעך פון דער משפחה. זייער פאָטער, בערל, איז געווען א קליינער, דארער גנב. אַדעלע געדענקט נאָך זײנע קלײנע, שווארצע אײגעלעך, ווען ער איז ארויס פון ווייטע, רוסישע תפיסות.

אדעלעס פאָטער, מלך קרול, האָט נאָך דעמלט געלעבט, און די שטוב איז געווען פול פון גוטס. זי געדענקט נאָך די פריילעכקייט פון דער שטוב און דעם טאַטן מיט דער ברייטער, צווײשפּיציקער באָרד, מיט די ריזיקע אַקסלען... זי געדענקט, ווי עס פלעגט קומען פאָליציי זוכן גנבות און מיט זיי געטרונקען און געגעסן גוטע מאכלים... דערנאָך איז דער פאָטער לאַנג געלעגן אין שפּיטאָל אויף טשיסטע...

זי איז געווען א קליינע מויד מיט לאַנגע, בלאָנדע צעפּ, זי איז שוין דעמלט ארומגעגאַנגען מיטן „שיינעם לעאָן". לעאָן איז געווען עלטער פון איר און האָט געהאַט אלע מאָל נײע בײטעלעך מיט געלט. ער האָט איר געקויפט נאַשוואַרג און געגאַנגען מיט איר צום טאַטן אין שפּיטאָל אויף טשיסטע.

איינמאָל, ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען פון שפּיטאָל, שוין פארנאַכט, אויפן טונקעלן פעלד, האָט ער איר געזאָגט, אַז זי איז זיין כלה... לעאָן האָט זי געקושט און זי האָט אים געשלאָגן און געדראַפּעט

דערנאָך איז לעאָן „פארשיט" געוואָרן, און דער טאַטע איז געשטאָרבן. זי האָט געטראָגן לעאָנען וואַלוועקעס אין פּאַוויאַק ארײן צוזאמען מיט אַנדערע גנבישע כלות.

אָבער זינט די צוויי מומעס זענען געקומען פון פאַריז מיט זייערע פּאַרפיקע וואַליזקעס, מיט די קליידער און די בליציקע שטיינער אויף די פינגער, איז

אַדעלען גמאס געוואָרן דאָס געסל, און פאַרנאַכט האָט זי שוין נישט געהאַט קיין חשק אַראָפּצוגיין צו לעאָנען.

לעאָן איז אַרויפגעקומען אין שטוב און גערעדט גראָבע רייד צו דער מאַמען. די מאַמע האָט געשאָלטן. די מומעס האָבן זיך געהאַלטן גרויס. זיי האָבן געזאָגט אַדעלען, אַז זי וועט פאָרן מיט זיי קיין פּאַריז.

זיי האָבן געקעמט אירע גאָלדענע האָר און געזונגען. דערנאָך האָבן זיי איר אָנגעטאָן אין אַ בלוי זיידן קלייד און זי באַגאָסן מיט פּאַרפומען. זיי האָבן זי אַוועקגעפירט אין אַ דראָזשקע אויף גומענע רעדער אין אַ לוסטיקן זאַל, אין אַ ווייטער און רייכער גאַס, וווּ זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. דאָ האָט מען געזונגען און געשפּילט, דאָ האָבן גלאַנציקע הערן זיך געניגט פאַר זיי. אויסגעפּוצטע קריסטן מיט שטייפע וואָנסן, אַזוי ווי דאָקטוירים, האָבן באַוואונדערט אַדעלעס שיינקייט, און די מומעס האָבן געלאַכט. נאָכדעם האָט זי שוין אַלע טאָג געוואָלט גיין מיט די מומעס, נאָר לעאָן האָט נישט געלאָזט, ער האָט געסטראַשעט און זיך געוואָרפן מיט בליציקע אויגן. ער האָט געפילט, אַז ער ווערט אָן אַדעלען, און אַ פאַרשעמטער פאַרן געסל האָט ער „געשווירן נקמה“...

לעאָן האָט געשיקט ייִנגלעך פונעם הויף צו אַדעלען אַרויף אין שטוב, אַז זי זאָל אַראָפּגיין צו אים. דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר. ער האָט געריסן, געקלאַפּט. דערנאָך האָט ער געשיקט זיינע חברים, יונגען, גנבים פונעם געסל. זיי האָבן גערעדט צו אַדעלען, אַז דער יונג גייט אויס, אַז ער וועט נאָך עפּעס אָפּטאָן...

אָבער אַדעלע האָט גאָרנישט געהערט זייערע רייד, זי האָט געזען פאַר זיך „יענע גאַסן“, די ליכטיקע סאַלאָנען אין פּאַריז, וווּהין די מומעס וועלן זי מיטנעמען.

— אפשר האָסטו זיך פאַרליבט אין אַ יאָלד? — האָט לעאָן געשיקט פרעגן.

— טאָ זאָג מיר נאָר, ווער דאָס איז...

אָבער נאָכדעם ווי זי האָט לעאָנען געזען דורכן פענצטער, ווי ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט פאַרלאָפענע אויגן פון טרערן, האָט אַדעלע אויף אים רחמנות געקריגן און צו אים אַראָפּגעשריגן, ער זאָל אויף איר וואַרטן פאַרנאַכט ביים צעמנטאַזש, וווּ זיי פלעגן אָפט גיין שפּאַצירן אין אַלייען, צווישן די אַלטע קאַשטאַן־ביימער. אַדעלע האָט באַשלאָסן דאָרט אים צו זאָגן, אַז זי איז נישט פאַר אים... זאָל ער זיך זוכן אַן אַנדערע... זי האָט געוואָלט זיין פריי און וואָס גיכער זיך אַוועקטראָגן צו די ווייטע, ליכטיקע גאַסן...

מיט אַ גרינגן טראָט איז אַדעלע אין דעם פאַרנאַכט אַרויס פונעם געסל, אויף דער לעצטער באַגעגעניש מיט לעאָנען. זי איז געווען שוין אָנגעטאָן אין דעם

נייעם קלייד, וואס די מומעס האבן איר געשענקט. זי איז נאך קיינמאל אזוי שיין נישט געווען. דאס געסל האט געוווסט וועגן דעם ברוגז מיט לעאנען און האט איר נאכגעקוקט מיט נייגער.

זי איז פארבייגעגאנגען די נידעריקע טויערלעך און פלויטן. דער לינדער ווינט האט צעבלאזן אירע גאלדענע האר און אויפגעדעקט אירע שיינע, פולע פיס. יונגען האבן זי באגריסט און פארטשעפעט, אבער זי האט שטאלץ און בייז אוועקגעקערט דעם קאפ. היינט ביינאכט האט זי באדארפט גיין צו די מומעס. זי האט געוואלט וואס גיכער פטור ווערן פון דער פייגעדיקער באגעגעניש מיט לעאנען. זי האט פארגעסן אלע טעג און נעכט, וואס זי איז געווען נעבן אים. זי האט זיך אליין באוווּנדערט, ווי גרינג איר איז איצט אוועקצוגיין פון אים.

זי איז פארבייגעגאנגען די צלמים פון די קריסטלעכע מצבה=קריצער און אריין אין דער היגטערשטאטישער געגנט, נעבן דער ראגאטקע. קופּקעלעך ארבעטער זענען געשטאנען ביי די טויערן און געקוקט אויף די טויבן, וואס האבן זיך ראז געזילבערט אין זון=פארגאנג. ביים ראג איז געשטאנען א בריימער, רוסישער פאליציאנט. ער האט געטראגן ברייטע, בלויע הויזן, א פאסיק מיט רויטע לאמפאסן און א זילבערנע בלעך אויפן היטל. ער האט זיך אוועקגעשטעלט „סמירנא“, מיט גרינע אויגן אנגעקוקט אדעלען און, דרייענדיק די וואנסעס, א זאג געטאן: „אך, קראסאוויצא“.

זי האט זיך אראפגעלאזן מיט דער בריימער קאשטאנען=אלייע פונעם קאטוילישן צמענטאזש און פונדערווייטנס דערזען לעאנען. ער איז געשטאנען אנגעשפארט אין א בוים, מיט א טיף אראפגערוקט היטל איבער די אויגן. די ערשטע מינוט האט זי גאר פארגעסן, נאך וואס זי איז היינט אהערגעקומען, נאר ווען זי האט דערזען זיינע פארקוועטשטע ליפן האט איר עפעס א שטאך געטאן אין הארץ און זי האט זיך דערמאנט, וועגן וואס זי איז געקומען. זי האט ארויפגעלייגט איר ווייסע, ווארעמע האנט אויף לעאנס אקסל און געזאגט:

— לעאן... האסט פון מיר אן עוולה?...

ער האט זי לאנג דורכגעשטאכן מיט א בליק פון א גנב:

— וואס נאך ווילסטו זאגן... אדעלע...

זי האט דערפילט, אז ער קאן זי איצט שלאגן. ס'האט פארדראסן און א פלוצלונגדיק הפקרדיקייט האט א קלאפ געטאן פון איר. זי האט פארווארפן די הענט אויף די באקעס:

— האסט עפעס צו מיר... ס'הארץ איז מיר נישט צו דיר...

אוןביידע זענען שנעל אראפ צו די אונטערשטאטישע לאנקעס פון פאוואנזעק. שטיל און לער איז געווען אויף דעם ארט, וו זיי האבן זיך אוועקגעשטעלט

ביי א בוים. דער אָוונט האָט זיך גיך אויסגעשפּרייט. א שרעקיקע אומעטיקייט האָט איינגעהילט די שטיינערנע צלמים, און דער קלויסטער האָט געקלונגען טרויעריק און פרעמד.

אַדעלע האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. זי האָט זיך באַמיט מיט עקשנות אויסצומיידן זיין בליק, און לעאָן האָט געשוויגן. דאָס האָט לאַנג געדויערט. מיטאַמאָל האָט לעאָן מיט אַ פאַרקרימט מויל געפרעגט:

— אַדעלע... וואָס ביסטו מיר געקומען זאָגן?...

— אַז מיר זענען נישט קיין פּאָר, לעאָן...

— און דו גייסט פון מיר אַוועק?...

— כ'גיי...

— אָבער וויט וועסטו נישט אַוועקגיין, אַדעלע...

און מיטאַמאָל איז לעאָן געוואָרן קליין. אין דער אַרומיקער טונקלקייט איז ער געשפּרונגען אַרום איר ווי אַ פינצטערע קנויל. אַדעלען איז באַפאַלן אַ פּיין. אירע האָר האָבן זיך צעלאָזן. דאָס קלייד האָט זיך אויפגעעפנט און עס האָט זיך אַרויסגעזען איר בלענדנדיק ווייס לייב. זי האָט געשריגן און אויסגעשטרעקט אירע הענט מיט אַ צעריסענעם אַרבל.

אַזוי האָט מען זי פון דער ערד אויפגעהויבן, אַ טויטע מיט אַ פאַרבלוטיקטער ווייסער ברוסט, מיט אָפענע אויגן פון אַ ליאַלקע. נעבן איר איז געלעגן לעאָן, אין זיין געלער, פאַרשטאַרטער האַנט איז געווען איינגעקלאַמערט דאָס פאַרבלוטיקטע מעסער. זיינע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט, און נאָר דאָס ברייטע האַרץ אין דער מעכטיקער ברוסט האָט זיך קוים־קוים באַוועגן.

און נאָך אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ווען ער האָט אין שפּיטאָל אויפגעוואַכט, כדי אויף אייביק איינצושלאָפן, האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט:

— ווו איז אַדעלע?...

מען האָט אים געזאָגט, ווו זי איז, און ער איז אַוועק צו איר, אויף אייביק...

# מאַטילדאַ קומט צוריק

די סוף־ווינטערדיקע, גראָע לופט האָט אָנגעריהרט די הויט ווי קאַלט אײַזן. אַן אומעטיקע טונקלקייט איז געווען אויסגעשפּרייט איבער דער געגנט און דעם געסל, וואָס איז געלעגן אַרויסגעוואָרפן פון דער שטאָט. דאָס געסל האָט זיך אין דער נעפּלדיקער גראָבקייט אַרײַנגעשניטן מיט אַ ברייטן, פייכטן רינשטאָק און צוויי רייען נידעריקע, האַלב־חרובֿע הייזער אונטער שווער־אומעטיקע, שוואַרצלעכע דעכער.

בייז און שרעקיק האָט אין די ווינטער־אָוונטן אויסגעזען דאָס אָרעמע געסל. מיט אײַליקע טריט האָבן די אײַנוווינער זיך געטראָגן פון די פאַבריקן, די הענדלער פון גאַס זענען געקומען מיט רעש, עס האָבן זיך געשלייכט די בעטלער און אונטערוועלט־שאָטנס, וואָס האָבן דאָס געסל באַוווינט.

טייל האָבן בײַ די פינצטערע, אײַנגעפאַלענע טויערן פריילעך און הפקרדיק גערעשט און זיך געטיילט דערמיט, וואָס זיי האָבן פאַרן טאָג פון דער שטאָט אַרויסגעריסן.

אין דעם קאַלטן און נעפּלדיקן אָוונט האָט זיך אַראָפּ אין געסל אַרײַן לאַנגזאַם געשלעפּט אַן אַלטע פרוי מיט אַ געבראָכענעם טראָט פון אַ קראַנקן.

עס איז שווער געווען צו זען איר פּנים, וואָס איז געווען פאַרבאַבלט אין אַ שווערן, גראָען טוך. זי האָט געטראָגן פאַר זיך אַ שווערן פּאַק און אַ זעקל.

זי איז אַלע מאָל צוגעפאַלן צו אַ וואַנט און שווער אָטעמענדיק, זיך אָפּגערוט. ווען זי איז צוגעקומען צו דער הילצערנער דאָגאַטקע בײַ דעם הילצערנעם גראָ־געמאָלטן באַריער מיט דעם בלעכענעם האַלב־פיש און האַלב־פרוי, האָט זי זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין. זי האָט פאַררוקט איר טוך אויפן קאָפּ, מיט אַ בלאַסער האַנט איבערגעווישט איר שטערן, ווי זי וואָלט געוואָלט אָפּיאָגן דעם נעפּל פון די אויגן. דערנאָך האָט זי דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און שווער געאָטעמט.

שוין לאַנג, אַז זי איז אין דער געגנט נישט געווען. און כאָטש די שווערע,

נעפּלדיקע קעלט האָט זיך איצט געלייגט אויף איר, איז איר דאָך אַ וואַרעמער שטראָם אַדורך דורכן האַרץ, ווען די אומעטיקע פּלעמלעך פון די עלנטע לאַמטערן אין געסל האָבן אויפגעבליצט פאַר איר. באַלד דערנעבן איז נאָך געשטאַנען די אַמאָליקע ראָגאַטקע־שענק. די טיר מיטן קלים־פּערדיקן גלעקל האָט זיך יעדעס מאָל געעפנט און פאַרמאַכט, אַזוי ווי אייביק, אַזוי ווי דעמלט, מיט אַזויפיל יאָר צוריק, ווען איר פוס האָט דאָ געטרעטן. אויך איצט האָט זיך די שענק־טיר געעפנט און אָנגעפּעלצטע טרעגער, פורמאַנעס און גאַסן־מענטשן האָבן זיך ארויסגעשיט מיט ווינדיקע טריט. א שווערער ריח פון בראָנפן, ביר און גראָבע מענטשן האָט זיך אויף איר אַ טראָג געטאָן. אַ בייטש פון גראָבע, בייזע ווערטער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן איר אויער, און זי האָט אַלץ דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן.

זי האָט איצט פאַרגעסן, נאָך וואָס זי האָט געמאַכט אַזאַ ווייטן וועג, נאָך וואָס זי איז אַהערגעקומען. זי האָט אויך נישט געוווסט, וווּ זי וועט דאָ בלייבן. זי האָט נאָר נישט געוואָלט גיין צוריק מיט דעם וועג.

— דאָס איז שוין מיין לעצטער וועג... — האָט זי שטיל פאַר זיך ארויסגערעדט אויף פּויליש — דער לעצטער...

און באַלד האָט זיך איר פאַרוואָלט דאָס זעלבע זאָגן אויף יידיש. זי האָט גענומען מיט אַ ציטערדיק מויל צוזוכן יידישע ווערטער. זי האָט לייכט א שמייכל געטאָן, ווען זי האָט עטלעכע ווערטער צוגעקליבן, און מיט א מאָל האָט זי זיך דערמאָנט, אַז דאָ נישט ווייט דאַרף שטיין אין א שרעקיקער הויך דער אַלטער צלם. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אין דעם נעפּלדיקן ווינקל געפונען דעם הויכן צלם דערנעבן, ער האָט זיך אומהיימלעך געשוואַרצט. איר ווייסע, דינע האַנט האָט זיך באַוויזן פון אונטערן טוך און זי האָט אָנגעהויבן דעם קאָפּ זיך איבערצוצלמען, אָבער איר האַנט האָט זיך איינגעבראָכן און געבליבן הענגען. באַלד האָט זי זיך מאָדנע פלינק אויפגעהויבן און שנעל גענומען שפּאַנען, שלעפּנדיק דעם פּאַק פאַר זיך.

א שיכורער האָט קרום א פאַל געטאָן אויף איר און ער האָט זי אויסגעזידלט אונטער דער נאָז, אָטעמענדיק מיט אַן עסנדיקן ריח פון בראָנפן:

— צום טייוול... מכשפות דרייען זיך דאָ ארום...

די פרוי האָט זיך נישט פאַרהאַלטן. זי האָט איילנדיק געשפּאַנט. עס האָט שנעל געפינצטערט און נאָר ביים אָנהייב פונעם געסל האָט זי זיך פאַרהאַלטן נעבן אַן איילנדיקן שאָטן און א פרעג געטאָן:

— ווו איז דאָ דאָס אָרט?...

— וואָס פאַר אַן אָרט?

— דאָס הייליקע... דאָס גוטע אָרט...

און זי האָט אַ לאַך געטאָן דין און שפּיציק...

דער שאָטן איז אָפּגעשפּרונגען, ער האָט אַ וויַז געטאָן מיט דער האַנט אין דער וויַט, איבער דעם אָפּגעמעם פעלד, און איילנדיק זיך אָפּגעטראָגן.

די פרוי האָט אַ מינוט זיך געוויגט און מיט שווערע, געבראָכענע טריט זיך אַריינגעלאָזן אין געסל.

— כאַ־כאַ... דערשראָקן — האָט זי געמורמלט — דערשראָקן...

דאָ אין געסל האָט זי געפונען אַלץ ווי געווען. אין דער נעפּלדיקער טונקל־קייט האָט זי דערקאַנט יעדן ווינקל און אין איר האַרץ האָבן זיך אויפגעהויבן וויַטאָגלעכע קלעפּ, ווי דרימלדיקע, קראַנקע פייגל וואָלטן זיך געוועקט. אַ מיד־קייט האָט זי באַשלאָגן, אָבער זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. פאַרביי איר האָבן זיך געטראָגן אַוונט איינגעהילטע שאָטנס פון מענטשן. פון די הייפלעך און געוועלבער זענען אַריין און אַרויס מענטשן, אַזוי ווי אַמאָל, די זעלבע גראָבע, צעשויבערטע. פון די טונקעלע, פאַרהוילכטע און פאַרלאָזענע פענצטער האָבן אַרויסגעבלינצלט קאַרגע פלעמלעך פון די פאַרוויכערטע נאַפט־לעמפּלעך דאָ און דאָרט. און אומעטום איז זי געווען — אָט איז דאָס קרומע טירל פונעם געוועלב, וווּ דער שוסטער זיצט נאָך אַלץ איינגעבויגן ביי דעם רויכערדיקן לעמפּל און קלאַפּט אויף דער פּאָדעשווע. און אָט איז דאָס קרומע טויערל מיט דעם געלב־לעכן אויפשריפט, גומער ניין. אַ וואַרעמער שטראָם טוט אַ קלאַפּ אין איר האַרץ עס דאַכט איר, אַז זי האָט אַ שווים געטאָן אין דער צייט — צוריק. זי שטעלט זיך אָפּ און לייגט אַרויף אַ בלייכע, פלאַכע האַנט אויף איר ליינקער ברוסט.

— איך וועל שטאַרבן... — קלערט זי — באַלד וועל איך שטאַרבן...

און זי זעט נאָך אין דער וויַט דעם צלם.

— ניין... זי וועט נישט גיין וויַטער.

און זי שפּאַנט אַריין אין דעם שמאָלן, קרומען טויערל. אַ בלעכערנער לאָמ־טערן מיט אויסגעהאַקטע שויבן קאָפּטשעט. צוויי פאַרשפּעטיקטע, אָפּגעריסענע קינדער קוקן אויף איר מיט אויפגעריסענע אויגן פון שרעק. זיי האָבן אפילו מורא צו שרייען: „משוגענע“ און אַנטלויפן.

— דערשראָקן... — האָט די פרוי געמורמלט — דערשראָקן

און זי שפּאַנט אַריין אין דעם טונקעלן, אומעטיקן הייפל.

אירע אויגן זענען דורשטיק נאָך דער קאַרגער ליכט, וואָס קלאַפּט אַרויס פון די פענצטער. אָט די צוויי פענצטער... אויפן דריטן שטאָק... מיט די אָפּגעריסענע בלעכן. דאָ האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און די וויַטע קינדער־יאָרן און געזען איבער די פלויטן דאָס פעלד, וואָס האָט זיך געבלויט מיט דרימלענדיקע

פֿאַסן וואַלד אין דער רופֿנדיקער ווײַט, ווו די באַן איז ווי אַ קינדער־שפּילעכל פּאַמעלעך געקראָכן און געפּײַפֿט... דאָ האָט זי געבענקט און זיך געריסן צו אָט די גרינע, פֿרײלעכע, מיט זון באַגאָסענע שטיקער וועלט... אין דער בלויער, דרימלענדיקער ווײַט האָט זי דאָס נישט געקאָנט אויפֿזוכן דורך די דרײַסיק יאָר. זי האָט קרום אַ שמייכל געטאָן אײנעם פֿינצטערן מוך אַרײַן, ווײַל אין איר קאָפּ האָבן זיך אָנגעטראָפֿן עפּעס ווערטער פֿון אַ רוסישן ציגײַנער־ראָמאַן, וואָס זי האָט אָפֿט געהערט אין איינעם פֿון די רײַכע רוסישע נאַכט־רעסטאָראַנען אין פּעטערסבורג. ווערטער, וואָס וואָרענען, וואָס דערציילן פֿון אַ רייד, שטורעמדיק לעבן און אַן עלנטן טויט...

זי האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער טונקעלער, אָפּגעריבענער וואַנט פֿון דעם אַלטן הויז, און אין דער וואַרעמער טונקלקייט פֿון דעם שווערן מוך, ווו זי האָט דאָס פּנים איינגעטוליעט, זענען פֿאַר איר דורכגעלאָפֿן, אַזוי ווי בליצן אין דער נאַכט, שטומע, ערנסטע ליכטיקע, גרויסע שטעט מיט גלאַנץ און רײַכטום, אַ רעשי־קער לויף און געזאַנג פֿון באַנען און שיפֿן. עפּעס אַ גרויסע, רוסישע שטאָט, ווו מען האָט זי אין אַ זומער־נאַכט, אַ דרימלענדיקע און אַ שיכורע, געבאָדן אין אַ וואַנע מיט שאַמפּאַניער־ווײַן. דעמאָלט איז זי נאָך געווען מיט אים... אָבער דעמאָלט האָט אויך אין איר האַרץ געלעבט אָט דאָס געכל... און דאָס הייפֿל נומער נײַן... ווי איינגערעמט אין אַ רעמל פֿון גאָלד, האָט עס געוווינט אין איר...

אַ צאָפּל פֿון איבערגעלעבטע תּענוגים האָט זיך דורכגעליטשט דורך איר לײַב, און איר איז מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן. זי האָט אויפֿגעריסן די אויגן, אָבער מער האָט זי שוין גאָרנישט געקאָנט זען.

— יאָ, דאָס איז עס... די ענגע איז דאָ... די שוואַרצלעכע ווײַס איבער דעם פּלויט, זי הויבט זיך אָן דערמאָנען... פֿון דאָרט האָט זיך דורך איר גאַנצער קינד־הייט געטראָגן די שטילע שרעקיקייט, דאָרט איז דער בית־עולם... דער ייִדישער... דער שרעקלעכער... אָן זילבערנע און גאָלדענע טרומנעס..

קאַלט. זי האָט זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן, זי איז אַרויס אויפֿן גאַס. זי האָט געפּרוּווט אָפּשטעלן וועמען פֿון די לויפֿנדיקע מענטשן, אָבער קיינער האָט זיך שוין נישט געוואָלט פֿאַרהאַלטן. מ'האָט זי אָנגענומען פֿאַר אַ בעטלערין. דאָס געסל האָט קיין נדבֿות נישט געהאַט צו געבן. זי האָט גערעדט אויף פּויליש און אויף רוסיש. סאָלדאַטן אין ברייטע רוסישע הויזן מיט צעלאַפּעטע שטיוול האָבן זיך געאײַלט אין די אַרומיקע קאַזאַרמעס. זיי האָבן געשפּאַנט אײַליק און געקלונגען מיט די אײַזערנע פּאַדקאָוועס.

און אָט האָט זי געעפֿנט דאָס בידעריקע, געגלאָזטע טויער פֿונעם שוסטערס געוועלבל. זי איז אַרײַן, מיטן מוך פֿאַרשטעלט און אײַנגעבויגן, שלעפּנדיק דעם

זאק. דער שוסטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געבליבן מיטן אויפגעהויבע־
נעם האַמער.

— וואָס ווילט איר... אַלטיטשקע?...

זי האָט דערקאָנט דעם שוסטערס ווייסן, גרויסן, טויטלעכן שטערן, ווי גרוי
און אויסגעקראָכן זענען געוואָרן זיינע האָר און זיין באָרד. זי האָט עפּעס געזאָגט,
ער האָט נישט פאַרשטאַנען. באַלד, זי וועט אים זאָגן אויף יידיש:

— איבערגעכטיקן... באַצאָלן...

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קליין שוסטער־בענקעלע און פאַרלוירן
פאַר זיך איר מידע, מאָרנע־ווייסע און אייזעלע האַנט.

דער שוסטער האָט זיך האַלב אויפגעזעצט, ער האָט פאַרלוירן דעם האַ־
מער און מיט אַ צעריסן קול פון אומהיימלעכקייט אריינגעשריגן אינעם פינצטערן
קעכל אריין צום ווייב:

— פראַדל... פראַדל... קום נאָר אריין, פראַדל...

אַ צעפּאַטלטע, מיט אַ ווייסלעכן אָנלויף אויף דער הויט און שרעקלעכע,
שוואַרצע אומגליק־אויגן, האָט זיך פראַדל באַוויזן:

— וואָס?

— איך... בין אַ פרוי... אַ יידישע פרוי... — האָט די אַלטע אָנגעהויבן —
איך בין שוואַך... פון ווייט... דאַרף איבערגעכטיקן...

זי האָט אָנגעשטרענגט איר זכרון, צו כאַפּן די יידישע ווערטער, אָבער גע־
רעדט האָט זי ווי אַ פרעמדע.

פראַדלס אויגן זענען געוואָרן נאָך שרעקלעכער און שוואַרצער:

— כ'האָב נישט... נישטאָ ווו... כ'דאַרף נאָך האָבן אַזעלכע... ווער ווייסט
וואָס... גייטס... גייטס געזונטערהייט...

— פאַרוואָס גיין... כ'וועל באַצאָלן...

די אַלטע פרוי האָט זיך איצט אויפגעהויבן אין איר גאַנצער וווקס. זי האָט
זיך אויסגעגלייכט און אַראָפּגעוואָרפן דאָס שווערע טוך פון איר קאָפּ, אירע האָר
זענען געווען ווייסע ווי וואַרעם זילבער. אין אירע גרויע אויגן איז געלעגן באַ־
האַלטן אַ ווייטע, פרעמדע שפּיל, אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט מיט אַ קינדיש־
קאַפּריזער ווייכקייט. דער שוסטער איז געזעסן מיט אַ האַלב־אָפן מויל, מיט איין
האַנט האָט ער זיך געהאַלטן אָנעם ווייבס קלייד. פראַדל האָט געקוקט מיט שרעק.
אָבער דער גאַסט האָט איצט עפּעס געטאָן. זי האָט שנעל מיט ווייסע הענט איר
פּעקל צעוואָרפן. זי האָט דאָרט עפּעס געזוכט און מיטאַמאָל האָט זיך אין איר
האַנט באַוויזן אַ בלוי פּאַפּירל... אַ פינפרובלדיק פּאַפּירל. ווי עס וואָלט זי גע־
בריט, האָט זי דאָס געלט אַ וואָרף געטאָן צום שוסטער און זיין ווייב.

ביידע, דער שוסטער און די שוסטערין, האָבן אַ כאַפּ געטאָן דאָס געלט, אָבער דער שוסטער האָט אָנגעכאַפּט דאָס ווייב פאַר דער האַנט:

— פראַדל... ס'איז נישט קאַ ריינע זאַך... וואַרף אַוועק... גיב אָפּ...

די אַלטע האָט אָבער איצט געשריגן שוין אויף פּויליש:

— נעם, נאַרישע מענטשן... איך באַצאָל דיר פאַר נאַכטלעגער... איך קען דיך... איך בין פון דאַנען... דאָ געבוירן, אין דעם הויף... מיט דרייסיק יאָר צוריק פון דאַנען אַוועק... מאַטילדאַ... מיין פאָטער איז געווען אַ שנײַדער... אַ וואָיענע... אַ שנײַדער... איך זיין טאָכטער...

דאָ האָט דער שוסטער אַ ברום געטאָן מיט אַ שרעקלעכן ריטש, ער האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין ווייסן שטערן אַריין און אויסגעשריגן:

— מאַטילדע... דעם שנײַדערס... די... די... געשמדטע... מאַטילדע...

# נח׳ל „וואַריאַט“

נח׳ל „וואריאט“ האָט געלעבט א „גוטן טאָג“. דאָס ווייב פראַניעלע האָט אים איבערגעלאָזט מיט די זעקס טעכטער, דערנאָך איז זי משוגע געוואָרן און מ׳האָט זי אַוועקגענומען אינעם יידישן שפּיטאָל אויף „טשיסטע“.

נח׳ל איז געבליבן מיט די טעכטער, פינף געלע מיידן און איין שווארצע. אלע זענען געווען שיין און דיק, מיט ווייסע פנימער און לוסטיקע, גרויסע אויגן, ווי די ליאלקעס.

די עלטסטע, ריקל, איז אלט געווען צוואנציק יאָר. צוליב איר האָבן זיך די חתנים אין געסל געשטאָכן מיט מעסערס, און ריקל אליין האָט געפירט די געשלעגן און זיך אַנגענומען אַלע מאָל פאַר אַן אַנדער „חתן“. אין די געשלעגן האָט זיך אויך אריינגעמישט דער טאטע, נח׳ל „וואריאט“. ער איז געלאָפן מיט אן אייזערנעם שטעקן און געהאקט די חתנים. די יונגען האָבן אים געשאנעוועט, מ׳האָט אים נישט צוריקגעטאָן און נאָך געגאנגען מיט אים טרינקען בראָנפן צו „מיילאָכן“ אין דער רעסטאָראציע. און ווען נח׳ל „וואריאט“ האָט אויסגעטרונקען, האָט ער גערעדט:

— אַ רוח אין ענקערע טריפהנע ביינער אַריין... יאָך בין אַ טאַטע... ביי מיר איז נישטאָ קיין כאַפּעלעך... וואָס כאַפּט עץ מאָ די מיידן... וואָס קומט עץ צום גרייטן... ווילסט א מויד, קום אריין, וועט מען רעדן... ביי מיר כאפּט מען נישט... יאָך האָב דאָ אגומלטן געכאפּט מיין קליינע „כפּרה“... די קליינע איטקע, די יינגסטע... מיט דעם לאַטעק... סרולקע שוסטער, הינטערן פּאַרקאַן ביים פּוילישן „צמענטאַוש“... האָב יאך עם אריינגעוואָרפן א פּאָר פּעטשלעך און ס׳האָט עם געקאָסט א שיינע פּאָר גראָשן... ווייל יאך בין א טאטע... די מויד איז אלט צוועלף יאָר. נאָך פון דער ערד נישט אויפגעוואקסן... פארלאנג יאך, אז איך זאָל פון אזא לאטעק עפּעס האָבן... עץ הערט...

— אַ רוח אין ענקערע טריפהנע ביינער אַריין... לאָבוזעס... וואָס לויפט עץ נאָך אויף מיינע מיידן... אז כ׳האָב געגעבן א קוק אָן... עץ הערט... איז די קליינע כפּרה געזעסן ארומגענומען מיט דעם לאַטעק... און זי האָט געזונגען א „מאָ=

ראליש" ליד... עץ הערט, ווען דער ליבע... און דער יונג האָט זי ארומגעהאלטן... אז כ'זאָג ענק... ס'איז געווען א פארגעניגן צו קוקן... פונקט אזוי ווי די מאמע... א רוח אין איר... נאָר די מאמע איז משוגע אויפן גאנצן קאָפּ... פראניעלע... ווער עס געדענקט זי נישט... די שענסטע מויד אינעם געסל... יאך האָב געפירט צוליב איר א געשלעג מיטן „מקום". עץ זעט דאָ דעם שניט?... דאָס האָב יאך געקריגן פון א שייגעץ... זאָלן מיר אלע אזוי לעבן... יאך בין נישט געווען קיין יאָלד.. און פראניעלע האָט געמוזט זיין מיינע... און מיין ריקל... זי איז דאָך די מאמע אויסן אויג... א מויד א סאָלדאט... ס'איז דאָ אויף וואָס א קוק צו טאָן... און פאָלטשע איז שלעכט?...

די יונגען האָבן אָנגעהויבן הירזשען און געשטעלט נח'לען נאָך בראָנפן. ער זאָל דערציילן פון די טעכטער. נח'ל איז געוואָרן שיכור און אָנגעהויבן לערנען די יונגען:

— עץ ווייסט גאָרנישט... עץ זענט יאָלדן... עץ מיינט, אז ווען א מויד מאכט זיך געפגרט, איז שוין... אָבער יאך ווייס... ווייל יאך בין דאָך א טאטע... דעם יונג זאָגט זי אזוי, און זי קלערט זיך עפּעס אנדערש... יאך גיי מיר אראָפּ ביינאכט, הער יאך מיר... ווי די מיידן רעדן פון שלאָף... אנומלטן האָט מיין שיינדל גערעדט פון שלאָף... האָט זי גערעדט, ווען עץ ווייסט, וואָלט עץ דאָ אוועקגעשטעלט א שטאָף בראָנפן.

די יונגען הייבן אָן צוצושטיין, אָבער נח'ל „וואריאט" וויל נישט דערציילן. ער צעכליפעט זיך.

— וואָס מיינט עץ... יאך בין א טאטע... יאך וועל נישט לאָזן מיינע טעכטער אויף הפקר. יאך אליין בין אויך א מענטש... און מיין פראניעלע ליגט דאָרט אויף „טשיסטע"... מיין פראניעלע איז געווען שיין ווי די וועלט... יאך גיי זי אָפּנעמען פון שפיטאָל... זאָל זי זיין משוגע... פאר מיר איז זי קלאָר... יאך דארף אויך א ווייב... א רוח אין ענקערע טריפהגע...

מען גיט אים בראָנפן, נח'ל ווערט ווילד, ער הייבט אָן שרייען:

— נעמטס די מיידן... יאך בין א טאטע... יאך הייס...

דעמלט קומען אָן די טעכטער און עס ווערט א געיעג נאָכן טאטן. נח'ל וויל נישט אהיימגיין, די טעכטער יאָגן אים איבער דער רעסטאָראציע, פאריאָגן אים אין א ווינקל און הייבן אים אָן שלעפּן. נח'ל „וואריאט" שרייט, די טעכטער באָכען אים, שלעפּן אים פאר די הענט, פאר די פּיס. ער שרייט אויף די טעכטער צונעמען, און די יונגען באליידיקן זיך, די העלדזער ווערן ביי זיי רויט, און די מיידן שרייען צו זיי:

— קוקטס נאָר אָן די לאטקעס... וואָס שטייט עץ... זעטס נאָר די מאנצפארשוינען...

די יונגען זענען פארשעמט, און די טעכטער טראָגן אהיים נח׳לען.
דאָס גאנצע גַעסל לויפט נאָך, ס׳איז פרייליך. די מיידן טראָגן דעם טאטן.
די בלוזקעס זענען ביי זיי אויפגעריסן, די פנימער און די האָר זענען רויט און
די אויגן בליצן מיט גרינע פייערן.
נח׳ל איז אויך אָפּגעריסן פון קאָפּ ביז פיס. איין טאָכטער טראָגט אים נאָך
דאָס טאַקל, א צווייטע — א קאמאש און איינע — דאָס היטל.

* * *

שבת נאָכמיטאָג גייען אַלע זעקס טעכטער צו דער משוגענער מאמען אין
שפּיטאָל אריין. יעדע נעמט מיט איר יונג. אחוץ דעם לויפן נאָך יונגען און מיידן
פונעם גַעסל. אין שפּיטאָל זעט מען די מאַמע דורך די קראַטן פונעם פענצטער.
די טעכטער שרייען אַרויף צו דער מאַמען. א לאַנגע צייט שטייט די משוגענע,
אָנגעטאָן אין שמאטעס, מיט צעפּאטלטע האָר און ארויסגעזעצטע אויגן. זי
דערקענט נישט די טעכטער. זי שרייט אראָפּ, רעדט משוגענע רייד, זי טאנצט
מיט די פיס דורך די קראַטן און מאכט פרייליך דעם עולם.
מיטאמאָל דערקענט זי די טעכטער און הייבט זיי אָן אָנרופן ביי די נעמען.
די מיידן הייבן אויף א געוויין. איינע שרייט איבער די אנדערע:
— מאמע, דערקאָנסט מאָך... מאמע...
יעדע טאָכטער וויל איר עפּעס זאָגן:
— מאמע, דאָס איז מיין חתן... דערקענסט נישט מאָטלען... מאמע...
דער עולם ווערט שטיל און טרויעריק. די מיידן כליפּען.
מיטאמאָל שרייט די משוגענע אראָפּ:
— און ווער איז דער „שמיעטשאזש“?...
און זי ווייזט אָן אויף לאהס חתן.
דער יונג ווערט רויט, און אַלע אַרום לאַכן. אַזוי שרייט מען לאַנג, מע לאַכט
און מע וויינט, ביז וואנען די משוגענע הייבט אָן רעדן „געמיינע רייד“, און די
וועכטער הייבן אָן ארויסיאָגן פונעם שפּיטאָל־הויף.
ס׳ווערט פארנאכט. דער הימל צינדט זיך אָן, און משוגענע וואָלקנס קריכן
אַרום אין דער הייך. אַרום ליגן שטיקער פעלד און בלויע גַעפלען רוקן זיך אָן.
מען גייט צוריק אין גַעסל דורך דער אלטער „וואָליע“. די קריסטלעכע הייפלעך
זענען פרעמד און בייז. עס שמעקט מיט צלמים, מיט בראָנפן און פרעמדע
עסענעס. פונדערווייטנס קריכט פאמעלעך א באן, ווי א שלאנג, די מיידן צעגייען
זיך אין פארשידענע זייטן מיט זייערע חתנים.
נח׳ל „וואריאט“ שטייט נאָך לאנג ביים פלויט פון שפּיטאָל־הויף און קוקט
ארויף צום משוגענעם ווייב, ווי זי טאנצט מיט די פיס דורך די קראַטן.

# רבקהלע

## (פונעם געסל)

### 1

דאָס גאַנצע הייפל האָט זיך אַריינגעלייגט אינעם שידוך, און רבקהלען האָט געטראָפן אַ גליק.

געקומען איז רבקהלע פון ערגעץ אַ דאָרף, זי האָט געבראַנגט די קראַנקע מאַמע אין שפּיטאָל אַריין. די מאַמע איז אָפּגעלעגן אינעם יידישן שפּיטאָל אויף „משיסטע“ פיר חדשים און איז געשטאָרבן.

צוריקפאָרן אין דאָרף אַריין האָט זי שוין נישט געהאַט צו וועמען. קיין טאַטן האָט זי שוין פון לאַנג נישט געהאַט. איז זי געבליבן דאָ, אין געסל, ביי דער מומע לאה אין קעלער־שטוב.

אַלט איז זי געווען זעכצן יאָר, און ווען זי האָט זיך באַוויזן אינעם ברודיקן הייפל מיט איר געלאָקטן, גאָלדענעם קאָפּ האָר, מיט איר פרישׂ, ראָז פּנים, האָט עס אויסגעזען, ווי עמעצער וואָלט פאַרלוירן אַ פרישע רויז אויף אַ באַרג מיסט.

פון איר פאַרלאַטעטן און אויסגעוואַקסענעם קליידל האָבן ווי אַרויסגעשאָסן אירע שלאַנקע גלידער און די קינדערישע זיסקייט, וואָס האָט אַראָפּגעשמייכלט פון איר פּנים, האָט צוגעשמידט דאָס אויג.

די געשטאָרבענע מאַמע האָט מען ערגעץ לאַנג געפירט, אויף אַ בית־עולם פאַר אָרעמע. עס האָבן אַלץ געפעלט עפּעס קוויטלעך, מ׳האָט געדאַרפט געבן געלט און מ׳האָט כסדר צוריקגעוואָרפן דעם מת און נישט געוואָלט באַגראָבן. רבקהלע איז מיד געוואָרן פון נאָכגיין די עטלעכע פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן באַגלייט די לוויה, אויך די געשטאָרבענע מאַמע איז איר מיטאַמאָל פרעמד געוואָרן, און איר האָט זיך שוין פאַרוואָלט אַוועקגיין. ס׳איז איר מיטאַמאָל פאַר־

גאַנגען אַ פֿרישער ריח פֿון היי און פֿרישער ערד, און איר האָט זיך געוואָלט לויפֿן אַזוי אָן אָפּהאַלט אין פֿרייען פֿעלד אַריין.

די מומע לאה מיט די געשוואָלענע פֿיס האָט לאַנג געוויינט איבער רבֿקהלען, געזאָגט איבער איר „מאָראַלישע רייד“, אַז זי איז אַ קיילעכיקע יתומה, ווי אַ שפּענדל, וואָס ווערט געטראָגן פֿונעם ווינט... דער הייליקער טאַטע אין הימל זאָל זיך פֿאַר איר אָננעמען...

דאָס מיידל האָט אויף איר געקוקט מיט אירע בלויע, שפּיגלדיקע ליאַלקע־אויגן. האָט זיך די מומע לאה צעבייזערט, פֿאַרוואָס זי שטייט ווי אַ „גלאָמפּ“ און וויינט נישט. האָט רבֿקהלע גענומען וויינען, כאָטש זי האָט באַלד פֿאַרגעסן צוליב וואָס, ווייל די לעצטע צוויי יאָר איז שוין די מאַמע קיין מענטש נישט געוועזן. געלעגן מיט צוויי געשוואָלענע פֿיס און געקוקט מיט צוויי שטומע, געליימטע אויגן. רבֿקהלע האָט געוויינט, אָבער די מומע לאה איז נישט געוועזן צופֿרידן מיט איר געוויין:

— אַזוי וויינט מען נאָך אַ מאַמע?... שטיק „פּופּלאָקס“... נאָך אַ מאַמען צערייסט מען די הימלען... אַזוי שטייט אין די הייליקע ספֿרים... וואָלסט געוועזן אַ יידישע טאָכטער, וואָלסטו געוווּסט צו וויינען... ביסט דאָך אָבער אַ שיקסע... אַ דאָרפֿישע מויד...

רבֿקהלע האָט אַרויסגעלאָזט אַ רימש און זיך גענומען קנייפּן די באַקן, ווי עס האָבן געטאָן די ווייבער אין געסל.

מענטשן האָבן אַראָפּגעקוקט צו דער מומע לאה אין קעלער־שטוב. מען האָט נאָר געזען זייערע פֿיס. שכנים און שכנטעס האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך געדרייט, אַ קוק צו טאָן אויף דער יתומה. מ'האָט אַראָפּגעבראַכט פֿאַר אַ מצווה אַ ביסל עסן און גערעדט צו דער מומע לאה מיט אַ לוויה־ניגון:

— לאהשע קרוין, די מויד איז צו שיין...

—אַ יתומה טאָר נישט אַזוי „פֿאַררייסן“...

— זעטס נאָר... זי מיינט, אַז מלאכים שפּילן זיך מיט איר...

— לאהשי, האַלט זי, די מויד... זי זענען אַן אַלטער מענטש... נעמען זי נישט אויף זיך אַזאַ זינד...

די ווייבער זענען צוגעגאַנגען זי באַטאַפּן מיט שאַרפֿע, ברודיקע פֿינגער. מ'האָט איר אַראָפּגעצויגן דאָס צו קורצע קליידל, כדי צו פֿאַרדעקן די פֿולע געמאַטקייט פֿון אירע פֿיס, פֿאַרדעקט דעם קוועלנדיקן האַלדז און געבורטשעט:

— ס'מלבוש דעקט נישט דאָס לייב... מ'שטייגט געזאָגט...

ס'זענען אָפּגעלאָפֿן טעג און וואָכן. די מומע לאה איז געגאַנגען וואַשן און

רוימען אין פרעמדע שטובן אריין. רבקהלען האט זי געלאזן אין קעלער-שטוב, ביים קעבל, קאכן ס'ביסל עסן.

ביי יעדער אוועקגיין האט איר די מומע מיט א יללה אנגעזאגט, אז זי זאל האלטן די טיר פארשלאסן, אז זי זאל חלילה נישט ארויסגיין, אז ווארשע איז א גיהנום, אז מען גנבעט און מען פארפירט מיידן.

און יעדעס מאל, ווען די מומע האט צוריקקומענדיק אנגעקלאפט אין דער טיר, האט רבקהלע אויפגעהויבן א צעריסן געשריי פון שרעק:

— ווער איז עס?... מומהא... געוואלד...

דערנאך האט זי לאנג נישט געקאנט קומען צו זיך, ס'האט איר אלץ געדאכטן. אז מען האט געריסן די טיר, און האט דערציילט דער מומע פון אירע שרעקן, אז מען גייט... און יונגען קוקן אריין צו איר... ווינקען... און דאס הארץ „משאסקעט" איר נאך פון שרעק. ביינאכט האט זי געשריגן פון שלאף, געווארפן מיט די פיס, זיך אפגעיאגט פון גנבים, פון יונגען... און געשריגן: מאמע...

* * *

די צווייטע האלבע קעלער-שטוב האט פארנומען ר' זעליק סטאליאזש. א הויכער ייד מיט א ווייסן, ווי הילצערנעם האלדז און א געל בערדל. איבער דער נאנצער לענג פון דעם פינצטערן קעלער-קארידאר זענען געלעגן אויסגעלייגט זיינע ברעטער. און א ווייסער, טרוקענער האלץ-שטויב איז געקראכן אין האלדז אריין. צוויי לערן-יונגען האבן געהובלעוועט און געזעגט און געזונגען מיט פאררוקטע היטלען איבער די משופּריגעס, ווייסע פון האלץ-שטויב. און פון זינט דעם סטאליאזשס ווייב דאבעלע איז געשטארבן, האבן די לערן-יונגען געניאנטשעט די צוויי קינדער, א ייגעלע מיט א מיידעלע, וואס האבן זיך ארומגעוואלגערט צווישן די ווירעס פונעם האלץ.

ווי נאר די באלעבאסטע דאבעלע איז געשטארבן, האבן די ווייבער פונעם געסל און די שכנטע לאה, אנגעהויבן נאכקוקן ר' זעליקן. מ'האט געברענט אויף אים מיט עפעס אן אומפארשטענדלעכן כעס, גלייך ער וואלט דערהרגעט דאס ווייב. און אין די אוונטן, ווען די ווייבער זענען זיך צונויפגעקומען, האט מען נאר גערעדט וועגן דעם אלמן, וואס איז, ווי זיי האט זיך אויסגעוויזן, גאכן ווייבס טויט „שענער און יונגער געווארן".

— נאר וואס דען?... אזוי זענען זיי... וואס ארט אים, אז זי ליגט אין דער ערד... וועט ער האבן א נייעם בעזעם...

— עמיץ האט געזען?... ביי דער לויה האט ער אפילו קיין טרער נישט געלאזט..

— אַ פֿאַרשטײנערט האַרץ...

— האַרצעדיקע מענטשן... ער װעט נאָך נעמען אַ מויד...

— אַזאַ „פּרײמײער“... אַזאַ „כאַמער־אײזל“...

די צװײ קלײנע קינדער האָבן זיך געװאַלגערט איבער די שטובן, פֿון קעלער צו קעלער. און װײל אַלע װײבער האָבן זיך געװאָלט מיט די יתומים „אָפּיעקע־װען“, האָט מען זײ געשלעפּט און געװאָרפֿן פֿון אײנער צו דער אַנדערער. מען האָט זײ געשטופּט אין די מײלער יעדער קאַליע־געװאָרענע שפּײז. די קינדער זענען פֿאַרקרענקטע געלעגן אין דעם האַלץ־שטויב מיט פֿאַרפֿרושעטע אײגעלעך און קרומע פּיסלעך.

אַזױ װי די װײבער האָבן אױסגערעדט אױף דעם אַלמן ר׳ זעליק, אַזױ האָבן זײ אַלע געזוכט פֿאַר אים שידוכים.

און װי נאָך ס׳איז געקומען דער אָװנט, דער הובעל און די זעג האָבן אױפֿגעהערט רױשן בײ ר׳ זעליקן אין קעלער־שטוב, האָט זיך באַלד פֿאַרקליבן אַ ייִדע־נע, בלימרשט אַ בליק טאָן אױף די קינדער. ר׳ זעליק איז געזעסן אױפֿן סטאָ־ליאַרסקן טיש מיט אַראָפּגעהאָנגענע, באָרװעסע פֿיס, אײנגאַנצן אַ פֿאַרשטױבטער פֿון האָלץ, האָט די ייִדענע עטלעכע מאָל אָפּגעקרעכצט און אָנגעהױבן:

— ר׳ זעליק... עטץ װײסט... מ׳װאָלט באַדאַרפֿט רײן מאַכן ס׳װינקל... אי־בערציען ס׳בעטגעװאַנט... די שװאַלבן, מישטײנס געזאָגט... װײ איז מיר... מ׳װאָלט געקאָנט אַרײנרופֿן לאהן... איר געבן אַ פּאָר גראָשן... יאָך װאָלט געהאַט... װען... װאָלט עך עם אַלײן געטאָן...

ר׳ זעליק האָט געקוקט מיט זײנע װאַסערדיקע אױגן און געזאָגט:

— ני, ני...

— װען דאָבע װאָלט געלעבט, װײ איז מיר...

—יאָ, יאָ...

מיטאַמאָל האָט די ייִדענע אַ װיש געטאָן די נאָז און אַ זאָג געטאָן:

— לאָמיר זיך נישט נאַרן, ר׳ זעליק... עטץ קלערט טאַקע אַזױ אָפּצוװאָגלען די װעלט... אָן אַ שטיקל װײב, מיט די צװײ שװאַלבן?...

דעמלט האָט שױן ר׳ זעליק אַ לאַנגן, צעמישטן בליק געטאָן אױף דער ייִדע־נע און פֿאַרטראָגן געזאָגט:

— װען דאָבע װאָלט געלעבט... אָבער װאָס זאָל עך טאָן... כ׳בין אַ פֿאַריאָג־טער מענטש... גלױבט מיר... כ׳קאָן גאָרנישט קלערן דערפֿון... װען נישט די קינדער... ס׳האַרץ װײנט אין מיר קוקנדיק... ס׳קומט די נאַכט... ס׳װעקט זיך... אפֿשר קראַנק... יאָך בין דאָך נאָך אַ מאַנצפּאַרשױן...

.2

די יידענע האָט באַקומען אַ צעקנייטשט קול, אָנגעזאַפּט מיט גאַז און מיט טרערן:

— נו עטץ וועט דאָך אַוודאי וועלן אַ מיידל... עטץ זענט דאָך גאָר אַ יונגערמאַן... דאַרף מען דאָך געפינען עפּעס אַ לייטיש, אָרעם קינד... אָן נדן... ווייל ביידע זאַכן קאָן מען דאָך נישט. עטץ זענט דאָך אויך נישט קיין „מאַגנאַט“... מע דאַרף נאָכקוקן, אַ יתומה... אַן אָרנטלעך קינד... זי זאָל זיין אַ מאַמע פאַר די יתומים... וועט עס זיין אַ מצווה אויך...

ר' זעליק האָט געמאַכט אַ פרום פּנים און האָט שטיל געזאָגט:

— ס'זאָל זיך מאַכן אַזאַ מיידל... ווי זי... דריגען... די יתומה... ביי לאַהן...

די יידענע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריגן:

— מענטשן... זאָלן מיר אַלע יידן אַזוי לעבן... ווי יעך האָב שוין דאָס געקלערט...

און זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט גיכע, טשאַפּעדיקע טריט.

ר' זעליק איז געבליבן זיצן אויפן טיש. ער האָט לאַנגזאַם אַריינגעלאָזן זיינע פרומע, אויסגעאַרבעטע, קלעפּיקע פינגער אינעם געלן, שיטערן בערדל און מיט אַ שמייכל צוגעמאַכט זיינע שוואַכע, וואַסערדיקע אויגן.

נישט אומזיסט האָט ר' זעליק אַלע מאָל צונויפגענומען זעקלעך, ווירעס, שפּענער און אַריינגעשיקט צו לאַהן, זי זאָל האָבן מיט וואָס צו הייצן. און נישט אומזיסט איז ער אַלע מאָל אַריינגעגאַנגען צו איר אין קעכל אָנוואַרעמען דעם סטאָליאַרסקע קליי. די יתומה רבקהלע האָט זיך דערביי איינגעבויגן ביים „פּיעצעק“, און דער פלאַם האָט זיך צעלייגט איבער איר ווייסן האַלדז און געצאַפּלט אויף אירע גאָלדענע האָר.

ר' זעליק האָט געקוקט אויף איר, און אַלע אָפּגעלעבטע יאָרן מיט דעם געשטאָרבענעם ווייב דאָבען, אַלע ווינטערס און אַלע זומערס, אַלע טעג און אַלע נעכט האָבן זיך מיטאַמאָל ווי אָפּגעבראָכן און אַראָפּגעפאַלן אין עפּעס אַ פינצטערן אָפּגרונט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין זיין קעלער־שטוב, אויף דער טונקעלער, ליימיקער ערד, גייט מיט שטילע טריט עפּעס אַ גליק צו אים. דאָס גליק איז אַריין ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, גאָלדענער פויגל. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

אין די אָוונטן האָט ער אויפגעזוכט אַ גלאַטיק, אָפּגעהובלעוועט ברעט און מיט דעם סטאָליאַרסקע בלייפעדער גענומען שרייבן און רעכענען. ער האָט צוגעזוכט האָלץ, געמאָסטן און גערעכנט, ער האָט געוואָלט אויפבויען עפּעס אַ בעט,

וואָס האָט זיך געטראָגן אין זיין זינען, אַ שיין בעט פון בעסטן האָלץ. ער האָט אַפילו נישט געוווסט, ווי אַזוי עס צו מאַכן, אָבער ער האָט עס שוין געזען אַ גלאַנצנדיקס, מיט פּאָליטורטע קעפּ, מיט געשניצטע קאַנטן.

דערנאָך האָט ער אַראָפּגעדרייט דאָס לעמפּל, זיך אַריינגעלייגט צווישן ביי־דע שלאָפנדיקע קינדער, אַרומגענומען ביידע מיט די הענט און מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט.

* * *

אויפן צווייטן טאָג האָט שוין דאָס גאַנצע געסל געוווסט, אַז ר' זעליק סטאָ־לאַזש האָט חתונה מיט דער יתומה רבקהלע.

לאה איז געשטאַנען מיט אַ פּאַרוקטן „שויט“ אויפן קאָפּ. אירע רויטע אויגן זענען געווען נאַס און צעקנייטשט פון טרערן. זי האָט געוויינט באַזונדער פאַר יע־דער יידענע, וואָס האָט איר עפּעס געזאָגט וועגן דעם.

— לאהשע, זי זענען דאָך, אַז ער איז אַ פאָטער פון יתומים...

— די מויד דאַרף דאָך טאַנצן אין אַלע גאַסן...

לאה האָט צוגעשאָקלט מיטן פּאַרוקטן שייטל, וואָס איז געזעסן אויף איר קאָפּ ווי אַ דערשראָקענע הון. זי האָט יעדן געענטפערט מיט אַ ליכטיקער מאַמע־פאַרזאָרגטקייט:

— מזל־טוב... מזל־טוב... וואָס קומט אָבער אַרויס... אַז די מויד ווייסט נישט, ווער ס'האָט זי געמאַכט... אַז זי וויל עם נישט אַריינדערלאַנגען אַ גלעזל ביי... און אַז ער רעדט צו איר, ענטפערט זי נישט...

— לאָמען איר צודעקן דעם קאָפּ, וועט זי שוין אַלץ ווימן... — האָבן די ווייבער געפונען אַן עצה. און דאָס גאַנצע הייפל ווייבער האָבן גענומען לערנען די יתומה, ווי זיך צו באַגיין מיט דעם חתן...

דערנאָך איז געקומען די חתונה. דאָס גאַנצע געסל האָט באַלאַגערט די קע־לער־שטוב. פונעם קעלער האָט געזעצט אַ רויטע ליכטיקייט. יידן און ווייבער און קינדער האָבן זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט געדרייט אַריין און אַרויס. דאָס שטי־בל ביי ר' זעליק סטאָלאַזש איז געווען אויסגעווייסט. אויפן טיש זענען געזעסן די קינדער און געגעסן קיכלעך. איבערן גאַנצן קעלער האָט זיך געטראָגן דער געפּע־פערטער ריח פון פיש און ביר און אַלע האָבן געקייט אַרבעס. אינמיטן שטוב אויף אַ באַנק איז געזעסן רבקהלע אָנגעטאָן אין אַ צו גרויס, ווייס קלייד. אירע לאַנגע ווייעס זענען געווען אַראָפּגעלאָזן און געלייגט אַ לאַנגן, לילן שאָטן איבער די ראָזע, בליענדיקע באַקן. אירע הויכע, מעכטיקע קני זענען געווען צונויפגעדריקט, און נאָר

די רויטע, פולע, שווערע הענט האָבן געזוכט זיך צו באַהאַלטן אין די ברייטע פאַלדן פונעם פרעמדן קלייד.

ווייבער זענען געשטאַנען אַרום איר, איר פאַרשאַרט די בלאָנדע לאָקן, פאַרריכט די טויטע, פאַלשע בלום, וואָס האָט זיך געבאָמבלט אויף איר אַקסל. די ווייבער האָבן איר אַריינגערעדט אין די אויערן און זי האָט געשוויגן.

ס'האָט שוין באַלד געגומען טאָגן, ווען די ווייבער האָבן אַרויסגעשיקט אַלע מאַנצלייט פון דער קעלער=שטוב. און מ'האָט אַלץ נישט געקאָנט פועלן ביי דער מויד, זי זאָל בלייבן ביי ר' זעליקן.

— ווי הייסט... ביסט דאָך אַ יידישע טאָכטער... ס'איז דאָך שוין דיין מאַן...

— האָט אַ יידענע געדאַוונט איבער איר קאָפּ.

— מ'עט דאָך דיך פאַרשטייגען...

די ווייבער האָבן געהאַט אָנגעצונדענע פנימער ווי די לאָמפּן. זיי האָבן גערעדט „געמיינע" רייד און געשריגן, אַז די מויד איז אַ קאַלב.

מ'האָט אַראָפּגעבראַכט שרהלע די גבאיטע מיט די דריי בראָדאַווקעס אויף דער גאָמבע. זי האָט גענומען רבקהלען אין אַ ווינקל און אָפּגעזאָגט איבער איר אַ מענה=לשון מיט אַ שפּרוך, איר געקיצלט ביי דער ברוסט, געבלאָזן אין אַן אויער. דעמלט האָט רבקהלע אויפגעהויבן אירע גרויסע, בלויע, שפּיגלדיקע ליאַלקעאויגן, אירע ליפּן האָבן זיך אַ שלענגל געטאָן, און עס האָט אַ שפּאַר געטאָן פון איר אַ יעמערלער געוויין:

אוי... מאַמע... מאַמעליו...

און זי איז אַוועקגעפאַלן אויף ר' זעליקס גיי בעט.

— אַז זי וויינט... איז גוט... — האָבן די ווייבער געזאָגט און געשלעפּט פון איר דאָס קלייד, ווי זיי וואָלטן געשונדן פון איר די הויט. די מויד האָט קינדעריש געוויינט און געדרימלט.

* * *

אין דער פרי האָט זיך רבקהלע באַוויזן אין געסל מיט אַ גרויס, שווער טוך איבער די אויגן. זי האָט געהאַלטן אַ קיישל אין דער האַנט און אין דער צווייטער האָט זי מיטן גאַנצן כוח צוגעקוועטשט דעם ערשטן פּאַפּירענעם רובל, וואָס ר' זעליק האָט איר געגעבן.

זי האָט מיט שנעלע טריט אַ לויף געטאָן פאַרביי די געוועלבער און זיך אָפּגעשטעלט נעבן אברהמל בעקערס געוועלב. אַ מינוט האָט זי באַקוקט די קוכנס, לעקעכער און טשאַסטעס, וואָס זענען אין בלעכן געלעגן אויסגעלייגט. און צום

ערשטן מאָל פֿאַרן גאַנצן לעבן האָט זי, אַזוי שטייענדיק אויף דער גאַס, איינס נאָכן אַנדערן אויפֿגעגעסן דריי שטיקער זיסן קעז־קוכן. זי האָט גיריק געשלונגען דאָס זיסע טייג, געדריקט דאָס געלט אין איר שווערער, רויטער, קינדערישער האַנט און אויף אייביק פֿאַרגעסן אין דער משונהדיקער נאַכט, אין דער חתונה. און עס האָט זיך איר מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז די בייזע, גראָבע וועלט איז פֿאַר איר שענער און בעסער געוואָרן...

# יום־טוב אין געסל

שטיל, ווי אויסגעשטאָרבן, איז געלעגן דאָס געסל נאָכן האַלבן טאָג. פון די קליינע, טונקעלע פענצטער האָבן מיט בייטאָגיקער שרעקיקייט אַרויסגעבליצט די געלע פלעמלעך פון די ליכט. די פלעמלעך האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די טונקעלע, שטיל־געוואָרענע שטובן, און נאָר דער בליאַסק פון דעם קופּערנעם מערזשער האָט מיט ווייסלעכן גאָלד אַרויסגעבלאַנקט.

פון צייט צו צייט האָט זיך פון די הייפלעך אַרויסגעריסן אַ הוזשענדיק גע־וויין, וואָס איז אָנגעגאַנגען פון די שילעכלעך, ווי אַ הייסער, הראָענדיקער ווינט וואָלט זיך דאָ אַ טראָג געטאָן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די בית־עולם־ביימער האָבן זיך צעוויגט מיט זייערע שאָרכנדיקע בלעטער.

שטיל און ליידיק איז געוואָרן, און נאָר איינציקע שאָטנס פון גויים האָבן פרעמד און אייליק זיך דורכגעטראָגן דורכן געסל, און דאָס פרעמדע, רעשיקע שאַרן פון זייערע גראָבע, וואָכעדיקע שטיוול האָט עלנט אָפּגעקלונגען איבער די שטיינער.

דעמלט האָט מען אין די ווינקעלעך געקאָנט זען די „באַוווסטזיניקע“ יונגען און מיידן, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן צו דער גראָבער לאה אין טיי־הייזל.

דאָס טיי־הייזל איז געווען פאַרמאַכט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער זאַלוזע, אָבער אינעווייניק, אין דעם האַלב־פינצטער, האָבן די יונגען מיט די מיידן באַהאַלטע־נערהייט געגעסן. די יחסנטע האָבן זיך אייליק דורכגעשוואַרצט דורכן געסל מיט די בלאַסע, גוישע, פרישע ברייטלעך אונטער דער פאָלע. די ברייטלעך האָבן זיי געקויפט אין קריסטלעכע געוועלבער. און שילעם דער סאָציאַליסט, דער „פאַר־שטייער“, לאהס חתן, האָט אַליין אין די קעשענעס געבראַכט טריפהנעם קעלבאַס. די מיידן האָבן דעם גאַנצן טאָג געלייענט הערמאַלינס ליבע־ביכער און האָבן נישט געוואָלט עסן, ווייל דאָס טריפה איז זיי נישט געקראָכן אין האַלדז אַריין.

די גראַבע לאה איז געווען בייז. עס האָט איר געקלאַפּט דאָס האַרץ, און זי האָט געוויילט:

— ני, זאָל מען שוין אַראָפּנעמען דאָס עסן פונעם טיש... ס'גייט דאָך אָן אַ מיגל פון די טריפהנע קישקעס...

די מיידן האָבן אויפגערוימט די פעטע פּאַפּירן פון דעם קעלבאַס און די קרישלעך פונעם ברויט.

דאָס טיי־הייזל איינעם געסל איז געווען די ערשטע נעסט פון די אַפּיקורסים און סאָציאַליסטן, און אַרום דער גראָבער לאהן, מיט די צוויי מעכטיקע פּיס און די שוואַרצע, גלאַנציקע צעפּ, האָבן זיך אַרומגעדרייט די „באַוווסטזיניקע" יונגען פונעם געסל.

דאָ, אינעם טיי־הייזל, האָבן שוין די יונגען געמאַכט אַ טעאַטער. מען האָט געשפּילט דאָס „מאָראַלישע" שטיק „הערצעלע מיוחס", און לאה האָט געשפּילט שיינדעלע...

מ'האָט געזונגען לידער און לאה האָט געבעטן „וואָס שטילער". זי איז געווען דערשראָקן. דער יום־כּיפּור האָט אַריינגעקוקט דורך די שפּאַרעס פונעם פינצטערן טיי־הייזל. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס עמעצער, אַ בייזער, קוקט דאָס אַלץ צו...

חתנים האָבן זיך אַריינגעגנבעט צו די כּלות אין די שטובן, טאַטע־מאַמע זענען אַוועק אין שול. מען האָט געהאַלטן זיך פאַר די הענט, מיט מורא פאַר די שטילע, דראָענדיקע פלאַמען פון די יום־כּיפּור־ליכט... קליינע מיידלעך, אויסגע־פּוצטע, מיט גלאַנציקע צעפּ פון נאַפט, האָבן געהאַלטן די שליסלען פון די שטובן אין די רויטע הענט און האָבן געציטערט פאַר גנבים. מען האָט גערעדט וועגן פאַסטן און געוווּסט אַז די צווייטע די צונגען, צי מ'האָט געגעסן...

קליינע יינגלעך האָבן זיך דערציילט שרעקיקע מעשיות וועגן יום־כּיפּור, אַז ווער ס'האָט נישט צו כּל־נדרי קיין שאָטן אויף דער וואַנט, דער וועט נישט אויס־לעבן דאָס יאָר... טאַטעס האָבן געפּאַטשט די זין אין די שולן, פאַר נישט אַריינ־קוקן אין מחזור, און נישט איינמאָל האָט מען געזען, ווי אַ קליינער טאַטע איז בלויזע זאָקן יאָגט נאָך אַ יונג מיט אַ רויט, געפּאַטשט פּנים.

אָבער נאָך האַלבן טאָג, ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן אַראָפּ, צו די ביימער פונעם בית־עולם, האָט זיך צעוויגט אַ שטילער, איינגעהאַלטענער רעש. לאַנגע, מידע קרעכצן האָבן זיך גענומען רייסן אַרויס פון די שולן.

די ליכט האָבן צעגאַסן אַ געדיכטע, געלע שיין און באַדעקט די טליתים מיט אַ גאָלדענער וואַרעמקייט. די ווייסע ליכט האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער טונקל־קייט מיט אַ געהייליקטער שטרענגקייט. באַלד, באַלד הייבן זיך שוין אָן צו וויגן

די לעצטע, רייסנדיקע געשרייען פון נעילה, און דאָס טיי־הייזל איז געוואָרן ליידיק. אַ האַרץ־נאָגעניש האָט אַרומגענומען די אַפּיקורסים. די מיידן האָבן אָנגעהויבן צו „גרימאַשען", אַז ס'האָט זיך נישט געלוינט... „איינמאָל אַ יאָר קאָן מען נאָך פאַסטן"... עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס שילעם, דער „פאָרשטייער", האָט גערעדט „רייד"... די כלה לאה האָט זיך געברוגזט און האָט גערעדט: אַלס „מענטשלעכקייט"...

און אָט איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אַ קילער און אַ לינדער, מיט אַ גרויסער נייער לבנה אויפן טונקעלן הימל. איין שטערן, אַ דינער, אַ קלאָרער און אַ זילבערנער, גייט נאָך דער לבנה, און אויבן איז שטיל און פרידלעך.

אינעם געסל איז געוואָרן רעשיק. יידן גייען זיך. עס סקריפען די שטעק־שיך. עס דאַכט זיך, אַז יעדער ייד, וואָס גייט פון שול, ווייסט עפּעס אַ סוד... געזונטע מאַטעס, פורמאַנעס און טרעגער, פּראָסטע מענטשן און גאַס־הענדלער ווייזן, אַז זיי קאָנען פאַסטן, איילן זיך נישט, גייען מיט געמאָסטענע טריט און טרעטן אָפּ איינער צום אַנדערן אויף לעקעך און בראָנפן. אַ ליבע פרידלעכקייט איז אויסגעגאָסן אויפן געסל, מען ווינטשט זיך פרום, און עס דאַכט זיך, אַז עס וועט שוין זיין גוט...

מען עסט אין יעדער שטוב, אַפילו די אָרעמע ווייבער מיט ארויסגעזעצטע אויגן פון גויט און זאָרג קומען אין די געוועלבלעך מיט געלט, צום נייעם יאָר... דער בלינדער חיים שטייט שוין ביים פאַרקאַן פונעם קוילן־סקלאַד און שרייט הויך, דערקאָנענדיק יעדן באַזונדער:

— גוטס עפּעס, יידעלעך... צום נייעם יאָר... עטץ זאָלט ענק האָבן אויסגעבעטן...

ער רופט יעדן דורכגייער ביים נאָמען. ער דערקענט זיי לויט די טריט. דאָס געסל ווערט אָנגעפילט מיט מענטשן און מיט רעש. עס איז געוואָרן ענג. דאָס ליכט פון דער פולער לבנה פאַרגיסט די דעכער און די ליידיקע פלעצער, ווו עס ליגן שטיינער, אַלטע טשייניקעס און שיסלען אָן דנאָען. די קאַלטע ערד איז נאָך דאָ באַוואַקסן מיט אויסגעריבן גראָז, ווי גרויע האָר.

פורמאַנעס פירן אַרויס די פערד פון די שטאַלן. די אויסגערוטע פערד צאַפּלען און הירזשען. מען שפּאַנט די דראָשקעס און די וואָגנס און מען פאָרט מאַכן אַ „פּאָטשאָנטעק".

עס איז גוט און גרינג אויפן האַרץ. אַ לאַנגער יום־טוב און דאָס שווערסטע איז אַריבער. חתנים פון געסל באַווייזן זיך, נאָך האַלב יום־טובדיק אָנגעטאָן, מיט די נייע שיך און נייע הויזן. נאָר די רעקלעך זענען אַלטע. מען גייט נאָך אַרבעטן „פייער אַרבעט" אויף אַ גאַנצער נאַכט.

עס עפענען זיך געוועלבער. דאָס געסל זאָרגט שוין פאַר דעם לאַנגן יום־טוב סוכות. אין די הייפלעך טראָגן שוין ייִנגלעך ברעטער. די ברעטער שמעקן מיט דעם יונגן ריח פון ווייטע וועלדער. פרומע ייִדן, וואָס האָבן בשמים־געוועלבער און האַנדלען מיט הייוון און איידעלע שפּייז, נעמען זיך שוין שטעלן סוכות, קלאַפּן משוועקעס. די פּראָסטע מענטשן, בעל־מלאכות לאַכן פון זייערע הענט, וואָס האַלטן די האַמערס, פון זייערע פאַררוקטע קאַפּלען און פליענדיקע ציצית. מען קריגט זיך צוליב אַן אָרט אויף אַ סוכה, צוליב פאַרשטעלטע פענצטער. פּראָסטע מענטשן גייען זיך שלאָגן, און איידעלע ייִדן לייגן זיך אַריין: „פע, ייִדן... צום נייעם יאָר“...

די ווערטסלייט פון די הייזער האָבן סוכות פאַר זיך אַליין, אויף זייערע באַל־קאָנען. ביי זיי מאַכט די סוכה דער סטרוזש וואַלענטי. ער עפנט די איינגעלייגטע דעכער און מען פוצט די קאָלירטע שויבן. ווי אַלע יאָר, דערציילט מען וועגן דער סוכה ביים „וואַרט“ פון נומער 8. די סוכה איז אויף בלויז שרויפן, און די פענצטער לאָזן זיך אַראָפּ אויף ספּרענזשינעס. אָרעמע ייִדן שטעלן אויף סוכות פון דאַרע ברעטלעך, און די טירן הענגען אויף שטריקלעך.

מיטאַמאָל פאָרן אָן אין געסל פויערים פון די נאָענטע דערפער. די דער־שראָקענע, קליינע פערדלעך שלעפּן וועגענער אָנגעלייגטע מיט סכך און „פּול־קאָשקעס“. פון די וועגענער שמעקט ערד און דאָרף. די ייִנגלעך גנבענען די פרישע גרינע צווייגן, און דער גוי שלאָגט מיט דער בייטש.

* * *

ביז שפּעט אין דער נאַכט פינקלט דאָס געסל מיט פלעמלעך. אַ פריילעכע אויפגעהויבנקייט און אַ רעש גייט אַרום. מען פאַרגעסט אינעם בייזן, קאַלטן ווינ־טער, וואָס רוקט זיך מיט האַרטע טריט הינטער דעם יום־טוב, און דערמאָנט זיך ווער, אין אַ קעלער־שטוב אָדער בוידעם, הערט זיך פון דאָרט אַ לאַנגער קרעכץ און אַ לאַנג שטיקנדיק הוסטן...

# גוטע באַציונגען

אין אַ טיפן ווינקל פון אַן אַלטן וואַרשעווער הויף מיט אַ פּאַרצייטיש, אייזערנעם, פּוילישן פּלומפּ, פון וועלכן עס גייט שוין פון אַ יאָר הונדערט נישט קיין וואַסער, נעבן אַ גרויסן, צעפּאָרענעם מיסט־קאַסטן, ווו עס שפּרינגען אַרום אַלטע קעץ, לאָזט מען זיך אַראָפּ אין אַ פינצטערן קעלער, ווו עס כאַפּט אַרום אַ פייכטער ריח פון ערד און ליים, ווי אין אַ קבר. דאָ טאַפּט מען לאַנג אין דער פינצטער, ביז וואַנען אין דער ליכט פון אַ שפּאַרע, עפנט מען אַ נידעריק טירל און מען קומט אַריין אין דעם קעלער־שטוב צו דער אַלטער צוטל דער „רייפערקע“.

די אַלטע צוטל וווּנדערט זיך נישט, ווען זי דערזעט אַ נייעם, פרעמדן מענטשן, לייטיש אָנגעטאָן. צו איר קומען פאַרשידענע מענטשן. זי איז געוווינט צו דאַמען און הערן, ווי זי רופט זיי „שיינע מענטשן“:

— „פּראָשען“...

די אַלטע צוטל האָט זיך פאַרנייגט און אָפּווישנדיק אַ בענקל מיטן פאַרטוך, האָט זי געבעטן זיך זעצן:

— זיצן זי... פּאַניע...

זי האָט פאַריכט די אַלטמאָדישע „קופּקע“ מיט די ציטער־שפּילקעס און קאָלירטע סטענגעס. אירע קליינע, גיכע, שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעשמייכלט מיט קליינע רינצעלעך, וואָס זענען זיך צעלאָפן איבערן גאַנצן דאַרן פּנימל.

אין דער קעלער־שטוב איז געווען טונקל, קוים עס האָט זיך דורכגעשלאָגן די ליכט פון טאָג דורך די קליינע שייבלעך, וואָס זענען געלעגן נידעריק פון דער ערד. די אַלטע צוטל האָט אין דער טונקלקייט אויסגעזען ווי עפּעס אַ פאַרבלאָנדזשעט בילד פון אַלטע צייטן, אַ יידיש־פּוילישע באָבע, ווי עס וואָלט זי אויפגעמאָלט מאַוריצי גאָטליב.

— איך דאַרף נישט קיין דינסט... איך בין גלאַט, באָבעשי... אַראָפּגעקומען... פרעגן... וואָס עס הערט זיך... אין אייער פאַד... ווי איר לעבט... היינטיקע צייטן...

מיט די קריסטלעכע מיידלעך... ווי אַזוי זעען אויס... די „באַציונגען“... ווי אַזוי, באָבעשי... קומט איר דורך... איצט... אין די שווערע צייטן... מיט אייערע „סטאַשעס“, „יאַשעס“, „קאַשעס“ און „מאַרישעס“...

די אַלטע צוטל האָט אַ מינוט געקלערט. באַלד האָט זי פאַרשטאַנען, און די רינצעלעך אויף איר אַלט פּנים האָבן אויפגעלויכטן:

— אָ... וועגן מיינע דינסטמיידלעך... צי זיי פירן זיך אויף אָרנטלעך...

— יאָ... יאָ... באָבעשי... כ'מיין, צי זיי קומען צו אייך ווי אַמאָל... היינט זענען דאָך אַנדערע צייטן...

— וואָס הייסט: צי זיי קומען... אַוודאי קומען זיי... הער לעבן... קיין עין הרע .. אַ פולע שטוב... נאָר צו ווען דען וועלן זיי גיין... אויב נישט צו דער באָבע צוטל... זיי ווייסן דאָך... אַז אַזעלכע מאַדאַמען... אַזעלכע „גאָספּאָדעס“ ווי ביי מיר... וועלן זיי נישט קריגן אין די ביוראָס... אין די קאַנטאָרן... זאָל דער פאַן זען...

און זי האָט אַן עפן געטאָן דאָס טירל פון דעם צווייטן שטיבל, וווּ אויף בענקעלעך, אויף קייבערלעך און קלומיקלעך זענען געזעסן אויסגעזעצט אַ ראָד פּויערישע שיקסלעך, זיי האָבן געדרייַשט ווי די גענדז און זיך צעקלונגען אין אַ יונגג, קרעפּטיק, זאָרגלאָז געלעכטער. דערזעענדיק אונדז, זענען זיי שטיל געבליבן און דאָס אָפּגעהאַקטע געלעכטער האָט אַרומגעצאַפּלט אַרום זייערע ליפּן:

— „דזשיען דאָברי“...

זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט ווילדער נאַיווקייט, אָבער באַלד זיך פאַרשטענדיקט מיט בליקן פון הפקרער פרייַלעכקייט, און אַלע האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, די אַלטע צוטל האָט זיך געמאַכט בייז ווי אַ לערער צווישן שילער:

— „טשיכאָ“... שטיל... קעלבער... — האָט זי אַ געשריי געטאָן — דער פאַן וועט זיך באַליידיקן... וואָס לאַכט איר... „גאַפּעס“...

און אַליין האָט זי זיך צעשמייכלט.

— סטאַכאַ... ווי אַזוי זיצסטו... פאַרוואָס האָסטו דיך נישט צוגעקעמט..

זי האָט אָנגערירט מיין אַרבל און געזאָגט:

— נאָך אַ יונגע קאָזע...

נאָך דעם זענען מיר געוואָרן היימישער. די מיידלעך האָבן נישט געוווסט, וואָס איך זוך דאָ, אָבער ביסלעכווייז זענען זיי געוואָרן צוטרויַלעך און גענומען דערציילן פון וואַנען זיי קומען, וועגן זייערע דערפער, היימען. אַז אין דאָרף איז פאַר זיי נישטאָ וואָס צו טאָן, אַז עס איז אומעטיק, די יוגנט צעפאָרט זיך, און עס בלייבט נאָך דאָס אַלטוואַרג.

— עס ווילט זיך צו דער שטאָט... צום לעבן... דאָס דאָרפס־מיידל, היינטיקע

ציימן, ווייל זיך אויך אָנטאָן ווי אַ מענטש... אַנדערע האָבן אַפילו אין דאָרף געענדיקט אַ שקאָלע. אויך זיי זענען געקומען אין דער גרויסער שטאָט זוכן אַרבעט...

— ווי דער הער קוקט זי אָן... קאָן זי לייענען... און שרייבן... — האָט די אַלטע צוטל אָנגעקוואָלן:

— נישט ווי די אַמאָליקע חיות...

— האָט איר נישט... קיין אַנדער פאַך... אַחוץ שטוב=אַרבעט?...

— וואָס איז שטוב=אַרבעט... אַ שאַנדע... — האָבן אַלע אויסגערופן.

— איך האָב געאַרבעט אין אַ פאַבריק... — האָט איינע אָנגעהויבן — האָב איך געקריגן אַ קראַנק האַרץ... זיך פאַרסמט מיט גאַז... מיט זאַלץ=זויער... שוין בעסער ביי לייטישע מענטשן... אין אַ שטוב צו אַרבעטן...

— און אין אַ יידישער שטוב... ווילט איר אַרבעטן?

— „צאָ זאַ רוזשניצאַ“... וואָס איז אַן אונטערשיד... — האָבן כמעט אַלע געענטפערט און איינע האָט מיט אַ יונגער, קלינגעוודיקער שטים צוגעגעבן:

— ביי „סטאַראָ זאַקאָננע“ איז נאָך בעסער... זיי באַהאַנדלען מענטשלעכער... איך בין שוין געווען ביי אונדזערע אויך... איז געווען נאָך ערגער...

— נו, און די אַלטע צוטלען... האָט איר ליב...

— אַהאַ... „נאַשאַ באַבטשיאַ“...

און ווידער האָט אַ הילך געטאָן אַ יונג, פריידיק, זאָרגלאָז געלעכטער. זיי האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן אויף דער אַלטער, עס האָבן אַ בליץ געטאָן אויגן, ציין און האָר ווי אַ פרישער בוקעט פעלד=בלומען, זיי האָבן זי אַרומגערינגלט און זי געטומען גלעטן. די אַלטע האָט זיי כלומרשט אָפגעשלאָגן:

— גייטס.. גייטס... קאָזעס...

און זי האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— איר זעט... „פראָשען פאַנאַ... אָט די צוויי... האָבן שוין גאָט צו דאַנקען שטעלעס... כ'דאַרף זיי טאַקע באַלד אַוועקפירן אין זייער שייגע הייזער... צו זייער גוטע מענטשן... די קליינע... דאָרט... מיט די פלאַקסענע האָר... האָב יאַך געגעבן די ערשטע שטעלע... זי איז אָפגעווען פיר יאָר... ביי זייער פיינע... רייכע... יידישע מענטשן... זיי זענען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ=ישראל... האָבן זיי איר איבערגעלאָזט אַ נדן... און אַ „וויפראַווע“... אַ פולן קויש זאַכן... דאָס שיקסל האָט זיך ביי זיי אויסגעפאַשעט... ווער מיר גוטס=גינט ליבער הער... יאַך בין פאַר זיי ווי אַ געטרייע מאַמע... און יאַך ווייס נישט... גאָט צו דאַנקען פון די היינטיקע צרות... מיטן „אַנטיסעמיטיזם“... ווי עס הייסט דאָרט... גלויבן זי מיר פאַניע... יאַך נעם זיי אַרויס פון דאָרף... און מאַך זיי פאַר מענטשן... און אז א אַזעלכע וויל נאָך זיין אַ לייט... דאָ אַנומלט... האָב יאַך געמוזט גיין צו מיינס אַ שיקסל אויף אַ חתונה...

מען האָט מיך גישט אָפּגעלאָזן... מען האָט געמאַכט פאַר מיר כשר עסן... די כלה האָט מיך געקושט און געהאַלדזט... און מיך גערופן „מאַמושאַ“... דער חתן איז געווען שיכור און נאָר מיט מיר געוואָלט טאַנצן אַ מצווה־טאַנץ... אין אַלע דער־פער ווייסט מען שוין... אַז ביי דער „באַבטשע“ צוטל... ווערט מען אַ מענטש... און מען שיקט מיר מתנות פון אַלדאָס גוטס... זאָל גאָט ווייטער העלפן... יאַך בין פאַר זיי ווי אַ מאַמע... און זיי וועלן לויפן פאַר מיר אין פייער אַריין... מאַרישקאַ... דו וואָלסט געלאָפן פאַר מיר... ווי ווייט...?

— אַ נאָ „פּאָלעצען“... כ׳וואָלט געלאָפן... — האָט מאַרישקאַ אַרויסגעשטעלט צוויי רייען ווייסע ציין — דלאַטשעגאָ ניע...

און אין דער טונקלקייט פון דעם אָרעמען קעלער האָט אויפגעשפּילט אַ פּאָר־ביק געוועב פון די קרעפּטיקסטע פאָלקס־פאַרבן פון אַ טויזנט־יאָריקער עלטער, די אַלטע יידישע, פרומע קופּקע, מיט די ציטער־שפּילקעס און קאָלירטע סטענגעס אויף דעם קאָפּ פון דער אַלטער יידישער באָבע צוטל, האָט זיך פאַרשפּינט מיט די פּאָכנדיקע פויערישע פּוילישע פאַרביקע „קעצקעס“ פון די דאָרפס־מיידלעך, און עס האָט זיך איינגעשטעלט אין אַ וואונדערבאַר האַרמאָנישן געוועב...

באַגלייט פון די בלויע, נאַיווע, פריידיקע בליקן און די אַלטע קלוגע טויזנט־יעריקע רינצלעך פון הערפּאַרונג אויפן פּנים פון דער יידישער, פּוילישער באָבע, האָב איך פאַרלאָזן די קעלער־שטוב פון דער „באָבע צוטל“...

.1939

# זאַכן

אַ קליינע, אַ ברייטע, מיט צוויי צעפּלאַמטע באַקן־ביינער, מיט ווילד־גלאַנציקע אויגן פון אַ משוגענער, פינטלט זי אַרום אין דער אָנגעהיצטער קיך. פון די ווייטערדיקע צימערן רופט מען זי אַלע מינוט, פאַרשידענע שטימען אויף פאַרשידענע טענער: מענערישע, שטרענגע און ווייבערישע, שפּיציקע און באַפעלערישע, פון דעם הער און פון דער מאַדאַם:

— גיטל!

זי לויפט הין און צוריק. אירע הענט רירן זיך צו צו צענדליקער זאַכן. אירע הענט זענען רויט און נאַס. זי רעדט צו זיך אַליין, לאַכט, וויינט, זינגט, שעלט, און מיטאַמאָל פאַלט זי אַוועק אויפן קוילן־קאַסטן, אירע אויגן אַנטלויפן ערגעץ ווייט, זי לאָזט אַריין אירע הענט אונטער דער בלוזקע, צווישן אירע פולע, ווייכע ברוסטן, נעבן האַרץ, און זי צעוויינט זיך מיט אַ ראַציק, משוגע געוויין.

אָט דאָ, אונטער דער בלוזקע, צווישן די ברוסטן האָט זי יאָרן פאַרמאָגט אַ לעבעדיקע, באַפליגלטע זאַך, וואָס האָט זי געטראָגן, איר געגעבן כוח און גלויבן. דאָס איז געווען אַ שוואַרץ, לייוונטן, אָנגעשוואָלן שפּאָר־ביכל פון דער באַנק, וווּ ס'איז געלעגן דער לוין פון אַלע אירע שווערע, יתומישע און דינסטישע יאָרן. גראָשן צו גראָשן האָט זי געזאַמלט אין די פרעמדע שטובן מיט די שלעכטע, בייזע באַלעבאָסטעס. יאָרן פון פרעמדן מיסט און פרעמדן ברויט, אויף אַ האַרט בעטל מיט אַ קאַרגן, קורצן שלאָף, מיט איינאונאייניציקן חלום וועגן דעם, אַז עס וועט קומען דער „באַשערטער“, וואָס וועט זי אַרויספירן, איר דערלאַנגען זיין שטאַרקע, זיכערע האַנט פון אַ מאַן און איר צוריקגעבן איר מענטשלעכע ווירדע.

אין אירע משוגענע רייד, וואָס זי האָט גערעדט צו זיך אַליין, האָט זי דאָס ביכל אָנגערופן „מיין טייערער מאַן“, דערפאַר, וואָס זי איז געשלאָפן דערמיט. פון דעם ביכל האָט ווירקלעך אַרויסגעקוקט צו איר אַ שוואַרצער, שיינער יונג, אַ ברונעט, אַ שיינער, אַ שטאַרקער און — אַ גוטער...

און אַט איז געקומען אַ טאָג, און גיטל איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַ ווילדן טאַנץ, ווי נישט־גוטע וואָלטן זי פאַרפירט. אַזוי קורץ האָט דאָס אַלץ געדויערט. עפּעס האָבן צוויי אַלטע ווייבער, ווי צוויי רויב־פייגל, מיט קריפּלדיקע פינגער אָנגעקלאַפּט אין איר ווינקל און זי אַ רוף געטאָן. זיי האָבן זי אַרויסגעפירט אין דעם קליינעם, פינצטערן, בלאָטיקן אָרט, אין דעם קליינעם שטעטל, מען האָט זי צוגעפּגעבונדן מיט עפּעס אַ בלייכן, דערשראָקענעם מענטש. ער האָט געהאַט אַ מאַמע מיט אויסגעזעצטע אויגן און שפּיציקע הענט, וואָס האָט זי אַ שלעפּ געטאָן און מער נישט אַרויסגעלאָזט. מ'האָט געוויינט איבער איר דערויף, וואָס זי איז אַ יתומה, כאָטש זי האָט שוין קיין טאַטע־מאַמע נישט געהאַט פון קינדווייז אָן. מ'האָט איר געוויזן אַ שטוב מיט אַ געוועלבל, אַ וואַרעמע, פּראָווינצער שטוב מיט גרינע, וואַרעמע ווענט, און גיטלען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ וואַרט אויף איר אַ גרויסע רו.

מ'האָט געוויינט, איבער איר דערויף, וואָס זי מוז נעבעך זיין ביי יענעם, און גיטלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער גאָט פון דינסטן און יתומים האָט זיך אָנגערופן צו איר. און איר אָנגעהיצטע פרעמדע קיך דאָרט אין שטאָט, דער גראָבער באַלעבאָס און די שרייענדיקע באַלעבאָסטע, זענען פאַר איר איצט אויפגעשווומען ווי אַ גרויסע שרעק.

און זי האָט פאַרלאָזן די שטאָט.

און איר איז געוואָרן גוט דאָ, אין דעם קליינעם שטעטל לעבן דעם שפּייזגעוועלבל, ווו ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס פעלט איר גאָרנישט. מען האָט איר דאָ גאָרנישט געזשאַלעוועט קיין עסן און קיין טרינקען. עס האָט זי אַרומגערינגלט אַ גרויסע משפּחה. פון אַלע זייטן האָבן זיך אויף איר אָנגערוקט מענטשן, פון אַלע בלאָטיקע און שמאָלע געסלעך. מ'האָט זי גערופן „גיטלשי“ און זי אַרומגערינגלט מיט צערטלעכקייטן, וועלכע זי האָט אין לעבן קיינמאָל נישט געפילט. גיטל איז געפאָרן אַהין און צוריק אין דער נאָענטער שטאָט. זי האָט ליב באַקומען די קורצע רייזעס. עס איז ליב געווען דאָס שאָקלען זיך אין דער באַן, דאָס אָנקוקן אַ וועלט.

אויפן האַרץ, צווישן די ברוסטן, איז געלעגן דאָס שוואַרצע לייוונטענע ביכל, און יעדעס מאָל, ווען זי האָט אַ טאַפּ געטאָן דאָס האַרטע שטיקל אָרט, איז איר פאַרגאַנגען אַ זיסער שטאָך ווי דעמלט, ווען מען קוקט אַראָפּ פון אַ הויך. זי האָט געפילט אונטער די פינגער אַ האַרטן און שטאַרקן גרונט. דאָס ביכל איז פעסט געזעסן, און דאָס בלעטל פון איר געלט איז געווען געדיכט באַדעקט מיט ציפערן.

גיטל איז דעמלט געוואָרן דיק. זי איז אויך געוואָרן אַ סוחרטע. יעדע איר רייזע אין שטאָט איז געווען פאַרבונדן מיט אַ געשעפט. מ'האָט זי געפירט אי־

בער קלייטן און הייזער, וואָס האָבן געהאט פאר איר מציאות. אירע פינגער האָבן געטאַפּט סחורות און געוואגטן. מ'האָט איר אָפּגעגעבן כבוד, געלויבט איר מבינות, און גיטל האָט געפילט, ווי אירע פינגער שלעפּן אָפּט ארויס דאָס אָנגעווארעמטע קאסע־ביכל פון אונטער דער בלוזקע און עס ווערט פארוואנדלט אין לויפנדיקן זילבער און פאפיר־געלט. און דעמלט זענען אָנגעלאָפן די מאָדנע טעג.

ס'איז געווען די חתונה און גיטל איז געווען די כלה.

זי איז געזעסן אויף אַ לאַנגער, פייכטער, קאַלטער באַנק, אָנגעטאָן אין א פרעמדער, ווייס קלייד. די ברודיקע קינדער אויף די הענט פון די שכנטעס, וואָס זענען געקומען זיך מיט איר קושן, האָבן מיט זייערע ברודיקע, קלעפּיקע פינגערלעך איר אראָפּגעריסן דעם ווייסן, פארשטויבטן שלייער.

א לאנגע, משוגעדיקע נאכט, מיט געשרייען, מיט טרערן און פרייד, און א קלייגער, שוואכער, פרעמדער מאן איז געלעגן אין איר בעט, אָנשטאָט דעם כישופדיקן הארטן, באפליגלטן ביכל.

עפּעס האָט א שיין געטאָן. זי איז געווען א כלה, געוואָרן — א ווייב. אירע ליפּן האָבן זיך פארשלאָסן. א שרעק האָט געצאפּלט אין אירע אויגן.

פרעמדע מענטשן האָבן גערעדט צו איר. מ'האָט איר געהאט א סך צו זאָגן. אָבער גיטל האָט מער נישט געפילט קיין באָדן אונטער די פיס. און יעדע מינוט האָט זי מיט פארשטאָרבענע פינגער א טאפּ געטאָן דאָס אָרט אונטער דער בלוזקע.

דאָס ביכל האָט געפעלט.

דער פרעמדער מענטש איז געוואָרן איר מאן, האָט אָפּגעהוסט עטלעכע חדשים. ער האָט געהוסט לאנג, מיט ארויסגעזעצטע אויגן, און געשפּיגן. גיטל געדענקט קוים זיין דינע, קראנקע הויט, וואָס האָט דערמאָנט אין א דין, אָנגעווארעמט גלאָז. מ'האָט באַדאַרפט האַנדלען, און געהאַנדלט האָט נאָר גיטל. זי האָט נאָר געפילט די בארוישנדיקע שיכרות פון פארדינען, און זי האָט געקלערט, אז די וועלט און די מענטשן זענען נישט אזעלכע שלעכטע, ווי זי האָט געמיינט. ווען זי האָט אין האנדל דערלייגט, האָט זי נישט געפילט, גלייך זי וואָלט געווען אונטער אַ דרימל. פארקערט, זי איז אַריין אין אַ האַזאַרד. זי האָט געפּאָלגט אירע עצה־געבער, גלייבנדיק, אז אלע ווילן, זי זאָל האָבן מער.

דער מאן האָט באוויזן אָפּצוטראָגן די נייע געהאקטע קאפּאָטע מיט דעם שוואַרצן קאַפּעליוש. דאָס ביסל געלט האָט זיך אַ דריי געטאָן. מ'האָט געקויפט צוויי רויטע, הילצערנע בעטן מיט א שוואכער הילצערנער שאנק, וואָס האָט געשמעקט מיט רויען, ביליקן האָלץ, און אין דעם נייעם בעט האָט דער מאַן אויסגעשפּיגן דאָס לעצטע שטיקל אָטעם.

פון דעמלט אָן זענען אָפּגעלאָפן עטלעכע יאָר. גיטל איז נאָכן מאַנס טויט געבליבן ארומגעריננלט פון פרעמדע מענטשן, וואָס זענען געוואָרן איר משפחה. זי איז שטיין געבליבן אַ צעמישטע, גלייך זי וואָלט אַרויס פון עפּעס אַ שפּיל מיט נישט־גוטע, און מיטאמאָל האָט זי זיך מיט א משוגענער גלוסט געוואָרפן צו־נויפנעמען איר צעשיט און צעוואָרפן פארמעגן.

עס האָט אָנגעהויבן פארשווינדן די ליכטיקייט און די ווארעמקייט פון דער פּראָווינצער שטוב. די משפּחה האָט זיך פארוואנדלט אין שווארצע, גיריקע הענט, און בייזע ווייבער און צעיאכמערטע יידן האָבן ארום איר אָנגעהויבן אן איילנדיקע כאַפּעריי.

גיטל איז נאָך געווען ארומגענומען מיט רחמנות צו דעם מאַן, זי האָט נאָך אַלץ געזען פאַר זיך זיין פארטראָגענעם בליק און די פאַרברענטע אויגן. זי האָט אים נישט געדארפט, נאָר זי האָט נישט געקאָנט פארגעסן, אַז דאָס איז געווען איר מאַן. און עס האָט זי ארומגענומען א גרויס רחמנות. זי איז מיטאמאָל מיד געוואָרן און האָט זיך איבערגעגעבן דעם בייזן גורל.

* * *

מ'איז לאַנג געזעסן שבעה אין דער גרויסער, אומעטיקער שטוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי א קאַמער פול מיט זעק און סקריפּנדיקע קוישן. א שטענדיקע גרויע טונקלקייט האָט דאָ געהערשט, כאָטש אין דרויסן האָט שוין געבלאָזן א לינדער ווינט פון פרילינג. גיטל האָט פון דער שטוב נישט געקאָנט ארויס. זי האָט שוין לאַנג געקלערט פון דער שטאָט, וו מענטשן זענען לייכטער און וואַשן זיך מיט שמעקנדיקער זייף, און ערשט האָט זי דערפילט, אַז זי האָט נישט מיט וואָס אַוועקצוגיין. דאָס באַנק־ביכל איז געווען דין און ליידיק, ווי אויס־געלאָשן. אַלץ איז פארוואנדלט געוואָרן אין זאַכן... אירע זאַכן...

די לאַנגע שבעה אין שטוב האָט זיך געענדיקט, און אַלע זענען אוועק מיט די זעק און פּעק. גיטל איז געבליבן אליין. קיינער האָט איר נישט מער וואָס צו זאָגן. נאָר שפּיציקע אויגן ארום האָבן אָנגעהויבן בריען איר הויט.

דעמלט האָט גיטל צום ערשטן מאָל אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן, שפּיציקן קוויטש. אַ געשריי פון אַ געשלאָגענער יתומה.

זי האָט געזען פאַר זיך הארטע, בייזע הענט, וואָס האָבן זי נישט צוגעלאָזט צו אירע זאַכן. ארום איר זענען געווען צעשיט און צעזייט זאַכן. און יעדע זאַך איז געווען א שטיק פון איר ביכל... זי האָט זיך איצט אויף קלאָר דערמאָנט, ווי זי האָט פארטוישט שטיקער ביכל אויף די זאַכן, און זי האָט מיט א בליגדער

פאַרצווייפלונג געוואָלט דאָס אַלץ צונויפקלעפּן און צוריק אין אַ ביכל פאַרוואַנדלען, אַ ביכל, וואָס זאָל ליגן אויף איר האַרץ צווישן אירע בריסטן. זי איז איצט געווען אַ יתומה און אַ אַלמנה ווי באַקליידט מיט צוויי שוואַרצע פליגל פון וויסטקייט. האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער גאָט פון אַלמנות און יתומים וואַכט איבער איר.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די ווילדע שפּיל. זי האָט מיטאַמאָל באַקומען שותפים. עפּעס אַ מומע מיט אַ פעטער, ביידע שוואַרצע ווי ציגיינער, זענען געקומען מיט ליאַרעם נעמען זאַכן. דערנאָך האָט מען זיך געשלאָגן מיט שטולן און מיט שטעקנס, אַלץ וועגן די זאַכן... עפּעס אַ בעט האָט אַרומגעוואַנדלט צו פרעמדע ייִדן, די שאַנק איז ערגעץ געגאַנגען, און גיטל האָט זי נישט געקאָנט דעריאָגן. אַ קישן איז אַרומגעגאַנגען אַ יאָר און אַריבער צו עפּעס אַ ייִדענע, אַ טויבער, וואָס האָט בשום אופן נישט געקאָנט דערהערן, וועגן וואָס גיטל רעדט.

* * *

יאָרן גייען, און גיטל יאָגט זיך נאָך שטיקער זאַכן. זי האָט שוין פון לאַנג פאַרגעסן, ווי זיי זעען אויס. און נאָר אין דער שפּעטער נאַכט, ווען זי ליגט אויף דעם האַרטן, אייזערנעם בעטל, קלערט זי וועגן די זאַכן. זי געדענקט נישט דעם געשטאָרבענעם מאַן. זי קאָן זיך קוים דערמאָנען זיין נאָמען. זי געדענקט נאָר דאָס אָרט צווישן די בריסטן, דאָס האַרטע שטיקל וואָג, פון וואַנען עס האָט געפּלאָסן עפּעס אַ כּוח און זיכערקייט, ווי זי וואָלט געווען געפלויגן.

* * *

און איר דינסטישן קופער, אין דער קיך, ליגט איינגעוויקלט אין אַ העמד דער נייער, כּמעט נישט גענוצטער קאַפּעליוש פון דעם געשטאָרבענעם מאַן...



# דער אַלטער שמש

אַ קנויף פון אַלטע, ענגע גאַסן ליגן פאַרשטויבטע, ווי אָוועקגעוואָרפענע, אין דער גרויסער שטאָט, וואָס זידט אין אַ שטענדיקן אימפעט און פאַרדיסנקייט מיט איר רייכטום און גלאַנץ צו דער וועלט. דאָ איז ענג און רעשיק. די יידישע האַלבגאַסן זעען אויס, ווי אַלטע, פאַרגעלטע בלעטער פון אַ יידיש ספר, און די האַלבע, ייִדישע הייזער, ווי אַלט, געל לייב, דורכגעשניטן פון שפּאַלטן און וואונדן. די פענצטער קוקן ווי בלינדע. דאָ ראַיען זיך יידן, שוואַרצע און גראָ, אָפּגעשליפענע, ווי פאַרטריבענע; צעפּאַטלטע ווייבער שרייען און האַנדלען. עס איז פייכט און גליטשיק. און אין גרויסן צעפּאָרענעם הויף, אין אַ ווינקל, לעבן אַ גרויסן באַרג מיסט, שטייט האַלב אָפּן די טיר, די אַלטע, שוואַרצע, געהעמערטע טיר פון דעם שולכל.

אינעווייניק כאַפּט אַרום דער טוכלער ריח פון אַלטקייט. אַ גראָ־געלבלעכע, געדיכטע לופט, ווי אין אַ קעלער, רינגלט אַרום דעם אָרון־קודש. פון דאָרט בלינגעדיכטע צלם אַ ליכטל, און אין זיין טיפן ווינקל, אויף אַ באַנק, ליגט דער אַלטער שמש מאירל.

דאָ אויף דער באַנק וווינט ער. אונטער דער באַנק שטייט אַ קעסטל, וווּ עס ליגט זיין טלית, אַ שטיקל ברויט און אַ קליין פלעשעלע בראָנפן, וואָס דערהאַלט אים ביים לעבן. דאָס איז זיין גאַנץ פאַרמעגן פאַר דער וועלט און פאַר יענער וועלט. ער ליגט אויף זיין באַנק און הערט זיך צו, ווי עס רוישט די יידישע וועלט אין דעם גרויסן יידישן הויף. דעם הויף קען ער שוין פון צענדליקער יאָרן. און ער קען די מענטשן, וואָס קומען אַריין אין שול, רייסן זיך אָפּ פון דעם האַנדל, כאַפּן אַ יידיש וואָרט. עס קומען אַמאָל פאַרבלאָנדזשעטע יידן פון דער פרעמד. שמועסט מיט זיי מאירל לאַנג, און ער דערוויסט זיך, אַז ס'איז שלעכט... אַז די וועלט גייט אונטער...

לעצטנס זעט מען שוין גישט קיינעם. מען הערט נאָר דעם געליאַרם פון דעם

הויף, וווּ מען האַנדלט, און מאירל כאַפּט זיך אַרויס אין מיטן טאָג, קנעט זיך אַריין אין דער ענגשאַפט, כּדי זיך אײַנצושאַפן אַ לעפל עסן, אַ שטיקל ברויט. דער הויף קען דעם אַלטן שמש, און די מאַרק־מענטשן שטעקן אים אָפּ אין טומל אַ ביסל עסן. די ווײַבער זאָגן, אַז דאָס איז אַ ראַטע אויפן חוב פון יענער וועלט... ווײַל די שול איז זייער שול, זי געהערט צום הויף.

עס זענען נאָך דאָ אַלטע באַלעבאַטים, וואָס האַלטן נאָך אויס די שול. זיי כאַפּן זיך אַרײַן, גיבן אַרײַן אַ ליכטל, באַטאַפּן די בענק, דעם אָרון־קודש, קרעכצן דערויף, וואָס אַלץ איז אַלט געוואָרן, צעשיט זיך. זיי אַליין זענען אויך אַלט און ווערן וואָסאַמאָל ווייניקער, און די לעצטע רעדן מיט מאירלען וועגן תּכלית־זאַכן, וועגן יענער וועלט... מאירל פּינטלט מיט די אַלטע, געקנייטשטע, רויטע, טרערנדיקע אויגן. ער איז דערשראָקן, די לעצטע יאָרן שטאַרבט מען אַ סך. אַ סך באַלעבאַטים פון דער גאַס און פון דעם הויף זענען אַוועק... און קיין נײַע קומען ניט צו... מאירל איז דערשלאָגן, וואָס וועט זײַן?... עס וועלן ניט זײַן קיין ייִדן.. אַנומלטן איז ניט געווען קיין מנין...

אין אַזאַ מינוט הייבט ער זיך פּאַמעלעך אויף פון דער באַנק און שאַרט זיך אַרויס פון דער שווערער טיר. די געשוואָלענע, ציטערנדיקע פיס טראָגן אים אַרײַן אין דער געדיכטקייט פון די ראָיענדיקע, שרײַענדיקע מענטשן.

קיין עין־הרע, — קלערט ער, — עס זענען נאָך דאָ ייִדן... און אים ווילט זיך עפּעס זאָגן די אַלע לויפנדיקע, צעשריגענע מענטשן, ער וואָלט וועלן הויך אויסשרײַען, אַז דאָ איז דאָ אַ שול... מע זאָל ניט פֿאַרגעסן... ייִדן, ייִדן! — שרײַט עס אין אים. אָבער די ענגשאַפט און דער רעש דערשרעקן אים. ער שלײַכט זיך צוריק אַרײַן אין דער טונקלקייט פון דער שול און לאָזט זיך אַראָפּ אויף זײַן באַנק.

אין וואַרעמע זומער־טעג, שבת נאָך האַלבן טאָג, דינגט זיך מאירל אַן אָרעם ייִנגל, וואָס זאָל אים פירן ערגעץ אין אַ ווײַטער גאַס, צו זײַנע אייניקלעך פון אַ זון און פון אַ טאָכטער. די קינדער זענען שוין ניטאָ. איין זון איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין דער מלחמה, איין אייניקל איז אַ דאָקטאָר, וואָס וווינט אין אַ רײַך הויז מיט מאַרמאָר־טרעפּ... דאָרט איז ער שוין פון יאָרן ניט געווען... ווײַל ער אַליין האָט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט עפּעס מיט זיי... ער האָט זיך ניט געקאָנט רעדן מיט דעם דאָקטאָרס ווײַב, וואָס האָט אַלץ ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווער דער סטאַרישעק איז... אָבער אַ צווייט אייניקל האָט ער, איז ער יאָ אַ שטיקל ייִד... דאָרט דערקענט מען אים... מע זעצט אים אַוועק, מען איז אים מכבד... און מע פֿרעגט אים וועגן פֿאַרשידענע ייִדישע זאַכן...

ער ווערט אָבער באַלד אַזוי מיד... און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז אַזוי ווײַט אַוועק פון דער שול... אַז ער וועט שוין ניט קאָנען צוריקקומען... עס פֿאַלט

אויף אים אַן אַ פאַרלוירנקייט. און צוריקגייענדיק איבער די פרעמד־געוואָרענע גאַסן, דאַכט אים, אַז באַלד וועט ער טרעפן אַלטע באַלעבאַטים פון די פאַרגאַנגענע צייטן.

עס גייען אָבער נאָר פרעמדע מענטשן, און ער דערמאָנט זיך מיטאַמאָל, אַז אַלע זענען שוין פון לאַנג געשטאָרבן... וויפל האָט ער שוין אַליין באַגלייט צו דער אייביקער רו. און ער איילט זיך צו קומען וואָס גיכער. ער וויל שוין זיין אויף זיין באַנק אין דער אַלטער שול... פון דאַנען ווייסט ער שוין דעם וועג... דאָ האָט ער דעם תכלית... פון דאַנען וועט ער קומען אַהין...

ער קומט צוריק שוין פאַרנאַכט. דער הויף איז נאָך שבתדיק, און ער טרעפט וועמען פון די אַלטע באַלעבאַטים, וואָס זיצן אינעם טונקל, גענעצן און קרעכצן וואָלט נישט געווען אַזוי טונקל אין דער שול, וואָלט מען אַריינגעקוקט אין אַ ספר.

עמעצער פרעגט אים:

— וואָס מאַכסטו, מאירל?

— אוי־וואַ... — און מאירל דערוויסט זיך, אַז דער אַלטער וואָלף איז געשטאָרבן. ער פרעגט זיך אויס אויף פאַרשידענע מענטשן פון זיין צייט. — ווער ס'איז נאָך דאָ... ער גראָבט אַרויס געשטאַלטן פון יידן, וואָס ליגן נאָך ערגעץ באַהאַלטן אין זיין אָפּגעשוואַכטן זכרון, און ער דערוויסט זיך, אַז די אַלע זענען שוין אַוועק... מיטאַמאָל ווערט אים וואַרעם... דאָרט, אויף יענער וועלט זענען דאָ יידן... זיינע אַלטע יידן...

עס רוקט זיך אָן דער אָוונט. און ביי עטלעכע ליכט קלייבט מען זיך נאָך צוזאַמען אויף מעריב. עס קלינגט נאָך אַ קדיש אין אַ ווינקל... דער הויף איז איצט ליידיק. נאָר פון די טונקעלע פענצטער בליצן אַרויס ליכטער. מאירל גרייט זיך צו דער נאַכט.

ער באַגלייט אַרויס די לעצטע דאַווענער, פאַרשפּאַרט די שווערע טיר און בלייבט אויף דער באַנק. ער שפּרייט אונטער די אַלטע דעקע און פאַלט באַלד אַריין אין אַ דרימל. שלאָפן קאָן ער נישט, און זיין דרימלענדיקער געדאַנק בלאָנדזשעט אַרום אין דער טונקעלער וועלט פון אַוועקגעגאַנגענע מענטשן. די מתים גייען שטיל און הייליק אַרום אים... און אים ווערט היימלעכער... ער פאַרגעסט אין דער פרעמדער, קאַלטער וועלט הינטער דער טיר.

דאָרט האָט ער אַלע... אויף יענער וועלט... עס קומען צענדליקער — שיילן זיך אַרויס פון דער פאַרלאָפענער אייביקייט... זיין ווייב שרה... די קינדער... אָט דאָ... באַלד וועט מען זיך טרעפן אין אַ גוטער היימישער וועלט...

ער לאָזט זיך אַראָפּ פון דער באַנק, עפנט אויף דאָס קעסטעלע, נעמט אַרויס

־עם טלית... טוט אַ צי פונעם קליינעם, קלעפעדיקן פלעשעלע... און אַ וואָרעמקייט צעגיסט זיך איבער זיין אַלט לייב, אוי ווײ... ווײ...

עפּעס אַ ניגון פאַרגייט אים... ער זאָגט עפּעס מיט קלאַנגלאָזע ליפּן... דאָס ליכטל בלינצלט ביים אָרון־קודש... אָבער מיטאַמאָל ווערט פינצטער. דאָס ליכטל האָט זיך געענדיקט. דער אַלטער בלייבט זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. פאַר זיינע אויגן לייכט נאָך אַלץ דער אָרון־קודש... מיט אַ ניי ליכט... דאָס ליכט קומט פון ערגעץ הויך... עס פאַרשווינדן די ווענט פון דער שול, עס פאַרשווינדט די האַרטע באַנק... און מאירל טראָגט זיך ווייך און לייכט ערגעץ... דאָס האַרץ איז ביי אים וואַרעם, און ער הילט זיך טיפער אינעם טלית...

— אפשר איז שוין איצט די מינוט?...

און עס דאַכט זיך אים, אַז ער דאַרף נאָך עפּעס באַזאָרגן דאָ, אויף דער וועלט. אפשר וועט ער עפענען די טיר? אָבער עס ווילט זיך אים נישט איבער־רייסן די גרינגקייט, וואָס האָט אים אַרומגענומען...

— מען וועט קלאַפּן אין שול... און קיינער וועט נישט עפענען...

מאירל וועט נישט עפענען... ער וועט שוין זיין וויט...

אַ מילדער שמייכל באַשלאָגט זיין אַלט פאַרמעטן פנים.

— ניין, ער וועט נישט עפענען די טיר, פאַר דער קאַלטער, פרעמדער וועלט.

## דערוואַכונג

אַבראַמעק איז אַלט געוואָרן נאָענט צו פערצן יאָר. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעקרענקט אויף אַלע קינדער־קראַנקהייטן, איז ער געבליבן מאָדנע שמאָל און צו הויך פאַר זיין עלטער. אַממייסטן האָט די שמאָלקייט זיך אָנגעזען ביי די אַקסלען און די צו לאַנגע ביינער ביי די הענט. אָט מיט די צו דאַרע ביינער פון די הענט האָט זיך אַבראַמעק געשעמט אַממייסטן פאַר דער שוועסטערס חברטע איטקע. און קוקנדיק אויף אירע פולע, ווייסע, רונד־געשניצטע הענט, האָט אַבראַמעק זיך געפילט אומגליקלעך, און שטילערהייט אין אַ ווינקל, ווען קיינער האָט נישט געזען, האָט ער געבעטן צו עפּעס אַ גאָט, אַז זיינע אָרעמס און די פיס, ביי די קניען, זאָלן זיך באַדעקן מיט לייב אַזוי ווי ביי אַלע יינגלעך, וואָס האָבן זיך אים אויסגעוויזן דיקער פאַר אים.

אין שטוב זענען געווען צוויי שוועסטער. די יינגערע חוהטשע איז אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, און די עלטערע לאה איז געווען אַלט ניינצן יאָר, און צו איר טאַקע איז עס אַריינגעקומען איר חברטע, דאָס מיידל איטקע.

די שוועסטער זענען אים פרעמד געווען, און יעדעס מאָל ווען זיי האָבן אין שטוב געהאַט די חברטעס, האָבן זיי אים אויף די אויגן נישט געלאָזט. אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, איז געווען אַ סוד. זיי האָבן גערעדט שטיל, מיט וואַרעמע בליקן, אין וועלכע עס האָט געצאַפּלט עפּעס אַ נישט אויסגעלאַכט געלעכטער. דערביי האָבן זיי אַבראַמעקן געטריבן, ווען ער האָט זיך דערנענטערט, כדי ער זאָל נישט הערן, וואָס זיי רעדן.

— וואָס שטייסטו דאָ... גיי דיר צו דיינע ביכלעך... האָסט נישט דאָ וואָס אונטערצוהערן...

דאָס איז געווען אין גוטן מוט. ווען נישט, האָט מען אויף אים געשריגן:

— דאָס יינגל איז אַ געבוירענער שפּיאָן...

אַבראַמעקן האָט טאַקע שטאַרק געצויגן צו וויסן, וואָס די מיידלעך רעדן,

און ער איז שטענדיק אַ פֿאַרשעמטער אַוועקגעגאַנגען. אַמייסטן האָט אים גע־רודפֿט די עלטערע שוועסטער לאה:

— אַ ייִנגל זאָל גישט האָבן קיין חברים... נאָר אונטערהערן, וואָס עלטערע רעדן...

דעמלט האָט זיך אָנגערופֿן די באָבע, וואָס איז זומער און ווינטער געזעסן אין אַ ווינקעלע אין דער טונקל נעבן אויוון:

— אַז אַ קינד זאָל גישט האָבן זייַנע זאַכן... זייַנע שפּילעכצן... גאָר זיך שטופֿן צווישן גרויסע...

אַבראַמעקן איז דעמלט באַפֿאַלן אַ פּיין. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע, אַלע האָבן אים פֿייַנט און אַז ער איז איבעריק אויף דער וועלט.

די באָבע האָט זיך אומעטום אַרייַנגעמישט. און איר קליין, שפּיציק גאָמבע־לע האָט זיך כסדר גערודערט, ווי אַ שאַרף, שפּיציק קיזל־שטיינדעלע. דאָס איז געווען דעם טאַטנס מאַמע, און מ'האָט פֿאַר איר מורא געהאַט.

די עלטסטע שוועסטער לאה, כאָטש זי איז געווען שטרענג צו אים, פֿלעגט אים דאָך אַמאָל פּלוצלונג אַ גלעט טאָן איבער די שוואַרצע טונקעלע האָר. זי באַ־דאַרף אַמאָל, אַבראַמעק זאָל זי פֿאָלגן אַ גאַנג. און דער גלעט, וואָס זי האָט אים געגעבן, האָט אַבראַמעקן שטענדיק אויסגעזען, ווי זי וואָלט אים עפּעס געוואָלט צו רעכט מאַכן, כדי ער, אַבראַמעק, איר ברודער, זאָל זייַן שענער. פּונקט ווי זי פֿאַרריכט זיך אירע אייגענע האָר, כדי בעסער צו געפֿעלן. דערבייַ האָט זי אָבער שטענדיק צוגעגעבן:

— האָר האָט ער גאַנץ שיינע... ער זאָל נאָר גישט זייַן אַזאַ זדעכליאַק... ער זאָל גישט זייַן אַזוי דאַר...

דעמלט האָט אַבראַמעק אין איר דערפֿילט אַ שונא. אים האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז זי גיט אויס זייַנס אַ באַהאַלטענעם סוד, אַז זי דעקט אים אויף פֿאַר אַלע. אין ביים געדאַנק, אַז זי קאָן דאָס אויך זאָגן איר חברטע איטקע, זענען אים אָנגעלאָפֿן ברענענדיקע טרערן פֿון האַס אין די אויגן.

* * *

ווען די חברטע איטקע איז אַרייַנגעקומען אין שטוב, האָט אַבראַמעק עס גע־ווּסט פֿון פֿריער, גלייַך ווי ער וואָלט זי אַרויסגערופֿן מיט אַ כּישוף, מיט עפּעס אַ באַהאַלטענעם, אומפֿאַרשטענדלעכן כּוח.

ער האָט דערקענט אירע טריט נאָך הינטער דער טיר. דאַכט זיך, איר אָטעם איז אים געווען באַקאַנט. זי האָט אים שטענדיק איבערראַשט, ווי אַ פֿרישער ווינט

וואָלט אויף אים אַ בלאָז געטאָן, אַ ווינט, וואָס רייסט זיך אַריין און ברענגט אַ פריי־דיק האַרצקלאַפּן. ער האָט כּסדר אויף איר געוואַרט און האָט אָפּט פאַרבלאָנדזשעט צום צעבראָכענעם שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער גרינער וואַנט. אינעם שפּיגל האָט ער געזען זיינע שמאָלע אַקסלען און דאָס שמאָלע, בלייכע פּנים, וואָס איז געווען ווי דורכגעשניטן פון די געדיכטע ברעמען איבער די גרוי־סע בליציקע אויגן. ער האָט לאַנג אויף זיך געקוקט, ביז וואַנען די באָבע האָט אַ בורטשע געטאָן:

— נאָך פון דער ערד נישט אויפגעוואַקסן און וויל שוין זיין אַ פּאַצעט... אַ ייִנגל זאָל זיך נאָר שפּיגלען...

דער באָבעס קליינע, שאַרפע, גרויע אייגעלעך האָבן אַרומגעפינקלט איבער אַלע ווינקעלעך פון דער שטוב, און קיין שום זאַך האָט זיך נישט געקאָנט פאַר זיי באַהאַלטן. און צו באַהאַלטן האָט אַבראַמעק געהאַט אַ סך. אין אַלע ווינקע־לעך פון דער שטוב, אין דעם טונקעלן אַלקער און אין דער קיך האָט דאָס ייִנגל נישט געפונען פאַר זיך קיין אָרט. אַ שטענדיקע נאָגעניש ביים האַרץ און אַ נישט קלאָרע זוכעניש האָט אויף אים געדריקט.

דאָס בעטל, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיטלסטער שטוב, נעבן דער ייִנגע־רער שוועסטערס, איז געווען שוין פון לאַנג פאַר אים צו קליין, און אפשר דער־פאַר האָט ער זיך אָפּט אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט מיט אַראָפּגעפאַלענע פיס פונעם צו קורצן בעטל, אַממייסטן ווינטער־צייט, ווען עס איז געשטאַנען אַ גרויע, שרעקיקע טונקלקייט. צוליב דעם, וואָס ער האָט אַ סך געקרענקט, האָט מען אים ווינציק פון דער שטוב אַרויסגעלאָזט. אחוץ דעם, וואָס די מאַמע פלעגט אים פּיילמאָל אַרויסשיקן עפּעס קויפן אין געוועלב. אין קיין שול איז ער נישט געגאַנגען, געלערנט האָט ער מיט אַ לערער, אַן עלטערן ייִדן, וואָס איז געקומען מיט אַ שטענדיק פייכטער, קאַלטער באָרד, פון וועלכער עס איז געגאַנגען אַ ריח פון הערינג. נאָכדעם ווי דער לערער איז אַוועקגעגאַנגען, איז אין אים געבליבן עפּעס אַ נאָגנדיקע קעלט אין דער פּלייצע, פון וועלכער ער האָט נאָך מער גע־פילט זיין דאַרקייט.

די מאַמע האָט אים אָפּט געכאַפּט און געדריקט צו איר פאַרטעך. זי האָט אים טיף מיט זאָרג אַריינגעקוקט אין די אויגן. ער האָט דעמלט מיטן קאָפּ גע־פילט די וואַרעמקייט פון איר בויך. אָבער צום סוף האָט זי אַ נעם געטאָן זיין קליין, שפּיציק פּנים אין אירע הענט און אַ זאָג געטאָן געבראָכן:

— אַ דערוואַקסן ייִנגל... און איז הויט און ביין... כ'ווייס נישט, וואָס מען טוט...

די באָבע האָט זיך אָנגערופן:

— ער וואָלט גישט נעקלערט פון קיין גארישקייטן... וואָלט ער זיך פּאָ־פּראָוועט...

אבראמעקן איז דורכגעלאָפן א שאַרפער שטאָך פונעם קאָפּ ביז די פיס, גלייך די באָבע וואָלט מיט א לאָמפּ אַריינגעקוקט אין זיין קאָפּ און געזען זיינע באַהאַלטענע געדאַנקען, זיינע סודות, די זיסע און שטעכיקע.

* * *

די טעג זענען איצט געווען קורצע און טונקעלע, מיט פאַרלאָפענע, גראָע שויבן, דורך וועלכע מ'האָט נישט געזען די וועלט. די דעכער קעגנאיבער די פענצ־טער האָבן כסדר געוויינט, און אין דעם טונקעלן מיטלצימער האָט מען כסדר גע־הערט דאָס קרעכצן פון דער באָבען, וואָס האָט זיך געטוליעט צו דעם געהייצטן אויוון.

אלע יאָר אין דער צייט האָט זיך אבראמעקן אויסגעוויזן, אז די וועלט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַז אין ערגעץ איז נישטאָ קיין לעבן. ער האָט אַרויסגעקוקט פון זיין געלעגער אין דעם בלייכן אינדערפרי, ווי די שוועסטער זענען אוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. די מאַמע האָט אים נאָך געלאָזן ליגן אין בעט צוליב דעם, וואָס ער איז געווען א „שוואַך קינד", און דאָ ליגנדיק, האָט ער שוין געוואַרט, עס זאָלן איבערלויפן די פּאָר שעה פון דעם טונקעלן טאָג, ביז וואַנען עס וועט קומען דער אָוונט. אויף די אָוונטן האָט ער געוואַרט מיט אַ זיס קלאַפּן פון האַרץ. אין די אָוונטן, ווען די שוועסטער וועלן קומען, און ביי דער קאַרגער ליכט פון דער גרי־נער לאָמפּ וועט מען זיך אַוועקזעצן שפּילן אין „לאָטעריי".

שפּילן האָבן אים די שוועסטער נישט געלאָזן, כאָטש ער האָט שוין געהאַט אָנגעקליבענע גראָשנס. דערפאַר האָט מען אים אָבער געגונט צום אויפהייבן די נומערן, וואָס זענען ביים שפּילן אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און זיך פאַרקייקלט אין די טונקעלע ווינקלען פון דער פּאָדלאָגע.

נומערן זענען אַראָפּגעפאַלן אָפט. קליינע, הילצערנע קלעצעלעך האָבן זיך געקאָלערט אונטערן טיש, ווו ס'איז געלעגן א געדיכטע טונקלקייט. דעמלט איז אבראַמעק אַרונטערגעקראָכן אונטערן טיש זוכן די נומערן.

* * *

יעדן אָוונט איז געקומען די שוועסטערס חברטע איטקע. אין יעדן אָוונט האָט אבראמעק געוואַרט אויף איר אין א הייסן דרימל, מיט אַן אויפגעשפּיצט אויער

צו דער טיר, ווו אירע פלינקע מיידלשע שריט האָבן זיך דערהערט. זי איז געקו־מען באלד אין אָוונט, נאָך איידער די שוועסטער זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. ווען עס זענען אויפגעשטאנען די ערשטע שאָטנס אויף די אלטע, טונ־קעלע ווענט, האָט שוין איטקע פארייניגעטאנצט, יעדן אָוונט מיט דער זעלבער פראגע:

— לאהמשע איז נאָך נישט געקומען?...

די פראגע איז געווען נאָר פאר דער אייגעשרומפענער באָבען, וואָס האָט געדרימלט אינעם טונקעלן ווינקל. דער רויטלעכער אָפשיין, וואָס האָט ארויסגע־שימערט דורך די שפאלטן ביי די טירלעך פונעם אויוון, האָט ארומגעצאפלט אויף איר.

איטקע האָט געוווסט, אז דאָס ייִנגל שטייט נעבן דעם אומעטיקן פענצטער, און זיין גאנצע נשמה רופט און בעט איר נאָענטקייט, אירע פולע, ווארעמע הענט און די זיסקייט פון איר אָטעם.

ער הערט, ווי די באָבע דרימלט, און אָט פילט ער, ווי איטקע באַרירט, ווי נישט ווילנדיק, זיינע האָר. ער פילט מיט יעדן אבר די צאַפלדיקע ווארעמקייט פון אירע קני, איר אָטעם שמעקט און פאַרשיכורט אים, און פון איר קלינגענדיק מויל פאלט ארויס אין פארטראָגנקייט זיין נאָמען:

— אבראמעק...

דאָס איז זיין סוד, דער גרויסער סוד, וואָס אפילו די באָבע קאָן אים נישט אויפדעקן.

— אַבראַמעק... מען וועט שפילן אין לאָטאָ?...

— יאָ...

ס'איז שטיל. קורץ איז די מינוט. און אַבראַמעק באַוויזט נאָר צו זאָגן:

— און איטקע וועט דאָ זיין לאַנג?...

— יאָ...

עס דאַרף נאָך עפּעס געזאָגט ווערן, און איטקע זאָגט:

— מען וועט שפילן אין לאָטאָ...

און זי גיט צו שנעל מיט אַ ווארעמען פליסטערן איבער זיין אויער:

— און אַז עס וועט אַראָפּפאַלן אַ נומער... וועסטו אים זוכן?

* * *

אַבראַמעק זוכט לאַנג דעם אַראָפּגעפאַלענעם נומער אין דער טונקלקייט פון אונטערן טיש. דער נומער האָט זיך ערגעץ אַוועקגעקאַליערט, אָבער אַבראַמעק

זיצט אויף די קני. אַ הייסער דרימל פאַרגיסט זיין מוח. ביים טיש איז שטיל, מען האָט איבערגעריסן די שפּיל, מען וואַרט אויף דעם נומער.

צוויי רונדיקע, אויסגעטאָקטע, קרעפּטיקע פּיס אָטעמען אויף אַבראַמעקן. דאָס קליידל כאַפּט אַרום די פולע רונדיקייט.

דאָס זענען איטקעס פיס, זיי רופן אים.

ער פאַלט צו מיטן קאָפּ צו די רונדע, לעבעדיקע קניען, און זיי דריקן זיך צו אים צו. דאָס אַלץ דויערט אַ רגע.

אָבער לאַנג זינגט עס און שאַלט אין אַבראַמעקס יונגן, דאַנקבאַרן האַרץ...

## חנה

געקומען איז זי צו אונדז לאַנגע יאָרן, יעדן דאָנערשטיק, העלפֿן דער מאַמען שבת־מאַכן. לאַנג, איידער זי האָט די טיר געעפֿנט, האָט מען שוין אין דעם טונקעלן פּאָדערהייזל געהערט איר טרוקענע טונקעלע שטימע, ווי זי וואָלט געוואָרפֿן שטיינדלעך. זי האָט גערעדט צו אַלעם, צו די ווענט און צו די שטיינער אויפֿן הויף, צו די טונקעלע טרעפּ און צו אַלע מענטשן, וואָס זי האָט באַגעגנט אויפֿן וועג. זי האָט לאַנג אין דער טונקלקייט געזוכט די קליאַמקע פֿון דער טיר און אַן אויפֿהער איבערגעחזרט:

— היינט איז דאָנערשטיק... היינט איז דאָנערשטיק... דער טאָג שטייט גישט... ס'גייט שבת... דער הייליקער שבת... היינט איז דאָנערשטיק...

און אַזוי האָבן זיי איר גערופֿן, די קינדער פֿון די הויפֿן, וואָס זענען איר נאָכגעלאָפֿן און צוזאַמען מיט איר אָן אויפֿהער איבערגעחזרט:

— היינט איז דאָנערשטיק...

* * *

זי איז געווען אַ קליינע, האַרטע, יידענע מיט אַ בלוי פּנים, ווי אַ קיזלשטיין, זי האָט געהאַט אַ קליין מויל מיט דינע, האַרטע ליפּן, פֿון וועלכע ס'האָבן אַרויס־געקוקט אירע טונקעלע, אַזוי ווי שטאָלענע ציין.

אַ שווער, גרוי, ווי אייזערן, טוך האָט פֿאַרדעקט איר שמאָלן, האַרטן גוף. און אַ פֿייכטע, אויסגעריבענע שמאַטע האָט זי געטראָגן אויף דעם שטעקן פֿון דער אויסגעריבענער באַרשט, ווי אַ פֿאָן. צו איר אַרבעט האָט זי קיין אַנדערע מכשירים נישט געוואָלט נוצן:

— כ'האָב מיר ליב מיינע אייגענע זאַכן... — האָט זי גערעדט צו זיך אַליין. זי האָט זיך געזעצט אויפֿן ברעג פֿון דער הייסער קיך, דאָס ביסל עסן אַרויס־

געשטעלט אויף אירע האַרטע קניען, אַרום איר איז געשטאַנען אַ וואָלקן פון רויך און פאַרע; זי האָט אייליק אָפּגעגעסן, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס עסן איז פאַר איר אַן אָפּקומעניש.

אַט האָט זי אָוועקגעשטעלט דאָס שיסעלע, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס האַרטע, שווערע טוך, וואָס האָט געשמעקט מיט פייכטע פאָדלאָגעס, פאַרהויבן דאָס קלייד און עס פאַרבונדן פון הינטן מיט אַ קניפּ, שוין איז זי געשטאַנען אין אַ טונקעלער, מוטנער נעץ. אַרום אירע צוויי גרויסע, מענערישע שיך מיט אָפּגעמיילער האָבן געגומען גיין ווייסלעכע כוואַליעס פון צעלאָזענער, גרינער זייף. די רימשקעס וואַסער האָבן אַריין און אַרויסגעשטראָמט פון די צעריסענע שיך, קווּטשנדיק צווישן אירע בלויע, ווי אייזערנע, פינגער פון די פיס. איך בין געזעסן אויפן גרינעם קופערט, פאַרלייגט די פיס אונטער זיך, און געקוקט אויף דעם טונקעלן, דירעוודיקן פלעק פון דער קליינער יידענע. חנה האָט זיך אַרומגעטראָגן פון ווינקל צו ווינקל. אירע ביינערדיקע, טונקעלע הענט האָבן זיך ווי געשפּילט מיט דער אָנגעפּוישטער, נאַסער שמאַטע, זיך געדרייצט מיט איר, אַ וואָרף געטאָן זי, און איידער די שמאַטע האָט באַוויזן אַ שווים צו טאָן, האָבן חנהס פינגער, אַזוי ווי האַקעס, זי אַ כאַפּ געטאָן און צוריק אַ וואָרף געטאָן אין אַ צווייטער זייט, דערנאָך ווידער זי געכאַפּט און ווידער געוואָרפן.

איך האָב געקוקט אויף דער שפּיל, און אַ רחמנות צו דער שמאַטע האָט זיך אין מיר אָפּגערופן. מיר האָט זיך געוואָלט אַ כאַפּ טאָן די שמאַטע און לאָזן זי אַזוי שווימען אַז אַן אָפּהאַלט אין דער מוטנער נעץ. אָבער דאָ האָט חנה אַ כאַפּ געטאָן איר לאַנגע באַרשט מיט דעם אויסגעריבענעם, אָנהאָריקן ברעטל און זיך אַ וואָרף געטאָן רייבן די פאָדלאָגע, ווי זי וואָלט מיט כעס געשלאָגן די בלוילעכע כוואַליעלעך ברודיקע זייף. די רימשקעלעך זענען אַנטלאָפן אַזוי ווי גרויסע ווערעם, און די ברעטער פון דער פאָדלאָגע האָבן אַרויסגעשריגן, ווי וויינענדיקע קינדער, ווען מען וואַשט זיי.

מיין קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזן פונעם הויכן קופערט און פאַרקוקט אין דער שפּיגלדיקער נעץ. דאָ האָבן זיך אָפּגעשלאָגן די זאַכן פון דער שטוב, אַממיינסטן דאָרט, וווּ עס האָט זיך געפונען דער שפּיגל. נאַסע בלויע קאַסטנס ליכט פוגעם פענצטער האָבן זיך געוויגט, אַריינגעפלאָסן איינער אין דעם צווייטן. איך האָט געזוכט מיין פּנים אין דער נעץ און געפונען. אָט איז דאָס פּנים מיינס געוואָרן ברייט און געל, ווי דער סאַמאָוואַר, און אָט איז עס ווידער געוואָרן לאַנג און שמאָל, ווי דער מעשענער מערזשער, וואָס איז געשטאַנען אין דער קיך אויפן שענקל.

אַלע מיינע שפּילעכצער, אַלע מיינע זאַכן, וואָס זענען פאַרשווּנדן אין די

ווינקלען פון דער שטוב און זיך אַרויסגעגנבעט ערגעץ פון מיינע קינדערישע הענט, האָט חנה געפונען.

אירע שמאָלע הענט האָבן זיך אַזוי ווי שטעקנס אַרונטערגעלאָזן אונטער די בעטן, שענק, אונטער דעם „גרויסן קאַסטן" מיטן פסחדיקן געפעס, דאָרט, וווּ די טונקלקייט האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ כּישופֿדיקער שרעק. אומעטום האָבן דערגרייכט אירע הענט. און זאַכן, וואָס זענען פון ווי לאַנג פאַרשוווּנדן און פאַרווישט געוואָרן אין מיין זכרון, האָבן זיך ווידער באַוויזן. אָט איז אַרויסגעקומען דאָס רויטע מעסערל, וואָס דער טאַטע האָט מיר אַנומלט געבראַכט. אָט איז דאָס קאָלערל פון ביינוול, אָט איז דער גאָלדענער גראָשן און אָט איז דאָס בלעכענע מייזעלע.

די אַלע זאַכן פלעגן פאַרשווונדן ווערן אין די טונקעלע אָווגטן, פאַרן אָנצינדן די גרינע לאָמפּ מיטן הויכן גלעזל, וואָס האָט אָנגערוקט שרעקיקע שאָטנס אויף די ווענט. פאַרן איינשלאָפן, ווען שרעקן האָבן געקוקט פון די טונקעלע ווינקלען, זענען די זאַכן ערגעץ אַוועק אין אַ געהיים אָרט, וווּ זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און זיך ווי צוזאַמענגערעדט.

חנה האָט זיי מיר אין געאייל, אָן ווערטער, אַרויפגעוואָרפן אויפן קאַסטן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז חנה איז מיט די זאַכן צונויפגעבונדן אין עפעס אַ שרעקיקער געהיימניש. אויפן קופערט האָב איך געמוזט לאַנג זיצן, ביז וואַנען די פאָדלאָגע, וואָס איז פאַרדעקט געוואָרן מיט שטיקער רעדנעס, האָט געטרוקנט און באַקומען אַ שבתדיקע בייקייט. די מאַמע האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פונעם צווייטן צימער, און ווי שטענדיק, האָט זי געהאַט טענות צו חנהן. חנה האָט גערעדט וועגן גאָר זייף, וואָס די מאַמע האָט נישט געוואָלט געבן, און האָט איינגעזייט אין דער טונקעלער פייכטקייט טונקעלע, בייזע ווערטער. די מאַמע האָט געכאַפּט די באַרשט און אַליין געוואָלט רייבן די פאָדלאָגע. אָבער חנה איז צוגעשפּרונגען, ווי אַ צערייצטער הונט. זי האָט נישט געלאָזט נעמען איר באַרשט און איר שמאַטע. אַזוי איז עס געווען יעדן דאָנערשטיק, און חנה פלעגט זיך דערבײ צעיאָמערן און זיך וואַרפן אויף דער מאַמען:

— כ'דאַרף נישט... כ'דאַרף נישט, מע זאָל מיר העלפן... כ'קאָן אַליין...

מיר איז געווען אומעטיק און שווער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די מאַמע וועט באַלד עפעס טאָן אַ שרעקלעכע זאַך. מיך האָט געשראָקן איר בלייך פּנים און אירע צעברענטע אויגן.

דערנאָך איז געוואָרן שטיל.

די מאַמע איז אַוועק אין אַ ווינקל, און פון דאָרט האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט איר העשנדיק געוויין. חנה האָט אָנגעשטעלט איר האַרטן, שמאָלן קאָפּ און

זיך צוגעהערט. אַ שווערע, שרעקיקע אומהיימלעכקייט איז געגאַנגען פֿון דער טאַמעם ווינקל נעבן דער שאַנק.

חנה איז לאַנג געשטאַנען אויף אַלע פֿיר מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. אירע הענט זענען געהאָנגען ליידיק, די שמאַטע איז אַ טויטע געלעגן אין אַ זייט, און מיטאַמאָל האָט חנה געזאָגט מיט איר שטיינערנער שטים:

— מע טאָר נישט... ס׳פּירט זיך נישט אַזוי... ס׳איז נישט רעכט...

אין דער מינוט האָב איך מיך דערמאָנט אין עפּעס, וואָס איז ביי מיר אַוועקגעקומען, עפּעס, מיט וועלכן איך האָב מיך געשפּילט, און איך האָב געזאָגט צו חנהן:

— חנה... וווּ איז מיין קליין ברודערל... ברוכל...

דאָ האָט חנה זיך אויסגעגלייכט. זי איז געבליבן שטיין אין דער נעץ, קליין, ווי אַן פּיס. מיט דעם קניפּ, הינטן ביים קליידל, האָט זי אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען אַ האַלבער מענטש, ווי זי וואָלט געגאַנגען אויף די קני, און אירע קליינע אויגן־פּינטעלעך, אַזוי ווי טינט, האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן טריפֿן, ווי עס וואָלט אין זיי אויפֿגעקאָכט וואַסער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט זיך א לאָז טאָן איר טונקעלע האַנט ערגעץ אין אַ ווינקל פֿון דער שטוב און פֿון דאָרט אַרויספֿירן מיין קליין ברודערל ברוכל, וואָס איז פֿאַרשוווּנדן. דאָס קליינע ברוכל, מיט די קליינע פֿיסעלעך, וואָס האָבן נאָר וואָס אָנגעהויבן נישט זיכער שפּאַנען; דאָס וואַרעמע, זיסע קעפּעלע מיט די גרויסע, וואַרעמע, שוואַרצע אויגן, וועלן קוקן אויף מיר. און דאָס קליינע, ראָזע מיילעכל וועט זיס פּלאַפּלען.

עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ ברענענדיקער באַגער אים שוין צו האָבן. און איך האָב מיך איצט דערמאָנט, ווי דער שוואַרצער ייד מיטן שוואַרצן קעכל, האָט אים צוגענומען, ווען אַזויפֿיל פֿרעמדע מענטשן זענען געווען ביי אונדז אין שטוב. פֿון דעמלט אָן איז שוין ברוכל נישט געווען, כאָטש דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער וועט צוריקקומען. אָט דאָרט, הינטער דער טיר, האָט ער זיך אַלעמאָל באַהאַלטן און גערופֿן „קוקו״, פֿון אַלע ווינקעלעך אין שטוב האָט זיך געהערט זיין פּישטשענדיק שטימעלע. עס איז מיר דורכגעלאָפֿן דורך דער הויט די וואַרעמע ווייכקייט פֿון זיינע זיידענע האָר. און איצט, ווען חנה איז געשטאַנען מיט די אַראָפּגעהאָנגענע הענט, האָב איך מיטאַמאָל געפֿילט, אַז זי וועט אים נישט געפֿונען אין ערגעץ, און מיך האָט אַרומגענומען אַ שרעק און אַ ווייטיק:

— ברוכל... איך וויל ברוכלען... — האָב איך אַרויסגעוויינט.

און צום ערשטן מאָל האָט די מאַמע נישט מורא געהאַט פֿאַר חנהן און אַרויפֿגעטראָטן אויף דער נאַסער פּאָדלאָגע. זי איז אַרויפֿגעפֿאַלן צו מיר אויפֿן קופּערט, און אַ צעריסן געוויין האָט אַ קלאַפּ געטאָן פֿון איר. נעבן אונדז איז אויך

געלעגן חנה, מיט די קניען אין דער גע׳ץ און מיט די הענט אויף דער מאַמעס קאָפּ, און אַלע דריי האָבן מיר געשריגן איין געשריי...

— ברוכל... ברוכל...

מיין קליין האַרץ האָט געקלאַפּט און געריסן פון בענקשאַפט. אָט, אָט וועל איך דערזען, אָט־אָט וועל איך דערהערן דאָס טופּען פון די קליינע, נישט זיכערע פיסלעך.

אָבער אַ שטילקייט האָט געענטפערט פון אַלע ווינקלען. און ברוכלען האָט שוין קיינער נישט צוריקגעברענגט.


E. KAGANOWSKI Paris 1953

# דער יידישער גאָרטן

דער יידישער גאָרטן, דער „קראַשינסקי-גאָרטן“, האָט זיך צוגויפגעגאָסן מיט די נאַלעווקעס. ער האָט באַקומען די זעלבע פאַרב, ווי די יידישע גאַסן, א פאַרשטויבטער און פאַרלאָזענער, ווי עפּעס אָן א באַלעבאָס, ווי יעדער אויפזיכט וואָלט פון אים אַנטלאָפן. דאָס גראָז איז געווען פאַרנאַכלעסיקט און פאַרוויאַנעט. מען האָט נישט געקאָנט ווּסן, צי ער איז געוואָרן א יידישער דערפאַר, ווייל ער האָט אַזוי אויסגעזען, צי ער האָט אַזוי אויסגעזען, ווייל ער איז געווען א יידישער

נאָר איין טייל גאָרטן, דאָרט, וו עס איז געשטאַנען דער אַלטער פּאַלאַץ פון די קראַשינסקיס, וו עס איז געווען דאָס העכסטע אַפּעלאַציע-געריכט, האָט אויסגעזען אַנדערש. דאָרט האָט געשימערט א גלאַנץ פון געפלעגטקייט. די בלומענבייטן האָבן געשפּילט מיט זייערע פאַרבן און א באַריער פון געהעמערטן אייזן האָט שטרענג אָפּגעהיטן די אָפּגעזונדערטקייט.

פון דעם געדיכטן קנופּ יידישע גאַסן, פון די נאַלעווקעס, פון דער דזשיקע און פראַנציסקאַנער און אַלע גראָע, פאַרשטויבטע יידישע גאַסן אַרום, איז מען אין די זומערדיקע טעג געקומען אַהער שעפּן לופט. פון באַלד אינדערפרי אָן זענען די בענק באַזעצט געוואָרן פון זייערע שטענדיקע באַזיצער. די ערשטע זענען געקומען די אַרבעטלאָזע, שלעכט-אויסגעשלאָפענע יונגעלייט און פרויען, פאַרגועלטע, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן. יונגעלייט פאַרוואַקסענע, מיט געפּלאַצטע שיך. מיידלעך, מיט געלעכערטע זאָקן, זענען געהאָנגען אויף די בענק מיט פאַרוואָרפענע קעפּ, ווי געשאָכטענע.

ביז וואַנען די זון האָט נאָך געוואַרעמט אומזיסט , האָט מען זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם אומזיניקן דרימל פון פאַרלוירנקייט. די וועלט איז געווען פרעמד, בייז און הפקר. און דער דרימל אויף דער פייכטער באַנק איז געווען א גוטער מיטל צו שטילן דעם הונגער. שפּעטער, מיטן טאָג, האָט זיך שוין צווישן די שטענדיקע זיצער פון די בענק געשאַפן א משפּחהדיקע נאָענטקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן וועגן „עמיגראַציע“, וועגן פאָרן אין די ווייטע לענדער, וואָס וואַרטן אויף זיי, וואָס דאַרפן זיי האָבן, וו עס איז צוגעגרייט פאַר זיי א זאַט און געזיכערט לעבן.

עס האָט זיך פאַרבונדן אַ פאַנטאַסטישע שפּיל; ווייטע שטיקער וועלט און קאָנטינענטן האָבן זיך אויסגעמישט; עס איז גאָנץ געוואָרן אַרגענטינע און קאַנאַדע, ניו־יאָרק און אויסטראַליע, אומעטום איז „געלעגן געלט אין די גאַסן“. מען האָט גערעדט וועגן די רייכע קרובים ערגעץ ווייט, וואָס וועלן העלפן. דער זומער־טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג. עס איז געווען אַ סך צייט. און עס זענען דערווייל געמאַכט געוואָרן שותפותן אויפן חשבון פון רייכע פעטערס אין אויסלאַנד. די אַלע רייכע פעטערס אויף יענער זייט ים האָבן נישט געהאַט קיין „קינד און קיין רינד“ און אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זייערע אַלע „מיליאָנען, מיליאַסן“, האָבן געהערט צו אָט די בלאַסע, הונגעריקע זיצערס פונעם „ייִדישן“ קראַשינסקי־גאָרטן. ער זאָל נאָר קאָנען אַהינקומען... עס זענען אויך געשלאָסן געוואָרן שידוכים אויף אָוועקצופאָרן. זי האָט געגעבן אַ רייכן פעטער, אַ מיליאָנער פון ברוקלין, און ער — אַן אַלטע מומע פון בוענאָס־איירעס, וואָס „ווייסט אַליין נישט, וויפל זי פאַרמאָגט“... אַלע שידוכים זענען געמאַכט געוואָרן אויף אָוועקצופאָרן.

די אָרעמע ייִדישע גאַס איז געווען אָנגעפילט מיט שטיקנדיקן שוועבל, ווי פאַר אַ שטורעם. זי איז ענג און ווי אָפּגעשניטן געווען פון די פאַרריסענע, פּוילישע הויפּט־גאַסן, וואָס האָבן זיך געהנדלט פאַר דער וועלט מיט אַ שימער פון רייכטום און ווילשטאַנד.

די זון האָט געוואַרעמט, און דער טאָג איז געווען גרויס און לייִדיק. און דאָ, אויף די בענק, האָט מען זיך געשפּאַרט און געאַמפּערט, וועלכעס לאַנד ס'איז בעסער. מען האָט זיך געוואָרפן מיט לענדער, מיט שטעט. מען האָט אַרויסגענומען פון די קעשענעס אַלטע, פאַרגעלטע שטיקלעך צייטונגען, וווּ ס'איז אַמאָל געווען עפּעס געשריבן וועגן לענדער, וואָס לאָזן אַריין...

אַ באַזונדערע באַנק האָט געהאַט ארץ־ישראל. פון דער באַנק האָבן געבליצט יונגטלעכע אויגן, פאַרטראָגענע אין אַן אַנדער טראַנס, געקומענע פון די קליינע, פּוילישע שטעטלעך, ייִנגלעך און מיידלעך, אָנגעטאָן אין לעדערנע רעקלעך, האַלבע זעלנער און האַלבע וואַנדערער, האָבן זיי פאַרלאָזן די קליינע ייִדישע געסלען, אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון די באַזעסענע היימען.

אויף דער באַנק האָט מען נישט געזוכט קיין „רייכע פעטערס“. מען האָט געזוכט העלדנטאַטן, שווערע אַרבעט. עפּעס אַ בלאַסער יונגערמאַן האָט זיך צוגעשאַרט צו דער יונגער חלוצים־גרופּע. זיינע ליפּן זענען געווען פאַרטרוקנט, און פון די אויגן האָט אַרויסגעגלאַנצט דער פיבער פון הונגער. ער האָט זיך צוגעהערט צו די הייסע, יונגע געשפּרעכן און אַריינגעשטעלט זיין בלאַסע, הונגעריקע שטים:

— דאָרט... דאָרט... אין ארץ־ישראל, דאַרף מען שוין גאָרנישט... כ'זאָל נאָר קאָנען אַהינקומען... ווען כ'קום נאָר אַהין... בין איך שוין אַ מענטש...

— וואָס איז אייער פּאַך? — האָבן די יונגעלייט נייגעריק געפרעגט.

— וואָס דאַרף עך אַ פּאַך... כ'קום אַראָפּ, ווער איך מיר אַ... פּאָליציאַנט...

— פאַרוואָס עפּעס אַ פּאָליציאַנט?...

— גלאַט אַזוי... פאַרוואָס נישט?...

און זיינע הונגעריקע אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט פון הונגער...

אַ לאַנגע אַלייע מיט אַ ריי בענק האָט שוין געהאַט אירע שטענדיקע זיצערס. דאָ האָט זיך פון זיך אַליין געשאַפן אַ יידישער מושב־זקנים. די אַלטע באַלעבאַטים פון דער יידישער וואַרשעווער גאַס האָבן זי פאַרכאַפּט. פון טאָג צו טאָג זענען צוגעקומען נייע, פון די אַלטע, געוועזענע... זיי האָבן געהאַט צו דערציילן פון זייערע לאַנגע לעבנס, פון זייערע קלוגע אויפטועכצן, פון זייערע סוחרישע גענג. וועגן די אַמאָליקע גרויסע פאַרמעגנס, וואָס זענען געלעגן אין די באַלעווקעס און פראַנציסקאַנער. וועגן אַמאָליקער סוחרישער ערלעכקייט און שטאָלץ.

גרויע בערד האָבן זיך צוגעצויגן און געהערט. זייערע אַלטע, אָנגעווייטיקטע אויגן האָבן געטרערט. עס זענען דאָ געזעסן אַלטע חברים פון די גרויסע יידישע האַנדלס־הויפן, וואָס האָבן צוזאַמען געבויט גאַנצע יידישע גאַסן הייזער, אַלטע גבירים האָבן געהאַט אַ באַזונדערע באַנק. דאָ האָט מען גערעדט וועגן די קינדער, וועגן אַזעלכע, וואָס זענען געווען גוט צו די אַלטע לייט און וועגן אומדאַנקבאַרע זין און טעכטער, וואָס האָבן פאַרגעסן... מען האָט דערציילט וועגן אייגעם, וואָס האָט געמאַכט גרויסע פאַרמעגנס, אַלץ אַוועקגעגעבן די קינדער. איצט, אויף דער עלטער, האָבן אים די קינדער אַרויסגעיאָגט. מען האָט געהערט די עוולות פון דער „היינטיקער וועלט“, און די איינגעפאַלענע, קליין און קינדעריש־געוואָרענע אַקסלען פון די זקנים האָבן געציטערט פון פאַרלוירנקייט.

עס זענען געקומען נייע, שטילע קבצנים, וואָס האָבן קיינמאָל קיין ראָל נישט געשפּילט. זיי האָבן געפונען אַ טרייסט, קוקנדיק אויף די, אַמאָל מעכטיקע גבירים, מיט קלינגענדיקע נעמען אין דעם אַמאָליקן יידישן וואַרשע.

איבער דער באַנק איז דורכגעגאַנגען אַ שאָרך, ווי פון האַרבסטיקע בלעטער אין אַ וואַלד:

— פּש־ש־ש... ווער האָט נישט געקענט דאָס געשעפט... ווער האָט נישט געהערט פון דער פירמע... האַ, וואָס פון אַ מענטש קאָן ווערן...

איינער פון די געוועזענע גרויסע סוחרים, גבירים, האָט זיך דערמאָנט אין די אַלטע צייטן און האָט אָנגעהויבן רעדן דייטש:

— יאַ, יאַ, דאַס בין איך זעלבסט... גלאַובען זי דאַס...

און ער האָט געקוקט אין דער ווייט, ווי נאַפּאָלעאָן, אויפהייבנדיק זײַנע אײַנגעפאַלענע אַקסלען:

— יאַ, יאַ, מעכט איך גור אײגענעם קדיש געהאַבט...

די אַלטע האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ:

— אַך, אַך, ווער האָט נישט געקענט די פירמע...

* * *

די אַלטע לייט האָבן געהאַט נאָך איין טרעפּפּונקט. דאָס איז געווען דער יידישער גענישער בית־עולם. אַלע פּאָר טעג איז געווען א לוויה, און יעדער טויט איז אַרײַנגעפאַלן ווי א דונער. מען האָט גערעדט און געקרעכצט וועגן דעם, ווי א מענטשנס לעבן איז קורץ, און די וועלט איז נאָר א חלום...

— נישט געווען קיין אַלטער מאַן... — האָט געזאָגט א זקן, מאַכנדיק מיט דעם ליידיקן מויל, ווי ביי א פיש:

— ער האָט געהאַט אַלט זיין א יאָר פינף אָדער זעקס און זיבעציק...

און א פאַרגליווערטע, אָנגעווייטיקטע רעזיגנאַציע האָט זיך צעגאָסן איבער די אַלטע, געקנייטשטע פּנימער.

אין דער אַלייע איז אויך געקומען דער אַלטער „אַבישל מאַרשעליק“. זיין קליין, קיילעכיק גופל, מיטן רויטן, גלאַנציקן קאַרקל, האָט זיך אַרומגעטראָגן פון באַנק צו באַנק. ער האָט אָנגעטאָן זיין פּירקאַנטיקע יאַרמולקע און געמאַכט זיי־נע „שטיק“, וואָס ער פלעגט מאַכן אויף יידישע חתונות, און די זקנים האָבן זיך פאַרגאָסן מיט א פישטשענדיק געלעכטערל. זיי האָבן געעפנט זייערע אָנ־צייניקע מיילער, אַזוי ווי קברים, און האָבן זיך געטרייסלט פאַר געלעכטער:

— איי, אַבישל...

דער אַלטער אַבישל האָט דערציילט מעשיות וועגן אַמאָליקע חתונות, וויאַזוי ער פלעגט „באַזעצן“ די נאַרישע כלות... ער האָט חוזק געמאַכט פונעם טויט, זיך אויסגעשמועסט מיטן מלאך־המות, און די אַלטע לייט האָבן דערוואַרעמט זייערע ביינער מיט דעם געלעכטער.

עס איז אויך געקומען דער אַלטער הערשעלע, וואָס מ'האָט אים גערופן „העני־עק“. ער איז אַלע יאָרן געווען א שטיק „אַדוואָקאַט“. ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך געדרייט אַרום די רוסישע „סאָנדעס“. עס איז אים פאַרבליבן א פאַרריסע־נער קאָפּ מיט ווייסע, לאַנגע, פליענדיקע האָר און א ווייסע פּריצישע באָרד. ער האָט גערעדט הויך און האָט געזאָגט אויף רוסיש: „זדראַסטיע סטאַריקי“. און באַלד האָט ער גענומען דערציילן, ווי ער האָט געכאַפּט דעם רוסישן „סודיאַ“

בײַ אַ גרײַז און ווי ער האָט זיך געקריגט מיטן גענעראַל־גובערנאַטאָר. די אַלטע קעפּ האָבן זיך אָנגעקלאַפּט פון נײַגעריקייט. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ פלעשעלע בראָנפן. די אַלטע באַלעבאַטים האָבן זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק און געכאַפּט אַ זופּ פונעם פלעשל, אַז קיינער זאָל נישט זען.

דעם גרעסטן זופּ האָט געכאַפּט אבישל, און ווען זײַנע רויטע, קײַלעכדיקע בעקלעך זענען דערוואַרעמט געוואָרן פונעם בראָנפן, האָט ער זיך צעזונגען. ער האָט געזונגען דאָס אַלטע מאַראַלישע ליד פון די חתונות און בריתן. דאָס ליד וועגן „דעם מענטשנס לעבן".

וואָס איז ווערט דעם מענטשנס לעבן,
וואָס ער טוט זיך האַלטן גרויס,
ווען ער טוט קיין צדקה געבן —
ווען מען קומט אויף יענער וועלט,
טוט מען נישט מיטנעמען דאָס געלט...

די אַלטע פינטלען מיט די אויגן.

— יאָ, יאָ, אַזוי איז עס...

אבישל פאַרהוסט זיך:

— איי, איי, נישטאָ די אַמאָליקע צײַטן...

די „יענע וועלט" האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבער די אַלטע קעפּ, ווי אַ שוואַרצע בײַטש אינמיטן דעם העלן זומער־טאָג. מען האָט זיך צוזאַמענגעטוליעט אויף די בענק. די אַלטע פאַרלאָזענע ביימער אינעם ייִדישן גאָרטן האָבן געאָטעמט איבער זיי מיט זייער אייביק לעבן...

# אַ פֿאַרטריקנט בלימל

(פֿון אַן אַלטן העפֿט)

„גרויזאַמער ווי דער טויט איז די ליבע...“

חיים קאַסמאַן

(בוכהאַלטער ביי דער פֿירמע „ב“)

אַ לאַנגע צייט האָט מען זיך אינעם קרייז פֿון באַקאַנטע פֿריילעך געמאַכט אויף דעם חשבון פֿון חיים קאַסמאַנס ליבע מיט דעם שלאַנקן מיידל, סאַלטשע בירנבוים.

אין דעם קרייז פֿון די אָנגעשטעלטע און זייערע ווייבער איז חיים קאַסמאַן געווען דער קלענסטער, דער שוואַכסטער. דערפֿאַר איז ער אָבער אין דעם קרייז פֿון יענע יאָרן געווען דער פֿילאָזאָף, אָנגעטומשעט מיט טיפֿע געדאַנקען וועגן „דעם לעבן“, און אין יעדער דיסקוסיע, וועגן וואָס עס זאָל נישט זיין, האָט ער געהאַט דאָס אַנטשיידענע וואָרט.

אַממיינסטן האָט ער געהאַט צו זאָגן וועגן דעם רעטעניש „דער פֿרוי“. ער איז געווען באַלאָדן מיט הונדערטער אַפֿאָריזמען, ציטאַטן פֿון ביכער, „גאָלדענע ווערטער“ פֿון דענקער און פֿילאָזאָפֿן. ער האָט גערעדט וועגן דעם „ספֿינקס“, דער פֿרוי, „וואָס איז אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך און געהיימניספֿול“, אַז די אַלע גרויסע, געזונטע מענער, באַווייבטע, האָבן געקוקט אויף זייערע פּשוטע ווייבער מיט שרעק. אַממיינסטן אָבער האָבן די ווייבער ליב געהאַט צו הערן קאַסמאַנס אַפֿאָריזמען וועגן ווייבער. זיי האָבן געקוקט אויף זיין קליינעם, שוואַכן גוף און מיט אַ ווייבעריש, שלעכט־באַהאַלטענעם חוזק אים אריינגעזאָגט:

— איר וועט נאָך אַריינפֿאַלן... איר וועט זיך נאָך פֿאַרליבן...

חיים קאַסמאַן האָט געקוקט מיט אַ דעמאָנישן שמייכל און פֿאַרטראַכט גע־ענטפֿערט:

— די פרוי פאַר מיר... איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן...

* * *

דערפאַר איז מען אין דעם קרייז נישט מיד געוואָרן צו הערן די „טראַגע־דיע“, וואָס חיים קאַסמאַן האָט געהאַט צו דערציילן פון זיין ליבע מיט דעם שלאַנ־קן, שוואַרצן מיידל סאַלטשע.

מען האָט אומעטום געוווסט די איינצלהייטן פון זייער צעגיין זיך. וויאַזוי ער איז געקומען צו איר מיט די בלומען און זי נישט געטראָפן אין דער היים, וויאַזוי ער האָט געוואַרט אויף איר ביז שפּעט אין דער נאַכט, וויאַזוי ער איז אַנטלאָפן און עס האָט געהאַלטן דערביי, ער זאָל זיך נעמען דאָס לעבן, וויאַזוי ער האָט שוין אָנגעשריבן דעם בריוו מיט דעם לעצטן „אַדיע“, און נאָר צוליב זיין אַלטער מוטער האָט ער דאָס נישט געטאָן.

דערציילט האָט קאַסמאַן מיט אַ סך אַפּאָרזימען וועגן דער ווייבערישער פאַלשקייט. ער האָט גערעדט מיט לאַנגע פּויזעס און אַלץ פאַרזיכערט, אַז ער קאָן דערפון נישט רעדן, ווייל דאָס איז „זייער אינטים“.

ער האָט אויך געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך נעמען טרינקען אַלקאָהאָל, „פאַרברענען דאָס לעבן“, צום סוף האָט ער נאָך מיט האַלבע ווערטער געגעבן אָנ־צוהערן, אַז ער וועט זיך אפשר גאָר שמדן... אפשר מיט אַ קריסטין...

מען האָט געקוקט אויף קאַסמאַנס צו גרויסן בלייכן קאָפּ, אויף זיינע שוואַך אָנגעצייכנטע קורצזיכטיקע אויגן, אויף זיינע קליינע, שוואַכע, בלייכע הענט און צו קורצע, קינדערישע פיס, ווי ער האָט פאַרביסן זיינע דינע, צו רויטע ליפּן, און קיינעם האָבן זיינע דראָונגען נישט געשראָקן.

די יונגע ווייבער פונעם קרייז האָבן זיך איבערגעוווּנקען און מיט איבער־טריבענער נייגעריקייט זיך אויסגעפרעגט, אין וואָס פאַר אַ באַציונגען ער איז גע־ווען מיט דעם מיידל סאַלטשע.

ער האָט פאַרביסן זיינע דינע ליפּן, אָפּגעשוויגן און צוגעוואָרפן:

— נו, אַזוי ווי אַ מאַן מיט אַ פרוי... ס׳הייסט... ווי געליבטע... כ׳וועל אייך גאָרנישט זאָגן... דאָס זענען אונדזערע, אינטימע...

די ווייבער האָבן שוין פון אים אָפן חוזק געמאַכט:

— געווים האָט איר זי שלעכט באַהאַנדלט... אַלע מענער זענען אַזוי... צום אָנהייב זענען זיי פאַר דער פרוי גוט, אָנשטענדיק... דערנאָך ווערן זיי ברוטאַל...

דאָ האָט זיך דער קליינער קאַסמאַן מיט פייער און פאַרטראָגענע אויגן צע־רעדט:

— ביי אונדז איז אַלעס געווען אַנדערש... ביי אונדז איז געווען שיין... דאָס איז געווען אַ „יום־טוב פון בלומען און ליבע“... אָבער זי האָט מיך נישט פאַר־שטאַנען... איך האָב געוואָלט פון איר מאַכן אַן איבערמענטש... איך האָב גע־רעדט צו איר... געלייענט איר ביכער...

די ווייבער האָבן זיך געקנייפּט אייגע די צווייטע, און איינע, אַ שוואַרצע, מיט אַ גרויס, אָפן מויל, האָט אים מיט פולע אויגן שפּאָט געצויגן ביי דער צונג:

— זי האָט געמוזט שטאַרק ליידן, ווען זי האָט אייך אָנגעווירן... ווייל אַ פרוי געוויינט זיך צו... עס מוז נעבעך זיין זייער שווער... אָבער עס קאָן זיין, אַז איר זענט געווען... נאָר אַזוי... באַקאַנטע...

ער האָט רעטזלהאַפט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט געפילט, אַז ער מוז עפּעס צולייגן צו דער וואָג, ווען נישט, וועט די וואָג אַראָפּציען:

— מערקווירדיק... זי האָט מיך ליב געהאַט צו קושן אין די אויגן... אָדער זי האָט ליב געהאַט איינצושלאָפן אויף מיין אָרעם...

די ווייבער האָבן ווילד און נאַקעט אַ לאַך געטאָן. דאָס געלעכטער האָט אַ שפּריץ געטאָן אַזוי ווי קאַלט וואַסער, און ער האָט ווי אויפגעוואַכט.

* * *

דאָס מיידל סאַלטשע בירנבוים האָט, פאַרקערט, גאָרנישט געהאַט וואָס צו דערציילן, זי איז אויף אַ שטיקל צייט פאַרשוווּנדן פון דעם קרייז, און חיים קאַס־מאַן האָט דערין געהאַט אַ סימן, אַז זייער זאַך האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. און יעדעס מאָל, ווען עמעצער האָט אים מיט אַ געמאַכטער נאַאיוויקייט געפרעגט, פאַרוואָס מען זעט נישט פריילין סאַלטשע, האָט ער פילדייטיק געענטפערט:

— ס'איז פאַרשטענדלעך... נאָך אַזאַ איבערלעבונג...

אָבער מיטאַמאָל האָט זיך דאָס מיידל סאַלטשע באַוויזן מיט אַ הויכן, שלאַנקן בחור. אַ שטראַלנדיקע און פאַרליבטע, איז זי געהאָנגען אויף זיין אָרעם. זי האָט זיך באַוויזן אָפן און אומעטום. זי איז יעדן באַקאַנטן געגאַנגען אַנטקעגן, ווי אַרויסרופנדיק, און מיט אַלע מיטלען אַרויסגעוויזן איר נאָענטקייט צו איר נייעם פריינד.

און דאָ איז געווען פרילינג. און דאָס לעבן האָט זיך ווי אויפגעבונדן, דער הימל האָט זיך אויפגעהויבן הויך און בלוי, און די זון האָט געלויכטן.

* * *

שפּעטער פון אַלע האָט זיך דערפון דערוווּסט חיים קאַסמאַן.

אין איינער פון די שטובן האָט מען אים, ווי שטענדיק, אַרויפגעפירט אויף ־עם שמועס וועגן דעם מיידל סאַלטשע.

קאַסמאַן האָט הײַנט געהאַט אַ סך צו דערציילן. עס זענען אַלץ געקומען דער מאָנונגען פון יענעם פּריליגנ, ווען ער איז נאָך געווען מיט איר. ער האָט גערעדט, און אים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז אָט, אין דער מינוט, אין דעם פּריליגנס=אָוונט, אין דעם ליגדן ווינטל, וואָס שמעקט מיט דערוואַכטן לעבן, וועט אַלץ אויך צוריק אויפלעבן.

ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך איר.

אָבער פּלוצלונג האָט עמעצער פון דער שטוב אַ זאָג געטאָן:

— פונדעסטוועגן... האָט זי נישט באַדאַרפט אַזוי גיך... דאָס הייסט... אַזוי גיך זיך באַוויזן מיט אַ צווייטן... עס וואָלט צווישן אייך... אפשר נאָך אַלץ גוט געוואָרן...

* * *

קאַסמאַנען האָט עפּעס אָנגעכאַפּט פאַרן האלדז, מיט אַ מאָדנעם, פרעמדן, בייזן כוח, עס איז אים ווי עפּעס שווערס, שפּיציקס געפאַלן אין קאָפּ אַרײַן. און דער ריח פון אומגליק האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער נאָז.

ניין, ער קאָן דאָס אַזוי נישט לאָזן. ער מוז דאָך עפּעס ראַטעווען.

און פּלוצלונג איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס מיידל סאַלטשע איז אַ ווײַטער, פרעמדער, אומברחמנותדיקער מענטש. ער האָט געוואָלט כאָטש איצט אַרויסרופן פאַר זיך איר געשטאַלט אָבער זי איז אָפּגעשווומען פון אים, ווי דער ברעג פון אַ זיך טרונקענדיקן.

חיים קאַסמאַן האָט נאָך גאָרנישט געוווּסט, אָבער אַלץ איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן פאַר אים, ווי פאַר איינעם, וואָס דערוווּסט זיך אין איין אויגנבליק, אַז ער פאַרלירט דאָס לעבן. איצט זענען פאַר אים אָפּגעשטאָרבן אַלע הײַזער און פּלעצער, וווּ ער איז אַמאָל געווען מיט איר, ער האָט אומעטום געזען נאָר שונאים.

* * *

ער האָט נאָך מיט שרעק געוואַרט אויף דער מינוט, ווען ער וועט זי דערזען.

און ער האָט אָנגעהויבן אַן אומזיניקן גאַנג אין אַלע גאַסן און וועגן, וווּ ער האָט זי נאָר געקאָנט באַגעגענען. ער האָט אַרומגעקרייזט אַרום איר הויז. אין

זיינע אויגן האָט געלויכטן עפּעס אַ פיבערדיק ליכט, וואָס האָט אַנדערש געזען. ער האָט געזען יעדן ציגל פון דעם הויז און יעדן שטיין פון דער גאַס באַזונדער.

אַ נייע פילבאַרקייט, אַ קראַנקע און ווייטיקלעכע, האָט אין אים אויפגעוואַכט. ער האָט געזען נאָר דאָס, וואָס איז געווען אַזוי דערהויבן און זעלטזאַם. דער פרילינגס־אָוונט, פול מיט ריחות און קלאַנגען, די לבנה אין אַ פאַנטאַסטישער גרייס. אים דאַכט זיך, אַז זי שווימט נאָך אים אין זיין ציללאָזן וואַנדלען.

יעדע געוויינלעכע מעגלעכקייט זי צו זען האָט זיך אַוועקגעטראָגן ערגעץ ווייט, ווי אין אַן אַנדער וועלט.

איצט האָט ער זיך פאַרגנבעט אויף אירע טרעפּ. עפּעס הפקרדיקייט האָט אָנגעפילט זיין קאָפּ, ווי אַ שיכרות, און ער האָט געזוכט זייטיקע וועגן. דער געוויינלעכער וועג צו איר טיר איז געוואָרן פאַר אים פול מיט סודות און געפאַרן.

ער האָט געאיילט, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן.

ניין, זי איז נאָך אין דער היים נישטאָ. אירע פענצטער זענען שוואַרץ און אויסגעלאָשן. אָבער עפּעס קוקט אַרויס פון זיי.

פאַרוואָס האָט זי פאַרלאָזן דאָס טונקעלע צימער... וויפל געלט וואָלט ער איצט אַוועקגעגעבן, זי זאָל איצט זיצן אין דער פינצטער... און וויינען... ער זאָל וויסן, אַז אויך אין איר האַרץ זיצט דאָס זיסע מעסער און שטעכט... אַזוי דין...

אַ גרויסע מידקייט האָט אַרומגענומען חיים קאַסמאַנען, אַ מידקייט אַן אומבאַקאַנטע, אַ מידקייט צו דער גאַנצער וועלט...

* * *

...און אָט זעט ער זי... ווי קליין זי איז און איידל... ווי שטיל און ווייך קוקן אירע אויגן... אַך, ווי מיד און אויסגעבענקט זי איז... ווי שווער איר קאָפּ פאַלט אויף זיין ברוסט...

איצט נעמט ער איר קאָפּ אויף זיינע הענט... ער פילט אירע טרערן אויף זיינע פינגער... יעדער ברי היילט אים דאָס האַרץ...

איצט וועט ער זי שוין נישט פאַרלאָזן... זיינע קליינע הענט קלאַמערן זי אַרום... אַ ליכט שווימט אָן פון ערגעץ... אַ האָפענונג פול מיט איידלקייט און זיסקייט... דאָס איז די ליבע... די ליבע, וואָס איז געקומען צו אים...

* * *

אַזוי, מיט געקלאַמערטע הענט, האָט חיים קאַסמאַן געחלומט...

# משהלע פּאַגאַניני

דאַכט זיך נישט לאַנג, אָבער שוין זייער לאַנג, אַז איך האָב זיי באַגעגנט. מיט יאָרן פאַר דער ערשטער מלחמה, אין די ראָמאַנטישע צייטן פון אידעאַליזם, איז דאָס פּאָרל געווען אַ פאַרוויילונגס־טעמע פאַר דעם יונגן קינסטלער־קרייז. און דאָס איז ווירקלעך געווען אַ מאָדנע פּאָר.

זי — אַ קרעפּטיק, יידיש, פאָלקסטימלעך מיידל מיט שוואַרצע, ווייכע, פייכטע אויגן, פול סענטימענט. זי האָט געלייענט ביכלעך און האָט אין זיי — ווי זי האָט געזאָגט — „שטודירט דאָס לעבן". אויף דער ברוסט האָט זי געטראָגן אַ בראָשקע מיטן קאָפּ פון מאַקסים גאָרקי און האָט געזוכט עפּעס אַ „סעריאָזנעם מענטש"...

ער — אַ קליינער, אַ דאַרער, אַ שפּיציקער, מיט אַ סך שווערע, שוואַרצע האָר אויפן קליינעם קאָפּ. מיטן פידל אונטערן אָרעם, האָט ער אויסגעזען אַליין ווי אַ פידל, אויף צוויי דינע, קינדערישע פיס. גערופן האָט מען אים מיט אַ קאָמישן צונאָמען: „משהלע פּאַגאַניני".

זי איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ שיין מיידל. אַ פולע, מיט אַ ווייסן, ווייכן האַלדז, מיט אַ שיין, קרעפּטיק, ווייבלעך געשטאַלט.

זיי האָבן זיך באַקענט אין שטוב, וווּ עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען „אינטערעסאַנטע מענטשן", וווּ יעדער פון די מענטשן האָט צו עפּעס געשטרעבט.

און אין דער שטוב האָט איינמאָל אין אַ אָוונט משהלע „פּאַגאַניני" געשפּילט פאַר די „מבינים". ער האָט געשפּילט לאַנג, זיך געבויגן, ווי אַ זאַנג אויפן ווינט. זיין קליין פּנים איז געווען איינגעגראָבן אינעם ראַנד פון פידל. די שוואַרצע האָר זענען געפלויגן, און די קולות פון אונטער זיינע קליינע, שפּיציקע הענט, האָבן זיך אויך געדאַכט צו זיין שפּיציקע און שטעכיקע און האָבן זיך אַריינגעריסן אין די אויערן ווי שטעכיקע פליגן.

עס זענען געזעסן יונגעלייט און מיידלעך. אַלע האָבן מיט איבערטריבענעם

ערנסט געהערט. טייל האָבן פאַרמאַכט די אויגן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז די אויגן וועלן אויסגעבן זייער קוועל פון לאַנגווייליקייט. מען האָט זיך קוים דערוואַרט, ער זאָל ענדיקן, און ווען ער האָט געענדיקט, האָט מען אַפּלאָדירט, און ער איז געשטאַנען אַ צעפּלאָשעטער, מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט נאָך ניט אויפגעוואַכט, ווי ער וואָלט נאָך געווען דאָרט, פון וואַנען די קולות זענען געקומען.

יעדער האָט זיך באַמיט אים צו זאָגן עפּעס אויסערגעוויינלעכס, אָבער פאַר אים איז עס ניט געווען געגוג. ער האָט זיך אַלץ באַקלאָגט העריף, וואָס מענטשן פאַרשטייען ניט קיין אמתע מוזיק...

אין דעם שפּעטן אָוונט האָט ער זי אָפּגעפירט אַהיים, און גייענדיק מיט איר אין דער טונקעלער שטילקייט פון די יידישע גאַסן, אין דעם קילן סוף־זומער־אָוונט, האָט ער איר פאַרטרויט, אַז ער האָט געשפּילט נאָר פאַר איר...

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אירע שוואַרצע, פייכטע אויגן, און צום ערשטן מאָל האָט איר קרעפּטיק האַרץ אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט דערפילט, אַז זי איז עפּעס. אָבער ער האָט איר געזאָגט, אַז זי איז אַלץ...

צי ווייסט זי, ווער ער איז? ניין, זי ווייסט ניט... ער איז טאַקע פּאַגאַניני... פּאַגאַניני, דער לעגענדאַרישער פידלער, וואָס האָט מיט זיין שפּילן באַפוילן קעניגן... וואָס האָט פאַרכישופט די נשמות פון פּרינצעסינס און זיי זענען געלעגן ביי זיינע פיס... פּאַגאַניני, וואָס האָט געקאָנט טויזנטער מענטשן מאַכן וויינען און לאַכן מיט זיין שפּילן... ער איז פּאַגאַניני... אָבער די מענטשן פאַרשטייען אים ניט...

אָבער זי, דאַכט זיך, פאַרשטייט אים יאָ. דאָס מיידל איז געוואָרן אַרומגענומען מיט אַ וואַרעמען צאַפּל, ווי זי וואָלט געלייענט אַ גוט בוך.

זי האָט ניט געזען זיין קליין, שפּיציק פויגל־פּנים, זיינע שמאָלע, קינדערישע אַקסלען און די דינע, שפּרינגענדיקע פיס.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפט באַגעגענען. ער האָט זי געפירט אויף קאָנצערטן, אין דער אָפּערע, וווּ דאָס האַרץ איז ביי איר שיר אַרויסגעשפּרונגען, ווען זי האָט דערזען צום ערשטן מאָל די ליכטיקע קאָלירטע וועלט. זיי האָבן זיך שוין איצט געזען יעדן טאָג, און אַלע מאָל האָט ער פאַר איר געהאַט עפּעס אַ נייעס, און אַלץ וועגן מוזיק, טעאַטער און קאָנצערטן. מיט פרייידיקן האַרץ־קלאַפּן איז זי מיט אים געלאָפן איבער די שפּיגלדיקע קאָרידאָרן פון די טעאַטערן און קאָנצערט־זאַלן. מען איז געלאָפן איבער די טרעפּ אַרויף, אויף די גאַלעריעס, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט זי אַרויף אין הימל אַריין, וווּ עס טראָגן זיך אַרום די שטראַלנדיקע מלאכים, און ער וועט זיין איינער פון זיי.

זיינע דערציילונגען וועגן די וווּנדערבאַרע מוזיק־גייסטער האָבן זי גענענטערט צו אים, און ער אַליין איז שוין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פֿון די פֿאַנטאַסטישע געשטאַלטן.

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן אַרויפֿקומען צו אים אין אַ בוידעם־שטיבל, וווּ ער האָט געוווינט מיט עפּעס אַ יונגערמאַן, אַ בוכהאַלטער. דאָ האָט ער איר געשפּילט אויפֿן פֿידל, עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכע, אָפּגעריסענע שטיקער, וואָס האָבן פֿאַר איר געקלונגען ווי ווייסטע יללות. דערצו האָט ער געמאַכט ווילדע העוויות, פֿאַרדרוקט זיינע שפּיציקע אויגן אונטערן שטערן, זיך געבויגן צו דער ערד און אַרויסגעגעבן קרעכצן, ווי ער וואָלט זיך איבערגערעדט מיט נישט געזעענע באַשעפֿענישן.

דאָס מיידל איז געזעסן געפּלעפֿט, מיט אַ פֿאַרוואָרפֿענעם קאָפּ, מיט אויפֿגעהויבענע אויגן, ערגעץ אין דער ווייט. זי האָט דערשראָקן געשמייכלט צו אַ געדאַנק, וואָס האָט זי כּסדר פֿאַרפֿאָלגט. זי האָט שוין געוווּסט, וואָס דער יונגערמאַן וויל פֿון איר, און זי האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט צוגלייבן, אַז דאָס איז — ער, דער מאַנצפּאַרשוין, דער באַשערטער. דער „ער“, וועגן וועלכן זי האָט געטרוימט אין דעם ווינקל פֿון דער גרויער אָרעמער שטוב ביי טאַטע־מאַמע.

די צייט איז געלאָפֿן. דער דאַרער, קאָמישער מענטש מיט דעם פֿידל האָט איר נישט געגעבן מער קיין צייט. ער האָט זי שוין מער נישט געלאָזט אַליין. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענען צוויי מאָל אין טאָג ביים מיטאָג און אין אָוונט, ווען זי איז געקומען פֿון דער אַרבעט. אַהיימפֿירנדיק זי, זענען זיי ביז אין דער שפּעטער נאַכט געשטאַנען הינטערן טויער, ווי די אַנדערע פּאָרלעך אין דער אָרעמער יידישער גאַס.

דאָס מיידל האָט אין יענע אידעאַליסטישע צייטן זיך געשעמט צו קלערן אַפֿילו, אַז איר געפֿעלן נישט זיינע קליינע, דאַרע הענט און זיינע שמאָלע, קינדערישע פּלייצעס. און ביי יעדן געדאַנק וועגן דעם האָט זי זיך אַליין געמוסרט פֿאַר איר „לייכטזיניקייט און פּוסטקייט“. „ער איז אָבער אַ מענטש“ — האָט זי פֿאַרשריגן אירע זינדיקע געדאַנקען, און די גאַס האָט זיי אָנגעהויבן זען שטענדיק צוזאַמען. פֿעסט געשלאָסן, אָרעם צו אָרעם, האָט ער זי געפֿירט. אונטערן צווייטן אָרעם האָט ער געהאַלטן די פֿידל.

מען האָט געקוקט אויף דעם פּאָרל מיט אַ שמייכל. דער פֿיזישער אונטערשייד צווישן זיי, צווישן די צוויי קערפּערס, האָט אַרויסגערופֿן משונהדיקע פֿאַרגלייכונגען. אָבער ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוווינט, און קיינער האָט זיך שוין נישט געוווּנדערט, ווען מען האָט געהערט, אַז דאָס פּאָרל האָט חתונה געהאַט.

אין דעם הויז, וווּ זיי האָבן געוווינט, האָט מען געקאָנט דערקענען דאָס

פענצטער, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט אַ ראָזער ליכט. דאָס איז געווען דאָס סימבאָלישע ליכט פון זייערע ערשטע גליקלעכע נעכט. און דורכגייער האָבן ווי־דער געשמייכלט. פון דעם פענצטער האָבן זיך אויך געטראָגן פידל־טענער. דאָס האָט „משהלע פּאַגאַניני“ געשפּילט פאַר זיין יונג ווייב, כדי זי אַריינצופירן אין די טיפענישן פון „דער געטלעכער מוזיק“.

דאָס ווייב איז געזעסן אויף דעם נייעם בעט מיט פאַרטרוימטע אויגן, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הייבט שוין אָן פאַרשטיין די טיפקייט פון זיין שפּילן. זי האָט זיך שוין פון איר מאַן אויסגעלערנט נישט פאַרטראָגן קיין פאַר־ווײַלונגס־מוזיק. און ווען עס זענען געקומען צו גאַסט אירע פריערדיקע חברטעס און געבעטן עפּעס צו שפּילן צום טאַנץ, האָט זי אויף זיי געקוקט מיט רחמנות און זיי דערקלערט, אַז אַזאַ שפּילן „מאַכט קאַליע די האַנט“...

דאָס ווייב האָט דערהווייל נישט אָפּגעלאָזן איר פאַך און אַ גאַנצן טאָג האָט זי אין קעכל מיט די צוויי מיידלעך געניייט קליידער. אינעם צווייטן שטיבל האָט דער מאַן געשפּילט אויפן פידל. די ווייבער, וואָס זענען געקומען מעסטן, האָבן מיט לייכטן שפּאָט געהערט די דערקלערונגען פון דעם ווייבל, אַז דאָס שפּילן דאַרף מען פאַרשטיין. אַז דאָס איז נישט „גלאַט געשפּילט“...

די ווייבער האָבן צוגעשאָקלט און געפרעגט:

— זייער שיין... אָבער טאָמער דאַרף מען עפּעס שפּילן... אַזוי... צום טאַנצן... קאָן ער אויך?

דאָס יונגע ווייבל האָט זיך געפילט באַליידיקט:

— ניין... דאָס איז נישט קיין מוזיק...

דערהווייל האָט מען געלעבט פון איר אַרבעט. ער האָט אַלץ באַדאַרפט אָנקו־מען אין קאָנסערוואַטאָריע. ווען דעם האָט מען נערעדט אין דער גאַנצער יידי־שער גאַס. אָבער די צייט איז געלאָפן. די מתנות פונעם דרשה־געשאַנק זענען גע־וואָרן אָפּגענוצט. דער גלאַנץ פון נייקייט איז פאַרשוווּנדן אינעם שטיבל. אויך דאָס ווייבל איז געוואָרן אָפּגעלאָזן. און פון דעם מאָל אָן, זינט עס האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּביים נייען, און די ווייבער שכנטעס האָבן אָנגעהויבן אַריינ־קומען און רעדן צו איר וונקענדיקע רייד — האָט זיך אין שטיבל אַריינגעקריגן דער דלות.

* * *

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך באַגעגנט „משהלע פּאַגאַניני“. עס איז גע־ווען אין אַ ווינטער־פאַרטאָג. ער איז געגאַנגען מיט אַ חברה קלעזמאָרים פון ער־

געץ אַ חתונה. צווישן די פאַרשלאָפענע קלעזמער האָט ער אויסגעזען ווי אַ קינד. ער איז געגאַנגען איינגעבויגן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האַלט זיך אָן אין דעם שוואַרצן קעסטל פון דעם פידל:

— וואָס זאָל מען טאָן... שלעכטע צייטן... פאַרפאַלן דער טאַלאַנט... דערפאַר אָבער האָבן מיר אַ גוט יינגעלע... דאָס וועט שוין זיין אַ פידלער... אַ פיצל קינד, נאָר — דערזעט ער די פידל, שפרינגט ער... ער וועט שוין נישט פאַרפאַלן ווע־רן... ער וועט נאָר אָנהייבן גיין... גיבן מיר אים גלייך אין דער קאָנסערוואַטאָריע... די קישן פאַרקויפן... ער וועט זיין אַ „וואונדער־קינד"...

דערנאָך בין איך צופעליק געווען ביי זיי אין שטוב. „משהלע פאַגאַניני" איז געלעגן אין אַ בייטאָגיק־צעוואָרפן בעט, מיט צעשויבערטע האָר, אין אַ קלעזמע־רישן, בייטאָגיקן דרימל. דאָס ווייב האָב איך קוים דערקענט. איר ווייכער, גלאַ־טיקער האַלדז איז איינגעפאַלן — דורכגעפלאָכטן מיט גריגלעכע אָדערן.ביידע האָבן שוין וועגן זיך נישט גערעדט, נאָר אָנגעוויזן פאַר מיר זייער זון, אַ שוואַרץ־הנעווריק יינגעלע פון אַ יאָר צען:

—איר מוזט אים הערן... — האָבן ביידע געקוקט אויף מיר מיט בעטנדיקע אויגן.

דאָס יינגעלע האָט גענומען דעם פידל. די מוטער האָט אים אָנגעשטעלט די נאָטן. און נאָך דעם, ווי ביידע האָבן מיר דערציילט, וואָס די „גרעסטע פראָ־פעסאָרן" האָבן געזאָגט וועגן אים, האָט דאָס יינגעלע אָנגעהויבן שפילן, צוקלאַ־פנדיק מיטן פיסל דעם טאַקט.

דער פידל האָט געריסן אַרויף און אַראָפּ. און די מוטער מיטן פאָטער האָבן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן געהערט אין פאַרטראָגנקייט.

* * *

און ערשט דאָ, מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָב איך געהערט דעם יונגן יורש פון „פאַגאַניני", זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אין ערגעץ נישט. זיין קליי־נע שפיציקע גאָמבע האָט געהאַלטן דעם פידל. ער האָט גיך און גריליציק אָפּגע־שפילט אַ מאַרש. די פאַסאַזשירן אין וואַגאָן האָבן באַהאַלטן די אומגעדולדיקע אויגן און געזוכט אין די קעשענעס קליינגעלט... דער קליינער האָט פלינק אַרייג־געשיט די גראָשנס אין אַ גרויסער קעשענע און מיט אַ געניטער פלינקייט זיך געלאָזן איבער די טרעפלער פון איין וואַגאָן אינעם אַנדערן...

# ערב דאַטשע

שטיל און קלאָר, ווי נאָר וואָס באַשאַפן, זענען געשטאַנען די פּוילישע וועלדער אין די ערשטע פרילינגס־טעג.

די טרוקענע זאַמדן פון דער אָטוואָצקער ליניע האָבן אויסגעזען ווי אויסגעוואַשן. דער ווינטער האָט ווי אויפגעפרישט די יידישע דאַטשעס פאַר דעם נייעם סעזאָן. די ביימער און דאָס גראָז האָבן זיך אָנגעזויגן מיט זאַפט און פרישקייט. דאָס נייגעבוירענע גראָז האָט געאָטעמט מיט אַ פרישער גרינקייט פון פּליוש. און נישט באַטרעטענע זענען געלעגן די זאַמדיקע שטעגן, צווישן די שטילע, ליידיקע אַלטע דאַטשע־הייזער.

פון וואַרשע ביז אָטוואָצק זענען געלעגן די „סטאַציעס“ איינגעפּאַסטע אין די אַלטע וועלדער. יעדע סטאַציע האָט געהאַט אַן אַנדער געמיט, אַן אַנדער יידישן עולם. אַן אַנדער יידישן מענטש, און אַן אַנדער ווערט.

ערשט די לעצטע יאָרן האָבן אויפגעהערט רויכערן די אַלטע רוסישע „פּאַראָוואָזן“, און מיט זיי איז אַוועק דאָס געמיט פון דעם אַלטן, קריכנדיקן צוג, וואָס האָט געפירט די איילנדיקע יידישע דאַטשניקעס אויף שבת און צוריק. עס איז אַוועק דער ריח פון אונטערוועגס, פון רויך און פּאַרע, מיט די אַלטע וואַגאָנעס, וואָס האָבן געשאַפן אַ געמיטלעכע שכנותדיקייט. עס איז אַוועק דער אַלטער אַי־מעטיקער פייף, דאָס סאַפּען און דאָס קרעכצן, די אַלטע טעלעגראַפן־סלופּעס מיט די היימישע שוואַלבן אויף די דראָטן און פאַרשוווּנדן. אויף זייער אָרט האָבן זיך אויסגעשטעלט שטרענג און ערנסט די נייע הויכע שטאַנגען מיט דער פאַרריסנקייט פון אַ געהיימניספולן כוח.

מיט אַ בלאַנקענדיקער ריינקייט האָט זיך אָנגעטראָגן דער נייער עלעקטרישער צוג. עס האָבן זיך געעפנט די ברייטע, באַקוועמע אויטאָמאַטישע טירן. עס איז פאַרשוווּנדן דאָס פריילעכע שטופּעריי, דאָס נאָכלויפן, נאָכהענגען, די משפּחה־

דיקייט אין די ענגע וואַגאָנען. די נייע עלעקטרישע פּרעמדקייט האָט זיך דאָ אַריינגעריסן מיט אַ שטרענגן אימפּעט, און די געמיטלעכע, אידילישע ווייטקייט פון דער שטאָט איז געוואָרן אַ קליינע און שוואַכע, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שטאָלצע, הויכע עלעקטרישע שטאַנגען זענען די שטאָלענע הענט פון דער גרייסער שטאָט, וואָס האָבן זיך אויסגעשטרעקט נאָך די שטילע, בלויע, רואיקע ווייטן.

* * *

לײדיק און פּריש איז נאָך אין די פּרילינגס־טעג אויף די דאַטשעס.

אויף די סטאַציעס האָט מען געקאָנט נאָר זען אַ פּאָר אָרטיקע יידן, אָפּגעברענטע פון דער נייער זון. דאָס זענען געווען די מעקלער, וואָס האָבן געוואַרט אויף די ערשטע „לעטניקעס“, וואָס זענען געקומען דינגען דירות.

זייער שאַרפע, פיעברישע אויגן האָבן געקוקט אויף קילאָמעטערס און אויפגעכאַפּט די איינציקע מענטשן, וואָס האָבן געפינטלט איבער די זאַמדיקע סטעזשקעס.

די דירה־מעקלער זענען געווען אַ סך. די קאָנקורענץ — אַ שטאַרקע. אלמנות האָבן פאַרטראָטן זייערע געשטאָרבענע מענער, מען האָט געמאַכט שותּפות, מען האָט זיך געקריגט און געשמפּערט איבער אַ „לעטניק“.

אַ שווערע שטאָטישע יידענע, נאָך אין אַ קאַראַקולענעם מאַנטל, אַ פּאַרשטויבטע „מאַדאַם“, איז געקראָכן אין די זאַמדן. די מאַדאַם האָט געוואָלט אַ דירה, עס „זאָל זיין שיין“. דער מעקלער, אַ ייד מיט אַ שטויביקער באָרד, האָט גערעדט צו דער מאַדאַם „פּאָעזיע“:

— כ'האָב פאַר אייך אַ דירה, אַ גן־עדן... אַרום איז גרין, חערנעבן דער וואַלד... אַז די לבנה שיינט, איז לעכטיק ווי בייטאָג... ס'וואַקסן בלומען... ס'שמעקט אַ מחיה... און פייגל זינגען...

די מאַדאַם האָט אויסגעהערט, ווי ס'איז שיין, און האָט אַ פרעג געטאָן:

— און די יאַטקע איז ווייט?...

— באַלד דערנעבן...

— פילט מען דאָך דאָס פלייש...

אַ דערשלאָגענער ייד, מיט אַ גרוי בערדל, האָט באַדאַרפט צוויי שטיבלעך. ער האָט געהאַט דריי טעכטער, שוואַכע מיידלעך... צו איינער איז געקומען אַ יונגערמאַן... ווו וועט ער זיך אַהינטאָן...

דער מעקלער גיט אַן עצה:

— זאָל דער חתן שלאָפן אויף דער „וועראַנדע“... שפּילט אַ ראָלע... „זומערלעב...

* * *

אין שטאָט, אין די באַלעבאַטישע שטובן, האָט זיך שוין אָנגעהויבן די דאַטשע=מלחמה. דער מאַן האָט שוין אָפּגעשלאָגן די ערשטע פייער=אַטאַקע פונעם ווייב מיט די טעכטער:

— מען פאָרט נישט. ווער פאָרט הייגט?... מען דאַנקט גאָט, אַז מען לעבט איבער אַ טאָג...

דאָס ווייב הייבט אָן קרעכצן, די טעכטער הייבן זיך אָן „זאַכווישען“ מיט דעם פריילינג און ס'גייט אַוועק אַ טענה:

— אַך, ווי גוט מוז שוין איצט זיין אין דער ווילאַ „ראָסקאָש“... וווּ מען האָט געוווינט פאַר צוויי יאָר... מ'האָט גאָרנישט געוווסט, וואָס פאַר אַ גן=עדן דאָס איז געווען... געדענקסט משה, די „פּאָוויעטשע“?...

דער מאַן איז ברוגז און בייז. ער ווייסט, אַז דאָס זענען געפערלעכע געשפּרעכן. דאָס ווייב אַטאַקירט ווייטער.

— טו נאָר אַ קוק, ווי בראָנטשע זעט אויס... ווי אַ טויטע... זעסט גאָרנישט ס'ווערט אַ תל פונעם קינד...

דער מאַן שווייגט.

— אַ שיינער טאַטע ביסטו... דאָס קינד גייט אויס... און דו האָסט אַ מערדעריש האַרץ... מע וועט דאָ אומקומען... וואַלענטי דער סטרוזש האָט געזאָגט, אַז היי=יאָר וועלן זיין געפערלעכע היצן, אַז פייער וועט פאַלן פונעם הימל... אוי ווי מיר...

דער מאַן שווייגט.

— און דו אַליין, ווי זעסט אויס... דו מיינסט, אַז עס גייט וועגן מיר... עס גייט טאַקע וועגן דיר... דו אַרבעטסט אַ גאַנצע וואָך ווי אַן אייזל, קומסט אַרויס פרייטיק, רוסטו כאָטש אָפּ אַ טאָג... ביסט אַ טאָג אין „דרויסן“, ביסטו גאָר אַן אַנדער מענטש...

— פאַר מיר זאָרג נישט... מיר איז דאָ אויך גוט... — זאָגט דער מאַן פאַרביסן.

די טעכטער הייבן אָן דערמאָנען די „פּשיעמנאָשטשעס“ מיט די „טאָוואַזשיסטוועס“, ווו מען האָט פאַרברענגט...

דער מאַן עפנט ענדלעך דאָס מויל, ער הייבט זיך אָן באַקלאָגן אויף דער שווערער צייט, באַלד אין קורצן וועט שוין גאָרנישט זיין, קיין שטיקל ברויט אויך נישט... אַלץ ענדיקט זיך. מען ווייסט נישט, וואָס עס וועט זיין מיטן ביסל יידן... ער רעדט ווי אַ נביא, און פון זיינע רייד לייגט זיך אַוועק אַ שווערער, טונקעלער וואָלקן, פול מיט דראָונגען. קיינער פאָרט נישט. ער רופט אָן נעמען פון גרויסע גבירים, וואָס האָבן איצט נישט צו עסן... די וועלט גייט אונטער...

עס ווערט שטיל און שווער. די טעכטער וויינען. עס איז זיי שוין „דושנע“. זיי ווילן דאָ, אין דער פאַרשאָלטענער שטאָט, דערשטיקט ווערן...

דערנאָך גייט אַוועק אַ גאַנצע ריי געמען פון באַקאַנטע, וואָס האָבן שוין געדונגען דאַטשעס. צום סוף ווערט אַ געוויין, ווי יום־כיפור אין אַ ווייבער־שול, די מאַמע פאַלט צו צו די טעכטער, טרייסט זיי, וויינענדיק:

— ס'איז פאַרפאַלן, אַז מ'האָט אַ טאַטן אַ טיראַן, אַ מערדער... אָן אַ האַרץ... מוז מען ליידן... זי אַליין איז אויך נישט אַזוי אַלט... און זייער טאַטע האָט איר צעבראָכן דאָס לעבן... זי האָט געבליט ווי אַ רויז...

* * *

און פאַרנאַכטצו, נאָכן דרימל, ווען דער מאַן קלייבט זיך צוריק אין גאַס אַריין, גייט צווישן מאַן און ווייב דאָס ענדגילטיקע געשפּרעך. דער מאַן רעדט שוין גאָרנישט, מען הערט נאָר די געשפּאָלטענע פון טרערן שטימע פונעם ווייב:

— וואָס פאַרלאַנג איך דען, פאַלאַצן?... אַ שטיקל שטיבל, איין ברעט... אַבי אַ ביסל „פּאָוויעטשע“... אַ ביסל לופט... כ'וועל אַליין אַלץ טאָן... צווייטנס, מ'האָט דערוואַקסענע מיידלעך... אויף אַ זומער־וווינונג... מע זעט אַ מענטש... אפשר מאַכט זיך עפּעס...

דער מאַן ווערט ווייך, וואַרפט אַרויס עטלעכע צעבראָכענע ווערטער, קרעכצט לאַנג, ער ווייסט, אַז מען וועט שוין פאָרן. אַז באַלד וועט ער לויפן מיט פעקלעך צו דער באַן. אַז דאָ אין שטוב וועט זיין ליידיק און אָנגעוואָרפן מיט מיסט. און פלוצלונג פאַרשמעקט אים טאַקע די שטילקייט און רו פון דער האַלב־ליידיקער שטוב. עס פאַרווילט זיך אים מיטאַמאָל זיין אַליין.

* * *

אויף צומאָרגנס ווייסט מען שוין, אַז מען פאָרט. עס גייט אַ לאַנגע שפּאַרעגיש וועגן די „סטאַציעס“, אויף וועלכער „סטאַציע“ עס איז דאָ „אינטעליגענציע“, אויף וועלכער — ס'איז בלויז „כאַלאָטאַ“, ווו ס'איז דאָ „מלאָדזשיעזש“ און ווי מען קאָן זיך „באַוויען“...

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן יעדעס יאָר אין אַלע יידישע באַלעבאַטישע שטוב; אַרום די נאַלעווקעס אין די ערשטע פרילינג־טעג פון ערב דאַטשע.

און עס האָבן זיך געצויגן איבער די זאַמדיקע, פּוילישע וועגן די פויערישע פורלעך מיט דעם ביסל „בעבעכעס“. דאָס פורל איז געקראָכן און זיך געוויגט צו דער וייט, צו דער פרעמדער און אַזוי נאָנטער און היימישער דאַטשע...

# אַ פענצטער

די לעצטע ווינטערן, ביי זיינע פופציק יאָר, זענען געווען שווערע און אומעטיקע. אַט די קורצע, קאַלטע, נעפּלדיקע טעג זענען געפאַלן אויף אים ווי שטיינער. קראַנקהייטן האָבן זיך געקלעפּט צו אים, און עפּעס אַ נאָענטקייט פון געפאַר און טויט האָבן געראַצט מיט אַ בייזער טעמפּקייט איבער זיין הויט. און נאָר דער געדאַנק און דאָס וואַרטן אויף דעם פרילינג האָבן אים אויפגעהאַלטן און אים געגעבן כוח ווייטער צו לעבן.

אויך איצט האָט ער געוואַרט אויף דעם פרילינג.

אַ גאַנצן ווינטער, וויפל מאָל ער איז צוגעגאַנגען צום פאַרהעמערטן, מיט וואַטע וואַרשטאַפּטן און פאַרקלעפּטן פענצטער האָט ער אַלץ געקוקט אַריבער־צו די פאַרהויכטע, מיט קעלט און טונקלקייט פאַרלאָפענע פענצטער פון זיינע שכנים קעגנאיבער.

דאָרט איז דער באַלקאָן געווען פאַרלייגט מיט זעק און קאַסטנס. עפּעס אַן אַלטע ניי־מאַשין אָן אַ קאָפּ, עטלעכע צעבראָכענע שטולן, דורכגענעצטע פאַרן גאַנצן ווינטער, זענען דאָרט געשטאַנען אַרומגעזוימטע מיט ברודיקע פּאַסיקלעך נאַסן שניי. דאָס אַלץ האָט פאָרגעשטעלט אַן אומעטיק בילד פון פאַרוויסטונג. עס איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז אויף דעם זעלבן באַלקאָן איז געזעסן דאָס מיידל פון קעגנאיבער.

ער האָט געקלערט וועגן די ליכטיקע זומער־טעג, ווען זי איז געזעסן און זיך געברענט אויף דער זון. ער האָט געקלערט וועגן דעם „גוט־מאָרגן“, וואָס זי האָט אים נישט געזאָגט, נאָר אַ שמייכל געטאָן און אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ, וואָס האָט געקאָנט הייסן: יאָ און — ניין.

אין דעם קעגנאיבערדיקן הויז האָט מען געקאָנט אַריינגיין נאָר דורך אַ צווייטער גאַס, און פאַר דעם גאַנצן ווינטער האָט ער דאָס מיידל קיין איין מאָל נישט באַגעגנט. האָט ער געוואַרט אויף דעם פרילינג, ווען עס וועלן זיך עפענען די טירן

פֿון דעם קעגנאיבערדיקן באַלקאָן, און אונטער דער זון וועט זיך באַווייזן דאָס פֿיין=געשניצטע מיידל מיט די שווערע, בלאָנדע האָר. דערנאָך וועלן קומען די וואַרעמע אינדערפֿריען, ווען זיין שכנטע זעצט זיך אַוועק מיט אַ ביכל, נישט אינגאַנצן אָנגעטאָן. דאָס ביכל ליגט אויף איר שויס, און איר שיינער, העלער קאָפּ פֿאַרדרייסט זיך גיריק צו דער זון.

עס דאַכט זיך, אַז צווישן דעם יונגן מיידל און דער זון איז דאָ עפּעס אַ געשלאָסענע נאָענטקייט. זי דעקט אויף אירע פֿיינע הענט ביז אַרויף צו די אַקסלען, און איר ווייסע הויט ווערט באַלד באַדעקט מיט אַ גאָלדיקער ברוינקייט. דערנאָך שטרעקט זי אויס דעם האַלדז, ווי זי וואָלט זיך געלאָזט גלעטן. אַזוי גייען אַוועק גאַנצע אינדערפֿריען. זיין טונקל, אומעטיק צימער ווערט פֿאַר אים ליב און פֿריידיק. און ווען ער גייט אַראָפּ אויף דער גאַס, דערמאָנט ער זיך מיטאַמאָל, אַז אין דער היים וואַרט אויף אים עפּעס ליכטיקעס, און ער לויפֿט אַהיים מיט אַ זיס האַרצקלאַפּן. ער זעצט זיך ביים פֿענצטער, און באַלד באַגעגנט ער איר בליק, ווי מיט אַ לייכטן פֿאָרוווּרף, ווי זי וואָלט אים געפֿרעגט, וווּ ער איז געווען.

דערנאָך אין אָוונט, ווען זי טוט זיך אָן, העל און לייכט, אינעם קליינעם ווייסן היטעלע אויפֿן שפּיץ קאָפּ, קומט זי נאָך אַרויס אויפֿן באַלקאָן און טוט נאָך דעם אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ. אַזוי גייען די טעג פֿון פֿרילינג זינט די עטלעכע יאָר, וואָס ער וווינט אין דעם צימער, און עס דאַכט זיך אים אַלץ, אַז דער קעגנאיבערדיקער באַלקאָן איז אַ שותּפֿותדיקער, אַז ער האָט דאָ עפּעס אַ פֿאַרמעגן.

עס זענען שוין דורך די שווערע, נעפּלדיקע, קורצע ווינטער=טעג, ווען זיין געדאַנק האָט געבלאָנדזשעט איבער דעם פֿאַרראָסטעטן, שוואַרצלעכן, ווינטערדיקן באַלקאָן, און ווי אַ געפֿיל פֿון אייפֿערזוכט האָט אים געשטאָכן: „וווּ איז זי איצט?... „צי געדענקט זי אים... דעם, פֿון קעגנאיבער?“. אפֿשר האָט זי שוין פֿאַרגעסן?...

און אַממייסטן, אין טונקעלע טעג פֿון האַרבסט, ווען ער איז קראַנק געווען אויף דער אָסיענדיקער קראַנקהייט פֿון שלעכטן געפֿיל, אויף דער גריפּע, און אַ בלייערנע היץ האָט זיך געגאָסן אין זיין קאָפּ, האָט ער אַלץ געקלערט וועגן איר.

ער האָט קיינמאָל איר שטים נישט געהערט, ער האָט נישט געוווּסט, צי איז זי אַ גוטע אָדער — אַ שלעכטע, אַ קלוגע צי אַ נאַר, נאָר איר יונג לייב, אירע פֿיין=געטאָקטע גלידער האָבן געשפּילט פֿאַר אים.

ער האָט געקענט צענדליקער באַוועגונגען אירע. זי האָט אויפֿגעוועקט דעם יונגסטן און שאַרפֿסטן רייץ פֿון זיין בלוט, און דאָס איז געווען פֿאַר אים גענוג. ער האָט נישט געזוכט קיין וועגן זי צו דעראָבערן, ער האָט נישט געזוכט זיך צו דערוויסן וועגן איר מער. אים האָט געלאָקט און גערייצט אָט די שפּיל אָן ווער=

טער, ווייל דאָ אַהער, אויף דעם באַלקאָן, האָט זי אַרויסגעטראָגן נאָר דאָס שיינע, באַהנטע שפּילן פון איר יוגנט, וועלכע זי האָט באַוויזן נאָר פאַר דער זון און פאַר אים.

און איצט פאַרלאָזט ער זיין צימער. דאָס צימער, וואָס איז ביי אים אַזוי טייער געווען נאָר צוליב דעם קעגנאיבערדיקן באַלקאָן, דאָס צימער, צו וועלכן ער האָט נישט קיין שום טענות, דאָס צימער, וואָס האָט אים געגעבן אַזויפיל גוטע טעג.

קיינער ווייסט נישט צוליב וואָס זיינע באַלעבאַטים וווּנדערן זיך און פרעגן, מיט וואָס זיי וואָלטן געקאָנט ענדערן זיין באַשלוס.

און דער עיקר: ער אַליין ווייסט נישט, וו צו זוכן אַן אַנדער דירה. די גאַנצע שטאָט, אַלע גאַסן און הייזער זענען איצט פאַר אים פרעמד און גלייכגילטיק.

און גראָד איצט, אין די ערשטע טעג פונעם נייעם פרילינג, אין די טעג, אויף וועלכע ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט.

ער שטייט ביים פענצטער, די זון שיינט און באַגיסט מיט ליכט דעם קעגנ־איבערדיקן באַלקאָן. אַלץ איז כמעט ווי ס'איז געווען פריער. עס איז נאָר נישטאָ איר שטול. אויף דעם אָרט שטייט אַן אַלטער, שווערער פאָטעל. אַלץ איז, דאַכט זיך, ווי געווען. אָט דאַרף זי זיך באַווייזן מיט אירע אויסגעצויגענע, שלאַנקע, נאַ־קעטע הענט צו דער זון, אָבער זי באַווייזט זיך נישט.

אָנשטאָט איר, קומט אַרויס אויפן באַלקאָן עפּעס אַן עלטערע פרוי מיט אַ יונגערמאַן, אוןביידע פירן זיי אונטער די הענט אַן עלטערן מאַן. דער מאַן איז קראַנק, איין פוס שלעפּט זיך אָנמעכטיק נאָך. מען לייגט אים פּאַמעלעך אַריין אין פאָטעל, און ער נעמט באַלד שווער און לאַנג הוסטן. לעבן אים שטעלט מען אַוועק פאַרשיידענע פלעשלעך און טעפּלעך. דער קראַנקער הוסט לאַנג, דערנאָך נעמט ער שפּייען, ער איז איינגעהילט אין אַ וואַרעמען טוך. ער שפּייט לאַנג, און זיין געלע האַנט ליגט אַראָפּגעפאַלן אין זיין איינגעפאַלענער שויס.

די זון צאַפּלט אַרום. אים דאַכט זיך, אַז די זון זוכט מיט אירע שטראַלן דאָס יונגע מיידל, נאָר דאָס מיידל קומט נישט. זי איז נישטאָ. דער באַלקאָן קעגנ־איבער זעט אויס פאַר אים, ווי אַן אָפענער קבר, וו עס ליגט אַ לעבעדיקער מת.

ער קוקט און ער ווייסט נישט, וו עס איז ערגעץ דאָ אויף דער וועלט אַ פענצ־טער, וואָס זאָל אים צוריקגעבן דאָס בילד פון פריידיקער יוגנט — דאָס פרעמדע מיידל אונטער דער זון...

# אַליין מיט איר

עס איז שווער געווען פאַר דעם ייִנגל צו בלייבן, עס איז שווער געווען אוועקצוגיין, און נאָך שווערער איז געווען, ווען די פרוי זילבער, פייגעלעס מוטער, איז אַרײַנגעקומען פון דעם צווייטן צימער און האָט געזאָגט:

— קינדער... איך מוז דאָך מיד אָנטאָן... ס'איז שפּעט...

זי איז געווען האַלב־אָנגעטאָן, מיט אַ ראָז, צעוואַרעמט, נאַרוואָס געוואַשן פּנים און נאַסע, גלאַנציקע האָר.

דאָס ייִנגל האָט געפילט, אַז איצט באַדאַרף ער, ווי שטענדיק, אויפשטיין, זיך אַ נייג טאָן פאַר פייגעלעס מוטער, זיך געזעגענען מיט פייגעלען און אַוועקגיין.

העמלט וואָלט אפשר די פרוי זילבער, ווי אַן אַנדערס מאָל, אַ זאָג געטאָן:

וואָס אַנטלויפסטו?... קאָנסט נאָך אַ ביסל זיצן...

ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן. אַ הייסער שטראָם האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. אַ שטעכיקע היץ האָט באַגאָסן זיין פּלייצע. אַלץ אין אים האָט געשטופּט אוועקצוגיין. אָבער ער איז — געבליבן.

ער איז אפילו נישט אוועק, ווען די פרוי זילבער האָט פּלוצלינג אַראָפּגעוואָרפן איר שלאַפראָק און געבליבן מיט אַ גרויסער, ראָזער, נאַקעטער פּלייצע, ווען זי איז צוריק אַריין אינעם צווייטן צימער. דאָס האָט ער נאָך דערכאַפּט מיט איין אויג, שטיקנדיק זיך פאַר שאַנדע.

און דאָך איז ער געבליבן זיצן.

וואָס האָט געטאָן פייגעלע? זי איז געווען שטיל און האָט אויסגעזען דערשראָקן. איר בליק האָט איצט געבלאָנדזשעט ערגעץ אין די ווינקלען פון שטוב קיינער וואָלט איר בליק נישט געקאָנט כאַפּן, דאָס ייִנגל אויך נישט, כאָטש ער האָט אים איצט געזוכט. ער האָט געוואָלט אין איר בליק געפינען אַ באַשטעטיקונג אויף זיין בלייבן.

פייגעלע האָט געזוכט אַרבעט. זי האָט באַדינט די מוטער, און ווען דער

פאָטער איז אַרייַנגעקומען פונעם צווייטן צימער, אָנגעטאָן אין אַ ווייס העמד, האָט פייגעלע געפונען פאַר אים די ספּינקעס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט געפינען.

דאָס ייִנגל איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, אים האָט זיך געדאַכט, אַז פון דאַנען וועט מען אים ווינציקער זען. די שטוב איז פאַר אים וואָסאַמאָל געוואָרן ענגער. ער האָט געפרוווט אַרויסקוקן דורכן פענצטער, אָבער ער האָט געזען און געפילט יעדע באַוועגונג פון דער שטוב. ס'האָט אים אַפילו אויסגעוויזן, אַז דער פאָטער, וואָס בייזערט זיך אויף דעם האַרטן, קנאַקעדיקן קאָלנער פונעם העמד, און וועלכן די ספּינקעס ווילן נישט אַרייַנגיין, אַז דאָס מיינט ער נישט דעם קאָלנער, נאָר — אים, דאָס פרעמדע ייִנגל, וואָס קומט אַהער צום מיידל, צו פייגעלען, צום קינד...

פייגעלע איז אַלט געווען פערצן יאָר, און דאָס ייִנגל איז געווען מיט איר אין איין עלטער. די עלטערן האָבן געוווינט בשכנות, ווען די קינדער זענען אַלט געווען צוויי יאָר. און נאָר מיט אַ יאָר צוריק האָבן זיך די זילבערס, פייגעלעס עלטערן, אַרויסגעקליבן אין אַ צווייטער, נישט ווייטער גאַס. אָבער די קינדער האָבן זיך אַלע טאָג באַגעגנט. אויך די עלטערן פונעם ייִנגל מיטן מיידל זענען אָפט צו זיך געקומען צוגאַסט. און נישט איינמאָל, ווען די קינדער זענען אַוועק אין גאַס אַרייַן שפּאַצירן, האָבן די עלטערן מיט האַלבע ווערטער, לאַכנדיק, גערעדט וועגן דעם, אַז עס וואָלט געווען אַ שיינע און גלייַכע פּאָר.

דאָס ייִנגל איז אין שטוב געווען דער עלטסטער, צווישן צוויי שוועסטערלעך פון זיבן און עלף יאָר.

ווען די עלטערן האָבן געוווינט אין שכנות, אַ טיר נעבן אַ טיר, איז דעם ייִנגלס שוועסטער פערעלע געווען די בעסטע חברטע פייגעלעס. אָבער זינט די זילבערס זענען אַוועק פון דער דירה, איז צווישן די מיידלעך אַרייַנגעטראָטן אַ לאַנגער ברוגז. און דאָס ייִנגל ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי ער האָט, אָנשטאָט דער שוועסטער, אָנגעהויבן קומען צו פייגעלען.

ער איז געקומען יעדן טאָג, יעדעס מאָל מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, זוכנדיק עפּעס אַ תּירוץ, דאָס איינציקע, וואָס האָט באַרעכטיקט זייַן קומען צו פייגעלען, זענען געווען די ביכלעך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט און געליִען מיט פייגעלען צוזאַמען. דאָס ייִנגל איז געזעסן מיט איר אין די נאָכמיטאָג־שעהן, ווען אין שטוב איז געווען שטיל, און פייגעלעס פאָטער האָט נאָכן מיטאָג געדרימלט אינעם צווייטן צימער. זענען זיי ביידע געזעסן ביים פענצטער, מיט די ביכלעך, ביזן אָוונט־שייַן, דאָ האָבן זיי געלעזן, געשריבן און געריסעוועט.

שוין פון אַ צייַט, ווי דאָס ייִנגל האָט זיך אָנגעהויבן שעמען צו קומען. מייל=

מאָל גייט ער עטלעכע מאָל ארום דאָס הויז, איבער דער גאַס, שטייט לאַנג אויף די טרעפּ מיט דעם געדאַנק צוריקצוגיין, ביז וואַנען ער פּועלט ביי זיך צו עפענען די טיר.

אממייגסטן איז אים שווער געוואָרן צו קומען נאָך דעם, ווי עפּעס א שכנה, וואָס האָט אים דאָ געזען, האָט א זאָג געטאָן מיט א נאַקעטער, פּרעכער שטים:

— וואָס עפּעס... א ייִנגל זאָל קומען צו א מיידל... ס'ערשטע מאָל זע איך דאָס... מ'זאָגט, ס'איז דאָ א ברודערל... א חבר...

און אלע דערוואַקסענע האָבן געלאַכט. נאָר פייגעלע האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, און א בלייכער שמייכל איז אדורכגעלאָפן איבער אירע ליפּן. פון דעמלט אָן האָט שוין דאָס ייִנגל דעם בלייכן שמייכל געזען שטענדיק. און אינעם זעלבן טאָג, אין אָוונט, ווען פייגעלע האָט אים באַגלייט צו דער טיר, האָט ער איר געזאָגט:

— ווייסט, פייגעלע... אפשר וואָלט איך שוין מער נישט געקומען... עס פּאַסט נישט... ווען דו וואָלסט געהאַט א ברודער...

פייגעלע האָט באַלד נישט געקאָנט ענטפערן. דער בלייכער שמייכל האָט מיטאמאָל באַדעקט איר גאַנץ פּנים. דערנאָך האָט זי געזאָגט מיט א נייער, וואָרעמער, דערוואַקסענער שטים:

— זי איז א שלעכטע... די שכנטע... מישט זיך אומעטום אריין... און זי האָט שטיל צוגעגעבן:

— וואַרט אויף מיר... נאָכמיטאָג... ביי דעם טויער...

און דעמלט זענען זיי צום ערשטן מאָל אַוועק אין ווייטע גאַסן. זיי זענען געגאַנגען אָן אן אָפּהאַלט, ווייט, ווייט, אין גאַסן, דורך געסלעך, וווּ זיי זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען. אָבער טרויעריק זענען זיי עפּעס געוואָרן נאָך דעם ערשטן, גרויסן שפּאַציר. טרויעריק און פריילעך. און עס האָט זיך זיי אזוי געבענקט נאָך דעם ווינקל אין שטוב, וווּ זיי פלעגן זיצן, אז עס האָט זיך זיי געדאַכט, אז מען האָט ביי זיי צוגענומען דאָס טייערסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

און שוין ביים טויער האָט אים פייגעלע פּלוצלונג דערציילט, אז דער טאַטע מיט דער מאַמען קלייבן זיך צו גיין אויף דער חתונה פון עפּעס א קוזינקע. און ביידע האָבן, אליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, זיך דערפרייט מיט דער חתונה.

— וועסט קומען... — האָט פייגעלע א פרעג געטאָן מיט א מאָדנער, טונקעלער שטים, — וועסט קומען... קיינער וועט נישט זיין...

פון דער מינוט אָן האָט דאָס ייִנגל דערפילט, ווי אין אים איז אריין ווי עפּעס א זיסער, צאַפּלדיקער טראָפּן, וואָס גייט ארום אין זיין קאָפּ און אין זיין האַרץ. דורך די אלע טעג האָט ער קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, אז ער וועט זיין מיט פייגעלען אליין.

עפּעס א זיסע שרעק און א פריידיק קלאַפּן האָט אים אָנגעפילט. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אין א חלום, און ער האָט באַלד נאָכן מיטאָג זיך געגרייט. ער האָט זיך געוואַשן און געקעמט. און צום ערשטן מאָל האָט ער אין שטוב גע־זאָגט א ליגנט, אַז פייגעלעס מוטער האָט אים געבעטן, ער זאָל א ביסל זיצן מיט פייגעלען, ווייל אירע עלטערן גייען אויף א חתונה. דער ליגנט האָט אים טיילווייז געהאָלפן קעגן דעם מאָדנעם געפיל פון פּרעמדקייט, וואָס האָט אים אין דער לעצטער מינוט אַרומגעכאַפּט.

גראָד הייַנט האָט פייגעלעס פאָטער זיך בישט צוגעלייגט שלאָפן, און אין שטוב ביי די זילבערס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער רעש. מ'האָט זיך גע־גרייט צו דער חתונה. עס איז געווען מאָדנע ענג, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די ענגשאַפט מאַכט ער. מיט פייגעלען האָט דאָס ייִנגל אפילו נישט געהאַט ווען צו רעדן. ער האָט נאָר געכאַפּט דעם בלייכן שמייכל, וואָס איז איצט ווידער גע־ווען צעגאָסן אויף איר גאַנצן פּנים. און נאָך עפּעס האָט דאָס ייִנגל געכאַפּט, עפּעס א פינטעלע פון שרעק אין אירע אויגן, ווי עמעצער וואָלט איר פאַר די אויגן גע־פאָכעט מיט א שטעקעלע.

איצט איז שוין גוט טונקל. ס'איז א סוף־זומער־אָוונט, און איבער די דע־כער פון די קעגנאיבערדיקע הייזער האָט זיך אוועקגעשטעלט א גרויסע געלע לבנה. מ'האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, און א רויטלעכע ראָד ליכט האָט זיך אויפ־געהויבן און צעשפּרייט איבער דער שטוב.

פייגעלעס עלטערן טוען זיך אָן אינעם צווייטן צימער. זיי קומען אַריין און רעדן פריילעך. די מוטער איז שוין אָנגעטאָן אין א לאַנג, שוואַרץ קלייד, וואָס ריישט צווישן אירע טריט. איר פּנים איז רויט, און אירע אויגן בלישטשען, ווי זי וואָלט זיי אויסגעפּוצט. דער פאָטער איז אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט א ווייסן, שטייפן און שאַרפן קאָלנער. זיינע שוואַרצע, גלייכע אַרבל זעען איצט פרעמד און שטרענג.

די מוטער זאָגט עפּעס לאַנג אַז פייגעלען וועגן דעם לאָמפּ, וועגן עסן, וועגן גיין שלאָפן.

דאָס ייִנגל זיצט איצט אויף א שטול. ער זיצט מיט איין פוס, מיט דעם צווייטן איז ער גרייט צו גיין. פּלוצלונג, ווי דורך א חלום, הערט ער, ווי די מו־טער זאָגט:

— גו, פייגעלע... א גוטע נאַכט...

די מוטער האָט זיך א בייג געטאָן און פּלוצלונג פרום א קוש טוענדיק דעם מיידל אויפן קאָפּ, א זאָג געטאָן:

— „מערצעשעם" ביי דיר...

זי האָט גיך אַ קוק געטאָן אויפֿן ייִנגל און צוגעגעבן.

— נו, און דו בלייבסט נאָך אַ ביסל דאָ...

דאָס ייִנגל איז אויפֿגעשפּרונגען, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ גנבֿה. זיין האַרץ האָט זיך אויפֿגעהויבן הויך און זיך מיטאַמאָל צוריק אַראָפּגעלאָזן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס היטל און דאָ האָט ער דערהערט פֿייגעלעס גייע, דערוואַקסענע שטים:

— ער וועט דאָ... נאָך אַ ביסל זיין... מיר וועלן אַ ביסל לעזן...

* * *

אָט גייט די מוטער מיטן פֿאָטער, מיט יום־טובֿדיקע טריט, צו דער אָפֿענער טיר. דאָס ייִנגל פֿאַרמאַכט די אויגן. ער זעט גאָרנישט, נאָר ער הערט, ווי די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט, און פֿייגעלעס עלטערן לאָזן זיך רעשיק אַראָפּ פֿון די טרעפּ.

דערנאָך ווערט גאָר שטיל. און ער דערזעט פֿאַר זיך פֿייגעלען. עס דאַכט אים, אַז זי איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן מאָדנע גרויס.

איין האַנט האַלט זי אויף דער ברוסט, און אירע אויגן קוקן אויף אים, שטרענג און וואַרעם, שטרענג און וואַרעם, און אין זיי טאַנצט דאָס שוואַרצע פֿינטעלע פֿון שרעק...



# שידוכים

מיט שווערע, טעמפּע טריט, ווי מען וואָלט געוואָרפן קלעצער, האָט זיך לייזער־בער אראָפּגעלאָזן צו דער אלטער טשיפּען אין קעלער־שטוב. די אלטע טשיפּע האָט זיך צוגעהערט צו די שווערע טריט און האָט זיך דערשראָקן: „אפשר חלילה פּאָליציע?“. זינט דער מעשה מיט דער מויד, וואָס האָט באַגנבעט דעם פּריץ, איז די אלטע טשיפּע אין איין שרעק. זי איז געבליבן שטיין מיט א האנט איבער די אויגן. און ווען זי האָט אין דער טונקלקייט פון דער געעפנטער שוואַרצ־לעכער טיר דערזען לייזער־בערן, האָט זי א שפּרונג געטאָן ווי א מאַלפּע און א פּאטש געטאָן מיט די הענט:

— כ'זאָל שוין אזוי טרעפן דאָס „גרויסע געווינס“... ווי כ'האָב געוווּסט, אז דו ביסט עס... גוטע מלאכים האָבן דיר אהערגעבראַכט... זיץ, לייזער־בער, זיץ...

זי האָט אים צוגערוקט אַ בענקל:

— צי אויף א מינוט... כ'טו א לויף און קום שוין צוריק, מיט דער מויד.

זי האָט א כאַפּ געטאָן פון דער קאָמאָדע די דערע, זי ארויפגעוואָרפן אויף איר געל־גרויען, אויסגעקראָכענעם קאָפּ און זיך געלאָזן צו דער טיר:

— לייזער־בער... זאָלן מיר ביידע אזוי לעבן... א מינוט... און איך ברענג אהער די מויד.

לייזער־בער האָט איר נאָכגעשריגן:

— טשיפּע... לויף גיך... לאָז מאָך נישט וואַרטן... כ'האָב נישט קאַ צייט.

לייזער־בער האָט זיך שווער, ווי א קלאָץ, אראָפּגעלאָזט אויפן בענקל. ער האָט באלד איינגעדרימלט. מיט דער שווערער גאָמבע, איינגעגראָבן אין דעם פּעטן, געלן האלדז, אויף די קני האָט ער ווי רוי־פליייש פארפלאָכטן זיינע קורצע, רויטע פינגער.

אינעם צווייטן, טיפן ווינקל פונעם גרויסן, פייכטן קעלער האָט שוין גע־בלינצלט א קליין פארדויכערט לעמפּל ביים שוסטער־ווארשטאט. דאָרט האָט

געאַרבעט דער שוסטער־יונג „שטשיגעל“. שטשיגעל האָט דערהערט לייזער־בערס כראַפּען. ער האָט אַ בליק געטאָן אויף זיינע טרוקענע, ווי ערדענע ליפּן, וואָס האָבן געבלאָזן מיט אַ דין, דרינזשענדיק כראַפּעריי, ווי אַ דין, אָנגעפּלאַצט גלאָז וואָלט צוגעקלונגען, און שטשיגעל האָט אַ קלער געטאָן: „אַ בורזשוי“. שטשיגעל האָט גראָד געפּוצט אַ זויל, ער האָט זי אַ לעק געטאָן מיט דער צונג און גענומען זי וואַלגערן מיט אַ האָלץ. זיינע האַרטע, שוואַרצע פינגער האָבן אַרומגעצאַפּלט איבער דער זויל. ער האָט זי געבריט מיט וואַקס, געוואַרעמט מיט אַן אייזן ביים קאָפּטשענדיקן לעמפּל, דערנאָך האָט ער דעם שוך צוגעטוליעט צום האַרץ און געדריקט מיטן גאַנצן כוח.

דער יונג האָט געהאַט גרויס חשק אַ ביסל צו שמועסן. אָבער מיט וועמען וועט ער רעדן, מיט אַ בורזשוי? ער האָט שוין עטלעכע מאָל אַריינגעשטאָכן זיינע שוואַרצע, הונגעריקע אויגן אין לייזער־בערס שווערן, טונקעלן גוף, וואָס האָט זיך געהויבן ביים אָטעמען, ווי אַ גרויסער פעטער פיש. דערנאָך האָט ער, מיט דעם מיין אים אויפצווועקן, אַרויסגעלאָזט זיין ציקלדיק טענאָרל און זיך צעזונגען. שטשיגעל האָט געזונגען דאָס „מאָראַלישע“ ליד פונעם יידישן טעאַטער, וועגן דעם פויגל:

„אך, דאָס פייגעלע ב־ב־ב־ע־־ענקט.
דאָס פייגעלע ב־ב־בע־ענקט...
עס בענקט נאָך דער ליבע
פון איינע טרייע מוטאָר“...

לייזער־בערס כראַפּען האָט זיך ווי איבערגעבראָכן, ער האָט זיך אַ וויג געטאָן אויפן בענקל און מיט אַ פאַרשלאָפן ביין קול אויסגעשריגן:

— הא, וואָס איז...

שטשיגעל האָט זיך צעלאַכט, געעפנט זיין שמאָל הינטיש מויל און האָט מיט חוזק אַ פרעג געטאָן:

— לייזער־בער... ס'האָט זיך אייך עפּעס געחלומט?...

ער האָט געזען, ווי לייזער־בערס באַקן גיסן זיך צוריק אָן מיט אַ שווערער בלאָקייט צום איינשלאָפן. זיינע קליינע, פעטע אויגן האָבן אַ שווים געטאָן, ווי צוויי בלאָנדזשענדיקע פינטעלעך. און שטשיגעל האָט צו אים אַ זאָג געטאָן מיט דעם לשון, מיט וועלכן ער רעדט וועגן „ערנסטע פראַגן“:

— זאָגטס נאָר, חבר... אַנטשולדיקטס, וואָס איך שטעל ענק אָפּ, אַזאַ פאָלגנדיקע פראַגע... צו וואָס דאַרפט עטץ התוגה האָבן?... צו וואָס דאַרפט עטץ פאַרשקלאַפן ענקער פערזענלעכע, אַלגעמיינע פרייהייט?...

שטשיגעל האָט געלאָזט ליגן דעם שוך אויף זיין צעשפּיליעט האַרץ־ברעטל, פאַרלייגט די פאַרשוואַרצטע, ווייסלעכע הענט און געקוקט אויף לייזער־בערן מיט זיינע פלאַמיקע, שוואַרצע אויגן.

לייזער־בער האָט צוריק געעפנט זיינע פאַרקלעפּטע אויגן און געענטפערט גענעצנדיק:

— און אַז מען באַדאַרף אַ ווייב... חבר...

— נעמט מען אַ באַוווסטזיניקע לעבנס־חברטע... אָבער איר גייט זעך פאַר־ביגדן מיט אַ לומפּן־פּראָלעטאַריאַט... צוליב היהשע אינסטינקטן...

לייזער־בער האָט לאַנג געקוקט אויף שטשיגעלן. ער איז שוין אַ ביסל געווען אין כעס אויף די אַלע „דזשיוונע" ווערטער, וואָס שטשיגעל האָט דאָ אַרויסגע־לאָזט. און שמייכלענדיק קרום מיט זיינע גראָבע, בלויע ליפּן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— זאָגט נאָר, חבר... יאָך האָב ליב, אַז מען רעדט צו מיר ווי אַ מענטש... כ'האָב געמיינט עטץ וועט מיר עפּעס זאָגן וועגן שידוך... עטץ ווייסט דאָך יאָ, וואָס פאַר אַ שטיקל סחורה די אַלטע טשיפּע קאָן מיר אַריינדרייען... צום סוף רעדט עטץ צו מיר טערקישע רייד... יאָך האָב דאָס נישט ליב... יאָך בין אַ „סע־ריאָזנער" מענטש...

— חבר... — האָט שטשיגעל פייערלעך געזאָגט, — איך בין נישט קיין שהכן... איך בין נישט קיין שקלאַפּן־הענדלער... יאָך בין אַ פּראָלעטאַריאַט...

שטשיגעל האָט אויפגעהויבן דעם שוך מיט דעם האַמער און געוואָלט אָפּ־האַלטן אַ רייד. נאָר ווי ער האָט דערזען לייזער־בערס פּנים, ווי ער האָט אויף אים געקוקט מיט זיינע קליינע, פאַרנעפּלטע אויגן, האָט זיך שטשיגעל צוריק אָוועקגעזעצט און האָט לאַנג נישט געוואָלט אויפהייבן זיינע שוואַרצע, בלישטשענ־דיקע אויגן אויף לייזער־בערן. „אַ לומפּן־פּראָלעטאַריאַט... אַן עקספּלאָאַטאַטאָר", — האָט ער געקלערט.

לייזער־בער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט, זיך אויסגעגענעצט, אויס־געצויגן זיינע קורצע, גראָבע הענט. ווי די קלעצער און אָנגעהויבן שפּאַנען אי־בערן קעלער.

ער האָט געפּרוווט עפּעס זינגען פונעם יידישן טעאַטער, וועגן דעם, אַז „דער מענטש זאָל נישט ליגן אויפן גראָשן"... ווייל „דער מלאך־המוות שטייט שוין גרייט מיט זיין שווערד"...

דאָס האָט ער געוואָלט, אַז שטשיגעל זאָל וויסן, אַז ער איז אויך אַ היינט־וועלטיקער מענטש. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— ווען וועט שוין קומען די אַלטע מיט דער מויד... כ'האָב נישט קאַ צייט...

שטשיגעל האָט א שאָקל געטאָן מיט דער טשופּריגע און א ווונק געטאָן:

— עטיץ האָט נישט קיין געדולד... חבר... אז עטיץ ווילט נאָך היינט האָבן א ווייב... מוזט עטיץ צוווארטן...

— ביי מיר גייט עס איינס־צוויי... יאָך האָב נישט ליב צו באַלעמוטשען... יאך בין א סוחר... טאָמער דארף יאך לאנג ווארטן, גיי יאָך מיר אריבער דאָ קעגנ־איבער, אין טיי־הייזל, רעדט מען מיר א נקבה, ווער מיר גוטס גינט...

שטשיגעל האָט ארויסגעלאָזט א קוויטשיק געלעכטערל. און א ברי טועגדיק די שווארצע פינגער ביי דעם הייסן אייזן, האָט ער א לעק געטאָן דעם פינגער און זיך געמאכט פריילעך:

— עטיץ, זעגט, חבר, דער אמתער פויגל... עטיץ קוקט אויף דער פּרוויענצי־מער... ווי אויף א סחורה...

לייזער־בער איז אויך געוואָרן פריילעך און זיך צערעדט:

— מיין פראָ, „אָלעווהאשאָלעם“, איז געווען א קראנק מענטש... זי איז גע־ווען א „שקאלעט“. יאך האָב זי באהאנדלט, זאָל עד שוין האָבן אזא יאָר... ווו גאָר א דאָקטאָר, ווו גאָר א פעלדשער... און צו גוטע־יידן איז מען אויך געגאנגען... יאך האָב מיך געפירט „פּראַווילנאָ“... יעצט וויל יאך מאָך שוין נישט לאָזן... עטיץ הערט, חבר... א נקבה מוז זיין אן „אָסאָבע“... אז נישט איז שלעכט... גו־מער ברודער...

שטשיגעל האָט שטיל געזאָגט:

— און יאך גוסטיר נישט... יאך האָב ליב אן איידל פיגורל, מיט א דין פיסל... אזוי א... נומער פיר... און זי זאָל זיין א לעבנס־חברטע...

לייזער־בער האָט א קוק געטאָן אויף שטשיגעלן מיט חשד און מיטאמאָל פארוקט דאָס היטל:

— כ'בין שוין אפילו היינט געווען אויפן „גוטן אָרט“... געהייסן מאכן א „מישעבייראך“... און כ'האָב איר געזאָגט... אזוי און אזוי. אז כ'בין א מאנצ־פארשוין... זאָל זי אריינגיין אין מיין „פּאָלאָזשעניע“... אלס מענטשלעכקייט... ווייל יאך האָב ליב „פּראַווילנאָ“...

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט טריט. די טיר האָט זיך געעפנט און טשיפּע איז אריינגעפלויגן ווי אן אונטערגעשאָסענער פויגל:

— קום אריין... — האָט זי געשריגן, — „פּופּלאָקס“... וואָס האָסטו מורא?... מ'עט דיר נישט אָפּבייסן...

זי האָט געשלעפּט די מויד, וואָס האָט זיך פארהאלטן הינטער דער טיר:

— וואָס שטייסטו ווי א גלאָמפּ?... א מענטש ווארט דאָך...

אין דער טונקלקייט פון דער טיר איז שטיין געבליבן א לאנגער שאָטן. דאָס איז געווען די מויד, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט.

טשיפּע האָט א ליוף געטאָן איבערן קעלער:

— כ'וועל באלד אָנציגדן דאָס לעמפל... ס'א פינצטערניש... לייזער־בער... דאָס איז דאָס פריילין, וואָס כ'האָב דיר געוואָלט פאָרשטעלן...

די אלטע האָט אָנגעצונדן א קליין לעמפּעלע, וואָס האָט באשמירט מיט א רויטלעכע ליכט די גרינע ווענט פונעם קעלער, און אויף דער וואנט האָט זיך א וויג געטאָן דער שאָטן פון דער מויד, און פון לייזער־בערן, וואָס האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבן איר.

— זעצן זי זעך... — האָט לייזער־בער איר צוגערוקט דאָס בענקל.

— כ'קאָן באשטיין... — האָט די מויד א הודזשע געטאָן, און זיך נאָך מער צוגעשפּארט צו דער וואנט.

— זיצן זי, האָבן זי נישט קא מורא...

— ווער זאָגט דען, אז יאך האָב מורא?... יאך וועל מיר דען לאָזן פוי געווען שלעכטס טאָן. מייגע הענט ליגן דען אין קימפּעט?...

— פארוואָס זאָל מען אין טאָן שלעכטס?... — האָט לייזער־בער איידל געזאָגט. — כאָטש יאך בין נישט פאר אין גערעכט אן אלמן... וועלכער מיין פראָ האָט מיך איבערגעלאָזט אין די בעסטע יאָרן...

— אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן... — האָט די מויד אויסגעשפּיגן, — ווי לאנג איז דאָס שוין, כ'בעט אין... די הייגטיקע מענאָר ווארטן דאָך צומאָל קיין יאָר נישט... משטיינס געזאָגט...

— טאקע נעכטן איז געוואָרן א יאָר...

דאָ האָט זיך דערהערט שמשיגעלס פריילעכע שטים:

— דער מענטש וויל א ווייב...

— מיש זיך נישט אריין... שטשיגעל... הייבסט שוין אָן מיט דייגע שטיק?

לייזער־בער האָט אָנגעשטעלט זייגע קליינע פּיש־אויגן אויפן יונג, און די מויד האָט קלוג א זאָג געטאָן:

— פארוואָס זאָל דער מענטש נישט וועלן?... ס'איז דען א שלעכטע זאך — א ווייב?...

— א קלוג פריילין... — האָט לייזער־בער א זאָג געטאָן.

— פארוואָס זאָל יאך זיין א נאר... האָט די מויד זיך צערעדט, — וואָס בין יאך פון הינטערן אויוון?... יאך האָב נישט ליב גלאַט רעדן, אין דער וועלט אַריין..

— הכלל... — האָט געזאָגט טשיפּע, — ס'איז נישטאָ קיין סך צו רעדן... ס'איז א גלייכע זאך...

און זי האָט זיך אין א ווינקל גענומען סודען מיט לייזער־בערן.

דערווייל האָט שטשיגעל גענומען זינגען דאָס ליד פונעם „גריגעם שפּיגל“, וואָס ווייזט די „פאַלשע געדאַנקען פונעם מענטש“.

די מויד האָט דערהערט דאָס ליד, האָט זי זיך צעוויינט.

— ס'איז דען נישט וואָר?... — האָט זי געכליפּעט, — מענטשן האַרצערי־קע... אַז מ'איז אַן אָרעמע יתומה און מען פאַלט אַריין אין שלעכטע הענט... איז דאָס לעבן פינצטער און ביטער...

טשיפּע האָט געזען, אַז דער יונג מאַכט איר קאַליע דעם שידוך, האָט זי זיך צעשריגן:

— קאַטערינאַזש... הער אויף מיט דיינע רייד. מאַכסט דאָך מיך בדלות...

שוין נישט איין שידוך האָט איר דער יונג קאַליע געמאַכט מיט זיינע לידער און מיט זיינע טריפהנע רייד.

אָבער שטשיגעל האָט מיטן גאַנצן כוח געריבן די זויל און געשריגן:

— פינצטערניש... שקלאַפן־האַנדל...

און די מויד האָט געכליפּעט...

# אַ טיר מיט אַ מזוזה

דאָס לעצטע צימער געהערט צו די צוויי טעכטער העלא און ליגא, אָבער ביז מען קומט צו צום לעצטן צימער גייט מען דורך צוויי אַלט־מאָדישע, טונקעלע שטובן, וווּ עס דרייען זיך אַרום ייִדן און ווייבער, זיצן אַרום אַ גרויסן גאַקעטן טיש ווי אויף אַ וואָקזאַל. מען טרינקט טיי פון אַ גרויסן, בלעכענעם טשייניק, עס טראָגט זיך דאָ אַ רעש און אַ געדודער, מען רעדט, מען דאַוונט און מען האַנדלט.

דאָ האַנדלט מען מיט אַלעם: מיט ספרים, מיט מאַשינען, מיט שניט־סחורה, מיט מעל, מיט צוקער, מיט גוייִשע קאָסעס און מיט כשרע גענדז, מיט אתרוגים און מיט שיך.

אַהער פאָרפאָרן רבנים פון דער פּראָווינץ, דאָ פירט מען דין־תורהס, מחותנים קומען אַהער קיין וואַרשע פּראַווען חתונות, עס קומען חזנים, משוגעים קומען צו דאָקטוירים, ווייבער קומען זוכן אַנטלאָפענע מענער.

מען דרייט זיך דאָ אַרום ווי אין אַן אַנגעפּאַר־הויז, מען דאַוונט מנחה, קראַנקע ליגן מיט פאַרבונדענע קעפּ, מען רופט אַהער דאָקטוירים צו קראַנקע. און מען פאַרקויפט מציאות און לאָטעריע־צעטלען.

אָט דער גאַנצער רעש טראָגט זיך נאָר ביז דער דינער ווענט־טיר פונעם לעצטן צימער. דאָ ענדיקט זיך די אַלטע ייִדישע וועלט. און עפנט מען די טיר פון דעם לעצטן צימער, טוט אַ קלאַפּ אין אַנדער ליכט, אין אַנדער פאַרב און אין אַנדער לעבן.

* * *

צוויי ווייסע בעטלער זענען פאַרדעקט מיט קאָלירטע, פּוילישע קילימס, אַרומגעצירט מיט ווייבערישער ווייכקייט און פוכיקייט. די ווענט זענען פריש געמאָלט, באַהאָנגען מיט בילדער און פאָטאָס פון פילם־אַרטיסטן און „שטערנס" פון עקראַן, אויפן טיש שטייט אַ שטענדיקער קלאַש מיט כיבוד.

אויך דאָ קומען געסט. יונגעלייט און מיידלעך. דאָ ווערן געפירט געשפּרעכן, וואָס האָבן גאָרנישט צו טון מיט דער אַלטער יידישער שטוב, נישט מיט די מענטשן פון דעם הויז. דאָ רעדט מען צומייַנסט וועגן די הינטער=קוליסן פון די טעאַטערן, וועגן די באַרימטקייטן פון די פּוילישע סאַלאָנען, וועגן דעם, ווער מיט וועמען עס לעבט; ווער פון די באַרימטע אַרטיסטינס עס קויפט זיך אַן אויטאָמאָביל, ווער פון זיי עס גט זיך; און ווער עס האָט חתונה מיט א „כראַביע“.

דאָס לעצטע שטיבל האָט מען ערשט אין די לעצטע יאָרן „געמאַכט“ באַזונדער, פאַר די צוויי טעכטער. מען האָט עס אָפּגעשניטן פאַר דער „גייער וועלט“ פון דער אַלטער, וואַרשעווער דירה, פון דער אַלטער, יידישער שטוב, מען האָט עס אַוועקגעגעבן דער נייער צייט, פאַר די צוויי טעכטער העלע און לינאַ. — דאָס אַריינגעשטעלטע טירל איז פון איין זייט באַשלאָגן מיט א קליינער, „מאָדערנער“ מזוזה, פון דער אַנדערער זייט הענגט דאָס בילד פון דעם קינאָ=סטאַר רודאָלף וואַלענטינאָ, פון יענער זייט ליגן פּעק און זעק און קאַסטנס סחורה, וואָס די פּראָווינצער יידן האָבן אייַנגעקויפט אין וואַרשע: בענטשערלעך, מחזורים, שמחת=תורה=פענער פאַר די הדר=ייִנגלעך, פון דער צווייטער זייט טיר, ביי די טעכטער, שטייגארטעס און טענים=ראַקעטעס, מיט וועלכע העלע און לינאַ קלייבן זיך צו פאָרן קיין זאַקאָפּאַנע.

פון ביידע זייטן טיר מיט דער מזוזה, מישן זיך די געשפּרעכן, רייסן זיך דורך דעם דינעם ווענטל, וואָס צעטיילט דאָס לעבן און די אינטערעסן פון דער אַלטער יידישער, וואַרשעווער שטוב:

— „פּאָדאָבנאָ, אַז די אַרטיסטקע ז. האָט חתונה מיט א „כראַביע“... — הערט זיך דאָס פּיעשטשענדיקע קול פון דער יידישער טאָכטער.

— אָ, איצט וועט זי זיין אַ „כראַבינע“... דאָס לויגט זיך... — ענטפערט איר די שוועסטער.

— דו געדענקסט נישט... לינאַ... דעם כראַביע... ווי ער האָט אויף אונדז געקוקט... ווען מיר זענען אַרוים פונעם „פּייף“... אין „איטאַליאַ“... א סימפּאַטישנע כלאָפּאַק“... ער איז מיר אַמאָל נאָכגעגאַנגען... אויף דער מאַרשאַלקאָווסקאַ...

— עס קאָן זיין... אַז ער האָט נישט מער ווי דעם „טיטל“...

— אַך, וואָס רעדסטו... ער דאַרף איצט באַקומען א ירושה... אפשר א מיליאָן... מיר האָט עס געזאָגט דער פּאַן ס... זיינער א חבר...

— אשרי יושבי ביתך...

הערט זיך פון יענער זייט טיר א הוסטן פון אַן אַלטן ייד, און א קרעכץ:

— אוי ווי מיר...

— אַך, „פּאַניע מאָנקו... פּראָשען“... זאָל דער פּאַן אַריינגיין...

דער פּאַן מאַניעק קאָן גישט דורכגיין, ווייל פּונקט ביי דער טיר שטייט א ייד שמונה עשרה. פון דער שטוב הערט זיך א געשריי:

— מערדער... רוצח... גיב אָפּ מיין געלט...

— מאַדלענא דיטריך... רעדט פון יענער זייט טיר דער פּאַן מאַניעק.

און עס מישט זיך א משונהדיקער קגויל פון ווערטער:

— קאַמגאַרן...

— סעקס־אַפּיל...

— מאָדזשיצער רבי...

— האַנקאַ אָרדאָנוונאַ...

— וואָלענע זאָקן...

— „רעבעקאַ"... קאַליגוּוונאַ...

— וועקסל...

— פּראָטעסט...

— עקזעקוטאָר...

— גרעטאַ גאַרבאָ...

— טשאָלנט...

— קאַרנאַוואַל...

— זאַקאָפּאַנע...

און נאָר אין די שפּעטע שעהן פון דער נאַכט, ווען אין דער ענגשאַפט פון דער שטוב — שטעלט מען אויף די שטולן, בענק און בעטלעך פאַר די פרעמדע, אָנגע־פּאָרענע פון דער פּראָווינץ יידן און ווייבער, וואָס צעלייגן זיך מיט זייערע שמאַ־טעס, דעמלט עפנט מען די טיר און עס ווערט איין שטוב.

די טעכטער קומען שפּעט פון די ווייטע, רייכע גאַסן. זיי זענען אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע און טראָגן נאָך אויף זיך די בליצן פון די ליכטיקע קאָמפּאָרט־קינאָס און קאַפעען. זיי קומען אויפגעהויבענע, באַשטראַלטע מיט האָפענונגען, מיט לוסט צו דער רייכער, גרויסער וועלט. ערגעץ זענען דאָ גליקן, ערגעץ... אין דער מיסטעריעזער ליכט פון עקראַן... פאַרוואָס קומען נישט די גליקן צו זיי, צו העלען און לינאַן?...

* * *

ווי נאָר זיי קומען אַריין אין דעם שונקעלן, דומפּיקן פאָדער־צימער, כאַפּט זיי אַרום דער אומעט פון דער אַלטער, צעפּאַלענער וואַרשעווער יידישער שטוב. די טיר, וואָס טיילט זיי אָפּ, איז איצט אָפן. אויף די בעטלעך און מאַטראַצן שלאָפן קרעכצנדיקע, פאַרזאָרגטע יידן, צעפּאַטלטע ווייבער, סוחרים און סוחרטעס פון די

ייִדישע גאַסן. זיי רעדן פון שלאָף, שלאָפן אייליק. און אויך די מאַמע פון דער שטוב, די מאַמע פון די צוויי טעכטער ליגט שטאַר, קוקט אויף די צוויי געשמינקטע און געפוצטע טעכטער. זי הערט זייערע געשפּרעכן, זי וויל פון די אַלע משוגעדיקע, אויסטערלישע ווערטער — עפּעס דערכאַפּן, וועגן אַ תכלית. די מאַמע גלויבט נישט אין זייערע גליקן, אין זייער שותפות צו דער גרויסער, רייכער וועלט.

יעדע נאַכט לאָזט זי איבער פאַר זיי אויף אַ פּאַפּירל ייִדישע זעמל מיט פּוטער און אַ שטיקל אייביקן, וואַרשעווער, ייִדישן, געוועגדזלטן הערינג.

* * *

אַך, ווען די „כראַביעס" מאָניעק, עדעק און אַרטעק, וואָס האָבן זיי אָפּגעפּירט צום טויער און אַזוי „עלעגאַנצקע" געקושט די הענט, וואָלטן זיי איצט געזען, דאָ, אין דער חרוב־געוואָרענער, אַלטער ייִדישער „וואַרשעווער שטוב", וואָלטן זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען צוויי ייִדישע טעכטער, טעכטער פון אַן אַלט, פאַרמאַטערט, פאָלק, וואָס דאַרפן נישט קיין „כראַביעס", קיין „פייפס", קיין „האָליוווד", און נישט קיין „נאַרטעס".

צוויי ייִדישע טעכטער, וואָס דאַרפן אַ פּשוטע, מענטשלעכע שטוב...

.1929

# מע פֿאַרבעט

די פֿיר עלטערע טעכטער און די דרײַ זין זיצן אַרום דעם טיש, און די מיטעלע טאָכטער באַלבינע מאַכט דעם פּלאַן:

— זאָל די מאַמושאַ נישט מורא האָבן... מע וועט נישט דאַרפֿן געבן קיין סך צו עסן... מען וויל זיך נאָר „זאַבאַוויען“... מע וועט עפּעס קויפֿן... טרוקנס... נאָר צו פֿאַרבײַסן... און מע קאָן זיך אַלע צונויפֿלייגן... מאַכן אַ „סקלאַדקע“...

— מײַנע געסט, — זאָגט די יונגערע, — קומען גלײַך פֿון דער קאָוויאַרניע „אַדריאַ“... זיי זענען נישט הונגעריק...

די „מאַמושאַ“ לאָזט אַרויס איר באַס, וואָס קלאַפּט אַרויס ווי פֿון אַ טיפֿן קעלער:

— כ׳וועל נישט פֿאַרוואָליען דאָ אָנצוחזרן... מע ווייסט שוין די „וויעטשאָרעק“... ס׳קאָסט געלט און — מען האָט פֿון זיי גאָרנישט... די פּאַצעטן מײַנען נאָר זיך אָנצובאַוויען... צו „וויקאָזשיסטשען“ די פּאַננעס... דערנאָך גייען זיי אַוועק... און גאָרנישט...

— וואָס האָט די מאַמושאַ געוואָלט, אַז זיי זאָלן באַצאָלן?...

— כ׳וואָלט אַוודאי געוואָלט, אַז אַזאַ „מלאָדי טשלאָוויעק“, ווען ער קומט צו אַ פּאַננע און פֿרעסט זיך אָן... זאָל דערפֿון עפּעס ווערן...

די יונגסטע, פֿראַנקאַ, וואָס זוכט אײביק אַ „פּאָסאַדע“, באַליידיקט זיך:

— די מאַמושאַ וואָלט כאָטש געוואָלט, אַז אַ „כלאָפּאַק“ טרינקט אויס אַ גלאָז טיי, זאָל ער דערפֿאַר חתונה האָבן... די מאַמושאַ האָט אַזעלכע „דזשיוונע פּאָגלאָנדן“.

די דריטע, די פּאַננאַ סטעפֿאַ, וואָס קאָן זיך „אָסאָבישטשע“ מיט אַרטיסטן, צעלאַכט זיך איראָניש:

— כאַ־כאַ... די מאַמושאַ איז גערעכט... אַוודאי... אַזעלכע פּאַצעטן ווי איר ברענגט, אַזאַ „האָלאָטאַ“... אָט, ווען איך זאָל אַהער פֿאַרבעטן דעם אַרטיסט פּ.

אָדער דעם דראַמאַטישנע אַקטיאָר ב., וואָלט איר געזען, וואָס עס הייסט: אַ! עלעגאַנצקע כלאָפּאַק... „גאָ, גיעסטעטי“... ווי קאָן איך אַהערברענגען אַזאַ מענטש... אַז די מאַמושאַ רעדט מיט אַזאַ „אָקראָפּני אַקצענט“, און דער טאַטעשי מיט דער קאַפּאָטע... „אי וואָגולע“...

—זאָלן זיי זיצן אין שטוב, דיינע קאַטעריגאַזשעס... כ׳דאַרף נאָך דו זאָלסט מיר אַריינברענגען אַ פּאָר גויים אין שטוב אַריין.

די פּאַנגע סטעפּאַ שמייכלט גיפטיק:

— די מאַמושאַ האָט דאָך נאָך די אַרטיסטן קיינמאָל נישט געזען...

דאָ רופט זיך אָן דער עלטערער ברודער בעניעק, וואָס רופט אַריין קונים אין אַ געוועלב אויף די „נאַלעווקעס“:

— דו אַליין האָסט זיי נאָך אויך נישט געזען...

— איך האָב נישט געזען דעם אַרטיסט פּ.?... כ׳בין ערשט נעכטן מיט אים געזעסן אין דער „זשעמיאַנסקאַ“... דיין סימפּאַטיע... די, מיט דער לאַנגער נאָז... דיין „פּיענקנאָשטש“... די מאַדאַם „סימפּסאָן“ פון דער סמאָטשע גאַס האָט אונדז געזען... זי האָט שיר נישט געפּלאַצט פון „זאַזדראָשטש“...

נאָך לאַנגע קריגערייען און יאָרן זיך, זאָגט די מאַמושאַ:

— אַ סוף... רופט אַהער די חברה פּענטאַקעס... איך קאָן געבן נאָר אַ גלאָז טיי... און טאָמער ווילן זיי טשאַסטעס, קאָנען זיי מיטברענגען... אַלציינס וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען...

די טעכטער רינגלען אַרום די מאַמע. די עלטסטע, וואָס האָט אַ באַלעבאַטישן חוש, גיט צו:

— מאַמושאַ... מען קאָן זיי געבן פאַרקילטע פיס... דאָס קאָסט ביליק און סע זעטיקט...

— גאַלאַרעטאַ... גאַלאַרעטאַ... — שרייען אַלע.

— אַבער זאָל די מאַמושאַ נישט מאַכן מיט אַזויפיל קנאָבל...

די מאַמושאַ לאָזט אַרויס דעם באַס:

— וואָס?... ס׳פּאַסט זיי נישט?... די אַריסטאָקראַטן... קנאָבל איז אַ יידישע זאַך... זיי וועלן זיך נישט פאַרסמען די „כראַביע פּאַטאַצקעס“...

— און איך וועל קויפן „פּאַנטשקעס“... — זאָגט די יונגערע, — מיינע געלט וועל איך שוין פאַרזאָרגן...

דאַ געמען זיך די טעכטער צוגויף, און עס גייט אַוועק אַן אַמפּערניש וועגן דעם צעטל פון באַקאַנטע, וועגן יונגעלייט, ווער עס איז „עלעגאַנצקע“, ווער עס קאָן טאַנצן, וועגן אייגעם, עפּעס אַן אַדעק, און עס ווערט אַ געשריי:

— „אָן יעסט זשאַנאַטי“... ער האָט אַ ווייב...

און עס ווערט באַשטימט אים גישט צו פאַרבעטן.

די מאַמושאַ זיצט ברייט, צעלייגט ביים טיש, און וואַרפט אַריין:

— ווער איז דאָס דער אַדעק?... דער מיט די קרומע אויגן?... דאַכט זיך, אַז ער איז אַן „אידיאָטאַ“...

— אַדעק איז אַן אידיאָטאַ?... — צעשרייט זיך באַלבינאַ, — כאַ־כאַ־כאַ — אַדעק איז אַן אידיאָט... דאָס איז אַ „וויסאָצע“ אינטעליגענטני... „אָן וואָגולע“... פון אַ „שאַלעניע באָגאַטע“ ראָדזשינע...

רעדנדיק וועגן דעם וויעטשאָרעק, הייבן די טעכטער אָן גיין מיט טאַנצנדיקע טריט, פונעם לעצטן צימער הערט זיך דאָס כראַפּען פונעם טאַטן, וואָס האָט זיך צוגעלייגט אויף דער אַלטער, אָפּגעריבענער קאַנאַפּע כאַפּן אַ דרימל, און קוקנדיק אויף די טעכטער, באַסעוועט די מאַמע מיט פאַרזאָרגטע אויגן:

— און דאָס וועט זיין דער תכלית?... מ׳וועט אַהעררופן די יונגען... זיי אָנ־פּאַשן... מאַכן זיי „פּשיעמנע“... דערנאָך וועלן זיי אַוועקגיין... און גאָרנישט...

— צאָ מאַמאַ בי כציאַלאַ“... וואָס וואָלט די מאַמאַ געוואָלט... — שרייען די טעכטער.

— חתונה האָבן זאָלן זיי... צו אַלדע שוואַרצע יאָר... חתונה האָבן!...

דער מאַמושאַס באַס הודזשעט לאַנג, שווער און אומעטיק, ווי זי וואָלט עמעצן געדראָט און געוואָרנט...

# אַמאָליקע פּאַרע...

דער געשפּרעך איז פֿאָרגעקומען אין באָד, אין דער געדיכטער מוטנעקייט פון דער פּאַרע, ווו ס'האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ צענדליק נאַקעטע מענטשן. די מענטשן האָבן דערמאָנט אין די בילדער פון דער הגדה, ווי די יידן האָבן געאַרבעט ביי פּרעהן אין מצרים. די נאַקעטע האָבן אַרומגעשפּאַנט לאַנגזאַם, מיט קרומע, פּאַמעלעכע טריט, אין דער גליטשיקייט פון דער נאַסער, שטיינערנער פּאָדלאָגע.

זיי האָבן זיך געפּאָרעט ביי קראַנען, געטראָגן שעפלעך, שמאַטעס, בעזעמלעך, און פלוצלונג מיט רעש גענומען זיך פּאַטשן און רייבן איבער די זייטן, ווי אַ סטאַיע פליגן וואָלטן זיי באַפאַלן און גענומען בייסן.

דאָס זענען געווען יידן מיט דינע, בלויע פיס און דאַרע, ווייסלעכע פלייצעס, ווי צונויפגעקלעפּטע פון דינע, שוואַכע ברעטלעך, פון וועלכע אָרעמע יידן מאַכן סוכות. עס זענען אויך געווען גויים, בעדערס, וואָס האָבן אַלע מאָל זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַן אַנדערן. יענער איז געלעגן מיט אַ האַרטן, נאַקעטן בויך און געלאָזט זיך קנעטן, פּאַטשן, רייבן און שאָבן.

אין דער שווענקעריי און קרעכצעריי פון די צעוואַרעמטע לייבער האָבן זיך געהערט צוויי שטימען, וואָס האָבן געפירט אַ פוילן, קריכנדיקן געשפּרעך, וועלכער האָט זיך אַלע מאָל איבערגעריסן פון די הנאהדיקע קרעכצן און פאַרלוירן געגאַנגען אין די וואָלקנס וואַרעמע פּאַרע. איין שטימע איז געווען אַ דינע, אַ שפּיציקע, מיט נאַקעטע אויסגעשרייען ביי די סוף ווערטער. די צווייטע שטימע איז געווען אַ געלע, אַ בלאַסע, אָדער אַ בויכיקע. דער פון דער בויכיקער שטים איז געלעגן אויף אַ באַנק פון אויבן, דער צווייטער איז געזעסן אויף דער באַנק אונטן און זיך אָנגעהאַלטן אין זיינע דאַרע, שפּיציקע קניען. פונעם וואַרעמען נעפּל האָט מען קוים אַרויסגעזען זיינע דינע, געלע הענט און דאָס ווייסע פּנים מיטן רויטן, שיטערן בערדל, וואָס האָט ווי אַראָפּגערונען פון זיין דאַרע גאָמבע. דער צווייטער

האָט זיך איצט אַראָפּגעלאָזן פון דער אויבערשטער באַנק. ער איז געווען ברייט און ראָז, זייטע באַקן האָבן געגלאַנצט, ווי ביי קליינע, גליקלעכע קינדער. ער האָט אויסגעזען, ווי דער מלך פון די אַלטע רוסישע קאָרטן. ער איז פּאַוואָליע אַראָפּגע־קראָכן פון די הילצערנע, גליטשיקע טרעפּלעך, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שעפּעלע הייס וואַסער, און אַרומגעהאַלטן מיט גרויס ליבע זיין קיילעכיקן בויך, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ ראָז זעקל מעל. און עס האָט זיך דערהערט זיין ווייסלעכע, ווי מעליקע שטים:

— עטיץ הערט?...

— אַ?...

אין דער געדיכטער נעץ האָט זיך געדאַכט, אַז זיי רעדן דורך אַ טעלעפאָן:

— עטיץ זעט דעם בויך?... ער איז שוין היינט אַ העלפט... ווייל כ'היט מאָד... כ'עס נישט קאַ משאָלנט. עטיץ הערט... כ'טרינק ניש קאַ ביר... ווייל ביר פּוישט אָן... עטיץ הערט?... ביר בלאָזט אָן... יאָך פלעג מיך אַוועקזעצן... האָב ער אויפגעגע־סן... עטיץ הערט?... אַ האַלב גענדזל... אַ קאָפּ פיש... עטיץ הערט, און פאַרטרונקען אַ פּאָר פלעשער ביר... היינט צער ער מאָד... כ'עס ווייס פלייש... עטיץ הערט... ס'זעטיקט אָבער נישט... אַ הון פּאַר אַזאַ ג'„אָסאָבע" ווי יאָך... איז אַ שפּיי... וואָס האָט מען פון אַ הון?... עטיץ הערט... אַ פייאָ זוכט זיי, די דאָקטוירים... אַליין פרעסן זיי... אַ?...

דער דאַרער האָט זיך אַ שיב געטאָן ווי אַ פיש און אָפּגעענטפערט מיט אַ קווימש:

— יאָך זאָג... אַז עסן איז אַ קלייניקייט... אַ ייד דאַרף נישט עסן קיין סך... אַבי איינצוהאַלטן די נשמה... מיין זיידע פלעגט זאָגן: „די קישקע איז אַ נאַר... „האַ־האַ־האַ... אוי, סע ברייט...

דאָס געשפּרעך איז געגאַנגען וועגן בייבער, וועגן דאַרקייט, וואָס ס'איז גע־זונט צו עסן, וועגן באַנקעס, געהאַקטע און טרוקענע... צום סוף האָט דער בייבי־קער אַ הויכן געגעץ געטאָן:

— און וואָס וועט זיין מיטן ביסל יידן...

— אוי ווי... ס'איז נישט גוט...

— ני, מ'האָט דאָך עפּעס געזאָגט ארץ־ישראל...

— ני יאָ, ני...

נאָכדעם ווי דער בייכיקער האָט זיך אַרומגעבוגן דעם קאָפּ מיט אַ האַנטעך, אַוועקגעלייגט זיך אויף אַלע פיר, זיך אַליין אַרומגעכאַפּט און אָפּגעטאַנצט אַ משונהדיקן טאַנץ, וואָס איז געווען באַגלייט מיט אַ קרעכצן, יאָכצן, הוסטן און ניסן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— עסט הערט... וואָס זאָגט עסט... זאָל ער הייסן דעם גוי אַריינברענגען אַ פלעשל ביר... צי זאָל ער פאָלגן דעם דאָקטער, אַ פייאָ זוכט עס... עסט הערט... סע דאַרשט מאָד...

דער דאַרער האָט שוין איצט נאָר געענטפערט מיט אַ קרעכץ, און דער בייכיקער האָט ווידער אָנגעהויבן:

— יאָך זאָג ענק... אַז אַמאָליקע יאָרן האָט מען נישט געוווסט פון קיין צערן זיך... אַז אַ מענטש האָט געהאַט אַ בויך... איז אַדרבא... האָט מען פאַר אים געהאַט „שאַנאָוואַניע"... אַן אָרעמען... אָדער אַ „סטרוזש" — אָראָפּגענומען ס'היטל... ווער האָט געהאַט אַ בויך?... אַ כראַביע"... אַ ווירט פון אַ הויז... אַ באַנקיר... אַ דאַרער מענטש איז געווען אַ „גאַרניכט", אַ „שמיעטשאַזש"... הייַנט, אַז מען האָט אַ בויך... עסט הערט... לויפט מען צום דאָקטער... און ווער האָט עס איינגעפירט?... עסט הערט... די ווייבער... אַ פייאָ זוכט זיי... מיין ווייב איז געווען אַן „אָסאָבע"... אַ „קאָלאָס"... אַ קייסערינע... ז'איז געגאַנגען... האָבן געציטערט די ווענט... האָט זי אָנגעהויבן טרינקען עסיק, גאַנצע ציטרינעס... און איז געוואָרן דאַר ווי אַ שפּענדל... עסט הערט... יאָך האָב פיינט אַ דאַר פרויענצימער... וואָס זאָגט עסט...

— וואָס זאָל איך זאָגן... איך בין פון פאַך אַ פודלע־מאַכער...

— עסט פאַרדינט עפּעס געלט...

— מ'זעט נישט קיין געלט...

— געלט... געלט איז אַן איידעלע זאַך...

— אוי ווי מיר...

— זאָגט נאָר... וואָס הערט זיך מיט אַמעריקע... ייהן פאָרן... צי ניש...

— איר ווילט פאָרן?...

— יאָך... פאָרן?... פאַרשוואַרצט ווערן... אַרבעטן... מיינע שונאים... דערלאַנגט מאָ דאָס בעזעמל... איי... ס'אז נישט די אַמאָליקע פּאַרע... און אַ מלחמה וועט זיין?...

דער דאַרער האָט אויסגעצויגן זיינע דינע פיס און אַ קרעכץ געטאָן:

— מלחמות... גזירות... אַלץ כדי צו דערשטיקן דעם ייד...

דער בייכיקער האָט שוין נישט געהערט, ער איז געווען פאַרטראָגן אין דעם וואַרעמען נעפּל, און פון דער מיפעניש פון זיין בויך, וואָס האָט שוין איצט געבליט ווי אַ הויז, האָט ער געריערט צו זיך אַליין:

— איי... די אַמאָליקע פּאַרע... די אַמאָליקע פּאַרע...

# צוליב מיר

(דערציילט פון אַ שטילן מענטש)

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב זי געבראַכט צו מיינע פריינד. העכער אַ יאָר האָבן מיר קיינעם נישט באַדאַרפט. די טעג, די אָוונטן און די נעכט זענען פאַר אונדז געווען צו קורץ. די פאַרמאַכטע טיר פאַר דער גאַנצער פרעמדער וועלט האָט אונדז אָנגעפילט מיט אַ שיכורער פרייד, און צופאַלנדיק צו זיך, קוקנדיק מיט אַנטציקונג איינער דעם צווייטן אין די אויגן האָבן מיר זיך געזאָגט:

— מיר דאַרפן קיינעם נישט... קיינעם נישט...

זי האָט אין עקסטאַז געמורמלט:

— קיינעם נישט...

עס איז אונדז גוט געווען, און די גאַנצע וועלט איז אונדז נישט אָנגעגאַנגען.

* * *

ווען איך האָב איר צום ערשטן מאָל דערציילט, אַז מיר זענען פאַרבעטן צו מיינע באַקאַנטע, וווּ עס וועלן אויך זיין מיינע קאָלעגן און חברים, האָט זי דאָך אויפגעלויכטן. זי האָט זיך גענומען גרייטן, זאָרגן און רעדן וועגן דעם קלייד, וואָס זי וועט אָנטאָן, וויאַזוי זי וועט זיין פאַרקעמט. זי האָט געוואָלט אויסזען שיין. זי האָט געוואָלט געפעלן. אויך איך האָב דאָס געוואָלט. איך האָב זי געוואָלט ווייזן און אַרויסרופן ביי אַלע אַנטציקונג. איך בין אַפילו געווען אויפגערעגט אין יענעם אָוונט, ווען זי האָט גענומען מאַכן איר טואַלעט. איך האָב געגעבן עצות, זיך אַריינגעמישט וועגן דער קאָליר פון די זאָקן, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט פאַר איר דערפאָלג, ווי ביי אַן אַקטיאָר פאַר אַ פּרעמיערע.

אויף דעם אָוונט זענען מיר געקומען שפּעטלעך, ווען אַ רעשיקע פריילעכקייט האָט זיך שוין געוויגט. אַ שאַרפע ליכט האָט געבלענדט, און אַ געלעכטער האָט געקלונגען, אַן אָנשטענדיק געלעכטער, וואָס שיסט אַזוי ווי ווייַן. די אָנגעוואַרעמטקייט פון אַלקאָהאָל און נאַקעטע אָרעמס פון פרויען האָבן געצונדן די בליקן און אַרייַנגעטריבן די מענטשן אין טראַנס פון פאַרטראָגנקייט.

אונדזער דערשייַנען האָט אַרויסגערופן אַן איבערגעטריבענע פרייד. מ'האָט אונדז אונטערגעכאַפּט מיט רעש און באַלד זענען מיר אַרייַן אין דער צעוואַרעמטער ליכט. איך האָב זי נישט באַראַפט פאָרשטעלן. אין דעם קרייַז האָבן אַלע געוווסט וועגן אונדז, און אַרום אונדז איז געווען אַרומגעשפּינט אַ געץ פון ראָמאַנטישע פעדעם. איך האָב מיך אַרומגעקוקט, ווער עס רינגלט אונדז אַרום, און ערשט דאָ האָב איך דערזען מייַן פרייַנד פון די ייִנגסטע יאָרן. ער האָט זיך דערנענטערט שטיל, מיט וואַרעמע בליקן, ווי ער וואָלט געוואַרט, וויאַזוי איך וועל אים אויפנעמען.

מיר האָבן זיך ביידע שטאַרק אַרומגענומען און זיך צעקושט. ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט מיר. ער האָט מיך צאַרט געגלעט איבערן קאָפּ. ביידע האָבן מיר נישט געוווסט וואָס פריער צו פרעגן, וואָס צו רעדן. דעמלט האָב איך זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און געזאָגט:

— אָט דאָס איז זי...

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט און געקוקט אויף אים מיט גערירטקייט, אויך ער איז געווען גערירט.

זי האָט געקוקט אויף אים, אַזוי ווי אויף מיר און זי האָט געזאָגט:

— איך בין שוין אַ ביסל אייפערזיכטיק... ווי איר האָט זיך ליב...

דעמלט האָט מייַן פרייַנד פּלוצלונג מיך נאָכאַמאָל געקושט. ער האָט דערביי באַוויזן מיר שטיל אין אויער אַרייַן צו זאָגן:

— דאָס איז זי... האַ?... דו האָסט שטענדיק געהאַט מזל... דו אַלטער פאַרפירער...

מיר האָבן געלאַכט. אויך זי איז געשטאַנען מיט אַ פרייִדיק געלעכטער אויפן פּנים און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז זיי האָבן זיך אַזוי ליב...

* * *

איצט זענען אַוועקגעגאַנגען אויספרעגונגען פאַר דער גאַנצער צייַט, וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען. מייַן פרייַנד האָט געוואַנדערט איבער לענדער און שטעט, און זייַן געשטאַלט האָט אָנגענומען אַזאַ געהיימנישפולן אויסדרוק.

ער האָט גערעדט ווי צו עפּעס ווייטע זעונגען:

— עס איז נישט אזוי צו דערציילן... מיינע טייערע... דערצו דאַרף מען לאַנג און רואיק זיצן... מיר וועלן זיך אָפּרעדן... אָט אזוי... אלע דריי... אין א שטילן ווינקל, און מיר וועלן זיך פון אלעם דערציילן...

דערביי האָט ער זי היימיש אָנגענומען פאַר אן אַקסל און זי צוגעבויגן צו זיך. זי האָט גוטמוטיק געשמייכלט, און ער האָט פאַרטרוילעך, מיט א טיפן ערנסט אין די אויגן, געפרעגט:

— איר האָט זיך שוין לאַנג אזוי ליב?...

זי האָט פאַרשעמט נישט געענטפערט. ער האָט געהאַלטן איין האַנט אויף איר פּלייצע, און אירע פיס זענען געשטאַנען צווישן זיינע קני, זיין פּנים איז געווען ערנסט און געוועגדעט צו מיר. עס האָט זיך געדאַכט, אז ער ווייסט נישט, אַז זיין האַנט גליטשט זיך איבער איר פּלייצע, און זיינע קני געמען זי אַרום.

איך האָב א קוק געטאָן אויף איר, זי איז געווען ווייט...

דעמלט איז מיר דורכגעלאָפן א דינע, שטעכיקע היץ איבער דער הויט, גלייך איך וואָלט געטאָן עפּעס א באַהאַלטענע זאַך, וואָס קיינער טאָר נישט זען. איך האָב מיך פּלוצלונג אויפגעהויבן פון דער שטול, אָבער מיין פריינד האָט מיך מיט איבערגעטריבענער ענערגיע צוריקגעזעצט. דעמלט האָט זי ווי אויפגעוואַכט און זיך ארויסגעגליטשט פון צווישן זיינע קני. דערביי האָב איך, נישט קוקנדיק, דער־כאַפּט ווי איר האַנט האָט זיך לייכט אריבערגעגליטשט איבער זיינע האָר.

פון דער מינוט אָן האָב איך שוין נישט געפונען קיין וואָרט צו ענטפערן אויף אלעם, וואָס מיין פריינד האָט גערעדט צו מיר.

יעדעס מאָל, ווען ער האָט מיך אַרומגענומען, האָט ער אויך אַרומגענומען — זי. זיינע הענט האָבן מיך מאָדנע געבריט און ארויפגעלייגט אויף מיר א שווע־רן עול און געפיל פון שולדיקייט.

איך האָב געקוקט אויף איר, געוואָלט אין איר געפינען אן אָנשפּאַר, און איך האָב איר בליק נישט געקאָנט דערכאַפּן, ווי א זון־פלעק, וואָס אנטלויפט, ווען מען יאָגט זיך נאָך אים.

מיין פריינד האָט זיך געקלאָגט:

— מיר האָבן זיך אזוי לאַנג נישט געזען... איך האָב דיך שטענדיק מער ליב געהאַט ווי דו — מיך...

דערביי האָט ער געהאַלטן איר האַנט. איך בין אוועק אין א ווינקל און פון דאָרט האָב איך געקאָנט זען, ווי מיין פריינד האָט מיט איר געטרונקען „ברודער־שאַפט“, זי האָט אים געהאַלטן אונטערן אָרעם, און ביידע האָבן מיך געזוכט,

טראָגנדיק פאַר מיר אַ בעכער ווײַן, זי האָט שוין, זעט אויס, געטרונקען. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ שימער פון אומזיניקייט:

— טרינק! — האָט זי געשריגן מיט אַ פרעמדער שטים. — מיר האָבן שוין געטרונקען.

און ווידער האָט מײַן פרײַנד מיך געקושט. איך האָב אים דאָסמאָל נישט געענטפערט, מײַן פנים האָט זיך נאָר אָנגעשלאָגן אין זײַן האַרטן אקסל, און מיטאַמאָל האָב איך דערזען איר פנים. זי האָט געקוקט אויף אים ווי דערשראָקן, ווען ער האָט געזאָגט:

— דו דערלויבסט... איך וויל איר אַ קוש טאָן דערפאַר, ווײַל זי האָט דיך ליב...

איך האָב געשמייכלט. איך האָב געקוקט, ווי ער האָט איר אַ קוש געטאָן גענבן די ליפּן. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אָבער איך האָב געזען, ווי זי האָט שנעל, אויף אַ רגע, ארומגעכאַפּט זײַן האַלדז.

— מע דאַרף נישט... — האָט זי פאַרשפּעטיקט געזאָגט מיט אַ מאָדנער שטים, און איר האַלדז האָט זיך באַדעקט מיט אַ ראָזן פלאַם.

אַלץ האָט זיך אָוועקגעטראָגן ווײַט פון מיר, ווי ס'וואָלט פאַרשטעלט געוואָרן פון אַ רויך. איך בין אַוועק אין אַ ווײַטן ווינקל פון דער שטוב און אין מײַן מוח האָבן זיך גענומען קנוילן בלייכע דערמאָנונגען וועגן מײַן פרײַנד. איך האָב איצט געוואָלט געפינען דעם אָנהייב פון אונדזער פרײַנדשאַפט; און ערשט איצט איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז קיינמאָל נאָך האָבן מיר זיך נישט געקושט, אַז וווינענדיק אין איין שטאָט האָבן מיר זיך זעלטן ווען באַגעגנט. איך האָב דערפילט אַ דינעם שטאָך ערגעץ אין שפּיץ קאָפּ און אַ מאָדנע ענגשאַפט פון אָטעם, וואָס האָט מיך גענויט צו פאַרמאַכן די אויגן.

איך האָב מיך דערפילט, ווי איינער, בײַ וועלכן מען האָט קלוג עפּעס אויסגענאַרט און צוגענומען בײַ אים אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט...

און דאָ האָט זיך מיר פאַרוואָלט וואָס גיכער אַוועקגיין.

ארום מיר איז געשטאַנען אַ ראָד מענטשן, דערוואַרעמטע פון זייערע אייגענע פאַרלאַנגען צו פאַרגעניגן, און איך האָב געזאָגט תירוצים, פאַרוואָס איך מוז פאַרלאָזן דעם פריילעכן אָוונט. קיינער איז נישט באַשטאַנען דערויף איך זאָל אַוועקגיין, ווי זיי וואָלטן וואָס לענגער געוואָלט זען מײַן פּיין.

מײַן פרײַנד איז צוגעשטאַנען, איך זאָל אָפּרוען אין אַ קליינעם, טונקעלן, זײַטיקן צימער.

— מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג נישט געזען...

ער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי גליקלעך ער איז, וואָס מיר האָבן זיך היינט

באַגעגנט, אויך זי איז צוגעשטאַנען דערויף און מאָדנע דערשראָקן געקוקט אויף אים.

עמעצער א פּרעמדער האָט אויסגעשריגן מיט א שיכורער הפקרדיקייט.

— ווער עס וויל גיין, זאָל גיין... און מיר וועלן ווייטער טרינקען...

עס איז מיטאמאָל שטיל געוואָרן. איך בין צוגעגאַנגען צו איר און שטיל מיט אן אָפּגעהאַקטן אָטעם געזאָגט:

— קום...

און דאָ האָב איך דערזען, אַז זי וויל נישט גיין, אַז זי האָט מיך אין דער מי־נוט פיינט, אז זי איז מיר א שונא.

אויפן גאַנצן וועג האָבן מיר געשוויגן. נאָר אויף די פינצטערע טרעפּ האָט זי פּלוצלונג געזאָגט:

— ער האָט מיר געזאָגט... אז ער האָט מיך ליב דערפאַר... ווייל איך האָב דיך ליב...

— און וואָס זאָגסטו?...

— אַז איך האָב אים ליב באַקומען דערפאַר, ווייל ער האָט דיך אזוי ליב.

א לאַנגע צייט האָב איך זיי נישט געזען. נישט מיין פריינד און נישט — זי. עס זענען געווען פיל טעג און אָוונטן, ווען איך האָב לאַנגע שעהן געוואַנדלט אי־בער דער גאַס, וווּ זיי האָבן געוווינט. איך בין שעהנווייז געשטאַנען הינטער זייער פענצטער און געוווּסט, אז זייער טיר איז פאַרמאַכט פאַר דער גאַנצער וועלט, אז זיי דאַרפן נישט קיינעם... קיינעם...

עס זענען אַוועק יאָרן, און מיר פּלעגן זיך באַגעגענען אין גאַס ווי פרעמדע, ווי מיר וואָלטן זיך קיינמאָל נישט געקענט.

און נאָר דער דינער שטאָך, ערגעץ אין דער טיף, האָט זיך אָפּגערופן און זיך איבערגעגליטשט איבער דער הויט, ווי עפּעס אַ דערמאָנונג אין אַ גרויסער, ווייטיקלעכער עוולה, פאַר וועלכער עס איז נישטאָ ביי וועמען צו מאָנען...



# אַמאָל...

זיי זענען געזעסן אין אַ ווינקל, ביי אַ טישל, אין דער יידישער רעסטאָראַציע „באַר קאָכבאַ“. דער אַלטער יידישער רעסטאָראַן אין דער גאַליציאַנער שטאָט, וואָס האָט נאָך געדענקט די „בראָדער זינגער“ און די ערשטע יידישע טעאַטערן פון גאָלדפאַדען און ספּיוואַקאָווסקין, איז אין דער נאָכמיטאָג־שעה געווען אויסגעלאָשן און פאַרדרימלט. אונטערן בופעט האָט געדרימלט דער אַלטער מאַרקער, און דאָס זיידענע קאַפּעלע אויף זיין גרויסן ליידיקן שטערן איז געווען טיף אַראָפּגערוקט צום אַראָפּפאַלן. אין אַ ווינקל, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, איז געשטאַנען דער קעלנער מיט אַ האַנטעכל אויפן אַקסל. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן פון מידקייט האָט ער געקוקט אויף די צוויי געסט, וואָס האָבן געשמועסט מיט ברייטע, איבערגעטריבענע באַוועגונגען און הילכיקע, הייזעריקע שטימען.

ער האָט זיי געקענט פון לאַנג, פון אַלטע צייטן, ווען די צוויי זענען געווען נאָך ריזיקע מאַנצבילן מיט גלאַנציקע, אויסגעגאָלטע פּנימער און פאַרביקע אָנצוגן, מיט בריליאַנטענע סיגנעטן אויף די פינגער. זיי זענען געווען די „ליבלינגע“־אַקטיאָרן פון די יידישע הינטערגעסלעך, און אין אַלע יידישע הייף און שטובן האָט מען נאָכגעזונגען די „מאָראַלישע“ לידער, וואָס זיי האָבן געזונגען אויף דער בינע.

אין דער גראָער ליכט פון דעם אומעטיקן רעסטאָראַן האָבן איצט די צוויי אַלטע לייט מיט די צעקנייטשטע, געגאָלטע פּנימער אויסגעזען, ווי צוויי אַלטע הינט.

איינער, דער גרעסערער, איז געלעגן מיט די הענט אויפן טיש, מיט אַ פאַרלווירענעם, געגאָלטן קאָפּ איבער אַן אָנגעהויבן גלאָז ביר. דער צווייטער האָט אויפגעהויבן זיינע העלע, פאַרגלייזטע אויגן און אַרויסגעלאָזט אַ וויינענדיקן מרוטש:

— יאָ, פרוינדע... עס זענען אַוועק אונדזערע צייטעלעך... נייע צייטן, נייע לידער... ערינערסטו דיך, ווען איך האָב געהאַט מיינע גאַסטראָלן אין אָדעססאַ...

אַך, ברודערל!... ווען איך האָב מיך באַוויזן אין דער אָפּערעטאַ... אַך, ווי האָט זי דאָס געהייסן... ווען איך האָבע געשפּילט דעם גראָסאינקוויזיטאָר... מיט מיינער לעווען=שטים... און מיינע זעליגע פֿראַו, שיינדעלע, עליה השלום, האָט מיט מיר אָפּגעזונגען דעם דועט... ווען זי איז אַרויף אויפֿן הויכן קווימש, האָב איך איר אַ זאָג געטאָן אויף דער בינע: „בהמה... פֿאַרמאַך דעם קווימשער“, האָט זי מיר דערלאַנגט אַ קניפּ און אַרויסגעלאָזט אַ קללה... אָך, האָט זי געשאָלטן... געדענקסט ברודער, ווי זי האָט געשאָלטן?... און איצט ליגט זי אָן אַ מצבה... אַ ווייטיק איז מיר...

— יאָ, פֿרוינדע... עס זענען אַוועק אונדזערע גוטע צייטן... — האָט דער צווייטער אַ זעץ געטאָן מיט אַ באַס, — יאָ, איך געדענק דיינע זעליקע פֿראַו... צו געדענקסטו אָבער מיינע העלדן=ראָלן... ווען איך האָב געשפּילט דעם רוסישן קאָנסול אין סטאַמבול... ווען איך בין אַרויס אויף דער בינע מיט מיין העלדן=פיגור... אין דער ווייסער פּעלערין, מיט מיינע געלע שטיוול, מיט גאָלדענע מעדאַלן?.. אַך, ברודער, ווען איך האָב אַ זאָג געטאָן: „אָ, ראַכע פֿיר מיינע הערצנס=געליבטע..“ ווייסטו, וואָס פֿאַר אַ שטורעם עס איז געוואָרן אין טעאַטער... ווי אײן דאָנער=אַפּלאָוז...

—און געדענקסטו, ברודער, ווי איך האָב אין צווייטן אַקט פֿון דער „פֿרויען=יעגער“ אַ געשריי געטאָן: „אָ, פֿאַלשע שלאַנגע... קראָקאָדיללע“... דאַן ווען איך מאָרדע די פֿאַלשע פֿראַו“... ווייסטו, ברודער... ווען איך בין אַראָפּ פֿון דער בינע, האָבן אויף מיר געוואַרט די פֿאָרנעמסטע דאַמען פֿון דער גאַנצער גובערניע... און איינע וואַרע, הימלישע שענהייט... איז מיר געפֿאַלן אויפֿן האַלדז... און האָט געוואָלט אַוועק מיט מיר און האָטעל פֿאַרראַטן איר מאַן, דעם גענעראַל... אַך, ברודער, וואָס פֿיר איינע הימלישע שענהייט איז דאָס געווען. און די, וואָס איז צוליב מיר דעם זעלבסטמאָרד באַגאַנגען... ערינערסטו דיך?

— יאָ, איך ערינערע מיך... איז זי נישט געווען קיין טאָכטער פֿון איין באַנקיר?...

— יאָ, ברודער... פֿון איין באַנקיר אונד מיליאָנער...

— און מיין לואיזע... די פֿאָן... בערדיטשעוו .. וואָס איז געווען אין מיר אַזוי שטערבלעך פֿאַרליבט... וועלכע איז אַנטלאָפֿן פֿון אונטער דער חופּה... אַך, וואָס עס האָט זיך דעמלט אָפּגעטאָן... איך האָב דאַכט זיך דעמלט געשפּילט דען „בר=כוכבאַ“...

— דאָס איז געווען נישט לאַנג נאָך מיינע האָכצייט מיט מיין שיינדעלע... ווען זי וואַר פּרימאַדאָנע... אַך, ברודער, ווען איך ערינע מיך אין מיינע זעליקע פֿראַו... מעכט איך נאָך איינע שנאַפּס טרינקען... קעלנער! איין גראָסען מיט פּעפּערמינט...

דער קעלנער האָט ווייך אַ שפּאַן געטאָן צום מאַרקער און אים עפּעס איינ־גערוימט.

— גענוג, — האָט מאַרקער אַ זאָג געטאָן און צוריק פאַרמאַכט די אויגן.

— ווו איז דער שנאַפּס? האָט דער אַקטיאָר געפרעגט.

— עס וועט... נישט זיין... — האָט דער קעלנער שטיל געענטפערט און צו־ריק צוגעפאַלן צו דער וואַנט.

ביידע אַלטע אַקטיאָרן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. זיי האָבן לאַנג געשוויגן.

— ברודער, — האָט ווידער אָנגעהויבן דער גרויסער מיט אַ געפאַלענער שטים, — זאָג, וועלן נאָך צוריקקומען אונדזערע צייטן... האַ? וועלן מיר נאָך אַמאָל אַרויסגיין אויף דער בינע... אין די העלדן־ראָלן... און די געטלעכע מעלאָ־דיען... האַ?

עס האָט לאַנג אָנגעהאַלטן אַ שטילקייט. ביידע זיינען געזעסן פאַרטראַכט אין זייערע ליכטיקע זעונגען.

מיטאַמאָל האָט איינער אָנגעהויבן ווי צו זיך אַליין:

— וואָס פאַר אַ וועלט... נישטאַ קיין מענטשן... ווער איז היינט אַן אַקטיאָר... ווער שפּילט טעאַטער... אָ, גאָט... „האָלאָקעס“... בלויז האָלאָקעס“...

דער צווייטער האָט אָבער שוין געדרעמלט, און פּלוצלונג האָט אים דער ערשטער גענומען וועקן:

— רודאָלף... רודאָלף... שלאָף נישט, רודאָלף... איך האָבע מיך ערינערט... רודאָלף... רודאָלף. ירוחם... ירחמיאל... ירוחמל „בייגל־בעקער“, וואָס שלאָפסטו!

אָבער דער צווייטער העלדן־טענאָר האָט געשנאָרכט מיט אַן אַלטן, פאַר־טראָגענעם, טויטלעכן מושב־זקנים־שלאָף...

# געוועזענע רוסן

די קלענערע קינדער זענען שוין געגאנגען אין פוילישע שולן, זענען געפאָרן אויף אויספלוגן קיין זאַקאָפּאַנע, האָבן זיך אַנטציקט מיט די פוילישע אַלטערטימער. דאָס עלטערע מיידל, די צוואָנציק־יאָריקע בערטע, האָט זיך געענדערט דעם נאָמען אויף בעלאַ, האָט שטודירט אויף דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט. און די יונגערע קינדער האָבן שוין נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, ווען מען האָט גערעדט רוסיש.

אינעם קינדער־צימער, אויפן טישל, ביים אכטיעריקן לאָלעק, דער עלטסטער טאָכטערס יינגעלע, זענען געלעגן פוילישע קינדער־ביכלעך מיט העפטן, ווי אויף די שער־בלעטלעך האָבן זיך געפונען די בילדער פון די פוילישע קעניגן.

אָבער די אַלטע „ניאַניע", מארפא, וועלכע מ'האָט מיטגעבראַכט אהער פון קיעוו, האָט זיך נאָך אַלץ געלערנט פויליש און האָט נאָך אַלץ אויף טיי געזאָגט: „גאַרבאַטאַ".

די אַלטע ניאַניע איז געווען ברייט און דיק. איר קליינע קיילעכיקע נאָז, איז געווען הויך פאַרוקט צווישן אירע קליינע, בלויע שמייכלענדיקע אויגן. זי איז געווען ענלעך צום ברייטן „סאַמאָוואַר", וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּאָליצע אין קיך. אָט צו דעם „סאַמאָוואַר", וואָס קיינער איז צו אים נישט צוגעגאַנגען, אחוץ דער ניאַניע, ווייל די פוילישע קעכין „סטאַשיאַ" האָט זיך אַלץ מיט אים נישט געקאָנט אומגיין און געקוקט אויף אים ווי אויף אַ טייוולאָנישע מאַשין.

— „יאַ טאַם ניע וויעם"... איך פאַרשטיי נישט אַזעלכע „קאַצאַפּסקע" זאַכן.. זאָל די ניאַניע...

די ניאַניע האָט זיך שווער געשאַרט אויף אירע ברייטע, קורצע פיס און האָט געלאַכט גוטמוטיק:

— אַך, „סטאַשיאַ"... ביי אונדז האָט יעדעס קינד געקאָנט אַ סאַמאָוואַר אויפשטעלן... און זי האָט זיך גענומען צום סאַמאָוואַר.

* * *

דעם סאַמאָוואַר האָט מען געשטעלט נאָך פאַרנאַכט, ווען דער בעל־הבית, „אָוסיי דאַווידאָוויטש" האָט געטרונקען טיי. אין די פאַרנאַכטיקע שעהן האָט ער געדרימלט איבער קאַבינעט. ער האָט גערעדט געשעפטלעך דורכן טעלעפאָן אויף פויליש, מיט אַ רוסישן אַקצענט, און נאָך ביי דער טיי פונעם סאַמאָוואַר, אין די פאַרנאַכטיקע שעהן, איז ער געזעסן מיטן ווייב, סאָניאַ נאַומאָוונאַ" און אַלע דריי: דער בעל־הבית מיטן ווייב און די אַלטע „ניאַניע" האָבן גערעדט רוסיש.

אין די מינוטן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לעבן האָט זיך נישט אַזוי משונהדיק איבערגעריסן. און נאָך דעם גאַנצן טאָג געשעפטן און נייע אויסגעבויטע שטיקער לעבן, איז איצט, געקומען די מינוט פונעם אַלטן, פאַרלאָפענעם, איבערגעשניטע־נעם לעבן דאָרט... אין רוסלאַנד... ווו ס'זענען אַזויפיל שוין האַלב־פאַרגעסענע דערינערונגען, פון די ווייטע יונגע טעג.

— ביסט גרוי געוואָרן, סאָפיא נאַומאָוונאַ — האָט געזאָגט דער אַלטער — אַ „סטאַרושקאַ" געוואָרן... אַ?...

און ער האָט איר אַ גלעט געטאָן איבער די האָר.

— דער „כאַזיאַאין" איז אויך נישט יונג... — האָט זיך די ניאַניע אָנגערופן. זי האָט זיך אַ בויג געטאָן און געבליבן קיילעכיק, ווי אַ גרויסער, געעפנטער שירם.

— יאָ, „מאַרפושקאַ"... ניאַניאַ... — האָט געזאָגט דער אַלטער — דאָס לעבן גייט אַוועק... נישט אונדזער וועלט... געדענקסט אין רוסלאַנד... ווי גוט אונדז איז געווען... האַ?... קיעוו... אַלץ אייגענע מענטשן... געוווינט אויפן „קרעשטשאַטיק"... זומער אויף דער „דאַטשע"... אַ?... געווען אַ לעבן...

די ניאַניע האָט זיך אַ וויש געטאָן די נאָז, אירע אויגן האָבן באַקומען אַ וואַ־רעמען גלאַנץ פון טרערן. זי האָט אויפגעהויבן צוויי פינגער צום שטערן:

— ראַסיעיאַ... אָט... געווען... וואָס מיר?... איך בין שוין אַלט... שוין נישט לאַנג... נאָר וואָלט געווען כאָטש אַ „צערקווע"... נאָך אַמאָל גאָטס וואָרט צו הערן... מ'זאָגט... ס'איז דאָ... אָבער ווו וועל איך, אַלטע גיין... זוכן...

* * *

פונעם צווייטן צימער האָט זיך געהערט די יוגנט. די קינדער האָבן גערעדט פויליש. דער קליינער לאָלעק האָט זיך געלערנט פון אויסנווייניק „פאַן טאַדעאוש", צו דער טאָכטער זענען געקומען חברטעס און מען האָט געזונגען די לידלעך פון דער „אָרדאָנוונאַ"... דער אַלטער האָט געזאָגט צו דער אַלטער:

— זאָרג נישט, אַלטע... מיר האָבן אויך געהאט גוטע יאָרן... געדענקסט די שיפעלע אויפן „דניעפּר“?... נו, און אונדזערע רייזעס קיין אָדעס?... אויפן קרים... אַ?...

— איך געדענק... אָוסיי דאווידאָוויטש... איך געדענק...

* * *

אין די אָווגטן זענען אָפט געקומען געסט.

אַלטע פריינד, פון קיעוו, עלטערע מענטשן, מענער און פרויען. אַלע זענען זיי, כמעט אין איין צייט, אַנטלאָפן פון רוסלאנד, אין די יאָרן אַכצן, ניינצן און צוואַנציק. זיי זענען געקומען אהער דורך פארשידענע מארשרוטן: דורך טערקיי, דורך רומעניע, פון פראנקרייך און דייטשלאנד.

אין אַזעלכע אָווגטן איז דער אלטער אוסיי דאווידאָוויטש געווען זייער פייערלעד. מען איז זיך צונויפגעקומען און זיך ארומגעזעצט אַרום דעם טיש. די אלטע ניאַניע מארפושקא איז געווען צעוואַרעמט מיט א רויטן פלאם אויפן פנים, ווי זי וואָלט ארויס פון א רוסישער באַניע. זי האָט ווייך ארומגעפלאַטערט איבער דעם דיל אויף אירע שווערע קיילעכיקע פיס, זי האָט געקענט אלע געסט. דאָס זענען געווען אַלטע, באַקאַנטע געסט, נאָך פון קיעוו. זיי האָבן זי אויסגעפרעגט און זי האָט געווישט דאָס רויטע פנים און געדאנקט.

— „ספּאַסיבאָ“... דאנקען גאָט... מען זעט זיך... „ניע פאָגיבלי“...

דער גאַנצער אָוונט איז אזוי אַוועקגעגאנגען אין דערמאָנונגען. מען האָט דערמאנט יעדעם ווינקל פון דאָרט... יעדע שמחה און יעדן טרויער, וואָס מ'האָט איבערגעלעבט צוזאמען. א בענקשאַפט פון פארבלאָנדזשעטע האָט ארויסגעשלאָגן פון זייערע רייד. דערנאָך האָט מען דערמאָנט די טרויעריקע טעג פון וואַנדערן, פון שרעק און טויט...

עס איז גערעדט געוואָרן אויף יידיש, אויף פויליש און מען איז איבערגעגאַנגען צוריק אויף — רוסיש.

מען האָט אריינגערופן די קינדער, מען האָט זיי געוואָלט אין עפעס דערמאָנען... די קינדער זענען געווען אומגעדולדיק... זיי האָבן שוין נישט געדענקט קיינעם פון די מענטשן, זיי האָבן שוין נישט געקאָנט קיין רוסיש און זענען פאַרשוונדן צוריק איבער די צימערן.

צווישן די געסט איז אויך געזעסן א הויכער, עלטערער מאַן מיט א ברייט, רוסיש פנים און לאנגע, דינע פיס. ער האָט געהאט גרויע, ווייכע וואָנסן מיט אַ ווייכער גראָבלעכער באָרד. דאָס איז געווען ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש“. ער איז

אויך אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד איינעם אַכצנטן יאָר, צוזאַמען מיט זיינע יידישע פֿריינד.

דער קליינער, בלייכער „אַבראַם וויגדאָראָוויטש", דער אַפּטייקער פֿון אַן אוקראַיִנישער שטאָט, האָט זיך צוגעבויגן צו אים און געפֿרעגט:

— א... ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש... וועלן מיר נאָך אַמאָל זען אונדזער „ראַסיִיאַ"?...

ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש האָט שטענדיק געענטפֿערט דאָס אייגענע:

— נישטאָ פֿאַר אונדז קיין ראַסיִיאַ... נישטאָ...

דעמלט האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן „פּאַלעסטינאַ".

— אַ סך אונדזערע זענען דאָרט... — רופֿט זיך אָן ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש.

— וועלכע... „אונדזערע"?...

— נו, פֿון ראַסיִיאַ...

— איר מיינט... יידן... ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש...

— „וסיאָ ראַוונאָ"...

* * *

פֿלוצלינג האָט זיך די אַלטע ניאַניע צוגעשאַרט צו דער בעל־הביתטע מיט אַ שטילער שמיכל מיט צוגויפֿגעלייגטע הענט ווי צום געבעט האָט מיט אַ רוסישער צוזינגענקייט געזאָגט:

— אַלע האָבן שוין אַן אייגן לאַנד... נאָר מיר... רוסן... „אָ האָספּאָדי"... מיר האָבן אויך געהאַט אַן אייגן לאַנד... איך געדענק...

און זי האָט זיך געווישט אַ טרער און געשמייכלט. אירע קורצע, ברייטע הענט פֿאָרן אין דער לופֿט, ווי עס טוען עס די רוסישע פּויערן, ווען זיי זאָגן: „וסיאָ ראַוונאָ". און פֿלוצלינג איז די אַלטע צוגעפֿאַלן צו דער בעל־הביתטע מיט שמייכלענדיקע אויגן פֿול טרערן:

— „כאַזיאַיושקאַ"... באַלאַבוסטעלע... אַז איר וועט פֿאָרן אין אייער לאַנד... נעמט מיך מיט... דאָרט וועל איך שוין... נעבן די הייליקע קברימלעך... אָפּגעבן מיין זינדיקע נשמה... „אָ, האָספּאָדי"...

# אַ ייִד מיט קונסט

עפּעס עמעצער האָט מיר איבערגעשיקט אַ פּעקל, אַ גרויס, וואָגיק פּעקל, וואָס האָט זיך מיט אַ שווערן זעץ אַראָפּגעלאָזט פֿון דעם טרעגערס הויכע, בראַדע פּלייצע. דער טרעגער איז געווען אַ צעקנייטשטער ייִד, מיט אַ קבצנישער באָרד, מיט אַ פּאָר שווערע, צעריסענע שטיוול און צעפּליקטע הויזן, איבער וועלכע עס האָט זיך געבאָמבלט די קוטיקע, ווייסלעכע שנירלעך פֿון ציצית.

ער האָט אַ קרעכץ געטאָן, אַזוי ווי יעדער ייִד, אַראָפּגענומען דעם שוואַרצן, ייִדישן קאַשקעט, וואָס איז שוין געווען פֿאַרגרינט פֿון אַלטקייט און זיך געווישט דאָס פּנים מיט אַ גראָער שמאַטע, וואָס האָט באַדאַרפֿט זײַן אַ נאָזטיכל. ערשט איצט האָב איך מיך אָנגעשלאָגן אין דעם ווייכן בליק פֿון זײַנע ברוינע, ייִדישע אויגן. און איך האָב געזאָגט:

— רוט אייך אָפּ... פּעטער... איר האָט אייך פֿאַרמאַטערט...

— וואָס זאָל מען טאָן... — האָט דער ייִד געזאָגט מיט אַ שמייכל, — מ'מוז פֿאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט...

ער 'האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, צי ס'איז דאָ צו וועמען צו רעדן און צו־געגעבן:

— כ'טראָג נאָך שווערערע פּעק...

ער 'האָט אויך געהאַט אַ בריוול צו מיר, וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט פֿונעם היטל אַרויס. איך האָב געלייענט דאָס בריוול, אויף וועלכן איך האָב געדאַרפֿט ענטפֿערן מיט אַ באַשטעטיקונג, אַז כ'האָב דאָס פּעקל דערהאַלטן. אָבער דער טרעגער האָט זיך נישט געאײַלט. ער 'האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול, וואָס כ'האָב אים צוגערוקט. און שרײַבנדיק די פּאָר ווערטער פֿאַר אים בײַם שרײַבטיש האָב איך פֿלוצלונג דערהערט זײַן ברייטן, פּוילישן ייִדיש:

— אַ שיין ביסל בילדער האָט איר... פּאַניע...

איך האָב מיך ניַיגעריק אומגעקוקט און דערזען דעם ייִד מיט אַ פֿאַרריסע=

נער באָרד אַרויף צו דער וואַנט. ער איז געווען שטאַרק פאַרקוקט אין די בילדער. זיין בליק איז נישט געווען פון קיין ייִד, וואָס קוקט גלאַט. די אויגן זענען ביי אים געווען פאַרמרוזשעט, ווי עס קוקן מבינים. איך האָב געפרעגט מיט אַ שמייכל, ווי מען רעדט צו אַ קינד:

— עס געפעלן אייך די בילדער... פעטער...

— טייל זענען נישט קיין שלעכטע זאַכן... — האָט דער ייִד געענטפערט מיט אַ טאָן, וואָס האָט שוין גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט קיין טרעגער, וואָס טראָגט אַ פעקל. און נאָך איידער איך האָב צוגעזוכט אַ פראַגע, וואָס זאָל זיין צוגעפאַסט צו זיין אַרט רעדן, האָט דער ייִד צוגעגעבן:

— אָבער אַ סך זאַכן, זאָלט איר מיר מוחל זיין... זענען... „קיטשן...

— וואָ־אָ־ס?... — האָב איך געפרעגט פאַרוווּנדערט.

— קיטשן... — האָט דער ייִד איבערגעחזרט, — דאָס הייסט שוואַכע זאַכן...

איך האָב אים אָנגעקוקט מיט אַן אָפן מויל. ווי קומט צו אים אַזאַ פאַראויסדרוק? אַ באַצייכענונג, וואָס ווערט באַנוצט נאָר דורך מאָלער און מבינים.

דער ייִד אָבער האָט נישט געוואַרט און ווייטער גערעדט:

— אָט, די קליינע אַקוואַרעל, איז נישט קיין שלעכטע... זי האָט אַ גוטע טעכניק... אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דאָס שטיקל אַרבעט פון דעם מאָלער ה.

— פונוואַנען ווייסט איר?... — האָב איך אויסגעשריגן.

— כ׳געדענק זיין קאָלאָריט... ער מאָלט אַממיינסטן אַזעלכע מאָטיוון...

איך האָב נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם ייִד, צי איז ער נישט קיין פאַרשטעלטער? צי איז ביי אים די באָרד נישט קיין צוגעקלעפטע? צי איז דאָס נישט עפּעס אַ שטיקל פון דער חברה קינסטלער?

אָבער אַלץ ביי דעם ייִדן איז געווען עכט. די בלייכע, איינגעפאַלענע באַקן מיט דער פאַרלאָזענער באָרד, וואָס האָט געהאַט אַ סך שפיצן. און דאָס צעריסענע כאַלאַט איז געווען ווי צוגעוואַקסן צו זיינע שפּיציקע ביינער. נאָר די ווערטער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעטראָגן פון זיין מויל, זענען געווען משונהדיק פרעמדע:

— אָט דער גרויסער פּייזאַזש איז מיר באַקאַנט... ער האָט אַ גוטן טאָן... אָבער דער הימל איז צו האַרט... איז דאָס נישט אַמאָל דער מאָלער ז.?... ער איז שטענדיק שוואַך אין הימל...

איך האָב באַקומען האַרצקלאַפּן.

— דער פּאָרטרעט איז אויך נישט קיין שלעכטער... גאַנץ „שמיאַלע“ גענומען... דאָס זענט איר טאַקע אַליין?...

— כ׳בין ענלעך?... — האָב איך נאַריש געפרעגט, כדי עפּעס צו זאָגן.

— די ענלעכקייט איז נישט וויכטיק... דער עיקר איז כאַראַקטער... און עס זאָל זיין... — ער האָט ברייט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און, זעט אויס, גע־זוכט עפּעס אַ וואָרט, וואָס זאָל נישט זיין פאַר מיר צו שווער צו פאַרשטיין. ער האָט געזאָגט:

— איר פאַרשטייט... ס׳זאָל זיין „פּאָדאָבנע“... ווי אַ פאָטאָגראַפיע... איז נישט וויכטיק... דער עיקר איז... ס׳זאָל זיין... „ראָזמאַך“...

— „ראָזמאַך“!... געוואַלד געשריגן... וואָס איז דאָס פאַר אַ ייד?...

מיר האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן.

אָבער דעם ייד האָט דאָס, זעט אויס, גאָרנישט געאַרט. ער האָט ווייטער גערעדט:

— דער עיקר איז, דער טעמפּעראַמענט... אינטערפּרעטאַציע...

— אינטערפּרעטאַציע!... געוואַלד, איך וועל משוגע ווערן...

— זיצט... — האָב איך געשריגן, אויסער זיך, — פּעטער... אפשר... אפשר זענט איר אַ מאָלער... אפשר מאָלט איר...

— איך...? — איז דער ייד שטיל געוואָרן, — אוי, פּאַניע... ווי קום איך דערצו... ווי פאַלט אייך איין... איך בין אַ ייד אַן אָרעמאַן... זוך ווי אַ גראָשן צו פאַרדינען... ס׳ זאָל זיך מאַכן ביי אייך אַ שטיקל אַרבעט... עפּעס אַוועקצוטראָגן...

און זיינע אויגן זענען אַלץ נישט אַראָפּ פון דער וואַנט:

— אָט דאָס וואָלט געווען גאָרנישט קיין שלעכטע זאַך... נאָר די פּערספּעק־טיוו איז אַ שוואַכע... און דער דאַך איז צו רויט... אַ פּייזאַזש דאַרף מען פילן...

איך בין געזעסן פאַרכישופט. איך האָב שוין גאָרנישט געזאָגט, נאָר גע־הערט. דעם יידס אויגן האָבן געבלאָנדזשעט פון איין בילד אויפן אַנדערן:

אָט דעם מאָטיוו קען איך זייער גוט... ער איז שוין געמאָלט געוואָרן פון אַ סך מאָלער... אַמבעסטן האָט אים געמאָלט דער מאָלער ב. נאָר ער האָט אים צופיל סטיליזירט... איך האָב נישט ליב קיין סטיליזירטע פּייזאַזשן...

ער איז צוגעגאַנגען נאָענט און — אָפּגעשפּרונגען, כדי צו האָבן אַ דיסטאַנץ ביי דעם באַקוקן די אייל־בילדער; די צייכענונגען און גראַפישע זאַכן האָט ער באַטראַכט פון גאָר נאָענט:

— דאָס איז אַ שוואַכע זאַך... דער דאַרף נאָך אַ סך אַרבעטן... דער עיקר פון דער נאַטור... אָט דעם מאָטיוו האָט געמאָלט איינער... אַ הויכער... כ׳האָב פאַרגעסן זיין נאָמען... ער האָט געוווינט אין קראָקע... כ׳בין געווען דערביי... מיר האָט עס זייער געפאָלן... אָבער מיין ווייב האָט עס נישט געפאָלן... זי האָט ליב „זיסע“ זאַכן...

— אייער ווייב אויך! — האָב איך אויסגעשריגן .איך האָב געפילט, אַז איך פאַל אין חלשות.

* * *

ענדלעך האָט דער ייד אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטילערהייט אַ זאָג געטאָן:

— פונדעסטוועגן זענען אייערע בילדער ווערט אַ ביסל געלט... איך האָב אויך עטלעכע נישט קיין שלעכטע זאַכן...

— בילדער האָט איר אויך!?...

איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן!

איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשען. דער ייד איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, ווען איך בין צוגעשפּרונגען צו אים ווי אַ לייב, אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן צעריסענעם אַרבל פון זיין כאַלאַטל און אויסגעשריגן:

— פעטער... איך וועל אייך נישט אַרויסלאָזן... איר מוזט... איר מוזט מיר זאָגן... פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ... פון וואַנען ווייסט איר „קאָלאָריט"?... פון וואַנען ווייסט איר „אינטערפּרעטאַציע"?... פון וואַנען האָט איר בילדער... פון וואַנען?...

איך האָב געמוזט שרעקלעך אויסזען, ווייל דער ייד האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן:

— וואָס הייסט פון וואַנען?... וואָס וווּנדערט איר אייך, פּאַניע... איך בין פון קוזמיר... פונעם שטעטל „קאַזשמיעזש"... וווּ די מאָלער זיצן גאַנצע יאָרן און מאָלן די אַלטע היסטאָרישע רואינען... פון די אַלטע, פּוילישע קעניגלעכע שלעסער... די ווייסל... און די בערג... דאָרט האָט געוווינט דער פּוילישער קעניג קאַזשמיעזש דער גרויסער מיט דער יידישער טאָכטער אסתרקע... איך האָב דאָרט געהאַט אַ שטיקל געשעפטל... אַ שטיקל קאַוויאַרניע... פלעגן זיי צו מיר אַריינקומען... די גאַנצע חבֿרה מאָלער... טייל האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַרן עסן... האָבן זיי עפּעס איבערגעלאָזט... עפּעס אַן אַרבעט... מילא... און ער האָט מיר גענומען אויסרעכענען נעמען פון מאָלער .אַ גאַנצע ריי. יידישע און נישט יידישע. יעדן נאָמען האָט ער באַגלייט מיט אַ ליבלעכן שמייכל, און צום סוף האָט ער מיט דעם זעלבן שמייכל, פול מיט פאָטערלעכע געטריישאַפט, צוגעגעבן:

— זיי האָבן מיר טאַקע, די חבֿרה, אויפגעגעסן דאָס געוועלבל... נאָר... זאָל זיי וויל באַקומען.

# די האַנטשריפט

ער איז נאָך געווען א קליין ייִנגל, ווען ער האָט שוין געהאָלפן דעם טאַטן פירן די ביכער פונעם הויז. ער האָט פון קינדווייז אָן געהאט א שיינע האַנטשריפט, און אין דעם פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, וווּ ער האָט אַלע אינדערפרי געבראַכט די הויז־ביכער אויף איינצושרײַבן און אויסצומעלדן די שכנים פונעם הויז, האָט מען שוין גערעדט וועגן ייִנגלס האַנטשריפט.

דער „משׂינאָוניק“ פונעם „אוטשאַסטאָק“ פלעגט אים שטענדיק זאָגן:

— דו, בערעק, האָסט א שיינע האַנטשריפט... דאָס איז א גרויסער טאַלאַנט... אַ מתּנה פון גאָט... ווען דו וואָלסט נישט געווען קיין „זשידאָק“... אַהאָ, וואָלסטו ווייט אָנגעשפּאַרט... ס'קאָן זיין... וואָלסטו געווען ביים סאַמע גענעראַל־גובערנאַטאָר אין קאַנצעלאַריע...

בערעקן האָט פון די רייד גענומען בייסן אין זיין ווייסער, שמאָלער נאָז. און זיינע טרוקענע, דינע, אָרנטלעך פּאַרקעמטע האָר האָבן זיך העכער אויפגעהויבן. זיינע בלייכע, לאַנגע פינגער האָבן אָנגעהויבן מאַניפּולירן אין דער לופט, ווי ער וואָלט געמאַכט „ציקן“ מיט דער פעדער.

די שיינע האַנטשריפט האָט בערל גערירשנט פון זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַן אַריינגייער אין „אוטשאַסטאָק“. ער האָט געפירט די ביכער פונעם הויז און געשריבן „פּראָשעניעס“. ווען זיין פאָטער האָט צעפירט זיינע בלייכע, טרוקענע הענט, א לאָז געטאָן די פעדער, און עס האָט זיך א לייג אוים געטאָן מיט געצערטלטער קיילעכיקייט דאָס לאַנגע, קלינגענדיקע וואָרט: „יעוואָ וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע“, האָט ביי בערלען אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ און אַ געפיל פון פאַרגעטערונג האָט אים אַרומגעכאַפּט צו דעם הויכן, שמאָלן, טרוקענעם טאַטן.

בערל איז געוואָרן ענלעך צום טאַטן, כאָטש קיין באָרד האָט ער נישט געהאַט. ער איז געווען נאָך א ייִנגל, און די גאַנצע שטוב, די משפּחה און אפילו באַקאַנטע האָבן געזוכט פאַר אים א לעבנס־וועג.

פריער האָט מיט אים געלערנט דער פֿאָטער, דערנאָך, ווען ער איז אריין אין דער האנדלס־שול, האָט מען באשטימט, אז בערל וועט ארבעטן אין א באנק. און ווען אין איינעם א טאָג, גאנץ אומגעריכט, איז דער פֿאָטער שטיל געשטאָרבן, האָט בערל איבערגענומען די „מעלדונקאַווע" ביכער פֿונעם הויז און געבליבן זיצן אויפֿן פֿאָטערס אלטער, ברוינער, צעראַטענער שטול.

בערל האָט געדענקט אויפֿן קאָפּ אלע אייגנווינער פֿון די צוויי געדיכט־באַוווינטע הייזער, וואָס האָבן געהערט צו איין הויזווירט. ער האָט געדענקט אויפֿן קאָפּ צענדליקער אדרעסן פֿון אמעריקאנער קרובים פֿון די שכנים, אָרעמעלייט, וואָס זענען געקומען צו אים לאָזן שרייבן בריוו. זיי האָבן שטום געקוקט אויף זיינע ווייסע פֿינגער מיט דער פֿעדער, זיי האָבן גאָרנישט באַדאַרפֿט זאָגן, בערל האָט שוין אליין געוווּסט וואָס צו שרייבן, כדי צו רירן די הערצער פֿון די רייכע אמעריקאנער פֿעטערס, די „מיליאָנערן". ער האָט געוווּסט, וואָס צו שרייבן פֿאַר די אָרעמע מיידן פֿון דער געדיכטער יידישער גאַס אין די בריוו צו זייערע חתנים אין די ווייטע „גובערניעס", ווו זיי האָבן געדינט ביים „רוס".

פֿונקט ווי דער פֿאָטער, האָט ער מיט די בלייכע, איידעלע פֿינגער צוגענומען די קופּערנע „צענערס" פֿון די פּראָסטע, אָרעמע מארק־מענטשן.

זיין געציקלטע שריפֿט האָט מען אַרומגעטראָגן ווייזן. עס זענען געווען פֿאַרשידענע מוסטערן, לויט דעם פּרייז. בריוו צו כלות זענען געווען געשריבן מיט „געדרוקטע" אותיות, באַפּוצטע מיט פֿייגעלעך און קונציקע דריידלעך.

פֿון אלע ארומיקע גאסן איז מען געקומען שרייבן בריוו און אדרעסן צו בערלען.

* * *

ערשט מיט דער מלחמה האָט זיך דאָס גאנצע שטיק לעבן ארום בערלען אָפּגעבראָכן און ווי ערגעץ איינגעזונקען. פֿונעם טאַטן איז פֿארבליבן א גאנצער בארג אלטע קוויטאנציעס, אויסגעשריבענע מיט זיין קונציקער שריפֿט, וואָס מ'האָט געהאלטן אין דער שטוב פֿאַר א גרויסער ווערט. אָבער זייער ווערט איז איצט אָפּגעשטאָרבן אויף אייביק. ארום בערלען האָט זיך ווי איבערגעדרייט די וועלט, און קיינער האָט מער נישט באַדאַרפֿט זיין האנטשריפֿט. עס איז מער נישט געווען, וו זי צו פֿארווענדן. און בערלס לאנגע, קנאַקעדיקע פֿינגער האָבן א לאנגע צייט ווי אויפֿגעהערט לעבן.

ביז וואנען דעם פֿאָטערס און אלטער פֿרייַנד האָט בערלען אַוועקגעזעצט נעבן א גרינעם טיש אין א לאנגן, טונקעלן צימער. דאָ האָט בייטאָג און ביינאַכט געברענט א גרינער לאָמפּ. דאָ האָט בערל נאָכאמאָל באַוויזן זיין האנטשריפֿט.

דאָס איז געווען א לאָמבארד.

עפּעס א פּיפּיקער פּארשוין מיט הויכע, שפּיציקע וואָנסן האָט בערלען כסדר דערלאנגט ציפערן:

— צוויי גאָלדענע רינגלעך... איין און פופציק מיט פופציק...

בערל האָט לאנגזאם אויסגעפירט מיט זיינע אייזעלע, בלייכע פינגער:

— צוויי גאָלדענע רינגלעך...

און א לאנגער ריי זענען געשטאנען אויסגעשטעלט מענטשן מיט אומגעדול־דיקע, פיבערהאפטע פּעקלעך, ווי זיי וואָלטן זיי ארויסגענומען פונעם הארץ.

דער שרייענדיקער פּארשוין האָט זיי אונטערגעכאַפּט, ארייננעשטאָכן און זיי זיינע שפּיציקע אויגן, צוזאמען מיט די שפּיציקע וואָנסן, און צוגעוואָרפן בער־לען די ציפערן: א גאָלדענער זייגער מיט א דאָפּלטער טיר... פיר און זעכציק...

מענטשן האָבן זיך שטיל געקלאָגט מיט צאפּלדיקע ליפּן, צעפירט אומבא־האָלפן מיט די הענט, אָבער בערלס פּעדער האָט שוין זייער גורל אויסגעצירקלט מיט רונדע, געציקטע בוכשטאבן, ווי א גוטע, זיכערע מאשין...

* * *

אין אן אלט, ווי פארשוואָלן, געל־גראָ הויז, מיט דיקע אומעטיקע ווענט, פון וועלכע עס שלאָגט דער פארדומפּענער ריח פון שפּיטאָלן און בית־עלמינס מיטן נאָכריח פון אַלטע, פארשטאָרבענע ציימן, זיצט בערל.

א לאנגע, גלייכע, ברוינע באָרד פארדעקט זיין אַלטמאָדיש, פארמלחמהדיקן קאָלנער און שניפּס, וואָס קיינער טראָגט שוין נישט מער. ער זיצט אין א ווינקל פון דעם גרויסן, טונקעלן זאַל און ארום אים ליגט א שווערער אומעט.

זיינע ווייסע, לאנגע פינגער מיט דער פעדער וואנדלען איבער די בלעטער פון די גרויסע, שווערע קאנצעלאריע־ביכער. ארום אים איז א רעש. מענטשן קומען און גייען ארויס. מען וויינט, מען בעט און מען דראָט. מענטשן פון דער גאַס, מיט גרינע פּנימער, אָפּגעריסענע, מיט ריחות פון פייכטקייט, פון קראַנקהייט און פון הונגער.

דאָ קומט מען בעטן ברויט, שפּיטאָלן. דאָ קומט מען נאָך טויט־שיינען פאר געשטאָרבענע. אויסשרייבן טויט־שיינען קומט מען שטיל, מיט געבראָכנקייט, דאָ, אהער, צו בערלען, וואו ער זיצט אין א ווינקל הינטערן באריער.

דער טויט פון יעדן יידן גייט דאָ דורך צוויי גראָבע ביכער אונטער בערלס האַנט. בערל זיצט ווי א טרוקענער, שאַרפנאָזיקער פויגל, וואָס איז פארבליבן פון א ווייטער, אויסגעלאָשענער וועלט.

מענטשן קומען צו צו זיין באריער, קוקן מיט אַנגעווייטיקטע אויגן, רעדן עפּעס און באַקלאָגן זיך.

בערלס טרוקענע פינגער כאַפּן אונטער דאָס פּאַפּיר, און ער כאַפּט אויף דער פּעדער דעם נאָמען פון דעם געשטאָרבענעם. אויב דער נאָמען הייבט זיך אָן מיט א בוכשטאַב, וואָס בערל האָט ליב, איז ער זייער צופרידן. ער האָט ליב: א „ק“ און א „ב“. ער דרייט אוים מיט דער פּעדער דעם בוכשטאַב און שרייבט ווייטער: „געשטאָרבן“.

ביי דעם באריער שטייט אַן אויסגעלאָשענער מענטש, קוקט ווי בערלס האַנט צערטלט די אותיות, ער וואָלט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן וועגן דעם, אז ס'איז נאָך געווען א יונגער און גוטער מענטש... האָט נאָך געקאָנט לעבן... נישט געווען מיט וואָס צו ראַטעווען...

בערל קוקט אויף דעם פּאַפּיר און געפינט, אז דאָס פּינטעלע אויף איינעם א בוכשטאַב איז נישט גענוג קײַלעכיק. פּאַמעלעך טראָגט ער צו נאָך א טראָפּן טינט. דאָ הערזעט ער, אַז נאָך אַ בוכשטאַב איז נישט גוט אויסגעצויגט ביי די זייטן, און די „ר“ ביי דעם וואָרט „געשטאָרבן“ איז צו קורץ. נאָך גוט, וואָס ער האָט דאָס באַמערקט!...

דערנאָך זעט ער, ווי דער פרעמדער מענטש נעמט ביי אים דאָס פּאַפּיר. דער מענטש קוקט צומאָל נישט דערויף און פארשווינדט. פארדריסט עס אים. עס איז אים א שאָד, וואָס ער קאָן עס נישט איבערלאָזן דאָ, ביי זיך אויפן טיש.

ערשט די לעצטע טעג האָט בערל אויפגעטאָן אַ נייעס. ער האָט אין די צענדליקער טויט־שיינען ביי דעם וואָרט „געשטאָרבן“ קונציק פאַרפלאָכטן צוויי בוכשטאַבן מיטאַמאָל. אלע טויט־שיינען פון יענעם טאָג אָן זענען אויסגעשריבן מיט בערלס נייעם אויפטו, מיט דעם שיינעם קונציקן „ציק“.

אין א פרייער מינוט, ווען עס זענען נישטאָ קיין אינטערעסאַנטן, נעמט בערל א ריינעם בלאַנק פון א טויטן־שיין און שרייבט אוים זיין אייגענעם נאָמען. ער האָט ליב דעם בוכשטאַב: „ב“. ער קומט ביי אים אַרוים ווי אַ פיין וואַזעלע. דעם שיין שרייבט ער פאַר זיך אַליין. גאָר שענער, נאָך געפּאָרכטער. און ער שרייבט: „געשטאָרבן“...

פון דעם טויט־שיין האָט ער הנאה, ער באַדאַרף אים קיינעם נישט אוועק־געבן. ער ליגט דאָ פאַר אים, אויפן טיש. און ער קאָן זיך אַנטציקן מיט אים. ער קאָן זיך איינמאָל פאַר אלע מאָל אָנטרינקען מיטן געגום פון זיין שאַפונג... פון זיין טאַלאַנט...

פון דער געטלעכער מתנה, פון זיין האַנטשריפט...

# לייבעלע

אין דער סוחרישער קאַוויאַרניע אויף די נאַלעווקעס איז לייבעלע געווען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. ער האָט זיך פריער לאַנג אַרומגעדרייט אַרום דער טיר, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וועט אַריינקומען אינעווייניק, וועלן אים די קעלנער אַרויסשטעלן מיט זיסע מאכלים און געבעקסן, וואָס ווינקען אַרויס פון די פענצטער, און די צוואַנציק גראָשן, וואָס ער האָט בײַ זיך, וועלן אים נישט קלעקן צו באַצאָלן. מען האָט אים אָבער געזאָגט, אַז דעם ווירט פון דעם הויז, וווּ ער וווינט אויף דער ניזקע גאַס, קאָן ער נאָר דאָ געפינען, ווייל דאָ קומען זיך די ווירטסלייט צונויף.

זען און רעדן מיטן ווירט האָט לייבעלע געמוזט, ווייל אויף איבערמאָרגן האָט באַדאַרפט קומען צו אים דער קאָמאָרניק, אים אַרויסוואַרפן פון דער דירה, אָדער, ווי דאָס האָט געהייסן, מאַכן די עקסמיסיע פון זיין בוידעם־שטיבל, וווּ ער וווינט שוין צוואַנציק יאָר.

האָט זיך לייבעלע לאַנג אַרומגעדרייט אַרום דער קאַוויאַרניע. די קעלט האָט אים דורכגענומען, און ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ נאַסער שניי, האָט ער זיך שטיל אַריינגעשאַרט אינעווייניק.

די קאַוויאַרניע איז באַשטאַנען פון צוויי לאַנגע, טונקעלע צימערן, וווּ עס האָבן געברענט צוויי גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, כאָטש ס'איז נאָך געווען טאָג. די ווייסע מאַרמאָרנע טישלעך האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין די גרויסע שפּיגלען מיט די ברייטע גאָלדענע ראַמען. לייבעלען האָט אַרומגעכאַפּט אַ וואַרעמקייט און אַ געשמאַקער ריח פון זיסן געבעקס. עס האָט אים אויך אָנגעהויבן בייסן אין דער פּלייצע, און אַ שטיל חלשות פון הונגער האָט אים אָנגעהויבן קיצלען בײַם האַרץ.

דעם קעלנער, וואָס האָט אויף אים אומגעדולדיק אַ קוק געטאָן, האָט ער אויסגעמשלט אויף וועמען ער וואַרט, יענער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

— דער הער... איז נאָך נישט געקומען... שטעלט זיך אַוועק אין אַ זייט און שטערט נישט...

און ער איז אַוועק מיט דער טאַץ.

לייבעלע האָט זיך דערפילט אַ ביסל זיכערער. אַרום ביי די טישלעך זענען געזעסן געסט, בייכיקע ייִדן מיט פּאַרוקטע הימלען און קאַפּעליושן. מען האָט געטרונקען טיי, געגעסן קיכלעך. ביי די ווינקל־טישן האָט מען געשפּילט אין שאַך, אין דאַמקע און אין דאָמינאָ, אַ לאַנגוויילקע, רוישיקע רעדעריי האָט זיך געטראָגן אַרום די טישלעך. ביי איין טישל איז געווען באַזונדערס רוישיק. דאָרט איז געזעסן אַ קליינער, קײלעכדיקער, ייִד. ער האָט געוואָרפן מיט וויצן, און דער עולם האָט געלאַכט. אין אַ צווייטן ווינקל האָבן זיך צוויי ייִדן געקריגט, מען איז זיך געשפּרונגען אין די אויגן אַריין און מען האָט געשריגן:

— לאָבעס!

— באַנדיט!...

לייבעלע איז געזעסן פאַרקלערט. ער האָט אַלץ געדאַנגהט — פון וואַנען אָט די אַלע ייִדן לעבן?... לייבעלע האָט שוין אויסגעפּרווט אַלע פּרנסות. ער איז שוין געווען אַ שטובן־מאָלער, אַ גלעזער, ער האָט געדרעדלט מצות, געהאַנדלט מיט סאָדע־וואַסער און האָט קיינמאָל נישט געקאָנט זיך פאַרגינען צו קויפן אַ קיכל. נישט אַנדערש, אַז די אַלע ייִדן האָבן אייגענע הייזער...

און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט נאָך ווייטער און פרעמדער צווישן די ייִדן. וואָס האָט ער דאָ צו טאָן? מען קאָן אים טאַקע באַלד פון דאַנען אַרויס־וואַרפן. דערביי איז אים נאָך געלעגן ווי אַ הויקער אויפן קאָפּ, וואָס ער האָט באַ־דאַרפט רעדן מיטן ווירט. ער האָט זיך דערמאָנט, וויפל מאָל ער איז שוין גע־שטאַנען פאַר דעם ברייטן, רואיקן ייִדן מיט דער ראָזער באָרד און ווייסע אויגן. וויפל מאָל ער האָט שוין געבעטן און געשוווירן, און ווי לאַנג דאָס געדויערט יעדעס מאָל, איידער דער ווירט דערמאָנט זיך ווער ער איז. ווי שטענדיק חזרט זיך איבער דאָס אייגענע; דער ווירט טוט אויף אים אַ האַלבן קוק מיט זיינע ווייסע אויגן:

— ווער זענט עטץ?

— איך בין אייער לאָקאַטאָר פון דער ניזקע...

— מיינס אַ לאָקאַטאָר?... ווו וווינט עטץ?...

— אויף דער פּאַציאַטע...

— אויף דער פּאַציאַטע?...

— יאָ, כ'היים לייבעלע... לייבעלע גלעזער... איר דערקאָנט מיך נישט... שוין צוואַנציק יאָר...

— א גלעזער?...

— יאָ, און א מאַלאַזש...

— א מאַלאַזש?...

— יאָ, און א בייגל־בעקער...

— ווי איז מיר... הערטס נאָר דאָס ביסל פּרנסות... און פון דעם אלעם צאָלט ער נישט קא דירה־געלט...

— כ'האָב נישט...

— נו, כ'בעט יענק... פאַרוואָס האָט עטץ אויף אלעם יאָ, און נאָר אויף דירה־געלט האָט עטץ נישט...

און די ווייסע אויגן קוקן אויף אים ווי אויף א וואָרעם, אָט, אָט צעטרעט אים דער ווירט מיט זיינע ווייכע, גלאַנצנדיקע שטיוועלער. און לייבעלע פּינטלט מיט די אויגן. פּינטלען מיט די אויגן איז ביי לייבעלען זיינס אַ שטיקל געווער, מיט וועלכן ער באַנוצט זיך זייער אָפט, אַמייסטן קעגן מעכטיקע מענטשן. דער ווירט קוקט אויף אים שווער. אָבער לייבעלע איז שוין אן אַלטער אָרעמאַן, עס אַרט אים שוין איצט נישט. ס'דאַכט אים אפילו, אז דער ווירט מאַטערט זיך איצט, אַז דעם ווירט איז שווערער ווי אים. לייבעלע פּינטלט איצט אַזוי גיך מיט די אויגן, אַז דער ווירט קאָן נישט כאַפּן זיין בליק און עס ווערט אים אומהיימלעך. דער ווירט האָט שוין לעצטנס באַפוילן דער דינסט, אז מען זאָל דעם לאָקאַטאָר לייבעלען מער נישט אַריינלאָזן צו אים, און דעם אדמיניסטראַטאָר האָט ער באַפוילן, ער זאָל לייבעלען אַרויסוואַרפן און — פּטור!

לייבעלעס ווייב, טשיפּע, האַלט אָבער נאָך נישט ביים פאַרלאָזן די פּאַציאַנטע, כאָטש ווינטער איז דאָרט זייער קאַלט און זומער פייכט. זי האָט נאָר באַר דער צייט, זינט עס איז געקומען דאָס קוויטל אויף עקסמיסיע, צוגעטראַכט א פּאָר נייע קללות אויפן ווירט און אויפן אדמיניסטראַטאָר, וואָס ווילן זי אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס מיטן קראַנקן מיידל און מיט די בעבעכעס...

די קללות זענען געווען זייער גוט צוגעטראַכט, באַזונדערס איין קללה איז געווען איינגאַנצן א נייע: „א טראַמוויי זאָל אים א גלעט טאָן איבערן קאָפּ“.

די קללה האָט זייער אויסגענומען אויפן הויף, און אלע האָבן זיך אָנגעהויבן מיט איר באַנוצן. נאָך דעם האָט זיך טשיפּע אַרויסגעלאָזט אין גאַס און האָט זיך דערוווסט, אַז דעם ווירט קאָן מען אַלע טאָג טרעפן אויף די גאַלעווקעס, אין דער קאַוואַרניע, ווו ער פרעסט זיך אָן דעם בויך מיט טשאַסטעס. זי האָט אפילו אליין געוואָלט דאָרט אהינגיין און אים מאַכן א שוואַרץ שבת, נאָר לייבעלע האָט אָפּגעבעטן, ער וועט אליין גיין, בעטן מיט גוטן...

* * *

און ווי לייבעלע האָט זיך אַזוי פאַרקלערט אונטער דעם זיסן ריח פון צימערינג און מאַנדלען, וואָס האָט אים געקיצלט און דערמאָנט אין די יונגע יאָרן, האָט ער איינגעדרימלט און פאַרגעסן אין אַלעמען.

— פעטער... שלאָפט נישט... ס'א שאָד די צייט...

א ברייטע, גאָרגלדיקע שטים האָט אים אויפגעריסן. לייבעלע האָט זיך דערשראָקן. ער האָט זיך שנעל ארומגעקוקט און דערזען נעבן זיך א ייד מיט א בערדל, מיט א גרויסער, רויטער און שווערער נאָז. דער ייד האָט זיך שווער אַראָפגעלאָזט אויף א שטול נעבן אים און, רייבנדיק זיך די קני, א זאָג געטאָן:

— א פאַרגעניגן... א ייד האָט צייט צו כאַפּן א דרימל... האַ? ביי די היינטיקע געשעפטן, קאָן מען דרימלען... האַ?... און ווער זענט עטץ... אַ היגער? דאכט זיך... באַקאַנט... אינס ווערטער נאָמען?...

לייבעלע האָט א פינטל געטאָן מיט די אויגן און א זאָג געטאָן:

— לייבעלע...

— הע... און אינס געשעפט?... פון דער בראַנזשע?...

—פון פאַך ביז עד... — האָט לייבעלע אָנגעהויבן, אָבער דער ייד מיט דער מוראדיקער נאָז האָט אים נישט געלאָזט רעדן:

— הכלל... זי קויפן, אָדער פאַרקויפן?...

— נישט דאָס און נישט...

— כ'האָב פאַר אינען א געשעפט..

— פאַר מיר?...

— יאָ.

— וואָס פאַר א געשעפט?

— איך האָב פיר אינען א הויז מיט צוויי אָפיציגעס... א גרויסער הויף, מיט אַ פלאַץ צום בויען פיר שטאָק... מיט געוועלבער אין אַ גוטן פונקט... א „גאָלדענער אָדער“...

— וואָס זשע זאָל יעד טון?...

— נישט קלערן... פאַניע... נישט קלערן... נאָר קויפן...

— איך זאָל קויפן? — און לייבעלע האָט לאַנג אָנגעפינטלט מיט די אויגן. עס האָט אים נאָכאמאָל אָנגעהויבן בייסן אין דער פלייצע.

— דאָס האוז האָט קיין גראָשן שולדן... וויסן זי... אָהנע פראָצענטער... ריינע איינקונפט. קיין איין פענטאַק ווינט נישט אין דעם הויז... קיין איין שלעפער... אַלץ סוחרים און פיינע לויטע...

לייבעלע האָט פלוצלונג א ציטער געטאָן מיטן בערדל, ווי ער וואָלט אראָפגעשלונגען אַ ארבעס.

— יעד... יעד בין אן אָרעמאַן...

די באָז האָט זיך א רוק געטאָן אויף אים, ווי זי וואָלט אים געוואָלט איינ־שלינגען:

— אָ, מען ווייסט שוין די אָפּגעריבענע יידעלער... די גנבעכלעך... וואָס מאכן זיך פאר אָרעמעלייט... פאניע... זיי האָבן דאָס אמתע געלט... זי מוז זיין פון דער פּראָווינץ... האָ?... פארצייען זי... אגומלט איז אויך געקומען אהער אזא... האָט זיך געמאכט פאר אן אָרעמאַן... א בעטלער... און האָט פון מיין האנט געקויפט... זי קאָנען דאָס גרויסע הויז פון פינף שטאָקן ביי דער טווארדאָ?... עטוואס גראָסארטיקעס... אלדזאָ פאניע?...

לייבעלע האָט א שפאן געטאָן, די באָז האָט זיך געלאָזן נאָך אים.

— נעמען זי דאָס האוז... פאניע... פארלירן זי נישט די געלעגנהייט... קיין שולדן... קיין רעמאָנט...

לייבעלע האָט אָנגעווענדעט זיין לעצט מיטל, ער האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן. ער האָט געפינטלט אזוי לאנג, ביז וואנען ער האָט דערזען די ראָזלעכע באָרד פון זיין ווירט. לייבעלע האָט זיך א בייג געטאָן, געוואָרן קליין און שמאָל, שמאָל ווי א ייִנגל.

דער ווירט האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיינע ווייסע אויגן און זיך אָנגע־שפאַרט אין זיין בייניקנעם שטעקן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן ווי שטענדיק:

— ווער זענט עטץ?

— כ'בין אייער לאָקאטאָר פון דער גיזקע...

— מיינס א לאָקאטאָר?... וו וווינט עטץ?...

— אויף דער פאציאטע...

— אויף דער פאציאטע?...

— יאָ, כ'הייס לייבעלע, לייבעלע גלעזער. איר דערמאָנט מיך נישט... שוין צוואנציק יאָר...

— א גלעזער?

— יאָ, און א מאלאזש...

— א מאלאזש?...

— יאָ, און א בייגל־בעקער...

— געוואלד געשריגן... אזויפיל פּרנסות... כ'בעט ענק... און פון דעם אלעם צאָלט עץ נישט קא דירה־געלט?...

און די ווייסע אויגן קוקן אויף אים אזוי ווי אויף א וואָרעם... אָט, אָט צע־טרעט ער אים מיט זיינע ווייכע, גוטע, גאָר גוטע, נגידישע, גלאַנציקע שטיוועלער. און לייבעלע פינטלט גיך און לאנג מיט די אויגן...

# געקומען נאָכפרעגן

אַן עלטערע פרוי מיט אַ פשוט יידיש פנים און שוואַרצע, יידישע, פאַרזאָרגטע אויגן איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון מיין צימער. היינטער איר האָט נישט געקענט ווייליק נאָכגעשפּאַנט אַ מיידל פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. דאָס מיידל האָט געהאַט אַ בלייכגרינלעכע הויט אויפן פנים, אַ ביסל אַ דיקלעכע נאָז און פרישע, וואַרעמע ליפּן.

זיי האָבן געוואָלט מיט מיר רעדן, די עלטערע פרוי האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז קיינער דאַרף דאָ מער נישט זיין.

כ'האָב געבעטן זיצן, און די עלטערע פרוי האָט אָנגעהויבן:

מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ביי אייך קאָן איך מיך נאָכפרעגן וועגן דעם יונגנמאַן ב., אַז איר קענט אים גוט...

— עס ווענדט זיך, וואָס איר ווילט וועגן אים וויסן... אין וואָס פאַר אַן אָנגעלעגנהייטן... אויב צום ביישפּיל...

— איך וועל אייך זאָגן, — האָט מיר די פרוי איבערגעשלאָגן, זי האָט זיך אַ ביסל געוואַקלט און מיטאַמאָל אַרויסגעזאָגט:

— וואָס דאַרף מען דאָ באַהאַלטן... ס'איז אַ יידישע זאַך... עס האַנדלט זיך טאַקע וועגן אַ שידוך...

אַלץ, וואָס מיר איז געווען באַוווּסט וועגן מיין באַקאַנטן ב., האָט זיך ווייט נישט געפּאַסט צו דער אָנגעלעגנהייט. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז אַ היינטצייטיקער יונגערמאַן, אַ פרייער, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט קולטור־אַרבעט, אַז ער איז אַ שיינער בחור, וואָס פירט זיך אַרום מיט מיידלעך, רעדט וועגן מוזיק, וועגן ליטעראַטור, קומט אין די קרייזן פון קינסטלער. מ'האָט, דאַכט זיך, אויך גערעדט, אַז ער האָט שוין געהאַט אַ ווייב... כ'האָב אים אויך אָפט באַגעגנט אין דער געזעלשאַפט פון אַ מיידל. איך האָב אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— אַזוי גאָר... וועגן אַ שידוך... וואָס, איר קענט גאָרנישט דעם ה' ב...? —

האָב איך מיך געווענדט צו דעם יונגן מיידל. — מיר דאַכט זיך, אַז אַמבעסטן וואָלט געווען, איר זאָלט זיך מיט אים אַליין צונויפרעדן... דער הער ב. איז דאָך אַ פרייער... הייַנטצייטיקער מענטש... ער וואָלט אייך ווען זיך געקאָנט זאָגן אַ סך מער ווי — איך...

— געזונט זאָלט איר מיר זיין... — האָט שוין די יידענע אָנגעהויבן אויף איר שטייגער:

— געזונט זאָלט איר מיר זיין, פאַניע... מיר קענען אים... ער איז שוין ביי אונדז אין שטוב געווען עטלעכע מאָל... דאָס מיידל — דאָס איז טאַקע מיין טאָכטער, האָט זיך מיט אים באַגעגנט אין אַ שטוב ביי באַקאַנטע... זייער פיין... אָבער אַלס מענטשלעכקייט פירט זיך, אַז מ'פרעגט זיך נאָך... כ'ווייס... ער זעט אויס אַן אָרנטלעך מענטשל... אָבער ווער קאָן היינטיקע צייטן וויסן... וואָס וויל רען אַ מאַמע?... אַ מאַמע וויל, עס זאָל זיין גוט... און אויף מיין מבינות קוקט מען דאָך סיי־ווי־סיי נישט... איך וואָלט געוואָלט... אַוודאי וואָלט איך געוואָלט אַ יידישן מענטש... מילא... כ'זע דאָך... קיין גרויסער ייד איז דאָס נישט... קיין דאַווענער... אויך נישט... ני, וואָלט איך געוואָלט, אויב נישט צו גאָט... איז כאָטש צו לייט... ס'איז דאָך מיין קינד... האָט מען מיר געזאָגט, אַז ביי אייך קאָן איך מיך דערוויסן...

דער גאַנצער אָרט געשפּרעך איז מיר אויסגעקומען ווילד, איך האָב מיר קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ווען ווערן פון מיינע באַקאַנטע, אַז ווען אַ מענטשן, וואָס מ'קאָן באַגעגענען אין מיין קרייז, וועט מען קומען זיך נאָכפרעגן ווען אַ שידוך.

איך האָב געקוקט אויף דעם מיידל. זי איז איצט געזעסן מיט אַ פיינלעכן אויסדרוק אין די אויגן, ווי זי וואָלט אויסגעהערט דעם דיאַגנאָז פון אַ דאָקטער, וואָס ראַטעוועט אָדער זאָגט אָפּ דאָס לעבן. איך האָב ערשט איצט, אין דער מינוט, דערזען איר שטאַרקע ענלעכקייט צו דער מוטער, און איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט, אַז מיין באַקאַנטער, דער פריילעכער, לייכטזיניקער יונגערמאַן ב. האָט געמאַכט אַ וויץ, און איך האָב מיך געווענדט צו דעם מיידל:

— זאָגט מיר, פריילין... דעם הער ב. קענט איר דאָך געוויס...

דאָס מיידל האָט אַ מינוט געשוויגן, און צום ערשטן מאָל האָט זי געלאָזט הערן איר פיינע, האַרציקע, פאָלקסטימלעכע שטים:

— מיר קענען זיך שוין פון אַ לענגערער צייט... מיר באַגעגענען זיך גאַנץ אָפט... ער האָט מיר טאַקע דערציילט וועגן אייך... אַז איר קאָנט וועגן אים זאָגן...

— ווייסט איר וועגן אים אַזוי ווינציק, אַז דאָס, וואָס איך וועל אייך זאָגן, וועט פאַר אייך קלינגען...

דאָס מיידל האָט געשוויגן.

איך האָב געקוקט אויף איר, און איצט האָב איך דערזען אין די ווינקלען פון איר מויל, אַז זי איז אַ ביסל צוגעוועלקט, ווי אַ בלעטל אין שפּעטן זומער. די מו־טער האָט פּלוצלונג אונטערגעכאַפּט מיין בליק און געזאָגט:

— מיינט נישט, פּאַניע, אַז דאָס איז אַ פּראָסט מיידל... די מאַמע איז טאַקע אַ פּשוטע יידענע, אָבער זי האָט געלערנט, ווו ס'איז נאָר דאָ אַ זאַך... זי איז הויך געבילדעט...

— זאָל די מאַמע אויפהערן... — האָט דאָס מיידל געמאַכט אַן אומגעדולדי־קע באַוועגונג.

— פאַרוואָס? — האָב איך שטיל געזאָגט. — דאָס איז וויכטיק... האָט איר עפּעס געלערנט אַ ספּעציאַליטעט?...

—איך האָב געענדיקט דאָס גימנאַזיום... איצט בין איך אויפן אוניווערסי־טעט... אויף נאַטור־וויסנשאַפט...

מיר איז געוואָרן אַ ביסל אומבאַקוועם:

— נו, איר לערנט דאָך צוליב אַ צוועק... צוליב דעם איר זאָלט קאָנען זיין זעלבשטענדיק... האָבן אייגענע מעגלעכקייטן... ווי זשע קלערט איר נאָך דער חתונה...

— געזונט זאָלט איר זיין... ווי הייסט... זאָל זי נאָר מיט גאָטס הילף חתונה האָבן, וועלן איר דען ליגן אין קאָפּ די אַלע נאַרישקייטן... אָט, איר ווייסט נישט?... וואָס וועט זי זיצן איבערן ביכל?... זי איז שוין נישט קיין קינד... ס'האָט זיך איר פאַרוואָלט אַ ביסל לערנען... ס'קאָן נישט פאַרשאַטן... היינטיקע צייטן... טאַקע צו אַ שידוך...

איך האָב שמייכלענדיק זיך געווענדט צו דעם מיידל:

— און וואָס זאָגט איר...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— איך ווייס...

אַלזאָ, מיר איז מער נישט פאַרבליבן, ווי צו רעדן וועגן מיין באַקאַנטן ב.

— ער איז, — האָב איך אָנגעהויבן, — ער איז א גאַנץ ווילער יונגערמאַן... פאַר מיר... אָבער איך קלויב דאָך מיך נישט חתונה צו האָבן מיט אים... דאָס הייסט, די מעלות וואָס ער האָט... דאָס וואָס מיר געפעלט... קאָן פאַר אייך גאָר־נישט זיין קיין מעלות... ער איז אַ פרײלעכער, נישט קיין נאַר... נישט קיין פאַר־

גרעבטער מענטש... צי ער איז אַ פּאַרדינער... צי ער קאָן געבן אַ ווייב פּרנסה... ווייס איך נישט... ער איז דאַכט זיך אַן אָנגעשטעלטער אין אַ ביוראָ...

— יאָ, אַזוי האָט ער געזאָגט.

— נו, ווייסט איר דאָך...

— כ'פאַרשטיי, אַז קיין גרויסער פאַרדינער איז ער נישט... נאָר דאָס מאַכט נישט אויס, — האָט געזאָגט די מוטער, — ער וועט ווערן באַווייבט... מע וועט אים נעמען אין די הענט אַריין, ער וועט ווערן אַ באַדאַרפער... וועט ער מוזן זוכן... אַזוי ווי אַלע...

מיר האָט זיך פּלוצלונג פאַרוואָלט זיי אָנשרעקן:

— ער האָט ליב צו פאַרברענגען... מיידלעך...

די מוטער האָט זיך צערעדט:

— דאָס זענען נאַרישקייטן... וועלכער יונגערמאַן האָט דאָס נישט ליב...

זי האָט דערביי קאָקעט אַ שמייכל געטאָן:

— ער וועט זיך סטאַמקעווען... גלויבט מיר, ער וועט קריגן אַ ווייב... ס'וועט אַוועקגיין אַ שטיקל צייט... וועט ער פאַרגעסן אין די אַלע נאַרישקייטן... מען וועט אים נעמען אין די הענט אַריין...

— און טאָמער וועט ער זיך נישט לאָזן?

די יידענע האָט אויפגעשפּילט. זי האָט שוין איצט שעלמיש געוווּנקען:

— מ'האָט שוין געזען אַזעלכע ווי ער... גרויסע מאַכערס... זיי ווערן שפּעטער ווי די לעמעלעך...

אין אירע רייד איז געלעגן עפּעס אַ זיכערער כוח, עס האָט זיך מיר מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז מען איז געקומען צונעמען מיין פריינד, עפּעס טאָן מיט אים „זיין רעכט".

— ער האָט ליב צו פירן אַ פריי לעבן... אַרומצוגיין דורך די גאַסן...

— ער וועט האָבן אַ שטוב מיט אַ ווייב, וועט ער נישט גיין...

איך האָב אָפּגעשוויגן אַ מינוט און זיך אָנגערופן:

— נו, און וואָס איז מיט דעם מיידל... וואָס ער פירט זיך אַרום מיט איר?...

— וואָס פאַר אַ מיידל...

— איך ווייס נישט... נאָר ער האָט מיר דערציילט וועגן אַ מיידל... שוין לאַנג... כ'האָב זי, דאַכט זיך, באַגעגנט מיט אים...

ביידע פרויען האָבן זיך אָנגעקוקט:

— אפשר אַ כלה?...

— אפשר אַ כלה...

דאָס מיידל האָט אַ קוק געטאָן מיט שרעק, און די מוטער האָט זיך אָנגערופן:

— איך האלט נישט דערפון... דאָס איז מסתמא א ליבע... מאלע וואָס ער גייט מיט א מיידל... ער וועט האָבן א ווייב, וועט ער נישט גיין...

דאָ האָב איך שוין באשלאָסן קאליע צו מאכן דעם שידוך. מיר האָט זיך געדאכט, אז דאָס איז מיין חוב, אז איך טו א גוטע זאך, אז איך העלף צעשטערן אן אלטע, פארווילדעוועטע יידישע אינסטיטוציע פון פארהאנדלען לעבעדיקע מענטשן:

— איך הער דאָך, אז איר זענט גרייט אויף אלעם... האָב איך געזאָגט צום מיידל, — עס קאָן זיין, אז איר האָט אים שטארק ליב... און איר וועט אייך פאר גאָרנישט אָפּשטעלן...

די מוטער האָט זיך א כאפּ געטאָן:

— גאָט איז מיט אייך, פאַניע... וואָס הייסט ליב... איר מיינט, אַז מיין טאָכטער איז חלילה פון די מיידלעך... זי איז טאקע א געבילדעט מיידל... ווייל די צייט פאָדערט עס... אָבער די אַלע זאַכן מיט די ליבעס... מיט די אויסגעלאסנקייטן זענען נישט פאר איר... איר מיינט דערפאר, ווייל מיר זענען געקומען צו אייך... מילא, יאָ־יאָ, ניין־ניין. אויב נישט דער יונגערמאן, וועט זיין אן אנדערער... אָבער מע זאָל זיך ליבן...

— נו, און איר קלערט, אז אזא יונגערמאַן ווי ב. וועט באַשטיין צו זיין נאָר א חתן... ס'קאָן זיין, אז ער וואָלט דווקא געוואָלט... ווי ס'פירט זיך הייגט... צו נעמען א פרוי אויס ליבע...

דאָס מיידל האָט זיך ענדלעך אָנגערופן:

— די מאמע פארשטייט דאָס אנדערש... נאָר איך... איך וואָלט געוואָלט האָבן אין אים א גוטן חבר...

איר האלדז איז פארלאָפן מיט א רויטקייט:

— מיר דאכט זיך, אז דער ה' ב. איז א סימפאטישער מענטש... נאָר איך קען אים נאָכנישט אַזוי גוט... כ'וואָלט געוואָלט וויסן... צי ער האָט אַ גוטן כאראקטער...

— פאר מיר איז זיין כאראקטער נישט קלאָר... — האָב איך כיטרע געזאָגט.

— מיר דאכט זיך, אז ער איז א שטיקל עגאָיסט...

די מוטער האָט, זעט אויס, דאָס נישט דערהערט, זי האָט, זעט אויס, געקלערט וועגן עפּעס אנדערש, אָבער דאָס מיידל האָט מיטאמאָל אויפגעלעבט, זי האָט זיך צערעדט מיט מיר וועגן דעם, וואָס עס הייסט עגאָיזם. לויט איר מיינונג זענען אלע מענער עגאָיסטן. זי האָט גערעדט מיט פייער, אזוי ווי אלע יידישע טעכטער. און באַלד האָבן מיר שוין נישט גערעדט וועגן דעם יונגערמאַן ב., זי האָט שוין גערעדט וועגן אָטאָ ווייגנגער, וועגן מאַן און פרוי, וועגן ביכער, וועגן

ליבע, זי איז געוואָרן היימישער, צעוואַרעמט, דערביי האָבן אויף איר פּנים אויס־ געבליט פייגע שטריכן פון שיינקייט. איך האָב פּלוצלונג באַמערקט, אַז זי האָט זייער פייגע אויגן, אין וועלכע עס ליגט אַ זיסקייט, און אַז זי האָט זייער פרישע ציין, און אויך איז מיר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, וואָס עס האָט געפירט מיין צעפּיעשטשעטן פריינד ב. צו דעם יידישן באַלעבאַטישן מיידל, וואָס פאָלגט די מאַמע.

די מאַמע איז געזעסן, געהערט די קלוגע רייד פון דער געבילדעטער טאָכ־ טער און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אינעם לויף פונעם געשפּרעך מיטן מיידל ווייס איך נישט, וויאַזוי אונדזערע הענט האָבן זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט, און מיר איז מיטאַמאָל גוט געוואָרן נעבן איר, נישט געקוקט דערויף, וואָס די שווערע, פרומע יידישע מאַמע איז געזעסן נעבן אונדז. מיר האָבן שוין, דאַכט זיך, וועגן אַלעם אָפּגערעדט, דאָך האָבן זיי זיך נישט אויפגעהויבן אוועקצוגיין. דער יונגערמאַן ב. איז ווי אוועקגערוקט גע־ וואָרן ערגעץ ווייט, גלייך ווי וועגן אים וואָלט זיך שוין דאָ נישט געהאַנדלט.

דאָס מיידל איז צוריק געוואָרן שטיל, אָבער אין אירע אויגן איז געבליבן דער גלאַנץ פון דערוואַרעמטקייט. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול און גע־ מאַכט עטלעכע טריט אין דער טונקעלער זייט צימער. זי האָט זיך גענומען באַ־ קוקן די בילדער אויף די ווענט, און איך האָב דערביי געקאָנט זען אירע הויכע, פיין־געשניצטע פיס און איך האָב פּלוצלינג דערפילט אַ פאַרלאַנג זי צו פאַר־ האַלטן, זי נישט אַרויסצולאָזן אַזוי גיך פון דער שטוב. דערווייל האָט די מוטער, ווי זי וואָלט געוווסט מיינע געדאַנקען, זיך שטיל אָנגערופן צו מיר:

נו, און איר, פאַניע... קלערט לאַנג אַזוי צו בלייבן אַ בחור?... זייט מיר מוחל... איר ווייסט נישט?... אַ יידענע...

— ס'זאָל זיך מאַכן עפּעס אַזוינס... ס'זאָל מיר געפעלן... — האָב איך גע־ לאַכט, — כ'האָב אָבער נישט קיין מזל... אַזוי ווי אַנדערע... אָט ווי דער ה' ב.

— ווי הייסט, איר האָט נישט קיין מזל... איר זאָלט דאָס זאָגן... אַ מאַנצ־ פּאַרשוין... איר דאַרפט נאָר אַ פּיפּס טאָן... מען וועט אייך צוכאַפּן... מילאַ, קיין קאָמפּלימענטן קאָן איך אייך נישט מאַכן... און וואָס טויג אייך אַ קאָמפּלימענט פון אַן אַלטער יידענע?...

און זי האָט אַ לאַך געטאָן מיט אַ מיידלש געלעכטער.

איך האָב שוין מער נישט געוואָרט און אויסגעשאָסן:

— אָט אַזאַ מיידל... ווי אייער טאָכטער...

איך האָב דאָס געזאָגט הויך, בלויז אַריינצוברענגען אַ היימישקייט. אָבער דאָס מיידל איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין, מיט אָנגעשטעלטע אויגן אויף מיר.

איך האָב מיך אויפֿגעהויבן. מיר האָבן אַלע דריי געשוויגן, און נישט קאָנענדיק פֿאַרטראָגן דאָס מאָדנע שווייגן האָב איך זיי איבערגעבעטן און אַריין אינעם צווייטן צימער.

ווען איך בין נאָך אַ פּאָר מינוט אַריינגעקומען, זענען ביידע פֿרויען געשטאַנען אין אַ ווייטן ווינקל און לעבהאַפֿט גערעדט צווישן זיך, זיי האָבן זיך נישט געקליבן אַוועקצוגיין:

— נו, גוט... — האָט די מוטער געזאָגט און זיך געווענדט צו מיר...

— כ'האָב אייך געוואָלט בעטן... אַז מיר זענען שוין דאָ... אפשר קאָן מיין טאָכטער אַריינגיין אינעם צווייטן צימער... כ'האָב נאָך געוואָלט מיט אייך עפּעס רעדן...

מיין האַרץ האָט געקלאַפּט, ווען איך האָב דאָס מיידל אינעם צווייטן צימער אַריינגעפֿירט, איך האָב זי נישט ווילנדיק גענומען אונטער דער האַנט, זי האָט אַ דריק געטאָן מיינע פֿינגער צו איר לייב.

די מוטער האָט מיך באַגעגנט מיט קלאָרע, פּשוטע רייד:

— דאָס, וואָס כ'האָב פֿון אייך געהערט וועגן דעם יונגענמאַן, איז עס מיר נישט אַזוי צום האַרץ... מיין טאָכטער איז אַ גוט קינד, און דאָס, וואָס עס געפֿעלט מיר נישט, איז איר אויך נישט אַזוי... אַלזאָ, וואָס האָבן מיר אַ סך צו רעדן... איר געפֿעלט מיר בעסער... עפּעס זענט איר מער מענטש... און אויב ס'איז אַזוי, ווי איר האָט געזאָגט... קאָנען מיר שוין אָפּרעדן...

— נו, און די טאָכטער! — האָב איך אויסגעשריגן, און אַ הייסע פּאַליע האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ אַריין.

— כ'האָב שוין מיט איר גערעדט... איר מעגט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן...

איך בין משוגע געוואָרן, איך האָב געכאַפּט די דיקע, שווערלעכע האַנט פֿון דער ייִדענע און זי אַ קוש געטאָן, די האַנט האָט געהאַט אַ ריח פֿון ייִדישע בשמים. איך האָב אַ שפּרונג געטאָן אינעם צימער אַריין צו דעם מיידל, זי אַריינגעפֿירט אונטער דער האַנט. זי האָט באַהאַלטן די אויגן.

— זי שעמט זיך... — האָט די מוטער געזאָגט.

* * *

עס איז שוין געווען שפּעטער אָוונט, ווען מיר האָבן געענדיקט דאָס געשפּרעך. עפּעס אַ משונהדיקער אימפּעט האָט זיך אַריינגעקריגן אין מיר, ווי אין אַ חלום, ווען דער מענטש וואַנדלט אַרום אין עפּעס אַ טונקעלער, אומזיכערער וועלט. מיין מוח האָט געאַרבעט, ווי עס וואָלט מיר אָנגעוואַקסן נאָך אַ קאָפּ.

איך האָב מיטאמאָל באקומען א נייע וואָג און א נייע צארטקייט צו זיך אַליין. די פרעמדע פרוי האָט שוין איצט געוווסט, אַז איך טרינק נישט אין דער פרי קיין מילך. זי האָט געטאַפּט מיינע קישנס און געפונען, אז זיי זענען צו האַרט.

און דאָס מיידל? זי איז געזעסן און געקוקט אויף מיר מיט א פארכישופטן בליק, דערנאָך האָט מען זיך גענומען געזעגענען.

איך האָב שוין געגאַרט, וואָס גיכער צו בלייבן אליין. מיר האָט זיך געדאַכט, אז צו מיר אין שטוב איז אריינגעפלויגן א משונהדיק קאָלירטער פויגל פון א פרעמדער וועלט. די מוטער איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל. זי האָט גערעדט וועגן עם, וועגן וואָס מען וועט ערשט מאָרגן רעדן. מאָרגן, ווען איך וועל זיין ביי זיי מיטן ערשטן וויזיט.

— הכלל, ס'איז שפּעט... טאָכטער... א גוטער מלאך האָט אונדז אהערגעפירט...

זי האָט גערעדט עפּעס ווילד־פרעמדע ווערטער, וואָס האָבן מיך געטראָפן ווי וואַרעמע שטראָמען פון ערגעץ ווייטע, קינדערשע פאַרבלענדענישן.

און איצט, ווען די מוטער איז שוין געווען הינטער דער טיר, איז נאָך דאָס מיידל געשטאַנען נעבן מיר אין א מאָדנער נאָענטקייט, מיין האַרץ האָט ווילד געקלאַפּט. די גאַנצע צייט האָב איך געוואָלט עפּעס פרעגן און נישט געפונען דערויף קיין וואָרט, איצט האָב איך געפרעגט, ווען אירע הענט זענען געלעגן אויף מיין ברוסט:

— ווי איז אייער... דיין נאָמען?...

— פאַר אייך... וועל איך הייסן... מרים... פּשוט... מרים...

און זי האָט אַן אָטעם געטאָן מיט אירע קילע האָר אויף מיין פּנים, זי האָט זיך א דריק געטאָן צו מיר, מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך דאַרף איר א קוש טאָן, אָבער זי האָט זיך שנעל געלאָזט נאָך דער מוטער און מיט א לאַנגן, ליכטיקן בליק אַרויסגעפלאַטערט פון מיין צימער, איבערלאָזנדיק אַ שטיקל קוים הערבאַר צוזאָג:

— מאָרגן...

# די אַלטע לאהלע

זינט מען האָט געטוישט די דירה, קאָן זיך די אַלטע לאהלע נישט געפינען קיין אָרט, כאָטש מען האָט איר דאָס אָרט אירס אָנגעוויזן, און זי אַליין האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דער טונקעלער אַלקיר מיט דעם הויכן, האַלב־בלינדן פענצטער דאַרף זיין פאַר איר.

דאָרטן טאַקע שלאָפט זי אויף א קליין, קורץ בעטל, וואָס איז געוואָרן צו קליין פאַר אַבראַמעקן. אַבראַמעק איז קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן... דרייצן יאָר איז ער אַלט... שוין אַזוי הויך ווי דער פאָטער...

די אַלטע לאהלע גייט נאָך אַלץ אַרום איבער דער נייער דירה ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע. זי קאָן נאָך אַלץ נישט כאַפּן, צי זענען דאָ דריי צימערן, צי טאַקע פיר. זי טאַפּט די נייע ווענט און דערטאַפּט אַלע מאָל נייע זאַכן, וואָס זענען דאָ אַהער אַריינגעבראַכט געוואָרן. גאָט צו דאַנקען, — קלערט זי, — דעם זון, זעט אויס, גייט עס נישט שלעכט. נאָר פונדעסטוועגן איז איר אַ שאָד די אַלטע דירה, די צוויי צימערלעך, וווּ דער זון האָט געוווינט אַלע אַכצן יאָר פון דער חתונה אָן. דאָרט האָט זי שוין געקענט יעדעס ווינקעלע און ס'איז גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט צו שלאָפן אין דער קיך. אַ וואַרעמע קיך געווען... דאָרט האָט זי זיך שוין צונויפגעלעבט מיט די גרינלעכע ווענט, מיט דעם אַלטן, שווערן טיש. אינעם טישקעסטל האָט זי שוין פון יאָרן געהאַט אירע זאַכן, צו וועלכע זי האָט געקאָנט, אפילו אין דער פינצטער, מיט אירע שוואַכע אויגן צוקומען.

דאָרט איז געלעגן דאָס קעמל, אַן אַלטע, געלע פאָטאָגראַפיע פון איר פאַרשוווּנדענעם זון יצחק, אַ פאָטאָגראַפיע נאָך פון דער צייט, ווען ער האָט געדינט אינעם רוסישן מיליטער, זיינס אַ בריוו פון פאַר דער מלחמה און אַ שטיקל קנאָבל, וואָס זי האָט ליב דערמיט זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. נו, איז אָבער געווען שלעכט מיט פאָלטשען, מיט דער שנור. די שנור האָט דווקא געוואָלט אַ נייע דירה. און אפשר איז זי טאַקע גערעכט. ס'איז געווען ענג. דאָס מיידל מאַניושאַ

ווערט שוין פופצן יאָר, ס'קומען חברטעס... און פאַרוואָס נישט... אַז גאָט העלפט...

די אַלטע בלאָנדזשעט אַרום פון איין זאַך צו דער צווייטער. פרעמדע, בייזע זאַכן פון אַ נייער, פרעמדער וועלט. דאָס געהיימנישפולע, גלאַטע קעסטל פונעם ראַדיאָ, דער פּאַטעפאָן, זאַכן פון דער איצטיקער וועלט, פאַר וועלכע די אַלטע האָט מורא, און עס יאָגט פון זיי אַ פרעמדקייט, ווי פון פּאָלטשען, דער שנור.

אויך די שנור האָט באַקומען עפעס אַ פרעמדע גלאַנציקייט און נייקייט. דער זון מאַקס איז פאַריאָגט, זי זעט אים נישט דורך גאַנצע טעג, עס דאַכט זיך איר, אַז ער פליט ערגעץ אין אַ געפערלעכן לויף, דאָס האַרץ שרעקט איר. זעלטן ווען ער גייט צו צו איר נאָענט, דאָס האַרץ פאַרשטאַרבט דעמלט אין איר.

— וואָס מאַכסטו, מאַמע... ווי גייט עס דיר?...

עפעס פלאַטערט אויף אין איר, זי וואָלט אים געוואָלט כאַפּן, זי זעט שוואַך, זי וואָלט געוואָלט אָנרירן זיין פּלייצע, אַ גלעט טאָן זיין קאָפּ... עפעס אים אָנזאָגן... וואָרענען אים פאַר עפעס... אָבער איידער וואָס, פאַרשווינדט ער. און די שנור? די שנור רעדט וועגן איר הויך, רופט זי „אַלטע“. און דאָס נאָר צו דער דינסט אַז זי זאָל היטן די שטוב, אַז זי זאָל זיך אויף דער אַלטער נישט פאַרלאָזן... זי גייט פאַרביי איר, אַזוי גרויס, אַזוי צעוואַקסן... מיט עפעס אַ ווייטן, בייזן ריח... אויך איר וואָלט די אַלטע געוואָלט עפעס זאָגן, נאָר זי קאָן זי קיינמאָל נישט דעריאָגן, זי ווייסט אליין נישט, ווי זי איז אַזוי ווייט אוועקגערוקט געוואָרן פון די קינדער... פאַרוואָס זי עסט באַזונדער אין איר ווינקל. די קליינע ברענגען איר עפעס פון טיש, עפעס אַ זיסקייט אָדער אַ פרוכט, לייגן עס אַוועק און לויפן שנעל אַוועק פון איר. זי ווייסט, אַזוי האָט מען זיי געלערנט, אַז זיי זאָלן זיין גוט צו דער באַבטשען...

אָפט קומען געסט. מע פאַרברענגט ביזן שפעטן אָוונט. מען שפּילט אין קאָרטן. די אַלטע זיצט אינעם טונקעלן אַלקירל און צו איר דערטראָגט זיך דער לוסטיקער רעש. די געסט, וואָס קומען, זענען איר פרעמד, בייע מענטשן, זי קען זיי נישט, און זי ווייסט אַליין נישט, פאַרוואָס זי האַלט זיי פאַר שלעכטע מענטשן, וואָס זענען אָנגעפאַלן אויף דער שטוב. עס דאַכט זיך איר, אַז זיי זענען געקומען אַהער עפעס צונעמען.

און אָט פאַרבלאָנדזשעט אַהער עפעס אַ פרוי מיט אַ מאַן, זיי לאַכן און דערציילן זיך עפעס אין דער טונקל. מיט זיי איז אויך דאָ פּאָלטשע, די שנור. די פרעמדע פרוי דערשרעקט זיך מיטאַמאָל:

— אַך, ווי איך האָב מיך דערשראָקן... ווער איז דאָ?...

— גאָרנישט... די מאַמע... די אַלטע... — זאָגט פֿאַלטשע און אַלע קוקן זיך נייגעריק אַרום:

— איר האָט דאָ אַ מאַמע?...

און די אַלטע וואַרט. איצט דאַרף זיך באַווייזן דער זון, מאַקס, און עפּעס זאָגן...

— אַוודאי... דאָס איז דאָך מיין מאַמע... — וועט ער זאָגן.

און אפשר:

— מיין טייערע מאַמע...

אָבער אַלע פֿאַרלאָזן דעם אַלקיר, און קיינער קומט נישט מער. דער זון שפּילט אין קאָרטן. ער איז ווייט.

די אַלטע הייבט זיך מיטאַמאָל אויף. זי איז שוואַך, אָבער עפּעס ברויזט אין איר אויף אַן אַלטער כּוח, וואָס נייט זי צו גיין. זי פֿאַרמאַכט די אויגן פֿאַר דער ליכט. דאָס צימער איז שטאַרק באַלויכטן, און אַלע מענטשן הייבן זיך אויף פֿון די שטולן, מע וואַרט אויף עפּעס... דער זון לויפֿט צו צו איר, זיין שטים איז דער־שראָקן:

— מאַמע... מאַמע... וווהין גייסטו?...

— צו די קינדער... — מורמלט די אַלטע, — זי וויל אַריינגיין צו די קינדער. אַבראַמעקן וויל זי זען... צי ער שלאָפֿט...

די שנור לויפֿט צו, זי שטופּט אַוועק דעם זון און פֿאַרשטעלט איר דעם וועג:

— מע דאַרף נישט... די קינדער שלאָפֿן...

זי רירט זי אָן ביים אָרעם. די שנורס פֿינגער זענען מאָדנע האַרט און ביין.

— זאָל די שוויגער נישט גיין... אַזוי שפּעט... וואָס דאַרף די שוויגער די קינדער...

עס איז שטיל געוואָרן. די אַלטע פֿילט, אַז איצט וואָלט זי געקאָנט דאָ אַלע שטערן, אַוועקרופֿן מאַקסן, איר זון, איר קינד... ער זאָל זיצן נעבן איר... דאָרט, אין אַלקיר...

זי טוט עס אָבער נישט. זי גייט צוריק. זי לייגט זיך אַוועק און זי וואַרט, אפשר וועט זי איצט שטאַרבן?... זי איז דאָך שוין אַן עלטערער מענטש... אַלע וועלן זיצן אינעם צווייטן צימער, און זי וועט דאָ שטאַרבן... די נשמה וועט אַרויס פֿון איר שטיל, און קיינער וועט נישט וויסן, און ער אויך נישט... ער, דער זון...

מיטאַמאָל הערט זי טריט. דאָס אַלטע האַרץ פֿאַרשטאַרבט. יאָ, ער. ער גייט...

זי וועט זיך נישט רירן... ער זאָל קומען נענטער... גאָר נאָנט... אָט דאָ, אויפֿן ראַנד פֿונעם שמאָלן בעטל זאָל ער זיך אַוועקזעצן...

און אָט שטייט ער איבער איר:

— מאַמע... וואָס איז מיט דיר... ווו האָסטו פּלוצלונג געוואָלט גיין... שפּעט אין דער נאַכט... וואָס איז? פעלט דיר עפּעס?... זאָג... אפשר...

די אַלטע שווייגט, האַלט איין דעם אָטעם.

דער זון הייבט אויף די שטים מיט אַ צאַפּל פון שרעק:

— — מאַמע...

זיין האַנט רירט אָן איר פּנים:

— מאַמע...

די אַלטע גראָבט זיך איין מיט אירע הענט אין זיינער:

— זון... זון... אָט אַזוי... אַן אַלט מענטש... שוין נישט לאַנג... געדענק... אַ מאַמע...

זי שלעפּט אים צו זיך, דערפילט זיין קאָפּ נעבן איר פּנים, און אירע איינגע־פאַלענע ליפּן גראָבן זיך אין זיינע האָר, אין זיין פּנים...

# עדזשע

מיט אַ קליינעם קאָפּ, מיט מעכטיקע הענט און פּיס, רויטע באַקן און אַ ברוינעם, בליציקן גלאַנץ אין די גרויסע יידישע אויגן, מיט אַ פּולבלוטיקער יוסטקייט, ווי ביי יונגע, ראַסאָווע פערד — איז זי אַראָפּגעקומען פון לובלינער קאַנט. זי האָט אַפּילו די גרויסע שטאָט נישט געזען. גלייך פון דער באַן איז זי אַראָפּ אין אַ גראָ, יידיש געסל, ווו אַ „מומע" האָט זי אָנגעדונגען אין אַ „מיליאָנעריש" הויז פון צוויי צימערן מיט אַ רויטער, געפּאַרבטער פּאָדלאָגע, מיט אַ טונקעלער קיך, ווו ס'האָט זיך געפילט דער עסנדיקער ריח פון פייכטע ווינדעלעך.

באַלאָדן מיט פויערישן חשק צו אַלעם אַרום, מיט אַ קאָזאַציקן שמייכעלע פון נאַיוון, פּראָווינצער „נישט לאָזן זיך", איז זי געקומען אין דער גרויסער שטאָט „ווערן אַ מענטש".

די „מיליאָנערישע" מאַדאַם, וואָס האָט געהאַט אַן אייגן געוועלב, האָט זי באַקוקט פון אַלע זייטן, ווי אָפּגעלעקט זי מיט אירע פעטע, פאַרלאָפּענע אויגן, און געעפנט אויף איר אַ מויל מיט געלע, גאָלדענע ציין:

— ני, ריר דיך שוין... לייםענער גולם... זעטס נאָר ס'ביסל פלייש...

„ס'קרענקט זי" — האָט עדזשע אַ קלער געטאָן, און פון די צו שווערע און צו ברייטע יידישע ברעמען אַ קוק געטאָן אויף די ראָזע, נאַקעטע הענט פון דער מאַדאַם, וואָס האָבן דערמאָנט אין רוי פלייש. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער נייער, גלאַנציקער שאַנק, און דאָ האָט די מאַדאַם זי אַ פיר געטאָן אינעם צווייטן, טונקעלן צימער, ווו נעבן אַ ווייס קינדער-בעטל האָט אַרומגעפינטלט אַ דריי-פיר-יעריק יינגעלע. דאָס בעטל און אַרום דעם בעטל איז פאַרוואָרפן געווען מיט ראָזע און הימל-בלויע יאַקעלעך, בענדעלעך און מענטעלעך. עדזשען האָבן די פאַרבן אַ שפּיל געטאָן פאַר די אויגן. זי האָט דערפילט ווי אַן איידלקייט איז אַריינגעטראָטן אין איר, ווי זי וואָלט געוועזן זייד. זי האָט אָנגעהויבן גיין אויף די שפּיץ פינגער פון אירע שווערע, מעכטיקע פיס.

פון די אַלע קאָלירטע, דינע, פלאַטערנדיקע זאַכן אַרום דעם קינד האָט זיך געטראָגן אַ פאַרדומפּענער ריח פון נישט פרישער פייכטקייט.

דאָס קינד איז געווען דיק און ווייס מיט אַ גרויסן, בלאַסן קאָפּ פון אַן עלטערן מענטש. דאָס קינד האָט זיך איצט געשפּילט מיט אַן אַלטן, גראָבן, פאָטאָגראַפישן אַלבאָם. די פאָטאָגראַפיעס זענען געלעגן אַרום צעשיט, און דאָס קינד האָט זיך געשפּילט מיט זיי. עס האָט מיט אַ פאַרשפּיצטן בליישטיפט אויסגעשטאָכן די אויגן ביי די פאָטאָגראַפיעס.

די מאַדאַם האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אויף די הענט:

— קובוש... וואָס טוסטו, קובוש־לעבן... שטעכסט אויס די אויגן דעם פעטערלן... קובושל... זעטס נאָר, מענטשן, דאָס ווּאָלגאָשטש פון דעם קינד... זעטס נאָר... דער ציאָציע מאַלציע האָסטו געמאַכט אַ פּאָר וואָנסן... קובושל...

אַ פּאָר פעטע, שווערע, הילכיקע קושן האָבן אָפּגעקלונגען.

עדזשע האָט געוווּסט, אַז איצט דאַרף זי צעשפּרייטן דאָס מויל און אַ שמייכל טאָן צום קינד. אָבער איידער זי האָט דאָס באַוויזן צו טאָן, האָט זיך דאָס קינד אַ לאָז געטאָן צו איר און אַ זעץ געטאָן מיט זיינע פייכטע, קלעפּיקע נעגעלעך איבערן פּנים.

די מאַדאַם האָט זיך צעטרייסלט פאַר געלעכטער, זי האָט אַזש פאַרהויבן אַ שווערן, גראָבן פוס. און די גאָלדענע ציין האָט מען איצט אַרויסגעזען פון אַלע זייטן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס ייִנגעלע אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט זיך מיט די ראָזע הענט אין די זייטן:

— ני, האָסט שוין געזען אַזאַ קינד... אַזאַ פּיצלס זאָל זיין אַזוי קלוג...

און עדזשע איז געוואָרן אַ „מיידל צום קינד“.

* * *

נאָכן האַלבן טאָג איז געקומען דער באַלעבאָס פון דער שטוב, דער „הער“. ער האָט געהאַט אַן אָנגעבלאָזן, בלווילעך פּנים מיט בולטע, אַרויסגעזעצטע, גלאַנציקע אויגן ווי פון גלאָז. עדזשע האָט אים קוים געזען, אַזאַ דרך־ארץ האָט זי אַרומגעכאַפּט פאַר דעם „הער“.

מיטאָג האָט עדזשע געגעסן אין קיך. אין דעם טונקעלן טשאַד פון דער קיך האָט אַרומגעשאָרכט עפּעס אַן אַלטע ייִדענע, דער באַלעבאָסטעס אַ קרובה. פון דער ייִדענע האָט זיך געפילט רויך מיט אַלט געקעכטס. פון דעם ערשטן מיטאָג, וואָס די אַלטע האָט איר אַוועקגעשטעלט מיט אַ צו הויכן קלאַפּ פונעם טעלער,

האָט עדזשע געזען נאָר דאָס שטיק פרעמדע ברויט, וואָס איז געווען טונקל און שווער, און עדזשע איז גיך זאַט געוואָרן.

שלאָפן האָט עדזשע געדאַרפט אין דער ערשטער שטוב, אויף אַן אויפגע־שטעלט בעטל, נעבן דער טיר פונעם שלאָפצימער, וווּ עס זענען געשלאָפן דער הער, די מאַדאַם און דאָס קינד. דעם גאַנצן אָוונט האָט די מאַדאַם זי געלערנט, ווי זיך צו באַגיין מיט דער ווירטשאַפט. עדזשע איז געזעסן מיט אַ נאָדל און גע־נייט. דערנאָך האָט זי געוואַשן דאָס קינד. צוויי מאָל האָט זי מיט אַ שמאַטע אויסגעווישט דאָס אָרט, וווּ דאָס קינד איז געשטאַנען. דערנאָך איז דאָס קינד געשלאָפן, און זי איז לאַנג נעבן דעם געזעסן, ביז וואַנען אַ ווייטיקלעכע מידקייט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין איר קאָפּ.

די מאַדאַם האָט זי יעדעס מאָל גערופן און עדזשע איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ. איצט האָט די מאַדאַם גערעדט צו איר גוטע רייד:

— אויב זי וויל זיין אַ מענטש, מוז זי פאָלגן... זי וועט זי אויסלערנען פירן ס׳ווירטשאַפט... און אַז זי וועט זיך אויסרייבן... וועט זי איר שפּעטער קושן די הענט... זי האָט איר אָנגעזאָגט, אַז טאָמער ביינאַכט כאַפּט זיך אויף דאָס קינד... זאָל זי הערן... דאָס קינד איז אַ גאָלדן קינד... נאָר ס׳איז נעבעך שוואַך... ס׳איז געווען קראַנק... ווען נישט, וואָלט זי עדזשען נישט צוגענומען... ווייל אַ מענטש קאָסט... וואָלט זי כאָטש געווען אַ מענטש... איז זי דאָך, עדזשע, אַ מיידלטשינע... אַ בהמה... מען מוז זי ערשט אַלץ אויסלערנען... און עסן מוז מען איר געבן... און ס׳איז אַ יקרות... עסן קאָסט... און אַז זי זאָל שאַנעווען מענטשן... אַז ס׳קומען אַמאָל אַריין אַ פּאָר מענטשן... כאַפּן אַ קערטל... דאַרף מען אויף זיין אַ ביסל שפּעטער... אַ פרייטיקצונאַכטס...

דערנאָך האָט זיך די מאַדאַם דערמאָנט, אַז מ׳דאַרף אויסוואַשן אַ ביסל וועש פאַר קובושן... איז, אויב זי קאָן נישט וואַשן, וועט זי זי אויסלערנען... זי וועט זיין פאַר איר אַזוי ווי אַ מאַמע...

עדזשע האָט מיטאַמאָל פאַרלוירן אירע שווערע הענט. די אויערן האָבן ביי איר געברענט, דאָס קאָזאַצקע שמייכעלע, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון שטעטל, איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן, עס האָט זי אַ שפּאַר געטאָן ביים האַרץ, און אַ הייס געוויין האָט אין איר אַ ריס געטאָן און פאַרגאָסן אירע אויגן.

די מאַדאַם האָט זיך צעשריגן, די גאָלדענע ציין האָבן געבלענדט:

— זעט נאָר דאָ... וואָס מ׳האָט מיר געבראַכט... זעט נאָר די פּראָווינצער חיה... נישט גענוג מע רעדט דערמיט ווי מיט אַ ס׳גלייכן... מע וויל עס מאַכן פאַר אַ שטיקל מענטש...

אָבער עדזשע האָט דאָס אַלץ נישט געהערט. זי איז איצט געשטאַנען ביים

קאַלטן פּענצטער. די פּאָרהאַנגען האָבן מיט אַ פּאַפּירענער שטייפקייט געשטאָכן אירע גליענדיקע באַקן, זי האָט אַרויסגעקוקט דורך די פאַרבלאָזע שויבן. אין דעם געפלדיקן, פייכטן אָוונט, איבער די פּרעמדע, אומעטיקע דעכער. זי האָט געקוקט ווייט און היים. אפשר וועט זי דערזען די מאַמע דאָרט אין שטעטל. די מאַמע, וואָס האָט געוויינט איבער איר און זי אָפּגעשפּיגן פון שלעכטס... אז די גרויסע שטאָט און די באַנען... און די שלעכטע מענטשן... און די שאַלקהאַפּטיקע מענער זאָלן זי נישט ברענגען צו קיין זינד און זי נישט אַראָפּפירן פונעם וועג... אַז זי זאָל געדענקען די מאַמעס רייד... אַז זי זאָל נאָר פּאָלגן עלטערע און גוטע מענטשן...

און דאָ איז קיינער נישטאָ. נאָר אַ פּרעמדע שטוב מיט רויטע, קאַלטע פּאָדלאָגעס און אַ „מאַדאַם“.

— אוי, מאַמע, — האָט זי געהעשעט, — מאַמע קרוין, ס'אי מיר אַזוי שלעכט...

זי האָט אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ און אַריינגעגראָבן אים אינעם פּאַרטעד און מיט ציטעריקע אַקסלען אַריינגעוויינט אין דער פּרעמדער, חשבותדיקער ווייט...



# דאָס יידישע נאַכט-לעבן

מען האָט מיר דערציילט פון אַ יידיש שטעטל אין פוילן, וואָס ליגט עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פון א באַן, וווּ מען גייט צו פוס דורך בלאָטעס און זאמד ביז צו די קנעכל, ווייל קיינער קאָן זיך נישט פארגינען צו באצאָלן פאר א פורל.

דערציילט האָט עס מיר א יונגערמאן, וואָס וווינט טאַקע אין דעם שטעטל און איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַהערגעקומען קיין ווארשע.

דער יונגערמאן אליין האָט גראָד געהאט א געגוג אייראָפּעיש אויסזען. מען האָט געקאָנט מיט אים גאַנץ געמיטלעך שמועסן. ווי פיל אנדערע יידישע קינדער אין יענע יאָרן, האָט ער אין אָנהייב געטרוימט וועגן פאָרן אין דער וועלט לערנען, דערווייל געהאָלפן דעם טאַטן ביים געוועלבל. דערווייל זענען געגאנגען שווערע יאָרן, מען האָט אַלץ געהערט וואָס עס טוט זיך אין די שטעט, ווי דער ייד איז נישט זיכער מיטן לעבן. זענען די יאָרן געלאָפן, האָט ער דערווייל חתונה געהאט, אליין געוואָרן א פאָטער, זיך ארייננגעשפּינט ווי א פליג אין א נעץ און פארבליבן. דער יינגערמאן האָט אויך געוווסט אלע לעצטע נייעסן, מיט דער נאאיווער, איבערגע־טריבענער, פארקריפּלטער מאָס, וואָס ער האָט ארויסגעלייענט פון די צייטונגען.

— איך האָב אים געפרעגט:

— וואָס זשע טוט מען ביי אייך... אין די אָוונטן...

ביי דער פראגע האָבן מיר זיך ביידע ווי אויפגעהערט פארשטיין. ער האָט געקוקט אויף מיר פארוואונדערט:

— וואָס זאָל מען טאָן?...

— כ'מיין... ווו גייט מען?...

— ווו זאָל מען גיין?...

— און ווו פארברענגט מען דעם אָוונט?...

— אין שטוב...

— וואָס זשע טוט מען אין שטוב?...

— מען ליגט זיך שלאָפּן...

— גוט... אָבער... ביזן שלאָפּן... לייענט מען... שפּילט מען אין קאָרטן... הערט מען ראַדיאָ...

דער יונגערמאַן האָט שוין געפּינטלט מיט די אויגן:

— ראַדיאָ... דאַרף מען דאָך עלעקטריע... ס'איז דאָ... ביי איינעם... אָדער צוויי גבירים...

— איז נישטאָ קיין עלעקטרישע ליכט...

— אַוודאי נישט...

— זיצט מען ביי א לאָמפּ...

— אַ לאָמפּ... אַ לאָמפּ באַדאַרף דאָך... נאַפט... דאָס קאָן זיך נישט יעדער פאַרגינען...

— זיצט מען אין דער פינצטער...

— מען זיצט נישט... מען שלאָפט.

מיר איז דורכגעלאָפן א שוידער:

— נו, און מען גייט נישט צו גאַסט?...

— וואוהין... צו וועמען זאָל מען גיין... כ'ווייס... ס'מאַכט זיך... עמעצער האָט אַ כלה... כאַפּט ער זיך אריבער אין אָוונט... אָבער דאָס איז זעלטן... ווייל קיין יונגע מענטשן זענען נישט פאַרבליבן אין שטעטל...

— וואָס זשע טוט מען מיט די אָוונטן... מיט די לאַנגע ווינטער־אָוונטן... — האָב איך שוין געשריגן.

דער יונגערמאן האָט געשמייכלט.

* * *

אָט דאָס שוידערהאַפטע בילד פון דעם אָפּגעריסענעם פאַרוואָרפענעם אינדזל, האָט מיך לאַנג פאַרפאָלגט, און שפּעטער, ווען דער יונגערמאן איז זיך געקומען מיט מיר געזעגענען, איז מיר געווען מאָדנע. איך האָב פּשוט געליטן ווי איך וואָלט אים באַוויזן: איך האָב געקלערט: פאַרוואָס קומט אים אזא גורל? פאַרוואָס קומט מיר צו לעבן אין א ליכטיקער, גרויסער שטאָט, פול מיט מענטשן. מיט אַלע באַקוועמע ווילטאָגן, מיט עלעקטרישע ליכט, מיט טעלעפאָן, מיט שפּיטאָלן, מיט טראַמווייען, מיט טעאַטערס און קינאָס, פאַר וואָס?

— הייסט עס... — האָב איך מיט באַדויער און מיטגעפיל געזאָגט — אַז איר פאָרט צוריק... דאָרט... אַהין...

— אַוודאי.

— און ווי אַזוי... וועט איר אהינקומען?...

דער יונגערמאַן האָט מיר אויסגערעכנט, אַז שפּעט ביינאַכט וועט ער אָנקומען אויף עפּעס אַ פּאַרוואָרפענעם באַן-סטאַציע, פון וואַנען ער וועט ערשט גיין צופוס

מיך איז באַפאַלן אַ שרעק.

— איר וועט דאָך געפרוירן ווערן...

— עה, ס'איז נישט אַזוי קאַלט...

איך האָב געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ לעגענדאַרן העלד. מיר האָט זיך גע-דאַכט, אַז ווען מען באַצאָלט מיר, כ'וויים נישט וויפל, וואָלט איך נישט דורכגע-מאַכט אַזאַ וועג, וואָלט איך מיך נישט פאַרגראָבן אין אַזאַ ווייטער וועלט.

דער יונגערמאַן האָט אָבער געקוקט אויף מיר מיט אַ פרישן, אויסגערוטן בליק, און מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— נו, אַוודאי... וואַרשע איז טאַקע אַ שיינע שטאָט... ס'איז ליכטיק... ס'איז באַקוועם... ס'איז דאָ וווּ צו גיין... אָבער..

ער האָט נישט געענדיקט, ער האָט געאײַלט און איז אַוועק, באַגלייט פון מײַנע רחמנות-בליקן

* * *

קומט דער אָוונט, ווילט זיך ערגעץ גיין. עס ווילט זיך ערגעץ פאַרשפּילן די עטלעכע שעה. עפּעס באַגאַנט, עפּעס טרייבט, אַמיינסטן פון די יידישע, אויסגעקילטע, נישט-זיכערע שטובן. אומעטום, אין יעדן אָרט, אין יעדן קרייז איז גאָרנישט פאַר-בליבן. עס ווילט זיך נישט זיצן אין דער היים, עס איז נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן.

אַלץ אַרום רופט. עס רופן די רעקלאַמעס, עס רופן די צייטונגען, די קינאָ-עקראַנען. עס רופט דער צענטער-שטאָט מיט די מיליאָנען פייערן, עס רופט די מורא צו בלייבן אַליין.

מענטשן באַזוכן, באַזאָרגטע מיט גוטע, באַקוועמע שטובן, רופן צו זיך, מען עסט, מען טרינקט, מען שפּילט, מען רעדט זיך איין, אַז „מען פאַרברענגט“ און מען דערשלאָגט די פּאָר שעה פונעם אָוונט.

די, וואָס „שפּילן“ נישט, וואָס האָבן אַ הונגער צו דער גרויסער וועלט, די יוגנט, וואָס זוכט דאָס שיינע לעבן, וואָס זוכט אַן אידעאַל, אַנטלויפט פון דער לײַ-דיקער, יידישער מיטל-שטוב, אַרויף, צו דער ליכט, צו דער גרויסער, וועלטלעכער וואַרשע

* * *

דער יידישער שפּאַציר איז אַ קורצער, עטלעכע גאַסן, ווו ס'איז ענג פון יידן, דערנאָך צוריק אהיים. עטלעכע קאַפעען, ווו ס'איז ענג פון יידן. ווו מען וואַרט אויף אַ טישל, אויף אַ האַלבער שטול, אייסצוטרינקען די האַלבע שוואַרצע קאַווע.

דאָס איז די „זשעמיאַנסקע". דאָ קומט דער אַוואַנגאַרד פון דער פּויליש־יידישער קולטור־וועלט. עס קומען שרייבער, דיכטער און קינסטלער — אַ באַזונ־דער משפּחה, וואָס קלאָגט זיך ביי יעדער געלעגנהייט אויף דעם „יידישן אָנגעלויף". זיי זענען נאָך מיט זייער פּוילישקייט אַליין נישט זיכער, און זעען זיך מיטאַמאָל אַרום, אַז זיי פאַרבריינגען צווישן יידן. דערפאַר פילט מען זיך אָבער דאָ זיכערער און היימישער.

עס זענען דאָ נאַכט־לאָקאַלן און רעסטאָראַנען, ווו עס פאַרברענגען יידן, יידישע ווייבער, פאַרמעגלעכע, פון דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, סוחרים, וואָס קאָנען זיך פאַרגינען טראָגן אַהין זייער ביסל אומעט. זיי קאָנען נישט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז זיי קאָנען ערגעץ מיט זייער געלט, מיט זייער רייכער קליידונג, מיט זייערע גוטע מאַניערן, נישט זיין געוווּנטשן. אמיינסטן די ווייבער, וואָס האָבן אַ נאַטירלעכן דראַנג צו ווייזן זייערע קליידער, זייערע פוטערס, זייער צירונג און זייערע לייבער. אויך זיי גייען אַוועק נישט באַפרידיקטע. פאַרוואָס?

מיר האָט דערציילט אַ פרוי פון אַן אָנגעזעענעם דאָקטאָר אין וואַרשע. זי האָט אַראָפּגעלאָזן אירע שיינע, בלויע, כמעט פּוילישע אויגן און געזאָגט:

— מיר האָבן פאַרבריינגט אַ גאַנצע נאַכט.

זי האָט אָנגערופן אַ באַרימטן נאַכט־לאָקאַל:

— נאָר... מיר וועלן שוין אַהין מער נישט גיין...

זי האָט נישט געקאָנט זאָגן פאַרוואָס. אָבער איך האָב פאַרשטאַנען.

* * *

עס איז אומעטיק אין די ענגע יידישע גאַסן. עס איז אָבער אויך אומעטיק אין די רייכע יידישע שטובן.

און נאָר אין די שפּעטע נעכט פון די לעצטע יאָרן זעט מען אין דעם גרויסן יידישן באַלעבאַטישן רעסטאָראַן, וואָס ווערט אין דער שפּעטער נאַכט פאַרוואַנדלט אין אַ קאַבאַרעט מיט אַ פאַרדומפּענעם ריח פון פאַרדעכטיקטן מאָראַל ווי עס שלייכן זיך אריין מענטשן פון אַן אַנדער וועלט, פרעמדער, וואָס מען האָט קיינמאָל אין קיין יידישן ווינקל נישט געקאָנט באַגעגענען.

זיי קומען אריין מיט אַן אויסדרוק פון פאַרבלאָנדזשעטקייט, ווי טוריסטן, וואָס זוכן עקזאָטיק.

זיי קומען אַריין אין דעם רעש, וווּ עס זיצן אונדזערע, היימישע ייִדן, פון אַ גאַנץ יאָר, סוחרים, משרתים, כּלל־טוער, צייטונגס־מענטשן און ייִדישע אַק־טיאָרן. דאָ כאַפּט מען אַ ייִדיש שטיקל פיש, אַ ייִדישן צימעס.

איינער פון די צייטונגס־מענטשן רוימט מיר איין:

— איר זעט ווער דאָ זיצט... אָט דער הער מיט דער דאַמע... איר ווייסט ווער דאָס איז?... צום ערשטן מאָל קאָן מען זיי זען אין אַ ייִדישער געזעלשאַפט...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך האָב געזען ווי דער זעלבער באַרימטער אַסימילאַטאָר האָט גאַנץ געשמאַק געטאַנצט מיט זיין דאַמע אין דער ייִדישער ענגשאַפט. דאָס ייִדישע נאַכט־לעבן מאַכט אָבער נישט שיכּור, ווי שפּעט אין דער נאַכט מען זאָל נישט אַהיימגיין, איז דער ייִדישער „בומלער" ניכטער. דאָס ייִדי־שע אויג איז צעשראָקן, וואַכזאַם.

מען שטופּט זיך נאָר אין דער ענגשאַפט, כּדי נישט צו זיין אַליין.

* * *

איך בין געזעסן אין דער שפּעטער נאַכט און געקוקט ווי די ייִדישע נאַכט־וואַנדלער ראַנגלען זיך מיט דעם אומעט אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע. איך האָב געקוקט אויף די ייִדישע „מאַגנאַטן" אין די גוטע און טייערע פעלצן, אויף זייערע ווייבער מיט די פוקסן אויף די העלדזער און בריליאַנטן אויף די פינגער, און מיך איז מיטאַמאָל באַפאַלן אַ מרה־שחורה פון זייערע ניכטערע אויגן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען פון ערגעץ אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן דאָ, אין דער ענגשאַפט און ליידיקן רעש.

און ווען איך האָב, אַהיימקומענדיק אין דער שפּעטער נאַכט, געפונען אויף מיין טיש אַ בריוול פון יענעם יונגערמאַן, אין דעם קליינעם, פאַרוואָרפענעם שטעטל, ווו ער האָט מיר געשריבן, אַז ער איז בשלום געקומען אַהיים. און אויך אַז:

„... ביי אייך איז אַוודאי פריילעך און ליכטיק... און דאָ, ביי אונדז... שלאָפט מען... און דאָס לעבן רירט זיך קוים..."

האָט זיך מיר מיטאַמאָל פאַרוואָלט אַוועק, צו אים, דאָרט, לאַנג, לאַנג שלאָפן, און נישט זען דעם עלנט, דעם אומעט פון דעם ייִדישן נאַכט־לעבן פון דעם ייִדישן וואַרשע אינעם יאָר 1937.

# שבת־געסט

יערן שבת נאָך האַלבן טאָג האָבן זיך באַוויזן דער פעטער גרשון מיט דער מומע איטע.

דער פעטער האָט ברייט געעפנט די טיר און פריער אריינגעלאָזט זיין ווייכע, ראָזע באָרד. זיין גלייכע, געלע נאָז איז געווען פאַררויסן מיט א נארישעוואַטער גאווה. זיינע בלייכע, טרוקענע הענט האָבן געדרייט א רויטע פאַטשיילע. ער האָט א קוש געטאָן די מזוזה און א זאָג געטאָן מיט זיין בלייכער, געלער שטימע:

— קום שוין אריין... בהמה...

און באַלד האָט זיך באַוויזן דאָס ברייטע, שווערע טוך, פון דער מומע איטע.

דער פעטער האָט צעלייגט ארום זיך אן עסנדיקן ריח פון נאַפטאַלינע, וואָס האָט נעזעצט פון זיין ברוין־געל־גרינעם אייביקן פאַלטן. ער האָט א רייב געטאָן זיינע ווייסע, קנאַקנדיקע פינגער און א זאָג געטאָן אויף זיין געלער נאָז־שטימע:

— א גוט־שבת...

אין דער טונקעלער שטוב מיט די אראָפּגעלאָזטע ראָלעטן איז געווען צעגאָסן א וואַרעמער דרימל. פונעם צווייטן צימער האָט זיך געהערט דאָס זינגעדיקע כראַפּען.

די מומע איטע איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, מיט צוויי קורצע פינגער אונטערגעשפּאַרט די האַרטע, קבצנישע גאָמבע מיט דער בראָדאַווקע און א זאָג געטאָן צום פעטער גרשון:

— ווי קריכסטו... זעסט דאָך, אז מע שלאָפט...

— גיי, ביסט א בהמה... — האָט דער פעטער געענטפערט און ארייננעשפּאַנט אין דער צווייטער שטוב מיט א סקריפּען פון זיינע שמאָלע, ווי ווייבערישע שטיבלעטן.

דאָס סקריפּען האָט אויפגעוועקט דעם באַלעבאָס פון דער שטוב. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף דעם הויך־אָנגעבעטן בעט, מיט גלאַנציק־פאַרקלעבטע א־

איבערגעשראָקענע אויגן פון דעם איבערגעריסענעם שלאָף. און גלעטנדיק דאָס לייב אונטערן העמד, האָט ער געקוקט מיט זיין צעפלאָנטערט בערדל און אָנגעהויבן הוסטן מיט א קוויטש.

פון זיין הוסטן האָט זיך אויפגעכאַפּט זיין ווייב גיטל, די באלעבאָסטע, מיט א פארשלאָפן ביי־קול:

— אוי ווי איז מיר... ווער איז דאָ... וואָס איז...

זי האָט זיך ארומגעקוקט מיט פארטראָגענע בליקן. ס'האָט זיך איר געחלומט, אז די באָבע קיילע פון יענער וועלט איז אריינגעקומען מיט אַ קוכן...

— אזא שיינער קוכן... אויסגעבאַקן פון אלע זייטן... ווייס מעל, אז ס'האָט געמינעט פאר די אויגן... א מחיה... און די באָבע קיילע, ווי א לעבעדיקע... מיט די רויטע בעקעלעך... מיטן קופּקעלע אויפן קאָפּ... ס'זאָל טאקע אויסגיין צום גוטן...

די מומע איטע האָט דערהערט דעם חלום, האָט זי פארריכט דאָס טיכל ביי די אויערן און אויפגעזונגען:

— אוי, ס'יאָר זאָל מיר שוין אזוי זיין... די טייערע באָבע קיילע... א צדיקת... א גאָלדענע יידענע... אַ ליכטיקן גן־עדן... כ'וואָלט זי אליין אויך געוואָלט זען...

דער פעטער גרשון האָט איבערגעטראָגן די נאָז אויף דער מומען, זיינע געלדינבלעכע אויגן האָבן זיך צוגעמאכט פון גאווה, און ער האָט א זאָג געטאָן:

— ביסט א בהמה...

די מומע איטע האָט זיך צוגעזעצט אויפן קופערט, און גיטל האָט זיך אראָפּגעלאָזן: פונעם אָפּגעלעגענעם בעטגעוואנט. זי איז געזעסן אין איר שמאָל שפּענצערל מיטן פארפעדערטן שייטל, און די ווייבער האָבן זיך אָנגעהויבן דערציילן חלומות וועגן שלעכטע און גוטע געשטאָרבענע פון דער משפחה, וועגן אלטע גוטע פריינד פון יענער וועלט, וועגן אזעלכע, וואָס ברענגען גוטע זאכן און רפואות, און וועגן אנדערע וואָס קומען ווערגן און שרעקן...

דער פעטער גרשון איז געזעסן אויף א ישטול. ער האָט נישט געוואָלט אויסטאָן דעם פאלטן. ער האָט פאוואָליע פארהויבן די פאָלע און באוויזן דעם ווייסלעכן, אלטפרענקישן אונטערשלאק. דער באלעבאָס האָט זיך נאָך אלץ געקראצט נאָך דעם איבערגעריסענעם שלאָף, ער האָט געקרעכצט און געניסט אזוי, אז דער פעטער גרשון האָט נאָך העכער אויפגעהויבן זיין ווייסע, טויטלעכע נאָז און זיך גענומען באליידיקן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול:

— מיר זענען געקומען נישט אין קיין גוטער צייט... נו...

דער באלעבאָס האָט זיך דערשראָקן:

— וואָס רעדסטו... גרשון... אזעלכע אָנגעלייגטע געסט... גיטל, דערלאנג עפּעס צום טיש...

דער פעטער האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט און גענומען צוקלאַפּן מיט די ווייסע, טרוקענע פינגער און צובאָמקען אַן אַלטן ניגון פון אַ רוסישן מאַרש.

באַלד האָט זיך אויפן טיש באַוויזן דער אַלטער, ראָזער קלאָש מיט די געלע קיכעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פון האָלץ. די קיכעלעך האָט מען גערופן „באַדיאַנקעס“. גיטל פלעגט זיי קויפן אין דער לעצטער שעה, פרייטיק פאַרנאַכט, ביי אַבּרהמל לעקעך־בעקער, „טאָמער קומט אַריין אַ מענטש“. און קיינער האָט נישט געוווסט, פאַרוואָס די קיכעלעך האָבן געהאַט אַ ריח פון נאַפט. נאָך דעם איז גיטל אַריין אין קיך און גענומען דעם אַלטן, גרויסן, בלויען טשייניק, וואָס איז געשטאַנען צוגעדעקט מיט אַן איבערבעט, באַלד האָבן זיך אויפן טיש באַוויזן צוויי בלאַסע, קראַנקע גלעזער טיי, און די פליגן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די האַרע, בלוילעכע קאַסטקעס צוקער.

דער פעטער גרשון האָט גענומען דערציילן, פאַרוואָס ער האָט זיך באַליידיקט אויף דער חתונה פון זיין ברודערס טאָכטער, פאַרוואָס ער איז אַנטלאָפן פונעם ברית ביים שוואָגער חיים. ער איז געווען פול פון אַלטע, פאַרגעסענע עוולות, וואָס זענען אים געשען דורך יאָרן. ער האָט גערעדט פאַמעלעך, געקוקט מיט חשד און מיט רעש געזופט פונעם שעלכל די טיי:

— אַזאַ מענטש בין איך שוין... — האָט ער געצויגן פאַמעלעך מיט זיין נעלבלעך, אייגנגעסן קול:

— כ'בין טאַקע נישט קיין גביר... נאָר מיין „האָנער“ האָב איך נאָך נישט פאַרלוירן...

ער האָט געהאַט טענות צו דער משפחה, צו לעבעדיקע און צו געשטאָרבענע, צו אַלטע און יונגע. די מומע איטע האָט אים אַלע מאָל געוואָלט העלפן, דערמאָנען עוולות. דער פעטער גרשון האָט אָבער נישט ליב געהאַט, ווען זי האָט זיך אַריינגעמישט און האָט איר אויף אַלעם געענטפערט:

— גיי, ביסט אַ בהמה...

אויף די אָפּגעריסענע ווענט, פאַרהאָנגענע מיט אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע פאָטאָגראַפיעס און פאַרפינטלטע פון פליגן פּאָרטרעטן פון משה מאָנטעפיאָרע און באַראָן הירש, האָט זיך דורכגעריסן דורך די אַלטע, געלע ראָלעטן אַ געהלבטע גאָלדיקייט פון דער געזעצטער זון. איין שטראַל האָט זיך אַריינגעגנבעט און געצאַפּלט אויף דעם בילד, ווו שמשון־הגבור שלאָגט די פלישתים. דער שטראַל איז געפאַלן אויף די מוסקולן פון שמשון־הגבור, וואָס האָבן אויסגעזען ווי געפלאָכטענע קוילעטשן. דער שטראַל האָט זיך אויפן וועג אַרויפגעגליטשט אויפן פעטער גרשונס אַרבל און אַרויסגעוויזן זיין ברוין־געל־גרינע קאָליר.

די צוויי ווייבער זענען שוין איצט געווען צוגויפגעגאָסן אין איין זיסקייט פון

פון רעדן. גיטל האָט געקוויטשעט אויף די העכסטע גאָרגל־טענער. און ביי דער מומע איטע האָט דאָס פּנים געגלאַנצט ווי אויסגעשמירט מיט שמאַלץ. מ׳האָט גערעדט וועגן שלעכטע מענער, וועגן שווערע „האָבנס", וועגן יקרות און וועגן ווייבער, וואָס גנבענען אין מאַרק... וועגן די „היינטיקע צייטן" האָט גערעדט דער פֿעטער גרשון. אַז היינט איז נישטאָ קיין „אוואַזשעניע". ער האָט אויפֿגעהויבן די גאָז מיט דער שטרענגקייט פֿון אַ גאָנער און פֿאַרמאַכט די אויגן פֿון גאווה און געשריגן:

— „אוואַזשעניע" דאַרף זיין... וואָס בין איך עפּעס אַ ייִנגעלע...

אַ פֿליג האָט אַ פּאָר געטאָן אויף זיין ווייסלעכער נאָז, אַרויף און אַראָפּ. צום סוף האָט זי זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פֿיסלעך און מיט די פֿאָדערשטע גענומען רייבן איינס אָן דאָס אַנדערע. דערמלט האָט דער פֿעטער גרשון אַ שטרענגן קוק געטאָן אויף דער מומע איטע, ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אָפּגעפּוצט די פּאָלעס פֿון דעם אייבערן פֿאַלטן און אַרויסגעוואָרפֿן אַ „גוט־שבת".

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, אַ קוש געטאָן די מזוזה, און זעענדיק, ווי די מומע איטע קאָן זיך נישט אָפּרייסן פֿון גיטלען, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— גו יקום שוין... בהמה...

די מומע איטע האָט זיך אַ הייב געטאָן און זיך געלאָזן נאָך איר מאַן...

# אַ שידוך

דער פעטער דודל איז אריינגעקומען מיט זיין גרינגעם שטעקן, ער האָט לאַנג אָפּגעהוסט, געווישט די פאַרטרערטע ברילן און געפרעגט:

— וואָס מאַכט דער אַלטער? קיינער האָט אים נישט געענטפערט. אַ שווערע לאַנגוויילִיקייט איז געלעגן איבער די ווינקלען פון דער שטוב, אין דעם גרויסן, אַלטן מיטל-צימער. אויף דעם סופית, ווו ס׳איז געהאַנגען די אַלטע, שווערע בלעך-לאָמפּ, האָט זיך צונויפגענומען אַן אומעטיקער פלאַנטער פון פינצטערניש, און דאָס רויטלעכע ליכט, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן איבערן טיש, האָט באַשמירט מיט אַ שוואַכער שיין די מענטשן ארום אים: דריי פרויען — די מוטער מיט ביידע טעכטער. איינע אַן עלטער מיידל, די צווייטע אַ גרושה, די באַלעבאָסטע, אַן עלטערע יידענע, אַ טויבע. דער פעטער הודל מיטן שמאָלן פּנים, מיט דעם אַרומגעשוירענעם, שוואַרץ-ווייסן בערדל און שוואַרצע, אָנגעכמורעטע אויגן, האָט איצט אויסגעזען ווי אַ פאַרזאָרגטער הונט, ווען ער האָט ווידער געפרעגט, האסטיק, ווי ער וואָלט אַ ביל געטאָן:

— וואָס מאַכט דער אַלטער?...

די גרושה האָט אומגעדולדיק געענטפערט:

— ער ליגט... וואָס זאָל ער מאַכן... ער שלאָפט...

און ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל.

דער פעטער דוד האָט צוויי מאָל דורכגעשפּאַנט די שטוב, זיך צוגעצויגן צו דער טויבער באַלעבאָסטע און איר אַריינגעשריגן אין אויער אַריין:

— כ׳בין ווידער געווען דאָרט... וועגן שידוך...

— נו...

— נו, נו... דאַרף עך ברענגען דעם חתן... איז ער דאָך ווידער קראַנק...

די טויבע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דאַרף מען אפשר ברענגען די כלה אַהער...

דער פעטער דודל האָט זיך האסטיק א קראץ געטאָן אין בערדל:

— הערסטו... קאָן זי דאָך נישט ארויסגיין... ווייל... ווייל ס'איז קאלט...

— וואָס זשע וועט זיין?...

— איך ווייס... עד זאָל אזוי וויסן פון צרות... מיינע געשעפטן...

די גרושה האָט שלעכט א לאך געטאָן:

— יידישע געשעפטן... שידוכים... גטן...

דער שידוך האָט זיך שוין געצויגן א גאנצן ווינטער. דער אלטער, ר' יענ־קעלע, דער זיידע, וואָס איז געבליבן אן אלמן מיט דריי יאָר צוריק, האָט לאנג געוויינט און געקרעכצט נאָכן געשטאָרבענעם ווייב ביילע, ביז וואנען איינמאָל איז ער אויפגעשטאנען מיט א געוואלד, אז דאָס פארשטאָרבענע ווייב ביילע איז אים געקומען צו חלום און אים באַשווירן, ער זאָל נישט פארוויסטן זיינע יאָרן און זיך צוזוכן עפּעס אן עלטערע יידענע, א פיין מענטש, און נישט בלייבן אויף דער עלטער אליין... ווייל ווי עס מאכט זיך... מיט אן עלטערן מענטש, זאָל זיין לעבן אים נאָך א לעבעדיקער נפש...

אין אָנהייב האָבן די זין מיט די טעכטער אים אָפּגערעדט, געמאכט אים פאר א משוגענעם, מ'האָט אלץ געמיינט, אז דער אלטער האָט א „קניפּל“, אָבער נאָכדעם ווי מ'האָט זיך דערוווסט, אז קיין געלט האָט ער נישט, האָט מען שוין געוואָלט גיכער פון אים פּטור ווערן, און אלע מיידן און ווייבער פון דער משפחה האָבן פרעך געקוקט אויפן זיידן און געחוזקט מיט שפּיציקע ווערטלעך:

— זיידעשי... ווען וועט זיין דער „שלוב“?...

— זיידע... די כלה איז עפּעס א שיינע?...

— זיידעשי... אז דו וועסט גיין צו דער כלה... זאָלסטו מיטנעמען בלומען און א באָנבאָניערקע... כאַ־כאַ־כאַ...

דער פעטער דודל אָבער, וואָס איז געווען אין דער משפחה א היימישער שדכן, איז געקומען מיט א פּאַרטיקער זאַך.

ער האָט געפונען עפּעס אן עלטערע יידענע מיט א ביסל געלט, וואָס האָט געהאט רייכע קינדער, און אזוי ווי זי איז געווען א שוואך מענטש, האָט מען איר צוגעפּגעלייגט בגדן, און דער פעטער דודל האָט גענומען אויספירן דעם שידוך.

אלע שידוכים, וואָס דער פעטער דודל האָט געפירט, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. אחוץ דעם שידוך מיט דער גרושה, וו ער טאקע האָט דורכגע־פירט דעם גט.

אָבער דאָ, ביי די צווי אלטע, איז אים געגאנגען גלאטיק. דער אלטער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט הענט און פיס. ס'איז געווען סוכות־צייט, ווען דער פעטער

דודל האָט זיך געזעגנט מיט דער כּלה. די אַלטע האָט אים געוויזן אירע טעפּ איינ־געמאַכטס, און ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין:

— אָט, צום ביישפּיל, איצט... ס'גייט ווינטער... און ס'וועט זיין אַ קאַלטער ווינטער, דאָס זאָגן אַלע... עלנט ווי אַ שטיין... אָבער ווען איר האָט אַן אייגענעם מענטש?... זיצט איר אייך אין צווייען... און איר טרינקט אייך אַ הייס גלעזל טיי מיט אַ ביסל איינגעמאַכטס...

די אַלטע האָט געפינקלט מיט די אויגן, געעפנט דאָס מויל, ווי אַ פיש, און אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר טרערן:

— אַוודאי... אַוודאי...

דאָ האָט זיך דער פעטער דודל צעלאָזן ווי אַ זינגער־פויגל מיט אַ יום־כּיפּור־דיקן ניגון:

— און אַז עס קומט די פינצטערע נאַכט... אַן עלטערער מענטש... די שעה זאָל נישט קומען... מ'בלייבט אַליין... עס פאַלט אָן דער פּחד... אָבער אַז מען האָט נעבן זיך אַ שטיקל מאַנצביל... האָט מען אַן אָנלען...

די אַלטע האָט שוין איצט געכליפּעט:

— עך זענט דען נישט גערעכט... גאָלדענע רייד... נו, זאָלט עך מיר געזונט זיין... וויאַזוי קומט אָבער די קאַץ איבערן וואַסער... עך פאַרשטייט דאָך, אַז איך, אַ יידענע... וועל דאָך נישט גיין צו קיין מאַנצביל... כ'בין דאָך עפּעס נישט קאַ מיידעלע...

האָט דער פעטער דודל אַ שפּאַן געטאָן צום אַלטן יענקל, אים גענומען צו דער כּלה. איז געראָד געפאַלן אַ גרויסער רעגן, און דער אַלטער האָט זיך צעהוסט.

האָט מען באַשטימט איבערצוּוואַרטן. האָט מען געוואַרט אַ וואָך און צוויי. און דער אַלטער איז אַליין געלעגן מיט דער אַסטמע.

דערנאָך איז דעם אַלטן בעסער געוואָרן, ווען אין דרויסן איז שוין געלעגן שניי. האָט מען אים געקויפט וואַרעמע זאָקן מיט אַ וואָלענעם שאַל, מ'האָט אים איינגעפּאַקט ווי אַ ניי־געבוירן קינד, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויפן פעטער דודל, דעם שדכן. איז ער אָפּגעזעסן דעם גאַנצן טאָג און דעם גאַנצן פאַר־נאַכט, דערנאָך איז דער פעטער דודל געקומען פאַרסאָפּעט און דערציילט, אַז אין דער פרי איז די כּלה מיטאַמאָל אַוועקגעפאַלן און געוואָרן „פאַרביי“. ס'איז געקומען אַ דאָקטאָר און אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל זיך, חלילה, נישט רירן. האָט מען דעם אַלטן צוריק אויסגעפּאַקט, און מען האָט גענומען וואַרטן, ביז וואַנען די כּלה וועט געזונט ווערן. האָט מען אָפּגעוואַרט אַ האַלבן ווינטער. און אַז ס'איז געקומען אַ טאָג, ווען מען האָט געזאָלט גיין, האָבן זיך אָנגעטראָגן אַזעלכע פראָסטן,

אז ווי נאָר דער אלטער איז צוגעגאנגען צו דער טיר, האָט אים פארכאפט דער אָטעם, און די אסטמע האָט אים שיר נישט דערשטיקט.

דער פעטער דודל איז געלאָפן אלע טאָג. מ'האָט נאָר גערעדט וועגן דער קעלט. למען השם, ווי נאָר דער פראָסט וועט לאָזן, וועט מען נעמען דעם אלטן, אים אװועקפירן צו דער כלה. אָבער ווי נאָר דער פראָסט האָט געלאָזט, האָט דער אלטער באקומען עפּעס א משונהדיק פארקילעכץ, און די נאָז איז ביי אים גע־שוואָלן געוואָרן ווי א פּענכער.

דער פעטער דודל איז שוין ארויס פון געדולד:

— א סוף... זאָל שוין זיין א סוף... האָט איר געהערט א געשיכטע מיט א שידוך... א גאנצן ווינטער.

מ'האָט שוין באשטימט צו ברענגען די אלטע צום חתן, האָט דער אלטער נעבעך געקרעכצט:

— ניין, ניין... מ'דאַרף נישט... איך וויל נישט... ווי קאָן איך ווייזן אַזאַ פּנים... כ'וועל שוין צוואַרטן... אפשר וועט גאָט העלפן...

איצט וואַרטן אַלע, אז דאָס געשווילעכץ פון דער נאָז זאָל אָפּגיין. אין דרויסן וויען שוין פרילינג־ווינטן. דער הימל שמייכלט שוין בלוי. דער פעטער דודל קלערט שוין וועגן צוזוכן אַן אַנדער חתן פאַר דער אַלטער. ער האָט גלאַט מורא, אז פאַר טויזנטערליי, די אַלטע זאָל אים דערווייל נישט צומאַכן אַן אויג... ווער ווייסט... אַן אַלטער מענטש...

אַלע טאָג קומט ער צו גיין מיטן גרינעם שטעקן, ווישט זיך די פאַרטרערטע ברילן און פרעגט:

— וואָס מאַכט דער אַלטער?

און קיינער ענטפערט נישט.

דערנאָך גייט ער אַריין צום אַלטן, וווּ ער ליגט אין אַלקיר אויף דער אַלטער קאַנאַפּע, אַרומגעבונדן מיט טיכער. ער רעדט צו אים וועגן דער כלה... וואָס וואַרט... וואָס קאָן זיך נישט דערוואַרטן...

און דער אַלטער ענטפערט פון הינטער די שווערע, הייסע קאָמפּרעסן און פּאַטשיילעס מיט אַ ווייטער, אַלטער, פאַרדומפּענער שטים, ווי ער וואָלט גערעדט פון יענער וועלט:

— אפשר וועט גאָט החמנות האָבן... ס'וועט אָפּלאָזן... דודל... דיין שדכנות וועסטו קריגן...

און דודל רעדט צו זיך אַליין:

— אָבער אַ סוף... גיכער...

# דער סטאַרשע פעלדשער

אין יענע ווייטע, וואַרשעווער יאָרן האָט דאָס געסל נישט געוווסט פון קיין דאָקטאָר. נאָר צו די ווערטסלייט פון די הייזער און צו די רייכע געוועלבניקעס זענען געקומען צו פאָרן דאָקטוירים אין זייערע אייגענע „קאָטשן מיט גומענע רעדער". א חוץ זיי, האָט זיך דאָס געסל געהיילט ביי דעם פעלדשער.

די פעלדשערס זענען געווען פריזירער, האָבן געשטעלט פיאַווקעס, געהאַקט באַנקעס, געריסן ציין און געהיילט „באַהאַלטענע" קרענק.

אַזאַ פריזירער האָט געהאַט איבער דער טיר א מעשענע טאַץ, וואָס איז גע־האָנגען אויף א דראָט.

עס זענען אויך געווען פעלדשערס מיט צוויי מעשענע טאַצן. די האָבן „גע־מאַכט פעלערן" און באפרייט פונעם מיליטער.

דער סטאַרשע פעלדשער איז אויך געווען א פריזירער. אָבער ער האָט זיך דערמיט נישט פאַרנומען. ער האָט נאָר ארויסגעריסן א „שווערן צאָן", אָדער גע־האַקט אַ „בלינדע מכה". דערפאַר זענען איבער דער טיר פונעם סטאַרשי פעלדשער, אויף דעם דראָט, געהאָנגען גאַנצע דריי מעשענע טאַצן. ביי זיין טיר האָט געקלונגען אַ גלעקל און ווען מען איז אריינגעקומען צו אים, האָט מען באַדאַרפט אַראָפּנעמען דאָס היטל, אַזוי ווי אין אן אפטייק.

* * *

אין דער ענגשאַפט פונעם געדיכטן קניפּ יידישע הינטערגעסלעך, אראָפּ מיט דער „דזשיקע", האָט מען געקאָנט זען דעם אלטן סטאַרשע פעלדשער „מאַניעלע", וועלכן די געסלעך האָבן געקאָנט פון לאַנגע יאָרן.

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אָנגעשפּאַרט אויף זיין גראָבן העבאַן־שטעקן, שאָקלענדיק מיט די צוויי גרויע שטיקער באַקן־בערד, וואָס האָבן אים ענלעך געמאַכט צו דעם קייזער פראַנץ־יאָזעף.

ער איז געווען פון די ערשטע „פּאַסטעמפּאָווע“ פעלדשערס אין דער געגנט. און גאַנצע טעג, ביזן שפּעטן אָוונט, האָט אים דאָס געסל געזען, אין זיין אייביקער ווייסער וועסט און העלע, געקעסטלטע הויזן.

גאַנצע דריי מעשענע טאַצן האָבן זיך געוויגט אויפן דראָט איבער זיין טיר, זיך געוויגט און געווונקען אין דער שוואַרצלעכער גרויקייט פון דער געגנט.

גערופן האָט מען אים צו אַלע קראַנקהייטן, צו דערוואַקסענע און צו קינדער, און אפילו ביי „שווערע האָבנס“ איז מען אויך געלאָפן צו אים.

די וויזיטן האָבן זיך ביי אים אָנגעהויבן באַלד אין דער פרי, ווי נאָר ער האָט אָפּגעדאַוונט אין טלית און תפילין. ווי ער איז נאָר ארויס פון שטוב, האָט מען שוין אויף אים געוואַרט געבן אַלע טויערן און אים גערופן פון איין קראַנקן צום אַנדערן. א חוץ דעם האָבן אין די געסלעך געוואַרט אויף אים חולאים און ווייבער מיט קראַנקע קינדער אויף די הענט, האָבן אים געפרעגט עצות, כדי איינצושפּאָרן אַ וויזיט. דער סטאַרשע פעלדשער מאַניעלע האָט געערדט „דייטש“ און צו אַלע זיינע פּאַציענטן צו מענער און פרויען, געזאָגט „דו“.

— דו ביסט איינע אַלטע בהמה... — האָט ער געשריגן צו אַ יידענע, וואָס האָט דעם קראַנקן געגעבן צו עסן רעטעך — דו האסט דיזן מאַן פאַרפּאַקט דעם מאַגן...

ער האָט געשריגן, צוקלאַפּנדיק מיט דעם גראָבן שטעקן, און די יידענע האָט געציטערט פון שרעק:

— אָבער עס ווירד שאָן גוט זיין... איז ער באַלד געוואָרן ווייך און ער האָט איר דערלאַנגט דאָס רעצעפּטל אויף אַ שמאָל פּאַפּירל.

באַלד האָט ער געגומען אויספרעגן אויף דער פאַמיליע:

— וואָס איזט מיט אירע טאָכטער... דאָס פרוילייז...

— דאָס איז זי דאָך, מיין טאָכטער... פּאַניע סטאַרשע פעלדשער...

און מ'האָט אים צוגעפירט אַ פאַרשעמטע מויד, איינגאַנצן א רויטע. די מויד האָט נישט געוואָלט דעם קאָפּ אויפהייבן.

דער סטאַרשע פעלדשער מאַניעלע איז געוואָרן גוטמוטיק, האָט אויסגעקניפּט די מויד און געשאָקלט מיט די באַקן־בערד:

— איין היבשעס פרוילייז... יאָ, איין שוינעס מעידל... האסטו שוין איין „כאָסאַן“?...

די מויד האָט געקוויטשעט פון פאַרשעמטקייט:

— נו, יאָ... דו בראוכסט שאָן איין מאַן... — און ער האָט אָנגעהויבן רעדן „רייד“, אַז די ווייבער האָבן באַקומען רויטע רעדער אויף די באַקן. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַרן „גראָבן פלייש“ פון דעם קיצלדיקן געלעכטער און איינע האָט

געשטופּט די צווייטע. אין דער שוואַרצלעכער, דלותדיקער שטוב האָט זיך אַריינ־געטראָגן א שימער פון פרייעלעכקייט. מען האָט באַגלייט דעם סטאַרשע פעלדשער איבער דער קרומער שוועל, אין די פינצטערע, קרומע טרעפּ, מען האָט ארויסגע־טראָגן די פאַרייבערטע לעמפּלעך אים צו לייכטן, און ער האָט כסדר גערעדט:

— איין היבשעס מעידל... יאַ־אַ...

זיין דייטש האָבן אַלע פאַרשטאַנען. און ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, איז נאָך געבליבן אן אויפגעהויבענע געמיטלעכקייט און מען האָט לאַנג דערנאָך גערעדט וועגן אים:

— ר'איז נישט קאַ בייזער... אַ גוטער ברודער... ר'האָט ליב אונדזער ס'גאָל..

ר'איז נישט קאַ שלעכטער... מ'זאָל עם נישט דאַרפן...

— אַ מיידלניק... איינער אין דער וועלט...

— אַ פּראַמייער...

— פּאַר א „ספּודניצע" פאַרפאַלט ער...

און די ווייבער האָבן זיך נאָך לאַנג געזאָגט אויפן אויער די „רייד" פון מאַניע־לע, דעם סטאַרשע פעלדשער.

* * *

דער סטאַרשע פעלדשער האָט געוווּסט וועגן אַלע פּלאַטקעס אין די ארומיקע געסלעך. ער האָט געוווּסט וועגן אַלע ליבעס, וועגן אַלע גליקלעכע, אָדער אומגליק־לעכע פּאָר־פעלקער. ער האָט זיך אריינגעמישט אין שידוכים און ווען מען האָט געהאַלטן ביי חתונה־מאַכן א צו־יונג מיידל, האָט ער געשריגן און געקלאַפּט מיטן שטעקן:

— אָ, איר ווילדע טירע... פינסטערער פּאַנאַטיזמוס, וואָס זי זינד... זאָ איינע בליענדיקע בלומע...

און ער האָט אָפּגעזאָגט אַ מאָנאָלאָג אויף „דייטש", פאַרפלאָכטן מיט לשון־קודשדיקע פסוקים, אז אַלע האָבן באַוואונדערט זיין „שוואַרצע גבורה". ער האָט געשאָקלט מיט די ווייסע באַקן־בערד, מיט אן אויפגעהויבענער האַנט, און אַלע אַרום האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זענען אין יידישן טעאַטער, ווו מען שפּילט דאָס שטיק פונעם „שלעכטן פאָטער".

ער האָט זיך אויך אריינגעמישט אין פאַמיליען־זאַכן, וועגן קינדער־האָבן. און נישט איינמאָל איז פאַר אים געשטאַנען א דערשראָקענער ייד, מיטן היטל אין דער האַנט, און געציטערט מיטן בערדל, ווען דער סטאַרשע פעלדשער מאַניעלע, האָט געזאָגט איבער אים וועגן זיינע „טירישע אינסטינקטע"...

אַממיינסטן האָט ער צוליב די זאַכן געהאַט צו טון מיטן „שוואַרצן בער“, דעם שוסטער, וואָס האָט געוווינט אין דער קעלער־שטוב. אינעם געסל נומער 8.

דאָס קליינע יידעלע מיט די קינדערישע, צו־קורצע הייזעלעך, האָט שוין ווידער צוגעקריגן א „נייעם פּרעסער“. ער איז געשטאַנען אין מיטן געסל, מיטן אָפּגע־פּריזשעטן קעפּל, און דער סטאַרשע פעלדשער האָט געדונערט אויף אים:

— דו ווילדעס טיר אין מענטשן־געשטאַלט... דו אומפאַרשעמטער קערל... די מאכסט איינען תל... פון זאָ איינען בראַוועץ ווען...

האָבן טאַקע די יידן פון געסל מורא געהאַט פאַר אים און פאַר־לייקנט א סך „מזל־טובן“.

ווען עס האָט געהאַלטן ביי חתונה־מאַכן א יונגע מויד מיט אן אלטן מאַן. אַן אַלמן, האָט די מויד זיך אַרומגעוויקלט מיט דעם שאַל איבער די פאַרוויינטע אויגן און איז אַוועק צום סטאַרשע פעלדשער מאַניעלע:

דער סטאַרשע פעלדשער איז געזעסן אין א טערקישן שלאָפראָק, מיט אַ רוי־טער פּעסקע אויפן קאָפּ. ער האָט אויסגעהערט די מויד, אז אירע „פּאַנאַטישע עלטערן“ ווילן זי אומגליקלעך מאַכן. טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן און ער האָט געזאָגט:

— ווייגע נישט... אומגליקליכעס קינד... עס ווירד שאָן גוט זיין...

ער האָט איר געגעבן צו נאַשן שאָקאָלאַדע, זי געגלעט און געטרייסט. ער האָט אַוועקגעשטעלט א שפּיל קאַסטן און אויפגעשפּילט א וואַלץ. די קאַנאַרקעס האָבן געזונגען אין די שטייגעלעך. דערנאָך האָט ער אָנגעטון דעם ראָק מיטן האַרטן, געלן קאַפּעלוש, גענומען דעם שטעקן און געגאַנגען מיט דער מויד צו אירע עלטערן. דאָרט האָט ער זיך געוואָרפן ווי א לייב:

— אָ, פּאַנאַטיזמוס... פינסטערניש... שקלאַפן־האַנדל...

ער האָט אַרויסגערופן דעם אַלטן דעם חתן, און געשריגן איבער אים:

— באַרירן זי נישט מיט אירע שמוציקע הענדע דיזן ענגל...

אַרום איז געוואָרן אַ געוויין, ווי אום יום־כּיפּור. מען האָט באַלאַגערט די טירן מיט די פענצטער און דער שידוך איז נישט געוואָרן.

* * *

איז אָבער געווען אַ גלייכער און גליקלעכער שידוך פון צוויי יונגע, גלייכע, איז דער סטאַרשע פעלדשער געקומען אויף דער חתונה. ער איז געקומען אין אַ שוואַרצן ראָק מיט אַזאַ ווייסן קאָלנער, אַז מ'האָט אַלץ אין געסל נישט פאַרשטאַנען, ווי אַ קאָלנער קאָן זיין אַזוי ווייס. און דאָ, אויף דער חתונה, האָט דער סטאַרשע

פעלדשער זיך אָפּגענומען פאַר אַלע זיינע מיען. ער האָט זיך אַרומגעריגלט מיט די שענסטע ווייבלעך און מיידלעך. זיינע באַקן־בערד זענען געווען געקאַרבט און געקרויזט און האָבן געשמעקט מיט פּאַרפומען. זיינע בלויע אויגן זענען געווען צעוואַרעמט. ער האָט אַרומגעבליצט אַרום די ווייבערישע סטאַניקעס, ער האָט געקניפּט און געפּאַטשט, און דאָס ווייבערישע קוויטשעריי און פּישטשעריי האָט זיך געטראָגן אַרום אים. ער איז געזעסן ווי אַ קעניג אויפן טראָן, מיט אַ גרויסער בלום אינעם לאַץ, פון ביידע זייטן אַרומהאַלטנדיק צוויי ווייבער. און אַלע מאָל, צום סוף, נאָכן מצווה־טענצל, האָט דער סטאַרשע פעלדשער, באַוויזן וואָס ער קאָן.

ער האָט פאַרוקט די צוויי גראָבע פינגער אונטער דער ווייסער וועסט, אַרומגעשטעלט אַ פוס מיט אַ לאַקירטן, גלאַנציקן שוך, געמאַכט אַ „רעוועראַנס“, דערנאָך אַ דריי געטון אַ וואָנסע און אַ כאַפּ־טוענדיק דאָס שענסטע מיידל, האָט ער זיך מיט איר אַ לאָז געטון אין אַ „מאַזור“.

צו מיינסט האָט דער סטאַרשע פעלדשער ליב געהאַט צו טאַנצן מיט דער „שיינער אַנדזשע“, וואָס האָט זיך געקאָנט מיט רוסישע אָפּיצירן. דעמאָלט זענען ביי אים די באַקן־בערד געפלויגן, די פּאָלעס פונעם ראָק האָבן געפּאָכעט ווי די פליגל, זיינע הענט האָבן זיך געהויבן און געבליצט מיט די ווייסע מאַנזשעטן, ווען ער האָט אַ הויב געטון די דאַמע און זי אַ טראָג געטון.

די „שיינע אַנדזשע“ האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ גרויסע, גאָלדענע לאַלקע, וואָס מען קאָן נאָר זען אין „יענע גאַסן“, ביי די רייכע קינדער.

* * *

דער סטאַרשע פעלדשער האָט אויך נישט געזשאַלעוועט קיין דרשה־געשאַנק. און טאָמער האָט מען באַדאַרפט זאָגן אַ יידיש וואָרט, האָט ער אָנגעטון אַ טלית און אַ זאָג געטאָן אויף אַ דייטשישן לשון־קודש, פונקט ווי אין דער „דייטשער שול“. אַלע אַרום האָבן זיך דערפילט שטאָלצער, זיכערער, אַז דאָס איז נישט „גלאַט געזאָגט“, אַז דאָס זאָגט דער סטאַרשע פעלדשער.

און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער אומעטיקער גרויקייט פון די יידישע געסלעך האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ העכערער כוח, עפּעס אַ פאַרביק, יום־טובדיק ווינקעלע אין דער גרויער, אָרעמער וועלט.

און דאָס איז געווען דער סטאַרשע פעלדשער „מאַניעלע“.



# יידישער שפּיטאָל אויף טשיסטע

שוין אין דעם טייל שטאָט, וואָס האָט מיט דער לאַנגער, אַלט־פּוילישער „וואָלסקאַ“ געפירט אַראָפּ צו דער פאָרשטאָט „וואָלאַ“, האָט זיך שוין געלאָזט פילן די אומהיימלעכע געדריקטקייט. וואָס ווייטער צום ברעג פון דער שטאָט, אַלץ מער זענען אויפגעשטיגן די רויטע, אָנגעכמורעטע מויערן און קוימענס פון די פאַבריקן. עס האָט זיך אָנגעטראָגן דער בייזער גייסט פון געשלעגן און פעריפעריע־הפקרות. עס האָט זיך אָנגעלייגט פאַר דעם יידישן געמיט די פרעמדקייט פון דער שטיק וועלט, וו פון אַלע צייטן האָט געריזלט אַן אומרואיקייט און געשפּאַנטקייט.

עס האָבן זיך געעפנט שטיקער רויפעלד און נעפּלדיקע ווייטקייטן פון הינטערשטאָטישע וועגן. עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פרישע, קילע לופט פון די שווערע אַלט־פּוילישע קאַשטאַנען־ביימער, און איבער די שטילע, קילע, האַלב־ליידיקע, הינטערשטאָטישע געסלעך האָבן געפינטלט פרעמדע, ווי גישט וואַרשעווער, אָרעמע מענטשן.

דאָ, איבער דער נעפּלדיקער ווייט, אַ צעשניטענע פון געקניפּטע און געדרייטע אָדערן פון רעלסן און בריקן, אַלט־פּוילישע ראָגאַטקעס און געדרייטע וועגן האָבן זיך אייפגעהויבן די ריזיקע קאַסטן־הייזער מיט די גרויסע, ליידיקע ווייסע פענצטער, פון וועלכע עס האָט געצויגן אַ שווערער, אייביקער אומעט.

און מיטאַמאָל, אין דער טיף פון דער קריסטלעכער געגנט, האָבן זיך באַוויזן יידן פון פאַרשידענע שטיקער וואַרשע, וואָס האָבן געצויגן מיט אומעטיקע, געבראָכענע בליקן אַהער, צו די סודותדיקע טויערן פון דער פאַרשטאַרטער, אָפּגעזונדערטער וועלט. דאָס זענען געווען די טויערן פון „טשיסטע“, דעם לאַנד פון יידישער פּיין און יאוש. די טויערן פון דעם גרעסטן יידישן שפּיטאָל אין פּוילן.

ווי אַ שרעקנס־בילד, איז פון אייביקע יאָרן פאַר דער אָרעמער יידישער גאַס אין וואַרשע געשטאַנען דער אַלטער יידישער, הושכדיקער הקדש, וואָס איז אין

די אַלטע צייטן געשטאַנען אינמיטן אַ ווילד, פאַרלאָזן שטיק פעלד, נעבן די סודותפולע בערג פון דעם אַלטן רוסישן „ציטאַדעל“ — ווו די יידישע געסלעך אַרום האָבן גערופן די רוסישע פעסטונג.

די שרעקלעכע מעשיות וועגן די בייזע „וועכטעריגס“ און פעלדשערס, וואָס טראָגן אַראָפּ אָרעמע קראַנקע, נאָך לעבעדיקע, אין „קיל=שטיבל“, האָבן געשראָקן די יידישע אָרעמקייט, און יעדן קראַנקן, וואָס מ׳האָט געפירט אין שפּיטאָל אַריין, האָט מען באַגלייט און באַוויינט ווי אַ טויטן.

דער הקדש איז געווען די בייזע האַנט, וואָס האָט ארויסגעריסן טאַטעס, מאַמעס און קינדער פון די אָרעמע שטובן, און אין דער טונקעלער שעה זיי ארויסגעוואָרפן דורך דעם אַלטן, טונקעלן הינטער=טויער מיט אַ שטילער לוויה צום „ברודנער“ בית עולם פאַר אָרעמע.

די חדר=ייגגלעך פון די יידישע ארומיקע גאסן זענען אין די שבתים געלאָפן צום הקדש, כדי צו זען די „טויזנט אויגן פונעם מלאך=המות“, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון די פארקראטעוועטע פענצטערלעך. זיי האָבן געקוקט אין די בלינדע פענצטער פונעם „קיל=שטיבל“, ווו עס ליגן טויטע מענטשן, וואָס דער הקדש האָט פארנארט און איבערגעגעבן דעם מלאך=המות מיט דער שווערד...

דאָ, אויף „משיסטע“, האָבן די „טויזנט אויגן פונעם מלאך המות“ געקוקט מיט שפיגלדיקער ווייסקייט, און אין די לעצטע יאָרן האָט דער געדיכטער גאָרטן פונעם שפּיטאָל=הויף אויסגעזען ווי א גן=עדן און די ווייסע בעטלעך האָבן נישט איין מידן, לויפנדיקן ייד פון דער ענגער יידישער גאס געלאָקט און גערופן אָפּצורוען פאַר אלע שווערע יאָרן אינעם יידישן ווארשע.

א ברייטע, שטרענג=געהיטענע טיר האָט ארייגגעפירט אין דעם גרויסן, ליכטיקן שפּיטאָל=הויף. דאָס איז געווען אַ געפלאַנטער און געפלעגטער פאַרק, דורכגעשניטן מיט געפלאסטערטע אלייען=שטעגן, וואָס האָבן געפירט פון איין פּאַוויליאָן צום אנדערן. יעדעם הויז איז געווען א באזונדער.אָפּטיילונג פון באזונדערע קרענק, ווו עס האָט געהערשט א באזונדער געמיט און א באזונדערע אָרדענונג.

דער גאָרטן=הויף איז געווען ארומגעריגגלט מיט א הויכן, געמויערטן פארקן, און דאָ איז געגאנגען אן אומדערמידלעכע, לעבהאפטע ארבעט. אזוי ווי אין יעדער אָפּגעזונדערטער וועלט, האָט דאָ אויך געהערשט א זעלטזאמע, אויפגערעגטע היימלעכקייט, וואָס שאפט זיך צווישן מענטשן געטראָפענע פון איין גורל. איבערן הויף האָבן שפּאַצירט קראַנקע, וואָס האָבן שוין געקאָנט פאַרלאָזן דאָס בעט. די קראַנקע, אין די גרויע כאַלאַטן, האָבן געקוקט אויף די מענטשן פון יענער זייט טויער, ווי אויף באשעפעניש פון אן אנדער וועלט. דער שפּיטאָל=

כאלאט האָט זיי אלע געמאכט ענלעך צו זיך. דערפאר אָבער האָט מען געקאָנט לויט זעם גאנג, לויט די באוועגונגען, דערקענען יעדן קראנקן, צו וואָס פאר אן אָפּטיילונג ער האָט געהערט.

אממייגסטן האָבן זיך שטענדיק געפונען אינעם הויף די קראנקע פון דער פערטער אָפּטיילונג. זיי האָבן שפּאצירט ראשיק, מיט ארויסרופנדיקער פרייליכ־קייט. עס איז געווען אין זיי עפּעס ענלעכס צו ארעסטאנטן אין א תפיסה.

אין שפּיטאָל אריין האָבן זיי געבראכט זייערע באהאלטענע קרענק, צו וועלכע די געזונטע האָבן זיך באצויגן מיט עקל און פאראכטונג. זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די אונטערוועלט פון שפּיטאָל.

אויך די קראנקע פון דער פערטער אָפּטיילונג האָבן געהאט א באזונדערע באציונג צו די איבעריקע קראנקע פון שפּיטאָל. זיי האָבן נישט געדערט וועגן זייערע ליידן, וועגן זייערע לוויות און וועגן די, וואָס האָבן שוין אין די בעטן צו־געלעבט די לעצטע שעהן.

די יידישע באזוכער האָבן אויסגעמיטן די רעשיקע אלייע פון דער פערטער אָפּטיילונג און געקוקט צו זיי מיט דער פרעמדקייט, ווי צו געשמדטע, וואָס האָב־ פארקייפט זייער ווירדע, גלייך זיי וואָלטן אליין אויף זיך גענומען זייערע קרענק. אין דער אלייע פון דער פערטער אָפּטיילונג האָט מען צו יעדער צייט געקאָנט זען די דריי מיידלעך, חברטעס — צוויי יידישע און איינע א קריסטין, וועלכע האָבן מיט א להכעיסדיקער פרייליכקייט געשפּאנט אהין און צוריק איבער דער אלייע. זיי זענען געגאנגען אויף יונגע, שטארקע, זגראבנע פיס, וואָס האָבן מיט גראציע געשפּילט פון אונטער די גרויע, גראָבע כאַלאַטן. זיי זענען געווען יונג, און כדי אונטערצושטרייכן די שיינקייט פון זייערע געשטאלטן, האָבן זיי געטראָגן לעדער־נע רימעטלעך ארום די טאליעס.

זיי האָבן געלאכט און גערוישט מיט איבערגעטריבענער נאקעטקייט פון זייערע באוועגונגען, וואָס האָבן זיך נישט געפּאסט צו די שפּיטאָל־כאלאטן.

און נאָר די ווייסע באנדאַשן ביי אלע דריי, פארקלעפּטע מיט איבערגע־קרייצטע, ראָזע פּלאסטערן איבערמיטן די פּנימער, אויף די איינגעפאלענע גריבער, דאָרט, ווו עס האָבן באדארפן זיין נעזן, האָבן א קלאפּ געטאָן מיט א שוידער פון אומהיימלעכקייט. און מ׳האָט זיך דערמאָנט, אז מען געפינט זיך אין שפּיטאָל אויף „טשיסטע"...

* * *

מיט איידעלע, אומזיכערע טריט און הויך־פאַרריסענע קעפּ, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט אויפן הימל, מיט אַ שטאַרער גלייכקייט, שיקנדיק זייערע ווייסע שטעקנס פאַרויס, זענען געגאַנגען די קראַנקע פון דער אויגן־אָפּטיילונג.

אַלץ אין זיי האָט זיך געצויגן אַרויף, ווי אין דער הויך וואָלטן זיי געפונען א ליכט פאר זייערע אויגן. אין דעם הויז איז שטיל געווען. די קראַנקע האָבן געשוויגן, ווי פאַרדרימלטע אין זייער אויסגעלאָשענער וועלט.

זייער וועלט איז באַרויבט געוואָרן פון איינצלהייטן, וואָס זענען פאַרהוילן געוואָרן פון זיי. זיי האָבן נישט געזען די קלייניקייטן ארום זיך. און די וועלט אונטער זייערע געשטאָרבענע אויגן איז געווען א הויכע און אן אויסגעאיידלטע.

* * *

עס רוקט זיך אָן דער פאַרנאַכט. עס ציִען זיך אָן די לאָמפּן. שטיל גייט אונטער די זון איבער די אַרומיקע, פאַרנעפּלטע שטיקער הינטערשטאָט. די רויטע ליכט גיסט זיך אריין אין די גרויסע, שטילע פענצטער פון די שווייגנדיקע הייזער.

א יונגערמאַן מיט א צעפּאַטלטער, יונגער פרוי שטייען צוגעשפּאַרט צו א בוים, מיט אָנגעווייטיקטע, פאַרריסענע בליקן ארויף צו די פינצטער פון דער קינדער־אָפּטיילונג.

דאָ איז שטרענג און מען לאָזט נישט אריין.

אין די ווייסע, שרעקיקע שטיבער, צווישן די גליענדיקע קינדער, האָבן זיי איבערגעלאָזן זייער אכטיעריקן זון.

די שטרענגע פאַרשריפטן האָבן זיי ארויסגעטריבן פון דעם ווייסן, ברייטן קאָרידאָר, וו זיי האָבן דורך דער פאַרנעפּלטער מילך־שויב געקאָנט זען זיין צעהיצטן קאָפּ מיט די פאַרטראָגענע פון היץ, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

זיי קאָנען פונדאנען נישט אוועקגיין, זייערע פיס זענען ווי געליימט. די וועכטער טרייבן. און דאָס גליענדיקע געוויין פון דער יונגער פרוי קלינגט עלנט און ווילד אין דער וונדערבאַרער ליכט פונעם זון־פאַרגאַנג, וואָס פאַרגיסט דעם גאָרטן.

* * *

עס איז שטיל געוואָרן אינעם הויף, מען האָט נאָר געזען אינעם טיפן, טונקעלן גרינס, ווי עס זענען פאַרוויזט געגאַנגען די שוועסטער—פלעגערינס. זיי זענען געגאַנגען ריטמיש, געשולט. די ווייסע פליגל פון זייערע טשעפּקעס האָבן געפלאַטערט, ווי ווייסע טויבן, אין דער קילער לופט, און זייערע קורצע, טונקעלע פעלערינקעס האָבן זיי צוגעגעבן די שיינקייט פון פאַנטאַסטישע פייגל.

א גרויסע שטילקייט האָט זיך אויסגעלייגט ארום. אין דער שעה איז דער שפּיטאָל געבליבן אליין מיט זיך.

און עס האָט זיך געשטעלט די לאַנגע, גורלדיקע נאַכט פאר די קראַנקע.

מיטאמאָל האָט זיך אין דער שטילקייט א ריס געטאָן א מוראדיק געשריי, א געשריי פון מענטשן אונטערן מעסער, א געשריי פון שרעק און פּראָטעסט. עס כאַפּן אונטער אנדערע געשרייען. עס ווערט איין אומזיניק געשריי פון רופן און דראָען...

נאָך אזעלכע געשרייען לויפן זיך מענטשן צונויף. מען אליאַרמירט די פּאָליציי. דאָ אָבער האָט זיך קיינער נישט גערירט פון אָרט. עלנט האָבן זיך געטראָגן די געשרייען אָן אָפּקלאַנג, ווי דאָס שרייען פון חיות אין דער דזשונגל. דער שפּיטאָל האָט געשוויגן.

דאָס איז געווען דאָס געשריי פון אומזיניקייט פון דעם צעשטערטן מענטשלעכן מוח.

דאָס זענען געווען טענות צו עפּעס א באַהאַלטענעם, בייזן, אומגערעכטן גאָט. דאָס איז געווען דאָס געשריי פון דער אכטער אָפּטיילונג.

דאָס געשריי פון די משוגעים...

# „שפיטאַלניקעס“

אין דער „אכטער אָפּטיילונג“ פאַר גייסטיק־קראַנקע איז מען אַרײַנגעקומען דורך אַ נידעריקע טיר אין דעם דיקן, געמויערטן פּאַרקן, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם פּאַווילאָן פון אַנדערע.

אין די שטילע שעהן פונעם טאָג האָבן זיך שטענדיק איבער דעם גאָרטן מיט די געפלאַסטערטע שטעגן אַרומגעדרייט עטלעכע „רואיקע“ קראַנקע, פרויען און מענער. זיי זענען געגאַנגען מיט דעם ספּעציפישן גאַנג אַרום זיך אַליין מיט פּלוצלונגע איבעררייסן אָדער מיט אַ מיטאַמאָליק געאייל, אָדער לאַנג געבליבן שטיין אויף איין אָרט, וויגנדיק זיך ווי שיכור.

ביים אַרײַנגאַנג איז אויף אַ שטול געזעסן אַ מיטליאָריקער מענטש מיט וואָנסן. ער האָט גערעדט צו די קראַנקע מיט אַ חוזקדיקן יידיש, פון וועלכן מען האָט דערקענט, אַז ער איז אַ קריסט.

ער האָט דורכגעקוקט מיין דערלויבעניש צו באַזוכן די אָפּטיילונג, האָט אומעטיק אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט:

— נאָכוואָס קומט מען אַהער... וואָס איז דאָ צו זען... קראַנקע מענטשן...

די זון האָט אין דעם הויף, דאַכט זיך, געשיינט מיט עפּעס אַ שוואַרצקייט, וואָס האָט ווי אַרויסגערויכערט פון די פאַרקראַטעטע פענצטער.

די כאַלאַטן פון די קראַנקע האָבן דאָ געהאַט אַ שוואַרצלעכן קאָליר, און עפּעס שוואַרצעס איז ווי געווען אַרײַנגעוועבט אין דער לופט, וואָס האָט זייער דערמאָנט אין אַ תפיסה.

פון ערגעץ אַ פענצטער האָט מען געשריען מיט אַ פייערלעך געשריי, ווי עס וואָלט געווען גערעדט אַ נביא. אַן עלטערע פרוי מיט אַ סך גרויע האָר און אַ געלפּנים האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן, ווי פון דער ליכט, און עפּעס געזוכט אויף דער ערד. אַ מיידל מיט געלע האָר און אַן אויסערגעוויינלעך ווייס פּנים איז גע־

זעסן אויף א באנק, מיט פארלוירענע ווי טויטע הענט, און האָט זיך געשטיקט פאר געלעכטער.

עס האָט זיך נישט געוואָלט גיין ווייטער. אַרום איז געווען שטיל און ליידיק.

מיטאמאָל האָט זיך געעפנט א ברייטער טויער, און צוויי קראנקע האָבן אויף א לאנגער, אייזערנער רער געטראָגן א גרויסן קופערנעם קעסל, פון וועלכן עס האָט געזעצט א פּאַרע. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיטן קעסל. איינער איז אוועק ווייטער, און דער צווייטער איז געבליבן שטיין, ווישנדיק זיך דעם שוויים.

ביידע זענען געווען אין צעריסענע גראָע כאלאטן מיט צעריסענע שיך. זיי האָבן אויסגעזען, ווי די אָרעמע טרעגער־יידן, וואָס מען האָט געזען אין די יידישע גאסן אין ווארשע.

איך האָב מיך געשטעלט נעבן דעם, וואָס איז געשטאנען ביי דעם קעסל:

— וואָס טוט איר דאָ?

— יאָך בין דאָך א קראנקער...

ער האָט געערעדט הויך און לוסטיק, ווי עס רעדן קינדער:

— אז איר זענט קראנק, פארוואָס טראָגט איר אזא שווערן קעסל?...

— מ'מוז...

— ווער גייט אייך?...

— הע, וואָס הייסט... ווער?... די קאנצעלאריע...

— איר זאָגט דאָך, אז איר זענט קראנק...

— יאָך, אהא, אזוי איז מיר גאָרנישט... נאָר... כ'בין משוגע... איר דערקענט נישט... א...?

און ער האָט צוגעגעבן מיט אמתער באַרימעריי:

— ווען איר זעט מיך... ווען יאָך האָב א „גאפּאר"...

— וואָס פאר א גאפּאר?

— פון משוגעת... יאָך בין נישט בילע משוגע... מיך מוז מען היטן...

ער האָט זיך דערנעענטערט צו מיר און מיט א געהיימנישפולן טאָן, מיט ווונקנדיקע אויגן, פול מיט טריומף גיך געערעדט:

— יאָך האָב דאָך דעם געשמדטן דאָקטאָר אנומלטן... אָפּגעביסן א פינגער... וואַ... וואַ... וואָס דאָ האָט זיך געטאָן...

— פארוואָס האָט איר אים אָפּגעביסן א פינגער?...

— ווייל כ'האָב געהאט א „גאפּאר"...

און ער האָט צוגעגעבן מיט פייער:

— ביי מיר איז א משומד נישט קיין מענטש... א געשמדטער איז ביי מיר נאָך ערגער פון א... גוי...

ער האָט א טאַנץ געטאָן אויף די צעריסענע שיך, זיין ווייסלעך פּנים האָט זיך פאַרגאָסן מיט א פאַרחלומטן שמייכל:

— נאָך וואָס דאַרף מען זיך שמחן... ס'איז דען שלעכט צו זיין א ייד... דאָ איז דאָ איינער, א דאָקטאָר, אויף אונדזער „אָדזשיאַל"... דאַוונט ער מנחה... יום־כּיפּור האָט ער ביי אונדז געדאַוונט פאַרן עמוד...

דער צווייטער איז געשטאַנען פאַרטערוועטן און אים גערופן. דערנאָך האָט ער זיך דערנענטערט צו אונדז, שרייענדיק:

— קום, משוגענער... דער קעסל ווערט קאַלט... די „גאָספּאָדיניע" וועט דיר שוין באַצאָלן.

און ער האָט זיך מיטאַמאָל געווענדעט צו מיר:

— איר הערט, וואָס ער רעדט... ס'איז האָך אַלץ ליגנט... ער איז גאָרנישט משוגע... ער מאַכט זיך...

— און איר פאַרוואָס זענט דאָ?

ער האָט זיך צעלאַכט:

— זע נאַר... ער פרעגט זיך, פאַרוואָס איך בין דאָ... סאַי גוט...

ער האָט אַרומגעכאַפּט דעם ערשטן און זיך געטרייסלט פון געלעכטער:

— ער פרעגט מיך פאַרוואָס יאַך בין דאָ... האַ?... וואָס זאָגסטו...

ביידע האָבן ווידער גענומען דעם קעסל, און דער ערשטער האָט, אומקוקנ־דיק זיך, געשריגן צו מיר פאַרטערוועטנס:

— פּאַניע, דרייט זיך דאָ נישט אַרום... אויפן אכטן אָדזשיאַל... איר קאָנט נאָך דאָ האָבן אַן עוולה... דאָ איז דאָ איינער... א געלער... האָט ער ביי זיך א מע־סער... כ'האָב אַליין געזען... מאָמער פּאַקט ער אייך, זענט איר א פּאַרטיקער...

זיי האָבן געלאַכט פון מיר און זענען אַוועק מיט טאַנצנדיקע טריט...

* * *

שטיל און שטאַר זענען געווען די שפּיטאָל־הייזער פון אויסנווייניק. אָבער א שטעקנדיקע, אומאויפהערלעכע און אייליקע באַוועגונג איז אַרומגעגאַנגען איבער די גרויסע, ווייסע, אומהיימלעכע זאַלן — אינעווייניק.

פלאַך, ווי צוגעקלעפּטע צו זייערע מאָגערע בעטן, זענען געלעגן די קראַנקע. זייערע בלייכע, שטאַרע גלידער זענען פאַרלוירן געווען אונטער די אַלצייגע, אָנ־געצויגענע דעקן, און זייערע בליקן האָבן געוואַנדערט ווי די פייגל, איבער די ווייסע, פרעמדע ווענט און פענצטער.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז אייביק וועלן זיי אַזוי ליגן, גלייך די צייט וואָלט

דאָ פארגליווערט געוועז. די צייט איז אָבער אויך דאָ נישט געשטאַנען. זי האָט געריזלט און געפרעסן און פארצערט דאָס לייב פון די קראַנקע.

א טאָג נאָך א טאָג, א נאכט נאָך א נאכט האָט זיך איינגעפרעסן אין די בלייכע, אויסגעאיידלטע וויעס פון די קראַנקע. דער מאָרגן האָט אָנגעקלאַפּט אין זייערע צאַפּלדיקע אויגן־לעפּלעך נאָך לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט. איינער האָט גע־וועקט דעם אנדערן מיט זיין קרעכץ. מען האָט זיך שטאר אָנגעקוקט אין דער קאַרגער ליכט פון דעם פאַרטאָג און מען האָט זיך נישט דערקענט, כאָטש מען האָט זיך אזוי גוט געקענט דורך וואָכן, חדשים און יאָרן.

יעדער קראַנקער איז געוועז פאַרטראָגן אין זיך, אין זיין אייגענעם גורל. און ער האָט געקוקט מיט חשד אויף זיין שכן, צי ווייסט יענער נישט עפּעס שלעכטס וועגן אים, פון וועלכן ער אליין — ווייסט נאָכנישט.

גרויסע, שרעקיקע זאַכן האָבן זיך דאָ אָפּגעטאָן שטיל און געוויינלעך אין דער ווייסקייט. דער גרויזאַמער אַקט פון טויט, דאָס שרעקלעכע רעטעניש איז דאָ אויפגעבונדן געוואָרן אַזוי גיך און פּשוט.

די קראַנקע אויף זייערע בעטן, האָט זיך געדאַכט, ווייסן פון עפּעס אַ גרויסן, היכן סוד. און ווען מען האָט אַרויסגערוקט זייערע בעטן אין די שטילע ווינקלען פון די קאָרידאָרן, ווו זיי זענען שטיל אַריבערגעגאַנגען אין די אייביקע וועלטן, האָבן זיי איבערגעלאָזט נאָך זיך דאָס גרויזאַמע, אייביקע שווייגן...

* * *

אַזוי ווי אויף דעם בית־עולם, אַזוי אויך דאָ, אין שפּיטאָל, זענען געלעגן אויסגעלייגט די דורות אָרעמע פון דער פּויליש־יידישער גאַס.

זיי זענען פאַרשוווּגדן אומבאַמערקט פאַר דער לעבעדיקער וועלט. די לעבע־דיקע, לויפנדיקע גאַס האָט נישט געוווּסט פון די, וואָס זענען יאָרנווייז געלעגן צוגעשמידט צו די בעטן פון פּיין. זייערע נעמען זענען שוין פון לאַנג אויסגעמעקט געוועזן פון דעם לעבעדיקן לעבן. אָבער זיי זענען נאָך נישט געשטאָרבן.

דאָס זענען געווען אָרעמע, וואָס זענען צוגעפאַלן צו די פלאַכע שפּיטאָל־בעטן, ווי צו אַ מאַמע, נאָך אַ לאַנגן וואַנדערן.

דאָ האָבן זיי זיך געטראָפן מיט אַלטע פריינד פון די פאַרלאָפענע יאָרן, פון אַ לאַנג אָרעם לעבן. מע דערציילט זיך וועגן זייערע משונהדיקע קרענק, וועגן אַל־מע טענות און חשבונות מיטן שפּיטאָל, וועגן אַמאָליקע דאָקטוירים, וואָס האָבן געהיילט זייערע טאַטעס און זיידעס...

די איינציקע שרעק און די איינציקע זאָרג זייערע איז, אַז מען זאָל זיי פֿון שפּיטאָל נישט אויסשרייבן, נישט צוריקשיקן זיי אין די פּייכטע קעלער־שטובן און ביידעמער, פֿון וואַנען זיי זענען שוין נישט איינמאָל צוריק אַהערגעקומען.

די אַלטע „שפּיטאַלניקעס" זוכן נישט אינעם שפּיטאָל קיין היילונג צו זייערע קרענק. זיי האַלטן, אַז דער יידישער שפּיטאָל איז זיי שולדיק עפּעס אַ חוב פֿאַר זייער צָרעס און מאַטערנדיק לעבן, און זיי זוכן אין די גלאַנציקע, שטרענגע און אַלמעכטיקע דאָקטוירים, דאָס „יידישע האַרץ".

צווישן די אַלטע „שפּיטאַלניקעס" זענען דאָ פֿיל, וואָס לעבן שוין דאָ יאָרן. זיי גייען אַוועק און קומען צוריק. פּראַווען דאָ די יידישע יום־טובים, מיט חזנים, מיט שופֿר־בלאָזן און טאַנצן שמחת־תורה.

זיי שטאַרבן לאַנג און רואיק, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו עפּעס אַ רייזע צו זייערע נאָענטע און אייגענע.

* * *

מען איז געלעגן דורך די נעכט, בעטל ביי בעטל, אין אַן עלטערלעכן, האַלבוואַכן דרימל. און אַלע מאָל האָט זיך אָנגעהויבן דער איבערגעריסענער געשפּרעך פֿון די צוויי אַלטע, קרעכצנדיקע שטימען:

— עץ שלאָפֿט?

— ניין...

— און עץ זענט געשלאָפֿן...

— עה...

איינער האָט געוואָלט דערציילן דעם אַנדערן די מעשה, וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך מיט אַ וואָך פֿריער, וויאַזוי ער האָט מיט פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק חתונה געהאַט מיטן דריטן ווייב. די חתונה איז געווען ביי אַ מורה־הוראה. נאָר אויף וואָס פֿאַר אַ גאַס עס איז געווען די חופּה, און וועלכער מורה־הוראה עס האָט געגעבן חופּה־וקדושין, געדענקט ער נישט.

— וואַ, וואַ, פֿאַרגעסן...

דער אַלטער האָט צוריק אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפֿן פֿלאַכן קישן, און ביידע זענען אַריינגעפֿאַלן אין אַ דרימל.

דער צווייטער האָט געוואַרט, דער שכן זאָל זיך דערמאָנען דעם נאָמען פֿון דעם מורה־הוראה. דער שלאָף איז אַוועק, און זיין קאָפּ האָט געאַרבעט פֿיבערהאַפֿט. דער האַלב־פֿאַרשטאַרבענער זכרון האָט געוואַנדלט אין דער קראַנקהאַפֿטער מומנעקייט פֿון געשעענישן...

עפֿעם האָט אַ בלינצל געטאָן:

— אפשר ביי ר' יידעלע מורה־הוראה?...

— ניין...

— אפשר ביים פּראַגער?...

— ניין...

די נאַכט איז געשטאַנען איבער זיי אַ שווערע, אַ שלאָפֿלאָזע. דער מאַן פֿון די דריי ווייבער האָט נישט געקאָנט נאָכיאָגן דעם געדאַנק. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען ביי וועלכן מורה־הוראה. עפּעס איז ביי אים פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַ שטיק קאָפּ. ער האָט אַפֿילו נישט געהערט, ווי מען האָט אַרויסגעטראָגן זיין שכנם בעטל פֿונעם זאַל, עס אַוועקגעשטעלט אינעםווינקל פֿון קאָרידאָר און פֿאַרשטעלט מיט אַ ווענטל.

און פּלוצלונג, צוגלייך מיטן גראָען שיין פֿונעם טאָג, האָט אים עפּעס ווי אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ אַריין, און ער האָט זיך דערמאָנט. יאָ, די חופּה איז געווען ביי דעם רב ר' הערצעלע אויף דער „דזשיקע" גאַס... ער געדענקט אַזוי, ווי עס וואָלט נעכטן געווען... איי... איי... איי...



# „שפּיטאַלניקעס־מיוחסים“

— איר זעט, „פֿאַניע“... דאָס איז מיין בעטל... שוין צוויי יאָר... און דאָס איז מיין שענקל... און דאָ ליגן מיינע זאַכן... איר זעט, דאָ ליגט דער טלית און דאָ ליגן די תּפֿילין. און דאָ ליגט מיין שבתדיקע קאַפּאָטע... און דאָ ליגט מיין מעסער מיט מיין לעפֿל־גאָפּל... מיינס אַ שיסעלע, אַ כשרס פֿון דער היים... און דאָס אַלץ טאָר מען נישט... ווייל ס'איז נישט היגיעניש... אָבער איך מעג... מיר טאָר מען גאָרנישט זאָגן... מיר מוז מען געבן כשר עסן... און דער גאַנצער „אָדזשאַל“ און אפילו די „סטאַרשע שאָסטרע“ ציטערן פֿאַר מיר... איר פֿרעגט, פֿאַרוואָס?... ווייל זיי מוזן מיך האָבן...

— ווייל יאַך האָב אַזאַ קרענק... וואָס זיי זאָלן אויסזוכן גאַנץ וואַרשע מיט אַלע שטעט אין גאַנץ קרוין־פּוילן וועלן זיי נישט געפֿינען... וואָס זענען זיי אָז מיר?... לאָם יאַך אַוועקגיין, מעגן זיי פֿאַרמאַכן דעם „אָדזשאַל“...

— נו, און די אַנדערע קראַנקע?

— די אַלע קראַנקע גלאַכט איר צו מיר?... וואָס זענען זיי?... גאָרנישט מיט גאָרנישט... אַ שיינער צוגלייך... דאָס איז דאָך אַלץ קרענק, וואָס מען ווייסט— וואָס דאָס איז... ווער קוקט זיך אום אויף זיי... ביי זיי איז דאָך אַלץ פּראָסטע קרענק... אָדער מען מאַכט אַן אָפּעראַציע... אָדער מ'האָט אַ ראַק... זעט מען דאָך באַלד!... אָבער זאָל מיר אימיצער זאָגן, וואָס מיר איז... אדרבא...

— וואָס זשע איז אייך?

— אָ, ווען זיי וואָלטן געוווּסט, וואָלטן זיי מיך דאָ געהאַלטן?... איר ווייסט, פֿאַניע, וואָס יאַך קאָסט זיי אָפּ... זיי וואָלטן גאָך מיר צוגעצאָלט אויך... נאָר יאַך פֿאַרלאַנג נישט... כאָטש כ'וויים, אַז כ'בין ווערט...

— אָבער וואָס איז אייער קרענק?

— אָט דאָס איז דאָך טאַקע די קשיא... אַז זיי וויסן נישט, פֿונוואַנען זאָל יאַך וויסן... איר קוקט אויף מיר, פֿאַניע... כ'זע נישט אויס, ווי קיין קראַנקער...

אָט דאָס איז דאָך טאַקע דאָס ווונדער... ווייל לויט דער קרענק... ווי זיי רופֿן זי אָן מיט עפּעס אַן אויסטערלישן נאָמען, דאַרף יאַך זיין ווייס ווי אַ טוויטער... ווייל די אַלע קראַנקע אויף דער קרענק דערקענט מען באַלד... ווייל זיי זענען ווייס, אָן אַ טראָפּן בלוט... מען גיסט זיי אַריין בלוט, מע שפּריצט, מע מאַכט, און עס העלפֿט נישט... און דאָ... אַנומלטן... איז געקומען אַ גרויסער דאָקטאָר... אַן אַלטער מאַן... אַ משוגענער... אַ פּראָפֿעסאָר... האָט ער געגעבן אויף מיר אַ קוק... און האָט אָנגעהויבן אויף מיר שרייען... באשר בכן... כ'זע גוט אויס... פֿאַרוואָס איך בין נישט ווייס... אַז לויט דער דאָקטאָריע האָב יאַך שוין לאַנג באַדאַרפֿט שטאַרבן... דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנט... מיך איבערגעבעטן... — און האָט מיר נאָך צוגעגעבן אַ צענער זלאָט... כ'זאָל מיר קויפֿן וויין, ביי די קרענק איז גוט צו טרינקען וויין...

ני, זעט איר שוין, פֿאַניע, אַז דער רבונו־של־עולם וויל... בין יאַך גאָר אויפֿן פּנים רויט און יאַך האָב מיך געליובט צו גאָט פֿאַפּראַווייעט... ווייל אַז אַ מענטש טוט גאָרנישט... עסט און טרינקט... און אַ שטיקל הון, און אַ גוט שטיקל פֿלייש... אַליז, וואָס שמעקט מיר, מוז מען מיר געבן... פֿאַרוואָס זשע זאָל יאַך שלעכט אויסזען... איי, וואָס? כ'קאָן קריגן אַ „נאַפּאַד“... ני, מילא... געדויערט עס אַ פּאָר טעג און ס'גייט איבער... העמלט האָט איר, פֿאַניע, באַדאַרפֿט זען, וואָס דאָ טוט זיך. מען נעמט מיך קודם־כל אַרויף אין דער „סאַליע“... אַרום זעצן זיך אויס די גרעסטע דאָקטוירים... אַלע אין ווייסע פֿאַרטעכער, אַזוי ווי די גלחים... מען זעצט זיך אויס אַרום, ווי אין אַ טעאַטער... מען צינדט אָן אַלע לאָמפּן... און מיך לייגט מען אַרויף אויף אַזאַ מאשין, וואָס דרייט זיך... מען קוקט אין מיר אַריין מיט שפּאַקטיפֿן... מיט גלעזער און רערן... אַזעלכע דאָקטוירים, וואָס מען קאָן גאָר צו זיי נישט צוקומען פֿאַר קיין שום געלט... און יאַך בין דער גלוונער אַרטיסט... אַנומלטן איז דאָ צו מיר געקומען אַ דאָקטאָר פֿון אַן אַנדער שטאָט... ער האָט פֿאַרשפּעטיקט, ס'איז שוין געווען נאָכן נאַפּאַד... האָט ער שיר געוויינט... ס'טייטש... ער האָט פֿאַרשפּעטיקט אַזאַ זאַך... און איר ווייסט, פֿאַניע, אַז זיי ווילן מיך דאָך פֿירן קיין אויסלאַנד... אָבער יאַך וועל נישט פֿאָרן... כ'דאַרף נישט... וואָס דאַרף יאַך זאָרגן פֿאַר אויסלאַנד... פֿאַר מיר איז דאָ אויך גוט... איר מיינט, אַז אין אויסלאַנד ווייסט מען נישט וועגן מיר... דאָ האָט אַ דאָקטאָר דערציילט, אַז אין אויסלאַנד ערגעץ, אויף אַ גרויסע אסיפֿה פֿון די גרעסטע פּראָפֿעסאָרן, האָט מען נאָר גערעדט וועגן מיר...

כ'וועל אייך זאָגן, פֿאַניע... אַז פֿון איין זאַך האָב איך קרענקונג... כ'האָב מורא... כ'זאָל נישט אויסרעדן אין אַזאַ שעה... כ'האָב מורא, יאַך זאָל חלילה נישט געזונט ווערן... כ'האָב שוין עפּעס צו לאַנג נישט געהאַט קיין נאַפּאַד... איר

לאַכט... ס'איז נישט קיין געלעכטער... ווייל איר פאַרשטייט, פאַניע... וואָס בין איך געווען פריער... אַ בעל־מלאכה, ס'הייסט, נישט קיין בעל־מלאכה, נאָר כ'האָב געהאַט אַ שטיקל פאַך... כ'בין געווען אַן „אויסקלאַפּער"... כ'האָב אויסגעקלאַפּט פוטערס, ס'זאָל נישט אַריין דער „מאָל". קיין וואַזשנע פרנסה איז דאָס נישט געווען... כ'האָב אַ ביסל צוגעהאַנדלט מיט אַלטוואַרג... אָבער ס'אי נישט דאָס... האָט מיר גאָט צוגעשיקט די קרענק... זיי זאָגן, אַז אַלץ ליגט ביי מיר אין דער מילץ... אַזוי זאָגן זיי... איך ווייס?... אַז כ'קריג אַ נאַפּאַד, טוט מיר ווי דער בויך... ס'איז טאַקע אַ שטאַרקער ווייטיק... אָבער איך בעט אייך, פאַניע... אַרומלויפן גאַנצע טעג איבער די הויפן און זוכן אַ גראָשן צו פאַרדינען איז בעסער... דערווייל איז שוין, געלויבט דער אייבערשטער, צוויי יאָר... אז כ'האָב נישט קיין דאגות פרנסה... זעט איר דאָך פאַניע, אַז ווען דער אייבערשטער וויל אַ יידן העלפן... געפינט ער שוין אַ וועג... און איר מיינט, אַז מ'איז מיך נישט מקנא?... דאָ איז שוין געווען איינער... אַ ייד, וואָס מ'האָט עם געברענגט פון דער פּראָווינץ... ער האָט אויך עפּעס געהאַט מיט דער מילץ... אָבער ס'איז נישט געווען דאָס... ערשטנס, נישט אויף מיר געזאָגט, איז ער באַלד נישט געווען קיין מענטש... נישט עסן, נישט טרינקען, נישט שטיין, נישט גיין... מ'האָט באַלד געזען, אַז ס'איז נישט דאָס... און ער איז טאַקע, נישט פאַר מיר געדאַכט, דאָ נישט לאַנג... כ'האָב דאָך אייך געזאָגט, פאַניע... אַז יאַד בין איינער... אַי, כ'האָב שוין לאַנג נישט געקריגן קיין נאַפּאַד... דאַרף מען נישט פאַרלירן דעם בטחון... גאָט וועט העלפן... נישט היינט, איז מאָרגן... עפּעס פיל יאַד טאַקע היינט, אַז די מילץ איז נישט אין אָרדענונג... פאַרשטייט זעך... ס'איז נאָך נישט דאָס, ווייל ווען כ'קריג אַ נאַפּאַד, קריך יאַד אויף די ווענט... איר מיינט, אַז ס'איז גלאַט אַזוי, גאָרנישט... האָט נישט מורא... זיי האַלטן מיך נישט אומזיסט... זיי לערנען זיך גענוג אויף מיר... זיי זענען נישט קראַנק צו וואַרטן...

# פריילעכע שטאַרבערס

## (אויף דער שוועל פון יענער וועלט)

דער וואַרשעווער יידישער „גענשער בית עלמין האָט געהאַט זיינע שטענדיקע געסט, וואָס זענען צו אים געקומען אָפט. כמעט יעדן טאָג, האָבן זיי זיך דאָ באַגעגנט אַרום דעם אומעטיקן טויער, וואָס האָט אָפּגעטיילט די וועלט פון יענער וועלט.

אין דער שרעקיקער פאַרשטומטקייט פון דעם אומעטיקן בית־עלמין גאָרטן איז געלעגן אַ רייע פאַר געוויסע, צו מיינסט אַלטע, וואַרשעווער באַלעבאַטים פון די יידישע גאַסן. דאָס זענען געווען זקנים פון די לעצטע, וואָס האָבן כמעט טאָג טעגלעך, זיך שטיל אַריבערגעטראָגן אין דער „בעסערער וועלט“; און יעדע אַזאַ לוויה האָט אויפגערודערט די עדה זקנים און מיט געבויגענע קעפּ האָט מען גע־וואַרט אויף דעם וויטערדיקן. אָבער נישט אַלע פון די אַלטע לייט האָבן געבויגן דעם קאָפּ פאַר דעם אומפאַרמיידלעכן.

אַממיינסטן זענען דאָס פּשוטע געזונטע און פּראָסטע מענטשן, וואָס האָבן אָפּ־געלעבט זייער וועלט אָן טענות צום לעבן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס וואָס זיי דרייען זיך נאָך אַרום צווישן די לעבעדיקע איז אַ צולאָג, „געשענקטע טעג“, און זיי האָבן דאָ אַרום דעם בית־עלמין פאַרברענגט זייער צייט, כדי זיך צוגעוווינען צו זייער לעצטער און אייביקער דירה.

צווישן די אַלטע האָט געהערשט אַ באַזונדער בית־עולם פריילעכקייט און הוזק־מאַכעריי פון דעם מלאך־המות.

זיי האָבן אַריבערגעטראָגן אַלע זייערע לעבנס־אינטערעסן אויף יענער וועלט. זיי האָבן נישט געגלויבט, נישט אין גהינום נישט אין גן־עדן; זיי האָבן נאָר נישט געוואָלט גלויבן, אַז „דאָרט“ איז גאָרנישט דאָ.

אָפטע געסט אויפן בית־עלמין זענען געווען אויך אַנדערע. עס זענען געקומען פאַרהילטע אין שוואַרצע געדיכטע שלייערן „פינצטערע“ אלמנות, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען ווי שטיקער אומעט, נישט גערעדט מיט קיינעם, זיך געפּאָרעט ביי די „אַריסטאָקראַטישע“ קברים, פאַרריכט די בלומען, אָדער געזעסן שעהנווייז אויף די שטיינערנע בענק, און געוויגט מיט די קעפּ ווי טרויער־פייגל.

עס זענען געקומען מיידלעך מיט טונקעלע געמיטער, וואָס האָבן דאָ באַגראָבן זייערע געליבטע. דער בית־עלמין האָט זיי אַלע געקאָנט און געוווסט די געשיכטע פון יעדע. מען האָט געוווסט פון אַן אַלמן, וואָס איז געקומען יעדן טאָג אויפן ווייבס קבר, און האָט זיך דאָ באַקאַנט מיט אַן אַלמנה, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן איר געשטאָרבענעם מאַן. און אַזוי טרויערנדיק, ער — נאָכן ווייב, און זי — נאָכן מאַן, איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך און זיי האָבן ביידע התונה געהאַט.

מען האָט דערציילט וועגן אַ וואַרשעווער אַסימילאַטאָר, וואָס איז געקומען אויפן טאַטנס קבר בעטן דער טאַטע זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך געשמדט.

די אַלע מעשיות זענען דערציילט געוואָרן אין דער יידישער דריט־ראַנגיקער שענק, קעגנאיבער דעם טויער פונעם גענשער בית־עלמין, וווּ עס פלעגן זיך צו־נויפקלייבן די שטענדיקע בית־עולם־געסט, נאָך יעדער לוויה פון אַן אַלטן וואַר־שעווער „גוטן ברודער“ האָט מען זיך צונויפגענומען ביי אַ גלעזל בראָנפן מיט אַ הערינג, וואָס איז פאַר זיי געווען דער איינציקער און לעצטער תענוג אויף דער וועלט. מען האָט געוואַשן די הענט און ווען דאָס ביסל בראָנפן האָט דערוואַרעמט די אַלטע גלידער, האָט זיך אָנגעהויבן דער שמועס וועגן דעם מת.

מען האָט אויסגערעכנט וויפיל ער האָט געקאָנט אַלט זיין, דערנאָך האָט מען גערעדט וועגן אַנדערע, וואָס האָבן באַדאַרפט אין גיכן „אַהערקומען“.

די קאַנדידאַטן אויף יענער־וועלט זענען געווען צעזייט איבער דעם יידישן וואַרשע, טייל — אין מושב־זקנים, טייל — אין די שפיטעלער, אַנדערע נאָך ביי זייערע קינדער. אָבער די אַלע זענען, מיט נישט־געזעענע פעדעם געווען פאַרבונדן מיט דעם בית־עלמין. דורך פאַרשידענע וועגן האָבן זיי געצויגן אַהער, אַזוי ווי פליגן צו זיסקייט האָבן זיי געטראָפן אַהער, פאַרבונדענע מיט איין דראַנג, אַרי־בערצושפּאַנען די שרעקיקע שוועל, צוזאַמענהאַלטנדיק זיך, קעגן דער ליידיקער פינצטערניש פון דער נישט מענטשלעכער אייביקייט.

און דאָ, ביי דער משוגה'דיקער סעודה האָט מען זיך פרייליך געמאַכט איבערן טויט, איבערן מלאך המות, דאָ האָט מען וועגן טויטע גערעדט מיט דער גוט־ברודערשער היימישקייט פון נאָענטע שכנים.

דער הויפּט פריילעכמאַכער איז געווען וועלוועלע, אַן אַלטער איינוווינער פונעם מושב־זקנים, פאַר וועלכן די רייכע זין פון אַמעריקאַ האָבן געצאָלט. ער האָט זיך שוין אויך באַזאָרגט מיט אַ קבר און האָט גאַנצע טעג פאַרברענגט אויפן בית־עלמין.

ער איז געווען אַ קליינער זשוואַווער ייד מיט רויטע בעקעלעך. ער האָט זיך

לאַנג באַלעקט נאָכן גלעזל בראַנפֿן, און זיינע קליינע, גרויע אייגעלעך האָבן געשמייכלט מיט אַ קינדערישער פֿאַרנאַשטקייט:

— ביי אונדז... אין מושב־זקנים... — האָט ער אָנגעהויבן — איז אַ טויטע וועלט... דאָ... אויפֿן בית־עולם... איז אַ לעבן... איי, ווען מען וואָלט געקאָנט מיטנעמען אַהין... אַזאַ פֿעסעלע בראַנפֿן... וואָלט דאָרט געווען אַ סך בעסער ווי דאָ... קודם־כל... האָט מען דאָרט נישט מורא פֿאַרן טויט... קיין זאָרג פֿאַר פּרנסה האָט מען נישט... קאָן געלט... דאַרף מען נישט... גאָר איין זאַך זעט עך... האָב יאַך מורא... ס'זאָל מיר נישט זיין קאַלט... האָב יאַך מיר טאַקע געקויפֿט... וואַרעמע תכריכים...

דער עולם לאַכט.

— קיין ווייב... זעט עך... וואָלט יאַך נישט מיטגענומען... אַמאָל ווען מיין יידענע האָט געלעבט... האָב יאַך זי דווקא... יאָ געוואָלט האָבן — דאָרט... היינט וויל יאַך נישט... די אַלטע לייט לאַכן מיט זייערע אָנצייניקע מיילער, ווי קברים וואָלטן זיך געעפֿנט. אַן אַלטיטשקער מיט אַ קליין, ווייס בערדעלע און אַ בלויגעזעלע, וואַרפֿט אַריין: — עך ווייסט... יאַך האָב געהייסן מיין „זשאָנדצע“... ער זאָל מיך אויסמעלדן...

— פֿאַר וואָס...

— כדי דער מלאך המות זאָל מיך נישט קאָנען געפֿונען...

משה'לע צימעס, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער האָט אַן אייגן הויז אין אַ הינטערגעסל, טוט אַ קלאַפּ אין טיש:

— עטץ הערט... אַלטע „באַנדיטן“... ווען יאַד וועל שטאַרבן... וואָלט יאַך געוואָלט גאָר איין זאַך... יאַד' וואָלט געוואָלט מיטנעמען מיינע לאָקאַטאָרן... די וואָס וווינען אין מיין הויז... און צאָלן נישט קיין דירה־געלט... דאָרט... וועל יאַך זיי געבן... אומזיסטע דירות...

דער עולם קייכט פֿון געלעכטער.

עס קומען אַריין די קברנים אין די שוואַרצע שינעלן אין שוואַרצע, הויכע היטלען, זיי רייבן זיך די הענט און טרינקען בראָנפֿן. איינער צווישן זיי, נטע קברן, אַ הויכער שוואַרצער ייד ווי אַ ציגיינער מיט אַ שוואַרצער באָרד און בליציקע אויגן, קוקט אויף די אַלטע און שרעקט זיי מיט זיינע שוואַרצע גליענדיקע אויגן. די אַלטע ווערן אומעטיק, זיין בליק קליין און איינגעשרומפֿן און רוקן זיך אין די ווינקלען.

וועגן נטע קברן האָט מען דערציילט, אַז ווען ער האָט מקבר געווען זיין אייגענע טאָכטער, וואָס איז געשטאָרבן פֿון אַ קינפּעט, האָט ער נאָך דער קבורה געבעטן ביים איידעם „אויף בראַנפֿן“.

די זקנים אין דער שענק ריגגלען אים ביסלעכווייז אַרום, און איינער שרייט:

— נטע... נאַ דיר אַ גלעזל... נאָר כ׳בעט דיך... זאָלסט מיך „דעליקאַטנע“ אַראָפּלאָזן אין קבר אַריין... דער עיקר... זאָלסט מיך נישט נעמען אונטערן אָרעם... ווייל יאַך בין קיצלדיק...

אַ צווייטער זאָגט:

— נטע׳שי... כ׳געב דיר „לאַפּוּוקע“... זאָלסט נישט פאַרגעסן מיר אַרייַנ־צוגעבן... אַ נאָז־טיכל... טאָמער קריג יאַך אַ קאַטאַר...

נטע טרינקט אויס, ווישט זיך אָפּ די באָרד, קוקט אויף די אַלטע מיט זיינע שוואַרצע ציגיינער־אויגן, גייט צו, צו איינעם פון די זקנים:

— זאָג נאָר דו... כ׳בעט דיך... ווי קומסטו אַהער... כ׳קאָן שווערן, אַז יאַך האָב דיך שוין איינמאָל אַריבערגעפּעקלט אַהין...

עס ווערט אַ פריילעך געדודער און אַלע שרייען צו דעם אַלטן:

— טראָג זיך אָפּ... גיי אין דיין רו אַריין...

דער אַלטער מאַכט זיך קינדעריש פאַרשעמט, ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ שלעכטער זאַך, און זאָגט מיט אַ געמאַכטן ערנסט:

— נטע... זיי מיר מוחל... כ׳האָב מיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ מינוט... נאָר צו כאַפּן אַ טרונק בראָנפן... כ׳קום באַלד צוריק...

די אַלטע לייט גלעטן נטע׳ן איבער די שוואַרצע אַרבל פון זיין באַגראָבער־מאַנטל, ווי זיי וואָלטן דערמיט געוואָלט ווייזן זייער היימישקייט מיט יענער־וועלט. נטע ווייסט שוין וואָס די אַלטע ווילן, ער ווייסט, אַז זיי האָבן ליב זיינע ווערטלעך. ער טוט אַ קרעכץ און אַ בליץ מיט די אויגן און זאָגט פאַרזאָרגט:

— נו... וואָס וועט זיין... אַלטע „קאַטאַזשאַנעס“... ווי לאַנג וועט עטץ זיך אַרומדרייען, ווי לאַנג איז דער שיעור... און דערפון וועל יאַך לעבן...

די אַלטע לייט פרעגן:

— נטע... האָסט עפּעס גבירישע קונדן...

— גבירים... גבירים ווילן דאָך נישט שטאַרבן... — זאָגט נטע קברן — נאָך אַ גליק, וואָס עס זענען דאָ דאָקטוירים... די דאָקטוירים העלפן אַ ביסל צו. אַ גביר... דאַכט זיך אים אַז ער איז קראַנק... לויפט ער באַלד צו אַ דאָקטאָר... און דער דאָקטאָר מאַכט אים שוין צורעכט...

מיטאַמאָל עפנט זיך ברייט די טיר און עס באַווייזט זיך ר׳ מרדכי, אַ ברייַ־טער ייד, מיט אַ ברייטער באָרד, מיט אַ ברייט לשון. ר׳ מרדכי איז אַ סוחר פון דער פראַנציִשקאַנער גאַס, וואָס אַלע האָבן אים געקאָנט. ער האָט ליב געהאַט זיך מתעסק זיין, מיט אָרעמע כלות, מיט שפּיטעלער, מיט מתים און מיט גוים, וואָס האָבן זיך געוואָלט מגיר זיין. ר׳ מרדכי האָט אַריינגעכאַפּט אַ קליין, באַלעבאַטיש

שנעפּסעלע זיך אָפּגעווישט די ברייטע באָרד, אַ קוק געטון אויף די אַלטע לייט מיט זיינע קלוגע שטרענגע אויגן. די אַלטע פרעגן:

— וואָס הערט זיך עפּעס... ר׳ מרדכי...

— ס׳זאָל עך מאַכן... יעך טענה מיינס... אַז איינער וויל נישט צאָלן... גע־פינט ער שוין אַ פּאָרטל... אָט האָבן מיר הייגט... באַגראָבן שיעלען... עיז האָט דאָך עם געקאָנט... ער האָט געהאַנדלט מיט האַרטע לעדער... אויף דער פּראַנציישקאַ־נער... דער ייִד איז מיר שולדיק געבליבן... אַ שיינע מטבע...

ר׳ מרדכי וואַרפט אַריין נאָך אַ גלעזל און פאַרקרימט זיך:

— ער האָט מיר געגעבן וועקסלען... ני... האָט ער זיי נישט געצאָלט... האָב יעך עם אָנגעקלאָגט אין „סאָנד“... געוואָלט מאַכן אַ „זאַיענטשע“... האָט ער אַלץ איבערגעשריבן אויפן ווייב... האָב עך דאָך געשריגן געוואַלד... האָט ער מיך געהייסן וואַרטן... ווי לאַנג איז דער שיער... האָב עך עם גערופן צו אַ דין־תורה... האָט דער רב געפּס׳קנט... ער זאָל באַצאָלן... אַ העלפט... האָט ער דאָך זיך שוין נישט געקאָנט אַרויסדרייען... און באַצאָלן האָט ער נישט געוואָלט... האָט ער גע־פונען אַ פּאָרטל... נישט צו צאָלן...

— וואָס פאַר אַ פּאָרטל...

ער איז געשטאָרבן... ני...

מען לאַכט.

ר׳ מרדכי מאַכט כלומרשט בייזע אויגן און גיט צו:

— ני... טאַקע אַזוי... האָט ער דען נישט געקאָנט פריר באַצאָלן... דערנאָך שטאַרבן...

ר׳ מרדכי פאַרויכערט אַ ציגאַר און רעדט ווייטער:

— עטץ ווייסט דען ייִדן... וויפיל געלט... יעך האָב אויף יענער וועלט... ווען יעך האָב עם דאָ... אַהאָ... וואָלט יעך געווען אַ... ראָטשילד...

ער לאָזט אַרוים דעם רויך פונעם ציגאַר און זאָגט מיט אַ פאַרטראַכטן בליק:

— דערפאַר האָב יעך מיר ליב אַראָפּצוקומען... אַהער... אויפן „גוטן־אָרט“... אַ קוק טון... וואָס מאַכן עפּעס... מיינע פייגל... די בעלי־חובות...

ר׳ מרדכי טוט אַ גלעט זיין ברייטע באָרד, און רעדט ווי צו זיך אַליין:

— איין זאַך... פאַרדריסט מעך... אויף די חברה מתים... דאָס איז זייער נישט „פּראַווילנאָ“.

עטץ פאַרשטייט... זיי זענען מיר שולדיק געלט... זיי האָבן מיר אָנגעפּייפּט.. דאַרף יעך נאָך ביי זיי בעטן מחילה... זיי זאָלן מיר מוחל זיין... האָט עץ געהערט אַ יושר... ני...

# 1939

אינעם יאָר ניין הונדערט ניין און דרייסיק, נאָך לאַנגע וואָכן שפּאַנען דורך פעלדער און וועלדער, דורך ברענענדיקע שטעט און דערפער, גייענדיק מיט בלוטיקנדיקע פיס, פאַרחלשט פון הונגער און דורשט, בין איך מיט זייטיקע וועגן דורך בערגיקע וועלדער, וועלכע האָבן אַרומגעזוימט דעם האָריזאָנט, אַריינגעקומען אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל, וואָס האָט אין בלענדנד-זוניקן שפּעט-האַרבסטיקן טאָג אויסגעזען ווי אויפגעצייכנט מיט אַ שרייב-פענזל דורך אַ קינדערישער האַנט.

שוואַרצע, חרובע הייזלעך, איינס קעגן דעם אַנדערן, ווי קראַנקע, אָפּגעשרפטע פייגל וואָלטן זיך דאָ אײַנגעזעצט; עטלעכע שאָטנס פון מענטשן, וואָס האָבן אַרומגעפינטלט אין דער שטויביקער ליכט, ווי פליגן וואָלטן אַריינגעפאַלן אונטער אַ גלאָז.

אַרום זענען געשטאַנען די סודותדיקע וועלדער אין דער ליכט פון דער האַרבסטיקער זון און געשפּילט מיט זייערע פלאַמיקע גסיסה-פאַרבן, ווי מיט ליכטער פון טויט.

מיט די לעצטע כוחות בין איך אַריין אין דער שטויביקער גאַס פון דעם ישוב און אַוועקגעפאַלן אויף דעם ערשטן טרעפּל פון אַ פאַרמאַכט געוועלב מיט דערשראָקן-פאַרקלאַפּטע טירן. אַ ברענענדיקע זון, געמישט מיט אַ קנייפנדיקער קילקייט פון האַרבסט, האָט גערייצלט אין דעם שטויב און קויט פון דער זאַמדיקער גאַס, און אַ פאַרקלעמט וואַרטן האָט אַרויסגעשלומערט פון די פאַרמאַכטע און פאַרהאַמערטע הייזער.

איך האָב נישט געוווסט, וואָס ס'וועט מיך דאָ באַגעגענען. די דייטשן זענען געגאַנגען פון יעדער זייט, און פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט דאָס טויבע געברילֿ פון נאָענטע שלאַכטן, און אויף דעם שטראַלנדיקן פוילישן האַרבסט-הימל, אין דער בלענד פון דער טיפער בלוי האָבן זיך די דייטשישע עראָפּלאַנען אײַנגעגעסן, ווי זילבערנע לייז. אין דער ווייט איבער די פאַרטראַכטע זוימען פון די וועלדער האָבן זיך אויפגעהויבן עלנטע שריפות מיט רויך און פלאַמען פון די דייטשישע צינד-באָמבעס.

מיטאַמאָל האָבן זיך איינציקווייז אַרום מיר גענומען זאַמלען קינדער. יידי=

שע קינדער, ווי זיי וואָלטן ארויסגעקומען פון אן אלט יידיש לידל. קינדער מיט נריבע, אויסגעצערטע פנימלעך, מיט גרויסע אומעטיקע אויגן און אלטע, מידע שמייכלען, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, מיט לאנג געדרייטע פאהלער, האָבן זיי ווילד און אומהיימלעך געקוקט אויף מיר, און דאָס איז געווען פאר מיר דער איינציקער סימן, אז אין שטעטל זענען נאָך קיין דייטשן נישטאָ.

באלד האָבן זיך באוויזן דערוואקסענע. א יידענע מיט א געקוילעט עוף אין די הענט האָט זיך געטראָגן מיט אַ דערשראָקן געאייל, מיט וועלכן מען טראָגט א מת, האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף מיר מיט חשד און אומרו.

דאָס שטעטל, אַן אָפּגעריסנס און פאַרוואָרפנס אין אַ זייט פון די וועגן, איז, זעט אויס, ביז איצט אויסגעמיטן געוואָרן דורך די צענער טויזנטער וואנדערער, וואָס האָבן געצויגן איבער די וועגן פונעם לאנד.

באלד איז צוגעקומען א קליינער, דארער ייד, ווי אַ ייִנגל מיט א רויטער באָרד. ער איז געווען אָן א קאפּאָטע, אין א פארשוויצט און פארשטויבט העמד, מיט א סאמעטן קאפּל פאררוקט הויך אויף זיין בלייכן ווי דורכזיכטיקן מוח. ער איז, זעט אויס, ארויס פון דער שטוב אויפן רוף פון די קינדער. ער איז צוגעגאנגען צו מיר, א מינוט געשטאנען דערשראָקן און זיך צוגעבויגן:

— עטץ זענט א ייד... פון וואנעט זענט עטץ...

— פון ווארשע...

— אוי וויי מיר... אַזש פון ווארשע... דאָרט איז דאָך דער דייטש...

אין איין מינוט איז געשטאנען ארום מיר א רעדל צעשראָקענע מענער, פרויען און קינדער, עס האָט זיך אויפגעהויבן א בהלהדיקער רעש:

— א ייד... א ייד...

דער קליינער ייד מיט דער רויטער באָרד האָט מיך א הייב געטאָן פון די טרעפּלעך מיט זיינע דארע הייסע הענט, אין וועלכע עס איז געלעגן עפּעס אן אלטער, סאמאריטאנישער כוח. מיר האָט זיך געדאכט, אז אין זיינע הענט ליגט אָנגעגרייט היילונג פאר מיין פיין, דאָס זעלבע מוז פילן א פארוואונדעטער זעלנער, ווען א צווייטער טראָגט אים אראָפּ פונעם שלאכטפעלד. ער האָט מיך ארומגעהאלטן, מיך געפירט, און אלע זענען אונדז נאָכגעגאנגען. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן בין איך אריינגעפאלן צווישן פרעמדע מענטשן. מיר האָט זיך געדאכט, אז איך בין געשטאָרבן און עס ווערט מיר געטאָן די „רעכט", וועגן וועלכע אַ לעבעדיקער מענטש וויל נישט קלערן. אָבער די הענט פון דעם אָרעמען ייד האָבן געהאַט עפּעס אַן אייביק מענטשלעכס, וואָס איז געווען פאַר מיר ניי און מיך געטרייסט.

באלד איז פארשוונדן דאָס אומהיימלעכע, ווען דער געלער ייד האָט מיך

אריינגעפירט אונטערן נידעריקן, אָנגעהיצטן באַלקן פון זיין האַלבשטוב און האַלב געוועלב. דער ייד האָט מיך אוועקגעזעצט אויף א הילצערנער באַנק, אויסגעבעט מיט שטרוי. א זיסלעכער ריח פון צעוואַרעמטער אָרעמקייט האָט מיך ארומגענומען: די אָרעמקייט, וואָס קלאַפּט מיט לעבעדיק בלוט פון פּשוטע מענטשן, וועלכע איך האָב אַזויפיל באַגעגנט אויף די וועגן. איך האָב פארגעסן די דראָענדיקע ליכטיקייט פון דרויסן. איך האָב ערשט איצט דערפילט אַן אָטעם פון לעבן, וואָס האָט א שטראָם געטאָן אין האַרץ, און א פארלאַנג אריינצוקנעטן זיך אין דעם גורל פון די פאַרשטויבטע יידן, וואָס ווייסן פון עפּעס, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט, מיט דעם ערשטן געפיל פון רו אונטער דעם וואַרעמען אָטעם פון דעם קליינעם ייד, פון וועלכן עס איז געגאַנגען א כוח, שטאַרקער און גרעסער פון אים אליין, וואָס האָט געוואַכט איבער מיר, גלייך ער אליי וואָלט באַזאָרגט און געהיטן געוואָרן פון א גרויסן, מעכטיקן כוח.

איך בין געלעגן אויפן שטרוי און געפילט, ווי די טויט־מידיקייט לייגט זיך איין, גייט איבער אין אַ דרימל. און אַזוי, אונטער די פאַרטראָגענע בליקן פון די קינדער און דעם שטילן געדורער פון די דערוואַקסענע, וואָס האָבן זיך מיט א פארשטומט געאייל געדרייט אין דעם טונקל פון דעם פארמאַכטן געוועלבל, ווו פון פענצטער־שפּאַרעס אין די שטראַלן זון האָט זיך געדרייט אַ מעל־שטויב און געשלאָגן מיט א ריח פון זעטיקייט, בין איך נאָך לאַנגע טעג און וואָכן איינגעדרימלט.

* * *

איך האָב מיך אויפגעוועקט פון עפּעס א באַזונדערער אָנגעלאָדענער שטילקייט, וואָס רעדט אַזוי הויך און דייטלעך צו אונדזער אינסטינקט פאר געפאַר. עס איז שוין געווען טיפער אָוונט. איך האָב, ווי אָפט אין יענע טעג, נישט געקאָנט מיט איין מאָל מיר קלאָר מאַכן, ווו איך געפין זיך. פאר מיר האָט זיך כסדר געטראָגן די נעפּלדיקע, דראָענדיקע ווייטקייט און דער דריקנדיקער עול פון וואַנדערן האָט זיך אַליץ נישט אָפּגעטון פון מיר.

־אָ האָב איך דערזען אין דעם אָוונטיקן טונקל אינמיטן דער שטוב א גרויסע ברענענדיקע ליכט, וואָס איז געווען אריינגעטון אין א מעשענעם מערזשער, אָנגעפילטער מיט געלן זאַמד, דער שטילער גאָלדיקער פלאַם פון דער ליכט האָט געשפּילט אויף דעם געלן זאַמד און אַלטן מעטאַל פונעם מעשענעם מערזשער, און דאָס האָט מיך דערמאָנט אין די ערשטע קינדער־יאָרן, אין די יום־כּיפּורדיקע שעהן. אין דער מינוט האָט זיך אין דער טונקלקייט פון דעם פארמאַכטן געוועלבל אָפּגערופן א שטילער יאָמער פון א פרוי. איך בין אויפגעשפּרונגען פון דעם געלעגער. אין דער שטילער קלאָג און אין דעם פלאַם פון דער ליכט איז געווען עפּעס

פון דעם יידישן טויט, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אַלע וועגן, ווי דער מלאך־המות וואָלט געפּאַכט מיט זיינע פליגל איבער דער גאַנצער וועלט.

אין דער מינוט האָב איך דערזען דעם קליינעם געלן ייד שמאי. איך האָב אים איצט קוים דערקענט. ער איז געווען שטיל, ווי פול פון א הויכן סוד, נישט פון דער וועלט. ער איז איצט געווען אָנגעטון אין א שוואַרצער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, אַרומגעגורטן מיט א גאַרטל, זיין באָרד איז איצט געווען פאַרעקטמט און נישט אַזוי געל. פון זיין פּנים איז אַראָפּ דאָס יינגלשקייט, און א שטילע רו און ערנסט איז געלעגן אין זיינע וואַרעמע אויגן, ווען ער האָט שטיל געזאָגט:

— נישט געוואָלט אייך וועקן... איר וועט עפּעס אָפּעסן... פאַרפאַסטן... ס׳איז יום־כיפור... מע גייט שוין אין שול אַריין... צו כל־נדרי...

די פרוי האָט איבערגעריסן איר קלאָג־ניגון, וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט פון עפּעס א ספר. די פרוי איז געווען שמאיס ווייב, א קליינע, דאַרע יידענע מיט צע־פּייערטע אויגן. זי האָט מיך פאַררופן אין א טיפן ווינקל פונעם געוועלבל, אַלץ ווייטער פון דער ברענענדיקער ליכט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט פאַרשוועכן די הייליקייט פון דעם שטילן פלאַם. שמאי האָט מיר צוגעטראָגן אַן עמער מיט אַ שעפּ וואַסער, און מיט דער לאַנגזאַמער פייערלעכקייט, ווי ער וואָלט געוואַשן די הענט פון א כהן, מיר אויפגעגאָסן וואַסער.

איך האָב אייליק אָפּגעגעסן, פילגדיק, אַז דאָס וואָכעדיקע עסן איז איצט נישט אין דער צייט. די טיר האָט זיך יעדעס מאָל געעפנט און איילנדיקע יידן און ווייבער, אין שוואַרצן אָדער אין ווייסן, איינגעהילטע אין קיטלען, האָבן זיך אַריינגעוויזן מיט א שטיל געמורמל:

— ס׳איז שפּעט... אין שול אַריין...

איך האָב געפילט, אַז איך דאַרף דאָ עפּעס טון א וויכטיקע שליחות, אַז איך דאַרף שרייען, וואָרענען פאַר א גרויסער געפאַר. אָבער אַלץ איז דאָ געווען שטאַר־קער דערפון, וואָס איך האָב געקאָנט זאָגן.

איך בין צוגעגאַנגען צו שמאין, אים אוועקגענומען אין א ווייטן ווינקל און געזאָגט:

— ר׳ שמאי... אפשר ווייסט איר דאָ נישט... ס׳איז מלחמה... מיר זענען אין א גרוים געפאַר... דער דייטש גייט... ער קאָן יעדער מינוט קומען...

שמאי האָט אויף מיר א קוק געטאָן מיט א ווייטן בליק:

— די מלחמה... דער דייטש... אָבער היינט איז דאָך יום־כיפור... מיר זע־נען דאָך יידן... מען דאַרף גיין אין שול אַריין...

און ווי ער וואָלט געוואָלט באַשטעטיקן די וויכטיקייט דערפון, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער צוגעגעבן:

— אונדזער רבי האָט געזאָגט... מען דאַרף דאַווענען... בעטן...

און מיר זענען אַרויס פון דער נידעריקער טיר.

אַ טויטלעכע ליידיקייט איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַרום. פון אויבן אויפן הימל איז געשטאַנען אַן אָפּגעלאָשענע בלויקייט און קילקייט. טונקעלע וואָלקנדער, אָפּגעגילדטע פון איין זייט, האָבן עלנט געבלאָנדזשעט אין דער ווייט, ווי זיי וואָלטן זיך געטראָגן ערגעץ צו זייער ווייטער, געטלעכער היים, וווּ זיי וווינען.

איבער די בערגיקע וועלדער איז געלעגן אויסגעשפּרייט דער אָוונט. די ווייסלעכע געקניפּטע וועגן האָבן זיך געפלאָכטן און געדרייט אין דער בלויער ווייט, און יעדער וועג איז געווען אָנגעפילט מיט דראָענדיקר אימה.

עס האָט געטונקלט פון מינוט צו מינוט. די עטלעכע שוואַרצע הייזלעך זענען געשטאַנען, ווי פאַרוואָרפענע געסטן, און פון די קליינע שייבלעך האָבן אַרויסגעבליצט די ליכט און דערציילט פאַר אַלע ווייטן, אַז עס איז יום־כיפּור. פון אַלע זייטן האָבן מיט פרומען געאייל זיך געטראָגן שאָטנס, געבויגענע אונטער דער לאַסט פון דער הייליקער שעה. אַ געדיכטער טוי־נעפּל האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ פאָרהאַנג. און נאָר דאָס קליינע הויז פון דער שול אונטערן שוואַרצלעכן שפּיציקן דאַך האָט זיך אויסגעגיטן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט שיפל אויפן ים, זיך געווינט אינעם גאָלדיקן נעפּל פון די ברענענדיקע ליכט. די אַלטע, געלע טליתים האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן בלענד פון די ליכט. איך האָב מיך אַריינגעקנאָטן אין דעם ליכט־נעפּל, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך שפּאַן אַריבער די שוועל פון דער לעבעדיקער וועלט און באַהעפט זיך מיט אַ געלייטערטער עדה אין אַן אַלטן, יידישן גאַנג אין דער אייביקייט פון דורות.

די שול איז געווען פול. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז מער נישט פאַרבליבן אין די הייזער, ווי מען וואָלט זיך אָפּגעשניטן פון דער שרעקיקער, טונקעלער וועלט. אויך מיין גרויסע פּיין און שרעק פאַר דער גורלדיקער נאַכט, ווו יעדע מינוט האָבן געקאָנט קומען די דייטשן, איז אויך דאָ ווי צעגאַנגען אין דער רעכפאַרטיקייט פון די געהילטע אין טליתים ווי אומבאַרירלעכע גייסטער. איך האָב שטילערהייט, מיט עפּעס אַ וווּנדערבאַרער, נייער גאָנטקייט אויך אַריינגעפלאָכטן מיין גורל, ווי איך וואָלט געפלויגן איבער דער ערד אין אַ הויכער ליכט. ווי פון אַ פאַרנעפּלטער ווייט האָב איך דערהערט דעם אַלטן פון דורות פייערלעכן ניגון:

— כל נדרי...

* * *

אין דער שפּעטער טויט־שטילקייט פון דער נאַכט בין איך געשטאַנען פאַר דער שול, אַרומגערינגלט פון די יידן. איך האָב געוואָלט אויספירן מיין שליחות: וואָרענען און ראַטעווען.

דער סערף פון דער יונגער לבנה האָט זיך אויפגעהויבן אין אַ שפּיגלדיקער ליכט און אָפּגעדעקט די ווייטע וועלדער, וואָס האָבן ווי מעכטיקע ווענט פאַרמאַכט און אָפּגעשניטן די וועלט.

אַרום מיר זענען געשטאַנען די ייִדן, די ווייבער און די קינדער. דער אַלטער רב, ווי אַ קינד אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ ווייס פּנים, מיט אַ לאַנגער קינדערישער באָרד, האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ שמייכל, ווען איך האָב דערציילט און גע־רעדט פון מיינע לאַנגע וועגן, אויף וועלכע עס לויערט דער ייִדישער טויט, וועגן די דייטשן, וואָס גייען איבער אַלע וועגן, וואָס קאָנען באַלד קומען אַהער.

דער קליינער רב האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע ווייכע שמייכלענדיקע אויגן און האָט מיט אַ ריין, קלינגענדיק קול, וואָס האָט אַזוי ווילד געקלונגען אין דער שרעקיקער נאַכט, געזאָגט:

— אַלץ קאָן קומען נאָר פון איין וועג...

און ער האָט אויפגעהויבן זיין קליינע ווייסע האַנט איבער ווייסן קיטל אַרויף צום הימל.

מיר האָבן אַלע פאַררייסן די קעפּ, און מיר האָבן דערזען דאָס בלויע טונקעלע געוועב פונעם בייַנאַכטיקן הימל, די קעלטלעכע שפּיגלדיקע ליכט פון דער לבנה און דאָס סודותפולע ווינקען פון די שטערן.

* * *

אין דער טיפער, אומהיימלעכער נאַכט האָט זיך פון איינעם פון די געפּלאָס־טערטע וועגן, פאַרטייעטע אין די אַרומיקע וועלדער, פּלוצלונג דערטראָגן אַ שווער געקלימפּעריי, אַ משונהדיק גרילצעריי פון אייזן און אַ רייסנדיק גערויש פון מאָ־טאָרן און רימשעריי פון שווערע רעדער.

עס האָבן זיך דערטראָגן טויבע נאַכטיקע סיגנאַלן און קולות, וואָס האָב־ אויפגעריסן די ייִדן פון זייער האַלבן דרימל. אַ פאַרשטיקטער אָטעם האָט אַרויס־געקלאַפּט פון די, ווי אויסגעשטאָרבענע, קליינע, הפקרע געסטן.

מיט טויט־שרעק האָט מען זיך צוגעהערט צו דעם טומל, וואָס איז געוואָרן וואָסאַמאָל שטאַרקער און נענטער. דאָס גערויש און קלימפּעריי פון די מאָטאָרן האָט זיך אַ טראָג געטאָן הינטער די ווענט, און די אַלטע, האַלב־חרובע הייזער האָבן זיך אָנגעהויבן וויגן ווי פון אַ שטורעמווינט.

איך בין געבליבן פאַרגליווערט אויף מיין געלעגער. דער פלאַם פון דער יום־כּיפּור־ליכט האָט געצאַפּלט, ווי ער וואָלט דערציילט עפּעס, וואָס וועט באַלד גע־שען.

מיט ציטעריקע הענט האָב איך אַרויפגעצויגן מיינע קליידער, מיט דעם גע־דאַנק צו לויפן ערגעץ אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

דאָ האָב איך דערזען נעבן זיך דעם קליינעם ייִד שמאי. ער האָט זיך דערנענטערט צו מיר. ער איז געווען האַלב אָנגעטאָן, זיינע אויגן האָבן געגליט, ער האָט עפּעס געמורמלט. ער האָט זיך געוויגט, און זיין האַנט איז געלעגן אויף זיין אַנטבלויזט האַרץ. איך האָב מיך צוגעהערט און דערכאַפּט די ווילדע, משוגעדיקע ווערטער. שמאי האָט געזאָגט ווידוי. דערנאָך האָט ער אַ שפּאַן געטאָן מיט אַ שאָרך פון זיינע טרוקענע שטיוול, אַ גלעט געטון די גרינע וואַנט, איז אַריין אין דעם פינצטערן געוועלבל, און איך האָב דערהערט, ווי ער האָט געעפנט די טיר. איך האָב אים געוואָלט רופן, און איך האָב נישט געקאָנט אַרויסקריגן קיין קול פון מיין פאַרשטיקטן האַלדז. איך האָב מיך איינגעהערט אין דעם שטייגנדיקן גערויש און אומזיניק געקוקט אויף די ווייסע שטראַלן ליכט, וואָס האָבן, ווי שפּיציקע מעסערס, פון אַלע זייטן געבליצט דורך די שפּאַרעס פון די לאָדן. און מיטאַמאָל האָב איך מיך מיט דער גיכקייט פון אומקום אָפּגעשניטן פון אַלעם. ווייטע, פאַרלאָפענע שטיקער פון מיין לעבן האָבן זיך אַ קנויל געטאָן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך דאַרף טון עפּעס אַ גרויסע און לעצטע זאַך. און מיר איז מיט אַ מאָדנער פשוטקייט קלאָר געוואָרן, אַז דאָס, וואָס איך דאַרף טון, איז — שטאַרבן.

אין דער מינוט האָב איך דערזען שמאין. ער איז געווען צעבראַסטעט, ווי ער וואָלט זיך מיט וועמען געשלאָגן. דאָס קאָפּל האָט ער געהאַלטן אין דער האַנט, און איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען, אַז ער האָט אַ שמאָלן יינגלשן קאָפּ מיט נעלע האָר. ער האָט געזאָגט הויך און דייטלעך, ווי אין מיטן טאָג:

— איך האָב זיי געזען... איינער שטייט דאָ... ער שמייכלט...

איך בין געווען פאַרשטיינערט. מיר איז פּלוצלונג געקומען אַ געדאַנק, ווי אַזוי וועט שטאַרבן שמאי נאָך דער ווידוי. דערביי האָב איך געהערט, ווי שמאי האָט מיט דער זעלבער דייטלעכער שטים צוגעגעבן:

— זיי רעדן רוסיש...

דעמלט האָב איך מיך אַ ריס געטאָן און אַרויס פון דער שטוב. איך בין אַרויס אינעם הרויסן, וואָס איז געווען פאַרזייט מיט פייערן. די פייערן האָבן געווימלט פון אַלע זייטן, רויטע, גרינע און ווייטע.

נעבן דער טיר איז געשטאַנען אַ הויכער מענטש, אָנגעפּעלצט און באַהאָנגען מיט רימעטן. אַ ריח פון קראַפּט און זיכערקייט האָט אַ קלאַפּ געטאָן פון אים, צוזאַמען מיט דעם ריח פון נאַכטיקער קעלט. זיין פּנים איז געווען טונקל און פאַרשטויבט. אָבער איך האָב דערכאַפּט דעם ברייטן שמייכל און דערהערט זיין וואַרעמע און טונקעלע שטים.

ער האָט גערעדט רוסיש, און דער עול פון טויט האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעטאָן פון מיר.

# דאָס לעצטע פענצטער

(סקיץ)

ווער קאָן זאָגן, וואָס א מענטש זעט אין דער רגע פון זיין אומקום. ער זעט מסתמא דאָס, אין וועלכן עס איז אָנגעבונדן דער שטאַרקסטער פאָדעם פון לעבנסגעפיל; דאָס, וואָס האָט אים געגעבן די פולסטע זיכערקייט, אַז ער לעבט.

ווען איך בין אין דעם פאַרטאָג פון אומקום, אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה אין יאָר טויזנט ניין הונדערט ניין און דרייסיק, צום לעצטן מאָל געלאָפן איבער די גאַסן פון וואַרשע, ווען עס האָבן זיך געריסן די פעדעם פון מיין לעבן, פון מיין וועלט, האָב איך פון אַלעם געזען נאָר איין פענצטער פון אַ הויז.

* * *

די שטאָט וואַרשע איז געלעגן אַן אָפענע און טויט. אַלע פעדעם פון לעבן זענען געווען איבערגעריסן, אַלע ווערטן צעטראָטן. די זון איז אין דעם טאָג אויפגעגאַנגען נישט פאַר אונדזער וועלט. די ערד האָט נישט געגעבן קיין זיכערקייט, און די בלויקייט פונעם הימל האָט געשראָקן. עס איז געבליבן נאָר איין חוש: צו לויפן, שפּאַנען אין דער דראָענדיקער ווייט, פאַרשנעלערן דעם לויף פון דער צייט, ווייל געלעבט האָט נאָר דאָס געפיל פאַר צייט און שטח. איך האָב געטראָטן אויף די טריט פון מיין יוגנט, וואָס זענען איצט אַזוי בולט געלעגן אין דער ליכט. אָבער איך האָבן זיי נישט מיטגענומען. איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יעדע וואָג פון געדענקען, יעדע פאַרבינדונג, גלייך איך וואָלט געוואָלט, אַז דער פאָדעם פון מיין לעבן זאָל זיין וואָס דינער, וואָס ווינציקער פילבאַר ביים איבעררייס. דערפאַר האָב איך נישט געוואָלט זען, איך האָב נישט געוואָלט זען מיין שטוב, מיין טיש מיט מיינע שופלאָדן, וו עס זענען אין אַ זיסן ווייטיק געלעגן באַהאַלטן סימנים פון מיינע יונגע טעג. איך האָב נישט געוואָלט זען מיין אַרבעט, דאָס געוועב פון

די דינסטע פעדעם פון מיין מוח און מיין האַרץ, די זיסע קוואַל פון אַנטפּלעקונג. איך האָב נישט געוואָלט זען די איידעלע צייכנס פון ליבע, וואָס זענען פאַרבליבן מיט דעם ריח פון פאַרטריקנטע בלומען אין די בלעטער פון מיין יוגנט. איך האָב נישט געוואָלט זען קיין פרויען. איך האָב נישט געוואָלט זען די, מיט וועלכע איך האָב געהאַט דעם הייליקסטן סוד פון זינד.

איך האָב נישט געוואָלט זען די ווייסל, דעם טייך פון מיינע קינדער־יאָרן, די ווייטע, פאַרבלויטע ברעגן פון קליינע, פאַרדרימלטע יידישע שטעט, וואָס האָבן מיך גערופן צו ליבע און אויסדערוויילטקייט. איך האָב נישט געוואָלט זען די אַלטשטאָט, די קמיע פון פאַרגעפּלטע צייטן, די גאַאיווע קאַטוילישע רייכטום, וואָס האָט מיר געגעבן פאָרם און פאַרב פאַר יידישער שיינקייט. איך האָב דאָס אַלץ נישט געוואָלט זען. עס איז געווען גרינגער צו שטאַרבן אָן דעם.

* * *

אָבער דאָס אַלטע, פשוטע וואַרשעווער הויז אין דער ענגער, אָרעמער יידישער גאַס האָב איך יאָ געזען. אַ הויז מיט אַ סך שוואַרצלעכע, קראַנקע פענצטער, אַן אָפּגענוצט און פאַרמאַטערט יידיש הויז, מיט אַ גרוי־געל, קראַנק פּנים, באַדעקט מיט לישאַיעס און פלעקן. אַן אַלטער, שוואַרצלעכער טויער, אַ צעפּאָרענער, מיט אָפּגעשפּרונגענע זייטן פון וועגענער און שוואַרצע לוויה־עגלות.

און אין דעם הויז אַ פענצטער, מיט אַ גאַניק, אַ גאַניק פון אַלטן, פאַרזשאַווערטן אייזן, אַ גאַניק מיט סימנים פון שטאַנגען, ווען ער איז נאָך געווען אַ סוכה. דער גאַניק אין דעם הויז איז געווען אַ סימן פון יחוסדיקן וווילשטאַנד, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס הויז. דער גאַניק האָט געדענקט ניגונים פון לערנען, ריחות פון כיבוד פאַר געסט אין שבתדיקע זומער־טעג. ער האָט געדענקט חופּות ביי אָנגעצונדענע ליכטלעך.

איצט איז אויף דעם גאַניק געשטאַנען אַ ייד אין שוואַרצן, מיט אַ קאַפּל אויפן קאָפּ. זיין באָרד איז געווען ווייס, און זיינע בלייכע הענט האָבן זיך געקלאַמערט אין דעם שוואַרצן אייזן.

אַ קרום און ווייסט געלויף האָט זיך געטראָגן איבער די געדיכטע יידישע גאַס: אַרום. די באַלאַגערטע הויפּטשטאָט איז געלעגן ווי פאַרחלשט. אַ טויט־פאַרקלעמטקייט האָט געקוקט פון דער בלויער הייך, און די זון האָט געלויכטן אויף דעם טויט און פאַרניכטונג. די פּוילישע הויפּטשטאָט איז געלעגן ווי אַ באַפאַלענע פרוי מיט אַראָפּגעריסענע קליידער אין דער דערהויבנקייט פון איר שאַנד און ווייטיק

דער ייד אויפֿן גאַניק האָט געזען דעם מלאך-המות מיט זיינע טויזנט אויגן, וואָס האָט זיך געוויגט איבער דער שטאָט און געפּאָכט מיט זיין שווערד.

איך האָב געקענט דאָס הויז און האָב געקענט דעם ייד. איך האָב אים געזען אין דעם בראָנזענעם שטויב פֿון טויזנטער יאָרן ערגעץ אין אַ פֿענצטער פֿון ירושלים, אין דעם טאָג פֿון אומקום. איך האָב אים געזען אין שפּאַניע, אין די פֿייערן פֿון דער אינקוויזיציע.

איך האָב צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף דעם טויזנטיאָריקן יידישן וואַרשע און האָב מיטאַמאָל דערפֿילט, ווי דער טויט-ווינט פֿון אונדזער ווייטער אייביקייט יאָגט אָן, דערגרייכט דעם אַלטן ייד מיט דער ווייסער באָרד אויפֿן גאַניק פֿון דעם אַלטן וואַרשעווער הויז.

פֿאַר מיר איז נאָך געווען אַ וועג, און איך בין געגאַנגען. איך בין געגאַנגען איבער ווייטע וועגן מיט פֿאַרבלוטיקטע פֿיס, איבער די פֿרעמדע און דראָענדיקע ווייטן. איך האָב געזען טויט און פֿאַרניכטונג.

אָבער דער ווייסער ייד אויפֿן גאַניק פֿונעם וואַרשעווער הויז איז מיר נאָכגעגאַנגען, געוואַקסן, געוואָרן גרויס ווי די וועלט. איך האָב אים געזען אין מיינע וויסטע חלומות, איך האָב אים געזען אַ צעבלוטיקטן, מיט אַן אויסגעריסענער באָרד, אַ באַשפּיגענעם, אַ פֿאַריאָגטן, ווי אַ משוגענעם הונט. איך האָב אים געזען אַ ברענענדיקן אין זיין געלן טלית אויף דער חורבה פֿונעם אַלטן הויז אין וואַרשעווער געטאָ.

* * *

איך האָב געקענט דעם ייד און האָב געקענט דאָס הויז.

זעכצן איז געווען די צאָל פֿון די זין און טעכטער אין דער שטוב אין אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט. פֿאַרמאַכט און געהיטן איז געווען דאָס הויז — אַ פֿעסטונג פֿון יחוס, געלט און תורה. די טירן זענען געווען געהעמערט פֿאַר דער רעשיקער וועלט און האָבן זיך נאָר געעפֿנט פֿאַר גרויסע רביים, פֿאַר יום-טובֿדיקע יידן אין די פֿריילעכע שבתים און יום-טובֿים, פֿאַר רחבותדיקע מלווה-מלכהס און שלוש-סעודותן.

די זין און טעכטער זענען געוואַקסן אין דעם וואַרעמען אָטעם פֿון גלויבן. די זין אין תורה, און די טעכטער אונטער דעם פֿרומען געברום. די וועלט האָבן זיי געזען נאָר דורכן גאַניק, אַ ווימלענדיקע וועלט פֿון אָרעמען יידישן פֿאָלק. גוטע באָבעס און פֿרומע מומעס האָבן געפּלעגט זייער ווייבערישקייט, און דער גאָלדענער שימער פֿון זייער צירונג, דער פֿאַרשעמטער און צניעותדיקער ווינק

פון אַלטע יידישע פערל און די שפּיל פון איידלשטיינער האָט צוגעזאָגט באַהאַלטענע פרייד און זעטיקונג פון פאַרהוילענע באַגער.

* * *

אין יענע יאָרן האָט אַ כישופמאַכער דורך די שטרענגע טירן מיט די שווערע און כשרע מזוזות זיך אַריינגעקריגן אין דער שטוב. אַ שאַלנדיקער רוף האָט פאַרהילכט דאָס פרומע געברום. עס איז געווען אַ ניי געזאַנג פון לעבן, פון וועלט. דאָס איז געווען אַ בליץ, וואָס האָט פאַרבלייכט דעם שימער פון גאָלד אין די טונקעלע, געשלאָסענע שראַנקען. דאָס איז געווען דער כישופמאַכער, וואָס האָט מיט אַ גאָלדענעם שליסל געעפנט די שטרענגע, געהיטענע טירן.

און זיין נאָמען איז געווען: יצחק לייבוש פרץ.

* * *

איינער נאָכן אַנדערן זענען די זין און טעכטער אַרויס פון דעם אַלטן וואַרשעווער הויז. זיי זענען אַרויס צו דער וועלט, צו דער נייער וועלט.

באַלאָדן מיט געבוירענער איידלקייט, מיט בלוט און וואַרעמע הערציער, האָבן זיי זיך געלאָזן איבער אַלע וועגן. פאַרבלענדטע פון דער נייער ליכט, האָבן זיי ברייט געטיילט זייערע פון דורות געזאַמלטע כוחות. זיי האָבן דערזען, אַז הינטערן גאַניק, אין די אָרעמע יידישע גאַסן, זענען לעבעדיקע מענטשן מיט קלאַפּעדיקע הערצער פון בענקשאַפט און ליבע. זיי האָבן זיך באַהאָפטן מיט די דערפרישנדיקע כוחות פונעם פאָלק און אָנגעהויבן זייער פריידיקן גאַנג.

דורך אַלע יידישע יאָרן אין פוילן האָב איך זיי באַגעגנט, אומעטום האָט געקלאַפּט דער אָדער פון זייער שאַפן.

איך האָב געקענט אָט דעם איידעלן טרוימער, וואָס האָט אונטער דעם צווייבער פון שמעון קראַטקאָ, דעם גלגול פון די אַלטע מייסטער, אַריינגעקנאָטן זיינע ווייסע הענט אין ליים און געפאָרמט יידישע שיינקייט, געקריצט אין שטיין און געאייביקט די געטלעכקייט פונעם מענטש.

איך האָב געקענט דעם, וואָס איז אַרויס פון דעם אַלטן הויז, און אונטער דעם פאָרכטיקן קלאַנג פון גלאָקן, אַ פאַרבלענדטער פון פרעמדן רייכטום, פאַרלייקנט זיין שטאַם.

צוויי פונעם הויז האָב איך אין די לעצטע יאָרן, אין אַ רעגנדיקן אָוונט, אויף די דראַענדיקע גאַסן פונעם קראַנקן פוילן, געזען אויף זייער שייד־וועג.

אײנער איז געגאַנגען אַרױס פֿון דער שטאָט צו דער הכשרה, אָנרירן מיט זײגע ײדישע הענט צום ערשטן מאָל ערד, װאָס האָט אים באַדאַרפֿט געבן די רעכט צו לעבן אױף דער צוגעזאָגטער ערד. דער צװײטער איז געגאַנגען צום ברעג פֿון דער ײדישער אָרעמקײט, אין אַ טונקעלער הינטערגאַס, אונטער די שטעכיקע בליקן פֿון אַ געהײם=אַגענט, זוכן זײן רעכט צו לעבן אױף דער װעלט.

* * *

אומעטום, אין אַלע פֿרײדיקע װינקלען פֿון שאַפֿן, האָט מען אױך באַגעגנט די שטאָלצע, אײדעלע טעכטער פֿון דעם אַלטן, װאַרשעװער הױז.

אין דעם בילד, אין דעם טאַנץ, אין דער אײדעלער שפּיל פֿון בענקשאַפֿט און ליבע — אומעטום האָט געשימערט די אױסגעזוכטע דינקײט פֿון זײער װײסער הױט.

* * *

איך האָב געקענט די לעצטע פֿון זײ.

די שענסטע טעכטער פֿון דעם אַלטן װאַרשעװער הױז, די קינסטלערין, װאָס האָט אומצערײסלעך פֿאַרװעבט אין איר קונסט די טיפֿקײט פֿון ײדישן אינהאַלט מיט דעם רײכטום פֿון פּױלישער פֿאָרם. די, װאָס האָט װי אַן אײביקער סימבאָל אױסגעהױכט איר נשמה אױף דער שװעל פֿון דער ײדישער געטאָ און דער „אַרישער" זײט אונטער די שטיװל פֿון אַ שיכורן עסעסמאַן.

* * *

איך װײס בישט, װאָס אַ מענטש זעט אין דער רגע פֿון זײן אומקום. איך װעל שטענדיק זען דעם ײדן מיט דער װײסער באָרד אױף דעם לעצטן פֿענצטער פֿונעם אַלטן ײדישן װאַרשעװער הױז...

# דער דייטש קומט...

## (פאַרצייכעניש פון די וואַנדער־יאָרן)

### 1

איך בין געגאַנגען צום טייך בוג, צו דער שטאָט, וועלכע די דייטשן האָבן באַדאַרפט פאַרלאָזן. איך בין געגאַנגען שוין פון וואָכן, דורך געדיכטע וועלדער, דורך זייטיקע וועגן, צומיינסט דורך די נעכט. בייטאָג האָבן די דייטשישע פליער זיך געיאָגט נאָך יעדן מענטש. זיי זענען אומגעשטערט געפלויגן נידעריק און געשאָסן פון קוילנוואַרפער. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף אַ קינד, אַ פאַסטעכל, וואָס האָט געפאַשעט אַ קו, אויף אַ וואַנדערנדיקן „דזשיאַד“, וואָס איז געגאַנגען מיט זיין טאָרבע איבער די דערפער. איך האָב געזען דאָס פאַסטעכל, וואָס איז געלעגן צוזאַמען מיט זיין קו אין דער רויטער קאַלוזשע פון זייער בלוט. איך האָב געזען דעם אַלטן, גרויען פוילישן „דזשיאַד“, דעם סימבאָל פון גוטמוטיקייט און אידילישער מנוחה פון דער פוילישער לאַנדשאַפט. זיין גרויער קאָפּ איז געווען דורכגעלעכערט פון קוילן, נעבן אים איז געלעגן זיין וואַנדער־שטעקן, זיין הילצערנער צלם און זיין שוואַרץ ברויט.

* * *

אַ גאַנצן טאָג בין איך געגאַנגען מיט אַ שטויביקן, ברייטן, זאַמדיקן וועג. מיינע צעפלאַצטע פינגער פון די פיס האָבן זיך געריבן אין דעם פאַרשרפהטן לעדער פון די צעריסענע שיך. איך האָב געפילט, ווי דאָס זאַמד דרינגט אַריין אין די אָפענע וווּנדן, ווי צענדליקער דינע שפיזן. יעדער טראָט האָט מיך אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן שווייס. אַ יונגער, געדיכטער וואַלד האָט פון ביידע זייטן פאַרשטעלט

די האָריזאָנטן. דער וואַלד האָט זיך געצויגן אָן אַן ענדע דעם גאַנצן טאָג. די הויכע, שפּעט־האַרבסטיקע זון האָט געלויכטן און צומאָל אַ ברי געטאָן. דער וואַלד האָט געשמעקט מיט יונגע זאַפטן, און פונדערווייטן האָט זיך געטראָגן דער ריח פון זיסער מיענטע.

די שטילקייט פונעם וואַלד האָט געשפּילט מיט שטיפערישע קולות פון באַשעפענישן, וואָס האָבן ווי מיט חוזק זיך אָנגערופן פון דער גאָנט, היימיש און סודותדיק ווייט, אין דער טיפעניש פונעם וואַלד.

נאָכן האַלבן טאָג האָט זיך די געדיכטקייט פונעם וואַלד איבערגעריסן. בלייכע פליטן פון וואַלד־גראָז האָבן זיך אַ שפּרייט געטאָן, און די ביימער זענען געוואָרן שיטערער. עס האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן אַ בערגיקע ווייט מיט באַזונדערע טעפּיכער פון כלערליי גרינס, און ווייסלעכע דרימען פון געקניפּטע וועגן זענען זיך צעלאָפן אין דער בלויער ווייט. עס האָט מיטאַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן דער ריח פון אַ ישוב. און דער שווערער עול פון היימלאָזיקייט האָט זיך אַ לייג געטאָן אויף מיר.

מיטאַמאָל איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז איך גיי אפשר צו די דייטשן.

איך האָב מיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געפּרוווט מאַכן אַ חשבון פון דער צייט, ווי לאַנג בין איך געגאַנגען. איך האָב אָבער גאָרנישט געקאָנט צונויפשטעלן. די טעג און די נעכט האָבן זיך אויסגעמישט, און יעדער געדאַנק האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ ווייטיק אין קאָפּ. איך בין געגאַנגען, און די סימנים פון אַ ישוב האָבן זיך אַלץ מער אויסגעשיילט פון דער ווייט.

די איינציקע ביימער פונעם וואַלד זענען אויך פאַרשוווּנדן, און דער וועג איז געוואָרן האַרטער, ביז ער איז איבערגעגאַנגען אין אַ געפלאַסטערטן שאָסיי, און מיטאַמאָל האָט אויף דער קלאָרקייט פונעם הימל אַרויסגעטראָטן אַ שפּיץ פון אַ קלויסטער מיט אַ שוואַרצלעכן צלם.

אַרום איז געווען שטיל און ליידיק. עס איז נישט געווען קיין לעבעדיקער אָטעם, און עס איז נישט געווען ביי וועמען צו פרעגן.

איך האָב מער נישט געקאָנט קלערן, וווהין און צו וועמען איך גיי. יעדער אבר האָט זיך געריסן צו אַ מענטשלעכער נעסט.

מיטאַמאָל האָב איך דערזען, ווי פון דער טונקעלער געדיכטקייט פון געביש האָבן זיך אַרויסגעשניטן צוויי רייטער אויף הויכע, טונקעלע פערד. דאָס זענען געווען מיליטערישע רייטער. זיי האָבן זיך געטראָגן אין גאַלאָפּ. עס האָט זיך געכאַנט דאַכטן, אַז זיי לויפן גלייך אויף מיר. עס איז נישט געווען וווּ צו אַנטלויפן און ווו זיך צו באַהאַלטן. איך האָב מיך געשטעלט ביי דער זייט פון וועג, מיין האַרץ האָט טויב און ווי פאַרשטאַרבן געקלאַפּט. איך האָב געקוקט אויף זייערע

קליידער, אויף זייערע היטלען. זיי האָבן, ווי די דייטשן, געטראָגן פּיקלהויבן. די שפּיצן פון די קאַסקן האָבן זיך געהויבן אין זייער שנעלן רייטן, אָבער איך האָב שוין געזען אין זייערע קאַסקן די גרויסע רויטע שטערנס. דאָס זענען געווען רויט־אַרמייער.

די רייטער זענען שוין געווען נעבן מיר. דער ערשטער האָט מיט אימפּעט פאַרהאַלטן דאָס גאַלאָפּירנדיקע פערד, הינטער אים האָט זיך פאַרהאַלטן דער צווייטער.

דער ערשטער איז געווען אַן אָפיציר מיט אַן עכט־רוסיש פּנים. ער האָט גע־האַט העלע פלאַקסענע האָר און גרויע, קליינע אויגן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו מיר און געפרעגט:

— פון וואַנען?

— פון... וואַרשע...

— אַ ביעזשענעץ?

— אַ ביעזשענעץ...

— ווען האָסטו באַגעגנט אויפן וועג?...

איך האָב מיך אָנגעהויבן דערמאָנען, עפּעס אַ באַן־קאָנדוקטאָר מיט אַ וואַג־דער־זעקל אויף די פּלייצעס. אַ וואַגאָן מיט אַ ליידיקער טרומנע, אויף וועלכער עס איז געזעסן אַ פּויערטע. דער רייטער האָט אומגעדולדיק אויפגעהויבן די האַנט.

— קיין דייטשן האָסטו נישט באַגעגנט?

— דייטשן...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר:

— וווהין גייסטו?...

— צום „בוג“...

— גיי גיך... מיר גייען אַוועק פון דאַנען... אַהער קומען די דייטשן...

ער האָט אַ ריס געטאָן דאָס פערד, אַ פּאָר געטאָן מיט דער נאַהייקע. די ביקס אויף זיין פּלייצע האָט זיך אַ הייב געטאָן, און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן פאָרויס. נאָך אים האָט זיך אַ ריס געטאָן דער צווייטער.

* * *

איך בין דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע, דאָרפישע גאַס, ווו עס זענען געשטאַנען ווייסע האַלב־רוסישע כאַטעס. עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ ווייסרוסיש געמיש פון די פּוילישע קרעסן. אין דער פּויערישער גאַס האָט ווו נישט ווו, ביי אַ כאַטע, גע־פלאַטערט אַ רויט פענדל. רוסישע זעלנער זענען געזעסן אין אַ ראָד ביי דער זייט

פון ראָוו. איינער האָט געשפּילט אויף אַ גאַרמאָשקע, אַ צווייטער, מיט אַ פאַררוקט היטל, האָט געזונגען. צערודערטע שיקסעס האָבן ארויסגעקוקט פון די טונקעלע פאָדערהייזלעך האַלב־דערשראָקענע און האַלב־באַגליקטע. איך בין געגאַנגען אינ־מיטן וועג, מען האָט געקוקט אויף מיר ווילד, און מיין האַרץ האָט געקלאַפּט פון פרעמדקייט און אומגעשיצטקייט.

ביים עק פון דער גאַס איז געשטאַנען אַ רויטער טריומף־טויער, צונויפגעזע־קלאַפּט פון ברעטער. דאָס פאַרטרוקנטע גרינס האָט פאַרוועלקט אַראָפּגעהאָנגען, און אויף אַ גייער הילצערנער באַלקע האָט געקלעפּט אַ פּלאַקאַט, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט אַ רוסישן זעלנער, וואָס טראָגט אַ קינד אויף דער האַנט.

ביי אַ הויכן רויטן מויער איז געשטאַנען אַ וואַך. דאָס הויז איז געווען אַרומ־געצוימט מיט דראָט. דאָ זענען געשטאַנען גרינע קאַמיאָנען און אויטאָמאָבילן האָבן געזאָמט. אַ געאייל האָט זיך געטראָגן אַרום דעם הויז. מען איז געלאָפן, מען האָט געטראָגן פּעק און זעק, און וועגענער האָבן געטראַסקעט, אָנגעלאָדענע מיט משונהדיקע זעלנערישע מכשירים. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס יידישע שטעטל.

דאָ זענען געשטאַנען אַ ריי ברייטע הילצערנע הייזער, מיט גאַניקעס און גע־שניצטע פענצטער. באַלד אינעם ערשטן פענצטער האָב איך דערזען אַ הויכן ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד. ער איז געשטאַנען און געקוקט פאַר זיך. ער האָט מיך דערזען און אַ צאַפּל געטאָן, אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. ער איז אַרויס פאַר דער טיר, און מיר האָבן זיך ביידע שטום אָנגעקוקט.

* * *

איצט האָב איך שוין געזען בלויז יידן. זיי זענען געקומען ווי שאָטנס פון אַלע זייטן. מענער, פרויען און קינדער. זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז עס גייען אַוועק די רוסישע און עס קומט דער דייטש. און די פּיין האָט אַ פּאַך געטאָן ווי מיט שוואַרצע פליגל. עס איז געווען ערב שמחת־תורה. די קינדער האָבן געטראָגן פּאַפּירענע פענער מיט קאָלירטע ספר־תורות. אויף די שטעקעלעך זענען געווען אָנגעטאָן רויטע עפּעלעך מיט קאָלירטע ליכטלעך. מען האָט אין אָוונט באַדאַרפט גיין צו הקפות. און זיי האָבן נישט געוווּסט, פאַרוואָס עס איז פאַרשטערט געוואָרן די פרייד.

יונגעלייט און מיידלעך, די, וואָס האָבן אויפגעשטעלט דעם טריומף־טויער, זענען פון ערגעץ אָנגעקומען מיט געאייל. אין זייערע בליקן איז געווען אַ טונקע־לע און האַרטע באַשטימונג. זיי האָבן געוואָלט לעבן, און אין זייער הפקר געוואָ־

רענער ייִדישער שטוב איז געגאַנגען דאָס ווײַסטע געוויין פֿון געזעגענען די בראַווע ייִדישע ייִנגלעך, די קינדער פֿון די ייִדישע שטובן, צוגעבונדענע צו טאַטע־מאַמע און דעם אָרעמען לעבן אויף דעם אַלטן שטיקל פּוילישע ערד, וואָס איז אַרומגע־רינגלט מיט וועגן און שטעגן, היימישע און באַקאַנטע ווי משפּחות.

די ייִדישע ייִנגלעך, די תּמימותדיקע און גלויביקע אין דער וועלט; די ייִדי־שע טעכטער, אויסגעהיטענע פֿון בייז, גרייטע אויף קרבנות, האָבן אין געוויין, מיט דעם לעצטן זעטיקן, שטוביקן ברויט אין דעם פֿעלדיקן, ווייסן ציכל פֿון זייער אויסשטייער, זיך געלאָזן איבער די דראָענדיקע וועגן.

אין אַ זייט פֿון דער צערויעטער ייִדישער גאַס איז געשטאַנען אַ רויטאַרמיי־ער אין אַ היטל פֿון אַן אָפֿיציר. אַרום זענען געשטאַנען די ייִדן, די אַלטע און יונגע, און געמאָנט און געבעטן ביי אים שוץ:

— יאָ... ער איז אויך אַ ייִד... „דאַ“...

זיינע ווייכע, שוואַרצע ייִדישע אויגן זענען פֿאַרגאַנגען מיט אַ גלאַנץ פֿון ווייטיק. ער האָט גערעדט צו די יונגע:

לויפֿט... לויפֿט... נאָך אונדז... דאָ... דער דייטש... פֿאַשיסט... נישט קיין „שוטקאַ“...

ער האָט געזאָגט אַלץ, וואָס אַ זעלנער זאָגט אין דער פֿרעמד:

— „דאַ“... אַ מאַמע... אַן אַלטע מאַמע...

און ער איז אַוועק מיט זיינע האַרטע, זעלנערישע וועגן.

* * *

דער טאָג האָט גענומען טונקעלן און דער פֿרי־האַרבסטיקער אָוונט האָט זיך אָנגעטראָגן. אַ קילקייט האָט אַ בלאָז געטאָן פֿון די פֿעלדער. די בלויקייט פֿון הימל האָט זיך געלאָשן, און די אונטערגייענדיקע זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ קילער ראָזיקייט. אַן אומעט האָט זיך געטראָגן פֿון דער בלויער, נעפּלדיקער ווייט.

אין דער טונקלקייט איז געגאַנגען דאָס גערודער, ווי עס וואָלט אַ ברום גע־טאָן דער טויט. פֿון שטוב צו שטוב, פֿון הויז צו הויז האָט זיך געטראָגן די וויס־טע בשורה:

— זיי גייען אַוועק... דער דייטש קומט...

און שאָטנס האָבן זיך געשלייכט. פֿון פֿענצטער און טירן האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אַ פֿאַרשטיקט געוויין.

— מאַמע... מאַמע...

מיר האָט זיך פּלוצים פאַרוואָלט אַוועק צוריק צו דעם יונגן, לוסטיקן וואַלד, אָבער אַלע וועגן אַרום זענען שוין איצט געלעגן אין אַ דראָענדיקער אָוונט־פינצ־טערניש. מען האָט זיך געזעגנט אויף די שוועלן פון די אַלטע יידישע הייזער, און דעם ווייטן געוויין האָט זיך אָפּגעריסן הארץ פון הארץ:

— מאַמע...

— גיי... מיין קינד... גיי... גיי...

יידישע מאַמעס מיט אַרויסגעזעצטע אויגן פון ווייטיק האָבן מיט זייערע קנאָכיקע הענט זיך געקלאַמערט, זיך געכאַפּט פאַר די צאַפּלדיקע הערצער, פאַר־דומפּן הינטיש געוואָיעט פון פּיין.

— גיי... יאָסל, גיי. זאָלסט זאָגן נאָך מיר... זאָלסט נישט פאַרגעסן... קדיש...

פון דער ברייטער דאָרפישער גאַס האָט זיך געטראָגן דאָס רעשיקע הודזשען פון דער גאַרמאָשקע. דאָרט איז געגאַנגען דאָס געזעגענען פון די רוסישע זעלנער מיט די יונגע פּונעם דאָרף, וואָס זענען געבליבן.

שרעקיקע אָוונט־שאָטנס האָבן זיך געלייגט און באַגלייט די טריט פון די נייע וואַנדערער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזן איבער די וועגן. איך האָב זיי געזען, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע טירן, אומעטום איז געבליבן אַ נפש מיט פאַר־בראָכענע הענט און צאַפּלענדיקע אַקסלען.

און עפּעס אַן אייביקע יידישע פּיין האָט זיך אויפגעהויבן און אַ טראָג געטאָן איבער די אַלטע פּוילישע און רוסישע וועגן.

## .2

אַ פאַרקלעמטע שטילקייט האָט צוזאַמען מיטן אָוונט זיך אַראָפּגעלאָזן און פאַרהילט דאָס שטעטל. אַ ליליאַ־נעפּל, ווי פון זייד, האָט פאַרשפּינט די געגנט, און אַ גאָלדענער שטערן, ווי אַ בראָש, האָט אויפגעשפּילט אויף דעם איידעלן זייד פון דעם אָוונט.

די וועגן אַרום זענען פאַרטראָגן געוואָרן מיט אַ דראָענדיקער ליידיקייט. אַ שטילקייט און ליידיקייט, נישט פאַר קיין מענטש, האָט געקוקט פון דער ווייט, און נאָר פון מאָל צו מאָל האָט מען געהערט דאָס רייסנדיקע הודזשען פון די רוסישע מאַטאָרן. די גרינגע, לויכטנדיקע פאַרעס פון די מיליטערישע וועגענער האָבן אַ שלומער געטאָן אין דעם טונקל און זיך פאַרטראָגן אין דער אומבאַקאַנ־טער ווייט.

עס איז פאַרווערט געוואָרן אין אָוונט אַרויסצוגיין פון די הייזער צוליב דער נאָענטקייט פון שונא. האָבן מיר זיך מיט זייטיקע וועגן, דורך הויפן און פּלויטן

פון יידישע הייזער, דורכגעשלייכט צו דעם גרויסן, געמויערטן הויז, ווו עס האָבן זיך אין דעם אָוונט געזאַמלט אַלע פרעמדע, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער שטאָט.

מען איז געגאַנגען צו ר' משה קאַליגאַס הויז.

אַ מאַטע ליכט, וואָס איז נאָך געבליבן פונעם טאָג, איז געלעגן צעגאָסן אין דעם טויטלעכן אומעט פון די הייזער מיט די פאַרמאַכטע לאָדן און פאַרהעמערטע טירן. נאָך דאָ איז געווען אָפן די טיר פון דעם פאָדערהויז, וואָס איז געווען אָפגע־צוימט פון דער גאַס מיט אַ הילצערנעם פלויט, ווי אַ פריצישער הויף, און די שרעק פון די אויסגעשטאָרבענע געסלעך האָט זיך דאָ אָפגעשיידט.

מיר זענען אַריין אין דעם פאָדערהויז, און דאָס ערשטע, וואָס האָט אַן אָטעם געטאָן אויף מיר מיט דעם אָטעם פון לעבן און פרידלעכער רו, איז געווען דער שימער פון ריינקייט, די געשייערטקייט פון דעם עמער און דער שפיגלדיקער בלאַסק פון דער שווערער, קופערנער שעפ מיט די צוויי רייפן, וואָס האָט געשפילט מיט דעם שימער פון אַן אַלטער און גליקלעכער באַזעסנקייט און רחבות.

שוין דאָ איז פול געווען מיט יידן, מענער און פרויען. אין דער ווייטערער שטוב האָט שוין געברענט אַ בליץ־לאָמפ און אַ גרויסער געגרייטער, יום־טובדי־קער טיש האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער שטוב. אַ ריח פון געווירצן און געקעכץ האָט זיך איצט ווילד אָנגערופן אין די געדערים, נאָך די לאַנגע וואַנדער־טעג פון שוואַרצן, קאַרגן ברויט און וואַסער, דער שווערער עול פון ווייטערן וואַנדערן און דער דינער שטאָך פון געפאַר און רציחה האָט געמאַכט פאַרגעסן אין יעדער לעבנס־לוסט. מידע און פאַרשטויבטע, האָבן זיך די וואַנדע־רער אַריינגעשלייכט, האָבן זיך געטוליעט צו די וואַרעמע גרינע ווענט אָדער זיך גלייך אַראָפגעלאָזן אויף דער קלאָרער, געשייערטער פאָדלאָגע. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי, זי איז געווען אַ גרויסע, אַ רחבותדיקע, ווי דאָס הויז. זי האָט געהאַט אַ יונג, ראָז פנים מיט ווייסע שפיגלדיקע ציין. זי האָט כסדר איבערגעחזרט מיט אַ שטילער, קינדערישער שעמעוודיקייט.

— קומט אַריין... קומט אַריין...

די גרויסע, בליצנדיקע, קופערנע שעפ איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, גלייך דאָס וואַסער פון דעם שפיגלדיקן עמער, צוגעדעקט מיט אַ ווייסן, פעכלדיקן האַנטעך, וואָלט געווען אַ רפואה.

עס זענען אַלץ געגאַנגען מענטשן מיט זעקלעך און טאָרבעס. אויף דער פליי־צע, אַלטע און יונגע, פאַרשטויבטע און אָפגעשליסענע פון ווייטן וועג, האָבן זיי זיך אַראָפגעלאָזן אויף דער ערד אין טויט־מידקייט. טייל האָבן גלייך איינגעדרי־מלט, דערהילנדיק די וואַרעמקייט פון אַ שטוב. עס האָבן זיך באַגעגנט אַנטלאָ־

פענע פון די זעלבע שטעט און שטעטלעך, האָבן נאָכגעפרעגט אויף ווייב און קינדער און זיך איבערגעגעבן ווײַסטע בשורות וועגן אייגענע און שכנים.

מיטאַמאָל האָט זיך מיט אַן איינגעהאַלטענעם רעש ברייט געעפנט די טיר, און מיט אַ שרעקיק געוויין האָט זיך אַרײַנגעלאָזן אַן אַלטער ייד. זיין ווייסע באָרד איז געווען צעפּלאָנטערט, זיין קאָפּ מיטן גרויסן שטריימל האָט אויפגעהויבן אַ ריזיקן שאָטן אויף דער וואַנט. ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזן מיט שטורעבדיקע טריט, ווי מען וואָלט זיך געיאָגט נאָך אים, און זיינע דאַרע פיס אין די ווייסע זאָקן האָבן געשפּרייזט אין געוויין. עמעצער איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ ברענענדיקער לאָמפּ, און ערשט אין דער ליכט האָט מען דערזען, אַז ער האָט צוגעדריקט צום האַרץ, ווי אַ קינד, געטראָגן אַ ספר־תורה, אין אַ גרין, סאַמעטן מענטעלע, ביז אין דער האַלב איינגעהילט אין טלית. אַ שטיל געמורמל האָט זיך אַ טראָג געטאָן, און די שטוב האָט אָנגענומען עפּעס אַן אַלט, פאַרטראָגן געמיט פון יידיש לעבן מיט דורות צוריק, עפּעס אַ בהלה פון אַלטע, פאַרטונקלטע צייטן, און פון יעדן ווינקל האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ טיפער און פאַרלוירענער קרעכץ.

* * *

פונעם צווייטן גרויסן צימער האָט זיך געטראָגן אַ רעש. דאָרט איז געווען ענג פון יידן. אין איין ווינקל האָט זיך אַ געדיכטער קנויל מענטשן מיטאַמאָל אַ וויג געטאָן. עס האָבן אַ פּאָך געטאָן טליתים, און אַ פאָרכטיקער מורמל, ווי אין אַ שול, האָט זיך אַ טראָג געטאָן.

איך בין אַריבער די שוועל און האָב דערזען דעם באַלעבאָס פון דער שטוב, ר' משה קאַלינאַ. ער איז געווען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט ביי דער ספרים־שאַנק. ער איז געווען גרויס און ברייט און האָט מיט זיך פאַרשטעלט די גאַנצע וואַנט. זיין פּנים איז געווען ענלעך צו די בילדער פון שמשון־הגיבור. אַ שוואַרצע, גלאַנציקע באָרד האָט אַרומגענומען זיין פולבלוטיק, פריש, יינגליש מויל מיט די ווייסע ציין. זיין שטריימל איז געווען פאַררוקט אויף זיינע שוואַרצע, פרישע האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן מיט שוואַרצע, גלאַנציקע, געדרייטע פּיאות.

די שוואַרצע קאַפּאָטע איז געווען אויסגעפילט מיט זיין ריזיק געשטאַלט, און דאָס ווייסע העמד האָט קוים אַרומגעכאַפּט זיין מעכטיקן, יונגטלעכן האַלדז. ער איז געשטאַנען און שווער געאָטעמט, ווי ער וואָלט זיך מיט עמעצן געראַנגלט. זיינע אויגן האָבן זיך צומאָל פאַרמאַכט און געעפנט מיט אַ שניידיקן גלאַנץ.

דאָ האָב איך דערזען נאָך אַ האַלב־אָפענע טיר פון נאָך אַ זייטיק צימער, וווּ עס האָבן געברענט ליכט. דאָרט זענען געווען פרויען, טייל יום־טובדיק געקליידעטע, מיט צירונג, וואָס האָט געשפּילט אין דער וואַרעמקייט פון די ליכט.

דער ספר איז געלעגן אויף א טיש, און דער אלטער, גרויער ייד איז געשטאַנען געבויגן איבער אים, ווי ער וואָלט אים פאַר עמעצן געשיצט.

עס האָבן זיך דערהערט שטעלכע הוילע קלעפּ איבערן טיש, און ס'איז מיטאמאָל געוואָרן שטיל. און דאָ, אין דער אָנגעווייטיקטער שטילקייט, האָט זיך דערהערט די שווערע, ברוסטיקע שטים פון דעם באַלעבאָס. די שטים האָט זיך געריסן פון זיין מעכטיקן האַלדז, האָט אַלע מאָל אַ ציטער געטאָן און זיך איבערגעריסן:

— יידן!... — האָט ער אויסגערופן, — יידן!... כ'וועל קיינעם חלילה נישט מצער זיין... איר זענט געבעד אלע געווג געבראָכן... פאַריאָגטע פון אייער היים... אין דער פרעמד... קומטס אַריין... מיין שטוב איז אייערע... היינט איז שמחת תורה...

ער האָט זיך איבערגעחיסן:

— יידן, איר ווייסט דאָך... עס איז נאָך נישט קיין שלושים... ווי מיין זון יצחק... דער שענסטער בוים פון מיין שטוב... זעקס און צוואנציק יאָר... אוי וויי... יידן... ער איז געווען א זעלנער... מען האָט אים גענומען דעם ערשטן טאָג... מ'האָט אים ביי מיר ארויסגענומען פון שטוב... און דאָ... נישט ווייט פון דער היים... ווי ער האָט זיך געשלאָגן מיט די דייטשן... האָט ער אוועקגעלייגט זיין קאָפּ... מיין יצחק...

פון דעם צווייטן צימער, פון צווישן די פרויען, האָט זיך א טראָג געטאָן א שרעקלעך געשריי. דאָס געשריי האָט א שניט געטאָן ווי מיט א מעסער. א הויכע, בלאָנדע פרוי האָט זיך א ריס געטאָן פאַרויס. די טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל, האָט א לויף געטאָן צו איר, און ביידע האָבן זיך פארפלאָכטן אין איין ריזיק, צאַפּלענדיק געשטאַלט.

די גאַנצע שטוב האָט געציטערט פון געוויין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער זון יצחק ליגט דאָ אין זיין גאַנצער ריזיקער גרויס און פאַרנעמט אַלע ווינקלען פון דער שטוב.

דער באַלעבאָס ביי דער וואַנט איז איצט גאָר קליין געוואָרן. ער האָט זיך ווי איינגעשרומפּן און איינגעפאַלן, און דאָס געוויין האָט זיך געוויגט איבערן גאַנצן הויז. עס האָבן געוויינט די פרויען און מענער; און פון אומעטום האָט זיך געטראָגן אַן אָנגעווייטיקטער געמורמל:

— יצחק... יצחק...

מיטאַמאָל איז דער פאָטער צוריק אויפגעשטיגן אויף דער וואַנט מיט זיין גאַנצער גרויס. ער איז נאָך, דאַכט זיך, גרעסער געוואָרן. ער האָט אויפגעהויבן א האַנט, און זיין שטים האָט זיך א טראָג געטאָן מיט קראַפט און באַפעל:

— שטיל זאָל זיין!... יתגדל ויתקדש...

דאָס וויינען איז איבערגעגאַנגען אין אַ שטילן העשן, און די ווערטער פונעם קדיש זענען געפאַלן ווי שווערע שטיינער פון דער הויך.

מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן אַרויסשטופּן די ווערטער, ווי ער וואָלט זיי אויסגעהוסט. ער האָט גישט געקאָנט פאַרענדיקן דעם קדיש. ער האָט געבליקט מיט די אויגן אַרום, ווי ער וואָלט געזוכט הילף. אַזוי האָט ער צוגעזאָגט דעם קדיש שוין שטיל, מיטן בלויזן אָטעם, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט גישט דערטראָגן די וואָג פון די ווערטער. ער האָט סוף אָפּגעאָטעמט און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל.

ער האָט צעקנעפּלט דאָס ווייסע חסידישע העמד, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעריסן זיין ראָזער, מעכטיקער האַלדז.

עס האָט געדויערט אַ מינוט. ער האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך און האָט שטיל, מיט אַ פאַרטראָגענעם בליק, ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— מיט דריי וואָכן צוריק... ערב ראש השנה... איז ער אַוועק... יום־כיפור... צו נעילה... האָב איך אים אַליין... מיט מיינע אייגענע הענט געברענגט צו קבר־ישראל... גאָט האָט געהאַט אויף מיר רחמנות... ער ליגט לעבן מיין טאַטן... לעבן אייגענע...

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך שטיל געוויגט. עס איז געווען שטיל. נאָר אָט האָט ער זיך אויפגעהויבן, פאַרריכט דאָס שטריימל אויפן קאָפּ און אַ געשריי געטאָן:

— יידן... הייגט איז שמחת־תורה...

* * *

ווידער האָט זיך מיר פאַרוואָלט מיט די לעצטע כוחות זיך אויפהייבן אויף מיינע צעבלוטיקטע פיס, אַרויסגיין שטיל הינטער דער שטאָט, אַריינאָטעמען אין זיך סוף דעם קוויקנדיקן ריח פון מיעטע, אַריינגראָבן זיך ווי אַ חיה אין דער געדיכטעניש פונעם וואַלד, אין זיין מגוחהדיקער און פרידיקער ריינקייט, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שטויב און די וויטיקלעכע וואָג פון דער טויט־מידקייט. אויפבינדן די שטריק פונעם גורל און שטיל אויסהויבן די קוועל פון דעם לעבן.

עס זענען אַלץ געקומען איינציקע שאָטנס, וואַנדערער, האָבן שטילערהייט איבערגעגעבן די פינצטערע בשורות פון די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע דער דייטש האָט שוין באַזעצט. זיי האָבן געברענגט מיט זיך דעם צאַפּל פון פיין און טויט.

מיט וועלטער, אַנגעזאַפּטע מיט די שרעקן פון דער צייט, האָבן זיי דערציילט, אַז די רוסן האָבן נאָר וואָס געכאַפּט אַ דיווערסאַנט, וואָס האָט געצייכנט מיט קרייד די יידישע טירן.

הינטערן הויז איז געשטאַנען די סודותפולע נאַכט פול מיט שרעק און געפאַרן; און אין דער צווייטער שטוב, פון דעם קנויל ייחן אַרום דעם ספר, האָבן זיך געטראָגן קולות. מען האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון געשיר, מען האָט געבעטן צום יום־טובדיקן־טיש.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ רייסנדיק געשריי, וואָס האָט זיך איבערגע־רופן מיט עפּעס אַ געבראָכן ווידערקול:

אתה הראית לדעת...

דאָס איז געווען דעם באַלעבאָס, ר' משה קאַליגאַס שטים.

דאָס געשריי האָט איבערגעריסן מיין טויט־מידן וואַנדער־דרימל. מיר האָט זיך מיטאַמאָל געדאַכט, אַז איך בין ערגעץ פאַרשוווּמען אין אַ פּאַרזונקענער וועלט פון די ווייטע קינדער־יאָרן. איך האָב לאַנג, אַ פאַרטראָגענער אין דרימל, מיט אי־בערגעריסענע שטיקער ווייסטע חלומות, אויפגענומען דאָס גערודער פון דער שטוב.

דאָס גערודער איז געוואָרן וואָסאַמאָל הייסער און אומהיימלעכער. און פּלוצ־לונג האָט מיר געדאַכט, אַז עס איז עפּעס געשען. עפּעס, וואָס האָט געקאָנט געשען נאָר אין דער נאַכט. איך בין צו צו דער טיר און דערזען דעם קנויל יידן. אַ היץ האָט געשלאָגן פון דער ענגשאַפט און געדראַנג. איך האָב דערהערט אַ פּאָר־שטיקט געזאַנג.

איך האָב איצט ווי דורך אַ נעפּל דערזען דעם באַלעבאָס ר' משה, זיין שטריי־מל איז געווען פאַררוקט אויף זיין גרויסן שטערן, זיין האַלדז איז געווען אָפן. ער האָט געטראָגן די ספר תורה, וואָס איז געלעגן איינגעטוליעט אין זיין מעכטיקן אָרעם, און פון זיין מויל האָט זיך געטראָגן אַ וויינענדיק געזאַנג.

— אָנאָ ה' הושיעה נאָ...

זיינע אויגן זענען געווען פאַרקוועטשט, די טרערן זענען גערונען איבער זיי־נע באַקן אין דער געדיכטער שוואַרצקייט פון זיין באָרד, זיינע פיס האָבן זיך גע־הויבן, ווי ער וואָלט געשטייגט אַרויף, אין דער הויך.

ער האָט געטאַנצט און געוויינט.

* * *

איך האָב מיך שטיל אַרויסגעשלייכט פון דער אָפענער טיר.

די נאַכט איז געשטאַנען אַ קילע און פינצטערע. אַרום איז געווען ווי אויס־געשטאָרבן, נאָר אין דער שרעקיקער ווייט, ביים רויטן מיליטערישן הויז, האָט

געברענט אַ שטאַרקע, נאַקעטע עלעקטרישע לאָמפּ, און אויף די רויטע ציגל פון דעם הויז האָט מען געזען אַ צו גרויסן שאָטן פון אַ מענטש, מיט צוויי אויפגע־הויבענע הענט אין דער הויך.

איך האָב מיט אַ רייסנדיק קלאַפּן פון האַרץ געקוקט אַהין, צו דער רויטער גרעל־באַלויכטענער וואַנט, וווּ די צוויי הענט האָבן געציטערט אין דער רויטער ליכט.

אַ פרישער ריח פון די פעלדער אַרום האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן אָטעם פון אייביקן לעבן. איך האָב מיך צוגעשפּאַרט צו אַ בוים. איך האָב געהערט ווייטע, שניידנדיקע שטימען. מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל, און אין דער שטילקייט האָט זיך אַריינגעשטאָכן אַ שפּיציקער קנאַל פון אַ שאָס.

די הענט אויף דער וואַנט האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן, זיך קרום און שווער אַראָפּגעלאָזן און פאַרשוווּנדן...



# דאָס רויטע הויז

אהער אין דער הויפּטשטאָט פון קאַזאַכסטאַן בין איך פאַרטראָגן געוואָרן, א ייִדישער שרייבער פון פּוילן, נאָך לאַנגע חדשים וואַנדלען. א געראַטעוועטער פון די דייטשן און פון טויט, האָב איך מיך אָפּגעשטעלט דאָ, ווייל א פּלוצלונגדיקע, לאַנג נישט געאַנטע שטילקייט האָט פאַרהאַלטן דעם טויט-געלויף. דאָ האָט זיך איבערגעריסן דאָס ווייסטע מלחמה-געקלימפּער, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַלע וועגן.

דאָ, צוגעשפּאַרט צו די בערג פון אַלאַ-טאַו, האָט זיך פאַר מיר געענדיקט די וועלט. דאָ זענען אָן א פאַרטאָג און אָן א פאַרנאַכט געגאַנגען די טעג, ווי עס וואָלט געוואונקען א גרויס שטראַלנדיק אויג, זיך פאַרמאַכט אין א לינדער טונקלקייט מיט הייסע נעכט און גרויסע אומהיימלעך-נאָענטע שטערן און זיך געעפנט מיט אַ בראָנזענער אָנגעגליטקייט, ווי מען וואָלט געשטאַנען גאַנץ צו די פייערן פון דער וועלט-באַשאַפונג.

עפּעס א בראשיתדיקע אור-גרויליקייט איז געגאַנגען פון די בערג, ווי ריזיקע קעמלען מיט זייערע הויקערס וואָלטן פאַרשטיינערט געוואָרן, פאַרטראַכטע און פאַרשטומטע אין זייער אייביקייט.

* * *

דער פאָרזיצער פון דעם קאַזאַכישן שרייבער-פאַריין האָט געהאַט פאַר מיר אַן אויפגאַבע. ער האָט גערעדט צו מיר מיט דער שפּראַך פון די אַזיאַטישע פעלקער אין רוסלאַנד, וואָס האָט זיך געשאַפן דורך הונדערטער יאָרן געמיינזאַם לעבן. זיינע רוסישע ווערטער האָבן געשפּילט מיט די קאָלירן פון דער עקזאָטישער ערד און געאָטעמט מיט דעם ריטם פון דעם קלימאַט. ער איז געווען קליין און עס האָט זיך אַרויסגעריסן מיט א מאָדנער ווייסקייט זיין מעכטיקער האַלדז און קיילעכיק-ווייבלעכע אַקסלען. ער האָט געהאַט קרומע, שמאָלע כינעזישע אויגן און

שווערע ברויגע מאָנגאָלישע סקולעס. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער וויל עפענען די אויגן און קאָן ניִשט. זיין קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטן, גלאַנציקן שוואַרצן פליוש, אַזוי שוואַרץ, ווי כינעזישער טוש.

די אויפגאַבע, וואָס ער האָט געהאַט פאַר מיר, איז פאַר אים, זעט אויס, געווען זייער אַ פשוטע און געוויינטע. אָבער פאַר מיר איז זי געווען אַ גרויסער עול, ניִשט צום אויספירן. איך האָב, ווי אַלע שרייבער, באַדאַרפט גיין אין איינעם פון די שפּיטאָלן לייענען מיינע ליטעראַרישע שאַפונגען פאַר די פאַרוווּנדעטע מיליטער־לייט. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּירל מיט אַן אַדרעס פון איינעם פון די לאַזאַרעטן און אויף דער זעלבער רוסישער שפּראַך מיט אַ פרעמדן, דריי־דלדיקן ניגון צוגעגעבן:

— מיר שרייבער, וואָס גייען ניִשט אויפן פראָנט... דאַרפן מיט אונדזערע ווערק העלפן באַזיגן דעם שונא...

מיינע ווערק זענען באַשטאַנען פון אַ יידיש ביכל, וואָס איך האָב באַוויזן צו ראַטעווען פון וואַרשע. דערמיט האָב איך באַדאַרפט העלפן באַזיגן דעם שונא, די דייטשן, וואָס האָבן מיך אַהער פאַרטריבן. עס זענען געווען די שווערע טעג פון יאָר טויזנט ניין הונדערט איין און פערציק. אַ האַלבע וועלט איז געלעגן אונטערן פייער. איך בין געשטאַנען מיט דעם פּאַפּירל אין דער האַנט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב עפּעס עמעצן אָפּגענאַרט, אַז איך בין פאַרבלאָנדזשעט אין עפּעס אַ פרעמדער גרויסער זאַך, וואָס וועט באַלד קלאָר ווערן.

זיינע קרום־צעשטעלטע שמאָלע אויגן־שפּאַלטן האָבן ניִשט געקוקט אויף מיר, אָבער איך האָב געוואָלט עפּעס קלאָר מאַכן, און איך האָב געזאָגט:

— איך בין דאָך אַ יידישער שרייבער... איך שרייב דאָך אויף דער יידישער שפּראַך...

— נו, וועט איר לייענען פאַר די פאַרוווּנדעטע...

— עס מוזן דאָך אָבער זיין יידן...

— ביי אונדז איז אַלצייגס... נישטאָ קיין אונטערשיד...

— יאָ... אָבער מע דאַרף דאָך פאַרשטיין, וואָס איך וועל לייענען...

ער האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען:

— טאָ לייענט אויף רוסיש... אַלע וועלן פאַרשטיין...

— איך שרייב דאָך אָבער אויף יידיש...

ער האָט געהאַלטן, אַז מיר האָבן זיך שוין דערערדט.

אין דער גליענדיקער העלקייט פון דער זון, אין דעם בראָנזענעם שטויב פון די בערג, וואָס האָבן זיך געזען דורך די פענצטער, האָט מאָרגע אויסגעזען דער קאַבינעט מיט דעם פּאָליטירטן שרייבטיש, באַדעקט מיט אַ רויטן געוואַנט, דאָס

מעטאַלענע גלעקל, די עלעקטרישע טיש־לאָמפּ, די שרייבמאַשין און די טיפֿע, לעדערנע פֿאָטעלן.

דאָס איז געווען דער סימבאָלישער געמיש פֿון אורשפּרינגלעכן פּרימיטיוו מיט דער טעכנישער פֿאַררוסנקייט פֿון אַ דערגרייכונג. אַזוי האָט אויך צווישן די בילדער אויף די ווענט זיך ארויסגעריסן דאָס גרויסע בילד פֿון דזשאַמבול אין זיין קאָלירטער טראַכט פֿון אַ פֿאַסטעך מיט דער „דאָמבּרע", אויף וועלכער ער האָט אויסגעשפּילט די מוגטערע לידער פֿון זיין פֿאָלק. זיין פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק פֿון די בערג, באַשיט מיט ווייסן שניי פֿון זיין הונדערטיאָריקן עלטער.

מיטאַמאָל זענען אריינגעקומען עטלעכע קאַזאַכן. זיי זענען געגאַנגען שטיל אויף זייערע ווייכע לעדערנע שטיוול־„איטשיגעס". אַלע האָבן זיך פֿאַרנייגט מיט די הענט ביים האַרץ, און דאָס צימער האָט זיך אָנגעפֿילט מיט אַ געשפּרעך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך פֿון הויכע טענער. איך בין געשטאַנען אין אַ זייט מיט דעם פּאַפּירל אין דער האַנט. דאָס געשפּרעך צווישן די קאַזאַכן איז געוואָרן רע־שיקער, און אַממערקווירדיקסטן איז מיר אויסגעקומען, וואָס זיי האָבן געלאַכט.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט ארום דעם טיש. עס האָט, זעט אויס, זיך אָנגע־הויבן אַ זיצונג. איך האָב מיך מיטאַמאָל דערפֿילט פֿרעמד און איבעריק און בין ארויס פֿון דער טיר.

* * *

דער טאָג האָט געהאַלטן ביים סוף. די זון איז געהאָנגען איבער די ריזיקע בארג־שפּיצן, און אויף דער ערד איז מיטאַמאָל טונקל געוואָרן. איך האָב דער־פֿילט דעם ריח פֿון דער פֿרעמדער ערד, וואָס האָט זיך אָפּגערופֿן אין האַרץ מיט אַ גרויל פֿון ווייטקייטן נישט אין קיין מענטשלעכער מאָס. איך בין געגאַנגען איבער דעם ווייכן, אויסגעוואַרעמטן שטויב פֿון דער גאַס, ווו עס האָבן זיך גע־צויגן אין אַ גלייכער שורה צעדערביימער פֿון אַ קיינמאָל נישט געזעענער הייך. די ביימער האָבן געלייגט ארום זיך אַ קילן, בלויען שאָטן איבער דער גאַנצער לענג. ביי דער זייט האָט גערוישט און געפּרעפּלט דער שמאָלער „אריק", אין וועלכן דאָס וואַסער, גרין פֿון די ביימער, איז געלאָפֿן אין אַן אייביקן געאייל. אין דער ריזיקער הייך פֿון די ביימער האָט די זון געשפּילט אין דער געדיכטקייט פֿון די בלעטער, און די גאַס האָט זיך אַוועקגעטראָגן אין דער פֿרעמדער ווייט און זיך פֿארלוירן אין דער אויסגעגליטער לייִדיקייט פֿון די בערג.

עס איז געווען שטיל מיט דער שטילקייט פֿון דער פֿאַרגליווערטער וועלט, וואָס איז געגאַנגען פֿון די בערג, און נאָר אַ כאָרכלענדיק, נישט גוט געשריי האָט

זיך צומאָל אָפּגערופֿן פֿון אַן אייזל, וואָס האָט געפּלאָנטערט מיט קליינע קינדערישע פֿיס, טראָגנדיק אויף דעם דאַרן רוקן אַ קאָזאַק אין אַ שווער פּוטערן שטריימל, וואָס האָט זיך מאָדנע גרויס אויסגעשניטן אין דער ליידיקייט. דער קאָזאַק האָט געקלאַפּט מיט אַ שטעקן איבער די דאַרע פֿיס פֿונעם אייזל.

פֿון די בערג האָט געשלאָגן די טויטע סודותדיקע רו, און נאָר פֿונעם צענטער שטאָט האָט זיך פּלוצלינג דערהערט דאָס שווערע, אייזערנע ריטשען פֿון אַ טראַמוואַי אַרויף באַרג.

איך בין געגאַנגען אין אַ ווייטן ברעג שטאָט איבער די ליידיקע גאַסן צופֿוסנס די בערג, אויפֿן אָרעם האָב איך געטראָגן מיין אייביקע, לייוונטענע וואַנדער-טאָרבע, וואָס איז דעמלט געווען דער סימן פֿון אַ פּוילישן ייד. אין דער טאָרבע האָב איך געטראָגן אַלץ, וואָס איז מיר פֿאַרבליבן פֿון דעם פֿריערדיקן שטיקלעבן. אַ פּאָר פֿאַרבלייכטע פּאַפּירלעך, עפּעס אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער בריוו פֿון מיינע נאָענטע, וועלכע איך האָב פֿאַרלוירן אין דעם לויף; מיין וואַרשעווער קראַוואַט, וועלכן איך האָב נאָך דער באָמבאַרדירונג פֿון דער באַן, מיט וועלכער איך בין געפֿאָרן, שוין מער נישט אָנגעטאָן. אין דער טאָרבע האָט זיך געהאַלטן דער ריח פֿון ברויט, וואָס איך האָב טעגלעך באַקומען נאָר דערפֿאַר, וואָס איך בין געווען אַ שרייבער. אין די פֿאַרנאַכטיקע שעהן האָב איך קיינמאָל נישט געדענקט, ווען איך האָב דאָס ברויט אויפֿגעגעסן, און אָט דעם ריח, וואָס איז געבליבן, האָט דער טאָרבע צוגעגעבן די ווערט פֿון אַ לעבעדיקער זאַך. און אין לאַנגע שעהן פֿון נאָגנדיקן הונגער און פֿאַרלוירנקייט האָט דער ריח פֿון ברויט, וואָס האָט געוווינט אין די נעט פֿון דער טאָרבע, געמונטערט דאָס אָפּגעשוואַכטע קלאַפּן פֿונעם האַרץ.

אין דער טאָרבע איז אויך געלעגן דאָס יידישע ביכל, מיין געוועזענער „איך“, וואָס האָט זיך פֿאַר מיר געבלייכט ערגעץ אונטער אַ געדיכטן נעפּל פֿון פֿייער און בלוט.

איך בין געגאַנגען, וויל גיין איז געווען דאָס בעסטע פֿון יענע טעג. יעדעס הויז, יעדער אָנגעטראָפּענער מענטש האָט עפּעס אָנגעזאָגט צי גוטס, צי שלעכטס אין אַ קראַנקהאַפֿטן לויף האָבן זיך געפּלאָנטערט זונגען, דערוואַרטונגען פֿון עפּעס אַ געשעעניש, פֿון וועלכער עס האָט, ווי פֿון אַ קינדעריש מעשהלע, אַרויסגעשימערט דאָס אוממעגלעכע מיט דעם רייץ פֿון ברויט, נאָכמער פֿון טיטון, פֿון פּאַפּיראָסן, פֿאַררויכערן, איינזאַפּן און אָנזעטיקן זיך מיט דעם שיכורנדיקן רויך פֿון אַ פּאַפּיראָס, וואָס האָט צוריקגעבראַכט דעם זיסן צאַפּל פֿון די ערשטע, יינגלשע פּאַרציען זיך מיטן רויך, אַזוי שאַרף און זיס ווי די ערשטע זינד.

עס איז שוין געווען אָוונט, ווען איך בין צוגעקומען צו אַ געגנט, ווו רייען הײַזער האָבן זיך אַרײַנגעשניטן באַרג־אַרויף, צווישן פעלדזן. ווי פון הויכע טרעפּ איז געלאָפן און געשפּרונגען איבער די פעלדזן אַ שוימענדיקער וואַסערשטראָם און אַרײַנגעפאַלן אין אַ מוטנע גרין טײַכל. דאָ, אין דעם אומעטיקן טונקל, האָט מען מיטאַמאָל דערהערט אַן אײַנגעהאַלטן ריזלען פון אַן אייליק גערודער, דאָ האָבן געווימלט זידנדיקע אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט איבער די שמאָלע, געדרייטע פעלדזן־וועגן. פאַרמאַכטע און פאַרשטויבטע סאַניטאַר־וועגן, אָנגעלאָפּענע פון ווײַט, האָבן זיך אַרײַנגעטראָגן אין פאַרמאַכטע טויערן און הויכע געמויערטע פּלויטן מיט שווערן פאַרשטיקטן געאַייל, וואָס האָט דערמאָנט אין דער מלחמה.

אין טייל פענצטער און באַלקאָנען פון די הײַזער האָט מען געזען מענטשן אין ווײַסע העמדער, אין שפּיטאָל־כאַלאַטן מיט באַנדאַזשירטע קעפּ און הענט. זיי האָבן אַרויסגעקוקט פון די פענצטער אין דער ליכט פון דעם אָוונט. עס האָבן זיך פון דאָרט געהערט באַנגע לידער און שטילע טענער פון גיטאַרעס.

איך האָב מיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ קורצער, באַרגיקער גאַס, וואָס איז געווען פאַרשאָטנט פון די הויכע צעדערביימער. דאָס טײַכל אין דעם אָריק האָט דאָ געריזלט מיט אימפּעט פון הויכע וואַסערן, וואָס האָבן געשטראָמט פון די בערג. און דאָ, אין א גרויסער, אָפּגעזונדערטער שטילקייט, האָב איך געפונען דאָס געזוכטע הויז מיט דעם אָנגעוויזענעם נומער פון דעם לאַזאַרעט.

* * *

דאָס איז געווען אַ רויט, געמויערט, רוסיש הויז מיט ברייטע ווײַסע געקאַלכטע ראַמען אַרום די פענצטער, אַרומגעצוימט מיט אַ גרינעם הילצערנעם פּלויט. אין געדיכטן גרינס איז געווען אַ קליינער הויף. אינמיטן הויף איז געשטאַנען אַ סטאָליאַרסקער־טיש מיט פריש־געשניטענע ברעטער, און אין אַ הויכן שטוים זענען געשטאַנען פאַרטיקע טרומנעס. טייל טרומנעס זענען געווען פריש געמאָלט מיט רויטער פאַרב.

די פענצטער אין דעם הויז זענען געווען פאַרמאַכט. נאָר אין איין טייל האָט געבלענדט אַ גרעלע, נאַקעטע ליכט, אין אַנדערע איז געווען טונקל פון אַ טיף־געדעמפטער שײַן.

איך בין אַרײַן אין איינער פון די זײַטיקע טירן, אויף אַ פּאָר טרעפּ, און דערזען אַ ברייטן, גלאַנציקן קאָרידאָר. אַ דעמפּיקע פאַליע לופט מיט אַ געדיכטן ריח פון קראַנקע האָט זיך גלייך אַרײַנגעקריגן אין מײַן האַלדז. צוויי גרויסע נאַ־

קעמטע לאָמפּן האָבן געבלענדט, און דאָס ערשטע האָב איך דערזען אַ גרויסן באַרג ווײַסע, צעקנייטשטע לײַלעכער, באַדעקט מיט פֿאַרטרוקנטע ראָזלעכע פֿלעקן. ביי די זײַטן זענען געשטאַנען נידעריקע טראָג־בעטלעך, אַזוי ווי לייטערלעך, און אויף יעדן פֿון די לייטערלעך איז געלעגן עפּעס צוגעדעקט מיט די זעלבע ווײַסע, פֿאַרפֿלעקטע לײַלעכער. פֿון איינער אַזאַ טראַגע האָבן אַרויסגעשטעקט צוויי גרינע, אַזוי ווי פֿון ליים, אָנגעדראָלענע מענטשלעכע פֿיס. מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס זענען פֿיס פֿון אַ טויטן, דעמלט האָב איך דערזען, אַז אויף יעדער פֿון די טראַגעס ליגט אַ מת.

פֿונדערווײַטנס, פֿון דעם טיפֿן קאָרידאָר, איז געגאַנגען צו מיר אַ שפּיטאָל־שוועסטער. איר ווײַסער כאַלאַט האָט געפּאָכעט פֿון איר שנעלן גאַנג. איר קאָפּ איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ ווײַס טיכל.

אין דעם האַסטיקן גאַנג פֿון דער שוועסטער האָב איך דערפֿילט, אַז איך באַדאַרף דאָ נישט זײַן, און איך האָב אַ שפּאַן געטון אויף צוריק.

זי האָט געזען, ווי איך האָב מיך צוריקגעצויגן צו דער טיר, און זי האָט שטיל אַ רוף געטאָן:

— וועמען זוכט איר... חבר...

זי האָט לאַנג נישט פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָס איך רעד. איך האָב דערפֿילט, אַז זי קאָן דאָ הערן נאָר וועגן די שטײַפֿע מתים, וואָס ליגן דאָ אַזוי פּשוט. זי האָט געהאַלטן מײַן פּאַפּירל פֿונעם שרײַבער־פֿאַרייַן. איך האָב שטיל געזאָגט:

— אפשר טאָר מען נישט... ביי אייך זענען דאָ געשטאָרבענע...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די טראַגעס און שטיל געזאָגט:

— יאָ... ביי אונדז איז שווער... ביי אונדז זענען די שווערסטע... דאָ איז נישט קיין אָרט פֿאַר פֿרעמדע... וואַרט... איך וועל אייך שיקן וועמען...

זי איז אַוועק. איך בין געבליבן אַליין. איך האָב געזען אין דער ווײַט דעם גלאַנץ פֿון דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. מענטשן אין ווײַסן האָבן ווי געשוועבט. איך האָב געהערט אייניקע קרעכצן, וואָס האָבן געגעבערט די שטילקייט אָן איבעררײַס.

באַלד האָט זיך מיט אײַליקע טריט דערנענטערט צו מיר אַ פֿרוי. זי איז געגאַנגען אָנגעטון אין ווײַסן מיט אַ ווײַס מיצל אויפֿן קאָפּ. זי איז געווען אַ הויכע און אַ שמאָלע. נאָך אויפֿן וועג האָט זי ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

— נאָכוואָס שטייט איר דאָ... דאָ איז נישט גוט... קומט...

זי האָט מיך אַ פֿיר געטון מיט אַ קורצן טונקעלן קאָרידאָר, זי האָט געעפֿנט אַ ווײַסע טיר, זי האָט אײַנגעשלאָסן די ליכט. דאָס איז געווען אַ ווײַס צימער, עס איז געשטאַנען אַ ווײַסע געגלאָזטע שאַנק און אַ ווײַס טישל און עטלעכע ווײַסע שטול;

זי האָט געהאַלטן מיין פּאַפּירל אין דער האַנט. זי האָט מיר ערשט דערלאַנגט די האַנט. אירע אויגן זענען געווען פול מיט אַן אָנגעשטרענגטן ערנסט:

— איר זענט פון שרייבער־פאַריין... דאָס איז זייער גוט... מען געדענקט אין אונדז... זיצט... איך פאַרשטיי... איר האָט געזען, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז... עס איז שווער... מיר באַקומען די סאַמע שווערסטע... גרויסע שטערבלעכקייט... עס וועט אייך אפשר זיין שווער... פאַר אַ פרישן מענטשן... מע דאַרף זיך צוגעוווינען...

איך האָב זי געוואָלט פאַר אַלעם אַרויספירן פון דעם טעות, וואָס האָט מיך די גאַנצע צייט געדריקט:

— דאָקטאָר... — איך מוז אייך פאַר אַלעם מעלדן... אַז איך בין אַ יידישער שרייבער... איך קאָן לייענען נאָר אויף יידיש...

זי האָט אויף מיר גיך אַ קוק געטאָן און פאַרטראַכט געזאָגט:

— אַ יידישער שרייבער... אויף יידיש... פון קיעוו... פון אָדעס... — האָט זי פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

— ניין... פון פוילן...

זי האָט א קוק געטון אויף מיין הולך, אויף מיין טאָרבע. און מיט דער זעלבער פאַרטראַכטקייט, ווי פאַר זיך, האָט זי שטיל געזאָגט:

— מערקווירדיק...

זי האָט פאַרריכט איר ווייס מיצל אויפן קאָפּ און זאכלער געזאָגט:

— דאָס הייסט, איר דאַרפט האָבן יידן...

— וואָס פאַרשטייען די יידישע שפּראַך... — האָב איך צוגעגעבן.

— פאַרשטענדלעך... — האָט זי א זאָג געטאָן, — וואַרט, איך וועל מיך דערוויסן... אויב דאָס וועט זיך לאָזן אָרגאַניזירן... זיצט...

זי האָט זיך ווידער פאַרטראַכט. מען האָט עס געזען אין איר אָנגעשטרענגטן שטערן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף א שטול, גענומען א בלייַשטיפט פונעם טיש, אויפגעזוכט עפּעס א קאַנצעלאַריע־בוך.

— איך קען איינעם ביי אונדז... דאָס איז דער קאַפּיטאַן קיט... פון אָדעס. ...ער איז ביי אונדז שוין לאַנג... ער איז אַ ייד... ער פאַרשטייט זיכער יידיש... איך וויים עס... כ׳וועל אים אייך ווייזן... אָבער איר דאַרפט אייך נישט איבעראַשן... זייט גרייט... ער איז אָן אַ פוס און אָן הענט... אַ שווערער פאַל... ער איז אָבער אַ פריילעכער, אַ פריינדלעכער... ער וועט זיין צופרידן... צווישן די פאַרהיילטע האָבן מיר אויך יידן... איך וועל מיך פאַרשטענדיקן...

זי האָט א קלונג געטאָן. באַלד איז אַריינגעקומען א שוועסטער. א יונגע,

א שיינע, מיט קליינע, בלויע רוסישע אויגן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש און פאַרמאַכט די אויגן פון מידקייט:

— שוועסטער... האָט געזאָגט די דאָקטאָרין — צו אונדז איז געקומען א שרייבער... פון שרייבער־פאַריין... ער וועט לייענען פאַר די קראַנקע... צי ווייסט איר... צי עס זענען דאָ ביי אונדז יידן...

— דאָס דאַרף מען פרעגן.. — האָט די שוועסטער גלייך געענטפערט. זי האָט א שפּאַן געטאָן, און ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט:

— גו, דער קאַפּיטאַן קיט... חבר דאָקטאָר...

— קיט... דאָס ווייס איך... אָבער אפשר זענען נאָך דאָ אַנדערע...

— איך וועל מיך דערוויסן... — האָט די שוועסטער פשוט געזאָגט און איז אַרויס פון צימער.

די פרוי דאָקטאָר האָט פאַרדרייט א פּאַפּיראָס און פאַררויכערט. זי האָט אונטערגעכאַפּט מיין בליק:

— איר ווילט אפשר רויכערן?...

און זי האָט מיר דערלאַנגט איר קיסעט מיט טיטון און א פּאַפּירל. מיינע הענט האָבן געציטערט, ווען איך האָב פאַרשיט דעם טיטון, זי האָט מיר דער־לאַנגט פייער, איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, און טיף אַריינציִענדיק דעם רויך, האָט זיך אין מיר ווי אָנגערופן דאָס לעבן.

— דאָ זענען געווען ביי אונדז שרייבער... — האָט די דאָקטאָרין געזאָגט, — רוסישע, אוקראַיִנישע... די שווער־פאַרוווּנדעטע זענען אַריינגעטון אין זייערע ליידן... אין זייערע געדאַנקען... זענען צומאָל נישט פריינדלעך... זיי בענקען נאָך זייערע היימען און נאָענטע... און זענען נישט אלע מאָל געדולדיק צו אלעם, וואָס מען שרייבט.. דאָס, וואָס זיי האָבן געזען, קאָן קיינער נישט אויסטראַכטן... מיט אַרמיסטן, זינגער איז בעסער... מיר האָבן שוין איצט א סך פאַרהיילטע...

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קרעכציקע מענערישע שטים, באַגלייט מיט א קלינגענדיק געלעכטער. די טיר האָט זיך ברייט געעפנט און עס איז אַריינגע־פאָרן א ווייס שפּיטאָל־בעטל אויף גומענע רעדער, אויף דעם בעטל איז, איינגע־הילט אין א גרינעם כאַלאַט, געזעסן א האַלבער מענטש. פאַר אלעם האָבן א גלאַנץ געטאָן זיינע גרויסע, שוואַרצע יידישע אויגן און זיין קרעכציקער שוואַרץ־גע־קרויזלטער קאָפּ. זיין גרויס טונקל יונגטלעך פּנים איז געווען שטאַרק אָפּגעברענט פון דער זון. עס איז געווען זעלטן אין יענע טעג צו זען אזא פולבלוטיקייט און פרישקייט. ער האָט א קוק געטון אויף מיר מיט א היימישן שמייכל און מיט א פולן, זאַפטיקן באַריטאָן גלייך א זאָג געטאָן:

— א שרייבער... א יידישער שרייבער... לאָמיר זיין באַקאַנט... ווען איך האָב

א האנט, וואָלט איך זי אייך דערלאַנגט... די פאַרשאָלטענע „פּריצן" האָבן מיך אַזוי איינגעאָרדנט...

ער האָט אַ הייב געטאָן מיט דער פּלייצע. דער כאַלאַט איז אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אַקסלען, און ער איז געבליבן אין אַ ווייסן העמד, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעזען זיין ברייטע אָפּגעבריטע ברוסט. איין אַרבל פון דעם העמד איז געווען איינגאַנצן ליידיק און איינגעפאַלן. פון דעם צווייטן אַרבל האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ מאָדנער אומהיימלעכקייט אַ פאָרמלאָז טונקל שטיקל לייב, וואָס האָט געהאַט די טויטלעכע פאַרב פון האָלץ און זיך פאַרענדיקט מיט איין מאָדנע קליינעם און קורצן פינגער.

— קיט... טייערער... האָט געזאָגט די פרוי דאָקטאָר, — איר פאַרשטייט יידיש...

— וואָס הייסט... צי איך פאַרשטיי... פאַרוואָס נישט פאַרשטיין...

ער האָט זיך פאַרטראַכט און צוגעגעבן:

— ביי מיר אין טאַנק... האָב איך געהאַט אַ יידיש ביכל... שלום־עליכם... אָט אַ שרייבער... דער טאַנק גייט און איך לייען... און לאַך... אַ שאָד... פאַרברענט געוואָרן מיטן טאַנק דאָס ביכל...

דער צווייטער, מיט אַ ליידיקן אַרבל, וואָס האָט געשטופּט דאָס וועגעלע, האָט זיך שטיל אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. ער האָט געהאַט אַ קליינעם, בלאָנדן קאָפּ, מיט בלויע, זעלנערישע אויגן.

— און איר... חבר, פאַרשטייט יידיש...

— פאַרוואָס נישט פאַרשטיין... — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, און אין דעם שמייכל האָט זיך פּלוצלונג דערזען, אַז ער איז אַ ייד.

באַלד האָט זיך הינטער דער טיר דערהערט אַן איינגעהאַלטן גערודער. די טיר האָט זיך ווידער געעפנט, און עס האָבן זיך אַריינגעלאָזן פאַרוווּנדעטע, טייל מיט פאַרבונדענע קעפּ. עס איז געוואָרן ענג אין צימער. אַלע ווייסע שטולן זענען פאַרנומען געוואָרן.

דער קאַפּיטאַן קיט האָט אַ דריי געטאָן מיט זיין גרויסן קרעפטיקן קאָפּ און, לאַכנדיק, געזאָגט:

— נו, עס איז שוין דאָ אַ מנין... דאַוואַי... מע קאָן שוין אָנהייבן...

— נו, חבר שרייבער... — האָט געזאָגט די דאָקטאָרין.

און דאָ האָט זיך דערהערט די שטימע פון דער שוועסטער:

— וואַרט... עס גייען נאָך...

די שוועסטער האָט געבראַכט נאָך שטולן. אַ שווערער ריח פון יאָדאָפאָרם און מיטון האָט זיך צעלייגט איבער דעם ווייסן צימער. איך בין געזעסן ביים טיש.

דאָס ביכל איז געלעגן לעבן מיר. איך האָב געקוקט אויף די מענטשן, וואָס זענען געזעסן אין נישט געוויינטע אויסטערלישע פּאָזעס. אממייסטן האָבן אונטערגע־שפּאַרט אונטער די אָרעמס זייערע פּראָטעזן און קוליעס. איך האָב געקוקט אויף די מענטשן און אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט זיי צו זאָגן, איז מיטאמאָל געוואָרן בלייך און ווייט. די מיר האָט זיך אַלע מאָל געעפנט און ס'זענען אַלץ געגאַנגען פאַרוווּנדעטע. עס איז אויך אַריינגעקומען אַן עלטערער מאַן מיט אַ גרוי בערדל אין ברילן. ער האָט מיר שטיל דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

— שוין לאַנג נישט געהערט... שוין באַלד פאַרגעסן יידיש...

די פרוי דאָקטאָר האָט אים אָפּגעטראָטן אַ האַלב פון איר שטול און האָט מיר שטיל אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז אונדזער „גלאַוונער"... אונדזער הויפּט־דאָקטאָר...

* * *

עס איז געווען שטיל. אַלע האָבן געוואַרט, איך זאָל אָנהייבן. מיטאמאָל האָט זיך די פרוי דאָקטאָר אויפגעהויבן. זי האָט גענומען מיין ביכל אין דער האַנט. אַ טונקעלע פאַרב האָט באַדעקט איר אָפּגעצערט פּנים, און זי האָט מיט אַ נאַ־טירלעכער וואַרעמקייט פון דעם זאַפטיקן וואָליניער יידיש אָנגעהויבן:

— אָט דאָס ביכל האָב איך געלייענט, ווען איך בין געווען סטודענטין אין קיעוו.. מיר זענען געווען אַ „קרוזשאָק"... יידישע סטודענטן און מיר האָבן גע־לייענט יידישע ביכער... איך געדענק נאָך אפילו פון דעם ביכל אַ דערציילונג...

* * *

עס איז שוין געווען שפּעטע נאַכט, ווען איך האָב פאַרלאָזן דאָס רויטע הויז. עס האָט געשימערט די ליכט פון די שטערן, גרויסע און נאָענטע, ווי נאָר וואָס באַשאַפענע. עס איז געווען שטיל, און נאָר די אַריקן האָבן געפּלאַפּלט און געשטראָמט.

איך בין געווען אויפגעברויזט און געזעטיקט מיט עפּעס, וואָס האָט דריי־טער געמאַכט מיין טראָט אויף דער ווייטער ערד. מיט עפּעס אַ נייער זיכערקייט פון אַ שותפות צו אַ גרויסער לעבעדיקער וועלט.

מיטאמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב נישט דאָס ביכל. איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר מיין וואַנדער־טאָרבע. זי האָט מיר אויסגעזען פולער, מער ווי געווייינלעך. דאָרט איז געלעגן מיין ביכל. איך האָב נישט באַמערקט, ווער עס האָט עס מיר אַריינגעלייגט. איך ווייס אויך נישט ביז היינט, ווער עס האָט אַריינגעלייגט אין מיין וואַנדער־טאָרבע די רירנדיקע מתנה אין יענע טעג: אַ פּעקל פּאָלדאַטסקע טיטון מיט אַ קעסטל שוועבעלעך...

# דאָס יינגל מישקאַ

## 1

מיט איינער פון די ערשטע באנען, וואָס האָבן זיך אָנגעטראָגן איבער דער גרענעץ פון ווייסרוסלאַנד קיין פוילן, מיט דעם ערשטן שטראָם מענטשן, וואָס האָט זיך א ריס געטאָן איבער דער טויטער גרענעץ, וועלכע איז צוואַנציק יאָר געשטאַנען אויף דער פלאַכער, פרידלעכער ערד און ווי א געוואַלד-רים צעשיידט הונדערטער, טויזנטער, לייב-נאָענטע, איינגעלעבטע משפחות און פריינד, דערפער, שטעט און שטעטלעך נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, איז אויף א קליינעם, אלטפרענקישן וואָקזאל פון א קליינער שטאָט אויף די פוילישע קרעסן ארויסגעשטיגן א יינגל פון א יאָר פערצן.

דאָס איז געווען א קרעפטיק בחורל מיט א ברוין, שאַרף-געשניטן האַלב-קינדעריש און האַלב-מענעריש פנים. די קעפקע אויף זיין קאָפּ איז געווען פאַררוקט און זיינע שווארצע, קרעפטיקע יידישע האָר האָבן זיך געדרייט אין לאָקן. זיינע שווארצע, ווי גליענדיקע אויגן האָבן געקוקט מיט א בייגעריקן הונגער ארום, ווי ער וואָלט געזען פאַר זיך א וואונדער, כאָטש ער האָט געקאָנט זען נאָר א קליין, געל, פארשטויבט הויז פון דעם שטעטל-וואָקזאל, וואָס איז אין גאנצן ענלעך געווען צו דעם וואָקזאל פון דאָרט, פון דער שטאָט, פון וואַנען ער איז געקומען פון יענער זייט גרענעץ.

א גראָער, אויסגעפאָרענער שאָסיי האָט געפירט אין שטעטל אריין, וואָס האָט זיך געזען פונדערווייטנס מיט גראָע, שווארצלעכע, נידעריקע הייזער און אומעטיקע גרינבלעכע דעכער. אויך דער הימל און די ערד זענען געווען די זעלבע. די שיטערע אלטע וואָקזאל-ביימער מיט די פייגל, האָט זיך געדאַכט, זענען אים נאָכגעפלויגן איבער דער גרענעץ, און אפילו די פראָסטע מענטשן מיט די זעק

און פּעק, מיט די היטלען און אלטע, אויסגעריבענע קליידער זענען געווען גישט קיין אנדערע, ווי דאָרט.

אָבער פאר דעם ייִנגל מישקא איז אַלץ געווען ניי, ווי ער וואָלט פאַרטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדער וועלט.

מיט דעם גראָען זעקל אויף די פּלייצעס און דעם אלטן טשעמאָדאַן, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריקל, דעם טשעמאָדאַן, וווּ עס איז געלעגן אַלץ, וואָס מען האָט אים פון דער היים מיטגעגעבן, האָט ער גענומען שפּאַנען איבערן שאָסיי. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַ זשעדנעם הונגער פון נייגעריקייט.

דאָס ערשטע, וואָס זיין גליענדיקער בליק האָט אויפגעכאַפּט, איז געווען דער נאָמען פון דער שטאָט, אויפגעשריבן אויף פּויליש. דאָס איז געווען פאַר אים ניי און אָנגעזאָגט, אַז ער איז אין אויסלאַנד. דער אויפשריפט איז געווען די ערשטע פון די פיל איבעראַשונגען, וואָס ער האָט נאָך ערשט באַדאַרפט אָנטרעפן.

מישקאַ איז נישט דאָס ערשטע מאָל אַליין אַוועק פון דער היים, פון טאַטע־מאַמע. ער איז שוין געווען אין פיל ווייטע שטיקער פון זיין ריזיק לאַנד, וווּ ער איז געפאָרן טעג און נעכט אין די קינדער־הייזער, איבער בערג און טייכן, געזען וווּנדערלעכע וועלטן ווי אין חלום און אין ערגעץ איז נישט געווען „אויסלאַנד“, וועגן וועלכן ער האָט געהערט אַזויפיל מאָדנע זאַכן פון געבוירן אָן.

מישקאַ האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט, ווי איינער פון די העלדישע וואַנדערער, וועגן וועלכע ער האָט געלייענט אין די יוגנט־ביכלעך, די וואַנדערער, וואָס האָבן אַזוי קלוג און אומדערשראָקן זיך געלאָזן אין די ווייטע און פרעמדע וועגן.

דאָס צווייטע, וואָס איז געווען פאַר אים ניי און אומבאַקאַנט, איז געווען אַ הויז מיט אַ הויכן קופּאָל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין הימל אַריין איבער אַלע הייזער און האָט געבליצט הויך מיט אַ גאָלדענעם צלם. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ „צערקווע“, וואָס ער האָט נאָר געזען אויף די בילדער אין די אַלטע זשורנאַלן, וועלכע זענען געלעגן אויפן בוידעם.

דאָס ייִנגל מישקאַ האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט. ער האָט אַרויפגעוואָרפן דאָס ווייסע זעקל אויפן אַקסל, גענומען דעם טשעמאָדאַן און זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין מיט דעם שטויביקן שאָסיי.

דאָס ייִנגל מישקאַ האָט געהאַט כוח, ער איז געווען אַ „פּיאָנער“ און אים זענען געווען באַקאַנט לאַנגע וועלנערישע מאַרשן, ער האָט געהאַט ביי זיך זיינע פּיאָנערישע אויסצייכענונגען און „ספּראַווקעס“ פון זיין גוטער אויפפירונג און בראַווקייט. אינעם טשעמאָדאַן האָט ער אויך געהאַט זיין פּיאָנערסקע העמדל מיט דעם רויטן גאַלסטוק. ער האָט דאָס אַלץ מיטגענומען, כדי צו ווייזן דער

„טיאָטיאַ ריוואַ“ און דעם „דיאַדיאַ“, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געזען צו־ליב דער פאַרמאַכטער גרענעץ, איבער וועלכער קיינער האָט נישט געטאָרט פאָרן און אפילו נישט באַקומען קיין בריוו.

אָבער זינט דעם פאַרטאָג, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג אָנגעטראָגן אַ שווע־רער קלימפּערדיקער רעש פון טאַנקן און דער הימל איז באַדעקט געוואָרן מיט שוואַרצע פינטעלעך פון אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך אַלץ געטראָגן איבער זייער שטאָט צו דער גרענעץ, האָט מען זיך דערמאָנט אין די אייגענע, מיט וועלכע מען איז געווען צעשיידט דורך אַלע יאָרן. טעג און נעכט האָבן זיך דורכן שטעטל געטראָגן באַנען מיט זעלנער אַהין, קיין „פּאָלשאַ“. און אָט זענען געקומען די ערשטע בריוו מיט פרעמדע נישט געזעענע פּאָסט־מאַרקעס. עס האָבן זיך אָנגע־הויבן אָפּרופן אייגענע און נאָענטע, און די ווייטע, פאַנטאַסטישע „פּאָלשאַ“ איז געוואָרן מיטאַמאָל אַזוי נאָענט.

עס זענען אָנגעפאָרן נייע מענטשן, אַנדערש געקליידטע, מיט אַן אַנדער שפּראַך, און פיל ווערטער האָבן פאַר דעם ייִנגל מישקאַ באַקומען אַן אַנדער זין.

מען האָט דערציילט וועגן דער שרעקלעכער מלחמה מיט די דייטשן, וואָס זענען ערגעץ געגאַנגען, מען האָט געזען אַנטלאָפענע פון דאָרט, וואָס האָבן דער־ציילט קיינמאָל נישט געהערטע שרעקלעכע געשעענישן. אָבער דאָ האָט מען פאַר די דייטשן נישט מורא געהאַט. דאָ האָט מען זיך געפרייט, און די בייזע, דראָענ־דיקע טאַנקן און האַרמאַטן זענען ווי היימישע הינט אַרומגעגאַנגען צווישן די מענטשן, ווי אַ שפּיל פאַר קינדער.

אַממייסטן האָבן אויפגעברויזט די אַרומיקע ייִדישע שטעט און שטעטלעך פון ביידע זייטן, ווו עס האָבן זיך באַלד אין די ערשטע וואָכן אָפּגערופן צעריסע־נע משפּחות, צעשיידטע דורך דער גרענעץ. מען האָט אויפגעזוכט אַלטע אַדרעסן פון פאַר צוואַנציק יאָר. עס זענען געקומען די ערשטע גרוסן און בריוו און ידיעות, פריילעכע און טרויעריקע. די ווייטע שטעט, וועגן וועלכע מען האָט נאָר געקאָנט חלומען, האָבן זיך מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן נאָענטע. פון ביידע זייטן האָט זיך געלאָזן אַ שטראָם פון משפּחות, און די טויטע וועגן און שטעגן, פאַרוואַקסענע פאַרטראָגענע פון די לאַנגע יאָרן, האָבן אויפגעלעבט. עס איז אַראָפּ די שרעק פאַר די גרענעץ־עמבלעמען און שטרענגקייטן, און די זעלבע זון האָט געלויכטן, און די זעלבע נאַכט האָט איינגעהילט און ענלעך געמאַכט די זעלבע ערד.

און אָט האָט זיך אָפּגערופן אויך די „טיאָטיאַ ריוואַ“, דער מאַמעס שוועס־טער, פון וועלכער מען האָט שוין אַזויפיל יאָרן נישט געהערט. נישט איין מאָל האָט די מאַמע טרערן פאַרגאָסן דערויף, וואָס מען וועט זיך שוין קיינמאָל נישט זען, באָטש מען וווינט אַזוי נאָענט. עס איז געווען אַ גרויסע פרייד. די טיאָטיאַ

האָט געבעטן, אַז עס זאָל ווער קומען פון זיי, ווייל פון דאָרטן איז דערהוייל נישט דערלויבט צו קומען.

די טיאָטיאַ ריוואַ און דער דיאַדיאַ האָט געבעטן, אַז עס זאָל כאָטש קומען דאָס יינגל, ער זאָל זיך אַריבערכאַפּן אויף אַ פּאָר וואָכן, אַז זיי ווילן זיך פילן גליקלעך אים צו זען. צו דעם בריוו האָבן אויך צוגעשריבן דער טיאָטיעס צוויי זין און דאָס מיידל בלומאַ, וואָס איז געווען עלטער פון מישען מיט אַ יאָר.

פון דעם טאָג אָן האָט דאָס יינגל מישקאַ אָנגעהויבן חלומען וועגן דער רייזע צו דער טיאָטיאַ ריוואַ קיין פּאָלשאַ. ער האָט אָנגעהויבן חלומען דורך די נעכט און כסדר געזען פאַנטאַסטישע שטעט, וואָס זענען נישט ענלעך געווען צו די אַלע ערטער, וועלכע ער האָט געזען אויף זיינע פּיאָנערסקע רייזעס, וווּהין ער איז געפאָרן מיט דער „דעסיאַטילעטקאַ", ווו ער האָט געלערנט.

אין זיינע חלומות איז געווען אויסגעמישט פרייד מיט אומרו. ער האָט כסדר געזען אַ פאַנטאַסטישע גרענעץ ווי אַ שווער־פאַרמאַכטן טויער, באַוואַכט פון פאַנטאַסטישע קאָלירטע זעלנער, וועלכע ער האָט אַמאָל געזען אין אַלטע ביכער. די זעלנער זענען געווען בייזע און שטרענגע. ער האָט געזען, ווי עס עפנט זיך פאַר אים דער שווערער טויער, און ער קומט אַריין אין אַ פרעמדער אומבאַקאַנטער וועלט, מיט אַ פרעמדער ערד און אַ פרעמדן הימל...

ער גייט אַריין אין „פּאָלשאַ", וואָס שגייהט אים אָפּ פון דער היים, פון חברים, פון טאַטע־מאַמע. ער בלייבט אַליין צווישן פרעמדע שטרענגע מענטשן און ער קאָן שוין מער פון דאָרט נישט אַרויס צוריק.

ער זוכט די טיאָטיאַ ריוואַ און דעם דיאַדיאַ, אָבער זיי זענען נישטאָ... מיטאַמאָל דערזעט ער דאָס מיידל בלומאַ, וואָס איז עלטער פון אים מיט אַ יאָר. זי איז אַזאַ ווייטע און שטרענגע, זי איז אָנגעטאָן אַזוי אַנדערש און וויל זיך מיט אים נישט חברן.

דאָס יינגל מישקאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די חלומות אָן אויפגעבראַכטער. אָבער אַלץ נענטער איז געקומען דער טאָג, ווען עס איז מעגלעך געוואָרן פאַר אים צו פאָרן צו דער טיאָטיאַ ריוואַ.

2

עס איז געווען אָנהייב פרילינג פונעם יאָר ניין הונדערט איין און פערציק, ווען די פאַמיליע ווייס האָט אין אַ רו־טאָג, ווען דער פאָטער האָט נישט געאַרבעט אין דער ערשטער שטאָטישער גאַרבעריי „אָקטאָבער" און די מוטער אין דער

שול, ווו זי האָט געפירט די פערטע אָפּטיילונג, האָבן זיי גענומען צוגרייטן זייער איינציקן זון מישקאַ צו דער רייזע קיין פּוילן צו דער מומע ריוואַ.

דער פרילינג איז געווען אַ וואַרעמער, די טעג זענען געשטאַנען ליכטיקע און פרישע. דאָס ייִנגל מישקאַ האָט די אַלע טעג געלעבט מיט דער דערוואַרטונג פון דער רייזע און געגרייט זיך צו איר.

מישקאַס חברים פון דער שול האָבן אַלץ געקלערט, וואָס פאַר אַ מתנות מישקאַ דאַרף אַוועקפירן זיינע אָפּגעפונענע קוזינען און פאַר דעם מיידל בלומאַ, דער מומעס טאָכטער. מישקען האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער דאַרף אַוועקפירן אַזוינס, וואָס מען האָט דאָרט אין פוילן נישט געקאָנט זען. ער וואָלט געוואָלט מיטפירן מיט זיך כאָטש דעם גאַנצן „פּאַלאַץ פון די פּיאָנערן“, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין דאָס רייכסטע און דאָס שענסטע מיט וואָס זיך צו באַווייזן. אָבער מער ווי די עטלעכע זיינע שיינע, באַליבטע ביכער פאַר יוגנט און זיין פּיאָנערישן גאַלסטוק האָט ער נישט געפונען, און דאָס האָט ער זאָרגפעליק איינגעפּאַקט. די מאַמע האָט אויך אָנגעבאַקן און איינגעקויפט באַליבטע, ווייסרוסישע געבעקסן, וואָס האָבן אין פוילן באַדאַרפט זיין זעלטן. און אין אַן אינדערפרי, ביי אַ פרישן פרילינג־ווינט, וואָס האָט זיך געוויגט מיט אַ רויטלעכער אויפגייענדיקער זון, האָט די פאַמיליע וויים, טאַטע און מאַמע, אַוועקגעפירט זייער איינציקן זון מישקאַ צו דעם וואָקזאַל, ווו אַ סך מענטשן האָבן שוין פון לאַנג געוואַרט, ליגנדיק און זיצנדיק אויף זייער געפּעק.

מיטאַמאָל איז אָנגעלאָפן אַן אַלטפרענקישע, רוסישע באַן מיט פאַרצייטיקע וואַגאָנען, פאַרשטויבטע, מיט קליינע, שמאָלע פענצטער. דער פּאַראַוואָז איז געווען אַ שוואַרצער, אַ פאַררויכערטער, מיט אַ לאַנגן קוימען, און עס איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די עטלעכע אָרעמע וואַגאָנען מיט דעם אַלטן, נידעריקן פּאַראַוואָז וועלן זיך דערטראָגן קיין „אויסלאַנד“, צו דעם פאַרהוילענעם ערגעץ־לאַנד „פּוילן“.

דער צוג איז געווען אַ האַלב־מיליטערישער, אַן אומעטיקער. פּראָסטע, גראָע מענטשן זענען געזעסן אין די וואַגאָנעס מיט זייערע זעק און טשייניקעס. דער צוג האָט זיך אָנגעטראָגן מיטאַמאָל, האָט זיך פאַרהאַלטן קורץ. עס איז נישט געווען קיין צייט פאַר דעם אַלעם, וואָס די עלטערן האָבן אַלץ געוואָלט אָנזאָגן מישקען. מען האָט זיך געשטופּט אין וואַגאָן. מישקאַ איז, ווי אַלע ייִנגלעך אין דעם קאַנט, געווען געווויינט זיך צו שטופּן אין די ענגע וואַגאָנעס.

די „פּאָסאַדקע“ איז געווען אַ גיכע, דער צוג האָט גערירט, און מישקאַ האָט נאָך פון דעם קליינעם וואַגאָן־פענצטער געזען די מאַמע מיט דעם טאַטן. די מאַמע איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס נאָכשרייען. איר

האָט מיט די פֿינגער זענען געווען אײנגעגראָבן אין איר באַק, די צווײטע האַנט איז געווען אויסגעשטרעקט, ווי זי וואָלט געוואָלט פֿאַרהאַלטן די לױפֿנדיקע באַן.

אויך דער פֿאָטער איז געשטאַנען מיט אַן אויסדרוק פֿון נישט דערזאָגטקײט, און דאָס ייִנגל מישקאַ האָט מיטאַמאָל פֿאַרלוירן זײַן פֿיאָנערישע קרעפֿטיקײט. ווי ער וואָלט זיך אָפּגעריסן פֿון עפּעס אַ זיכערן אָנהאַלט און געפֿאַלן אין אַ לײדיקײט אַרײַן. עפּעס האָט אים אַ דריק געטאָן בײַם האַרץ, און עס האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן אומגעריכט, ווי נישט ער וואָלט עס געזאָגט:

— מאַמאַ...

אָבער באַלד האָט אים אַרומגענומען די דרימלענדיקע אויסגעוואַרעמטקײט פֿון דעם וואַגאָן, וווּ מענטשן האָבן זיך געפּאָרעט בײַ זײערע פּעק. טײל האָבן זיך גענומען עסן. אַ האַלבן וואַגאָן האָבן פֿאַרנומען זעלנער, זײ זענען געלעגן און געזעסן פֿאַרפֿלאָכטן אין אַ זעלנערישער מידקײט, געררױכערט. אין אײן ווינקל האָבן עטלעכע געזונגען אין אַ שטילן כאָר.

דאָס ייִנגל מישקאַ האָט געדענקט, אַז מען באַדאַרף היטן די זאַכן. ער האָט אוועקגעלײגט זײַן זעקל מיט דעם טשעמאָדאַן, זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ ברעג פֿון אַ באַנק. באַלד האָט אים עמעץ גענומען אויספֿרעגן, וווּהין ער פֿאָרט. עס איז אים אַלץ געווען זיס־טרויעריק. דאָס אָנגעווײטיקטע, צעקרימטע מויל פֿון דער מאַמען, וועלכע האָט אַזוי קראַמפּהאַפֿט אײַנגעגראָבן די פֿינגער איבערן פּנים, ווי זי וואָלט אים געוואָלט צוריקרופֿן, האָט אים אַלץ פֿאַרפֿאָלגט. אָבער גיך איז די שווערקײט פֿאַרבײַ. מישקאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ פּיאָנער, אַז די שקאָלניקעס, זײַנע חברים, זענען אים מקנא, וואָס ער פֿאָרט דורך דער גרענעץ, דורך די שווערע, געהײמע, געהעמערטע טויערן פֿון אַ פֿרעמד לאַנד. ער איז אפֿשר דער ערשטער פּיאָנער, וואָס פֿאָרט אַלײן. ער האָט געקלערט וועגן די העלדישע ייִנגלעך, „גראָיען", וועגן וועלכע ער האָט געלײענט אין די ביכלעך. און ער האָט צוריק דערפֿילט אין זיך אַ פֿרײדלעכע נײַגעריקײט.

מישקאַ האָט אַרויסגעקוקט פֿונעם וואַגאָן־פֿענצטער. עס איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער, אַ לאַנגער און געדיכטער וואַלד האָט זיך געצויגן די גאַנצע צײַט, און די אויפֿגײענדיקע זון־שטראַלן האָבן זיך געוויקלט אויף די בײמער. די באַן האָט געפֿײַפֿט און געקלינגען, און דאָס ייִנגל האָט גענומען וואַרטן אויף די גרויסע איבעראַשונגען. ער האָט נישט געוווּסט אויף קלאָר, ווי לאַנג עס דאַרף דויערן דאָס פֿאָרן. אָבער די צײַט איז פֿאַר אים פֿול געווען פֿון וווּנדערלעכע פֿאַרוואַנדלונגען, וואָס האָבן נאָך באַדאַרפֿט קומען. עס האָט אים געוווּנדערט, וואָס די פֿאָרנדיקע רעדן נישט וועגן דער גרענעץ, וועלכע מען דאַרף דורכפֿאָרן. דאָס

יינגל האָט זיך דערפֿון געפֿילט ווי געטראָפֿן, ווען ער האָט פּלוצלונג צו זיינע שכנים אין וואגאָן געזאָגט מיט א קינדערישער באַרימערישקייט:

— איך פֿאָר איבער דער גרענעץ...

און ער האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון דער שטאָט. ער האָט אפילו דער־ציילט, אז ער דאַרף צו זיין מומע ריווא, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געזען. אָבער קיינער האָט אין דעם נישט געזען קיין אויסערגעוויינלעכעס.

פֿאַרן פֿענצטער פֿון וואגאָן האָט זיך אַלץ געצויגן דער וואלד. דער זעלבער וואלד, טיילמאָל מיט געדיכטע אלטע ברייטע ביימער, טיילמאָל מיט יונגע צע־שפּילטע זילבערנע בזשאָזשעס, וואָס האָט דורכגעלויכטן ווי א שרונט אין דער געדיכטקייט. טיילמאָל האָט זיך א דריי געטאָן א שטיק ליכטיק פֿעלד, וואָס האָט געשפּיגלט מיט זומפּיקע וואסערלעך. ווו נישט ווו איז געשטאַנען אן עלנט הייזל, ווי פֿון א קינדעריש מעשהלע. האלב־נאַקעטע פּויערישע קינדער האָבן פֿאַרגאפֿט געקוקט אויף דעם צוג, אזוי ווי אומעטום הינטערן שטאָט, ווו מישקא איז גע־בּאָרן. און מישקא האָט זיך אַלץ געפֿילט אין דער היים.

מיטאמאָל האָט עמעץ פֿון די פּאסאזשירן א לאנגן גענעץ געטאָן און גע־זאָגט:

— אָט איז די „גראניצא"... מיר פֿאָרן צו דער גרענעץ...

מישקא האָט זיך א וואָרף געטאָן צום פֿענצטער. דער וואלד איז דאָ געווען איבערגעריסן.

דער צוג האָט זיך ווייך געוויגט איבער א קורצער הילצערנער בריק און פֿון אונטן האָט פֿריליגנדיק געשטראָמט א בלוי וואסער.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ פֿייף געטאָן, דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין לאנג־זאַמער און מיט אַ שווער געקלימפּער זיך אָפּגעשטעלט. עס האָבן זיך דערהערט שטימען, עס האָט זיך באַוויזן אַ זעלנער מיט אַ ביקס אין אַ רויט היטל. מישקאַ האָט דערזען אַ פּאָר אַלטע, נידעריקע, געלע הייזער, צווישן הויכע ביימער. ביי איינעם פֿון די הייזער איז געשטאַנען אַ טויער געפֿלאָכטן פֿון צווייגן, אַרומגע־וויקלט מיט בענדער און גרינס, מיט אַ לאָמטערן מיט דראָטן און סיגנאַלן מיט טראַנספּאַראַנטן, מיט אויפֿגעקלאַפּטע בלעכן־עמבלעמען. דאָס אַלץ איז געווען אַלט און אויסגעוואַשן פֿון רעגן און ווינט. עס האָט אויסגעזען, ווי מענטשן, וואָס האָבן דאָ געוווינט לאַנג, האָבן אַלץ איבערגעלאָזן און זענען אַוועקגעגאַנגען.

מישקאַ האָט געזוכט די שווערע מויערן, וואָס האָבן צעטיילט די לענדער, ער האָט געזוכט די גרענעץ, וועגן וועלכער ער האָט באַראַפּט דערציילן זיינע חברים, ווען ער וועט צוריקקומען אַהיים.

באַלד האָט דער צוג שטיל און פּאַמעלך גענומען גיין, ווי אויך דער צוג

וואָלט דאָ נאָך עפּעס געזוכט. דאָ איז די ערד געווען צעגראָבן, און עס זענען געלעגן נייע רעלסן. דער צוג האָט ענגדלעך אַ צאַפּל געטאָן און האָט זיך מיט אַ געקלימפּער אַוועקגעטראָגן ווייטער. ווידער האָט זיך געצויגן דער זעלבער וואַלד, און עס איז געווען שווער צו גלויבן, אַז דער וואַלד איז אַנדערש פון דעם פריעריקן. מישקאַ האָט געזוכט די סימנים פון „אויסלאַנד“, און ער האָט זשעדנע זיך איינגעקוקט אין די בודקעס פון די דרוזשניקעס, וווּ עס זענען געווען אויפשריפטן אויף אַ פרעמדער שפּראַך. ביי איינער אַזאַ בודקע האָט ער מיטאַמאָל דערזען עפּעס אַ געלן הונט. אויך דער הונט האָט נישט געהאַט קיין סימנים פון „אויסלאַנד“. דערנאָך האָט זיך ווידער גענומען ציען דער זעלבער וואַלד, און מישקאַ איז מיטאַמאָל מיד געוואָרן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן אין אַ לייכטן דרימל, און אין קאָפּ ביי אים האָט זיך פאַרהאַלטן אין געוויגט דער איינער געדאַנק, אַז ער איז אין אויסלאַנד. ער האָט מער נישט געוואָלט קוקן אויף דעם אַלציינעם, ווי אומענדלעכן, וואַלד, וואָס האָט אַזוי באַרויבט זיינע פאָרשטעלונגען, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט גלויבן, אַז באַלד וועלן זיך פאַר אים אַנטפּלעקן נייע און גרויסע איבערראַשונגען. און דאָ האָט ער דערהערט, אַז ער קומט צו צו דער שטאָט, וווהין ער פאָרט. עס האָט זיך שטאַרק נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז די שטאָט, וועגן וועלכער ער האָט געחלומט און זיך אַזוי געגרייט. אָבער דאָס ייִנגל מישקאַ איז געווען אַ פּיאָנער. ער האָט גענומען דאָס זעקל אויף דער פּלייצע, דעם טשעמאָדאַן אין דער האַנט און איז געגאַנגען פאָרויס.

3

די טיאָטיאַ ריוואַ איז געווען אַזוי ענלעך צו דעם ייִנגלס מאַמע, אַז מישקען איז אין דער ערשטער מינוט אויסגעקומען, ווי ער וואָלט געקומען צוריק אַהיים. די טיאָטיאַ ריוואַ איז נאָר געווען אַ ביסל עלטער און ווייסער ביי די שלייפן. אויך די טיאָטיאַ האָט אים גלייך דערקענט דורכן פענצטער, ווען זי האָט אים דערזען. זי איז אַרויסגעלאָפן און אים גלייך אָנגערופן ביים נאָמען. זי האָט אים דערקענט, ווייל ער איז אַזוי ענלעך צום טאַטן, וועלכן די מומע ריוואַ האָט געזען מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען מישקאַ איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען.

עס איז געווען פרייטיק, און די טיאָטיאַ ריוואַ האָט געגרייט דעם שבת, באַלד איז געקומען דער דיאַדיאַ ראַוויר, אַ שמאָלער, לאַנגער ייִד, אַ שטילער און אַן איידעלער, אַזוי ווי מען האָט אים ביי מישקען אין דער היים אויסגעמאָלט. ער האָט געהאַט שוואַרצע גרויסע אויגן, אַזוי ווי אַלע אין דער משפּחה. ער האָט

געטראָגן אַ האַלב־יידישע קאַפּאָטע און אַ שוואַרצע, אַלטמאָדישע „שליאַפּע“. דער ייִד האָט זיך צעקושט מיט מישקען, און מישקאַ האָט זיך דערויף נישט גע־רעכט.

עס זענען אויך באַלד געקומען די קוזינען, דערוואַקסענע. זיי האָבן אויך גע־טראָגן קעפּקעס אויף די קעפּ, מיט גרויסע שטיוול. דערנאָך איז געקומען די טאָכטער בלומע, וואָס איז געווען עלטער פון מישקען מיט אַ יאָר. זי האָט מיש־קען חבריש דערלאַנגט די האַנט, כאָטש די טיאָטיאַ און אַלע האָבן פון איר גע־לאַכט, וואָס זי קושט זיך נישט מיט אַן אייגענעם קוזין. אָבער מישקאַ האָט נישט געוואָלט זיך קושן, פּיאָנערן האָבן זיך נישט געקושט.

דאָס מיידל בלומע האָט גלייך גענומען רעדן רוסיש, האָט געפרעגט וועגן בי־כער, זי האָט שוין אַפילו געלייענט אַ סך פון די ביכער, וואָס מישקא האָט גע־וואָלט וועגן זיי דערציילן, און מישקען האָט דאָס מאָדנע אויסגעזען, ווי עמעצער וואָלט אים צוגענומען אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געקאָנט איבעררעדן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע שעהן פון מישקאָס לעבן צווישן מענ־טשן, וואָס זענען געווען אַזוי ענלעך צו די מענטשן פון זיין ווייסרוסישער שטאָט, וווּ ער איז געבוירן און געלעבט. אָבער אויף שריט און טריט האָט ער זיך אָנגע־שלאָגן אין דער אַנדערשקייט; און דעם יינגל מישקאַ איז געוואָרן קלאָר, אַז ער איז פון „דאָרט“ און אַז דער דאָרט איז אַ סך ווייטער פון דער רייזע איבער דער גרענעץ, וואָס ער האָט געמאַכט, אַז די טיאָטיאַ ריוואַ, וואָס איז אַזוי ענלעך צו זיין מאַמען, איז אַן אַנדערע, אַז אירע אויגן זענען אָנגעפילט מיט עפּעס אַן אומ־רו, וואָס איז אים, מישקען, נישט באַקאַנט.

פאַר דעם לעצטן יאָר זענען שוין ווינציק פאַרבליבן סימנים אין דער שטאָט פון איר פריערדיקער פּוילישקייט, אַחוץ דעם קאָשטשיאָל מיט דעם הויכן צלם אין הימל, אַרום וועלכן עס איז געלעגן עפּעס אַ פאַרשטיקטע רוגזה, ווו אין די זונטיקן האָבן זיך געזאַמלט מענטשן, שווייגנדיקע, פאַרדריקטע מיט דער דראָענדיקער שטילקייט פון אַ שטורעם־וואָלקן. אָט די זונטיק־טעג זענען געווען ווייט און אַנ־דערש פון די זונטיקן דאָרט.

דאָס יינגל מישקאַ האָט געפילט, אַז אַפילו אין דער שטוב, ביי דער טיאָטיאַ ריוואַ, איז עפּעס פאַר אים באַהאַלטן. ער האָט שוין געוווסט, אַז דער דיאַדיאַ דאַ־וויד און די זין האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן, אָבער מישקאַ האָט אין דעם נישט געזען קיין שום שלעכטס. דאָס איינציקע, וואָס האָט אים געטראָפן און אַריינגע־צויגן אין אַ מאָדנעם צושטאַנד פון אַ נישט זיכערקייט, איז געווען דאָס, וואָס אים איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָ נישט ווייט לויערט אַ דראָענדיקע געפאַר, אַז דאָ נישט ווייט, הינטער די איבערגעשניטענע וועגן צו פּוילן, גייט די מלחמה.

דערווײַל זענען געגאַנגען די פֿרילינג־טעג. פֿיבערהאַפֿט האָט געשטראָמט דאָס לעבן אין דער קלײנער שטאָט, וואָס איז געווען איבערגעפֿולט פֿון פֿרעמדע, אַנטלאָפֿענע פֿון די מלחמה־געביטן. די דרימלדיקע פֿאַרוואָרפֿענע שטאָט האָט איצט געלעבט מיט צוויי אַרטן לעבנס פֿון צוויי אָפּגעטיילטע לענדער. מען האָט געלעבט מיט די אויסטערלישע ידיעות, וואָס זענען אָנגעשווומען טאָג און נאַכט, און מישקען האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז ער איז געבליבן שטיין אונטער אַ הויכן באַרג, אויף וועלכן ער דאַרף אַרויפֿקלעטערן, כּדי צו דערזען די אַנדערע וועלט. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין איין טאָג וועט ער אויף דעם באַרג אַרויפֿשטייגן. ער איז געווען אָנגעפֿילט מיט פֿיאָנערישע לידער און געשיכטן פֿון דערגרייכונגען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פֿון דער היים, און דער אומרו פֿון די מענטשן אַרום האָט גערייצט און געשאַרפֿט זײַן נײַגער.

דאָס מיידל בלומע, וואָס האָט אין די ערשטע טעג זיך געהאַלטן קעגן אים גענוג שטרענג און אַרויסרופֿנדיק צוליב דעם יאָר, מיט וועלכן זי איז געווען עלטער פֿון אים, האָט אים ווי מוחל געווען זײַן נישט דערוואַקסנקייט. אַחוץ דעם האָט זי פֿאַר דעם לעצטן יאָר געלערנט, געלייענט און גערעדט רוסיש, וואָס האָט זיי אויך דערנענטערט. זי האָט שוין אַ סך געוווסט פֿון ד אָ ר ט, זי האָט שוין אַפֿילו געלייענט דאָס בוך פֿון אָסטראָווסקי, דאָס בוך פֿון דעם ייִנגל, וואָס איז געווען מישקעס לעבנס־מוסטער. ער האָט אַפֿילו געפֿילט אַן איפֿערזוכט צו דער קוזינקע בלומע, וואָס האָט וועגן דעם בוך גערעדט מיט אַזאַ היימישקייט. דערפֿאַר האָט זי נישט געוווסט פֿון די קינדער־הייזער אין קרים און קאַווקאַז, וווּ מישקאַ איז געווען און כּסדר געהאַט וועגן דעם צו דערציילן. עס זענען געלאָפֿן די וואָכן. מישקאַ איז נאָך אַלץ געווען דער קוואַל פֿון וווּנדערלעכע מעשׂיות פֿאַר די עלטערע ייִנגלעך און מיידלעך, מיט וועלכע ער האָט געמאַכט אויספֿלוגן און שפּאַצירן אין דער אומגעגנט.

עס איז געווען אין חודש מאַי. די יונגע טעג האָבן זיך געמישט מיט די קורצע און ליכטיקע נעכט. דאָס מיידל בלומע האָט אָנגעהויבן רעדן מיט מישקען ערנסט ווי מיט אַ גלײַכן דערוואַקסענעם. זי האָט ליב באַקומען מישקעס לידער פֿון דאָרט, וואָס ער האָט געזונגען; אויף די מאַי־שפּאַצירן, אָנגעפֿילטע מיט ריחות פֿון בליונג, האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן מיט מישקען רעדן וועגן אירע פּלענער פֿון לערנען, פֿון פֿאָרן אַהין, וווּ מען קאָן אַלץ דערגרייכן. מישקאַ האָט אַליין נישט געוווסט, פֿאַרוואָס דאָס האָט אים אַזוי דערפֿרייט און אַזוי פֿיל צוגעזאָגט.

ער האָט זיך אַפֿילו געמאַכט אָרווורפֿן. ווײַל ס'איז געווען נישט אין גאַנצן פֿיאָנעריש ערלעך דאָס, וואָס ער האָט פֿאַרלייקנט פֿאַר בלומען טייל זאַכן, וואָס

זענען דאָ געווען אַנדערש ווי דאָרט, ביי אים אין דער היים אויף יענער זייט גרענעץ.

אָממייגסטן האָט ער געטראָגן אויפן האַרץ דאָס, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו זאָגן דעם מיידל, דער קוזינקע בלומע, אַז דאָרט טראָגן די מיידלעך נישט אַזעלכע קאָלירטע קליידלעך און אַזעלכע שפּיגלדיקע שיכלעך, ווי זי טראָגט, און דאָס יינגל מישקאַ האָט זיך געמאַכט פאַרווּרפן, וואָס די קליידלעך און די לייכטע שיכלעך האָבן אים צומאָל געפעלן. עס זענען געווען נאָך פיל זאַכן, וועלכע ער האָט באַגעגנט, וואָס זענען אים דאָרט פרעמד געווען און האָבן דאָ באַקומען אַן אַנדער וואָג. אָבער מיט יעדן טאָג האָט ער זיך מער אַריינגעלעבט אין דעם אויפגערודערטן לעבן פון דער פרעמדער, קליינער שטאָט. ער האָט אַפילו נישט געהאַלטן דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן דער מאַמען צו שרייבן יעדן טאָג אַהיים.

די טעג זענען געשטאַנען ליכטיקע, און נאָך ליכטיקערע האָבן באַדאַרפט קומען פאַר אים און פאַר דעם מיידל בלומע.

אַזוי איז אַריבער דער חודש מאַי: מישקאַ איז שוין נישט געווען קיין גאַסט; ער האָט שוין דאָ געהאַט חברים, פאַר וועלכע ער איז נאָך אַלץ געווען דער קוואַל פון אָנווייזונגען אויף דעם וועג צו דעם בייעם לעבן.

אַלץ, וואָס מישקאַ האָט זיי געקאָנט זאָגן, איז פאַר זיי געווען ניי און וווּנדערלעך. אַפילו דאָס מיידל בלומע האָט אָנגעהויבן זיך מיט אים צו גרויסן.

און דאָ איז געקומען אַ בריוו פון דער היים פון יענער זייט גרענעץ. דער בריוו איז געקומען אויך צו דער טיאָטיאַ ריוואַ און צום דיאַדיאַ דאַוויד. די מאַמע האָט געשריבן, אַז עס זענען „טרעוואָזשנע“ צייטן, אַז זי בענקט שוין נאָכן יינגל. אַז ער דאַרף לערנען, האַלט זי, אַז עס איז גענוג, אַז דאָס יינגל האַרף זיך קלייבן אַהיים.

מישקאַ האָט זיך אַפילו דערפרייט. אַט וועט ער קומען אַהיים, זיך טרעפן מיט זיינע שקאָלניקעס און זיי דערציילן, דערציילן פון אויסלאַנד.

ער האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן.

עס איז געווען אַ שבתדיקער טאָג, און די שבת־טעג זענען נאָך דאָ געווען באַזונדערע. דער דיאַדיאַ דאַוויד האָט אָנגעטאָן אַן אַנדער „שליאַפּע“, געגאַנגען אין אַ שול, און מען האָט געגעסן אַנדערע מאַכלים. דאָס האָט באַדאַרפט זיין שוין דער לעצטער שבת ביי דער טיאָטיאַ ריוואַ. דערפאַר האָט מען די גאַנצע צייט ביים עסן גערעדט וועגן מישקעס אָוועקפאָרן. ס'איז געווען פרייליך, מישקאַ האָט געזונגען לידער פון דאָרט און האָט אַלץ געקלערט, ווי ער וועט קומען אַהיים ווי מע וועט זיך מיט אים פרייען.

— נו, מישקאַ... — האָט די טיאָטיאַ ריוואַ געזאָגט, — אין צוויי טעג אַרום וועסטו שוין זיין אין דער היים... ביי דער מאַמען... ביים טאַטן...

דאָס מיידל בלומע האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, זי האָט זיך אַ דריי געטאָן, ווי זי וואָלט נישט געוווסט אין וואָס פאַראַ זייט אַוועקצוגיין, זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרץ, און האָט זיך מיטאַמאָל שווער און ווייבעריש צעוויינט.

מישקאַ האָט נאָך אַזוינס קיינמאָל נישט געזען. די מיידלעך, דאָרט, ביי זיי, וויינען נישט... אויך אין שטוב האָט קיינער דערפון נישט געמאַכט קיין וועזן, נאָר די טיאָטיאַ ריוואַ האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס מיידל, זי צוגעדריקט צו זיך און פשוט געזאָגט:

— זי וויינט, וואָס ער פאָרט אַוועק... זי האָט זיך צוגעוווינט צו אים... ווי איז מיר...

און זי האָט זי ווי אַ קליין קינד פאַרשפּילט:

— נאַרעלע... ער וועט נאָך קומען צו אונדז... אָט באַרישקייטן... מיר זענען דאָך איצט נאָנטע שכנים... מע וועט אוועקנעמען די גרענעץ... ווי ווייט איז עס דען... אין אַ פּאָר שעה...

דאָס מיידל בלומע האָט זיך געשעמט. זי האָט לאַנג נישט געוואָלט עפענען די אויגן, דערנאָך האָט זי געלאַכט. די ברידער האָבן זיך מיט איר גערייצט, אַז זי האָט זיך פאַרליבט אין מישקען, זי איז געוואָרן רויט און האָט זיי געפּאַטשט. מען האָט געלאַכט און געשטיפט.

אָבער מישקען איז צוליב עפּעס אומעטיק געוואָרן, ער האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט.

אין דעם לעצטן טאָג, דעם מאָרגן, וואָס מישקאַ האָט באַדאַרפט אוועקפאָרן, האָבן די צוויי קינדער אומעטום זיך באַגעגנט, אין שטוב און אין דרויסן, גלייך ווי עפּעס וואָלט זיי צונויפגעפירט.

מישקאַ האָט אין דער היים, אין דער שטאָט פון יענער זייט גרענעץ, געהאַט חברטעס, מיידלעך פון שכנים און פון דער שול, און אַלע זיי האָט ער גערופן „דיעוושקי". ער האָט אַפילו געהאַט איין חברטע אין זיינע יאָרן, רייקאַ, מיט וועלכער ער איז צוזאַמען געפאָרן קיין קרים. די חברים שקאָלניקעס האָבן זיי גערופן „פּאַראָטשקאַ", חוזק געמאַכט פון זייער „ליבע". מישקאַ האָט טאַקע ליב געהאַט מיט איר צו גיין אויף אויספלוגן. אָבער ער האָט זיך מיט איר צעקריגט דערפאַר, וואָס זי האָט ליב געהאַט זיך צו שפּאַרן, און זי האָט אויך געזונגען פאַלש.

אָבער קיינמאָל איז אים נישט קיין שאָד געווען, וואָס ער זעט זי נישט.

אָבער די קוזינקע בלומע וואָלט ער געוואָלט כסדר זען. און עס האָט זיך אים אַלץ געדאכט, אַז ווען ער וועט אוועקפאָרן, וועט אים עפּעס פעלן.

דאָס ייִנגל מישקאַ האָט שוין געוווּסט, אַז אויף דער וועלט איז דאָ ליבע, אזעלכע, וועגן וועלכער ער האָט געלייענט, און ער האָט פארשטאנען, אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס טרעפט נאָר מיט „גרויסע", מיט העלדן, וועגן וועלכע מען שרייבט ביכער און מען זינגט לידער.

ער וואָלט אפילו געוואָלט וויסן, צי ער וועט בענקען נאָך דעם מיידל בלומע, כאָטש דאָס אלץ פּאַסט נישט פאַר קיין פּיאָנער. דערביי איז ער געווען זיכער, אַז די קוזינקע בלומע וועט קומען אַהין, צו זיי. אפשר וועט זי וווינען ביי זיי אין שטוב, אזוי ווי ער וווינט דאָ.

גראָד אין דעם פארנאכט האָט זיך די זון געזעגנט מיט אזא מאָדנער רויט־קייט. אַלץ ארום איז געווען באשלאָגן מיט אַ ראָזן, גאָלדיקן פלאַם, פון וועלכן עס איז געווען טרויעריק און מאָדנע גוט.

— ווי שיין... — האָט געזאָגט דאָס מיידל בלומע.

— אויפן ים... אין קרים... איז נאָך שענער... — האָט מישקאַ געזאָגט. און ער האָט ווידער דערציילט פון קרים. אָבער בלומע האָט דאָסמאָל ווי נישט גע־הערט, זי האָט שטיל געזאָגט:

— דו פאָרסט אוועק... דיר איז גוט...

— און דו וועסט קומען צו אונדז... — האָט געזאָגט דאָס ייִנגל מישקאַ. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט נישט געוווּסט וויאַזוי, און זיי זענען געגאַנגען אריין אין דעם גאָלדיקן נעפּל מיט אַ זאַפטיק פארשאָטנטן און פאַר־וואַקסענעם שטעג.

— וועסט מיך באַלד פארגעסן... — האָט דאָס מיידל געזאָגט.

— פארוואָס פארגעסן... — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט, און דאָס האַרץ האָט ביי אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן, ער האָט דערזען אירע אויגן, האַלב־פאַר־מאַכטע, פארטרערטע. זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, אירע וויעס האָבן גע־ציטערט, זי האָט שטיל געזאָגט:

— דאַרף מען זיך שוין געזעגענען...

— אַ, נאָך צייט... — האָט דאָס ייִנגל געזאָגט, — ערשט מאָרגן...

אָבער ער האָט פארשטאַנען, אַז נישט דאָס האָט ער באַדאַרפט זאָגן.

— און איצט... איצט... — האָט זי קוים ארויסגעפּליסטערט.

און ער האָט דערפילט אירע פייכטע אויגן אויף זיין פּנים. אַ קייגמאָל נישט געפּילטער שטראָם פון עפּעס אַ זיסן ווייטיק האָט זיך דורכגעטראָגן דורך אים. זיי זענען צוריקגעקומען, האלטנדיק זיך פאַר די הענט. אַלץ ארום זיי האָט

געזונגען. דער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אזוי .איידל ווי זייד. און אין דער טונקלקייט, ביז אין דער שפּעטער נאַכט, האָבן זיי זיך ווידער און ווידער געפונען, און יעדעס מאָל האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אין זיך, ווי אין אַן ענגשאַפט.

עס איז געווען אַזאַ נאַכט, ווי עס קאָן נאָר זיין אין שפּעטן פּרילינג, אַ נאַכט פון דרימל און חלום.

עס איז שוין געווען זייער שפּעט. אַ גרינבלעך בלייכע ליכט האָט שוין באַשלאָגן איין ברעג הימל, ווען מישקאַ האָט זיך געזעגנט מיט דעם מיידל. ער איז אַוועקגעפאַלן אויף זיין געלעגער אין דער לעצטער נאַכט מיט אַ צעשפּילט האַרץ פון נייע און גליקלעכע דערוואַרטונגען.

אין דעם קורצן, טיפן קינדערישן שלאָף האָט אַלץ אין אים עפּעס געוואַקסט. עפּעס אַ נייע קרעפטיקייט, ווי אַלע מאָל, ווען ער האָט באַדאַרפט פאָרן מיט דער שולע אין אומגעריכט נייע, ווייטע, נישט באַקאַנטע ערטער אין דעם גרויסן נישט אַרומנעמבאַרן לאַנד. עפּעס האָט געצאַפּלט אין אים אַ וואַכקייט, וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט דעם שטאַרקן, קינדערישן שלאָף. און אָט האָט פּלוצלונג דער שלאָף נאָכגעגעבן. ווי ס'וואָלט געפּלאַצט עפּעס אַ גרויסע ריטמישע זאַך, האָט מישקאַ דערפילט עפּעס אַ ראַציקייט, ווי דאָס ווייכע בעט וואָלט מיטאַמאָל גענומען שטעכן.

עפּעס אַ שווערער אומבאַקאַנטער רעש מיט אַ וואָג, וואָס מאַכט אוממעגלעך צו לעבן, האָט זיך אָנגעטראָגן. דער רעש האָט זיך דורך די ווענט אַריינגעעגבערט אין די אויערן.

מישקאַ איז אויפגעשפּרונגען, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער וואַנט, אָבער אויך די וואַנט האָט געציטערט און געשריגן. דער שווערער דריקנדיקער רעש איז איבערגעגאַנגען אין אַ שפּיציקן פייף, ווי מען וואָלט מיט אייזערנע בייטשן געשמיסן די לופט.

מישקאַ האָט נישט געוווּסט, צי עס איז טאָג אָדער נאַכט.

באַלד האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ געשריי פון אייזן, וואָס האָט געריסן און געשליידערט די וועלט.

מישקאַ האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. און באַלד איז פאַרשוווּנדן די נאַכט, צוזאַמען מיט אַלעם, וואָס עס איז געווען ביז איצט.

4

עס איז נאָך געווען פאַרטאָגיק טונקל, און נאָר אַ רויטלעך ליכט פון פייער איז געפאַלן איבער די ווענט.

עס האָט געברענט. עס האָט געברענט און בייזע קלעפּ האָבן זיך געריסן פון אַלע זייטן. מיטאַמאָל איז דעם ייִנגל קלאָר געוואָרן, אַז עס איז נאָך דאָ די שטוב, און אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ קינדערישע נײַגעריקייט. ער איז געווען אַ פּיאָנער און אַ זעלנער, ער האָט געוווּסט, אַז עס זענען דאָ שונאים, אַז עס איז אַ מלחמה, אָט דאָ הינטערן פענצטער. אָבער וואָס דאַרף מען טון האָט ער נישט געוווּסט.

מע דאַרף גיין, גיין דאָרט אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען. און אַלץ, די רייזע צו דער טיאָטיאַ ריוואַ, דאָס מיידל בלומע — האָט באַקומען די נעפּלדיקייט פון אַ חלום. ער איז שוין געווען אָנגעטאָן און זעלנעריש גרייט צו גיין. און דאָ איז געוואָרן שטיל. עס האָט אויפגעהערט דאָס שווערע אײַזערנע גערודער, און באַלד האָט די שטילקייט אויפגעריסן מיט אַ געשריי פון אַ סך מענטשן.

ער האָט דערזען די מומע, ער האָט דערזען דעם פעטער, ער האָט דערזען בלומען און פאַר אַלעם דערכאַפּט, אַז דאָס מיידל איז באָרוועס און זעט אויס ווי אַ קליין פאַרבלאָנדזשעט קינד. דער פעטער איז געווען אין בלויזן קאָפּ, באַדעקט מיט צעפּלאָנטערטע גרויע האָר, און די מומע איז געשטאַנען פאַר אים מיט צע־שפּרייטע הענט, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אַרײַננעמען אין זיך, אירע ליפּן האָבן געציטערט און כסדר איבערגעחזרט די זעלבע פאַרלוירענע ווערטער:

— וואָס טוט מען מיט דעם ייִנגל... וואָס טוט מען...

אַרום האָט זיך געוויגט אַ געשריי. דער דרויסן האָט געשריגן און עפּעס איז געלאָפן, ווי אַ גרויסער ווינט וואָלט זיך געטראָגן אויף מישקעס אַקסל:

— גיי... מען טאָר דיך נישט פאַרהאַלטן... אפשר... איז נאָך דאָ אַ וועג... אַהיים... לויף מיט אײַערע...

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן זײַן טשעמאָדאַן, אַרויסגעוואָרפן די זאַכן, אַרײַנגע־לייגט ברויט. די זאַכן זענען געפאַלן פון אירע הענט. זי האָט אָנגעפּאַקט אַלץ אין דעם ווייסן זעקל, וואָס מישקאַ האָט געבראַנגט פון דעם היים. אויף דער ערד איז געבליבן ליגן דער אָנצוג, וואָס דער פעטער האָט אים געשענקט. די מומע איז אַרויסגעלאָפן. זי האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט. מישקאַ איז געשטאַנען מיט דעם זעקל אין דער האַנט. ער האָט איצט נאָר געקלערט וועגן דעם אָנצוג, וואָס בלייבט ליגן אויף דער ערד. מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ קליין פּעקל, אײַנגעפּאַקט אין פּאַפּיר, דאָס איז געווען זײַן פּיאָנערישער גאַלסטוק מיט די אויסצייכענונגען. אין דעם פּעקל איז אויך געלעגן אַ געל פעלד־בלימל אין אַ שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז געווען אויפגעשריבן אויף רוסיש: „פאַרגעס מיך נישט“. אונטערגעשריבן „בלומאַ“. ער האָט גענומען דאָס פּעקל און עס אַרײַנגערוקט אין שטיוול און דערפון, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער געוואָרן שטאַרקער און זיכערער.

די געשרייען פֿון דרויסן זענען געוואָרן ווייטער און טויבער. די מומע איז צוריקגעקומען. זי האָט נאָך געהאַלטן אַ גאַנץ ברויט אין דער האַנט. זי האָט עס געשטופּט אינעם זעקל און אַלץ מיט די זעלבע ציטעריקע ליפּן איבערגעחזרט:

— גיי... לויף... אַהיים... זאָל דיך גאָט...

און מיט ציטעריקע הענט האָט זי אים אַרויסגעשטופּט פֿון דער שטוב.

די גאַנצע צייט איז אויף דעם ייִנגל געלעגן אַן עול, וואָס האָט אים געדריקט. ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס זענען דעם מיידל בלומעס אויגן וואָס האָבן געהאָנגען אויף אים, עפּעס געמאָנט.

איצט האָבן אים אַלע באַגלייט פֿון דער טיר און יעדער האָט אים אָנגערירט, ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט אונטערהאַלטן.

עס איז געווען שטיל און ליידיק אין דער גאַס. אַ שוואַרצלעכער רויך האָט זיך געצויגן איבער די דעכער און גראָד קעגנאיבער מיט אַ מאָדנער געוויינלעכקייט האָט געברענט אַ הויז. דאָס פֿייער האָט ווי מיט אַ קנאַקעדיק געלעכטער געפּרעסן די הילצערנע ראַם פֿון אַ פֿענצטער. פֿונדערווייטנס זענען מענטשן געלאָפֿן, געבויגענע אונטער פּעק. גרופּעס מענטשן האָבן זיך אַרויסגעלאָזן פֿון די הייזער אין אַלע זייטן.

איבערן שאָסיי האָבן זיך מיט אַ בהלהדיק טראַסקעריי געטראָגן שווערע איבערגעלאָדענע אויטאָמאָבילן מיט רוסישע זעלנער. איינציקע, ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע, מענטשן האָבן זיך געטוליעט צו די ווענט און מיט שרעק געקוקט אין הימל אַריין.

מישקאַ האָט געשפּאַנט ביי דער זייט פֿון שאָסיי. עס איז געווען דער אָנהייב פֿון זיין וואַנדערן. ער האָט נישט געפֿילט קיין שרעק, נאָר אין האַרץ ביי אים האָט געצאַפּלט עפּעס ווי אַן אָפּגעריסענער פֿאָדעם און אַ נייער אומבאַקאַנטער עול, ווי ער וואָלט זיך געפֿונען אין אַ טיפֿן גרוב, פֿון וואַנען מען זעט נישט קיין וועג.

ער איז געגאַנגען מיטן וועג צום וואָקזאַל. אָבער פֿון דאָרט זענען מענטשן געגאַנגען אין אָפּגעריסענע גרופּן. עמעצער מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, אָנגעפּילטע מיט שרעק, האָט דערציילט און אַנדערע האָבן פֿאַרקערעוועט צוריק, געוואָרנטע פֿאַר עפּעס געפֿאַר, וועלכע מישקאַ האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין.

מישקאַ איז געגאַנגען ווייטער. ווייל נאָך דער וועג איז אים געווען באַקאַנט. און ווען דער שאָסיי האָט גענומען באַרג אַרויף, האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן האַסטיק צו קלאַפּן, ווען ער האָט זיך געפֿונען אויף דעם אָרט, פֿון וואַנען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען די געדיכטע דעכער פֿון דער שטאָט, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אויפֿן וועג צו דער היים. דערווייל האָט זיך דאָ אויף דעם

אָרט פאַר אים ווידער אַנטפּלעקט די גאַנצע שטאָט מיט דעם קלויסטער אינדערמיט, דער זעלבער, וואָס ער האָט געזען, גייענדיק פונעם וואָקזאַל, ווען ער איז געקומען אַהער. איצט האָבן ווו נישט ווו פון די געדיכטע דעכער זיך געהויבן שוואַרצע פּאַסמעס רויך. דער קלויסטער איז איצט ווי העכער געווען, די ווייסע ווענט זענען ווי גרעסער און ווייטער געוואָרן, און דער צלם האָט אויף דעם פאַררויכערטן הימל געבליצט מיט אַ גאָלדענעם פלאַם.

מישקאַ האָט זיך פאַרהאַלטן. דאָס בילד האָט אים דערמאָנט אין דעם וועג, מיט וועלכן ער איז געקומען, און אים האָט זיך געדאכט, אַז באַלד וועט זיך אָנהייבן דער וואַלד, וואָס פירט צו אים אַהיים, צו דער שטאָט מ., ווו ער וועט טרעפן זיינע נאָענטע.

אָבער נאָך די ערשטע פאָר שעה בלאָנדזשען האָט מישקאַ געזען, אַז די וועלט איז אַ גרויסע, אַ פרעמדע און אַ גרויזאַמע, אַז די וועגן פירן נישט אַהיים. עס איז אויף אים אָנגעפאַלן אַן אומבאַקאַנטע פיין. ער האָט אָנגעהויבן בלאָנדזשען הין און צוריק. אַלע וועלדער און פעלדער האָבן זיך פאַר אים אויסגעמישט ווי אין אַ פאַרבלענדעניש. אומעטום האָט ער באַגעגנט מענטשן, וואָס זענען ערגעץ געגאַנגען אין אַן אומזיניק טויט-געאייל.

מישקאַ האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער איז אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד, אויף וועלכן עס לויערן אַלע געפאַרן.

ער איז לאַנגע שעהן אָפּגעזעסן אויף אַ וואָקזאַל, ווו עס איז איצט געלעגן אַ טויטע ליידיקייט און פון אַלע ווייטקייטן האָט געקוקט אַ שווייגנדיקע גרויל.

קיין באַנען זענען מער נישט געגאַנגען.

שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג איז ער צוגעקומען צו עפּעס אַ קליין שטעטל, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַן אָפּגעשטאָרבנקייט. ער האָט ווידער באַגעגנט בלאָנדזשענדיקע מענטשן. אויך דאָ האָבן זיך געטראָגן זיילן רויך איבער די הייזער. צוויי מאָל האָט ער אויפן וועג געזען נידעריק אויפן הימל עסקאַדריליעס דייטשישע אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך געטראָגן מיט אַ שווער קרעכצעריי. ער איז מיט פרעמדע מענטשן געלעגן אין גריבער, הערנדיק די טעמפּע קלעפּ פון אויפרייסן, נאָך וועלכע דער האָריזאָנט האָט זיך באַדעקט מיט רויך און שטויב.

עס איז געוואָרן אָוונט. ווידער האָט די זון זיך געזעצט אין אַ רויטן נעפּל, אָבער דער זון-פאַרגאַנג איז געווען אָנגעפילט מיט אימה. מישקאַ איז געזעסן אין אַ פרעמדער שטוב, וואָס איז פול געווען פון וואַנדערער. ער האָט געפרעגט וועגן זיין שטאָט מ., אָבער קיינער האָט אים נישט געקאָנט זאָגן דעם וועג צו איר.

מישקאַ האָט זיך אויף די וועגן אויך באַגעגנט מיט יינגלעך, וואָס האָבן געזוכט אַ וועג צו דער גרענעץ. זיי זענען געלאָפן פון די שטעטלעך. די לויפער זענען

געוואָרן וואָסאַמאָל מער און מישקאַ האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער דאַרף זיין מיט זיי, אַז ער איז מיט זיי געבונדן מיט עפּעס אַ פאָדעם פון אַ באַזונדער שרעק, וואָס איז אים נישט געווען באַקאַנט. דאָס זענען געווען צומיינסט יידישע יינגלעך, פון דער פוילישער זייט גרענעץ.

מישקאַ האָט זיך נישט געקאָנט קלאָר מאַכן דער וויפלטער טאָג פון זיין וואַנדערן דאָס איז געווען, ווען ער איז ארוים אויף א ברייטן וועג. דאָ איז געווען ענג פון וואַנדערנדיקע מענטשן, פון פול־געפּאַקטע מיליטערישע מאַשינען, וואָס האָבן זיך געטראָגן מיט אימפּעט. דאָס איז געווען דער וועג צו מישקעס היים, צו דער שטאָט מ.

פון צייט צו צייט האָבן זיך אויפן הימל באַוויזן שוואַרצע פינטעלעך. דעמלט האָבן זיך די מענטשן א לאָז געטאָן אין א בהלהדיק געלויף. צומאָל האָבן זיך די פינטעלעך אראָפּגעלאָזן איבער די מענטשן און וואָיעגדיק געזייט איבער זיי מיט טויט. מען האָט זיך באַהאַלטן אונטער ביימער אין פעלד, אין גריבער. אנדערע זענען שוצלאָז געבליבן אויפן וועג, טייל זענען געבליבן ליגן אויף די ערטער.

ביי איינעם אזא אָנפאַל האָט מישקאַ פארלוירן די מענטשן, מיט וועלכע ער איז געגאַנגען. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אנדערע. אזוי האָבן זיך געטוישט די מענטשן, די שעהן, די טעג און די נעכט. מיט יעדן טאָג איז געוואָרן אליץ ליידיקער אויף די וועגן. אין א פארנאכט האָט מען אין א דאָרף פון ערגעץ א פינצטערניש געשאָסן, און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט דאָס יינגל געזען מענטשן, וואָס זענען געבליבן ליגן ווי אוועקגעוואָרפענע, מיטן פנים צו דער ערד. עס איז אים ערשט קלאָר געוואָרן, אז דאָס, וואָס שניידט איבער יעדע האָפענונג צוריקצוקומען צו דער היים, דער טויט, לויערט דאָ ארום אים. ער האָט נישט געפילט קיין שרעק, נאָר די בענקשאפט צוריקצוקומען אהיים, ברענגען זיך צו דער מאמען, צום פאָטער, האָט אים אריינגעלייגט עפּעס א כוח, וועלכער איז געווען שטארקער פון אלעם, וואָס ער האָט געזען ארום זיך. ער האָט געגלייבט, אז ער וועט ארויס פון דער קלעם.

ער האָט געזען די מיליטערישע מאשינען, וואָס האָבן זיך געטראָגן מיט אימפּעט. זיי זענען געווען איבערפולטע, מענטשן האָבן אויסגעשטרעקט צו זיי די הענט, אויף איינער אזא מאשין האָט אים עפּעס א זעלנער ארויפגעשלעפּט. דאָרט זענען געווען פרויען און קינדער. מישקאַ האָט זיך אָנגעהאלטן אין איינעם פון די זעלנער. די מאשין איז געלאָפן, און דער זעלנער האָט אים דערציילט, אז קיין מ.. ווייסט ער נישט, צי מען קאָן פאָרן, ווייל דאָרט זענען שוין דאָ דייטשן. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. מישקאַ האָט איינגעדרימלט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז נאָענט פון דער היים און ער קאָן זען פון דער ווייטן די הייזער פון

דער שטאָט. אָט באַלד וועט ער דערזען די היימישע גאַסן, די מאַמען, דעם טאַטן. עס האָט אים אַרומגענומען אַ וואַרעמע היימישקייט, אַ ליכטיקייט האָט געשלאָגן פֿון די גאַסן, די מידקייט האָט אים געוויגט. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ רייסנדיק געשריי. עפּעס אַ דראָענדיקע קעלט האָט זיך אויף אים אַ לייג געטאָן. ער האָט דערפֿילט, ווי די מאַשין איז שטיין געבליבן. עס איז געוואָרן שטיל, ער האָט געעפֿנט די אויגן און דערזען, אַז עס איז נאַכט, די מאַשין איז געשטאַנען נעבן אַ וואַלד, די מענטשן האָבן זיך אַרויסגעפּאַקט, די פֿרויען מיט די קינדער האָבן געוויינט אין דער פֿינצטערניש. דער וואַלד איז געשטאַנען שטיל. מישקאַ האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און האָט דערזען אַ רויטן הימל איבערן וואַלד. דער הימל האָט שטיל געגליט. מענטשן האָבן זיך געזעגנט אין דער שטילקייט, די זעלנער זענען פֿאַרשוווּנדן אין דער פֿינצטערניש.

— לויף... ייִנגל... — האָט עמעצער צו אים געזאָגט מיט אַן אומהיימלעכער שטים.

די זעלנער זענען, פֿול מיט נאַכטיקער אימה, צוריקגעקומען. אייגער האָט געזאָגט:

— אַלע וועגן זענען געפּערלעך...

טייל זענען אַוועק מיט עפּעס אַ זייטיקן, זאַמדיקן וועג. מישקאַ האָט זיך געלאָזן מיט זיי. אַרום איז געלעגן אַ פֿאַרקלעמטע שטילקייט און נאָר ווייטע שאָסן האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין דער פֿינצטערער שטילקייט. דערנאָך איז געוואָרן טאָג, מישקאַ איז געווען אין עפּעס אַ גרויסער פּויערישער כאַטע. דאָ האָבן אַלע גערעדט וועגן דער שטאָט מ., וואָס ברענט שוין פֿון נעכטן אָן, אַז עס איז גאָר־נישט געבליבן פֿון דער שטאָט. די זון איז אויפֿגעגאַנגען; און פֿון דער ווייט אויפֿן הימל האָט מען געזען אַ גרויסע שוואַרצע שוואָם פֿון רויך, וואָס האָט זיך גע־קנוילט אַלץ העכער און העכער.

מישקאַ האָט זיך שטיל אַרויסגעשלײַכט פֿון דער כאַטע. דאָרפֿישע וועגן זע־נען זיך צעלאָפֿן אין אַלע זייטן. ער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג. דער וועג איז געווען ליידיק און שטום. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, און צום ערשטן מאָל פֿאַר דער גאַנצער צייט האָט ער זיך היים און קינדעריש צעוויינט.

* * *

עס האָבן אָנגעהויבן גיין וואָכן און חדשים. און יעדער טאָג און יעדע נאַכט האָט זיך פֿאַר דעם ייִנגל מישקאַ געעפֿנט ווי אַ נײַ בוך, ווו ער אַליין איז געווען דער העלד. ער האָט שוין געוווּסט, אַז עס איז נישטאָ קיין שטאָט מ., קיין מאַמע

און קיין טאטע. ער האָט געוווסט, אז עס איז נישטאָ קיין גרענעץ. עס איז געוואָרן איין לאנד פון פיין, שרעק און טויט. ער האָט געוווסט, אז אויף ביימער קאָנען הענגען מענטשן, זיך וויגן אויפן ווינט, אז נעבן מענטשלעכע שטובן קאָנען ליגן געהרגעטע מענטשן. ער האָט זיך אויך דערוווסט, אז מענטשן קאָנען זיין זיינע שונאים, אז אין יעדן מענטש, וואָס ער באגעגנט, אין יעדער פאָר אויגן, וואָס ער טרעפט אָן, קאָן ליגן זיין טויט. ער האָט אָבער אויך געוווסט, אז עס זענען דאָ פריינד.

צום אָנהייב זענען געווען א סך אזעלכע ווי ער. צומיינסט ווי ער, יידישע יינגלעך, אָפגעשניטענע פון זייערע היימען און נאָנטע, וואָס האָבן שוין זינט הדשים געוואנדערט איבער דער געגנט.

זיי האָבן זיך דורך די נעכט געגנבעט איבער די זייטיקע וועגן, דורך די פעלדער און וועלדער. אין די פינצטערע נעכט געקלאַפּט אין די כאַטעס פון פויערים, געיאָגט געוואָרן מיט ווידלעס און הינט, אָבער אויך טיילמאָל באקומען ברויט און א געלעגער אין א שייער.

זיי האָבן געוווסט יעדן טראָט פונעם שונא, זיך געהאלטן ווייט פון א באַן, פון אַ שטאָטיש הויז, וו עס האָבן געקאָנט זיין דייטשן אָדער זייערע באַהעלפער. זיי האָבן געוווסט פון פויערים און פון אזעלכע כאטעס, אין וועלכע מען קאָן אָנקלאפּן אין א פינצטערער נאכט, און אנדערע, וועלכע מען דארף ווייט ארומגיין.

די שטאָט מ. איז געווען נישט ווייט. אָבער אַלע וועגן צו דער שטאָט זענען פאר אים געווען פול מיט געפאַר.

די בלאָנדזשענדיקע יידישע יינגלעך זענען געוואָרן וואָסאמאָל ווייניקער, זיי זענען פאַרשווונדן ווי אויסגעכאַפּטע דורך אַ נישט געזעענער האַנט. טייל זענען אומגעקומען אין דערפער, אנדערע זענען געבליבן אויף די וועגן, געבליבן זיצן ערגעץ הינטער א בוים, אויסגעשעפּטע פון הונגער, קעלט און קרענק.

ביז אין טאָג, ווען מישקאַ איז געבליבן אַליין, מיט איין געדאַנק, וואָס האָט נישט אויפגעהערט ברענען אין זיין קינדערישן מוח, צו גיין קיין מ., וו ער האָט נאָך אַלץ געזען דאָס הויז אויף דער אלטער ברייטער קארל־מארקס־גאס, דאָס קליינע, געלע הויז אין דער נידער, וו עס ווארט אויף אים די מאמע.

דאָס בילד האָט געברענט אין אים דורך די טעג און נעכט. ווען די ווייסע קעלט האָט געשטאָכן זיין הויט, און דאָס פויערישע העמד האָט געביסן און געראצט, האָט ער פלוצלונג אין א הייסן יוגנטלעכן דרימל דערפילט די ווארעמקייט פון שטוב, אַלץ ליכטיקער און העלער.

דער טיפער, ווייסרוסישער ווינטער איז שוין געלעגן מיט א בלויער, פראָסטיקער קעלט, ווען מישקא האָט אויף א וועג, א פארחלשטער פון הונגער, בא־

געגנט א פויער. דאָס איז געווען א גרויסער מענטש, אָנגעטאָן אין א גרויען צע־ריסענעם פעלץ, מיט וואָליקעס אויף די פיס. ער איז געווען אַרומגעבונדן מיט א לעדערנעם רימען, מיט אן אלטן לעדערנעם בייטל אונטערן אָרעם.

מישקא איז שטיין געבליבן פאר אים און געקוקט אויף זיינע גרויסע טונ־קעלע הענט, וואָס זענען געווען ווי פון א שטיין. דאָס יינגל האָט געקוקט אויף די שטארקע הענט, וואָס קאָנען מיט אים טאָן, וואָס זיי ווילן, און ער האָט גישט מורא געהאַט. ער איז געווען מיד און הונגעריק.

דער פויער האָט זיך פאר אים דערשראָקן, ער האָט זיך ארומגעקוקט. ער האָט אים א כאַפּ געטאָן און ווי א שפּענדל אוועקגעטראָגן הינטער א בוים, ער האָט זיך איינגעקוקט אין אים און שטיל געזאָגט:

— וווהין גייסטו... אָרעמינקער...

מישקא האָט געשוויגן, דער פויער האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט.

מישקא האָט נאָך אלץ געשוויגן, ער האָט נאָר געהיטן דאָס לעצטע ביסל יינגלישן כוח, וואָס איז פארבליבן אין זיינע פיס צום אנטלויפן.

אָרעמינקער... ביסט דאָך א... ייד... וווּ זענען דיינע עלטערן...

דאָס יינגל מישקא האָט געזען, אז פון הינטער דעם פויערס אלטן צעריסע־נעם פעלץ קוקט ארויס א שטאָטיש רעקל. ער האָט אויך דערזען, אז דעם פויערס הענט, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן, האָבן זיך אָנגעכאַפּט פארן קאָפּ.

מישקא האָט פאר דער צייט פון זיין וואַנדערן שוין געהאַט טעלעכערלייי געשיכטן וועגן דעם, וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט געהאַט צוגעטראַכט טע־לעכערליי פאסירונגען צוגעפאסט צו די אומשטענדן. איינע איז געווען פאר א גלח, איינע פאר אלטע פרומע פויערטעס. דעם גרויסן פרעמדן מענטש האָט ער דער־ציילט דעם אמת.

דער פויער האָט געעפנט דעם אלטן לעדערנעם בייטל, דאָרט איז געלעגן אַ ברויט. ער האָט אָפּגעבראָכן א האַלב ברויט און עס געגעבן דעם יינגל, און האָט מיטאמאָל אָנגעהויבן איילן. ער האָט געקוקט, ווי מישקא האָט געשלונגען דאָס ברויט, האָט ארויפגעלייגט זיין גרויסע, שווערע האַנט אויף זיין אקסל און מיט אן אייליקייט, ארומקוקנדיק זיך אין אלע זייטן, געזאָגט:

— נישט אזוי האַרפּסטו עסן יינגל... אויב דו ווילסט לעבן... איינציקע ביסן... שטענדיק באַהאַלטן אויף נאָך א מאָל... ביי אונדז, ברודער, איז ברויט לעבן... פארשטאַנען... אזוי מוז מען אויסמעסטן... ביזן סוף... ביז מיר וועלן איבערקו־מען... פארשטאַנען... ווי אין דיין נאָמען?

— מישא...

דער פּויער האָט זיך ארומגעקוקט אין אומרו. ער האָט געשוויגן און מיטאמאָל ווידער גענומען איילן:

— הער... דו גיי נאָך מיר פונדערווייטן... גאָר פונדערווייטן... אז קיינער זאָל נישט קאָנען זאָגן, אַז דו גייסט מיט מיר... אַז דו קענסט מיך...

ער האָט געזאָגט מיט א גייער, שטרענגער שטים:

— פארשטאנען... דו גייסט נאָך מיר... דאָס וועט זיין ווייטלעך... אריבער דעם דאָרף... ווען דו וועסט זען, אַז איך טרעף וועמען אויפן וועג... שטעל מיך אָפּ... זאָלסטו זיך פאַרטייען ערגעץ... און וואַרטן... גיין נאָך מיר... דערנאָך וועל איך אריינגיין אין א כאטע, וואָס שטייט הינטערן דאָרף... זאָלסטו אריינגיין נאָך מיר... ניין, איך וועל דיך אריינרופן... נא... האָסטו נאָך ברויט...

דער פּויער האָט זיך ארומגעקוקט און זיך געלאָזן גיין.

מישקאַ איז געגאַנגען נאָך אים.

דאָס יינגל איז געגאנגען נאָך דעם פרעמדן גרויסן מענטשן, וואָס האָט פונדערווייטנס, אין דעם גרויען, פּראָסטיקן נעפּל, אויסגעזען נאָך גרעסער און פרעמדער. דאָס יינגל איז פאר דער צייט שוין געוווינט געווען צו פרעמדע, צו שלעכטע און גוטע מענטשן, און האָט ווי א פארבלאָנדזשעטער, היימלאָזער הונט געלעבט נאָר מיט דעם איינציקן, אָנגעשפּיצטן און שטענדיק גרייטן אויסוועג צו אנטלויפן.

אויך איצט איז זיין גאנץ וועזן געווען צוגעשמידט צו די שפּאנענדיקע, גרויסע פיס פונעם מענטש, וואָס האָט אים געגעבן ברויט און אים קיין שלעכטס נישט געטאָן. ער האָט מיטאמאָל דערפילט, אז ווען די גרויסע הענט פון דעם מענטש וואָלטן אים געוואָלט אפילו דערהרגענען, וואָלט ער אויך געגאנגען, אזוי לייִדיק און ענדלאָז איז פאר דעם יינגל שוין געווען די וועלט. עס איז אים פארבליבן נאָר דער אינסטינקט פון א חיה, וואָס זוכט ווו אוועקצולייגן די שווערקייט פונעם איינגענעם לייב. ער האָט שוין לאנג נישט געקלערט וועגן דער מאמען, וועגן דער שטוב, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין א ווייטער און אָפּגעמעקטער חלום. אַלץ איז פארשוואונדן, און נאָר דער ציל צו האָבן ערגעץ אן אָרט אין דער פרעמדער, אומענדלעכער וועלט האָט אים געפירט.

מיטאמאָל איז דער מענטש פארשוואונדן. דאָס יינגל האָט זיך אָפּגעשטעלט, עס האָט זיך אים געדאכט, אז ער איז ווידער אריין אין א גרוב, פון וועלכן מען זעט נישט קיין וועג. אָבער באלד האָט זיך דער מענטש ווידער באוויזן, און מישקאַ האָט זיך געלאָזן גאָך אים. ער האָט דערזען א נידעריק שטיבל הינטער א וואַנט פון סטערדעס האָלץ. דער מענטש האָט זיך אָנגעבויגן און געעפנט א נידעריקע טיר, ער האָט זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט אים גערופן, און מישקא האָט זיך גיך צו אים דערנעענטערט.

— אַריין... — האָט דער מענטש שטרענג געזאָגט. און ווידער האָט מישקאַ דערפילט די וואָג פון זיינע שווערע קאַלטע הענט, וואָס האָבן אים א פיר געטאָן. ביידע זענען זיי אריין אין א טונקל פאָדערהייזל. דאָ איז געשטאַנען א באנק, און מישקא האָט זיך גלייך אויף איר אראָפּגעלאָזן.

— פיליפּ... — האָט דער מענטש א געשריי געטאָן און זיך אריינגעלאָזן אין א צווייטן חדר אָן א טיר, וו עס איז געווען טונקל. פון דאָרטן האָט זיך געטראָגן א ווארעמער, שטוביקער ריח.

מישקא האָט פארמאכט די אויגן. דער ווארעמער ריח פון דער שטוב האָט אים גענייגט צום שלאָף. ער האָט הורכן דרימל געהערט, ווי אין דער צווייטער שטוב האָבן גערעדט עטלעכע מענטשן. „איך וועל באלד שטארבן", האָט דאָס ייִנגל א קלער געטאָן, און אליין נישט ווייסנדיק פארוואָס, האָט ער א שמייכל געטאָן, פילנדיק, ווי די מידקייט לויפט ארום אין זיינע גלידער.

און דאָ האָט ער ווי דורך פארמאכטע אויגן דערזען נאָך צוויי מענטשן, וואָס זענען אריינגעקומען פון דער צווייטער שטוב.

איינער איז געווען א קליינער, א ברייטער, מיט א ברייט שמייכלענדיק פּנים. ער האָט געטראָגן אַ גרינע, האַלב־זעלנערישע קורטקע, ווי עס האָבן אין יענער צייט געטראָגן א סך דאָרפס־מענטשן. דער צווייטער איז געווען א הויכער, א דינער מיט וואָנסן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צוגעקלעפּטע צו זיין יונג, בלייך פּנים.

דער קליינער מיט דעם שמייכלענדיקן פּנים איז גלייך צוגעגאנגען צו מישקען און געפרעגט אויף ווייסרוסיש:

— לעבסט...

— איך לעב... — האָט מישקא געענטפערט אויף ווייסרוסיש, און דער שמייכלענדיקער האָט זיך צעלאכט.

— עס איז נישט צום לאכן... ער איז א ייד... — האָט געזאָגט דער גרויסער. ער האָט איצט אויפגעקנעפּלט זיין טולופּ, עס האָט זיך ארויסגעזען זיין שטאָטיש רעקל. אָבער מישקא האָט באלד דערזען דעם לעדערנעם פּאַס, מיט וועלכן עס איז געווען איבערגעבונדן זיין רעקל און אויף דעם פּאַס א קאָבורע מיט א רעוואָלווער. דאָס געווער האָט גלייך ביי מישקען אויפגעהויבן א גאנצע ריי איינגעוועקטע רעפלעקסן, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן ווי פלעמלעך אין זיין פארשטארטן געדאנק, אזוי ווי טרעפּ, וואָס האָבן אים מעגלעך געמאכט ארויסצוגיין פון דעם טיפן גרוב, וועלכע האָט אים אָפּגעשניטן פון דער וועלט.

דערווייל האָט זיך דערהערט א ווייט קלאַפּן פון רעדער, ערגעץ אויפן וועג איז געפאָרן א פור, און אלע האָבן זיך א וואָרף געטאָן צום פענצטער, זיך איינגעהערט אין דעם גערויש, ביז וואנען עס איז צוריק שטיל געוואָרן.

מישקען איז קלאָר געוואָרן, אז דאָ, אין דער שטוב און ארום, אין דער טונקעלער, נעפלדיקער לופט, דארף זיין שטיל און ליידיק, און ווירקלעך איז באלד צוריק שטיל געוואָרן, און אלע האָבן זיך צוריקגעקערט צום טיש.

ערשט איצט האָט מישקא דערזען צוויי פרויען, וואָס זענען געזעסן נעבן אייוועלע אויף די שטיקער האָלץ. איינע איז געווען א הויכע, א שמאָלע, מיט גרויסע, טונקעלע, שטרענגע אויגן. די צווייטע איז געווען א יונגע, מיט א שמאָל קאַנטיק פנים און העלע גלייכע האָר. זי האָט געהאַט זייער ווייסע ציין, וואָס האָבן איר צוגעגעבן א שטרענגקייט. זי האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו מישקען, לאַנג געקוקט אויף אים, פלוצלונג א נעם געטאָן די ברעגן פון זיין פויעריש העמד און האָט א זאָג געטאָן אויף רוסיש:

— מען וועט דארפן דאָס יינגל וואשן...

— נישטאָ קיין צייט... מאַרוסיאַ... האָט געזאָגט דער דינער מיט די וואָנסן.

— ער קאָן פארשלעפן... — האָט מארוסיא געזאָגט מיט די ציין. זי האָט פארזאָרגט געקוקט אויף מישקען.

עס האָט זיך געטונקלט און מישקא האָט ווידער פארמאכט די אויגן.

אָבער אים האָט אויפגעוועקט א געדיכטער, פעטער און ווארעמער ריח פון נעקעכץ.

עס האָט שוין געמוזט זיין טיפער אָוונט. עס איז כמעט פינצטער געווען, און נאָר דער רויטער פלאם פון דעם אייוועלע האָט געפלאַטערט אין דעם טונקל. מישקא איז געזעסן אויף א הויך בענקל מיט פארמאכטע אויגן, און ער האָט געגעסן. ער האָט געפילט, ווי עס גיסט זיך אין אים אריין א ברענענדיקע זאך, וואָס צעלויפט זיך איבער די פים מיט א זיסער ווארעמקייט. ער האָט געגעסן פעטס, ער האָט געגעסן קארטאָפל, וואָס האָבן געפארעט און געבריט, ער האָט דערפילט אַן אָנשפּאַר אין עפּעס א זיכערקייט. ער האָט געהערט נעבן זיך רעדן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט צונויפבינדן און צונויפשטעלן דאָס, וואָס ער האָט געהערט. ער האָט נאָר געהערט, ווי ער עסט; אין קאָפּ ביי אים איז געלאָפן א ווירבל, ווי ער וואָלט געפלויגן. ער האָט געפילט, ווי ער גליטשט זיך אראָפּ פון דער באַנק, ער האָט דערפילט נעבן דער נאָז די קיצלענדיקע האָר און דעם ריח פון פייערישן פעלץ, וואָס האָט אים אזוי דערמאָנט אין קינדערישע פריידן פון יונטעריום־טובים אין דער היים. און ער איז צום ערשטן מאָל פאר דער גאַנצער צייט פון זיין וואָגלען אנטשלאָפן געוואָרן מיט א הייסן, זאטן, פארטראָגענעם שלאָף.

* * *

מישקא האָט זיך אויפגעכאַפּט פון א גערודער. עס איז געווען נאַכט, ארום אים האָבן זיך באַוועגט מענטשן. ער האָט אין דער פינצטער דערזען דעם גרויסן מאַן. ער איז געשטאַנען נעבן אים. פון אים איז געגאַנגען אן אומרו, ער האָט טיף אין רעשיק געאָטעמט. ער האָט א כאַפּ געטאָן מישקען, אים א פיר געטאָן אין א ווינקל און אים אריינגעשטופּט אין דער זעלבער שטיק וואַרעמער פעל, אויף וועלכער ער איז געשלאָפן.

— בינד זיך ארום... — האָט דער גרויסער געזאָגט, און ער האָט מישקען א וואָרף געטאָן א ברייטן, לעדערנעם פּאַס. מישקא האָט אָנגעטאָן דעם פּאַס. ער האָט זיך אויסגעצויגן, טיף אָפּגעאָטעמט און דערפילט די זאַטקייט און כוח אין זיינע גלידער.

דער גרויסער האָט אין דער טונקל אויף אים א קוק געטאָן, ער האָט אים געוויס געזען, ווייל ער האָט זיך א מינוט פאַרהאַלטן נעבן אים און א זאָג געטאָן:

— נאָך א „ווינטאַוואָקע"... און דו ביסט א פּאַרטיזאַן...

שמעלט האָט מישקע אויסגעשריגן:

— איך ווייס... איך ווייס, ווער איר זענט... איר זענט סטאָלאַרעווסקי...

איצט האָבן אלע ארומגערינגלט מישקען:

— פון וואַנען... פון וואַנען ווייסטו דעם נאָמען...

— איך האָב געזען... אומעטום איז געווען געשריבן... אויף די ווענט... „כאַפּט סטאָלאַרעווסקין"... ברענגט סטאָלאַרעווסקין"...

עס איז געוואָרן שטיל. מען האָט געקוקט אויף אים. ער האָט געפילט די ערנסטע בליקן, כאָטש עס איז געווען פינצטער. ער האָט דערפילט, אז ער איז נאָענט פון א גרויסן, שווערן, אָבער פריידיקן וועג, וועגן וועלכן עס איז אזוי פיל גערעדט געוואָרן אויף די טויט-וועגן צווישן די פאַרוואָגלטע ייִנגלעך, וועלכע ער האָט פאַרלוירן אונטערוועגנס, און נאָך א לאַנגער צייט האָט אין אים א צאַפּל געטאָן די זעונג פון דער שטאָט מ., די גאַס און די היים.

די שטרענגקייט און דאָס אייליקע גערודער האָבן פאַרטריבן מישקעס קינדערישע שלעפעריקייט. ער האָט געקוקט אין דער וועלט, וואָס איז געווען ווי פאַרנאָמען מיט טינט. ס'איז געווען נאַכט, אָבער מען האָט אין דער פינצטערניש אלץ געזען, ווי אין דעם טינט וואָלט געלעגן נאָך עפּעס א קאָליר, א גראָער און א דייטלעכער.

דאָס ייִנגל האָט דערפילט, אז דאָ ווערט עפּעס געטאָן מיט א געאייל, וואָס איז אָנגעצויגן און מאַכט קלאַפּן דאָס האַרץ. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט

אַמאָל אָנגעבלאָזן א גרויסן קינדערישן באַלאָן, ווי דער באַלאָן האָט געזאַפּלט אָט אָט צום פּלאַצן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט אין דער פינצ־טערניש קאָן אויפפּלאַצן, ווי דער באַלאָן.

די מענטשן האָבן איצט, שווייגנדיקע, געטראָגן פּעק ארויס אין דעם שוואַרצן דרויסן. אויך מישקא האָט געוואָלט עפּעס טאָן. עס איז אים מיטאמאָל באַפאַלן א פּיין, ווען ער האָט דערזען דורך דער אָפענער טיר דעם שוואַרצן דרויסן, ווו עס איז געלעגן א ווייטע, שרעקיקע שטילקייט. עס האָט זיך אים מיטאמאָל גע־דאַכט, אַז די מענטשן האָבן פאַרגעסן אין אים, אַז זיי וועלן אים דאָ איבערלאָזן. ער האָט באַדאַרפט עפּעס טאָן, און ער האָט גענומען אונטערשטעלן זיין קינדע־רישע פּלייצע אונטער די שווערע פּעק, וואָס די מענטשן האָבן געטראָגן אין דעם פינצטערן דרויסן ארויס.

באַלד האָט ער ווידער דערזען פאַר זיך דעם גרויסן מענטש אינעם פּעלץ. מישקאַ האָט ווידער דערפילט די שווערע וואָג פון זיינע הענט, וואָס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אין זיין פּלייצע.

— מישקא... — האָט ער געזאָגט, — הער זיך צו, וואָס איך זאָג דיר... דו גייסט איצט מיט אונדז...

מישקא האָט זיך איצט צום ערשטן מאָל דערשראָקן, ווייל ער האָט נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. און פון אַלעם האָט ער קינדעריש געזאָגט:

— וואָס דאַרף מען טון... דיאַדיא... איך וויל העלפן...

— מען דאַרף טון א סך... מע וועט דיר שוין זאָגן... דאָרט...

— ווו... דיאַדיא... האָט מישקא געזאָגט מיט א נייער היימישקייט, ווען ער האָט דערפילט, אַז דעם גרויסן מענטשנס האַנט, וואָס איז געלעגן אויף זיין אַקסל, האָט אָנגעוווירן די שווערקייט.

— דאָרט... אין וואַלד...

מישקען האָט א קלאַפּ געטאָן אַ גרויסע, קינדערישע נייגעריקייט. ער האָט אָנגערירט דעם קאַלטן ראַציקן פּעלץ פון דעם גרויסן מענטש און האָט שטיל א פרעג געטאָן:

— דיאַדיא... איר זענט סטאָלאַרעווסקי...

— ווער האָט דיר געזאָגט... פון וואַנען...

מישקא האָט גיך דערציילט וועגן די געלע פּאַפּירן, ווו דער נאָמען סטאָלאַ־רעווסקי איז אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות.

— ניין מישקא... איך בין עס נישט... אָבער זאָלסט דעם נאָמען נישט דער־מאָנען... נישט דערמאָנען... מען טאָר נישט... דאָס איז א גרויסע זאַך...

דער גרויסער האָט גענומען א קעסטל, עס אויפגעהויבן און א זאָג געטאָן:

— נו מישקא... כוח האָסטו...

מישקא האָט זיך אויסגעגלייכט, זייגע דאָרע הענט האָבן אַ כאַפּ געטאָן דאָס קעסטל. דער גרויסער האָט עס פּאמעלעך ארויפגעלייגט אויף דעם יינגלס פּלייצע. מישקא האָט זיך אַ בוק געטאָן, דאָס קעסטל איז געווען שווער, אָבער ער האָט זיך אויסגעגלייכט. ער האָט געוווסט, אַז מע דאַרף זיין שטאַרק. ער האָט אַ לויף געטאָן מיט דער מאַסע, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען, און דערוואַקסן אַ זאָג געטאָן:

— אָהאָ... דיאַריאַ... נישט קיין גרינגע זאַכן אין דעם קעסטל...

— דאָס איז הייסע קאַרטאָשקע... פּאַר געסט... אַז זיי וועלן צו אונדז קומען...

און מישקא האָט פאַרשטאַנען. און ביידע זענען זיי שוין פון דער אָפענער טיר ארויס אין דרויסן. ערשט איצט האָט מישקא דערבאַפּט דעם סילועט פון אַ וואָגן מיט צוויי פערד. אויף דעם וואָגן זענען שוין געזעסן די אַנדערע. דער קלענער מיט דעם שמייכלענדיקן פּנים, וואָס האָט געהייסן פיליפּ, איז געזעסן ביי דער זייט. דער לאַנגער, דער דינער מיט די וואָנסן האָט איצט געטראָגן אַ לאַנגן טולופּ, אויף וועלכן עס איז געהאָנגען אַן אווטאָמאַט. ער איז געזעסן ביי די פערד. די פרויען זענען נישט געווען.

מישקא האָט אוועקגעשטעלט דאָס קעסטל אויפן וואָגן, און ווידער האָט דאָס יינגל דערפילט אַ פיינלעכע מורא, די מענטשן זאָלן אים דאָ נישט איבער־לאָזן, ווי ער האָט דאָס פיל מאָל אין זיין וואַנדלען איבערגעלעבט, ווען פרעמדע מענטשן האָבן אים איבערגעלאָזן אין דער פאַרמאַכטער און בייזער עלנט.

אָבער דער שמייכלענדיקער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אַקסל און אים אַ צי געטאָן אויפן וואָגן:

— נעבן מיר... וועסט דיר זיין וואַרעמער... דאָ איז דאָ אַן אויוון... און ער האָט זיך צעלאַכט.

מישקא איז ארויפגעשפרונגען אויפן וואָגן און האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַן אייזערנער זאַך מיט אַ לאַנגער רער. ער האָט באַלד דערקענט אַ קוילנוואַרפער.

דאָס יינגל איז געבליבן שטיל, און אין קאָפּ האָט ביי אים געקלאַפּט דער איינציקער נאָמען, וועלכן ער האָט געהאַט פאַר אַלעם, וואָס ער האָט דאָ געזען: „סטאָלאַרעווסקי".

באַלד האָט זיך באַוויזן דער גרויסער. ער האָט געטראָגן אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס, און אין דער האַנט האָט ער געטראָגן אַ ביקס. ער האָט זאָרגפעליק פאַרמאַכט די טיר פונעם הויז. דער גרויסער איז נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, דערנאָך ארויפגעשפרונגען אויפן וואָגן מיט דער ביקס פאַר זיך אין דער פינצ־טעריש אַריין. די פערד האָבן אַ טראָג געטאָן, און די רעדער האָבן גענומען שניידן דאָס טונקעלע אָנגעפרוירענע זאַמד.

* * *

עס איז געווען אומהיימלעך שטיל, און נאָר א לייכטער, פּראָסטיקער ווינט האָט געשניטן. מען איז געפאָרן דורך ביינאכטיקע פעלדער אָן א וועג, מען האָט זיך דורכגעטראָגן פאַרביי פאַרפראָרענע, עלנטע פויערישע הייזלעך, וווּ פּוגוויטן האָבן בייז און פאַרדומפן געבילט הינט.

טיילמאָל איז דער גרויסער אראָפּ פונעם וואָגן און נעגאַנגען פּאָרויס, איין מאָל האָט זיך דער וואָגן פאַרהאַלטן הינטער א בוים, און מען האָט לאַנג גע־וואַרט און זיך איינגעהערט אין דער נאַכט.

מישקא האָט געוואַכט. אָבער מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז ער שלאָפט, ער האָט אויפגעריסן די אויגן, אָבער עס איז אַלץ געווען די זעלבע פינצטערניש און די זעלבע שטילקייט. ער האָט זיך איינגעגראָבן אין דעם קאַלטן טולופּ פון דעם שמייכלענדיקן, ער האָט געפילט דעם ריח פון הינטישער פעל אין מאַכאָרקע. באַלד האָט אים ווידער דער שלאָף א כאַפּ געטאָן און ערגעץ פאַרטראָגן.

עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער שיסט, אַז מענטשן לויפן, אַז ער שפּאַנט מיט עפּעס א באַקאַנטן היימישן וועג: אָט זעט ער די גרויסע לאַמטערן פון דער גאַס, ער פילט דעם ריח פון ברויט און שטוב.

און אָט דערהערט ער דאָס געדיכטע רוישן פון ביימער. ער עפנט די אויגן און דערזעט א וואַלד.

— „דאַוואַי"... — זאָגט עמעצער.

ווידער טראָגט מען איילִיק די פּעק, עס איז שוין איצט גראָ, ווי עס וואָלט געווען פאַרנאַכט, דער וואָגן שטעלט זיך אָפּ, ער איז שוין ליידיק, מישקא שפּרינגט אראָפּ. עפּעס אין אַלטיטשקער פויער, וועלכן מישקא האָט קיינמאָל נישט געזען, זעצט זיך אינעם וואָגן און פאָרט איילִיק אָפּ.

אַלע גייען אריין אין וואַלד. עפּעס נאָך מענטשן, אָנגעפּעלצטע, טראָגן די פּעק, טיפער, טיפער אין וואַלד. ארום איז שטיל. די וועלט אין וואַלד איז פינצ־טער. פונעדערווייטנס, ווייט ארום, בלישטשען קליינע בורע וואַסערלעך, פאַרוואַק־סענע מיט גראָז און בראָד. האַלב־געפרוירענע ליגן זיי אין דער ווייט ווי שפּי־ציקע מעסערס. און וואַלד איז פייכט, ווי עס וואָלט געלעגנט.

מיטאַמאָל שטעלט מען זיך אָפּ. פון הינטער אַ בוים שטייגט אויף אַ מענטש, ער איז אַרומגעבונדן מיט טיכער, מיט רימען און שטיקער פעלן, ער שטייט צו־געשפּאַרט צו אַ בוים און האַלט אַ ביקס ביי דער זייט. מישקאַ קוקט אויף דעם מענטש, דער מענטש איז שוואַרץ, ווי פאַרברענט, זיינע הענט זענען שוואַרצע,

ווי פון ערד, און גאָר אויפן פנים שלאָגט זיך אָפּ די גרינקייט פונעם וואַלד. ער שווייגט און קוקט שטרענג.

דער גרויסער מענטש און דער ברייטער מיטן שמייכלענדיקן פנים, וואָס הייסט פיליפּ, גייען אַוועק ווייטער.

מישקאַ קוקט אויף דעם שוואַרצן מענטש מיט דעם גרינעם פנים, ער קוקט מיט שרעק, ער האָט קיינמאָל נישט געזען אַזאַ מענטש. אפשר איז ער אַ טויטער.

מיטאַמאָל זעט מישקאַ, ווי די אויגן פון דעם טויטן מענטש גיסן זיך אָן מיט לעבן, זיינע שוואַרצע ליפּן טוען זיך אַ דריי און ער צעשמייכלט זיך. מישקאַ שמייכלט אויך, און ער דערהערט אַ הייזעריקע שטים:

— וועסט זיין מיט אונדז... יינגל...

— יאָ...

— אַ ייִד...

מישקאַ ווייסט אַליין נישט צוליב וואָס ער זאָגט:

— אַ ייִד...

— שיסן... קאָנסטו...

— יאָ...

— פון וואַנען... פון מ.?...

— יאָ... פון מ.

דער טויטער מענטש האָט אַ סך פון אים געוואָלט וויסן, וועגן דער מלחמה, וועגן עפּעס אַ שטאָט... צי זי איז פאַרברענט... וועגן עפּעס אַ יונג... באַרקאַ... צי ער האָט אים נישט באַגעגנט...

אָבער מישקאַ האָט געדענקט, וואָס דער גרויסער האָט אים געזאָגט. ער האָט געשוויגן.

באַלד האָט אים דער שמייכלענדיקער אַ רוף געטאָן:

— מישקאַ... דו לעבסט...

און מישקאַ איז ווייטער געגאַנגען. דאָ האָבן פון הינטער די ביימער אויפגעטויכט מענטשן. זיי זענען ווי אַרויס פון דער ערד, און זיי האָבן אַליין ווי שטיקער ערד אויסגעזען. די ביימער זענען געווען געדיכט און האָבן געשלאָגן מיט זייערע קאַלטע צווייגן. באַלד איז מען אַראָפּ ווי אין אַ טאָל, און פאַר מישקען האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ גרויסע זאַמדיקע גרוב. ביים ראַנד זענען געלעגן ברעטער הינטער די ברעטער זענען געווען טיפע לעכער. דאָ האָט זיך געטראָגן אַ רויך, און פון אַלע זייטן האָבן זיך באַוויזן מענטשן, יונגע און עלטערע, אָפּגעריסענע,

זיינגעהילטע אין פּלאַכטעס, האָבן זיי געטראָגן קיבלעס, עמערס. עס האָבן זיך באַוויזן פרויען און פון די טיפע לעכער האָבן זיך אַרויסגעזען קינדער.

— שטיקער ביימער געדיכטע, צווייגן מיט נאָדלען פון סאָסנעס זענען געווען אַרומגעלייגט אַרום די גריבער, און עס האָט אויסגעזען, ווי אינמיטן וואַלד האָלט אויסגעוואַקסן נאָך אַ וואַלד.

פאַר מישקען איז געבליבן שטיין אַ פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט. זי האָט לאַנג געקוקט אויף אים, און מישקען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער קען זי. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט. די פרוי האָט אַ ציטער געטאָן מיטן מויל, זי האָט געוואָלט ווי אַ געשריי טאָן און איז פלוצלינג אַוועק און פאַרשוואונדן אין אַ גרוב.

עפּעס אַ ייִנגל מיט אַן אויסגעשמירט פּנים מיט ערד האָט אויף אים לאַנג געקוקט און צום סוף אַ פרעג געטאָן:

— אַן אוטאָמאַט... האָסט...

— ניין... — האָט מישקאַ געענטפערט.

— און אַ... פּיסטאָלעט...

— אויך נישט...

דאָס ייִנגל איז אַוועק און באַלד צוריקגעקומען:

— אַ... ייִד...

מישקאַ האָט דאָסמאָל נישט געענטפערט.

ער האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז ער זעט נישט די, מיט וועלכע ער איז געקומען, און עס איז אים אויף אַ רגע באַפאַלן אַ פאַרלוירנקייט, ער האָט נישט געוווסט וווהין צו גיין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און פונדערווייטנס דערזען דעם גרויסן, געבן אים איז געגאַנגען אַ מענטש אָנגעטאָן אין צו גרויסע שטיוול. ער האָט געטראָגן אַ פּעקל. אַלץ, וואָס דער מענטש האָט אויף זיך געטראָגן, איז געווען אויף אים צו ברייט. ווען ער איז געקומען נענטער, האָט ער דערזען, אַז נעבן זיינע שטיוול פּלאָנטערט זיך אַן אויטאָמאַט. דער מענטש האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף מישקען.

אויך דער מענטש איז געווען שוואַרץ, נאָר פון זיין שוואַרצקייט האָט זיך דערזעשלאָגן אַ מאָדנע בלאַסקייט. מיטאַמאָל האָט דער מענטש אַ שמייכל געטאָן און עס האָבן זיך באַוויזן זיינע ציין. ער איז צוגעלאָפן צו מישקען, אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט און אויסגעשריגן אַזוי הויך און פריי ווי קיינער האָט דאָ נישט גערעדט:

— מישקאַ... וואָס מאַכסטו... מאָלאָדיעץ...

מישקאַ האָט געשוויגן. עס האָט אים אַ מיש געטאָן פאַר די אויגן, עפּעס איז

אים פאַרגאַנגען אַ פאַרגעסענער ריח, עס האָט אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז ער זעט זיין טאַטן. עס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער שטאָט מ. מיט דער שטוב, מיט גאַנצע שכנים.

— גו, לאָמיר זען, צי דו קענסט שמייכלען... מישקאַ... — האָט געזאָגט דער שוואַרצער מענטש.

מישקאַ האָט נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן:

— און עסן קאָנסטו... און די האָר דאַרף מען דיר אָפּשערן... זע, ווי פאַרוואַקסן דו ביסט...

מישקאַ האָט געקוקט אויף אים מיט אויפגעריסענע אויגן. דער מענטש איז געבליבן שטיל, ער איז צוגעגאַנגען צום ייִנגל, אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן, ער האָט אים אַרומגענומען און שטיל געזאָגט:

— דו קענסט מיך נישט... לאָמיר זיך באַקענען... לאָמיר זיין גוטע פריינד... עס וועט זיך ענדיקן.... און מיר וועלן טאַנצן... מיר וועלן גיין איבער די גאַסן אין מ. אמת...

דאָס ייִנגל האָט ווי פאַרכישופט געקוקט, און דער מענטש האָט געזאָגט:

— איך וועל זיין... דיין פאָטער...

מישקאַ איז צוגעפאַלן צו זיין אַקסל, ער האָט גיך און קינדיש אַ וויין געטון. ער האָט דערפילט דעם מענטשנס פינגער אויף זיין פּנים, און אין זיינע פאַרטרערטע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ בלייכער, איבערראַשטער שמייכל. ביידע זענען געגאַנגען אַרומהאַלטנדיק זיך. דער מענטש האָט עפּעס גערעדט, פון וואָס דאָס ייִנגל האָט אויפגעהייבן זיינע אַקסלען. ער איז ווי גרעסער געוואָרן, און זיין טראָט איז געוואָרן אַ גלייכער און ריטמישער.

מיטאַמאָל האָט דאָס ייִנגל מישקאַ זיך אַ כאַפּ געטאָן, ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן אין, זיך אָנשפּאַרנדיק אין אַ בוים, אַרייַנגעלאָזן זיין האַנט ערגעץ אין דער ברייטער כאָלעווע פון זיינע צעפּאָרענע שטיוול. ער האָט אַרויסגענומען פון דאָרט עפּעס אַ פּעקל איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר. ער האָט עס דערלאַנגט דעם שוואַרצמענטש, אָבער באַלד עס צוריק אַרויסגענומען פון זיינע הענט, אויפגעוויקלט און אַרויסגענומען דעם רויטן, פּיאָנערישן גאַלסטוק, עטלעכע פּאַפּירלעך פון דער שולע. אָבער איין פּאַפּירל און אַ פאַרטרוקנט בלימל האָט ער צוריק פאַרוויקלט און אַריינגערוקט אין שטיוול.

דער שוואַרצער מענטש איז געשטאַנען, ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם רויטן שפּיציקן שטיקל זייד, ער האָט פאַרמאַכט די אויגן; און מישקאַ האָט מיטאַמאָל דערזען, ווי אויף דעם שוואַרצן שטויב פון דעם מענטשנס פּנים, פון זיינע פאַרמאַכטע אויגן האָט זיך אַ שלענגל געטאָן אַ נאַס גלאַנציק שנירעלע.

אָבער באַלד האָט ער ווי אויפגעוואַכט, א קלאַפּ געטאָן מישקען איבער דער פּלייצע, אים צוריקגעגעבן דאָס פּעקל מיט דעם גאַלסטוק:

— נא, מישקאַ... עס וועט דיר צונוצקומען...

און ער איז גיך אַוועקגעגאַנגען אין דער געדיכטקייט פון די ביימער. מישקאַ האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט דערזען דעם ערשטן מיט דעם גרינעם פּנים. יענער איז ווידער געשטאַנען גלייך, מיט אַ שטילער טרויעריקייט און האָט שטיל און פּשוט געזאָגט:

— ווייסט, ווער דאָס איז?...

— ניין...

— דאָס איז סטאַלאַרעווסקי...

* * *

עס האָבן זיך אַ קנויל געטון טעג און נעכט מיט אַ שטענדיק ייִדנדיקן האַרצקלאַפּן פון שרעק און פרייד, פון זיסע, שרעקיקע איבערראַשונגען און געגנוס פון פלאַצנדיקע פייערן, וואָס זיינע קינדערישע הענט האָבן אונטערגעלייגט אויף די וועגן פון שונא. ער האָט איצט אין זיין קינדערישער תמימות נישט געקלערט, אַז ער איז אַ העלד. ווען ער האָט אין טויבע נעכט, שוין מיט אַ געוווינטער פלינקייט, איינגעגראָבן מינעס אונטער די צוגן, האָט ער דערביי געקלערט וועגן דער מאַמען און וועגן זיין נייעם פאָטער פונעם וואַלד: סטאַלאַרעווסקי...

## 5.

די ערשטע פון די ייִדישע פאַמיליעס, וואָס זענען צוריקגעקומען אין דער הרובער ווייסרוסישער הויפּטשטאָט מ., איז געווען די פאַמיליע ווייס. דאָס איז געווען אַ מאַן און אַ פרוי, וואָס זענען אַרויס פון דער ברענענדיקער שטאָט צוזאַמען מיט צענער טויזנטער און זיך געלאָזן איבער די וועגן. די פאַמיליע ווייס האָט לאַנג געוואַנדערט איבער צענדליקער שטעט אַלץ ווייטער און ווייטער, טויזנטער קילאָמעטער, צו ערגעץ אַ שטאָט, אין אַ ווייטער רעפּובליק, וווהין עס האָט זיך אין דער לעצטער שעה אַריבערגעטראָגן דער לעדער-זאַוואָד „אָקטאָבער“, אויף וועלכן ווייס האָט זינט יאָרן געאַרבעט.

נאָך דריי יאָר זענען זיי פון די ערשטע צוריקגעקומען, ביידע פאַרעלטערטע און איינגעבראָכענע. די פרוי מיט אַ קראַנקהייט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט היילן. דער מאַן מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק, ווי ער וואָלט שטענדיק עפּעס געזוכט.

זיי זענען צוריקגעפאָרן דורך שטעט, וואָס האָבן געיובלט, זיי האָבן געזען טריומף-פייערן אויפן הימל און געהערט מעלדונגען וועגן נצחון, אָבער צו זייערע אויערן זענען נאָר דערגאַנגען די נעמען פון דעראָבערטע און באַפרייטע ווייסרוסישע שטעט, וואָס האָבן געקאָנט אָנצונדן אין זייערע הערצער די האָפענונג אָפּצוגעפינען זייער איינציקן זון מישען, וועלכן זיי האָבן פאַרלוירן ערגעץ ביי די גרענעצן צווישן ווייסרוסלאַנד און פוילן.

יעדער נאָמען פון אַזאַ באַפרייטער שטאָט האָט געעפנט די פאַרטרוקנטע ווונדן, און די נאָגענדיקע בענקשאַפט נאָך דעם איינציקן, פאַרלוירענעם קינד האָט זיי געטראָגן צוריק, צו די חורבות פון דער נאָר וואָס באַפרייטער שטאָט מ.

און אין אַ קילן פאַרפרילינג-טאָג האָבן זיי זיך צוגעשלאָגן צו זייער געבורטשטאָט מ., פון וועלכער עס זענען געווען אַרויסגעריסן שטיקער. אָבער פאַר זיי איז עס געווען די היים. ווילד און פרעמד זענען די צוויי מענטשן געגאַנגען איבער די אויסגעברענטע הויפן. זיי האָבן באַגעגנט איינציקע מענטשן. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין שטיבער, ווו עס האָבן געוווינט אַלטע באַקאַנטע יידן און קריסטן, און האָבן קיינעם פון זיי מער נישט געפונען. קיינער האָט זיי אויך נישט געקאָנט זאָגן וועגן דעם גורל פון אַ יינגל מישאַ, ווייל גרויס איז געווען די צאָל פון די, וואָס זענען פאַר דער צייט אומגעקומען.

אַ גרויסער טייל פון דער שטאָט האָט געפעלט אַזוי ווי אויסגעשניטן, ווי עס וואָלט קיינמאָל נישט געווען. אָבער פאַר די צוויי מענטשן איז גענוג געווען די לופט פון זייער געבורטשטאָט, אַ פּלויט, אַ הויז, עס זאָלן זיך אָנצינדן הונדערטער דערמאָנונגען פון אַלע יאָרן. אַזוי זענען זיי געקומען אויף דער קאַרל-מאַרקס-גאַס, ווו עס איז געשטאַנען דאָס אַלטע, געלע הויז. דאָס הויז איז געווען אַרומגעביסן פון פייער, מיט אַן אַראָפּגעריסענעם דאַך. אָבער פון דער מינוט, וואָס די פרוי האָט באַטרעטן די שוועל פון איר געוועזענער היים, איז שוין פאַר איר קיין אַנדער אָרט אין דער וועלט נישט געווען.

עס זענען איצט געקומען בעסערע טעג. עס האָבן זיך דאָך אָפּגעזוכט מענטשן פון דעם פריערדיקן לעבן. מען האָט זיי געהאָלפן אַריינפירן דאָס, וואָס זיי האָבן מיט זיך געברענגט. עס איז שוין געווען אַ בעט, אַ לאָמפּ. די טעג זענען אויך געוואָרן וואַרעמער, און מאַן און ווייב האָבן אָן ווערטער פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז זייער היים.

עס זענען געקומען מענטשן, מיט וועלכע זיי האָבן געקאָנט רעדן וועגן זייער פריערדיק לעבן, און אַפילו וועגן אים, וועגן דעם יינגל, וועלכן די מענטשן האָבן געקענט. די פרוי האָט אַפילו דאָ דערקענט אַ יינגל, וואָס איז צוזאַמען מיט איר

מישאַ געגאַנגען אין איין קלאַס. זי האָט אים לאַנג אויסגעפרעגט, ביז וואַנען ער האָט זיך דערמאָנט:

— יאָ... אַ קליינער... אַ פּיאָנער... אין דער זעקסטער אָפּטיילונג...

איינס איז געווען שרעקלעך פאַר דער פרוי: וואָס קיינער האָט דאָ איר אומגליק, איר פאַרלוסט נישט אַזוי פאַרשטאַנען ווי אין דער ווייט. מיט יעדן טאָג איז איר קלאָרער געוואָרן, אַז דאָס, וואָס זי האָט געטראָפן, האָט דאָ, אויף דער פאַרוויסטער ערד, געטראָפן אין יעדער שטוב, אַז יעדער ווינקל פון דער שטאָט איז אָנגעפילט מיט שרעקן פון מאָרד. איר קראַנקהייט האָט זיך איצט פאַרשאַרפט, די קראַנקהייט, וואָס איז באַשטאַנען אין רעדן צו איר פאַרלוירענעם קינד, ווי ער וואָלט געווען נעבן איר, אין די אינדערפריען נאָך די ווּסטע נעכט פון קאָשמאַרן, וואָס האָבן געשראָקן מיט דער טויטער ליידיקייט פון אַרום, מיט די אויסגעברענטע קוימענס און די ליידיקע צערויבטע און צעשטערטע הייזער.

דורך די נעכט איז מען נישט געשלאָפן. ווי נאָר די נאַכט האָט זיך געשטעלט, האָט זיך צווישן מאַן און ווייב אָנגעהויבן דאָס שטילע געשפּרעך פון איינציקע ווערטער. דערנאָך האָט דער מאַן ביז טאָג געהערט דער פרוים שטילע און הייסע געוויין.

די נעכט זענען געקומען לינדערע און קורצע. פון דער טויטער ערד האָט זיך אויפגעהויבן אַ לעבעדיקער שמייכל פון פרילינג. דאָ און דאָרט האָט אין דער זון זיך אויפגעפּראַלט אַ פענצטער פון די צוריקגעקומענע און פון נייע מענטשן, ווי נאָך אַ מבול.

וואָס מער די שטאָט האָט אויפגעאָטעמט מיט לעבן, אַלץ טיפער, פרישער און אָנזעעוודיקער איז געוואָרן דאָס ליידיקע אָרט ביי די צוויי מענטשן. די פרוי איז געוואָרן בלייכער און געבויגענער פון טאָג צו טאָג.

די שטוב אין דער חורבה איז מיט יעדן טאָג אויפגעשטעלט געוואָרן, מיט אַ טיש, מיט אַ שטול. עס זענען פאַרריכט געוואָרן די פענצטער מיט די טירן, און אין אָוונט האָט געברענט אַ לאָמפּ. אין אַ ווינקל שטוב איז פונקט ווי אַמאָל געשטאַנען אַ קליין טישל, אויף וועלכן די מוטער האָט אין אַ ראַמל אַוועקגעשטעלט די איינציקע פאָטאָגראַפיע פון דעם יינגל, אָנגעטאָן אין אַ פּיאָנער־בלוזע מיט דעם גאַלסטוק אויפן האַלדז. דאָס איז געווען די איינציקע פאָטאָגראַפיע, וואָס איז פאַרבליבן פון אים. דאָס ווינקלשטוב איז געוואָרן פאַר דער מוטער אַ הייליקס, וווּ זי פלעגט אין די אָוונטן אָפּזיצן שעהן, קוקן אויף דעם בילד און רעדן צו אים ווי צו אַ לעבעדיקן מענטש. זי האָט גערעדט מיט דער גאַנצער פאַרצווייפלונג און צער. זי האָט אים געפרעגט, ווו ער איז, ווו עס ליגן זיינע ביינער, אָדער זי האָט פלוצלונג געזאָגט:

— מישענקאַ... אפשר ביסטו דאָ... יאָ... דו ביסט דאָ... קום אַהיים... צו אונדז...

אירע רייד האָבן אַריינגעטראָגן אין דער שטוב, צווישן די חורבות און אומ־היימלעכקייט, פון וועלכער עס האָט זיך געוואָלט אַנטלויפן, און דער מאַן האָט אין דער שטיל באַדויערט, וואָס ער האָט נאָכגעגעבן דער פרוי, איר קראַנקהאַפטן פאַרלאַנג צוריקצוקערן אין דעם הויז, וווּ עס איז, דאַכט זיך, אַרומגעגאַנגען דער שאָטן פון זייער פאַרשוווּנדענעם זון.

עס האָבן זיך אָנגעטראָגן די ווייסרוסישע, אָנהייב־פרילינג־נעכט מיט פרישע קילע ווינטן, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אין די אויסגעברענטע געפּלאַצטע הייזער מיט אַ שטילן שרעקיקן קלימפּערן פון צעריסענע פענצטער און אַרונטערגעריסע־נע דעכער אַרום. די גאַסן זענען אין די אָוונטן ליידיק געווען; די מלחמה איז נאָך ערגעץ געגאַנגען, און די באַנען האָבן זיך געטראָגן מיט לאַנגן, אומעטיקן פייפן.

אין אָוונט האָט מען פאַרמאַכט טיר און טויער, און יעדער טריט פון אַ דורכגייער האָט אַרויסגערופן אַן אָנגעשפּיצטקייט מיט אַ רייסנדיק קלאַפּן פון האַרץ. די צוויי מענטשן זענען געזעסן אין דער אויסגעקילטקייט פון די געשפּאָל־טענע ווענט. יעדער פון זיי איז געווען פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען, כאָטש זייע־רע געדאַנקען זענען געווען ענלעכע, בלאָנדזשענדיקע ערגעץ איבער די וועגן, זוכנ־דיקע ערגעץ אין דער פאַרברענטער וועלט דאָס איינציק פאַרלוירענע, וואָס האָט זיי קיין רו נישט געגעבן. דעמלט האָט דער מאַן אין פאַרצווייפלונג געזאָגט:

— מען מוז אַוועק פון דאַנען... מע דאַרף עפּעס ענדערן... ווייל... מע קאָן אַזוי משוגע ווערן...

דאָס ווייב האָט שטיל געענטפערט, מיט דער שטילער עקשנות, אין וועלכער עס איז געלעגן איר קרענק, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט היילן:

— מיר מוזן דאָ זיין... איך קאָן פון דאַנען נישט אַוועקגיין... איך וואַרט...

דער מאַן האָט מיט שרעק און פאַרצווייפלונג געקוקט אויף איר.

* * *

אין דער נאַכט האָט זיך עפּעס געטאָן אין דעם פאַרשטומטן דרויסן, עפּעס האָט זיך אַרומגעטראָגן אַרום דעם הויז, מען האָט געהערט דעם ווינט, וואָס האָט עפּעס געבויט און צעשטערט. עס איז געווען איינע פון די בייזאַרטיקע פיינען, צו וועלכע דער מאַן איז שוין געווען געוווינט.

פּלוצלינג האָט זיך די פרוי אויפגעכאַפּט. זי האָט זיך אויפגעזעצט פון גע־לעגער. זי איז געזעסן מיט אויפגעריסענע אויגן. מיטאַמאָל האָט זי אַ געשריי גע־טאָן:

— דו הערסט...

דער מאַן איז אויפֿגעשפּרונגען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. עס איז געווען שטיל, אָר אַ שווער און נאָנט אָטעמען האָט זיך געהערט אין דער שטילקייט, ווי אַ חיה וואָלט מיט איר אָטעם הינטער דער טיר עפּעס געזוכט.

ביידע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פֿונעם בעט, זיי זענען מיט שטילע טריט צו צו דער טיר, דאָ האָט זיך דאָס אָטעמען געהערט מיט אַן אומהיימלעכער דײַטלעכקייט...

דער מאַן האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. אים האָט געשראָקן דער אויסזען פֿון ער פֿרוי, פֿון איר בליק האָט געשלאָגן אַן אומזיניקער גלאַנץ.

— ש־ש־אַ...

און ווי עפּעס וואָלט אויפֿגעפּלאַצט, אַ גרויסע זאַך, אַ גרויסע ווי די וועלט, ווי דאָס לעבן, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, שטיל, בלאָנדזשענדיק און ייטלעך.

— ווער איז... — האָט די פֿרוי אויסגעשריגן.

עס איז געווען שטיל. דאָס אָטעמען איז שטאַרקער און נענטער געוואָרן, און פּלוצלונג האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ שטים, אַ האַרטע, אַ גלייבע, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעבראָכן און איבערגעגאַנגען אין אַ קינדערישן קוויטש:

— דאָס בין איך... איר געדענקט... מישקאַ...

קיינער וואָלט נישט דערקענט די שטים. דער מאַן האָט אַ שפּאַן געטאָן צוריק. אַ סך פֿרעמדע און פּלוצלינגדיקע געשעענישן האָט ער געזען פֿאַר די לעצטע אָרן. ער איז געווען גרייט אויף עפּעס אַ שווערן אָנפֿאַל אין דער ווינטער נאַכט. אָבער די פֿרוי האָט אים מיטאַמאָל אַ שטופּ געטאָן פֿון זיך. ווי דערמלט בײַ דער באַן, ווען זי האָט דאָס ייִנגל באַגלייט, איז איר מויל געווען האַלב אָפֿן. אירע פֿינגער האָבן געצאַפּלט נעבן איר מויל. זי האָט מיט איין ריס געעפֿנט די טיר, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ געשטאַלט, וואָס איז פֿול געווען מיט נאַכט און קעלט. זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די צערודערטע פֿייכטע האָר, איר האַנט האָט דערפֿילט דעם וואַרעמען שווייס אויף דעם שטײַפֿן פּנים פֿון דעם ייִנגל און זי האָט הייזעריק ווי דערשטיקט אַ קריי געטאָן:

— מישאַ... מיין...

און זי האָט גענומען רײַסן פֿון אים שטיקער, ווי זי וואָלט געוואָלט אים האָבן אַ נאַקעטן.

— גאָט... — האָט זי געשריגן: — גאָט...

זי האָט זיך פֿיל מאָל איבערגעחזרט דאָס פֿרעמד־געוואָרענע פֿאַר איר וואָרט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האָט איצט עפּעס אין איר האַנט, וואָס נאָר

אַ גאָט, אַ גרויסער און מעכטיקער קאָן דאָס מאַכן. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט באַלד שטאַרבן און נישט דערהאַלטן די אומגלויבלעכע פרייד, וואָס איז געווען שטאַרקער פון איר שפּריִנגענדיק האַרץ.

די שוואַכע ליכט פון דער נאַפט־לאָמפּ האָט נישט געקאָנט אַרומנעמען דאָס ווינקל־שטוב מיט די דריי מענטשן. דאָס יינגל איז ווי אין אַ דרימל געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אינעם טיש. ער האָט זיך געוויגט, ווי ער וואָלט שטייענדיק געשלאָפן.

אַלע הפקרע געפאַרן, אַלע וואַנדערונגען פון טויט און פּיין האָט די מוטער אַרויסגעפילט אין דער פראַגע: „צי מע געדענקט“. אָט די פראַגע האָט ער געטראָגן איבער דער שרעקלעכער וועלט פון פייער און טויט. איצט איז ער, דאַכט זיך, געווען דערשראָקן דערפון, וואָס מען האָט אים נישט פאַרגעסן.

עס איז זי באַפאַלן אַ שרעק, ער זאָל נישט אַוועקגיין, פאַרשווינדן, ווען זי האָט דערזען די גרויסע שטויביקע און שווערע קליידער אויף זיין דאַר לייב, וואָס איז איצט קינדעריש געווען באַהערשט פון שלאָף. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די לאָמפּ און זי צוגעטראָגן צו זיין פאַרשטויבט און פאַרברענט פּנים און זי האָט דערזען איר קינד.

— מישקאַ... — האָט זי אַ געשריי געטאָן, זי האָט אים אַ שלעפּ געטאָן צום וואַרעמען בעט, פון וואַנען זי איז אַרויס. זי האָט געשלעפּט און געריסן פון אים די קליידער. אים אַריינגעוואָרפן אין בעט, געהויכט, געוואַרעמט אים מיט אירע הענט און מיט איר אָטעם.

ער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן און פאַרטראָגנקייט אַרויסגערעדט:

— מאַמע...

האָבן ביידע, דער מאַן און די פרוי, זיך טרייסלענדיק, זיך צעוויינט אויף אַ קול.

ביידע האָבן זיי ביז איינדערפרי געוואַכט איבער דעם בעט. ביידע האָבן זיי זיך אָנגעזעטיקט מיט דעם ערשטן גרויסן גליק פון אַ ווייטערדיק לעבן...

דאָס יינגל מישקאַ איז געשלאָפן טיף, אָבער זיין פּנים האָט נישט גערוט. צאַפּלען פון אומרו זענען געלאָפן איבער זיין צאַרט יינגליש און מיט אַן ערדישער האַרטקייט און שאַרפקייט באַדעקטן פּנים. זיינע ליפּן האָבן זיך אומרואיק באַוועגט אינעם שלאָף.

און פון צייט צו צייט האָט ער קוים הערבאַר, מיט אַ קינדערישן שמייכל פון שלאָף, אַרויסגעזאָגט דעם געהיימען נאָמען, מיט וועלכן עס איז געווען איבערגעפילט זיין גאַנץ וועזן:

„סטאַלאַרעווסקי“.

# אַ נײַ הויז

קעגנאיבער מײַן פענצטער, אויף דער מעכטיקער פּאַנאָראַמע פון אַ ריזיק שטיק פּאַריז, וואָס הייבט זיך אויפן האָריזאָנט ווי אַ פאַרשטיינערטער ים אָן אַ ברעג; אויף די גראָע, רויטלעכע און שוואַרצלעכע פון רויך געבײַען, הויכע, רויטע פאַבריק־קוימענס, שטומע קלויסטער־שפּיצן און שטרענגע טורעמס, וואָס שפּילן אין יעדער ליכט, אין נעפּל, אין רעגן און ווינט מיט טויזנטער קאָלירן, וואָס כמורען זיך, שמייכלען, דראָען מיט שטורעם און בליקן מיט פרידלעכער רו; אין דער פאַררעטערישער שפּיל פונעם קאַפּריזנעם, פאַריזער הימל האָט אויפגעבלאַנקט מיט אַ וואַרעם־גראָלעכער ווייסקייט פון בעטאָן און מעטאַל אַ נײַ אויפגעבויט פילשטאָקיק הויז.

* * *

ערשט נישט לאַנג צוריק איז צווישן דעם געדיכטן לאַבירינט מויערן געלעגן אַ פאַרלאָזענער קאַסטן ערד, אַ פאַרלאָזענע פּאָסעסיע און אַ געשטאָרבענער צייט מיט אַן אַלטער צעקרישלטער חורבה. די שוואַרצע פענצטער־לעכער פון דער חורבה האָבן געשראָקן. די גראָבע פאַרצייטישע ווענט זענען געווען פאַרפּינטלט מיט מאָך און שראַמען. דער אײַנגעפאַלענער קוימען און די פינצטערניש האָבן דערמאָנט אָן שדים. אַרום איז געדיכט געוואַקסן אַ שוואַרצלעך געביש מיט הויכע זשאַווערדיקע ווילד־גראָז, און אַ שוואַרצער געשטאָרבענער בוים האָט זיך אויפגעהויבן, ווי אַ פאַרשטאַרטע וואַך, בײַ דער חורבה און געראַצט דעם הימל מיט זײַנע שוואַרצע טויטע פינגער־צווײַגן.

דאָס זשאַווערדיקע ווילד־גראָז האָט מיט משונהדיקער גיכקייט אַרויסגעשפּראָצט פון אַלע לעכער און שפּאַלטן.

שטיל און פאַרלאָזן איז דער קאַסטן ערד געלעגן אַרומגעצוימט מיט אַן אַלטן

צעפּרעסטענעם פּלויט, און גאָר „געוועזענע" מענטשן, קלאָשאַרן, האָבן זיך מיט זייערע געפּרוווטע וואַנדער־טריט אַהער פאַרקליבן, געפּראַוועט דאָ זייערע מאָלצייטן, און אַזוי ווי שטיקער פון דער אַלטער חורבה, שיכורע זיך איינגעגראָבן אין דעם ווילדן געביש און אויסגעשלאָפן זייער לאַנגן הפקרן שלאָף.

אין איין טאָג זענען געקומען מענטשן, באַלאָדענע מיט לאָמען און העק, און האָבן מיט לאַנגזאַמער אומעטיקייט פון באַגרעבער אַרויסגעביסן די חורבה, אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען דאָס ווילדע געביש, די קרייטעכצער און פּאַטלעם ווילדגראָז. זיי האָבן אָפּגעווישט אַלע סימנים פון געוועזענעם, אויסגעגלייכט מיט דער ערד, און דער קאַסטן איז געבליבן אַ נאַקעטער.

איך האָב, קוקנדיק דורך מיין פענצטער, דורכגעלעבט די לעצטע טעג פון דער אַלטער חורבה, איך האָב שעהנווייז געקוקט, ווי עס פאַלן די אַלטע, שווערע ווענט, אָנגעטומטשעטע מיט געשיכטע, מיט סודות וויטע און פרעמדע לעבנס. די ווענט זענען איצט געפאַלן אונטער די פּאַמעלעכע און געצילטע קלעפּ, און מיר האָט זיך טיילמאָל געדאַכט, אַז איך בין אַן עדות פון אַ לאַנגזאַמער עקזעקוציע.

איך האָב דורכן פענצטער געזען, ווי אין די אָוונטן, ווען די מענטשן האָבן איבערגעריסן זייער אַרבעט, זענען געקומען די שיכורע קלאָשאַרן מיט זייערע בלאָנדזשענדיקע טריט, האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט צווישן די שטויביקע בערג אַלטן קאַלך. זיי האָבן דאָ מער נישט געהאַט קיין באַהעלטעניש. איך האָב אַפילו געזען איינעם פון זיי, וואָס האָט לאַנג מיט אַ שיכורן פּאַטאָס גערעדט צו די איינגעפאַלענע ווענט און צו דעם טויטן בוים, וואָס איז שוין איצט געלעגן אין זיין לעצטן גילגול, אַן אויסגעוואָרצלטער פון דער ערד. דער שיכורער קלאשאר האָט אפשר גערעדט וועגן דער נישט אייביקייט פון דעם מענטשלעכן שאַפן אָדער זיך געזעגנט מיט זיין אַלטער, היימלאָזער היים פון דער חורבה. און אויך מיר, ביי מיין פענצטער, איז געווען אומעטיק, כאָטש איך האָב פון דער חורבה און פון דעם פאַרלאָזענעם קאַסטן ערד גאָרנישט געוווסט.

גאָר גיך זענען געקומען אַנדערע. די זענען געקומען מיט אַ גיכן, לעבעדיקן ריטם, באַלאָדן מיט אַן אידעע און א לוסטיקער מעלאָדיע פון שאַפן.

זיי האָבן געעפנט דעם בויך פון דעם קראַנקן שטיק ערד. די כלים אין זייערע הענט האָבן אַ בלאַנק געטאָן. און באַלד האָט אַלץ גענומען שטייגן אַרויף אין דער הייך. עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן דער שימער פון אָרדענונג, האָט אויפגעשפּילט ווי אַ מאַרש אין אַ פרייידיקן טאַקט.

באַלד האָט גענומען וואַקסן און יערן אַ שבלדיק געוועב, ווי עפּעס אַ קלוגע שפּיל. איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער שפּיל און שעהנווייז נישט געקאָנט

זיך אָפּרייסן. פון מיין פענצטער האָב איך מיטגעאָטעמט, מיטגעלעבט און מיטגעבויט מיט דער אַרבעט.

איך בין בעסלעכווייז געוואָרן אַ שותּף צו דער זאַך פון די אומבאַקאַנטע סילועטן אין די בלויע קאָמבינעזאָנען, צו זייערע קלוגע און רירעוודיקע באַוועגונגען, צו דער צונויפגעשפּילטקייט און ריטם פון זייער בויען. איך האָב מיך פאַרבונדן מיט זיי פונדערווייטנס און אָנגעהויבן פילן דעם עול, די קוועלן און פריידן פון זייער אַרבעט.

איך האָב זיי שוין אַלע געקענט. און פון טאָג צו טאָג אַלץ מער זיך צונויפגעלעבט מיט זיי. איך האָב געקענט דעם עלטערן, מיט די שטאַרקע און ברייטע אָרעמס, איך האָב געקענט דעם הויכן און דאַרן מיט די לאַנגע הענט. איך האָב געקאָנט די יונגע און די עלטערע, די גיכע און לאַנגזאַמע. איך האָב אויך געקענט זייערע קוואַליפיקאַציעס.

איך האָב געוווּסט, אַז דער עלטערער מיט דעם אָפּגעברענטן ברוינעם פּנים פון דער זון איז ווינט פירט אַן מיט דעם געבוי פון געהילץ. ער שטעלט צונויף די הילצערנע פאָרמען, קייטלט און העקעלט, זעגט און שניידט און גנבעט זיך קלוג און קונציק אין דער הייך. ער בלייבט איינזאַם אויף אַ שמאָל ברעט און ווי אַ כּישוף שפּינט ער אַרום זיך אַ זיכערע קאָנסטרוקציע, און שוין פאַרוואַרפט ער אַ נייעם געשפּין אַלץ העכער און העכער. זיין אַרבעט איז אַ מייסטערישע און ערנסטע, ער מעסט און רעכנט, און אַ שעפערישע פייערלעכקייט שלומערט אַרויס פון זיין מי.

דערנאָך זענען געקומען די הפקרע, פּשוטע זעלנער, וואָס האָבן געמישט דעם שטויביקן בעטאָן. זיי זענען אַרומגעקראָכן אין דער שליימיקער נעץ. עס איז געוואָרן אַ כאַאָס. אין אַזעלכע טעג האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עפּעס קלאַפּט דאָרט נישט, און אַ זאָרג האָט זיך אַריינגעגנבעט אין מיין געמיט.

די מענטשן האָבן אין דער מוטנער נעץ ווי פאַרלוירן די אָרדענונג. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז געוואָרן נישט ערנסט. אַ דינער ווייטיק האָט אָנגערירט מיין אַמביציע, און איך האָב מיך דערפילט ווי מיטשולדיק.

אָבער די יונגע אין די בלויע קאָמבינעזאָנען זענען געווען זאַרגלאָז. זיי האָבן געשטיפט מיט יוגנטלעכער צעשפּילטקייט. איינער איז געווען צווישן זיי אַ יונגער מיט שוואַרצע געלאָקטע האָר און הנעוודיקע שלאַנקע גלידער. ער האָט ליב געהאַט אין מיט פון וואַסער און בעטאָן, אין דער גליטשיקער נעץ אויסצוטאַנצן אַ טאַנץ. ער פלעגט אָפּט אַרומכאַפּן אַ צווייטן, נאָך אַ יונגערן, אַ דינעם און צאַרטן בחור, וואָס פלעגט אַנטלויפן כלומרשט פאַר שרעק. אָבער דער האָט אים געכאַפּט, זיך געבאָרעט מיט אים, אוןביידע האָבן זיי זיך פאַרפלאָכטן אין אַ כלומרשט גע־

שלעג. ביידע זענען אומגעפאַלן אין דער גרינגלעכער נעץ, זיך געטאַרזשעט און גע־קאַלערט, ווי צוויי צעשפּילטע יונגע הינט. איינער האָט דעם צווייטן געצילט אָנצו־כאַפּן פאַרן קאָפּ, צו פאַרפּלאָנטערן מיט אַ פוס, אָבער אין דער גאַנצער הפקר־דיקייט פון דעם געשלעג האָט מען געפילט די פּשוטע גאָענטקייט און פאַרליבט־קייט פון איינעם צום צווייטן, די חברישע יונגטלעכע צעלאַכטקייט פון ביידע, ווען זיי האָבן שווער געאָטעמט נאָך דער שפּיל.

איך האָב געזען די ריטמישע אויסגעמאָסטנקייט פון אויסהעלפן איינער דעם אַנדערן מיט אַ האַנט, מיט אַ פּלייצע, אַפילו מיטן קאָפּ, און איך האָב זיי אָנגע־הויבן מקנא צו זיין. אין די טעג פון דער נאַסער, צעפּאָרענער אַרבעט, פון שיטן בעטאָן, פון גיסן וואַסער איז מיר געווען וואָכעדיק, גלייך ווי ביי מיר אַליין וואָלט עפּעס זיך נישט איינגעגעבן, צונישט געוואָרן... מיר האָט זיך פונדערווייטנס גע־דאַכט, אַז די געבונדענע, ריטמישע אַרבעט האָט זיך איבערגעריסן, צעפּאָרן און איז צעלעכצט געוואָרן.

אָבער מיטאַמאָל האָב איך דערזען אַ נייעם, סימעטרישן שטאָק, וואָס איז אומבאַמערקט, ווי פון זיך אַליין אויסגעוואַקסן. פון דער כאַאָטישער נעץ האָט אַ בלאַנק געטאָן אַן אויסגעפורעמטע קאָנסטרוקציע, אַ שטאָלצע און זיכערע. און אויפן האַרץ איז מיר צוריק געוואָרן רואיק און יום־טובדיק.

* * *

עס האָבן זיך געהויבן די שטאָקן. איך האָב נישט געוווסט, ווי הויך דאָס הויז וועט זיין, נאָר מיין אַמביציע איז געווען, עס זאָל זיין אַלץ העכער און העכער.

דערנאָך האָט זיך אין איין טאָג אויף דער קאָנסטרוקציע באַוויזן אַ פלאַטערנ־דיקע פאָן מיט אַ קראַנץ פון בלומען. אַ פייערלעכקייט האָט געשלאָגן פון דער הויך, און עס איז אויך ביי מיר געווען יום טוב.

איך האָב אָנגעהויבן זאָרגן פאַר דער אויסשטאַטונג. איך האָב געזאָרגט פאַר דער קאַליר פון דעם טינק און פאַר דער פאַרב פון די פענצטער. טאָג נאָך טאָג האָב איך באַקומען, ווי מתנות, איבעראַשונגען. עס האָבן זיך באַוויזן פענצטער־ראַמען. מיר האָט זיך געוואָלט עס זאָל זיין גרויסע און ליכטיקע פענצטער און אַזעלכע האָט מען געברענגט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טונקעווען, און די ווענט האָבן באַקומען אַ פרישע הויט. עס זענען געווען אַ סך טעג פון זאָרג און אומרו, ווען די אַרבעטער זענען געשטאַנען אויף דער ריזיקער הייך, ביים סאַמע ברעג, און מיין האַרץ האָט געקלאַפּט אויס אומרו פאַר זייער זיכערקייט.

דאָס זענען אָבער געווען פראַגצוויזן, וואָס האָבן געאַרבעט פרייליך, און די־

געשיקטקייט פון טויזנטער יאָרן בויען האָט געשפּילט אין זייערע גלידער. צווישן די ברעטער, לייטערס, זעגן און קעלניעס שטייען די פלעשער מיט פּשוטן רויטן וויין — דער זאַפט פון זייער זוניק לאַנד, וואָס הייבט אויף און שטראַלט לוסטיק אין זייער בלוט.

* * *

איצט שטייט דאָס נייע הויז קעגנאיבער מיין פענצטער און עס שפּיגלט מיט רייכטום. דורך די גרויסע, נייע פענצטער־שויבן זע איך ווימלען אַנדערע מענטשן. עס זיצן ביי די ביוראָ־טישן הערן מיט גלאַנציקע פּליכן. אויסגעפּוצטע מענער און פרויען שווימען אין דער גייקייט פון די ווענט ווי אין אַ טאַנץ, קונציק־פּאַרקעמטע מיידל־קעפּ טראָגן זיך. פינגער מיט רויטע, מאַניקירטע נעגל פּיקן אין די שרייב־מאַשינען. און נאָר אין אָוונט ווערט ליידיק, און אַ טויטלעבער גלאַנץ אָן לעבן ווערט פאַרגליווערט, ווי אַ רייכע מצבה.

עס איז מיר פרעמד געוואָרן דאָס נייע הויז, ווי מען וואָלט עס ביי מיר צוגענומען, און מיין זינען איז גאָר אַלץ פאַרבונדן מיט יענע אין די בלויע קאָמבינעזאָנען, מיט יענע פרעמדע, דאָך אַזוי נאָנטע און באַקאַנטע, יונגע און אַלטע, פּשוטע, נייטיקע, געאייניקטע אין אַ גרויסער, פריידיקער און אייביקער שאַפונג.

איך ווייס, אַז זיי זענען דאָ, אַז זיי בויען זייער שכלדיקע שאַפונג אַרויף אין דער הייך, אַז זיי וועלן אייביק זיין, ווי לאַנג עס וועט זיין דאָס מענטשלעכע לעבן.

* * *

זייט געזונט, פראַנצויזישע אַרבעטער, וואָס איר האָט אויפגעבויט פּאַריז, די טרייסט פאַר אַ סך וואָגלער, ווייטע פון זייער היים. נעמט צו דעם גרוס פון איינעם פון זיי, וואָס האָט פונדערווייטנס, דורך זיין פענצטער, צוזאַמען מיט אייך געבויט דאָס נייע פּאַריזער הויז.

# „ס'אַ — ווּאַ"

אין דער קינסטלער־קאַפע וווהין איך קום, האָב איך שוין באַקאַנטע. מיר קענען זיך פון דער ענגשאַפט, פון די פלייצעס וואָס רייבן זיך איינע אָן דער אַנדערער, פון אָוונט צו אָוונט. איך ווייס נישט זייערע נעמען. איך קאָן נישט זייערע היימען. פון וואַנען זיי קומען; און וווהין זיי פאַרשווינדן אין דער שפּעטער נאַכט.

ווי נאָר עס שטעלט זיך די גראָע שעה, די פּאַריזער גראָע שעה, און זי שפּרייט זיך אויס אין אַ גרויען זילבער־נעפּל איבער די אַלטע הייזער, קומען זיי, ווי גערופענע פון עפּעס אַ סיגנאַל, זיי זעצן זיך אויף די לייכטע געפלאָכטענע שטולן, וואָס געהערן שוין דאָ צו דער גאַס, אויף די קליינע טישלעך באַווייזן זיך גלעזער, מיט פאַרשידענע קאָלירן געטראַנקען, רויטע, גרינע און געלע; איבער אַלעם הערשן די ווייסע טעפּלעך שוואַרצע קאַווע, וואָס האָט שוין דאָ אָנגעוווירן דעם ריח און אַראָמאַט פון איר עקזאָטישן אָפּשטאַם, פון איר מיסיע צו וועקן און רייצן די פאַנטאַזיע. פאַרקערט — די טרינקער זיצן דאָ אויסגעלאָשענע, פאַרקוקט ערגעץ אין חלל, ווי זיי וואָלטן אויף עפּעס געוואַרט. זיי וווּנדערן זיך נישט ווען עמעצער קומט, און קיינער פרעגט נישט וועגן עמעצן וואָס פאַרשווינדט. און נאָר אַן אייגלקייט פון נישט שטערן איינער דעם אַנדערן, פון געבן אַן אָרט אין דער ענגשאַפט, ווי צווישן מענטשן געהאַלטענע פון איין קראַנקהייט, אַ לאַנגע און אומהיילבאַרע — הערשט דאָ, און פאַרבינדט.

צו מיינסט זענען דאָ קינסטלער, וואָס קומען פון די געדרייטע און געוויקלטע פאַריזער גאַסן, פון טונקעלע שטאָקן, בוידעמער און קאָרידאָרן, וווּ זיי זענען צוגעקלעפּט צו ערגעץ אַ פּינטל, ווי די זומער־פליגן ווערן צוגעברענט צו דעם פלאַם פון אַ ליכט, אַרום וועלכן זיי האָבן אַרומגעקרייזט.

* * *

יעדער פון די קינסטלער האָט אַמאָל אין אַ טאָג אַהערגעבראַכט זיין יוגנט. זיין כוח און זיין פאַרליבטקייט. יעדער האָט דאָ געהאַט זיין שיכורן טאָג, ווען פּאַ־

ריז האָט זיך אים אָפּגעגעבן, ווען זיינע הענט זענען פול געווען פון דעם רייכטום, ווען אַלץ איז דאָ געווען פאַר אים.

יעדער פון זיי האָט צוגעטראָגן זיין פאַרב און זיין ניגון. יעדער פון זיי האָט אַריינגעשטעלט זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף דעם אילוזאָריש, בלענדעדיקן ראָד פון מזל. איצט זיצט ער מיט ליידיקע הענט, און גלייבט, אַז דאָס ראָד דרייט זיך פאַר אים. און מיטאַמאָל, אין א טאָג, וועט עס זיך אָנרופן מיט דעם גרויסן און ליכטיקן געווינס, עס וועט אויפזוכן אים, דאָס פינטעלע אין די לאַבירינטן פון פאַריז, און אים אַוועקפירן אין די שטראַלנדיקע געמעכער פון רום.

* * *

קומט דער אָוונט פילט זיך אָן די קאַפע מיט די שטענדיקע זיצער. עס ווערט מיטאַמאָל ענג, מיט די ערשטע לאָמפן טוט א שלומער ווי א פייערלעכקייט, ווי עס וואָלט זיך געגרייט אַן אַקט פון אויסערגעוויינלעכער דערהויבונג, ווי עפּעס וואָס דאַרף ערשט געשען. פאַר אַלעם קומען די ווייבער. יונגערע, עלטערע און אַלטע. די ווייבער טראָגן אַריין א געמיש פון ריחות און קלימאַטן. געשטאַלטן וואָס האָבן אַמאָל דורכגעשלומערט דורך אייערע יונגע חלומות, זיצן דאָ, נעבן אייך אין דער ענגשאַפט. פון דער ערשטער, וועלכע גאָט האָט באַשאַפן פון אייער ריפּ, ביז די לעצטע — וועלכע איר האָט פאַרלוירן, צוזאַמען מיט אייער יוגנט. די אַלע, וואָס איר האָט אַרויסגעלעזן פון די ביכער, וואָס איר האָט געזען אויף די בילדער פון די אַלטע מייסטער.

די ווייבער פון אַלע וועגן אין דער וועלט, ברענגען אַהער דעם שטאָלץ פון זייער ראַסע די באַזונגענע פון זייערע דיכטער און געמאָלטע דורך זייערע מאָלער. יעדע פון זיי ברענגט אַהער דעם חן און די שיינקייט פון זייער פאָלק און זייער לאַנד. אָבער אַנדערש איז דאָס ווייבערישע פאַריז וואָס פאַרשווינדט, ווערט פאַרטראָגן דורך יונגע, שטאַרקע, און גיריקע אָרעמס, פאַרשווינדט אין דעם גרויסן, לייכטנדיקן און רופנדיקן ראָד פון דער פאַריזער נאַכט.

* * *

מיינע פריינד, די יידישע קינסטלער פונעם מאָנפּאַרנאַס, ציילן זייער פאַרמעגן לויט די יאָרן וואָס זיי זענען אין פאַריז. וואָס לענגער איינער האָט געטרעטן אויף די שטיינער פונעם מאָנפּאַרנאַס און מאָנמאַרטר, אַלץ רייכער פילט ער זיך.

זיי איז גאָרנישט געבליבן פון זייערע אַלטע היימען, פון וואַנען זיי זענען געקומען. ווו זיי זענען געבוירן. פון פּאַריז הייבט זיך אָן זייער לעבן און זיי קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן, עס זאָל זיך ערגעץ אַנדערשוווּ ענדיקן.

זיי באַקלאָגן זיך, עס איז זיי נישט צום האַרצן דאָס היינטיקע נייע פּאַריז. דאָס פּאַריז פון די קינסטלערישע גליקן, פון די פאַנטאַסטישע מיליאָנען, פון די „שאַטאָס", ווו די קינסטלער רוען אויף די רויזן פון זייער גליאַר און רייכטום.

אין פאַרטראָגנקייט, מיט סעקטאַנטישער גלויביקייט, רעדן זיי וועגן דעם אַמאָליקן פּאַריז.

— אַמאָל... אַמאָל... אַמאָל האָט מען... געהונגערט...

און מיט אַ פאַרטראָגענעם שמייכל פון אַ גליקלעכער דערמאָנונג, דערציילט מען זיך די אויסטערלישע געשיכטן פון הונגער און נויט, פון שלאָפן אויף די בענק אין די סקווערן און בולוואַרן. מען דערציילט זיך פון קינסטלער, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער לעבן אין די חורבות־אַטעליעס אָדער אין די שפּיטאָלן פון פּאַריז. מען דערציילט עס מיט שטאָלץ און ווירדע. קיין שום מיליאָנען פון פּיקאַסאָ און אוטרילאָ קאָנען נישט פאַרשטעלן די גליקלעכע וויזיע פון יענעם הונגער.

* * *

— „ס'אַ־וואַ"...

— „ס'אַ־וואַ"...

די באַגריסונג וואָס די פראַנצויזישע שפּראַך האָט געשאַפן פון צוויי זילבן, פאַרמאַכט דאָס מויל פאַר יעדער באַקלאָגונג:

— „ס'אַ־וואַ"...

עס איז גוט... עס גייט...

וויפל קלוגשאַפט, וויפיל ווירדע:

— „ס'אַ־וואַ"...

די קראַנקהאַפטע בלייכקייט פונעם פּנים טוט אַ צאַפּל מיט אַן אָנגעווייטיקטן שמייכל, די קנייטשן פון שווערער זאָרג האָבן זיך איינגעגראָבן אַרום דעם מויל, אַרום די אויגן ווי אַן אַקער־אייזן וואָלט דורכגעגאַנגען און געלאָזן זיינע שפּורן:

— „ס'אַ־וואַ"...

ס'איז גוט...

טויזנטער עוולות און באַקלאָגונגען פאַרהאַלטן זיך, ווערן נישט דערציילט. פאַרשפּילטע אילוזיעס פון יאָרן גייען אַוועק אינעם לויף פון דער פּאַריזער, ריט־

מישער צייט, פּליסן אַפּ ווי די רעשטלעך פאַרב אויף די פּאַליטרעס, אומגוצבאַרע ווי די אויסגעשפּילטע צעטלען פון דער לאָטעריי.

אין די ענגע מויערן פון דעם טויזנטיעריקן פּאַריזער שטיין, אין די קאָרי־דאָרן און לאַבירינטן פון די „מאַנסאַרדעס", אונטער דער זעלטזאַמער ליכט פון די גלעזערנע דעכער, גייען די טעג אין די אַטעליעס.

עס גייט די גרויסע, גורלדיקע שפּיל פון ליכט און שאָטן.

אויף יעדער פּאַליטרע ליגט דאָס צעטל פון דעם גרויסן געווינס.

אויף יעדער אַזאַ ווינקל האָט זיך איינגעמויערט אַ מענטש, און פלעכט מיט זיין פּענזל דאָס פאַרבּיקע געשפּין פון זיין גורל, זוכט די פעדעם, ליכט און שאָטן קומט און פאַרשווינדט, לויכט אויף און פאַרגייט.

דורך דעם גלאָז פון דעם אַלטן דאַך, קוקט אַריין דער שטומער, געהיימניס־פולער גאַסט.

דער גאַסט פון קונסט.

* * *

אין דעם שוואַרצלעך־גראָען און זילבער־ראָזלעכן טיול פון דעם פּאַריזער אָוונט, ציען די קינסטלער ווי שאָטנס צו דער קאַפע. נאָך יאָרן, איז דער וועג אייביק ניי פאַר זיי. דאָס אַלטע פּאַריז איז אָנגעפילט מיט טויזנטער אַנטפּלעקונגען. די קינסטלער זעען אוצרות אין יעדן אַלטן דאַך, אין יעדן מויער מיט פלעקן און קנייטשן, וואָס דערציילן פון פאַרלאָפענע צייטן. יעדער שפּיל פון פאַרב, יעדער שטראַל פון ליכט און שאָטן איז אַן איידל שטיין.

די קינסטלער קלויבן די אוצרות, זייער רייכטום וואַקסט, אַ זון־שטראַל אויף אַן אַלטן שטיין, אַ שוואַרצלעכער זילבער אויף אַ קאַרניז, אַ נעפּלדיק געפלעכט פון אַ טורעם.

זיי קומען אין דער קאַפע, וווּ עס צינדן זיך די לאָמפּן, ווי צו אַ גרויסן יום־טוב.

— „ס'אַ־וואַ"...

— „ס'אַ־וואַ"...

— עס איז גוט... עס גייט...

פּאַריז שפּילט אויף און לויכט מיט אירע אילוזאָרישע פייערן אָן אַ צאָל און אָן אַ ברעג. עס שפּילט און פינקלט דער קאַליידאָסקאָפּ פון ראָסן און קלימאַטן. העגט פלעכטן זיך, גיריקע מיילער טרינקען, פּאַריז וויגט זיך אין פאַרשיכורנדיקן לוסט.

דער קאָפּ איז גרוי, די אויגן זענען שטאַר, און די ליפּן זענען טרוקן:

— „ס'אַ־וואַ“...

דאָס רייכטום פון דער וועלט ליגט נישט אין די גלאַנציקע שיבנדיקע ווי אויף פליגל אויטאָמאָבילן. דאָס גליק פונעם לעבן ליגט נישט אין די זאַפטיקע אָרעמס פון יוגנט. דער רייץ ליגט נישט אין די שפּילנדיקע אויגן פון די פרויען.

דאָס רייכטום, די יוגנט, דער רייץ און גענוס פונעם לעבן ליגט ד אָ ר ט אין די בלאָנדזשענדיקע לאַבירינטן אין די שטויביקע קאַמערן פון די אַטעליעס, אין דער פּאַרב, אויף די פּאַליטרעס.

* * *

עס דרייט און בלענדט די ליכטער פון דער פּאַריזער נאַכט. אין דער קינסטלער־קאַפּע איז גאָרנישט געשען.

עס איז גאָר עמעצער מיר געוואָרן און פאַרשוווּנדן. אַ פאַרשפּעטיקטער קלאָ־שאַר האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם געוואַשענעם און געציירטן פּאַריזער הונט, אויף דעם אויספּריזירטן און געשווירענעם פוּדעל, וואָס באַלעקט זיך נאָך די זיסקייטן וואָס מען דערלאַנגט אים פון אַלע זייטן.

דער קלאַשאַר האָט עפּעס צו דערציילן. זיינע שיכורע הענט גייען אַליין, דער ווייַן קאָכט אין זיין הייזעריקן האַלדז, זיין ברוסט איז נאַקעט, און די צווייטן פון זיין מלבוש הענגען אַראָפּ.

— „ס'אַ־וואַ“...

דער פּראָנצווייזישער ווייַן זינגט אין אים, ער וויל אַריינגעבן אַ גראַציע אין זיינע רויטע בלאָנדזשענדיקע הענט. ער שטעלט אַרויס אַ פוס מיט אַ פּאַרצייטיקן, צופליקטן שוך, און ער זינגט וועגן דער ליבע. דער אייביקער ליבע... פון דער אייביקער שטאָט פּאַריז...

— „ס'אַ־וואַ“...





# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| אלטע ייִדן | 5 |
| די באָבעשי פון פראַגע | 9 |
| דער בלינדער פוליע | 14 |
| מאָניעק און פעסעלע | 18 |
| אליהו און זיין ווייב | 24 |
| אָרעמע מענטשן | 28 |
| ראשקע | 33 |
| די גאָלדשטראָמס | 37 |
| דער חתן | 45 |
| פאַמיליע־גליק | 50 |
| צייטן און דורות | 56 |
| יידישע הויף | 61 |
| א הוילער יונגערמאַן | 67 |
| די מומע הדס | 72 |
| מאַמעס און טעכטער | 83 |
| די מאַמע גייט אַוועק | 86 |
| ביים לויפנדיקן וואַגאָן־פענצטער | 92 |
| סטאַווקע געסל | 96 |
| גאָדל בעקער | 107 |
| די שוואַרצע לאה | 111 |
| מוילעכל קילקע | 115 |
| נאָך א מענטש | 120 |
| די חתונה | 125 |
| דער „חכם“ פון געסל | 130 |
| דער טאַטע | 138 |
| חברים | 143 |
| וועווע | 147 |
| שבת אין געסל | 153 |
| ס'איז פריילעך | 157 |

זאבא . . . . . . . . . . . 162
די מומע דרייזל . . . . . . . 176
פייפקע . . . . . . . . . . 180
חיהלע די זאָגערין . . . . . . . . 184
דאָס בשמים=געוועלב . . . . . . . 188
די ווייסע לאה . . . . . . . . 195
אסתר ליבע . . . . . . . . . 199
די שיינע אַדעלע . . . . . . . . 203
מאַטילדע קומט צוריק . . . . . . . 210
נח'ל „וואַריאַט“ . . . . . . . . 216
רבקהלע . . . . . . . . . . 219
יום=טוב אין געסל . . . . . . . . 227
גוטע באַציונגען . . . . . . . . 231
זאַכן . . . . . . . . . . 235
דער אַלטער שמש . . . . . . . . 240
דערוואַכונג . . . . . . . . . 244
חנה . . . . . . . . . . . 250
דער יידישער גאָרטן . . . . . . . 255
א פאַרטרוקנט בלימל . . . . . . . 260
משהלע פאַגאַניני . . . . . . . . 265
ערב דאַטשע . . . . . . . . . 270
א פענצטער . . . . . . . . . 274
אליין מיט איר . . . . . . . . 277
שידוכים . . . . . . . . . . 282
א טיר מיט א מזוזה . . . . . . . 288
מע פארבעט . . . . . . . . . 292
אַמאָליקע פּאַרע... . . . . . . . . 295
צוליב מיר . . . . . . . . . 298
אמאָל... . . . . . . . . . . 303
געוועזענע רוסן . . . . . . . . 306
א ייד מיט קונסט . . . . . . . . 310
די האַנטשריפט . . . . . . . . 314
ליובעלע . . . . . . . . . . 318
געקומען נאָכפרעגן . . . . . . . 323
די אַלטע לאהלע . . . . . . . . 331
עדושע . . . . . . . . . . 135
דאָס יידישע נאַכט=לעבן . . . . . . . 339
שבת=געסט . . . . . . . . . 344
א שידוך . . . . . . . . . . 348
דער סטאַרשע פעלדשער . . . . . . . 352

ייִדישער שפּיטאָל אויף טשיסטע . . . . . 357
„שפּיטאַלניקעס“ . . . . . . . . 362
„שפּיטאַלניקעס־מיוחסים“ . . . . . . 368
פֿרײלעכע שטאַרבערס . . . . . . . 371
1939 . . . . . . . . . . 376
דאָס לעצטע „פענצטער . . . . . . . 383
דער דײטש קומט . . . . . . . . 388
דאָס רויטע הויז . . . . . . . . 400
דאָס ייִנגל מישקאַ . . . . . . . . 410
א נײַ הויז . . . . . . . . . 447
„סאַ — וואַ“ . . . . . . . . . 452

R01268 53278

KT
130